STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06560

# FUN DER VAYSL BIZN TAYKH KIZL-SU

Kalman Goldvaser

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ק ל מ ן   ג אָ ל ד וו אַ ס ע ר

# פון דער ווייסל ביזן טייך קיזל-סו

אונזערע טייערע חברים
און פריינט
שרהלע און ראובן
באָמגאַרטן
און זייער בוך
מיט האַרציקסטע
ווינטשן פאַר אַ גוט געזונט
גליק און פרייד.
אייערע חבר און
קלמן גאָלדוואַסער
פּאַריז דעם 15-IV-72

קלמן גאָלדוואסער / פון דער ווייסל ביזן טייך קיזל־סו

**K. GOLDWASER**

**Fun der Waïssl**
**bizn taich Kizl-Sou**

(De la Vistule au fleuve Kizl-Sou)

© by M. K. GOLDWASER

Printed in France

Imprimerie Abexpress - 72, rue du Château-d'Eau - Paris (10e)

קלמן גאָלדוואסער

# פון דער ווייסל ביזן טייך קיזיל־סו

איבערלעבונגען בעת די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה

תשל״ב פאריז 1972

געהייליקט דעם אָנדענק פון אונדזערע עלטערן רבקה און שלמה גאָלדוואַסער און זייערע זין: יעקב-קאַפּל מיט זיין פרוי חיהלע און זייער זון הערשעלע; פּיניע מיט זיין פרוי טאָבע; שיִע און יצחק-לייב;

משה-ישראל און פּעשע לעווין און זייערע זין: בן־ציון, אשר, מיט זיין פרוי באַשע און זייערע קינדער שלמה לייזער, אסתרל און חנהלע, און אַלע אַנדערע משפּחה-מיטגלידער וואָס האָבן געטיילט דעם גורל פון די זעקס מיליאָן קדושים. זאָלן די פּאָר ווערטער זיין ווי אַ מצבה אויף זייערע אומבאַקאַנטע קברים.

# פאָרוואָרט

מיינע איבערלעבונגען אין די סאָוויעטישע לאַגערן בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה האָבן מיך יאָרן-לאַנג נישט צורו געלאָזט און געמאָנט ביי מיר, אַז איך זאָל זיי געבן אַ תיקון, זיי אַרויסברענגען בכתב פאַרן ייִדישע לייענער. איך האָב אויך געזען פאַר זיך שטענדיק מיינע אחים לצרה, וועלכע האָבן מיטגעשקלאַפט מיט מיר הינטער די שטעכלדראָטן און זיי האָבן געמאָנט פון מיר דאָס צו פאַרצייכענען.

אין דער צייט ווען איך בין נאָך געווען אין לאַגער האָט, נאַטירלעך, נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן פאַרשרייבן, גאַנץ פשוט דערפאַר ווייל עס איז אפילו נישט געווען מיט וואָס און אויף וואָס צו פאַרשרייבן און בכלל האָבן די לאַגער-באַדינגונגען דאָס לחלוטין נישט דערלויבט.

אין יאָר 1946 האָב איך מיט דער רעפּאַטריאַציע פון סאָוויעט-רוסלאַנד זיך אומגעקערט קיין פּוילן. דאָס לאַנד איז געלעגן אין חורבות, דאָס ייִדישע לעבן איז געווען פאַרניכטעט. דאָך האָבן פּאָליאַקן נישט געקאָנט זיך שענקען וואָס אַ קליין הייפל ייִדן איז נאָך געבליבן לעבן. באַלד איז געקומען דער בלוטיקער פּאָגראָם אין קעלץ, וואָס האָט אויסגעלאָשן דאָס לעבן פון קרוב צו פערציק ייִדן, ניצול-געוואָרענע פון דער נאַצישער פאַרטיליקונג, און דערמיט האָט זיך אויך פאַרלאָשן יעדע האָפענונג וועגן צוריק אויפבויען אַ ייִדיש לעבן אויף דער פאַרבלוטיקטער פּוילישער ערד.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ בהלהדיק לויפן פון פּוילן. עס האָט לאַנג נישט געדויערט איז פון אַ פערטל מיליאָן ייִדן, וואָס זענען צוריקגעקומען פון ראַטנפאַרבאַנד, ווי אויך אָפּגעראַטעוועטע פון די באַהעלטענישן און פון די אויסראָטונגס-לאַגערן, געבליבן בלויז עטלעכע צענדליק טויזנט ייִדן.

זייענדיק נאָך אין סאָוויעט-רוסלאַנד האָב איך אין די זעלטענע פרייע שעהען אָנגעהויבן צו דערציילן פאַר מיין פרוי עפּיזאָדן פון מיין לאַגער-לעבן. שפּעטער האָב איך דאָס געטאָן שוין זייענדיק אין לאָדזש און נאָך שפּעטער אין פּאַריז. מיין פרוי ווי אַ דערפאַרענע פּעדאַגאָגין האָט גלייך באַנומען אַז אַלץ וואָס איך דערצייל איר דאַרף פאַרשריבן ווערן פאַר דער ייִדישער מאַרטירער-געשיכטע. און זי האָט פאַרלאַנגט פון מיר אַז איך זאָל נעמען אויף מיר אָט דעם הייליקן חוב. איך בין אָבער קיינמאָל קיין שרייבער נישט געווען און איך האָב נישט געוווּסט ווי אַזוי מען טרעט צו צום ענין. דאָ האָב איך אַ סך צו פאַרדאַנקען מיין פרוי, וועלכע האָט מיך געשטאַרקט און געמוטיקט, אַז איך זאָל אָנהייבן שרייבן. איר ענטפער איז געווען: „שרייב אַזוי ווי דו האָסט דערציילט, גיב גאָרנישט צו און נעם גאָרנישט אַראָפּ". און איך האָב אָנגעהויבן.

מיין פרוי האָט מיך נישט בלויז אָנגערעגט צו שרייבן, נאָר זי האָט מיך אויך דערמוטיקט אוועקצושיקן די ערשטע אָנגעשריבענע קאַפּיטלען אין די רעדאַקציעס פון יידישע צייטונגען און צייטשריפטן. אין יאָר 1955 האָט די „פרייע אַרבעטער־שטימע" פאַרעפנטלעכט מיינע ערשטע באַשרייבונגען וועגן די סאָוויעטישע לאַגערן. נאָך דעם זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן קאַפּיטלען אין אַנדערע יידישע אויסגאַבעס אין דער וועלט, ווי די פּאַריזער „אונזער שטימע" און „דאָס פרייע וואָרט" פון בוענאָס־איירעס. די דאָזיקע אויסגאַבע, אונטער דער רעדאַקציע פון יונה גאַראַדיסקי האָט ברייט געעפנט אירע זייטן פאַר מיינע באַשרייבונגען. נישט געווען כמעט קיין נומער ווו עס זאָל זיך נישט האָבן געדרוקט מיינס אַ לאַגער־קאַפּיטל. פון דאָרט זענען מיינע קאַפּיטלען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען איבער דער יידישער וועלט, ווו זיי זענען איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַנדערע אויסגאַבעס. געגוג אָנצורופן „דרום־אַפריקע" און דאָס „סידנעיער יידיש־אינגדזל", אונטער דער רעדאַקציע פון מ. אַלעקסאַנדער (אויסטראַליע), וואָס האָט פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע צאָל קאַפּיטלען.

עס האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען אָפּרופן פון לייענער און אויך פון שרייבער, וועלכע האָבן מיך געראָטן אַרויסצוגעבן מיינע פאַרצייכענונגען און שילדערונגען פון די סאָוויעטישע לאַגערן אין אַ בוך. דאָס איז אָבער געווען פאַרבונדן מיט גרויסע פינאַנציעלע הוצאות. און אויך דאָ האָבן זיך מיינע פריינט אין פאַרשידענע לענדער, וואָרעם אָפּגערופן און אַזוי אַרום האָט געקאָנט רעאַליזירט ווערן דער געדאַנק וועגן אַרויסגעבן מיינע באַשרייבונגען אין אַ בוך. די אַלע, וואָס האָבן דאָס דערמעגלעכט, וויל איך דאָ אויסדריקן מיין דאַנק.

גאָר אַ סך האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין טייערער לעבנס־באַגלייטערין חיה (פון דער היים לעווין), וועלכע האָט מיך נישט בלויז דערמוטיקט צו שרייבן, נאָר האָט מיר אויך געהאָלפן מיט ראָט און טאָט, ביים שרייבן, איבערשרייבן און רעדאַגירן. מיין פרוי האָט מיטגעמאַכט מיט מיר צוזאַמען אַ גרויסן טייל פון מיין שווערן לעבנס־וועג אין סאָוויעטישן מיטל־אַזיע און צוויי קאַפּיטלען פון אירע זכרונות פון יענער צייט קומען אַריין אין דעם בוך.

מיר ווילן אויף דעם אָרט אויסדריקן אַ האַרציקן דאַנק אַלע אונדזערע חברים און פריינט, וואָס האָבן געהאָלפן אַרויסגעבן אונדזער בוך, מאַטעריעל און מאָראַליש, אין דער ערשטער ריי די חברים זלמן וואַילאַנד און יוסף גאָטאיינער פון ניו־יאָרק, רבקה לעווין פּערקאַל, שמחה ענגעלסבערג פון מאָנטרעאַל. שמואל ריכטער און אברהם וואָווער פון מעלבורן, און אַלע די, וואָס האָבן בייגעשטייערט און מיר קענען אפילו נישט זייערע נעמען. זיי אַלע אונדזער האַרציקן דאַנק.

חיה און קלמן גאָלדוואַסער

## אין די ערשטע סעפטעמבער-טעג 1939 אין ווארשע

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ זוניק־שיינער און אָן אומרויִקער, נישט ענלעך צו די פריערדיקע טעג, וואָס זענען שוין אויך געווען אָנגעלאָדן מיט אומרויִקייט. נאָך מער אָבער זענען פול געווען די נעכט מיט אומרו. ווארשע איז מיטאַמאָל געוואָרן אויפגעוועקט פון אַ מוראדיקער אַעראָפּלאַנען־באָמבאַרדירונג וואָס האָט איבערגעשטיגן אַלע ביז איצטיקע באָמבאַרדירונגען, וועלכע האָבן מיט איבעררייסן שוין אַזוי אָנגעהאַלטן כמעט דעם גאַנצן טאָג.

דאָס איז געווען דעם 6־טן סעפּטעמבער, ד״ה דעם זעקסטן טאָג פון מלחמה־אויסברוך. אַ מוראדיקע פּאַניק איז אויסגעבראָכן. פון אַלע שטאָקן זענען כמעט ווי משוגעים געלאָפן אין זייערע נאַכט־קליידער מענער, פרויען, מאַמעס מיט זייערע עופעלעך אויף די הענט; זקנים און יונגע — אַלע זענען זיי געלאָפן צו די קעלערס, ווו די פענצטער זענען שוין פון פריער געווען פאַרלייגט מיט זעק זאַמד. מ׳איז געלאָפן גלויבנדיק אַז דער קעלער איז אַ גענוגנדיקער שוץ קעגן די דייטשע באָמבעס. אָן אַ צאָל מענטשן זענען אין דעם טאָג באַגראָבן געוואָרן אונטער די חורבות פון די איינגעפאַלענע הייזער, און אין דער זעלבער נאַכט פאַר דער דאָזיקער באָמבאַרדירונג האָט דער וואַרשעווער שטאָט־פּרעזידענט סטאַזשינסקי געמאָלדן אין ראַדיאָ, אַז אַלע מענער וואָס זענען בכוח צו טראָגן געווער, זאָלן פאַרלאָזן ווארשע און גיין אין דער ריכטונג פון מזרח.

פונקט מיט אַ וואָך צוריק האָבן מיר געהאַט די לעצטע פון די דריי מלחמה־לעקציעס, וואָס דער פאַרוואַלטער פון אונדזער הויז, פּאַן שומאַנסקי, האָט געגעבן זיינע לאָקאַטאָרן און זיי אינסטרואירט ווי אַזוי זיך אויפצופירן בעת אַ באָמבאַרדירונג; געגעבן אָנווייזונגען ווי צו לעשן אַ ברענענדיק הויז, ווען עס וועט פאַלן דערויף אַ געוויינלעכע באָמבע, אַ ״יאַיקאָווע״ (אין דער פאָרעם פון אַן איי), אַ צינד־באָמבע און אַנדערע באָמבעס.

דאָ טאַקע, אויף דער דאָזיקער לעקציע, זענען שוין אויך אויסגע־

קליבן געוואָרן פאַרשידענע קאָמיסיעס, ווי: סאַניטאַרע, באַשפּייזונגס־און רעטונגס־קאָמיסיעס, ווי אויך פייערלעשער־קאָמאַנדאָס. אַלס קאָמענדאַנט פון הויז איז אויסגעוויילט געוואָרן ער אַליין, פאַן שומאַנסקי, וואָס וועגן אים האָט מען אין דער שטיל אונטערגעמורמלט, אַז ער איז אַ „פאָלקס־דויטש"... און אין די ערשטע זעקס מלחמה־טעג האָט ער זיך קיין אײנ־ציק מאָל נישט באַוויזן אין הויז, וואָס דאָס איז געווען גענוג אויפפאַלנדיק פאַר די לאָקאַטאָרן...

מיין שכן פון אַ טיר ביי אַ טיר, זילבערמינץ, אַ פאַרמעגלעכער ייִד, איז געוואָרן זיין שטעלפאַרטרעטער, און זיין איינציק טעכטערל, די זעכצן־יאָריקע האַנקאַ, אַ פּרעכטיק ייִדיש קינד, איז געוואָרן די באַ־רעמהאַרציקע שוועסטער. זי האָט זיך אַזוי איבערגענומען מיט איר נייעם באַרוף, אַז שוין צו דער לעצטער לעקציע איז זי געקומען אין אירע „בגדי מלכות", אין אַ ווייסן כאַלאַט מיט אַ גרויסן רויטן קרייץ אויף איר לינקן אָרעם, אין אַ ווייסן טשעפּיק אויפן שייִנעם קעפל, אַ מילי־טערישן טורניסטער מיטן רויטן קרייץ ביי דער זייט. — „זאָלן זיי נאָר קומען". — איז דאָס קינד געווען איין שטיק התפעלות. הכלל, מיר זענען שוין געווען „גרייט" צו דער מלחמה...

די פייערלעשער ווידער, צו וועלכע אויך איך האָב געהערט, האָבן ביים ערשטן סיגנאַל פון באַוויזן זיך פון אַעראָפּלאַנען געדאַרפט לויפן מיטן העקל אין דער האַנט ביזן לעצטן שטאָק און זיין גרייט אין פאַל פון אַ באָמבאַרדירונג. זענען טאַקע די איינציקע, וואָס האָבן געטריי אָפּ־געהיט זייערע „פּאָסטנס", געווען דאָס ביסל ייִדישע לאָקאַטאָרן, וואָס אין זייערע הענט איז געווען, אין פאַל פון אַ שרפה, די אויפגאַבע צו לעשן דאָס פייער.

געענדערט האָט זיך דאָס אין טראַגישן זעקסטן טאָג פון דער מל־חמה. בעת אַזאַ מערדערלעכער באָמבאַרדירונג, ווען איך בין, ווי גע־ווינלעך, מיט דער האָק אין דער האַנט, געלאָפן אַרויף אויפן זעקסטן שטאָק, אונטערן דאַך, כדי אָפּצוהיטן דאָס הויז פון אַ שרפה, האָבן די שכנים פון די העכערע שטאָקן, לויפנדיק צו די קעלערס, צו מיר אַ געשריי געטאָן: „משוגענער, ווו לויפסטו? גיך אַראָפּ אין קעלער אַריין, לויף!"

דאָ אויפן דריטן שטאָק, האָט מיין קאַריערע פון אַ פייערלעשער זיך געענדיקט. מער בין איך אַרויף צום בוידעם שוין נישט געלאָפן — נישט צום בוידעם און אויך נישט אין קעלער. ווען עס האָט אין יענעם פרימאָרגן די באָמבאַרדירונג זיך אַ ביסל איינגעשטילט און ווען איך האָב, ווי די טויב פון נחס תיבה, אַ קוק געטאָן אַרויס אויף דער גאַס, איז מיר געווען אויפפאַלנדיק אַ פאַרדעכטיקע שטילקייט — אויף דער

גאַס האָט מען כמעט קיינעם נישט געזען. ווו זענען אַהינגעקומען די מענטשן? און פאַרוואָס זעט מען נישט קיין צייטונגען, נישט קיין פּוילישע און נישט קיין ייִדישע?

אין שכנות מיט מיר, טשעפּלע נומער 28 איז געווען אַ שטייער־אַמט. האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז איך וועל דאָרט געבן אַ קוק און פרעגן, וועל איך זיך מסתמא עפּעס דערוויסן. איך קלאַפּ אָן — קיינער ענטפערט נישט. איך גיב אַ שפּאַר אין אַ טיר — זי עפנט זיך פאַר מיר ברייט, גלייך ווי איך וואָלט געקומען באַצאָלן מי יודע וואָס פאַר אַ גרויסע שטייערן. איך גיי אַריין אינעווייניק — קיין לעבעדיק נפש האָט זיך דאָרט שוין נישט געפונען.

איך בין פון דאָרט שנעל אַרויס, וואָרעם איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז די שטייער־באַאַמטע (צום גרעסטן טייל פרויען — די מענער זענען שוין געווען אויפן „פראָנט") האָבן נישט באַוויזן זיך צוצוגרייטן. דערפאַר אָבער האָט זיך געפונען, אַקוראַט אַנטקעגן איבערן פינאַנץ־אַמט, אויף דער צווייטער זייט גאַס, די רייטער־פּאָליציי. ווער געדענקט נישט די „העלדישקייטן", וואָס די דאָזיקע רויט־קאָלנערדיקע טיוּולאָגים אין שטאָלענע העלמען האָבן נישט איין מאָל באַוויזן מיט זייערע בלאַנקע שווערדן זייער העלדישקייט איבער ייִדישע קעפּ? מוזן זיי דאָך געוויס זיין גרייט אַנטקעגנצוגיין דעם שונא... גיי איך גאַנץ פאַרזיכטיק, מיט פחד אין האַרצן, צו זייער קאַזאַרמע און וויל ביי זיי פרעגן, צי איך זאָל ווייטער, ווי ביז איצט, אָפּהיטן מיין פייערלעשער־פּאָסטן. זענען זיי דאָך אויך מיינע שכנים, טראַכט איך מיר, וועלן זיי מיר דעריבער געוויס וועלן עפּעס זאָגן. קיינער ענטפערט אָבער דאָ אויך נישט אויף מיין קלאַפּן. נעם איך זיך אָן מיט מוט און עפן שוין אַליין דעם קאַזאַרמע־טויער — דערזע איך ערשט, אַז אויך דאָ איז קיין לעבעדיק נפש נישטאָ.

איך לאָז זיך איצט אַוועק נעענטער צו דער ייִדישער געגנט, און אויפן וועג טראַכט איך וועגן דער שפּאַגל־נייער, ווי ספּעציעל פאַר ייִדן אָנגעמאָסטענער צרה... צו די באָמבאַרדירונגען זענען מיר פאַר די עטלעכע מלחמה־טעג שוין געוואָרן צוגעוווינט, אַז יעדע פאַר מינוט דאַרף מען לויפן זיך באַהאַלטן. צי עס העלפט אָדער נישט — אָבער באַהאַלטן דאַרף מען זיך... אָבער פאַר דער צרה וואָס איז גאָרנישט פאָרויסגעזען אין דער מלחמה־סטראַטעגיע, קאָנט איר זיך נישט אויסבאַהאַלטן. די דאָזיקע צרה איז באַשטאַנען אין דעם וואָס עס קומט אַריין אין אַ ייִדיש קרעמל אַ פּוילישע פרוי אָדער אַ מאַן, כלומרשט עפּעס קויפן, און דאָ ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז גאָר אַ דייטשער שפּיאָן. מיט אָט די שפּיאָנען האָט עס געוואָרעמט אין אַלע ווינקעלעך פון דער שטאָט. מען קומט אַריין און מען פאַרלאַנגט עפּעס: אַ ברייטל, אַ

האַלבן קילאָ צוקער אָדער זאַלץ און דערביי „געפּעלט" נישט דער פּרייז און מען גייט אַוועק. אָבער אין אַ פּאָר מינוט אַרום קומט מען צוריק מיט אַן אמתן אָדער פאַלשן פּאָליציאַנט... קודם־כּל ווערט אויסגערויבט דאָס רעשט ביסל סחורה פון קראָם, דערנאָך ערשט, אויב די קרעמער האָבן נישט געהאַט געצוג שׂכל זיך אויסצוקויפן אויפן אָרט, ווערט דער ייִדישער אייגנטימער פון דער קראָם אַרויסגעיאָגט, טיר און פענצטער ווערן פאַרקלאַפּט מיט ברעטער און עס ווערט אויפגעקלעפּט אַ ריזיקע אויפשריפט: „די ייִדן האָבן געפּאַסקעוועט (ד"ה אויפגעשרויפט די פּרייזן), זענען זיי געפּאָרן קיין קאַרטוז־בערעזע". פאַרשטעלן הייסט דעם טרויעריק־באַרימטן לאַגער קאַרטוז־בערעזע, וואָס איז נאָך אויפגעשטעלט געוואָרן דורכן סאַנאַציע־רעזשים, מיין איך, איז דאָ נישט נייטיק.

די דאָזיקע „קונים" זענען דאָס טאַקע געווען די ערשטע פּוילישע „שמאַלצאָווניקעס". אוודאי האָבן זיי זיך אין די שפּעטערדיקע היטלער־יאָרן פּערפעקציאָנירט און זענען דערגאַנגען ביז צו ווערן די שענדלעכ־סטע פּאַראַזיטן וואָס האָבן זיך איינגעפּרעסן אינעם אויסגעפּייניקטן ייִדישן גוף; אָבער שוין דעמאָלט, אין די ערשטע מלחמה־טעג האָבן ייִדן געהאַט פון זיי אויסצושטיין ביטערע צרות, וואָס נישט איין מאָל האָט עס זיך געענדיקט טראַגיש.

גייענדיק אַזוי, קום איך צו ביז לעשנאָ נומען 9. דאָ איז אַ פּאָסט־אַמט וואָס איז מיר גוט באַקאַנט. מען דאַרף בלויז אַרויפגיין אַ צוויי־דריי טרעפּלעך. נישט ווייט פון דאַנען, לעשנאָ נומער 1, איז דאָס ייִדישע טעאַטער „צענטראַל". אין די בעסטע צייטן האָט דאָס טעאַטער אַזוי פּרי נישט געשפּילט, בפרט איצטער. הייסט עס: פון דאָרט האָב איך קיין תשובה נישט צו דערוואַרטן. אין פּאָסטאַמט אָבער וועל איך קויפן אַ פּאָר מאַרקעס און אין איין וועגס זיך שוין אַלץ דערוויסן... אָבער ווי אַזוי קויפן מאַרקעס אַז קיין לעבעדיק נפש איז אויך דאָ נישטאָ? אויפן טיש זע איך ליגן אָנגעוואַלגערט אַן אַ שיער ביכער, שטויסן פּאַ־פּירן, מאַרקעס און אויך געלט. איך בין פון דאַנען אַרויסגעלאָפן ווי געיאָגט פון אַ שׂרפה...

איך בין ווידער אויף דער כמעט ליידיקער גאַס. וווהין צו גיין זיך עפּעס דערוויסן, ווייס איך נישט. נישט ווייט אָבער פון דאַנען, לעש־נאָ נומער 13, געפינט זיך אפילו די גראָסער־ביבליאָטעק, אָבער וועמען פון די ביבליאָטעק־טוערס, משהלע סופיט צי הערמאַן קרוק, וועט דאָס איצט ליגן אין זינען צו גיין אַרבעטן, בפרט, אַז זייער אַרבעטס־צייט איז דאָך אין די אָוונט־שעהען? אַז איך בין שוין אָבער פאַר דער ביב־ליאָטעק — איז ווי האָט מען דאָס אַ האַרץ נישט אַנצורירן כאָטש די קליאַמקע פונעם קדשי־קדשים פון די וואַרשעווער ייִדישע אַרבעטער?

און אפשר, ווער ווייסט, צי איך שטיי שוין נישט צום לעצטן מאָל ביי דער דאָזיקער הייליקער טיר?

אָבער גראָד איצטער, אין דער דאָזיקער פרימאָרגן־שעה, ברענט די אַרבעט בפועל ממש אונטער די הענט. דאָ, אונטערן פלאַמיקן בליק פון בראָניסלאַוו גראַסערס אַדלער־אויגן, וואָס קוקן אַראָפּ פון זיין בילד, האָבן די איבערגעגעבענע טוער פון דער ביבליאָטעק דורכגעקוקט און איבערגעקוקט יעדעס בוך, יעדעס בלעטל, יעדע שמה, און טויזנט מאָל באַטראַכט וואָס צו טאָן מיט דעם, ווי אַזוי דאָס אויסצובאַהאַלטן, ביז וועלט וועט ווידער זיין וועלט און יידישע אַרבעטס־מענטשן פון וואַרשע און אויך פון גאַנצן לאַנד וועלן ווידער ציען אַהער, צו דעם מקום קדוש, לייענען און לערנען פון יידישע ביכער. איצט אָבער, מיין איך, איז גלייכער צו לאָזן די חברים טאָן זייער הייליקע אַרבעט און זיי נישט שטערן מיט קיין איבעריקע פראַגן. מיר האָבן האַרציק זיך געזעגנט און געווונטשן זיך צו טרעפן אין בעסערע צייטן.

פון דאָרט בין איך אַוועק אויף נאַוואָליפּיע נומער 7 צו דער רע־דאַקציע פון דער „פאָלקס־צייטונג", צו דער צייטונג פון מעדעם, מי־כאַלעוויטש, כמורנער, ערליך און אַלטער. צו דער צייטונג פון די יידישע אַרבעטער־ און פאָלקס־מאַסן. אויפן וועג האָב איך געטראָפן דעם חבר שייקע שוכאַטאָוו, וועלכער איז פאַר די לעצטע יאָרן געווען אַ לערער און טוער פון ציש"אָ. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איצט איז אין רעדאַק־ציע שוין קיינער נישטאָ (כאָטש שפּעטער איז די „פאָלקס־צייטונג" נאָך אַרויס גאַנצע צען טעג) און האָט מיר אָנגעוויזן אַן אָרט אין פּראַגע, וווּ ס'זאַמלען זיך חברים, איך טאָר אָבער באַין אופן נישט פאַרלירן קיין צייט.

איך בין נאָך אַריין צו מיין יינגערן ברודער קאָפּל, וואָס האָט גע־וווינט פּונקט אַנטקעגן דער רעדאַקציע, נאַוואָליפּיע נומער 6. עפשר וועט ער אויך מיט זיין פרוי און קינד זיך לאָזן אין וועג אַריין. ווי שטענדיק, האָט אויך איצט מיך אויפגענומען זיין צוויי־יאָריק יינגעלע הערשעלע מיט לאַכנדיקע ליכטיקע אייגעלעך, באַוועגט מיט די פיסלעך און גע־פּאַטשט מיט די הענטעלעך. נאָך דעם ווי איך האָב פאַרגעלייגט מיין ברודער צו לאָזן זיך מיט מיר אין וועג, האָט ער מיר געזאָגט אַז ער קאָן דאָס נישט טאָן מחמת זיין פרוי האָט ביי זיך אַ מומע און מען קאָן זי נישט איבערלאָזן אַליין.

בין איך דאָן אַוועק צו מיינעם נאָך אַ יינגערן ברודער, פּיניע; אפשר וועט ער און זיין פרוי, וועלכע איז געווען אונדזערע אַ לייבלעכע קוזינ־קע, מיט מיר זיך לאָזן אין וועג אַריין. אָבער אויך זיי זענען, ליידער. נישט געווען גרייט צו גיין מיט מיר. אפשר אין אַ טאָג צוויי אַרום יאָ,

אַבער איצט קאָנען זיי נישט. מיין טייערע קוזינקע טאַבטשע האָט פאַר מיר אויסגעקאָכט דאָס איינציקע איי וואָס האָט זיך געפונען ביי זיי און מיר צוגעגעבן אַ שטיקל ברויט אויף צידה־לדרך. איך האָב זיך מיט זיי געזעגנט, געזען זיי צום לעצטן מאָל און בין אַוועק אויף מיין אומבאַקאַנטן וועג.

דער וועג אויף פּראַגע האָט געפירט איבער דער קערבעדזש־בריק. איך האָב נאָך נישט באַוויזן זי אַריבערצוגיין, ווי אַ נייער מערדערישער אַנפאַל פון די דייטשע עראָפּלאַנען האָט זיך אָנגעהויבן און מיט אַלע כוחות האָבן זיי זיך באַמיט אויפצורייסן די בריק. מיט איבערמענטש־לעכער מאַטערניש האָב איך באַוויזן דורכצוגיין די בריק און ס'איז מיר קוים געלונגען אַריינצובאַקומען זיך אינעם וואַקזאַל פון די דאַמפּערס אויף דער ווייסל. די געביידע מיט די מענטשן צוזאַמען האָט זיך געוויגט ווי אַ קינדער־וויגעלע אַהין און צוריק, אַהין און צוריק. די געשרייען און הארצרייסנדיקע געוויינען פון פרויען, מענער און קינדער האָבן געקאָנט שפּאַלטן הימלען. עס האָבן זיך געהערט תּפילות אויף פאַרשי־דענע לשונות. קאַטאָליקן האָבן געפּרעפּלט: „יעזוס קאָכאַני", ייִדן האָבן געדופן: „שמע ישראל" און אפילו אַ „האָספּאָדי פּאָמילו" האָט זיך דאָ געהערט.

אַז די באָמבאַרדירונג האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט, בין איך אין איילעניש פון דאַנען אַוועק צום אָרט וואָס עס האָט מיר געהאַט אָנ־געוויזן דעם חבר שוכאַטאָוו, און דאָרט האָב איך שוין געטראָפן טויזנטער ייִדן. איז עס פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז צוזאַמען מיט אַ גרויסן טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג מוז איך אויך פאַרלאָזן וואַרשע; וואַר־שע, וואָס איז אין משך פון קרוב דרייסיק יאָר געווען מיין היים, ווו כ'האָב זיך דערצויגן און בין געוועהן אַן אַרבעטער, ווו איך האָב בכבוד געלעבט פון מיין אַרבעט, געקעמפט צוזאַמען מיט אַלע באַוווסטזיניקע ייִדישע אַרבעטער פאַר סאָציאַליזם, פאַר אַ שענער ייִדיש לעבן. און פון דעם וואַרשע מוז איך איצט אַנטלויפן און אָנהייבן אַ לעבן פון נע־ונד און הפקר און לאָזן זיך טראָגן פונעם שטראָם אויף אומבאַקאַנטע וועגן.

# אין נע-ונד

ווען איך בין ענדלעך אין פאַרנאַכט פון 7־טן סעפּטעמבער, נאָך אַלע איבערלעבונגען פון די באָמבאַרדירונגען וואָס האָבן אָנגעהאַלטן כמעט אַ גאַנצן טאָג, אָנגעקומען דורך פּראַגע קיין גראָכאָוו זענען שוין דאָרט געווען טויזנטער ייִדן. זיי האָבן געמוזט אַנטלויפן פון זייערע היימען, איבערלאָזן אויף הפקר זייער ביסל האָב און גוטס, וואָס זיי האָבן געהאַט דערוואָרבן מיט זייער בלוט און שווייס אין משך פון לאַנגע יאָרן שווערער אַרבעט און זיי האָבן איצטער געדאַרפט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן און זיך לאָזן אויפן וועג פון נע־ונד.

דאָס איז געווען אַן אויסטערליש און דערשיטערנדיק בילד. אוודאי איז מיר שוין אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויסגעקומען צו זען ווי עס וואַנדערן גאַנצע פעלקער, אָבער עס איז פאָרט נישט געווען דאָס וואָס איך האָב איצטער געזען. טויזנטער מענטשן, מענער און פרויען, טאַטעס און מאַמעס מיט זייערע קליינע קינדער אויף די הענט האָבן געצויגן אין בהלה. אין איין האַנט אַ קינד און אַ קלומיקל אין דער צווייטער — און אַזוי האָט מען זיך געשלעפּט אין דער פינצטערער נאַכט. וווּהין אָבער גייט מען? צי זאָל מען זיך פאַרנעמען אויף רעכטס, אָדער אויף לינקס, צי פאָרויס? אָדער אפשר זאָל מען גאָר גיין צוריק?

די לעצטע פראַגע האָט כסדר געמאַטערט און געלייגט זיך שווער אויפן געמיט. דאָס איז געווען אַ קאַמף מיט זיך אַליין בעת עס האָבן אָן אויפהער געעקבערט ספיקות, אַז אפשר האָט מען זיך גאַרנישט געדאַרפט רירן פון אָרט און פאַרלאָזן די היים. און אויב איז מען שוין יאָ אַוועק, דאַרף מען זיך אפשר תיכף אומקערן, אומקערן זיך צוריק צו משפחה, צו ווייב און קינדער, וואָס מען האָט זיי דאָרט איבערגעלאָזט ווער ווייסט אויף וואָס פאַר אַ גורל... אָט דער דאַזיקער ויתרוצצו, וואָס איז פאַרגעקומען אין יעדן ייִד, וואָס איך האָב געטראָפן אין גראָכאָוו, האָט אויך מיך נישט אויסגעמיטן.

פאַרלאָזנדיק וואַרשע, בין איך געווען פול מיט זאָרג וועגן מיינע ברידער וואָס האָבן נישט געקאָנט צוליב פאַרשידענע סיבות זיך לאָזן אין וועג אַריין. דער ערשטער פון זיי, קאָפּל, ווייל ער האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן זיין פרויס אַ מומע, וואָס האָט זיך געפונען ביי זיי, ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט; דער צווייטער ברודער, שיע, איז נישט אַוועק ווייל ער האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן אַליין קאָפּלען, און דער דריטער ברודער, פּיניע, מיט זיין פרוי — ווייל זיי האָבן געוואָלט פריער זיך פאַרשאַפן

אַ ביסל געלט בכדי נישט צו לאָזן זיך אין וועג אַריין מיט ליידיקע הענט. אַלע זענען שפּעטער אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים.

אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן האָב איך צווישן גרויסן עולם פּליטים פּלוצלינג דערזען מיין חבר שניידערמאַן, אַ לאַנג־יאָריקער טוער פון יוגנט־בונד „צוקונפט" ביים וואַרשעווער באַקלייד־פאַראיין, און אויך מיין אַלטן גוטן חבר און פריינט ישראלקע האָפּמאַן, אַ פּאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון באַקלייד־פאַראיין. מיר האָבן זיך דערפרייט וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט און די גאַנצע צייט זיך געהאַלטן צוזאַמען, אויך דעמאָלט, ווען דער מאַרש האָט זיך אָנגעהויבן אין דער פינצטערער נאַכט. מיר האָבן געדאַרפט פאַרלאָזן דאָס אָרט, אָבער וווּהין צו גיין, אייגנטלעך, האָט קיינער פון אונדז נישט געוווּסט.

אין דער פינצטערניש האָבן פּלוצלינג זיך געגומען הערן קינדע־רישע קולעכלעך. די קינדער האָבן מורא געהאַט פאַר דעם שלעפּן זיך אין דער נאַכט. טייל האָבן געוויינט, געבעטן ביי די מאַמעס, אַז זיי ווילן שלאָפן. און דאָס איז געווען ערשט ביים אָנהייב; די אמתע בהלה האָט זיך אָנגעהויבן שפּעטער. עלטערן האָבן פאַרלוירן זייערע קינדער און קינדער — זייערע טאַטע־מאַמע און די געוויינען סיי פון די קינדער און סיי פון די עלטערן זענען געגאַנגען עד לב מן השמים.

מיטאַמאָל האָב איך דערהערט אַ באַקאַנט קול. כ'האָב זיך דער־נענטערט און דערזען די חברים ר. און י. ש. ה. און זייערע קינדער. אַלץ באַקאַנטע ליבע פּנימער. ווי לאַנג איז עס דען אַז די קינדער האָבן געהאַט אַ היים און זיי זענען שוין אין אַט דער שעה געשלאָפן מיט זיי־ער רויִקן קינדערישן שלאָף? איצטער שלאָפט איין קינד ביים טאַטן אויף די הענט און דאָס צווייטע ביי דער מאַמען און דאָס דריטע בעט זיך רחמים, אַז עס האָט מער נישט קיין כוח צו גיין... איך האָב נישט געקאָנט אויסהאַלטן דאָס קינדערישע געוויין און אָוועקגעוואָרפן דאָס ביסל זאַכן, וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך און האָב גענומען אויף די הענט דאָס וויינענדיקע קינד, וואָס האָט שוין נישט געקאָנט גיין. ווי לאַנג האָב איך אַזוי געטראָגן דאָס קינד? אפשר אַן אייביקייט. מען גייט און מען גייט. דער וועג איז אומזיכער. וואָס ווייטער ווערט אַלץ שווע־רער. פּלוצלינג איז געשען עפּעס אַזוינס וואָס נאָר אין צושטאַנד פון משוגעת קאָן עס טרעפן: צוליב דעם וואָס דער עולם איז שוין געווען שטאַרק פאַרמאַטערט האָט מען גענומען אַראָפּוואַרפן פון זיך אַלץ: וואַ־ליזעס, גרויסע, קליינע, שווערע, לייכטע, טעקעס און האַנטקיישלעך. דאָס איז געווען ממש אַ מאַסן־היפּנאָז.

אין אַט דער מינוט איז אין דער ריכטונג צו וואַרשע אָנגעפאָרן

אַ פויעריש פערד־און־וועגעלע און עס האָבן פון זייערע ערטער זיך אַ ריס געטאָן מיינע חברים שניידערמאַן און ישראלקע האָפמאַן און צו מיר אַ געשריי געטאָן: „ראַטעווע זיך דו און זעץ פאַר דעם ווייטערדיקן וועג. מיר זענען פאַרלוירן. מער קאָנען מיר זיך דאָ נישט שלעפּן. מיר קערן זיך אום קיין וואַרשע. מיר מוזן זיין צוזאַמען מיט אונדזערע טייערסטע!" — און מיינע חברים זענען פאַרשווּנדן אין דער נאַכט־פינצטערניש.

בין איך ווידער געבליבן אַליין מיט מיינע שווערע דאגות און פינצטערע רעיונות, און ווי אַ נאַכט־שאָטן, מיטן קינד אויף די הענט, האָב איך זיך אַזוי געשלעפּט ווער ווייסט וויפל קילאָמעטער און שעהען, ביז מיר האָבן ענדלעך זיך דערזען אין מינסק־מאַזאָוויעצק. זענען מיר שוין, הייסט עס, אין מינסק־מאַזאָוויעצק! אָבער וווהין גייט מען? אַז דאָ קען איך קיינעם נישט, כאָטש אין פּוילן איז געווען זעלטן אַ שטאָט, וווּ איך זאָל נישט האָבן אַ פריינט און דאָ — אַ שטאָט קוים עטלעכע קילאָמעטער פון וואַרשע און איך קען נישט קיינעם. אפשר זאָל דאָס זיין צוליב דעם וואָס מינסק־מאַזאָוויעצק איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ קאָמוניסטישער פעסטונג?

האָב איך דאָ אַרומגעבלאָנקעט אין שטעטל אַ פרעמדער, געפאַלן פון די פיס, ביז איך בין צוגעקומען צו אַ הויז, פון וואַנען עס האָבן זיך געהערט פאַרשטיקטע שמועסן ביי אַ טונקעלער שיין. בין איך אַריין און געטראָפן אַ היפּשע צאָל מענטשן, וואָס זענען געזעסן אויף בענק, אויסגעשטעלטע אַרום די ווענט. אַ טייל פון זיי האָב איך געקענט פון וואַרשע. אין דעם מאָמענט ווען איך בין אַריינגעקומען איז אויסגעבראָכן אַ מהומה: אַ יונגער בחור, אַ פאַרמאַטערטער פון שווערן וועג איז פּלוצלינג אַוועקגעפאַלן אין חלשות. אין אַן אַנדערן ווינקל פון דאָזיקן „פּאַלאַץ" האָט מיינער אַ באַקאַנטער פון וואַרשע מיט זיין פרוי און זון אויסגעפּלאַנעוועט זייער ווייטערדיקן מאַרשרוט און זיך גאַרנישט געמאַכט פון דעם, בעת אַנדערע האָבן זיך געגעבן די גרעסטע מי צו דערמינטערן דעם יונגן בחור. די נאַכט האָב איך שוין ווי עס איז דאָ דורכגעמאַכט צוזאַמען מיטן גאַנצן עולם.

ווען איך בין פאַרטאָג אַרויס אין גאַס בכדי צו לאָזן זיך אין מיין ווייטערדיקן אומבאַקאַנטן וועג האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף אַ פערד־און־וועגעלע אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן און דער, וואָס האָט געהאַלטן דאָס בייטשל און די לייצעס איז מיר געווען באַקאַנט און טאַקע ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן בין איך צו אים צוגעגאַנגען און געבעטן מיך צוצופירן אַ שטיקל וועג, פאַר וואָס ער האָט פאַרלאַנגט 10 זלאָטעס. אַרום און אַרום האָב איך פאַרמאָגט בלויז 7 זלאָטעס, האָט ער אַ שמיץ גע־

טאָן דאָס פערדל, אַ געשריי געטאָן: „וויאָ!" און איז ווייטער געפאָרן, איבערלאָזנדיק מיך אויפן וועג.

ווידער האָט זיך געשטעלט פאַר מיר די האַרבע קשיא: וווהין לאָזט מען זיך ווייטער? אַז די דייטשן וועלן זיך נישט אָפּשטעלן פאַר מינסק־מאַזאָוויעצק, דאָס איז קלאָר געווען פאַר יעדן איינעם. אָבער ווער האָט וועמען געקאָנט געבן עצות אויף וועלכן וועג מען דאַרף זיך לאָזן? יעדער האָט דאָס געדאַרפט באַשטימען פאַר זיך אַליין און אויף אייגענער אחריות.

איך האָב זיך געלאָזט ווו די אויגן האָבן מיך געטראָגן. איך בין דורכגעגאַנגען ברענענדיקע שטעט און די מענטשן וואָס איך האָב דאָרטן אָנגעטראָפן זענען געלאָפן אַהין, פון וואַנען איך בין נאָר־וואָס געהאָט גע־קומען. דאָס איז געווען אַן אמתער דור הפלגה. טייל זענען געלאָפן אַהין און אַנדערע זענען געלאָפן צוריק און אַלע האָבן געמיינט, אַז דאָס אַנטלויפן זיי פון די כסדרדיקע באָמבאַרדירונגען, וואָס האָבן געזייעט טויט און חורבן. די אַנטלויפנדיקע איז אויסגעקומען אַנצוטרעפן זיך אויף טויטע וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף די וועגן; אויף צעריסענע פערד, אָוועק־געוואָרפענע וואַליזעס און פעקלעך. קינדער האָבן געזוכט זייערע טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן זיך שוין געפונען צווישן די דערהרגעטע, און עלטערן האָבן געזוכט זייערע קינדער, וואָס זענען שוין מסתמא אויך געווען צווישן די טויטע.

עס איז אָנגעפאָרן אַ פולער וואָגן מיט ייִדן, צווישן זיי אַ היפּשע צאָל באַקאַנטע. דער בעל עגלה נעמט מיך אויף, ער פאַרלאַנגט אָבער פון מיר אויך די זעלבע סומע פון 10 זלאָטעס, ווי אַלע בעלי־עגלות וואָלטן אָפּגעמאַכט צווישן זיך דעם זעלבן פּרייז. איך פאַרמאָג אָבער דערווייל נאָך נישט קיין גראָשן מער ווי די 7 זלאָטעס און קיין איינער פון מיינע באַקאַנטע האָט נישט געקאָנט ביי זיך פועלן מיך „אויסצולייזן" און צו־ליב דעם האָב איך געמוזט ווייטער שלעפּן מיין מידן גוף. ערשט דער חבר פּ. ג., וועמען איך האָב אויך געטראָפן פירן אַ פערד־און־וועגעלע, האָט מיך אויפגענומען און פאַר די 7 זלאָטעס מיך צוגעפירט דאָס שטיקל וועג.

אויף מיינע ווייטערדיקע וואַנדערונגען איז מיר ווידער אָקעגן גע־קומען אַ בריטשקע מיט ייִדן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען איינער פון מיינע לאַנג־יאָריקע פּאַרטיי־חברים, מיט וועלכן איך האָב זיך גאָר שטאַרק דערפרייט. לעבן אים איז געזעסן זיינע אַ פריינדין. דער בעל־עגלה גיט צו מיר אַ זאָג: „נו, קריך אַרויף!" מיט צרות בין איך קוים אַרויף אויפן וועגעלע און דאָס מיידל, אַ גאַנץ קאָרפּולענטע, הייבט אָן

צו קרעכצן, אַז איך מאַך איר ענג און אַז זי קאָן נישט אויסהאַלטן די ענגשאַפט; פרעגן דאָ ייִדן: „און וועמען איז דען היינט יאָ גרוים?״ זי׳ האָט מיר אַזוי פיל אָנגעקרעכצט, אַז איך האָב מער נישט אויסגעהאַלטן און געהייסן דעם בעל־עגלה אָפּשטעלן דאָס וועגעלע און איך בין אַראָפּ.

עס וואָלט אָבער געווען אַן עוולה אַז איך זאָל נישט דערציילן אויך וועגן מענטשלעכער דערהויבנקייט וואָס מען האָט אָנגעטראָפן אויפן דאָזיקן טראַגישן וואַנדערוועג. ערשט דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי מענטשן קאָנען זיך אויך דערהייבן ביז די הימלען. עס זענען געווען פאַלן ווען מען האָט זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן, מיט אַ לעצט מלבוש, מ׳האָט אָפּגעגעבן פון זיך דאָס לעצטע העמד אַ פרעמדן מענטש, וואָס מ׳האָט קיינמאָל פריער נישט געקענט; מ׳האָט געטראָגן פרעמדע משאות, געהאָלפן זוכן פאַרלוירענע קינדער און די קינדער געהאָלפן זוכן זייערע פאַרשוווּנדענע טאַטע־מאַמע.

מיין לעבנסוועג איז קיין מאָל נישט געווען באַדעקט מיט רויזן: כ׳בין אויפגעוואַקסן אין אַ היים פון גרויס אָרעמקייט. מיין זיידע ר׳ אברהם־נחום, וואָס האָט מיך מדריך געווען, האָט מיך געלערנט, אַז העלפן אַנדערע, בפרט אין אַ צייט פון פאַלקס־אומגליק, איז אַ הויכע מדרגה. אין מיינע שפּעטערדיקע יאָרן איז דער דאָזיקער געדאַנק געוואָרן באַפעסטיקט אין „בונד״, און איצט האָט ער באַקומען אַ תיקון. פון מענטשלעכער דערהויבנקייט אין דאָזיקן טראַגישן גאַנג וואָלט מען געקאָנט אָנשרייבן אַ ריזיקע עפּאָפּעע. נאָך איינס וויל איך דאָ פאַרצייכענען: מיר זענען שוין נישט ווייט פון ביאַלע פּאָדלאַסקי, ווי עס וואַקסט אויס אַ גרויסער מיליטערישער פּאַטרול מיט עטלעכע אָפיצירן בראש. — „אייערע דאָקומענטן, פּראָשע!״ — „וועמען אייגנטלעך, פּאַנאָוויע, זוכט איר אין אָט דער שפּעטער שעה? פרעגן מיר מיט כעס, זעט איר דען נישט, אַז מיר זענען ייִדן וואָס אַנטלויפן פון היטלערן? ערשט איצט האָט איר זיך געכאַפּט זוכן שפּיאָנען. שוין צו שפּעט, פּאַנאָוויע״. „פאַרשטייט איר מיך, פאַרענטפערט זיך דער אָפיציר, אין ביאַלע־פּאָדלאַסקי איז פאַראַן אַ פאַבריק פון אַעראָפּלאַנען, מוזן מיר באַזונדערס זיין אויפמערקזאַם״. ביים געזעגענען זיך עצהט ער אונדז, אַז כדי מען זאָל אונדז נישט חושד זיין, זאָלן מיר גיין אין גרעסערע גרופּן, נישט אַליין.

און אָט קומען מיר קיין ביאַלע. לעבן אַ הויז אַ געזעמל פון מענטשן, עטלעכע פון זיי — באַקאַנטע. וואָס איז דאָ געשען? ווילט זיך מיר וויסן. אָבער נישט אַלע ווייסן. עס באַווייזט זיך ח׳ ר. פעדערמאַן. „אויך איר זענט דאָ, זאָגט ער, גייט אַרויף אויבן, וועט איר טרינקען אַ גוט גלעזל טיי, און אַז ער דאָרט אויבן וועט נאָך וויסן, אַז אייער נאָמען איז פּונקט ווי

זיינער, וועט איר נאָך קריגן צוויי״, וויצלט ער זיך. איך האָב זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן און גיי אַרויף. שטייט דאָרט א ייִד שוין אַ גאַנצע נאַכט און קאָכט טיי, כדי מחיה נפשות צו זיין פאַרשמאַכטע ייִדן, און כאַטש גילט אים אָפּ, וועט ער ביי אייך נישט נעמען אַ גראָשן באַצאָלט. ווו איז היינט דער ייִד פון ביאַלע־פּאָדלאַסקי ? האָט ער געטיילט דעם גורל פון די זעקס מיליאָן קדושים ? אפשר איז ער ניצול געוואָרן ? הלוואי !

שעדלעץ, זאָגט די וועלט אַ ווערטל, איז אַ פונק פון גיהנום. די שטאָט בין איך דורכגעלאָפן (גייז איז געווען אוממעגלעך) דאַנערשטיק, דעם זיבעטן טאָג מלחמה, אין אָוונט. נישט אַ פונק איז דאָס געווען, נאָר דאָס גאַנצע גיהנום ; אַ פייערדיקע רייף האָט אַרומגענומען די שטאָט. די ערד האָט געברענט אונטער די פיס. פאַרהאַלטן זיך אויף אַ מינוט איז געווען אוממעגלעך. צוויי מאָל האָבן די נאַציישע בעסטיעס היינט באָמבאַרדירט די שטאָט און זי חרוב געמאַכט. אייניציקע ייִדן פון שטאָט זענען איצט צוזאַמען מיט אַלעמען געלאָפן אין משוגעת־צושטאַנד און שטילערהייט געפּליסטערט : ״געוואַלד, וווהין לויפט מען ?״

נאָך אַ נאַכט פון אַזאַ לויפן בין איך אינדערפרי אָנגעקומען אין מעזריטש. איך בין ממש געפאַלן פון די פיס און ווייטער נישט געקאָנט גיין. איך האָב געמוזט זיך אָוועקלייגן אויף דר׳ערד און אָפּרוען זיך אַביסל.

אַז איך האָב זיך קוים אויפגעהויבן פון אָרט האָב איך צופעליק דערזען דעם חבר וויקטאָר שולמאַן. איך בין געווען צופרידן אים צו באַגעגענען. מיר האָבן פאַרשטייט זיך גערעדט וועגן אונדזער מצב. אויף מיין פראַגע אין וועלכער ריכטונג ס׳איז, לויט אים, גלייכער זיך צו לאָזן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער ווייסט פונקט אַזוי גוט ווי איך. אָבער וואָס שייך אים גופא, לאָזט ער זיך אין דער ריכטונג פון קאָוונע, פון וואַנען ער שטאַמט, הגם ס׳איז נישט געווען זיכער צי עס וועט אים נישט געשען עפּעס דאָרטן מצד די סאָוויעטן. איך האָב זיך שפּעטער דערוווסט, אַז ח׳ שולמאַן האָט מצליח געווען : ער איז אָנגעקומען קיין קאָוונע בשלום, פון וואַנען ער איז דערנאָך אָוועק קיין אַמעריקע, ווו ס׳איז אים באַשערט געווען אויסצולעבן זיינע יאָרן.

גראָד אַן אַנדערן גורל האָבן געהאַט די חברים וויקטאָר אַלטער און בערנאַרד גאָלדשטיין, וועלכע איך האָב דעם זעלבן טאָג באַגעגנט אין מעזריטש. מיט די צוויי באַליבטע פירער פון ״בונד״ האָב איך זיך גוט געקענט. דאָס טרעפן דאָ דעריבער די חברים אַלטער און גאָלדשטיין איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע איבערראַשונג און אַ פרייד, אויף וויפל מען האָט זיך אין יענעם מאָמענט בכלל געקאָנט פרייען.

דאָס ערשטע, וואָס דער חבר אַלטער האָט מיך געפרעגט, איז געווען ווי איך האַלט מיט געלט און ווי כ'האָב שוין דערמאָנט, בין איך קיין גרויסער עושר נישט געווען, ווייל אַלץ וואָס כ'האָב פאַרמאָגט איז גע־בליבן אין וואַרשע. האָט דעריבער דער חבר בערנאַרד גאַרנישט גע־פרעגט און מיר אַריינגעלייגט אין טאַש אַ סומע געלט, וואָס דאָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט ווייטער פאַרצוזעצן מיין וועג. ביידע האָבן זיך מיט מיר האַרציק געזעגנט, אַוועקלאָזנדיק זיך אין דער ריכטונג פון לובלין. אַז זיי זענען שוין אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, האָבן זיי זיך נאָך אויס־געדרייט צו מיר און נאָך אַ מאָל זיך געזעגנט פון דער ווייטנס מיט אַן אויפגעהויבענער פויסט.

חבר בערנאַרד איז פון לובלין צוריק אַוועק קיין וואַרשע, וווּ ער האָט איבערגעלעבט די מלחמה און שפּעטער אָנגעשריבן דאָס בוך „פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ". חבר וויקטאָר אַלטער איז פון לובלין אַוועק ווייטער אויף מזרח, וווּ עס האָט אים דערוואַרט די סטאַליניסטישע קויל.

דעם זעלבן טאָג, פרייטיק דעם 8־טן סעפּטעמבער, בין איך אַוועק צו מיין אַלטן חבר יחזקאל שטיין. ער האָט מיך אויפגענומען ווי אַן איי־גענעם ברודער. אָפּגעווישט דעם שטויב פון וועג, האָט מען זיך פאַנאַנ־דערגעשמועסט וועגן אַלטע גוטע פריינט. מיין חבר האָט געשטעלט אַ שבתדיקע וויעטשערע, מיר געגעבן אַ געלעגער און איך בין אַריינ־געפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. אויפגעוועקט געוואָרן בין איך שבת אינדער־פרי דורך אַ מערדערישער באָמבאַרדירונג. דער ערשטער סך הכל איז געווען פיר טויטע און הונדערטער פאַרוווּנדעטע. מעזריטשער ייִדן האָבן גע־איבערגעלעבט, אַחוץ אַלעם, אַ ביטערע אַנטוישונג: ביז איצטער איז נאָך זייער שטאָט נישט געהאַט געווען באָמבאַרדירט און זיי האָבן גע־גלויבט, אַז אויך אויף להבא וועט מען די שטאָט אויסמיידן. ווי אַנ־דערש איז היינט געווען די שטימונג ביי מעזריטשער ייִדן. ערשט מיט איין טאָג פריער האָבן זיי אונדז אויפגענומען מיט פרייד און האָפענונג. עפּעס אַ קלייניקייט: שוין דער אַכטער טאָג מלחמה און דאָ האָבן זיי נאָך קיין באָמבעס נישט געהאַט! נישט אַנדערש נאָר אַ נס מן השמים. וויפל חלומות האָבן די מעזריטשער ייִדן געשפּונען און מיט וויפל אי־לוזיעס און איינרעדענישן האָבן זיי זיך גענערט.

דער מעזריטשער רב האָט אין יענע טעג זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ גרויסע פערזענלעכקייט, וואָס איז ראוי געווען צו זיין דער מנהיג פון די מעזריטשער ייִדן. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ קול־קורא, אַז כאָטש ס'איז שבת, איז עס אָבער פאַר טויזנטער ייִדישע פליטים וואָס זענען דאָ אָנגעקומען פּקוח־נפש. דעריבער זאָלן די בעקערס תיכף ומיד זיך שטעלן באַקן ברויט; שוחטים און קצבים זאָלן נעמען גרייטן פלייש,

און דאָס איז געווען באַגלייט מיט אַן איסור, אַז ייִדן פון שטאָט טאָרן פון דעם נישט נהנה זיין, נישט פונעם ברויט און נישט פונעם פלייש; דאָס אַלץ איז נאָר און אויסשליסלעך פאַר די אָנגעקומענע ייִדישע פּליטים.

פּרייטיק איז שוין אָבער געווען דער לעצטער רויִקער טאָג פאַר די ייִדן פון מעזריטש. נאָך דער ערשטער באָמבאַרדירונג, שבת אינדערפרי, איז באַלד געקומען אַ צווייטע, און שבת נאָך מיטאָג איז געקומען אַ דריטע באָמבאַרדירונג, וואָס האָט שוין מיט קליינע איבעררייסן אַזוי אָנגעהאַלטן דעם גאַנצן טאָג. וויפל קרבנות עס זענען אין דעם טאָג געפאַלן וועט מען קיינמאָל זיך נישט דערוויסן.

מעזריטשער ייִדן, טייערע, האַרציקע האַרעפּאַשנע עמך־מענטשן. וויפל מסירת־נפש האָבן זיי אַרויסגעוויזן אין די דאָזיקע סכנותדיקע טעג לטובת די ייִדישע פּליטים, וואָס זענען געקומען זיך ראַטעווען אין זייער שטאָט. גאָר באַזונדערס דאַרף דערמאָנט ווערן דער מעזריטשער רב זכרונו לברכה, וואָס האָט אפילו אום שבת געלערנט דעם קל־וחומר, אַז פּקוח־נפש איז דוחה שבת, און מתיר געווען צו טאָן וואָכעדיקע מלאכה. און איצטער געפינט זיך זיין נאָמען ווי נאָך איין נאָמען אויף דער בלוטיקער רשימה פון די זעקס מיליאָן קדושים און מעזריטש איז נאָך איין קאַפּיטל אינעם פּנקס פון די אָפּגעמעקטע ייִדישע ישובים אין פּוילן.

## אויף די וועגן פון וואַנדער

שבת, דעם 9־טן סעפּטעמבער 1939, איז געווען אַ טראַגישער טאָג פאַר די מעזריטשער ייִדן, און נישט ווייניקער טראַגיש איז ער געווען אויך פאַר די טויזנטער פּליטים, וואָס האָבן אין דעם טאָג דאָרט זיך גע־פונען. נאָר פאַרט איז עס געווען פאַר זיי אַנדערש; אויב די פּליטים האָבן שוין געהאַט הינטער זיך ניין מלחמה־טעג און האָבן שוין באַוויזן צו באַקענען זיך מיט דער נאַצישער אכזריות, איז דאָס אָבער פאַר מעזריטש פאַקטיש געווען דער ערשטער מלחמה־טאָג.

מעזריטשער ייִדן האָבן געהאַט אַ מיסטישן גלויבן אין זייערס אַ צדיק, וועלכער האָט אַמאָל געלעבט אין זייער שטאָט; ער זאָל זיי האָבן געגעבן אַ צוזאָג, אַז אין מעזריטש וועט, חלילה, ייִדן קיין שלעכטס נישט געשען. והא ראיה, אָט האָט מען דאָך טאַקע אַ באַשיינפּערלעכן סימן: בעת אַלע שטעט אַרום זענען שוין געוואָרן באָמבאַרדירט, איז

אין מעזריטש, אין זכות פון יענעם צדיקס הבטחות, קיין מכשול נישט געווען. עפעס איז מיטוואָך אין מיטן דער נאַכט יאָ געווען אַ שטיקל ליאַרעם, אַז די דייטשע אַעראָפּלאַנען לאָזן זיך אויף דער שטאָט און מ׳האָט געדאַרפט לויפן אין וואַלד אַריין. מ׳איז אָבער אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק. נישט בלויז פרומע נאָר אויך וועלטלעכע ייִדן האָבן נישט געגלייבט אויף אַן אמת אין דער מלחמה; אָט האָט מען פרייטיק מיר דערציילט, אַז זעקס קילאָמעטער פון שטאָט זיצט דער חבר ערליך און קאָן פון אויסגעשעפּטקייט ווייטער נישט גיין. אָבער ווו ער זיצט האָב איך נישט געקאָנט זיך דערוויסן; בין איך אַריין אינעם ייִדישן רעסטאָראַנדל און דאָ, זע איך, זיצט אַ ייִד מיט אַ „היינט", אָדער „מאָמענט" אין האַנט און ער לייענט אַן אַרטיקל פון זשאַבאָטינסקין, וועלכער פאַרזיכערט, אַז היטלער מיינט גאָרנישט קיין מלחמה, מער נישט, ער פּרוווט זיך נאַר, ווייל ער וויל אויספּרעסן נאָך גרעסערע הנחות...

ליידער, האָט זשאַבאָטינסקיס גלויבן אין דעם, אַז היטלער פּרוווט זיך נאַר, זיך נישט באַשטעטיקט. און שבת דעם 9־טן סעפּטעמבער, האָט די מלחמה פאַר די מעזריטשער ייִדן זיך ערשט אָנגעהויבן מיט דער גאַנצער נאַצישער אכזריות.

עס איז שבת פאַרנאַכט, בין השמשות. אַ נייע גרויזאַמע און פאַר דעם טאָג שוין די לעצטע באָמבאַרדירונג. איך בין אַריין אין אַ הילצערנער שול־געביידע. דאָרט איז שוין אויך געווען ח׳ אַלטשילער, אַן אַלטער בונ־דיסט, און אַ פרוי. איך האָב זיך געשטעלט ביי דער טיר מיט דער אויס־רעכענונג, אַז אויב די געביידע זאָל איינפאַלן, וועל איך אפשר נאָך קאָנען פון דאָנען אַרויס... באַלד איז צו אונדזער צופרידנקייט אויך אָנ־געקומען דער חבר ערליך אַליין און ער האָט זיך געשטעלט פון דער אַנדערער זייט טיר. זיינע אויגן האָבן טרויעריק געקוקט אין דער צעפלאַמ־טער גאַס אַריין, און ביי יעדער געפאַלענער באָמבע האָט ער שטיל גע־שעפּטעשט: „זיי מאַכן חרוב די שטאָט".

ווען די באָמבאַרדירונגען האָבן אויפגעהערט, איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט. די שטאָט איז געווען אַרומגענומען ווי מיט אַ פייערדיקער רייף. חבר אבראם סטאַליאַר האָט פון ערגעץ־ווו אָפּגעפונען חיימקען דעם בעל־עגלה מיט זיין אַלטער דראָזשקע און אויסגעדאַרט פערדל. לעבן אים איז געשטאַנען אַ גרופּע חברים, וואָס צווישן זיי זענען געווען, אויסער חבר ערליך מיט זיין משפחה, אויך דער חבר שערער און זיין פרוי, חבר אבראם מיט זיין משפחה, חיים וואַסער, שלמה מענדעלסאָן, סמוזשניק מיט זיין פרוי, ראובעלע קושניר (הענטשקע־מאַכער) און כאָטש עס האָט מיך קיינער נישט פאַרבעטן, בין איך אויך מיטגעגאַנגען.

אויף דער דראָזשקע האָט מען אויפגענומען די שוואַכע פרויען און אויך אַ ביסל פּראָוויאַנט. בלויז פון צייט צו צייט האָבן אויך די יונגע פרויען זיך געקאָנט אַריינזעצן אויף עטלעכע מינוט אין אָט דער „קאַ־רעטע". און אַזוי האָט דער קאַראַוואַן זיך געצויגן אין די נעכט, און אין די טעג זיך געהאַלטן נאָענט צום וואַלד, און אַז אַעראָפּלאַנען האָבן זיך נישט באַוויזן, האָט מען אויך צו ביסלעך זיך אָפּגערוט.

בעת איינעם אַזאַ אָפּרו האָט שלמה מענדעלסאָן, דער איינציקער וואָס דער הומאָר האָט אים נישט פאַרלאָזן, געהאַט אַן „אינטערוויו" מיט חיימקען, דעם דראָזשקאַזש, וועגן זיין פערדל וואָס האָט שוין נעבעך נישט געהאַט קיין כוח צו גיין, און עס וואָלט געווען אַ יושר, מען זאָל עס אָוועקטראָגן אויף אַ פיין געלעגער, עס גוט אָרומדעקן און עס זאָל זיך אויסרוען כאָטש עטלעכע טעג. חיימקע קלערט אויף: „איר זאָלט וויסן, זאָגט ער, אַז אַ פערד איז נישט קיין מענטש, אַ מענטש, ווען ער איז פאַרמאַטערט, קאָנט איר אים לייגן אפילו אין אַ קאַנורע, וועט ער אויך שלאָפן. אַ פערד אָבער מוזט איר געבן אַ ריין אָרט, אַז נישט זאָגט עס אייך: לא! איך שלאָף נישט! און אַז איר וועט עס נאָך דענערווירן אויך קאָן עס זיך שטעלן אויף די הינטערשטע פיס און אייך דערלאַנ־גען אַזאַ „מתנת יד", אַז איר זאָלט פאַרגעסן, וווהין איר דאַרפט פאָרן...

אַ מענטש, זאָגט חיימקע ווייטער, אַז ער איז דורשטיק און האָט נישט דאָס אויסגעוואָשענע גלעזעלע, שטעלט ער אונטער דאָס היטל און טרינקט. אַ פערד אָבער, אַז איר וועט אים נישט געבן דעם ריינעם עמער, וועט עס נישט טרינקען, איר זאָלט עס אָפגילטן. אַ מענטש, אַז איר גיט אים נישט קיין ברויט, קאָן ער עסן זעמל אויך, און אַ פערד, אַז איר גיט אים נישט קיין האָבער, זאָגט עס: איך גיי נישט און טוט מיר עפּעס!..."

וויפל טעג און נעכט מיר האָבן זיך געשלעפּט, איז מיר שוין היינט שווער צו געדענקען. אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָט מען אָנגעהויבן שמו־עסן צווישן זיך, אַז מיר דערנענטערן זיך צו אַ שטאָט, דאַכט זיך צו וויסאָקע־ליטאָווסק, אַ ישוב פון ייִדן, צו וואָס יעדער פון אונדז האָט געלעכצט, אויסגעפייניקט פון דעם שלעפּן זיך אויף זאַמדיקע וועגן מיט אָפּגעריבענע פיס, און מיט פּחד פאַר די נאַצישע אַעראָפּלאַנען. מען איז שוין ממש געווען אָן כוחות, ביז ענדלעך, גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט, איז מען אָנגעקומען אין וויסאָקע־ליטאָווסק. אָבער וווהין גייט מען?

איך האָב באַמערקט אַ שטראָם מיט ייִדן וואָס האָט זיך געלאָזט אין איין ריכטונג — צו וועמען? און וווהין? דאָס, דאַכט זיך, האָט קיינער נישט געוווּסט און איך אויך נישט. בין איך געגאַנגען מיטן שטראָם, ביז מען איז צוגעקומען צו אַ הויז וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אַמאָליק וואַרשעווער איינפאַרהויז (זאַיאַזד) פאַר קליינשטעטלדיקע

בעלי־עגלות. ייִדן זיצן ביי טישלעך און מען בייסט עפּעס צו. איך האָב שטאַרק חשק געהאַט עפּעס צו עסן. צו פיל געלט ביי זיך האָב איך נישט געהאַט, איז ווי שטעלט מען זיך איין צו בעטן עסן ביי פרעמדע מענטשן און דערנאָך פאַר דעם נישט האָבן צו באַצאָלן? רוף איך שטילערהייט צו א ייִד, וואָס ווייזט זיך מיר אויס ווי ער וואָלט געוועזן עפּעס אַן אייגענער מענטש, און אַזוי פאַרזיכטיק פּרוּוו איך דערגיין: „וויפל אַ שטייגער קאָסט ביי אייך אַ פּערטל ברויט." — „און וואָס נאָך וואָלט איר געגעסן? — פרעגט דער ייִד, וואָס נאָך?" — „אַ גלאָז מילך ווילט זיך מיר שטאַרק!" — „און וואָס נאָך?", האַלט דער ייִד אין איין פרעגן, אפשר אַ „יאַיעטשניצע" פון צוויי אייער?"

„הערט זיך צו, ר' ייִד, האָב איך שוין מער נישט אויסגעהאַלטן, פונדעסטוועגן איז איצט נישט די צייט צו טרייבן חוזק איבער אַ געליטענעם ייִד מיט פראַגן וואָס קאָנען נאָר האָבן אַ זין אין אַ נאָרמאַלער צייט."

„נו, איז גוט — זאָגט דער ייִד — זיצט און איך וועל אייך מער נישט פרעגן." און אין עטלעכע מינוט אַרום ברענגט ער צו אַ פּערטל ווייס ברויט, אַ טעצעלע מיט הערינג, דערביי אַ שטיקעלע פּוטער. "קודם, זאָגט ער, הייבט אָן עסן". אַז דאָס פּערטל ברויט איז גיך פאַרצוקט געוואָרן, איז אויף זיין אָרט באַלד געקומען אַן אַנדער פּערטל ברויט און אַ טעפּל הייסע מילך. איך זיץ אין איין שרעק, האָב מורא צו עסן —ווו וועל איך פאַר דעם נעמען צו באַצאָלן? דער ייִד ווידער האַלט מיך אין איין באַרויִקן. „קודם — טענהט ער — עסט; דאגהן האָט איר דאָך צייט שפּעטער."

אַז איך בין געוואָרן פאַרטיק מיט דער סעודה, פרעג איך דעם ייִד: „וויפל דאַרף איך פאַר דעם באַצאָלן?" — „באַצאָלן, זאָגט ער, וועט איר שוין מאָרגן, וואָרעם ווו וועט איר איצט גיין זוכן אַ נאַכטלעגער אין אַזאַ צייט? אַז איר וועט זיך איבערשלאָפן און מאָרגן עפּעס איבערבייסן, וועלן מיר דערנאָך זיך אויסרעכענען". אַז עס איז געקומען צום חשבון, האָט דער ייִד מיר באַרעכנט בלויז אַזוי, אַז עס זאָל נישט הייסן אַז איך האָב געגעסן בחינם. דער ייִד האָט שפּעטער זיך אַרויסגעוויזן אַלס דער שול־ און קולטור־טוער פון וויסאָקע ליטאָווסק, אייגנטימער פון אַ קליינער בעקעריי, פאַרזיצער פון „בונד" אין שטאָט. זיין נאָמען: גרינשפּאַן. ער האָט געטיילט דעם גורל פון די זעקס מיליאָן ייִדן.

מיר וואָלטן דאָ געבליבן אַ טאָג אָדער צוויי, בכדי זיך אָפּצורוען כאָטש אַ ביסל פונעם כסדרדיקן לויפן. איז אָבער באַלד אינדערפרי פּלוצלינג אויסגעבראָכן אַ גרויסע פּאַניק, אַז מען האָט שוין געזען די דייטשן. דאָ האָט מען זיי געזען מיט טאַנקען, אויף אַן אַנדער אָרט

האָט מען זיי גענען מיט מאַטאַציקלעטן, מיט פּאַנצער־אויטאָס. מיט איין וואָרט: אומעטום דייטשן... עס זענען געלאָפן אין דער מהומה נישט בלויז ייִדן, נאָר אויך פּייערלעשער און פּאָליציי, אפילו מיליטער איז געלאָפן. צום גליק האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז קיין דייטשן זענען בכלל נישט געווען; מ׳האָט בלויז געהערט איינער פון צווייטן...

מיר האָבן זיך פאַרנומען אויפן וועג קיין קאַמעניעץ־ליטאָווסק. דאָ האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף אַ נייער צרה: די פּאָליציי האָט נישט אַריינגעלאָזט אין שטאָט, פאַרמאַכט די בריק — און שוין. ערשט נאָך דער אינטערווענץ פון חבר ערליך האָט מען פאַר אונדז געעפנט די בריק און מיר האָבן געקאָנט אַריינגיין אין שטאָט.

איבערגענעכטיקט אין קאַמעניעץ־ליטאָווסק, האָט אינדערפרי זיך אָנגעהויבן אַ וויכוח וועגן דעם וווהין מיר זאָלן זיך ווייטער לאָזן. אַ טייל האָט פאַרגעלייגט פּרוזשענע, אַנדערע האָבן פאַרגעלייגט ערגעץ־אַנדערשוו. די קאַמעניעצער האָבן פאַרגעשלאָגן צו בלייבן אין זייער שטאָט, ווייל וואָס — האָבן זיי געטענהט — איז די נפקא מינה? אַז די דייטשן וועלן קומען אין קאַמעניעץ, וועלן זיי דען נישט זיין אויך אין פּרוזשענע? פונדעסטוועגן איז מען דאָ נישט געבליבן און מען האָט זיך געלאָזט אין ווייטערדיקן וועג. מ׳איז אַזוי געגאַנגען, ביז מ׳איז צוגעקומען צו אַ פּונקט ווו ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז אונדזער גרופּע איז צו גרויס און מען מוז זיך צעטיילן. דעמאָלט האָט מיין וועג־חבר ראובעלע הענטשקע־מאַכער מיר פאַרגעלייגט, אַז מיר זאָלן ביידע צוזאַמען זיך לאָזן מיט אַן אַנדערן וועג, וואָס האָט געפירט קיין קאָברין. גייענדיק אַהין, האָבן מיר אָנגעטראָפן אויפן וועג ייִדן וואָס האָבן אויף אונדז געשריגן: „ווו גייט איר, ייִדן? קאָברין ווערט באָמבאַרדירט! די שטאָט ברענט און איר גייט אין פייער אַריין!" מיר האָבן אָבער נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי נאָר צו גיין פאַרויס. ערגעץ וועלן מיר דאָך אָנקומען, האָבן מיר געטראַכט. דאָס איז געווען, אייגנטלעך, אונדזער ציל.

איצט איז די סכנה דאָ אויך געווען פון אַן אַנדערער זייט. מיר זענען דאָך עפּעס שוין געווען אויף ווייסרוסישער ערד, צווישן ווייסרוסישע פּויערים, וואָס האָבן אַזוי ביטער זיך אָנגעליטן פונעם פּוילישן האַלב־פאַשיסטישן סאַנאַציע־רעזשים, ווו ס׳האָט געהערשט דער קאָמענדאַנט פון לאַגער קאַרטוז־בערעזע, קאַסטעק בערנאַצקי. און יעדער פון אונדז איז, אין די אויגן פון די פּרימיטיווע פּויערים, געווען אַן אוסאַדניק, אַ קאָלאָניסט. און נישט איינער פון די שפּעטער־דורכגייענדיקע ייִדישע פּליטים איז דורך ווייסרוסישע רוצחים דערמאָרדעט געוואָרן נאָך איידער די נאַציישע האָרדעס האָבן זיך דאָרט באַוויזן.

מיר אָבער האָבן געהאַט מזל און נישט איין מאָל האָבן ווייסרוסן צו אונדז אַרויסגעוויזן מיטגעפיל און געהאָלפן סיי מיט ברויט און אַ מאָל אויך מיט געהעריקע און ריכטיקע אָנווייזונגען. איינעם אַזאַ פאַל מוז איך דאָ פאַרצייכענען: געווען איז דאָס אַ יונגע ווייסרוסישע משפּחה, צו וועמען מיר זענען אַריינגעפאַלן. אויף אונדזער בקשה, האָבן זיי באַלד געשטעלט אויף זייער טיש זויערמילך, נאָר וואָס פונעם קעלער, און ברויט. אַז מיר האָבן זיך אַ ביסל אָפּגערוט, האָבן זיי אונדז אַרויסגעפירט אויף אַ וועג, וואָס איז לויט זיי טאַקע שווערער ווי ס׳איז דער נאָרמאַלער וועג, דערפאַר אָבער ווערט ער נישט באָמבאַרדירט און דערצו איז ער קירצער מיט גאַנצע פיר קילאָמעטער...

דער וועג האָט אונדז אויך אַריינגעפירט אין אַ דאָרף, ווו ס׳האָט צווישן ווייסרוסישע פויערים געוווינט בלויז איין ייִדישע משפּחה, וואָס האָט אונדז אויפגענומען ווי נאָר אמתדיקע האַרציקע דאָרפישע ייִדן קאָנען דאָס. נישט אַנדערש, האָבן זיי אונדז געוואָלט איינשמועסן, נאָר מיר זאָלן שוין בלייבן מיט זיי — נאָך וואָס לויפן? אַז מיט שפּייז זענען זיי שוין פאַרזאָרגט ביז צו דער „איבעראיאַריקער זשניווע״, און ווייטער איז אונדזער „גאָט נאָך אַלץ אַ פאָטער״, און וואָס ס׳וועט זיין מיט אַלע ייִדן, וועט זיין אויך מיט אונדז...

מיר, פאַרקערט, האָבן געוואָלט די ייִדן איבערצייגן, אַז נישט געקוקט וואָס זיי זענען מיט שפּייז אַזוי צוגעגרייט, אַזש אויף אַ גאַנץ יאָר, דאַרפן זיי דאָך פאַרלאָזן זייער ביז־איצטיקן וווינאָרט, וואָרעם זיי זיצן אויף הייסע קוילן. ליידער האָבן מיר עס נישט באַוויזן. אַ גאַנצע נאַכט און אויף מאָרגן האָבן מיר זיך מיט זיי האַרציק געזעגנט, באַקומען פון זיי צידה לדרך און מיר האָבן זיך געלאָזט אין ווייטערדיקן וועג, וואָס האָט אונדז דירעקט שוין דערפירט קיין קאָברין.

אין אַ פאַרנאַכט, דאָס האָט געדאַרפט זיין, דעם 16־טן סעפּטעמבער, זענען מיר צעבראָכענע און אויסגעמאַטערטע פון שלעפּן זיך אויף די שווערע פעלדוועגן, ענדלעך אָנגעקומען אין קאָברין. מיר קוקן זיך אַרום און מיר זעען נישט אַז עס זאָל דאָ ברענען, ווי די ייִדן אין וועג האָבן אונדז אָנגעשראָקן. יאָ, איין חורבן־סימן האָבן מיר יאָ געזען: דאָס צעשטערטע הויז פון ייִדישן דאָקטער, וואָס אַ באָמבע איז דערויף געפאַלן און עס איבערגעשניטן אויף דער העלפט. דער דאָקטער האָט גראַד, ווי זיין שטייגער, געמאַכט זיין נאָכמיטאָג־שלאָף, בעת אַ שפּליטער פון דער באָמבע האָט אים דערהרגעט אויפן אָרט.

דעם ערשטן, וואָס מיר האָבן געטראָפן אין קאָברין, איז געווען אַ יונגערמאַן. האָבן מיר אים געבעטן רחמים: „לאָזט אונדז אַריין צו זיך

אַביסל אָפּצורוען זיך״. ער האָט נישט דעם שליסל, דאָס ווייב איז ביים שכן און האָט אים מיט זיך — האָט ער געענטפערט. „גייט זשע צום שכן און נעמט ביי אייער ווייב דעם שליסל.״ „זי איז שוין דאָרט אויך נישטאָ״ — האָט דער בחור ווייטער געענטפערט.

זעענדיק, אַז ס׳גייט שווער האָבן מיר אים אָנגעגעבן אונדזער פּאַר־איינס־יחוס: ראובעלע אַ פּאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון די לעדער־אַר־בעטער און איך פון די שניידער־אַרבעטער. „אַהאַ! — טוט ער זאָג, פון הערשל הימלפּאַרבס פּאַראיין?״ זעענדיק אַז מיר זענען דאָ אַרייַנ־געפאַלן, האָבן מיר אויף גיך אָנגענומען זיין עצה, אַז מיר זאָלן שוין צולויפן צו דער באַן־סטאַציע, פון וואַנען עס גייט אין עטלעכע מינוט אַרום אָפּ דער לעצטער פּוילישער צוג קיין פּינסק...

ווען מיר זענען קוים לעבעדיקע דערלאָפן צום וואַקזאַל האָט טאַקע אַ מיליטערישער צוג, וואָס האָט געפירט כלערליי מלחמה־מאַטעריאַל, שוין אָנגעהויבן צו רירן.מיר האָבן זיך געשראָקן צו פאָרן אין אַזאַ צוג, אָבער מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה און מיר האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אין אַ וואַגאָן וואָס איז געווען אָן טירן, אָן פענצטער, אָן אַ דאַך און אָן אַ פּאַדלאָגע. בלויז אַ רעלסן־געשטעל האָבן מיר געהאַט אויף אָנצוהאַלטן זיך כדי נישט אַרויסצופאַלן פון לויפנדיקן צוג.

די קעלט האָט געשניטן ווי מיט מעסערס. דער ווינט האָט פון אונדז געריסן שטיקער און בלויז דער געדאַנק אַז איך פאָר קיין פּינסק, אַ שטאָט, וועגן וועלכער איך האָב שוין זינט יאָרן געחלומט, האָט מיר לייכטער געמאַכט דאָס געמיט. מיר זענען געווען צען בחורים וואָס בלויז איך און ראובעלע הענטשקע־מאַכער האָבן זיך געקענט. און דאָך האָבן זיך אַלע געטוליעט איינער צום אַנדערן, בכדי זיך אַ ביסל צו דערוואַרעמען. וואָלט די רייזע געדאַרפט זיין אַ לאַנגע וואָלטן מיר נישט אויסגעהאַלטן. צום גליק אָבער האָט דער צוג, נאָך זעקס שעה פאָרן, פּלוצלינג זיך אָפּגעשטעלט. מיר זענען געווען אויף דער סטאַציע פּינסק.

לאָמיר אויף דעם אָרט דערמאָנען מיט יראת־הכבוד דעם חבר ראובעלע (קושניר) הענטשקע־מאַכער, מיט וועמען ס׳האָט מיך פאַר־בונדן אַ נאָענטע פריינטשאַפט נאָך פון פאַר דער מלחמה. איצט זענען מיר אָנהויבנדיק דעם גיהנום־וועג פון מעזריטש, אַזוי דערגאַנגען ביז ווילנע, ווו ער האָט אָנגעהויבן ממש וועלטן איינלייגן אַראָפּצוברענגען פון וואַרשע זיין פרוי, וואָס איז נאָך דאָרט געהאַט געבליבן מיט זייערע צוויי זין. אויך דאָס האָט זיך אים איינגעגעבן. זיי זענען ענדלעך אָנגע־קומען קיין ווילנע, פון וואַנען זיי זענען צוזאַמען אַדורך אַלע סאָוויעטישע שבעה־מדורי־גיהנום און אָנגעקומען אין שאַנכאַי. דאָ איז ראובעלע צוזאַ־

מען מיט זייגעם אַ זון אומגעקומען בעת אַן אַמעריקאַנער באַמבאַרדירונג אויף שאַנכאַי, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו דער יאַפּאַנישער אייג־פּלוס־ספּערע. לאָמיר דאָ פאַרענדיקן מיטן אַלט־ייִדישן חבל על דאבדין ולא משתכחין.

## איך פיר אַריבער דעם חבר וולאַדימיר קאָסאָווסקי קיין ווילנע

נאָך אַ לאַנגן און אויסמאַטערנדיקן וועג זענען מיר ענדלעך אָנגעקומען אין פּינסק. אָנגעקומען זענען מיר שפּעט, נאָך צוועלף בייַנאַכט. צוליב דעם קריגס־צושטאַנד זענען מיר געבליבן אויפן וואָקזאַל, זיך אַוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע און אַזוי געפּרוווט אַדורכמאַכן די נאַכט. מיר זענען צו דעם שוין געווען צוגעוווינט. ווען עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן האָבן מיר זיך געלאָזט אין שטאָט אַריין, וואָס האָט ערשט ווי נאָר־וואָס זיך אויפגעכאַפּט פון אַן אומרויִקן און מידן שלאָף. די גאַסן זענען געווען ליידיק.

מיר שטעלן זיך צו צום חבר אהרן־ייִדל שלאַקמאַן. דאָ איז דער זאַמלפּונקט פון די בונדיסטן וואָס קומען פון אַלע שטעט אין פּוילן, רוען זיך אָפּ אַ פּאָר שעה, כאַפּן עפּעס איבער און לאָזן זיך אין ווייטערדיקן אומבאַקאַנטן וועג אַריין. וווּהין? דאָס מוז יעדער אַליין באַשטימען און זיך פאַרלאָזן אויפן אייגענעם גורל.

פון איין זייט איז סאָוויעט־רוסלאַנד און פון דער צווייטער זייט היטלער, צווישןביידע זענען צענדליקער טויזנטער צעטומלטע און אויסגעפּייניקטע ייִדישע פּליטים — לאָזן זיך קיין רוסלאַנד איז ביטער, און נאָך ערגער איז בלייבן ביי די דייטשן.

מיטאָמאָל זענען די פּינסקער גאַסן געוואָרן אָנגעשטאָפּט מיט פּליטים; קיינמאָל אין דער געשיכטע פון פּינסק האָט די שטאָט נישט געזען אויף אירע גאַסן אַזוי פיל מענטשן. מען האָט געטראָפן אַלטע באַקאַנטע, וואָס מען האָט שוין יאָרן־לאַנג נישט געזען, און אַלע מיט דער זעלבער פראַגע: וווּהין גייט מען?

ביים חבר אהרן־ייִדל אין הויף זשומעט עס ווי אין אַ בינשטאָק. צוואַנציק טויזנט פּליטים, זאָגט ער, זענען היינט דאָ אין פּינסק. איך טרעף ביים חבר אהרן־ייִדל דעם חבר לייבל בלאַנק, דעם לאַנגיאָריקן פונקציאָנאַר פון גרויסן וואַרשעווער באַקלייד־פאַראיין. ער האָט מיר עפּעס וואָס צו זאָגן און מיט אַ געבראָכענער שטים דערציילט ער, אַז פון דער

פּאַרטיי האָט מען אים פאַרגעלייגט, ער זאָל זיך פאַרנעמען מיטן אַריבער־פירן קיין ווילנע דעם חבר וולאַדימיר קאָסאָווסקי. מיט גרויס ווייטיק האָט ער דאָס אָפּגעזאָגט, ווייל ער האָט נישט געקאָנט נעמען אויף זיך אַזאַ גרויסע אחריות פאַרן געזונט און לעבן פון אונדזער אַלעמענס געליבטן, אָבער שוין אַלטן און שוואַכן חבר. דער חבר בלאַנק מיינט, אַז מעגלעך מען וועט זיך ווענדן איצטער צו מיר, צי איך קאָן נעמען אויף זיך אַזאַ אחריות.

דער חבר אהרן־ייִדל שלאַקמאַן, אַן אַמאָליקער מיטגליד פון די ס. ר. (סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן), וואָס ביים אויספּרוון אַ באָמבע פאַר זיין פּאַרטיי האָט ער פאַרלוירן אַ האַנט, איז געווען מיינער אַן אַל־טער און גוטער פריינט. נאָך פון די פריע צוואַנציקער יאָרן, נאָך דעם ווי ער איז אַריין אין „בונד" און זינט מיר האָבן זיך באַקענט האָט אים נישט געקאָנט געמאָלט זיין, אַז ער זאָל זיין אין וואַרשע און נישט זיין ביי מיר. זיין שטענדיקע בקשה, אַז איך זאָל קומען קיין פּינסק, איז, ליידער, מקוים געוואָרן ערשט אין יאָר 1939. און אַזוי האָבן מיר זיך באַגעגנט אין זיין פּינסק, וווּ ער איז געווען געשעצט און באַליבט פון קליין און גרויס. אוודאי האָט ער זיך מיט מיר דערפרייט. די פרייד איז שוין אָבער געווען געמישט מיט אַ טיפן צער.

חבר אהרן־ייִדל האָט מיר גלייך אָפּגעגעבן אַ ביוראָ־צימער פון מושב־זקנים, וווּ ער איז געווען דער דירעקטאָר. דעם זעלבן טאָג אָבער איז אַרויס אַ באַפעל פון דער פּוילישער מיליטערישער מאַכט, אַז אַלע די, וואָס זענען געקומען אין פּינסק די לעצטע 36 שעה, מוזן תיכף פאַר־לאָזן די שטאָט, אויב נישט, וועלן זיי דערקלערט ווערן ווי שפּיאָנען. חבר אהרן־ייִדל האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל פאַרט בלייבן אין פּינסק, און ער וועט שוין זאָרגן פאַר מיין זיכערקייט. צו דעם איז שוין אָבער נישט געקומען.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און צו מיר איז געקומען אונדזער טייערע און אַזוי געאַכפּערטע חברטע שרה שוועבער. מיט איר גאַנצער איבערצייגונגס־קראַפט האָט זי מיר באַוויזן, אַז איך דאַרף נעמען אויף זיך די דאָזיקע שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. איך האָב איר נישט תיכף געגעבן קיין ענטפער.

עס גייען אַוועק אַ פּאָר שעה און מען רופט מיך צום חבר נח. איך האָב געוווּסט, אַז איצט וועל איך אויף זיך מוזן נעמען די מיסיע. איך בין געווען גליקלעך ווידער צו זען דעם חבר נח! וואָרעם שוין אין די ערשטע שעהן נאָך אונדזער קומען אַהער האָבן מיר מיט אים געהאָט אַ פּיינלעכע איבערלעבונג: בעתן וואַרטן אויף אַ „פּשעפּוסטקע" אין דער פּוילישער קאָמענדאַנטור איז חבר נח אוועקגעפאַלן אין חלשות. מיר

ביידע, ראובעלע און איך, זענען געווען מאַכטלאָז עפּעס צו טאָן. דער שעף פון ביוראָ האָט טעלעפאָניש דרינגענדיק אַרויסגערופן אַ דאָקטער און נאָך דער ערשטער הילף איז געוואָרן מעגלעך אים אָפּצופירן „אַהיים". מיר האָבן גוט געוווּסט וואָס פאַר אַ שווערע קראַנקייט חבר נח האָט דורכ־געמאַכט אין די לעצטע יאָרן און דעריבער איז אונדזער אומרויִקייט דעם היינטיקן טאָג געווען באַזונדער גרויס. איצט רופט מען מיך צום חבר נח. וואָס פאַר אַ פרייד עס איז געווען פאַר מיר ווידער צו קוקן אויף זיין פּראַכטפולער געשטאַלט !

ווען איך בין צו אים אַריין, האָט שוין חבר נח אויף מיר געוואַרט. ער ציט אויס זיין ווייסע איידעלע האַנט און גיט מיר אַ וואַרעמען שלום־עליכם. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט, גלייך זיי וואָלטן פייכט געווען. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין רעכטע האַנט אויף מיין אַקסל און צו מיר גערעדט שטיל, שטילער ווי שטענדיק, און נישט צו פיל האָט ער גערעדט. דאָס איז געווען זיין שטייגער.

„חבר קלמן, האָט ער אָנגעהויבן, דער חבר וולאַדימיר האָט אויסגע־דריקט זיין הייסן פאַרלאַנג צו פאָרן קיין ווילנע, און איך מיין — זאָגט חבר נח ווייטער — אַז עס איז אַ יושר, מען זאָל דערפילן זיין פאַרלאַנג. ער איז שוין נישט יונג, דער חבר וולאַדימיר, און ווי עס מאַכט זיך... וויל ער זיך געפינען דאָרט, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן דער „בונד".

„איך בעט אייך, חבר קלמן — זאָגט צו מיר דער חבר נח — טוט עס פאַר מיר. נעמט דעם חבר וולאַדימיר און גייט מיט אים קיין ווילנע. איר וועט זען, אַז איר וועט מצליח זיין."

„יאָ, איך גיי קיין ווילנע" — האָב איך געענטפערט דעם חבר נח.

מיר האָבן זיך נאָך אַ מאָל אָנגעקוקט און ווידער האָט חבר נח גע־דריקט מיין האַנט, און איך בין אַרויס. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב געזען דעם חבר נח.

אַז ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין. ביי דער באַן זענען געווען : דער חבר לייבל בלאַנק, דער חבר דאַמאַזער, אַ יוגנט־טוער, וואָס ביידע האָבן זיך געקליבן צוריק קיין וואַרשע צו זייערע משפּחות; ווייטער : ראובן הענטשקע־מאַכער, מיין חבר אין וועג, אברהמל זשעלעזניקאָוו, דער חבר וולאַדימיר קאָסאָווסקי און איך. מיר זענען אַריין אין צוג וואָס האָט אונדז געפירט ביז לוניניעץ. דאָרטן האָבן מיר זיך איבערגעזעצט אין אַ באַן וואָס האָט אונדז געדאַרפט פירן ביז ווילנע. זיצן מיר אַזוי אין לוניניעץ אין צוג אַ שעה און צוויי און ער רירט זיך נישט פון אָרט. ס'האָט אָנגעהויבן ווערן פאַרדעכטיק. באַלד האָט זיך טאַקע באַוויזן דער באַן־נאַטשאַלניק און געמאַלדן, אַז צוליב דעם פאַרנעמען באַראַנאָ־

וויטש דורכן סאָוויעטישן מיליטער איז איבערגעשניטן דער וועג קיין וויל־נע. „אייער געלט פאַר די בילעטן קענט איר צוריקנעמען, דער צוג גייט נישט ווייטער."

עס איז אונדז געוואָרן „ליכטיק" אין די אויגן, אָבער וואָס טוט מען ווייטער ? מיר זענען געווען פאַרצווייפלט. דער איינציקער וואָס האָט זיך נישט פאַרלוירן, איז געווען אונדזער טייערער זקן, דער חבר קאָסאָווסקי.

„דאָס ערשטע, זאָגט ער, קוקט זיך אַרום, וואָס פאַר אַ צוג איז נאָך געבליבן פריי." ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז עס איז נאָך געבליבן פריי דער צוג קיין סאַרנע, האָט דער חבר קאָסאָווסקי זיך אָנגערופן : „נו גוט, מיר פאָרן קיין רומעניע."

מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין צוג. ווי לאַנג מיר זענען אַזוי גע־פאָרן, געדענק איך נישט. איך געדענק, אַז מיר זענען געקומען צו אַ סטאַציע אין מיטן דער נאַכט, און געבליבן שטיין. אַז מיר זענען נאָך נישט אין רומעניע, דאָס איז זיכער. אָבער ווּ זענען מיר ?

ווען עס איז געוואָרן ליכטיק און מיר זענען אַרויס אַ קוק טאָן, ווּ מיר זענען ערגעץ אין דער וועלט, איז אונדז ווידער געוואָרן פינצטער אין די אויגן : דער גאַנצער ריזיקער פּלאַץ אַרום וואָקזאַל איז אָנגעפּילט מיט מלחמה־מכשירים. ווער קאָן דען אויסרעכענען, וואָס דאָ איז אַלץ געווען ? פון דער דערפאַרונג פון די ביזאַיצטיקע וואַנדערונגען האָבן מיר געוווּסט, אַז ווי נאָר עס הייבט אָן שאַריען אויף טאָג, אַזוי הייבן אָן די דייטשע מאָנסטערס צו זייען טויט און פאַרניכטונג. אַלע פאַר מינוט קוקן מיר מיט שרעק צום הימל... מיר וואַרטן אַזוי שעהען און שעהען. עס איז שוין צוועלף בייטאָג.

„זעט נאָר, עס איז שוין אַזוי שפּעט. די זון שרפהט מיט אַ העליש פייער, דער וואָקזאַל איז פול מיט קריגס־מאַטעריאַלן, און די דייטשן באָמבאַרדירן נישט ! וואָס איז געשען ?"

יאָ, עס איז געשען היינט אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך. היינט האָבן די צוויי שותפים טמאים, סטאַלין און היטלער, צעריסן פּוילן אויף צוויי שטיקער. היינט זענען אויך די דריי און אַ האַלב מיליאָן ייִדן געוואָרן איבערגעגעבן אין די הענט פון די היטלער־בעסטיעס, און סטאַלין האָט דערמיט אונטערגעשריבן זייער טויט־אורטייל. דאָ ווּ מיר זענען איצט געווען, האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז די סטאַציע דאָמ־בראָוויצע, וואָס האָט שוין געהערט צום סאָוויעטישן געביט.

זענען מיר אַזוי געזעסן אין צוג ביז שפּעט נאָך מיטאָג און געוואַרט, וואָס עס וועט ווייטער זיין. מיט אַ מאָל האָבן מיר באַמערקט, ווי עס שלייכט זיך איבערן וואַגאָן עפּעס אַ יונגע פרוי, וואָס קוקט זיך אַרום אַזוי

געהיימנישפול, גלייך זי וואָלט עמעצן געזוכט. אַזוי איין מאָל און אַזוי נאָך אַ מאָל. עס האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ: דער חבר קאָסאָווסקי איז אין געפאַר! אָבער פון וואַנען עס קומט די געפאַר, איז מיר נאָך נישט קלאָר. באַלד גייט זי ווידער אַדורך און קוקט זיך איין אין יעדנס פּנים. איך פאַרשטעל דעם חבר קאָסאָווסקי, וויפל ס'איז נאָר מעגלעך. באַלד גייט די פרוי ווידער אַדורך און ווידער קוקט זי זיך איין אין יעדן. איך קאָן שוין נישט מער באַהאַלטן מיין אומרויִקייט. איך רעד מיטן חבר קאָסאָווסקי אָפּן וועגן דער פרוי, וואָס איך ווייס נישט, ווער עס באַהאַלט זיך אין איר — אַ מלאך אָדער אַ קאָמוניסטישער טייוול. דער חבר קאָ־סאָווסקי איז ווי גלייכגילטיק צו דער דאָזיקער געפאַר. פאַר אים, זאָגט ער, איז דאָס נישט קיין נייעס, שוין געזען אַזעלכעס אויך. איך באַהאַלט דעם חבר קאָסאָווסקי און אַליין גיי איך אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרמע. איצט היט איך שוין אירע טריט. מיר שפּילן כמעט מיט אָפענע קאָרטן. אַז דאָס איז אַ יידישע פרוי, איז נישט קיין ספק. דאָס מאַכט די לאַגע נאָך ערגער. ווען זי דערנענטערט זיך ווידער צו מיר, בעט איך זי עפּעס איבערצו־לייענען, וואָס איך פאַרשטיי מכלומרשט נישט. דערביי פרעג איך זי, אויף וואָס פאַר אַ סטאַציע מיר שטייען. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און די פרוי שיסט אַרויס: צי קען איך נישט איינעם אַ וולאַדימיר קאָסאָווסקי, וואָס דאַרף זיך געפינען אין דעם צוג?

איך האָב זיך שטאַרק געמוזט באַהערשן, כדי איר צו זאָגן, אַז איך האָב קיינמאָל פון אַזאַ נאָמען נישט געהערט. „אויב דער דאָזיקער — ווי זאָגט איר, הייסט ער? וולאַדימיר? נישט קיין יידישער נאָמען, דאַכט זיך — איז אייערס אַ קרוב, קאָן איך זיך נאָכפרעגן.“

„קיין קרוב מיינער איז ער נישט, זאָגט די פרוי וואָס האָט געהייסן רבקה, ווי איך האָב זיך דערוווּסט אין געשפּרעך מיט איר, „אָבער איך בין, זאָגט זי, די פאַרוואַלטערין פון דער היגער דאָמבראָוויצער יִידישער פאָלקס־שול, און אויב עס איז אמת, אַז חבר קאָסאָווסקי געפינט זיך טאָקע אין דעם צוג, וואָלט איך אים געגומען מיט זיך. איך וואָלט אים איינגע־אָרדנט אין אַ צימער פון דער שול וואָס איז היינט צום באַדויערן נישט טעטיק.“

איך האָב רבקהן, דער פאַרוואַלטערין פון דער דאָמבראָוויצער יִידי־שער שול, פאַרזיכערט, אַז זי קאָן גיין אַהיים; אַז אויב איך וועל דעם חבר קאָסאָווסקי („אַ ייִד, זאָגט איר, איז ער?“) ערגעץ געפינען, וועל איך אים ברענגען צו איר אין הויז.

איך האָב זיך דורכגערעדט מיטן חבר קאָסאָווסקי, וואָס ווייטער צו טאָן. מיר האָבן באַשלאָסן זיך גוט נאָכצופרעגן, ווער עס איז די רבקה.

אין די אָוונט־שעהן האָבן מיר זיך אַריינגעשטעלט אין איר הויז. די פרייד פון דער חברטע רבקה, אַז זי האָט אונדז דערזען, איז נישט צו באַשרייבן. זי האָט געוויינט און געלאַכט און געשטראַלט פון גליק. זי האָט דערציילט, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, ביז זי האָט זיך דעצידירט צוצוגיין צו אַן אומבאַקאַנטן מענטשן פרעגן וועגן חבר קאָסאָווסקי. זי איז אַרומגעגאַנגען שעהן־לאַנג אַ נישט־דעצידירטע. פאַרוואָס זי האָט זיך אָפּגעשטעלט גראָד אויף מיר, קאָן זי זיך נישט דערקלערן.

נאָכן אָפּפרייען זיך דערוויסן מיר זיך, אַז אין שטאָט גייען אַרום קלאַנגען, וואָס זי האָט מורא פאַרן מויל צו ברענגען. מען רעדט וועגן אַרעסטירטע בונדיסטן וואָס ווערן געפּייניקט אין די טורמעס. גראָד היינט האָט זיך באַוויזן אין שטאָט אַ קליין פלאַקאַטל: „פריקאַז נומער 1", וואָס זאָגט אָן די בשורה, אַז די שטאָט האָט שוין אַ סאָוויעטישן „קייסער". באַלד נאָך דעם איז אין שטאָט געוואָרן אומרויִק. עס האָט אָנגעהויבן אויספעלן ברויט, צוקער, קאַרטאָפל... מיכאַלקע, דער נעכטיקער בוידעם־גנב מיטן גרויסן נאַגאַן ביי דער זייט, האַלט אין איין אַרעסטירן יִדישע און נישט־יִדישע פּערזענלעכקייטן.

מיר האָבן פאַרבראַכט אין דער שול אין דאָמבראָוויצע אַ געוויסע צייט. פלוצלונג איז געוואָרן פאַראָרדנט אַ פּערזענלעכע רעגיסטראַציע, און די וואָס האָבן אויס רחמנות אַריינגענומען צו זיך פּליטים, זענען געוואָרן אויסגעשטעלט אויף געפאַר.

עס האָט זיך דערנענטערט דער האַרבסט און די קעלטן האָבן דער־מאָנט, אַז מיר זענען אַרויס פון אונדזערע היימען „אויף דערווייל". דער חבר קאָסאָווסקי האָט אויף זיך געטראָגן אַ גומען מאַנטעלע וואָס מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט ער פאַר דעם געהאַט געצאָלט צוועלף זלאָטעס. איצט איז דאָס שוין געווען אָפּגעטראָגן און פאַרן מזרחדיקן ווינטער אַ קנאַפּע באַוואָרעניש. זענען מיר אין דרייען, חבר לייבל בלאַנק, חבר קאָסאָווסקי און איך, אָוועק צו אַ באַקאַנטן שניידער און ביי אים איינגעהאַנדלט דריי וואַטענע קורטקעס צו פינף און דרייסיק זלאָטעס אַ שטיק — פאַר יענער צייט אַ ווילדע מציאה — און שטילערהייט זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין קיין ווילנע. אונדזער חברטע רבקה האָט דעם חבר קאָסאָווסקי שוין נישט מער געוואָלט אָפּהאַלטן פון פאָרן ווייטער, וואָרעם אויך פּליטים האָבן שוין געמוזט זיך רעגיסטרירן.

אין איינעם אַ טאָג האָט מען אונדז אָנגעזאָגט, אַז אויפן וואָקזאַל אין דאָמבראָוויצע פאַרמירט זיך אַ צוג וואָס וועט היינט ביינאַכט אָפּפאָרן קיין באַראַנאָוויטש. ווייטער, האָט אונדזער פריינט געהיימנישפול צוגעווונקען, ווייטער וועט גאָט העלפן. מיר טאָרן אָבער נישט פאַרלירן קיין צייט. דער חבר קאָסאָווסקי האָט זיך אין דעם אָנגעכאַפּט.

ווען מיר זענען אַרויס צו דער באַן, איז אין דרויסן געווען חושך מצרים. אַ דריבנער רעגן האָט געשטאָכן ווי מיט נאָדלען. מיר זענען בשלום אָנגעקומען צום וואָקזאַל און זיך אַריינגעזעצט אין אַן אָפענעם לאַסט־צוג וואָס מ׳האָט נאָר וואָס געפירט אין אים קוילן, און צוליב דעם רעגן האָט זיך געבילדעט אַ שוואַרצע בלאָטיקע מאַסע. חבר קאַסאָווסקי האָט פאַרלאַנגט אויף קיין זאַך נישט צו קוקן — נאָר פאָרן.

עס איז געווען אַ צער צו זען, ווי אַזוי דער דאָזיקער זקן און גייסטיקער ריז האָט געליטן און געקעמפט קעגן יעדער פאַרלייכטערונג אויף עמעצנס חשבון. נאָך אַ נאַכט פאָרן זענען מיר אָנגעקומען אין דער שטאָט באַראַנאָוויטש. דאָ האָבן מיר זיך שוין איבערגעזעצט אין אַ נאָר־מאַלן צוג פאַר מענטשן און מיר זענען אָנגעקומען בשלום אין ווילנע.

מיין שליחות איז געווען אויסגעפירט.

# אין ירושלים דליטא

## צום ערשטן מאָל אין ווילנע

נאָך לאַנגע וואָכן פון שווערע וואַנדערונגען בייטאָג, דער עיקר אָבער אין די נעכט, זענען מיר ענדלעך אָנגעקומען אין ווילנע. מער נישט, די סאָוויעטישע היילות זענען אונדז פאַרלאָפן דעם וועג. זיי האָבן פאַרנומען די שטאָט מיט פיר טעג פריער, דאָס הייסט אין דער נאַכט פון כל־נדרי, און אָנגעקומען זענען מיר אין ווילנע, ווען ייִדן האָבן שוין געדאַרפט זיך זעצן אין סוכה.

אונדזער ערשטע פראַגע איז געווען: הזאת־נעמי? דאָס איז ווילנע? וואָרעם דער ערשטער איינדרוק איז געווען: אַ טויטע שטאָט. ייִדן שאַרן זיך ביי די ווענט, ווי זיי וואָלטן וועלן אַריינוואַקסן אין זיי, זיך איינשרומפּן, מען זאָל זי נישט אָנזען. אויף דער גאַס גייען זיי נישט, נאָר לויפן דורך, ווי זיי וואָלטן וואָס פריער וועלן זיין ביי זיך אין הויז; ס'איז זיכערער, אַזוי מיינען זיי.

ווילנע! צום ערשטן מאָל האָבן מיר איר ערד באַטראָטן. וויפל חלומות און אַסאָציאַציעס האָט אַ ייִדישער מענטש פאַרבונדן מיטן ייִדישן ווילנע! ווילנע — ירושלים דליטא, ווילנער נוסח, ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינס־טיטוט, ייִדישע פּרעסע, ייִדיש טעאַטער, ייִדיש־וועלטלעכע שולן, סטראַשון־ביבליאָטעק, ווילביג־כאָר, גר־צדק, ווילנער גאון, ד״ר יעקב וויגאָדסקי, ד״ר צמח שאַבאַד, הרב עוזר גראָדזשענסקי, ווילנער כאָר־שול, וווּ עס האָט געקיניגט דער באַרימטער חזן מרדכי הערשמאַן, און ועל־כולם — דאָ איז דאָך געבוירן געוואָרן דער בונד! אין דאָזיקן ייִדישן ווילנע בין איך געקומען מיט מיין וועג־חבר פון לאַנגע וואָכן, מיט ראובעלע הענטשקע־מאַכער (קושניר), און צוזאַמען מיט אונדז איז, אין דעם זעלבן צוג, אויך געקומען אונדזער אַלטער חבר, איינער פון די גרינדער פון „בונד״, דער ליבער זקן וולאַדימיר קאָסאָווסקי.

דאָס איז נאָר געווען זיין פּאַרטיי־נאָמען. איבער צוואַנציק יאָר האָט ער אונטערן נאָמען וולאַדימיר קאָסאָווסקי געקעמפט קעגן פאַרהאַסטן צאַ־

ריזם, פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט און פאַר ייִדיש נאַציאָנאַלן רעכט, געלאָפן פון שטאָט צו שטאָט, געוואַנדערט פון תּפיסה צו תּפיסה. קאָסאָווסקי איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס פון איר איז צום באַדויערן אַ־רויסגעוואַקסן דער באָלשעוויזם. און מיטן באָלשעוויסטישן אָפּגאָט, מיט לענינען, האָט ער געפירט אַ ביטערן שטרייט, ווייל שוין דעמאָלט האָבן זיי אָפּגעזאָגט דעם ייִדישן פאָלק דאָס רעכט פון אַ נאַציע.

אין די ווייטערדיקע יאָרן, צווישן ביידע וועלט־מלחמות, האָט וולאָ־דימיר קאָסאָווסקי געמוזט קעמפן אויף לינקס קעגן די קאָמוניסטישע אַסימילאַטאָרישע קנעכט, און אויף רעכטס — קעגן אַלע פּויליש־אַנטיסע־מיטישע רעאַקציאָנערע רעגירונגען. ווען ער איז, אין יאָר 1939, לויפנדיק פון היטלערן, אָנגעקומען קיין ווילנע, אין זיין ווילנע, האָט דער נאָמען וולאַדימיר קאָסאָווסקי געמוזט פאַרשווינדן, און אַ נייער נאָמען האָט גע־דאַרפט פאַרנעמען זיין אָרט: נחום מענדל לעווינסאָן. דאָס האָט אים געראַטעוועט, נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער סאָוויעטישער גע־היים־פּאָליציי.

איך מיט מיין וועג־חבר ראובן הענטשקע־מאַכער זענען געוואָרן אַרויסגעפירט צו אַ חבר אויף סטראַשון־גאַס נ׳ 12. אסתר, די באַלעבאָסטע, מיט אַ שאַרפער ליטווישער „סין״, האַלט זיך אין איין באַקלאָגן אויף איר ביטער מזל — צו גוט איז איר, ווייזט אויס, שוין נישט געווען. איר מאַן, דאַקעגן, דער חבר שעפּסל וואַסערמאַן, איז געווען אַ שטילער, אַ רייִקער; זיינע ווערטער זענען ביי אים אַרויסגעקומען, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך גע־גליטשט איבער ווייכן פּליוש.

מיר, די צוויי נאָר־וואָס געקומענע אורחים, מיט אַזוי פיל איבער־לעבונגען אין שווערן וועג און הונגעריק ווי מיר זענען געווען, מיר וואָלטן מיט גרויס חשק עפּעס געגעסן, נאָר די באַלעבאַטים גיבן נישט. פאַרוואָס? דאָס האָט די פינף־יאָריקע ליזאַ פאַר אונדז אַנטפּלעקט. ווען זי האָט מיט איר וויינענדיק קולכל געבעטן: מאַמע, איך וויל עסן! האָט די מאַמע זי באַרויִקט: באַלד, קינד מיינס, וועט דער טאַטע פאַר דיר ברענגען עסן. פון וואַנען? אַז עפּעס קריגן צו קויפן, איז אָנגעקומען קריעת־ים־סוף.

מיר זענען אַראָפּ אין גאַס, אפשר וועלן מיר זיין מער מזלדיק און קריגן עפּעס אויף איבערצוכאַפּן. חבר שעפּסל אָבער וואָרנט: פאַר בונ־דיסטן, זאָגט ער, איז די סכנה היינט זייער גרויס! און מיר האָבן טאַקע באַמערקט, אַז די מענטשן גייען נישט, נאָר זיי לויפן ווי געיאָגט פון אַ שׂרפה, און ווילן וואָס ווייניקער זיין אויף דער גאַס, און אַז מען פרעגט עפּעס עמעצן, פּטרט ער אייך אָפּ מיט אַ סטערעאָטיפּישן ענטפער: דאָרט!

אַנדערע ענטפּערן: איך ווייס נישט; און נאָך אַנדערע ענטפּערן גאָרנישט און לויפן ווייטער.

מיר זענען אויף אַן אמת געוואָרן אומרויִק — אַט דאָס זענען די ווילנער ייִדן, וואָס פון זיי האָבן מיר געלערנט אַ לעבן־לאַנג? געחלומט פון זיי?... מיט אַזעלכע שווערע מחשבות האָבן מיר זיך געלאָזן צו אַנדערע חברים, צו דער האַרציקער משפחה זשעלעזניקאָוו. אויך דאָ האָט מען תיכף געקאָנט זען אויסגעגאָסן דעם טרויער אין אַלעמענס אויגן, נאָר פאָרט זענען מיר געוואָרן אויפגענומען ווי אמתע חברים און ווי אייגענע משפּחה־מענטשן. חבר זשעלעזניקאָוו האָט מיר צעקנעפּלט מיין וואַטאָוון קאַפּטן, וואָס צוזאַמען מיטן חבר קאָסאָווסקי האָבן מיר געהאַט איינגעהאַנדלט נאָך אין דאַמבראָוויצע פאַר פינף און דרייסיק זלאָטעס אַ שטיק. געוואָלט האָט ער וויסן, דער חבר זשעלעזניקאָוו, צי האָב איך אַ העמד אויף זיך און ווי אַזוי זעען אויס מיינע שיך. למאי זאָל איך לייקענען? ער איז פון מיין הולך נישט געוועזן איבעריק אַנטציקט.

גאָר שטאַרק האָבן מיט אונדז זיך פאַרנומען די חברטע זשעלעז־ניקאָוו און איר טאָכטער — צוויי הערלעכע פרויען־געשטאַלטן פון ווילנע, ביידע קינדער־דערציערינס. אָבער פאַרוואָס ליגט אַזאַ טרויער אויסגעגאָסן אויף די גאַסן, אויף דער שטאָט, אויף די מענטשן? גאָר באַזונדער אויף געזעלשאַפטלעכע טוער, גלייך ווי עס וואָלט געווען ערב תשעה־באב?

אַז חבר זשעלעזניקאָוו איז אין אַ גרויסער סכנה, ווייסן אין הויז אַלע, וואָרעם היינט אין אָוונט וועט זיין די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די האַנדלס־אַנגעשטעלטע. דאָס איז אַ גרויסער פאַראיין מיט אַ בונדישער פאַרוואַלטונג. דאַרפן זיי זיך היינט אַרויסזאָגן, צי זענען זיי פאַר אַ סאָ־וויעטישער דיקטאַטור! און זשעלעזניקאָוו דאַרף זיין דער רעפערענט. איז ער איבערצייגט, אַז דאָס איז זיין לעצטע נאַכט ביי זיך אין דער היים. און ער האָט קיין טעות נישט געהאַט.

פריער אָבער דאַרף ער זיינע חברים פאַרזאָרגן מיט אַ מקום־מנוחה. מיר האָט ער געגעבן אַ צעטל צו זיין פריינט ווערסעס, אַ פאַרמעגלעכער ייִד אין ווילנע, אויף זאַרעטשע־גאַס נ׳ 10. אַז דער ייִד האָט דערזען דאָס צעטל, האָט ער צו מיר געזאָגט: „פון היינט אָן זענט איר ביי אונדז ווי אין אַן אייגענער משפחה, און אַזוי טאָקע זאָלט איר זיך ביי אונדז פילן“. נאָך דעם יום־טוב־מאַלצייט זאָגט צו מיר ווערסעס אַזוי: „אויב איר זענט אַ פרומער ייִד, קומט מאָרגן מיט מיר אין שול אַריין דאַווענען. זענט איר עס נישט, וועט דאָס אַזוי אויך זיין גוט, אָבער קומען צום טיש זאָלט איר.“

איך בין אָבער צום דאַווענען נישט געקומען און אויך נישט צום טיש, ווייל ס׳איז שוין געווען אַ דוחק אין שפייז־מיטלען. כאָטש ס׳איז גאָרנישט געווען שווער זיך פאַרצושטעלן דעם צער פון די ייִדן, וואָס האָבן מיך

אויפגענומען מיט דער גאַנצער פריינטלעכקייט פון אַ ברודער אין אַ צרה, איז דאָס אָבער געווען דאָס צווייטע מאָל וואָס איך בין געווען אַן אורח ביי אַ פרעמדן טיש: דאָס ערשטע מאָל, מיט צוואַנציק יאָר צוריק בעת דער פויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה, און דאָס צווייטע מאָל איז עס געווען היינט. מער האָב איך עס נישט געקאָנט.

דעם ערשטן טאָג סוכות בין איך אַוועק פראַווען מיין יום־טוב־סעודה אויף נאַוואָגראַדסקע־גאַס, איינס פון די אָרעמסטע ווילנער געסלעך וואָס מען האָט גערופן „האַלצמאַרק", וואָס איז באַווינט געווען פון דער גאַנצער יידישער אָרעמקייט, און דאָרט איז געווען אַ קיך פאַר מדינה־גייערס. צי האָט מען דאָרט געצאָלט עפּעס פאַרן ביסל עסן, געדענק איך היינט שוין נישט, אַהין זענען מיר עס איצט אַוועק צו דערכאַפּן זיך דאָס לעבן.

קודם כל, האָט דער משגיח דערקלערט, אַז ווער עס וויל דאָרט עסן שבת אָדער יום־טוב, מוז ער פריער באַשטעלן. מיר האָבן עס אָבער נישט באַוויזן, דעריבער איז אוממעגלעך אַזאַ מיטאָג צו באַקומען היינט. זענען זיי דאָך אָבער געווען יידישע גזלנים, די ווילנער, און האָבן באַשלאָסן, אַז הונגעריקע וועלן זיי אונדז פון דאַנען נישט אַרויסלאָזן. צום באַדויערן איז עס געווען אַזאַ שפּייז, אַז ווי הונגעריק מען איז נישט געווען, איז עס געווען אוממעגלעך צו עסן. אוודאי האָט מען דאָ שפּעטער אַ סך מאָל געגעסן און עס האָט שוין גוט געשמעקט אויך; צו וואָס קאָן זיך דען אַ מענטש נישט צוגעוווינען?

די פאַרזאַמלונג פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע איז אין דעם אָוונט פאַרגעקומען. דער חבר זשעלעזניקאָוו האָט געהאַלטן זייער אַ שאַרפע רעדע קעגן קאָמוניסטישער געוואַלד־הערשאַפט און כמעט די גאַנצע פאַרזאַמלונג האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דיקטאַטור. אין דער זעלבער נאַכט איז זשע־לעזניקאָוו געוואָרן אַרעסטירט און ערגעץ ווו דערשאָסן.

אַזאַ געשיכטע האָט זיך איבערגעחזרט אין ווילנער שניידער־פאַר־איין, וואָס איז לאַנגע יאָרן געווען באַהערשט פון קאָמוניסטן. בלויז דער סעקרעטאַר שעפּסל איז געווען אַ בונדיסט. אויך דאָ, נאָכן רעפעראַט פונעם סעקרעטאַר, איז די גאַנצע „קאָמוניסטישע" פאַרזאַמלונג געווען קעגן דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור. אין דער זעלביקער נאַכט איז שעפּסל גע־וואָרן אַרעסטירט. בלויז פיר חדשים איז ער געווען פאַרשפּאַרט אין אַ סאָוויעטישער תפיסה. אַריין איז ער דאָרט אַ יונגערמאַן מיט אַ שוואַרץ־האָריקן קאָפּ, אַרויסגעקומען איז ער פון דאָרט אַ גרייז גראָער צעבראָ־כענער זקן.

דערווייל איז ווערסעס אַרומגעלאָפן מיך זוכן און געפונען האָט ער מיך שוין נאָך די אַרעסטן פון די צוויי באַליבטע בונדישע טוער, שעפּסל וואַסערמאַן, וואָס האָט הויך רעדן פּשוט נישט געקאָנט, און דעם ברויזנדיקן

יאַנקל זשעלעזניקאָוו. די שטימונג אין שטאָט איז געווען אַ געדריקטע. אַז דאָס איז ערשט די פּרעלודיע צו דעם וואָס וועט קומען שפּעטער, דאָס האָבן אַלע פאַרשטאַנען, און אוודאי האָט זיך דאָס שטאַרק אָפּגעפּילט ביי דער ווערסעס־משפּחה אין הויז, און ווער רעדט שוין ביי מיר, וואָס איך בין געווען אַ נאָענטער חבר פוןביידע אַרעסטירטע.

באַלד איז געקומען אַ נייער באַפעל : אַלע פּאַרטייען וואָס האָבן פריער געאַרבעט אויפן שטח פון ווילנע, מוזן קומען זיך רעגיסטרירן. דעם „בונד" האָט רעגיסטרירט די חברטע אַננאַ ראָזענטאַל, איינע פון די הערלעכסטע פרויען־געשטאַלטן, וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט פון זיך אַרויסגעגעבן. אין דער זעלבער נאַכט איז זי געוואָרן אַרעסטירט. וולאַדימיר קאָסאָווסקי, ווע־מען זי האָט ביי זיך אויסבאַהאַלטן, האָט זיך אָפּגעראַטעוועט בלויז דערפאַר, ווייל איצט איז ער שוין געווען נחום־מענדל לעווינסאָן.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתע כוואַליע פון אַרעסטן. עס זענען געוואָרן אַרעסטירט אַלע די, וואָס האָבן רעגיסטרירט זייערע פּאַרטייען. דעמאָלט זענען אויך געוואָרן אַרעסטירט די בונדישע ראַטמענער פון קהילה און שטאָטראַט : יוסף אַראַנאָוויטש, אַדוואָקאַט טייטל, אברהם פיינזילבער, ווייגשטיין און אַנדערע, און אויך דער שטענדיקער פּאַרטיידיקער פון קאָמוניסטן, אַדוואָקאַט טשערניכאָוו מיט זיין משפּחה; דער רעדאַקטאָר פון ליגק־אַריענטירטן „ווילנער טאָג", זלמן רייזען מיט זיין משפּחה. די אַ־רעסטן־כוואַליע איז אויך אַנגעגאַנגען צווישן די פּליטים. ווער האָט עס געקאָנט אויסרעכענען די אומצאָליקע הונדערטער קרבנות ?

איין כאַראַקטעריסטישער פאַל וואָס דאַרף וואָס ווערן פאַרצייכנט, איז געשען מיטן באַרימטן פּאַרטיידיקער פון די ייִדן אין פּשיטיקער פּראָצעס נאָכן פּאָגראָם, דעם אַלטן אַדוואָקאַט פּעטרושעוויטש, וואָס איז געווען איינער פון די שענסטע אוהבי ישראל. האָט ער אָבער געהאַט ביי דער סאָוויעטישער פּאָליציי אַן אַלטן חטא אויף זיך, דהיינו : ער איז אַמאָל געווען מיניסטער אין אַ נאַציאָנאַל־אוקראַיִנישער רעגירונג און ווי אַזעלכער איז ער געוואָרן אַרעסטירט צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפּחה. אָבער נאָך אַ חודש ווערן געפּייניקט אין תפיסה זענען זיי אַלע פּאַרט באַפרייט גע־וואָרן. די פרייד פון די ווילנער ייִדן איז געווען אין לשער. זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט באַהאַלטן זייער צער, וואָס קיין איינציקער פון די אַרעס־טירטע ווילנער ייִדישע געזעלשאַפטלעכע טוער, אויסער אברהם פיינזילבער און אויך טשערניכאָווס אַ זון, איז נישט אַרויס לעבעדיק פון זייערע הענט.

נישט באַוויזן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם פון די פריִערדיקע געשעענישן, און שוין זענען געקומען נייע. אין אַ פּריקאַז (באַפעל) צו אַלע פּליטים, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט קיין ווילנע, איז געוואָרן באַפוילן, אַז זיי מוזן איצט קומען זיך רעגיסטרירן, מוזן אָנשרייבן זייער ביאָגראַפיע, זייער לעבן

און טעטיקייט אין דער פריִערדיקער היים, צו וואָס פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין און פּאַרטיי זיי האָבן פריִער געהערט, און וואָס זיי טוען איצט, און ווו זענען זייערע איצטיקע דירות און די גענויע אַדרעסן. אויך וועגן זייערע עלטערן און עלטערנס עלטערן האָבן די רוסן אַלץ געוואָלט וויסן. דאָס האָט געמיינט שטעלן אין סכנה די, וואָס האָבן אויס רחמנות אַריינ־גענומען צו זיך ייִדן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון היטלער־גיהנום. טויזנטער ייִדן האָבן אויסגעפילט די קילאָמעטער־לאַנגע רעגיסטראַציע־רייען. טעג און נעכט זענען זיי אָפּגעשטאַנען. און באַלד נאָך דעם איז געקומען אַ נייע כוואַליע פון אַרעסטן, וואָס האָבן געטראָפן מאַסן בונדישע, ציוניסטישע, אָרטאָדאָקסישע, דעמאָקראַטישע און גלאַט געזעלשאַפטלעכע טוער, סיי ווילנער תושבים און סיי פּליטים. אַ גרויסע צאָל פון זיי זענען פאַרשווונדן געוואָרן ביזן היינטיקן טאָג.

מיינע טייערע און האַרציקע מכניסי־אורחים, די משפּחה ווערסעס ז״ל, וואָס האָבן פריִער זיך אַזוי איינגעשטעלט, אַז נישט אַנדערש נאָר ביי זיי זאָל איך האָבן מיין מקום־מנוחה, זענען איצט ביי יעדן מאָל פון מיין אַריינקומען געוואָרן אַלץ מער און מער טרויעריק. דער פּחד איז ביי יעדן פון זיי געלעגן אין זייערע אויגן. האָב איך זיין צער מער נישט גע־קאָנט אויסהאַלטן און האָב, אין איינעם אַ פאַרנאַכט, אויפן צווייטן טאָג מיט זיי זיך האַרציק געזעגנט און איך בין פון דאָרט אַוועק. שטיי איך איצט אין מיטן גאַס אַ פאַרלוירענער פון וועלט און מענטש, מיט דער פראַגע וואָס עקבערט אין קאָפּ: וווהין גייט מען איצט? אַז ס׳איז שוין כמעט נישטאָ קיין הויז פון אַ ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן טוער, וואָס ביי אים זאָל מען שוין נישט האָבן אַרויסגעריסן וועמען פון דער משפּחה. האָט מיין געדאַנק זיך ווידער געוואָנדן צום האַלצמאַרק, צו דער קיך פאַר מדינה־גייער אויף נאָוואָגראָדסקע־גאַס.

בין איך אָבער שוין נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט דאָ געזוכט אַ מקום־מקלט. עס האָבן פּלוצלינג זיך באַוויזן ייִדן מיט רבנישע באָרד און פּאות, אַנדערע מיט פריצישע וואָנצעס, און נאָך אַנדערע מיט הויכע שטיוול און סטאַלין־היטלען מיט די דאַשקעס אַרויף; אַלץ, כדי פון זיך אַראָפּוואַרפן יעדן סימן, אַז מען האָט אַמאָל געהאַט אַ מענטשלעכן אויסזען. אַ גאַר באַזונדערע פּלאָג זענען געוואָרן די פאַרדעכטיקע טיפן מיט שאַרפע אויגן, וואָס האָבן ווי ווערעם זיך געגומען פּלאָדיען. איך אָבער האָב נישט געזען קיין תכלית אין פאַרמאַסקירן זיך, בפרט דאָ אין קיך, ווו הונדערטער מענטשן קענען מיך. אָבער ווו הייבט מען אָן צו גיין? האָב איך געזוכט אַזוי לאַנג, ביז איך האָב אַריינגעטראָפן צו ליפּע שאַפּיראָ אויף קוויאַטאָווע נ׳ 7, און דאָ האָב איך אויפגעשטעלט מיין שניידעריש געצעלט. ר׳ ליפּע, אַן אַלטער ווילנער תושב, אַ פריילעך

שניידערל, וואָס ביי אים האָב איך פון ערשטן בליק נושא־חן געווען, האָט שוין ווייט געהאַט אַריבערגעשפּאַנט די זיבעציקער. האָט ער ווייטער שוין נישט געקאָנט ציִען נאָדל־פּאָדעם, אַזוי אַז ער האָט איצט מיר אי־בערגעגעבן דאָס שניידערישע סידורל מיטן טייטהעלצל, „און איצט — זאָגט ער צו מיר — גיי דו אין חדר אַריין!״ — און איך בין געגאַנגען.

און עס האָבן זיך גענומען יאָוועץ קונים מיט אַרבעט, וואָס האָט געסטייעט אַזש פּאַר נאָך צוויי שניידערס וואָס איינער פון זיי איז גע־ווען דער חבר זלמן וואַילאַנד, אַן אמתער ערודיט. ער האָט זיך גאָר אויס־געצייכנט אין די קליינע גמרא־אותיות, געקאָנט לייענען און ליב געהאַט אַ גוט יִדיש בוך, געווען אַ מבין אויף אַ גוט ליד. יש אומרים, אַז בסוד־סודות שרייבט ער אויך לידער.

צווישן זיינע חסרונות איז געווען דאָס וואָס ער איז געווען אַ געלינקטער. ער האָט זיך אָבער גאָר גוט אַן עצה געגעבן ביים ריגעווען זיינע קעלנער און קלאַפּעס.

דער צווייטער, שמואל קרויזמאַן, איז אייגנטלעך קיינמאָל נישט געווען קיין שניידער, נאָר געווען אַ סך יאָרן אַן אָנגעשטעלטער אין באַ־קלייד־פּאַראיין, האָט ער עפּעס אויסגעלערנט דערביי, און ער איז איצט אויך אַריין אין ר׳ ליפּע שאַפּיראָס שניידער־ווערקשטעל. לאַנג אָבער איז ער דאָ נישט געבליבן, ער איז צוריק אַוועק צו ווייב און זון. אויפן וועג איז ער געכאַפּט געוואָרן פון די סאָוויעטן, געווען געצוווּנגען צו אַרבעטן אויף די לאַסט־וואַגאָנען, זיך פאַרקילט, געקראָגן אַ בויך־טיפּוס און אַזוי אויסגעגאַנגען. די סיבה פון אונדזער אויסערגעוויינלעכן דער־פֿאָלג איז געווען אַ פּשוטע: ווען מיר זענען אַרויס פון אונדזערע היי־מען, זענען עס געווען שיינע וואַרשעווער סעפּטעמבער־טעג, היינט אָבער זענען מיר אין ווילנער קאַלטן נאָוועמבער, אונטער דער „גליקלעכער״ סאָוויעטישער אָרדענונג, ווו נאָך יעדן ביסן דאַרף מען אָפּפרירן גאַנצע נעכט אין אָטשערעד (אין רייען) און נישט איין מאָל אַהיימקומען מיט ליידיקע הענט. צווישן אונדזערע קליִענטן זענען געווען אַזעלכע, וואָס פריער האָבן זיי געטאָן כל עבודת פרך און געווען גליקלעך פון אַרויס־רייסן דאָס ביסל חיונה: ברויט פאַר ווייב און קינד, און ווי האָבן זיי געקאָנט טראַכטן וועגן אַ לייטישן מלבוש? עס זענען אָבער אויך גע־קומען קונים, וואָס האָבן פריער גאַרנישט נישט געדאַרפט געבן פאַר־ריכטן, און אַז זיי זענען געוואָרן פאַריאָגט פון זייערע היימען און געקו־מען צום איצטיקן מעמד, זענען מיר אויך פאַר זיי געווען ווי מלאכים צוגעשיקטע פון רבונו של עולם. צווישן זיי זענען געווען די באַרימטע שרייבער איטשעלע יאָושזאָן און י. י. טרונק. (וועגן זיי וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרייבן באַזונדער).

אין אַ שײנעם טאָג האָט אין ר׳ ליפּעס שנײדער־שטוב זיך אַרײנ־געשטעלט אַ מאָדנער קונה: דער ח׳ ח. וו. קײן אָנצוג זיך צו מאַכן איז ער נישט געקומען, אויך נישט קײן מאַנטל — אַזעלכע לוקסוסן ליגן אים הײנט נישט אין זינען. ער קומט — דערצײלט ער — פון פּינסק, ווו עס ברענט שוין די ערד אונטער זײַנע טריט. אײן מאָל האָט שוין די ג. ק. וו. ד. אים געהאַט פאַרבעטן אויף אַ „זײער וויכטיקן שמועס"; אויפן אַנדערן טאָג האָט געדאַרפט זײַן דער המשך — אויף דעם טאָר ער שוין איצט נישט וואַרטן. „און איר, זאָגט ער צו מיר, מוזט מיך באַהאַלטן, און איר וועט עס געוויס טאָן." אוודאי האָב איך עס געטאָן, כאָטש לײכט איז דאָס דע־מאָלט שוין נישט געוועזן, וואָרעם אויך די שכנים האָבן שוין אָנגעהויבן פרעגן אויף דעם און אויף יענעם, און „ווער איז דאָס דער נאָר־וואָס־געקומענער?" געהײסן האָט עס, אַז דער איז מײַן פעטער. אַכצן טעג האָב איך געהאַלטן אין באַהעלטעניש דעם דאָזיקן „פעטער". ער איז נישט געוועזן דער אײנציקער וואָס האָט בײַ ר׳ ליפּען אין שנײדער־שטוב געפונען אַ באַהעלטעניש. אַ סך „פעטערס" זענען דעמאָלט צו מיר געקומען. די אײנציקע מעלה פון ר׳ ליפּען איז געוועזן, וואָס גראָד ער האָט טאַקע צום ווינציקסטן געפרעגט; אַבי נאָר ווען ס׳איז געקומען דער חודש, האָט ער פּינקטלעך באַקומען זײַן דירה־געלט, נאָך מיט אַן עודף — איז ער געווען צופרידן, און אַזוי איז אַלץ געגאַנגען מיט זײַן גאַנג. קונים זענען אַוועק, אַנדערע זענען אויף זײער אָרט געקומען מיט כלערלײ שנײדערישע מיחושן, וואָס צו זײ האָט מען געמוזט געפינען די ריכטיקע רפואה.

מיטאַמאָל האָבן זיך גענומען טראָגן קלאַנגען, אַז די סאָוויעטן האָבן אַוועקגעשאַנקען ווילנע צו די „קלומפּעס" (אַ זידלוואָרט אויף די ליטווינער). פון וואַנען האָבן זיך גענומען די דאָזיקע קלאַנגען? דאָס האָט קײנער נישט געקאָנט דערקלערן. פונדעסטוועגן זענען זײ געגאַנגען פון אויער צו אויער און יעדער האָט געהאַט עפּעס וואָס צוצוגעבן. אַזוי האָט די שטאָט אָנגעהויבן לעבן מיטן געדאַנק, אַז אפשר טאַקע יאָ, כאָטש מען האָט גוט געוווּסט, אַז די סאָוויעטן גײען נישט אַוועק פון אַ שטאָט גלאַט אַזוי, בפרט שענקען מתנות זענען זײ קנאַפּע בעלנים. און ווער ווײסט, וואָס פאַר אַ טײוואָלאַנישער געדאַנק עס באַהאַלט זיך אונטער די דאָזיקע מתנות? אַ רמז, אַז די קלאַנגען קאָנען אַ מאָל זײַן אמת, האָבן מיר באַקומען פון דער סאָוויעטישער זײט גופא: זײ האָבן אָנגעהויבן, אַזוי ווי אמתע אַנטלויפנדיקע אָקופּאַנטן אויסרויבן ווילנע. אַלץ וואָס האָט נאָר געהאַט דעם קלענסטן ווערט, האָבן זײ אַרויסגעפירט אין משך פון לאַנגע וואָכן, אויך רויע און פאַרטיקע קאָלאָשן, צוזאַמען מיט די מאַ־שינען און אַרבעטער. מען איז זיך נישט באַגאַנגען אַן בלוטיקע קאַמפן

צווישן די פאַבריק־אַרבעטער מיטן מיליטער. מען פלעגט אויך דער־קלערן „איטאַליעניש שטרייקן", הונגער־שטרייקן און אָקופּירן און זיצן אין די פאַבריקן. אויך אין די אייזן־פאַבריקן און קראַמען זענען געווען צוזאַמענשטויסן צווישן אַרבעטער און מיליטער. אַ בלוטיקער קאַמף צווישן מיליטער און אַרבעטער איז פאָרגעקומען אין די עלעקטריע־פאַבריקן, קעגן דער עוואַקואַציע פון די מאַשינען צוזאַמען מיט די אַרבעטער. דאָס מאָל האָבן די אַרבעטער געזיגט — ערשט אויף דער צווייטער נאַכט, ווען די מאַכט האָט געבראַכט פאַרשטאַרקונגען, האָט מען געקאָנט ברעכן דעם ווידערשטאַנד.

אין דער זעלביקער צייט האָבן געהיימע אַרבעטער־קאָמיטעטן אָר־גאַניזירט נאַכט־פּאַטרולן, כדי נישט צו לאָזן אַרויספירן פון דער פאַרהונ־גערטער שטאָט די לעצטע רעשטלעך שפייז־פּראָדוקטן. און דווקא אין דעם אויסראַבעווען די שטאָט האָט מען געזען אַ סימן, אַז די אַלע קלאַנ־גען קאָנען האָבן עפּעס אַ ממשות און אַז אין דעם אַרויספירן אַלץ פון דער שטאָט איז פאַראַן עפּעס אַ שכל, ווי אין אַלץ וואָס זיי טוען — אַ באַלשעוויסטישער שכל.

און ווי שטענדיק, האָבן זיך אויך איצט געפונען סקעפּטיקערס וואָס האָבן אַריינגעוואָרפן דאָס פאַרסמטע ווערטל „ייוו"אַ" („יידן ווילן אזוי"). דאָך איז עס אין איינעם אַ שבתדיקן טאָג געשען, און אָט ווי אַזוי: ווען איינער פון די שטענדיקע היטער אַכטונג צו געבן, צי די סאָוויעטישע פאָן פלאַטערט נאָך ווי ביז איצט איבער די הייזער פון דער שטאָט — האָט דערזען, צו זיין גרויסער איבעררעשונג אַז לעבן דער רויטער, סאָ־וויעטיש־„רעוואָלוציאָנערער" פאָן איז אויך געוואָרן אַ שכנטע די געלע פאַשיסטישע פאָן פון ליטע.

און נאָך עפּעס האָט ווילנע באַקומען צו זען: דאָס איז געווען אַ קול־קורא פון ליטווישן קצב, וואָס האָט מודיע געווען דער שטאָט, אַז לכבוד דעם גרויסן טאָג וואָס ווילנע ווערט אָפּגעגעבן צו ליטע, וועט זיין פלייש אין יאַטקע פון 9 אַ זייגער אין דער פרי ביז 9 אַ זייגער אין אָוונט פאַר יעדן איינעם וואָס וועט זיך שטעלן אין אָטשערעד — אַ גאַנץ פּעקל פאַר צוויי ווערטלאַזע פוילישע זלאָטעס, וואָס דאָס איז געווען דעמאָלט אַ ווילדע מציאה. די שטאָט האָט זיך געשטעלט אין אָטשערעד. עס האָט נישט געדויערט לאַנג, און דער אָטשערעד האָט זיך אויסגעצויגן אויף קילאָמעטערס לאַנג. מען קאָן זאָגן אָן גוזמא, אַז יענעם שבת האָט זיך ווילנע, נאָך לאַנגע וואָכן פון ביטערן הונגער, צום ערשטן מאָל אָנגעגעסן צו דער זעט.

דער אמתער שבת־ספּעקטאַקל האָט זיך ערשט אָפּגעשפּילט טאָקע

שבת מיטאַגצייט, ווען די ליטווישע פּורים־אַרמיי פון עטלעכע הונדערט זעלנערלעך אין די אַכטקאַנטיקע היטעלעך, ווי להבדיל די חסידישע יינגלעך אין אונדזער אַלטער היים, האָבן אַרומגערינגלט די שטאָט, זע־נען דורך אַלע אירע טויערן אַריין אין ווילנע, באַזעצט אַלע אירע סטראַ־טעגישע פּונקטן, ווי להבדיל אַן אמתע אַרמיי אין אַן אמתער מלחמה. און כדי זיך צו פאַרהיטן פון אַ הונדערט־טויזנט־קעפּיקן פּוילישן עין־הרע, האָט יעדע גרופּע פון די ליטווישע „אנשי־חיל" מאַרשירט אונטער אַ סאָוויעטישער שמירה, מיט אַ פּאָר אויסגעבאַרגטע טאַנקען, גלייך זיי וואָלטן געגאַנגען צו מי־יודע וואָס פאַר אַ שלאַכט. דאָס דאָזיקע בילד, ווי די סאָוויעטן „העלפן פעלקער זיך צו באַפרייען", דאַרף ווערן באַ־שריבן אין דער „היסטאָריע" לעולם ועד.

## מיטן חבר י. י. טרונק

אַז קינדער פון אַלע סאָציאַלע שיכטן פון יידישן פאָלק האָט עס געצויגן צום „בונד" איז נישט געווען קיין נייעס. נישט נאָר אַרבעטער אָדער אָרעמע פאָלקס־מענטשן, נאָר אויך פאַרמעגלעכע, און נישט איין מאָל האָבן קינדער פון גבירישע היימען מיט מיטעלער און העכער בילדונג געפונען זייער אידעישן וועג צום „בונד".

צום „בונד" זענען אָבער אויך געקומען אמתע תלמידי־חכמים. ס'איז געווען צו דערמאָנען אַזעלכע בני־תורה ווי דאָס זענען געווען ישראל ליכטענשטיין, יוסף כמורנער (לעשטשינסקי), אַ. ליטוואַק און אַ סך אַנ־דערע. איינער פון זיי איז געווען חבר י. י. טרונק.

וואָס האָט י. י. טרונק געזוכט ביים „בונד"? אַז געקומען איז ער פון אַ הויז, ווו ס'איז געווען תורה וגדולה במקום אחד. יידישקייט? האָט ער דאָך דאָס נישט געדאַרפט ערשט זוכן ביים „בונד", דאָס האָט ער דאָך אַליין געהאַט בשפע. אויף עשירות ווידער האָט ער אויך נישט געדאַרפט וואַרטן ביז „משיח וועט קומען". און וועגן רעדט שוין פון כבוד, יחוס? איז ער דאָך געווען אַן אייניקל פונעם באַרימטן רב ר' יהושעלע קוטנער.

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער ביי די יידישע שניידער־אַרבעטער נישט געווען צו פיל באַקאַנט, אויסער פּאָר שניידערישע יחידי־סגולה. אויך ביי דער קולטור־קאָמיסיע פון שניידער־פאַראיין, וואָס איז צוליב דעם גרויסן פאַרנעם און דער פילזיי־

טיקער קולטור־טעטיקייט געווען פאַרבונדן כמעט מיט אַלע בונדישע לעקטאַרן און רעפערענטן, איז טרונק צווישן זיי נישט געווען. ווען פון די שניידערס האָט דעמאָלט, ווען עס האָט געברויזט מיט רעוואָלוציע, געקאָנט גאָר איינפאַלן, אַז דער פריץ אין פּרעכטיקן פּעלץ, מיטן טייערן שטעקן אין דער האַנט, מיטן ראַסאַוון כלב ווי אַ שומר ביי דער זייט, דער מאַן וואָס זעט אויס ווי אַן אַמאַליקער מאָסקווער „פּיערוועי גילדי קופּיעץ" מיט „פּראַוואַזשיטעלסטוואָ" איז גאָר אַ געטרייער בונדיסט? ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן צווישן די שניידער זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן שמועות וועגן דעם מאָדנעם בונדיסט, און צוזאַמען דערמיט אַנעקדאָטן, וויצן, גלייכווערטלעך און מעשהלעך. און אָט איז איינס פון זיי וואָס שניידער האָבן נאָכדערציילט מיט גרויס הנאה:

אין איינער אַ נאַכט רופט זיך טרונק אָפּ צו זיין פרוי: „ווייסט, חנה, וואָס איך וועל דיר דערציילן? אַז אַזעלכע טייערע בונדיסטן, ווי עס זענען די שניידער, וועסטו נישט געפינען, זאָלסט אפילו אויסגיין אַ האַלבע וועלט." — „וואָס עפּעס פאַלט דיר איין, יהושע, אין מיטן דער נאַכט?" — „נו, אדרבא: האָסטו שוין געזען, אַז באַן־פּירער זאָלן אָפּשטעלן די באַנען און זיך אַוועקשטעלן זינגען די בונדישע „שבועה"? די שניידער אָבער קאָנען עס יאָ: בעת דאָס רעדל דרייט זיך און די אַר־בעט ברענט, קאָנען זיי זיך אַוועקשטעלן און זינגען „שוועסטער און ברידער פון אַרבעט און נויט."

געגעטער מיט י. י. טרונקן האָב איך זיך באַקענט אין ווילנע, ווו מיר זענען געווען פּליטים. איך האָב געהאַט אויפגעשטעלט מיין שניידער־געצעלט ביים אַלטן ווילנער תושב ר' ליפּע שפּירא, אויף קוויאַ־טאָווע־גאַס נומער 7. איין מאָל אַ פאַרנאַכט — עס עפּנט זיך די טיר און אויף דער שוועל באַווייזט זיך דער חבר טרונק. צוזאַמען מיט אים איז דאָ אויך איטשעלע יאָזשאַן, וואָס אים האָב איך שוין פריער געהאַט געמאַכט אַ מאַנטל. נאָך אַ ברייטן „גאָט העלף" גיט אַ פרעג טרונק:

„ווער וווינט דאָ, אַ שניידער צי אַ זייגערמאַכער?"

זע איך דאָך באַשיימפּערלעך, אַז די מעשה איז נישט גלאַטיק. פרעג איך אים שוין, און נישט אָן שרעק:

„איז וועמען, אייגנטלעך, דאַרפט איר, חבר טרונק? טראָגט איר דען אין פּעקל אַזאַ גרויסן זייגער צו פאַרריכטן?"

„לעולם טראָג איך — זאָגט ער — אַ פּעקל שטאָף, איך וויל זיך לאָזן מאַכן אַ תלמוד־תורה־מאַנטל" — אַ חוזק־נאָמען פון יאָושזאַנען אויף די „דזשאַינט"־מאַנטלען, וואָס אַלע זענען זיי גענייט געוואָרן לויט איין מאָדעל און פון איין שטאָף.

„אָבער וואָס פאַר אַ סמיכות הפּרשות — פרעג איך — האָט דאָס מיט זייגערמאַכעריי?"

„איז הערט־זשע — זאָגט ער — מיט קאָפּ. ווען מען האָט מיר געגעבן צו מאַכן די ערשטע פּלודערן (הויזן) — הייבט טרונק אָן צו דערציילן — האָט דער פּרעס באַין אופן נישט געוואָלט ליגן אין דער מיט פון פוס, נאָר אין אַ זייט, ווו עס דאַרף ליגן די נאָט, און די נאָט פון דער אַנדערער זייט פוס איז געלאָפן אין סאַמע מיטן, ווו עס וואָלט געדאַרפט זיין דער פּרעס. איך האָב אים געלייגט אַהין און דער פּרעס איז געלאָפן אויף צוריק, ביז איך האָב געמוזט זיך אונטערגעבן. אַזוי האָבן מיר זיך צוזאַמענגערעדט, אַז אַזאַ בגד וואָלט געקאָנט מאַכן אפילו אַ זייגערמאַכער."

עס איז געווען אין מיטן פונעם יאָר 1940. מיר זענען אויף אַ בונ־דישער פאַרזאַמלונג. מען האָט געזען, אַז עס ענדיקט זיך די וועלט, די היטלעריסטישע חיילות גייען פון זיג צו זיג, אייראָפּע גייט אָפּ אין בלוט, ליגט שוין אונטערן נאַצישן שטיוול. און דאָ שטייט טרונק און מאָלט פאַר אונדז דעם באחרית הימים, ווען עס וועט שוין נישט זיין קיין מלחמה און דער היטלעריזם וועט זיין צעבראָכן. ער זעט שוין זיי־נע סימנים: אין קיניגרייך פון די צוויי טומאהדיקע פאַרבינדעטע גייט נישט אַלץ גלאַט. עס מאַכט נישט אויס, וואָס זיי ווינטשעווען זיך לאַנגע און זיגרייכע יאָרן... נישט מער, עס איז אַ פראַגע, וויפל טייכן בלוט וועט עס קאָסטן דער וועלט, און וויפל דעם יידישן פאָלק. ווער קאָן דאָס פאַרויסזען? די וועלט — האָט טרונק פאַרענדיקט — שטייט ווי אויף אַ מולטער און וויגט זיך, עס וויגט זיך אויך דער גורל פון יידישן פאָלק, און עס וויגט זיך אויך דער גורל פון „בונד". די וועלט, וואָס וועט קומען נאָכן קריג, מוז זיין אַן אַנדערע, מוז זיין אַ שענערע ווי פריער. און אפשר — חלומט ער ווייטער — וועט זי שוין זיין אַ סאָציאַליסטישע? דער „בונד" דאַרף דעריבער זיין גרייט פאַר דער דאָזיקער צייט וואָס וועט קומען.

צוזאַמען מיטן פּליטים־שטראָם וואָס האָט אַלץ מער געפּלייצט קיין ווילנע, איז אויך געקומען אַ גרויסע צאָל שרייבער. אינעם ערשטן גלאַנץ פון דער קאָמוניסטישער ממשלה האָבן געוויסע שרייבער קודם־כל אָראָפּ־געוואָרפן פון זיך זייערע וואַרשעווער גלאַנציקע קאָמאַשן און ליטעראַ־רישע שניפּסן, אַן אָפּן העמד (אַ שניפּס איז דאָך אַ בורזשואַזע גע־וווינהייט) און אויפן קאָפּ אָנגעטאָן אַ סטאַלין־היטעלע מיטן דאַ־שיק אַרויף (אַ שרייבער מיט אַ ווייכן קאַפּעלוש איז כמעט שוין נישט געווען בנמצא) און אויף די פיס שטיוול, וואָס פאַר זיי האָט מען געצאָלט אַלע פּרייזן. און וואָס העכערע שטיוול, אַלץ מער סטאַליניש

האָט מען אויסגעזען; אַזוי ווייט, אַז עס איז באַלד שוין נישט געווען צו דערקענען דעם אונטערשיד צווישן אַזאַ פּריש־געבאַקענעם סטאַלי־ניסטיש־גרימירטן שרייבער און אַן אמתן רוס. און נישט איינער פון זיי איז געפאַלן אַ קרבן נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט מיט אַ צו גרויסן אימ־פּעט גענומען זיך פּוצן סאָוויעטיש. עפּעס איז מיט דעם „פּאַליאַק”, פלעגן זיי זאָגן, נישט גלאַט.

אין יענער צייט האָט מען אין ווילנע אָנגעהויבן צו שמועסן וועגן אַרויסגעבן אַן אַלמאַנאַך פון יידישע שרייבער־פּליטים פון וואַרשע, וואָס איז, אגב, קיינמאָל נישט אַרויסגעגאַנגען. ער האָט געזאָלט ווערן אַרויס־געגעבן דורכן מאָסקווער מלוכה־פאַרלאַג. האָבן זיך אַזעלכע צוויי באַ־שטיוולטע שרייבער מיט די „חנעוודיקע” סטאַליניסטישע היטלעך און דאַשיקעס געיאָוועט צום חבר טרונק און צו אים געזאָגט בזה הלשון:

„הערט זיך איין, וואָס ס'איז געווען אין דער אַלטער היים, איז געווען. היינט זענען אָבער נייע צייטן, מוז מען צו דעם זיך צופּאַסן. אָבער אַ שרייבער זענט איר, האַ? און אַ פּליט אויך? שרייבט־זשע עפּעס אַן פאַרן נייעם אַלמאַנאַך, אָבער נאָר אויף אַ טעמע פון דער ניי־ער, דער עיקר רעאַלערווירקלעכקייט.”

„הערט, יונגערמאַן — האָט חבר טרונק געזאָגט — „הערט זיך גוט צו און מיט קאָפּ: אויב איך זאָל היינט שרייבן פאַר אייער — ווי זאָגט איר, הייסט עס דאָרט — אַלמאַנאַך, זאָלט איר מאָרגן קומען צו מיין טיר און אָנשפייען מיר אין פּנים אַריין. איר הערט: אין פּנים אַריין!”

וועגן דער לויטערער פּערזענלעכקייט פון טרונקן זענען דעמאָלט אַרומגעגאַנגען אַן אַ שיער אַנדערע מעשיות און לעגענדעס, וואָס זענען געווען צו זיין כבוד.

די דאָזיקע שורות זענען געשריבן צום יאָרצייט פון חבר י. י. טרונק וואָס זיין אָנדענק ווערט שטענדיק דערמאָנט מיט יראת־הכבוד פון די אַלע וואָס האָבן געהאַט דעם זכות נהנה צו זיין פון זיין שרייבערישער לומדות.

## אין הויז פונעם ווילנער לערער קאַטשערגינסקי

דער ווינטער האָט אין יענעם יאָר פון 1939 זיך געשטעלט פרי. ער איז געווען זייער אַ שווערער און אַ שאַרפער, אַזוי אַז שוין אין די ערשטע נאָוועמבער־טעג האָט ער דערגרייכט צו 33 און 34 גראַד פראָסט. די נאָר וואָס געקומענע יידישע פּליטים פון פּוילן זענען

צו דעם גאַרנישט געווען צוגעגרייט, מיט וואָס אָנצוואָרעמען די וווי־נונגען איז שוין נישט געווען. די פענצטער זענען געווען איינגעקאָ־וועט אין אייז, בערג מיט געפרוירענעם שניי זענען געלעגן אויף די גאַסן. צו דעם איז נאָך צוגעקומען דער ביטערער הונגער. און אָט אין איינעם אַזאַ שבתדיקן טאָג, פון נאָוועמבער־חודש, זענען מיר, אַ גרופע פּליטים, וועמען די ווילנער ייִדן האָבן גערופן „ביעזשענצעס", געווען פאַרבעטן צו איינעם פון די צוויי ברידער קאַטשערגינסקי, וואָס איינער פון זיי איז געווען אַ פאָטאָגראַף און דער צווייטער אַ לערער פון גימ־נאַסטיק אין ייִדישע שולן. אין הויז איז געווען וואַרעם, דער טיש געדעקט מיט כל־טוב. די פרוי פון קאַטשערגינסקין איז א זייער סימ־פּאַטישער מענטש, ער אַליין איז אַ זייער שיינער מאַן מיט אַן אַטלע־טישער פיגור, ער שטייט איצט און רעדט און מיר, די פאַרבעטענע געסט זיצן און הערן זיך צו אים צו און שווייגן.

די דירה פון די קאַטשערגינסקיס האָט זיך געפונען אין אַ געסל נישט ווייט פון דער אַמאָל אַזוי באַרימטער „אַסטרע בראַמע" (הייליקער טויער). יעדער וואָס איז פאַרן דאָזיקן „הייליקן טויער דורכגעגאַנגען האָט געמוזט אַראָפּנעמען דאָס היטל. צווישן די גלויביקע קריסטן איז אפילו אָנגעגאַנגען אַ הייסע פּלוגתא ווער ס'איז מער הייליק: די „הייליקע מאַמע" פון טשענסטאָכאָוו, אָדער די „אַסטרע בראַמע" פון ווילנע, וואָס דאָס איז די ייִדן גאַנץ קנאַפּ אָנגעגאַנגען. וואָס ייִדן פון טשענסטאָכאָוו האָבן געהאַט אויסצושטיין פון דער דאָ־זיקער „הייליקער מאַמע" ווייס איך נישט, כ'בין דאָרט קיינמאָל נישט געווען, אָבער אין ווילנע אַז ייִדן זענען דורכגעגאַנגען דאָס „הייליקע טויער" האָבן זיי געמוזט אַראָפּנעמען דאָס היטל און די וואָס האָבן עס געוואָלט אויסמיידן, איז גלייך אויסגעוואַקסן עפּעס אַ שגץ און מיט כוח יענעם ס'היטל פון קאָפּ אַראָפּגעוואָרפן און נאָך דערצו באַגלייט דעם ייִד מיט קלעפּ.

יענעם שבת אָבער האָבן מיר וועגן דעם נישט גערעדט, מחמת דעם וואָס מען האָט געמוזט רעדן וועגן גאָר אַנדערע טעמעס. און קיין טעמעס האָבן דאָך דעמאָלט נישט געפעלט, וואָרעם די וועלט איז שוין געווען אָנגעלאָדן מיט מלחמה־סכנה. צי וועט די מלחמה זיך באַגרענעצן בלויז צו פּוילן, אָדער וועט זי זיך אויסשפּרייטן ? די דאָזיקע פראַגע איז ממש געהאַנגען אין דער לופט.

דער שבת־טיש ביי די קאַטשערגינסקיס, ווי געזאָגט, איז געווען געדעקט מיט כל־טוב און מיר האָבן געהאַט פון וואָס טועם צו זיין. אויפן האַרצן איז אָבער געווען שווער, מחמת דעם וואָס די ידיעות פון פּוילן, כאָטש געווען קאַרגע, זענען געווען טרויעריקע, אָבער דער גימ־

נאַסטיק-לערער קאַטשערגינסקי, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ קאָ־מוניסט, איז געווען ביז גאַר האַפערדיק. „דער ראַטנפאַרבאַנד — האָט ער געזאָגט נביאות — וועט נאָך איינגעמען די גאַנצע וועלט. איר וועט דאָס אַליין זען, אַלץ, אַלץ וועט ער איינגעמען און וועט מאַכן..."

וואָס וועלן זיי מאַכן? אַ מוסטער פון דעם וואָס זיי וועלן מאַכן פון דער וועלט, אויב זיי וועלן זי איינגעמען, האָבן מיר שוין געהאַט אין ווילנע גופא. שוין די ערשטע נאַכט ווען זיי האָבן נאָר אַריינגע־שטעלט אַ פוס אין שטאָט האָט די סאָוויעטישע געהיים־פּאָליציי ווי אַ שטורעם־ווינט זיך אַ לאָז געטאָן איבער יידישע הייזער און גענומען בושעווען. נישט געבליבן קיין יידיש־געזעלשאַפטלעך הויז, אַז ס'זאָל פון דאָרט עמעצער שוין נישט האָבן אַרויסגעשלעפט געוואָרן, אַלצאיינס בונדיסטן, ציוניסטן, פאָלקיסטן און סתם יידן. בלויז איין הויז איז דאָרט געבליבן גאַנץ, נישט גערירט, דאָס איז געווען דער ערשטער ווילנער פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט...

די פּוילישע פּאָליציי האָט אין אַלע פּוילישע שטעט באַוויזן, אַז זיי זענען ראוי צו זיין אויף זייערע פּאָליציייִשע פּאָסטנס. דאָס אָבער וואָס עס איז געווען די ווילנער פּאָליציי פונעם ערשטן קאָמיסאַריאַט, דאָס האָט צו זיך נישט געהאַט קיין גלייכן, דאָס זענען געווען פּשוטע סאַדיסטן, רוצחים, באַנדיטן. אויב צו זיי איז אַריינגעפאַלן אַ ייד און ווער רעדט שוין אַ יידישער קאָמוניסט, איז ער שוין פון דאָרט קיין גאַנצער נישט אַרויס. איצט אָבער איז דער קאָמיסאַריאַט געוואָרן דאָס מוזיניקל פון די נייע סאָוויעטישע הערשער און ווידער האָט מען דאָרט אַרעסטירט יידן, דאָס מאָל פאַר „קאָנטער־רעוואָלוציע"... און ווידער זענען די פּאָליציייִשע מוזיניקלעך פון ערשטן קאָמיסאַריאַט געזעסן פעסט אויף זייערע פּאָליציייִשע פּאָסטנס ביז זיי האָבן ביי דער ערשטער געלעגנהייט זיך צעבונטעוועט קעגן זייערע סאָוויעטישע באַלעבאַטים. ערשט דעמאָלט האָבן די סאָוויעטן זיך געכאַפּט און זייערע פּאָליציייִשע מוזיניקלעך פונעם ערשטן קאָמיסאַריאַט ליקווידירט...

ווען אַ ייד וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען אין שטאָט, געהאַט אַ ביסל פּרנסה, אָדער געווען גאַר אַ געוועזענער געזעלשאַפטלעכער טוער, האָט ער פּשוט מורא געהאַט זיך צו באַווייזן אין גאַס. און אַז ער האָט שוין געמוזט, האָט ער זיך געשאַרט ביי די ווענט, כדי ער זאָל וואָס גיכער פאַרשווינדן פון די מוסרים און פּאָליציייִשע אויגן. האָט אין איינעם פון די דאָזיקע פינצטערע טעג פּלוצלינג זיך דורכגעריסן אַ ליכטיקער שטראַל, דאָס איז געווען אַ קליינע לעטוטשקע (פּראָקלאַמאַציע), מיט פאָלגנדיקן אויפשריפט: „חברים, געדענקט, אַז מיט 12 יאָר צוריק איז

געשטאָרבן דער חבר ביניש מיכאַלעוויטש, דער פירער פון „בונד" אין פוילן", אונטערגעשריבן י. ב. צ. („יוגנט בונד צוקונפט"). פון די צענדליקער געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן אין ווילנע, זענען אַרויסגעקומען לעבדיק בלויז צוויי ייִדן, וואָס זענען מיר געווען באַקאַנט. לויט דעם וועט מען ערשט פאַרשטיין וויפל גבורה ס'האָבן פאַרמאָגט די יוגנטלעכע מחברים פון דער דאָזיקער קליינער פּראָקלאַמאַציע.

פאַרן ווילנער לערער קאַטשערגינסקי איז פונדעסטוועגן די ב. ק. וו. ד. נאָך אַלץ געווען דער מוסטער פאַר דער וועלט, אויף וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל אומגעדולד געוואַרט. זיצן מיר אַזוי און הערן זיך צו צו די פאַרסמטע סטאַליניסטישע רייד, עס איז שוין נישט ניחא די וואַרעמע שטוב מיט די שבתדיקע מאכלים און מיר וואָלטן געלאָפן ווו דער פעפער וואַקסט, אַבי נישט צו דאַרפן הערן אָט די רייד פון אַ ייִדישן מענטש... און איצט ווען איך שרייב די שורות קענען מיר שוין דעם סאָוויעטישן חלום וועגן איינבעמען די וועלט, און ווייסן שוין אויך דעם טראַגיש־בלוטיקן פּרייז וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט פאַר דעם געצאָלט.

# מיט ייִדן אין ליטע

## מיטן אָנקומען פון די ייִדישע פּליטים אין ווילקאָמיר

ווען דאָס סאָוויעטישע מיליטער האָט אָקופּירט ליטע (יוני 1940), האָבן דאָס תיכף דערפילט די ליטווישע ייִדן: גלייך האָט זיך אָנגעהויבן דאָס סאָוויעטיזירן דאָס ייִדישע לעבן. קאָנפיסקאַציעס, נאַציאָנאַליזאַציעס און קאָנטריבוציעס זענען געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אפילו צוגאָב־שטייערן זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף ייִדישע סוחרים פאַר האָבן כלומרשט אָפּגענאַרט דעם אַלטן סמעטאָנאַ־רעזשים נאָך מיט יאָרן צוריק. דאָס אַלץ איז געווען באַגלייט מיט אַ כוואַליע פון אַרעסטן, כדי צו קאָנען מער נאָך אויספּרעסן און אויספּלינדערן אַלץ וואָס די סאָוויעטישע מאַכט האָט נאָר געטראָפן. צום סוף האָט זי אָוועקגענומען ביי די ייִדן אַלע פּרנסה־קוואַלן. אָבער אויך גייסטיק האָבן זיי שוין מער נישט געקאָנט זיך אויסלעבן ווי ייִדן.

עס זענען געוואָרן געשלאָסן אַלע ייִדיש־וועלטלעכע אינסטיטוציעס ווי שולן, ביבליאָטעקן, די העברעיִשע גימנאַזיע, די ייִדישע פּרעסע. אויך פאַר פרומע ייִדן איז געוואָרן אָפּגעשניטן דער וועג צו זייערע רעליגיעזע אינסטיטוציעס, ווי בתי מדרשים, קלויזן, ישיבות, א. א. וו. פרומע ייִדן זענען געצווונגען געוואָרן צו אַרבעטן שבת און יום־טוב. צום סוף איז נאָך צוגעקומען די נאַכט פון פרייטיק דעם 15־טן יוני, ווען עס זענען מיטאַמאָל אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע היימען די שענסטע ייִדישע פּערזענלעכקייטן און פאַרשלעפּט געוואָרן אין די וויסטענישן פון די סיבירער טייגעס און טונדרעס כדי דאָרטן אויסצוגיין ביי קאַטאָרגע און עבודת־פּרך.

שרייבן אָבער וועגן די איבערגעלעבטע פּיינען פון אַלע ליטווישע ייִדן איז אוממעגלעך. וועל איך זיך דעריבער באַגרענעצן בלויז צו די ייִדן פון ווילקאָמיר, ווו איך בין אָנגעקומען אַלס פּליט; ווילקאָמיר, וואָס איז אויך געווען, אייגנטלעך, דאָס „פאַרשיקונגס־אָרט" פון עטלעכע הונדערט ייִדישע פּליטים, אַנטלאָפן פון פּוילן, און די נעמען פון די

ליכטיקע ווילקאָמירער געשטאַלטן וואָס וועלן דאָ דערמאָנט ווערן וועלן שוין כולל זיין אַלע ייִדן פון ליטע.

ייִדישע פּליטים וואָס האָבן געהאַט די זכיה אין מלחמה־צייט צו געניסן פון דער ברייט־האַרציקער און ברידערלעכער הילף פון די דאָזי־קע טייערע ייִדן מיט אַזוי פיל האַרץ און נשמה, וועלן טראָגן אין זייער זכרון די וואַרעמסטע און שענסטע געפילן און שטענדיק זיי דערמאָנען מיט יראת־הכבוד.

צוליב כמה טעמים האָט די ליטווישע מאַכט נישט געוואָלט, אַז טויזנטער פּליטים — מען האָט גערעדט וועגן צוואַנציק טויזנט — זאָלן זיך זאַמלען אויף איין אָרט. אין דעם פאַל האָט דאָס געמיינט ווילנע, וואָס ליטע האָט נאָר־וואָס באַקומען אַלס „מתנה" פון סטאַלינען, און די סאָ־וויעטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיך אַריינגעמישט אין דעם אַז די פּלי־טים זאָלן זיך נישט קאָנצענטרירן אויף איין אָרט, ווייל אומעטום האָבן זיי געזען שונאים און פאַר דער זיכערקייט איז געווען גלייכער, אַז די פּליטים זאָלן צעשפּרייט ווערן אין פאַרשידענע ערטער. איז דעריבער אַ גרעסערע צאָל פון זיי געוואָרן פאַנאַנדערגעשיקט אין אַ ריי ליטווי־שע שטעט. מען דאַרף אָבער נישט מיינען, אַז דאָס איז מען פאַרשיקט געוואָרן ערגעץ־ווו הינטער די הרי־חושך. נאָך אַ רייזע פון בסך הכל צוויי שעה מיט דער באַן פון ווילנע איז מען אָנגעקומען אין ווילקאָמיר, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר אונדזער נייעם מקום־מקלט. געקומען זענען דאָ עטלעכע הונדערט פּליטים. אַלע זענען אויפגענומען געוואָרן ווי ברידער, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון אַ וויטער נסיעה און אויף וועלכע ווילקאָמירער ייִדן האָבן שוין פון לאַנג געוואַרט.

אין ליטע האָט אָבער, זינט דער וואָלדעמאַראַס־איבערקערעניש פון 1926 געהערשט אַ האַלב־פאַשיסטישער רעזשים. איז דאָך קלאָר, אַז ווו עס איז דאָ טאָטאַליטאַריזם און דיקטאַטור, קאָן אויך נישט זיין קיין דעמאָקראַטיש אָרגאַניזירט ייִדיש לעבן. זענען אָבער דאָך געווען אין ווילקאָמיר אַ ריי ערשטראַנגיקע פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן אָנ־געפירט אויף אַ מוסטערהאַפטן אופן מיטן ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן און דאָס קרויננווערק איז געווען דאָס אויפנעמען און איינאָרדענען די נאָר־וואָס פון ווילנע אַהער געשיקטע פּליטים.

כמעט זעקס חדשים זענען פאַרגאַנגען זינט די סאָוויעטישע אָקו־פּאַציע־הערשאַפט איז אַוועק פון ווילנע און אויף איר אָרט איז געוואָרן אויפגעשטעלט דער ליטווישער האַלב־פאַשיסטישער סמעטאָנאַ־רעזשים. איצטער איז שוין אַלץ געווען בשפע: ברויט, פּוטער, פלייש און כלערליי אַנדערע אַרטיקלען. מען האָט נישט מורא געהאַט צו נעכטיקן ביי זיך

אין דער היים. אין די שטובן זענען געווען אַלע באַקוועמלעכקייטן, אפילו וואַרעם וואַסער איז שוין געווען. עס האָט פּולסירט אַ געזעלשאַפטלעך לעבן — קולטור־אימפּרעזעס, טעאַטער, ווילביג־כאַר, פּאַרטיי־אונטער־נעמונגען, קיכן, פּליטים־אינטערנאַטן — מיט איין וואָרט: שיער נישט אַ נאָרמאַל קולטור־לעבן. און דאָך האָט מען זיך נאָך שטענדיק אַרומגע־קוקט אויף אַלע זייטן, צי אַ בייז אויג קוקט דיר נישט נאָך פון ערגעץ־ווו... און בסך הכל האָט דאָך די סאָוויעטישע הערשאַפט אין ווילנע נישט געדויערט קיין גאַנצע צוויי חדשים און פונדעסטוועגן האָט יעדער, אַחוץ וואָס ער האָט געליטן הונגער און קעלט, פאַרגעשטעלט מיט זיך איין שטיק פּחד. ווײַל יענער צייט קאָן מען זאָגן אָן גוזמא, אַז זעלטן איז געווען אַ הויז פון אַ יִדיש־געזעלשאַפטלעכן טוער, וואָס פון דאָרט זאָל די סאָוויעטישע פּאָליציי נישט האָבן אַרויסגעריסן עמעצן פון די נאָענטע; די שרעק איז דעריבער געלעגן יעדן איינעם אין די ביינער.

ערשט קומענדיק אין ווילקאָמיר האָבן מיר אָפּגעאָטעמט. מיר האָבן דערפילט מיטאַמאָל ווי מיר האָבן צוריקבאַקומען די מענטשלעכע ווירדע פון אַמאָל, ווען מיר האָבן געפירט אַ נאָרמאַל לעבן אין פּוילן. אָנקו־מענדיק אין ווילקאָמיר זענען די פּליטים אויפגענומען געוואָרן דורך די דאָרטיקע הארציקע יִדן מיט דער גאַנצער וואַרעמקייט און צערט־לעכקייט ווי פון אייגענע משפּחה־מענטשן. נאָכן געצוווּנגענעם פאַר־לאָזן אונדזערע פריערדיקע היימען, ווו אויך דאָרט האָט מען קיין זיס לעבן נישט געהאַט, איז ווילקאָמיר געוואָרן די נייע היים פון די פּליטים. נישט בלויז מיט וואַרעמע ווערטער זענען אָפּגעקומען די ווילקאָמירער יִדן — יעדער פּליט איז דורך זיי געוואָרן פאַרזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן, און אויך נאָכצוקומען די באַדערפענישן פון פינף הונדערט מענטשן דאַרף מען דאָך זיין אַ סבלן פון גאַר אַ הויכער מדרגה. ווייט נישט אַלע פּליטים זענען געווען פון גינגאָלד; עס זענען געווען מענטשן מיט קאַפּריזן און פאַרלאַנגען, און דאָך זענען די ווילקאָמירער יִדן אַלעמען נאָכגעקומען, אַלע שוועריקייטן גובר געווען און אין דער קלענסטער קלייניקייט פאַר אונדזערטוועגן קיינמאָל נישט פאַרגעסן:

אַ האָטעל צום שלאָפן, אַ צעטל פאַר דער וועשעריי, צו געבן דאָרט די געטראָגענע וועש און צו באַקומען צוריק געוואַשענע וועש; אַ צעטל צום פריזירער, אַ צעטל אין מרחץ, אַ קינאָ־בילעט, און דריי ליטווישע ליט אַ טאָג אויף עסן, וואָס פאַר דעם האָט מען דעמאָלט פולשטענדיק גוט געקאָנט אויסקומען. און ווי איז געווען אַז עמעצער האָט געדאַרפט אַ צייטונג און אַ בוך? (געווען אויך דאָס!) איז בלויז געווען גענוג זיך מטריח צו זיין צו ר' וואָלף קאַלטון און ביי אים האָט מען שוין באַ־קומען די גייסטיקע שפּייז. אַבער ביז גאָר רירנדיק איז געווען, ווען וויל־

קאַמירער ייִדן זענען געגאַנגען צווישן פּליטים און זיך ביי זיי ממש געבעטן: ״באַהאַלט דיר דיינע דריי ליט, וועסטו האָבן אויף אַ שפּייז־פּעקל פאַר טאַטע־מאַמע וואָס זענען געבליבן אין פּוילן, און קום צו מיר, ווו אַלץ איז פאַרטיק. ווי מיין אייגענער זון וועסטן זיין ביי מיר!״

זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַזוי פיל האַרציקייט און זאָרג, אַז נאָך היינט, פינף און צוואַנציק יאָר שפּעטער, פרעג איך זיך און עס ווילט זיך שריי־ען צו דער וועלט: ״פאַרוואָס? פאַרוואָס זענען אָט די ייִדן אַזוי בי־טער געשטראָפט געוואָרן, צוערשט דורך די סאָוויעטן און צום סוף דורך די נאַצישע רוצחים?״

אין אָט די טעג האָבן פּליטים נישט פאַרגעסן אַז אין פּוילן וואָס איז איצט פאַר ייִדן אַ גיהנום, האָט מען געלאָזן אַלטע טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער, קרובים. וויפל האָט מען זיך דאָס פאַר זיי פאַרזינדיקט, וואָס אַליין האָט מען זיך געראַטעוועט, זיי אָבער האָט מען געלאָזט פאַרן נאַצישן הפקר? אויך דאָס איז באַלד געוואָרן די זאָרג פון די ווילקאָמירער ייִדן: עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טראַנספּאָרט פון שפּייז־פּעקלעך פון פּליטים צו זייערע קרובים אין פּוילן און די פּעק־לעך זענען אויך אָנגעקומען. און ווער ווייסט, וויפל נאָענטע און טיי־ערע מען וואָלט נאָך אפילו דעמאָלט געוועןן געקאָנט אַרויסראַטעווען פון די נאַצישע נעגל, ווען נישט די נ. ק. וו. ד., וואָס האָט אויף שריט און טריט פאַרשטעלט דעם וועג פון די דרייסטע, וואָס האָבן, איינשטעלנדיק זייער לעבן, זיך געלאָזט אויפן וועג צו זייערע נאָענטע. זיי זענען כמעט קיינמאָל צום ציל נישט דערגאַנגען — אַריינגעפאַלן צו דער סאָוויעטי־שער פּאָליציי און פאַרשווונדן.

פון אַ באַזונדער פּאַטערלעכער השגחה האָבן גענאָסן די פּאָר צענד־ליק בונדיסטן, וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט פון אַנדערע פּליטים מיט זייער אויפפירונג און זייער אָרט לעבן. ווי דאָס טרעפט אין צייטן פון אַ פּאָלקס־אומגליק, באַוויזן זיך נישט־דיסציפּלינירטע און אפילו הפקר־עלעמענטן וואָס פאַרשאַפן נישט ווייניק חרפּה. צום גליק איז זייער צאָל נישט געווען גרויס. דערפאַר אָבער האָבן די בונדיסטן געהאָלפן קאַמ־פּענסירן דעם דאָזיקן מאָראַלישן היזק.

געווען אין ווילקאָמיר אַ רייכער ייִד מיטן נאָמען גאַבאַי. געזאָגט האָט מען, אַז ער איז אַ ייִדישער פּריץ וואָס פאַרמאָגט הייזער, וועלדער און פעלדער. איך האָב זיין עשירות נישט געזען און עס האָט מיך אויך נישט אינטערעסירט. איך האָב נאָר געזען אַ גוט - איינגעאָרדנטע ווילע, וואָס ער האָט זי געשטעלט אין רשות פון דער בונדישער גרופּע וואָס האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ סאָציאַליסטישן קאָלעקטיוו מיט אַן

אייגענער ווירטשאַפט, אַוועקגעשטעלט אויף מאָראַליש־עטישע יסודות מיט אַן אייגענעם שטייגער־לעבן.

„נעמט, קינדער, קינדער, האָט דער פריץ געטענהט, און באַארבעט אָט דעם גאָרטן, וועט אייך, ערשטנס, דאָס ליידיקגיין נישט פאַלן אַזוי שווער, און פרוכטן וועט איר האָבן בזול, און דאָס איז דאָך גאָטס ברכה פון דער ערד". אַזוי האָט זיך געשאַפן אַ בונדיש־סאָציאַליסטישער אינדזל אין מיטן פון אַ צעבושעוועטער קעגנוואַרט, ווו קיינער האָט נישט גע־ווּוסט, וואָס דער מאָרגן וועט מיט זיך ברענגען.

ווילקאָמיר האָט זיך גערעכנט פאַר דער פינפטער שטאָט פון ליטע, אָבער לויט זייערע אויפטוען האָבן די יידישע כלל־טוער אין שטאָט זיך נישט געדאַרפן שעמען לגבי וועלכן ס'איז אַנדערן, גרעסערן יידישן ישוב אין דער וועלט. איך וויל דעריבער דאָ פאַרצייכענען — אויף וויפל מיין זכרון וועט מיר דערלויבן — כאָטש אייניקע אויסגעצייכנטע עסקנים, וואָס זענען געווען מיט האַרץ און נשמה איבערגעגעבן זייערע אויפ־גאַבן:

אַדוואָקאַט גאָלדבערג איז אַמאָל געווען אַן אַקטיווער בונדיסט נאָך פון דער אַלטער בונדישער גוואַרדיע. לעצטנס איז ער געווען נאָענט צו דער אומלעגאַלער ליטווישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. ער איז געווען אַ פיל געאַכפּערטער מענטש אין אַלע קרייזן פון דער באַפעלקערונג — יידן און נישט־יידן — בראשו־וברובו אַריינגעטאָן אין דער פאַרטיידי־קונג פון זיינע פּאָליטישע קליענטן, וואָס זייער צאָל איז געווען גרויס. די פרייע צייט, וואָס ער האָט נישט געהאַט צופיל, האָט ער געווידמעט יידישע אינטערעסן. ער איז געווען פון די ערשטע קרבנות פון סאָוויעטישן טעראָר: ער איז אַרעסטירט געוואָרן און פאַרשוווּנדן.

ד"ר דזשיבודזש איז געווען אַ פאָלקס־דאָקטער אין שענסטן זין פון וואָרט. דער דאָזיקער יידישער דאָקטער האָט זיך פאַרנומען ממש אויסצוהיילן יידישע קראַנקע, אַלצאיינס צי זיי האָבן געהאַט צו באַצאָלן, צי נישט. ער איז אויך געווען דער דאָקטער פון די פּליטים, און אַז עס האָט געטראָפן, אַז אַ קראַנקער האָט נישט געהאַט מיט וואָס אויסצוקויפן די רפואות, האָט דער דאָזיקער אויסטערלישער דאָקטער זיי אַליין אויס־געקויפט. דער ווייטערדיקער גורל פון ד"ר דזשיבודזש איז מיר נישט באַקאַנט.

נתן יאַנאָווסקי, אַ קליין־געוויקסיקער מיט אַ ביסל אַ קיילעכדיקער פּלייצע, גלייך ער וואָלט געטראָגן דעם גאַנצן עול פון דער שטאָט. ער איז געווען דער פאָטער פון די פּליטים, ער איז געווען די טרייבקראַפט

פון די ייִדישע אַקטיוויטעטן. עס איז דאָ געווען אַ פּרעכטיקער ייִדישער שפּיטאָל, אַ מושב־זקנים, אַ העברעיִשע גימנאַזיע, אַ ייִדישע ביבליאָטעק וואָס די ייִדישע קאָמוניסטן האָבן חרוב געמאַכט נאָך אַ סך פריער, איידער די נאַציס האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט.

זלמן בלאָך, אַ דאָקטער־דענטיסט, אַ שיינער ייִדישער כלל־טוער. ער איז געווען דער קאָפּ פון די ייִדישע אינטערעסן אין שטאָט און האָט מיט אַ ברייטער האַנט בייגעשטייערט פאַר אַלע צוועקן. זיין אומגליק איז געווען, וואָס ער האָט געהאַט אַן אייגן איינשטאָקיק מויערל; פון דער נייער סאָוויעטישער מאַכט האָט בלאָך באַקומען אַ באַפעל, אַז אין משך פון דריי טעג זאָל ער פאַרלאָזן זיין אייגענע וווינונג. ווען מען איז געקומען צום באַשטימטן טאָג אַרויסצוזעצן אים פון דער דירה, האָט מען אים געטראָפן אַ געהאַנגענעם.

ר׳ וואָלף קאַלטון — אַ ייִד אַ תלמיד־חכם, אַ קרוב פון אחד־העם. זיין פרנסה האָט ער געצויגן פון אַ קראָם, ווו מען האָט געקראָגן אַלע ייִדישע און העברעיִשע צייטונגען, אַ נאַר־וואָס דערשינענע ייִדיש צי העברעיִש בוך, אַ גמרא, אַ חומש מיט עברי־טייטש, אַ מחזור, אַ צאינה־וראינה און פאַרשטייט זיך: אַן אָפענע אומזיסטע ביבליאָטעק פאַר די פּליטים. ער איז געווען דער שיינגייסט פון ייִדישן ווילקאָמיר, אַן אים איז קיין שום זאַך ביי ייִדן אין שטאָט נישט געטאָן געוואָרן.

די משפחה לוריע: דאָס איז געווען דאָס צירונג פונעם ייִדישן ווילקאָמיר. אַ דורות־אַלטע איינגעפונדעוועטע משפחה אויף ליטווישער ערד, וואָס איר יחוס האָט זיך געצויגן זינט הונדערטער יאָרן פון רבנים, לומדים, בני־תורה, פון הארץ, נשמה און חכמה. אַן דער דאָזיקער משפחה לוריע האָט גאָרנישט געקאָנט געמאָלט זיין קיין שום איניציאַטיוו. ווילקאָמירער ייִדן זענען מיט זיי באמת געווען שטאָלץ. די צוויי ברידער כאַיעט זענען געווען געוואַגט, מוטיק, פול מיט אונטערנעמונגס־גייסט און ענערגיע. האָבן זיי געטאָן הילפס־אַרבעט אויך אויף אייגענער האַנט, אַזוי צו זאָגן: מתן־בסתר. דאָס האָט אַריינגענומען אויך דאָס, וואָס פאַר צוויי אַבסאָלוט־ווערטלאָזע פּוילישע זלאָטעס האָט יעדער פּליט — און נאָר אַ פּליט — געקריגן אַ פּעקל, וואָס אין אים איז געווען זומער־ און ווינטערוועש, לײלעכער, האַנטעכער, שקאַרפּעטן און צענדליקער אַנדערע גרעסערע און קלענערע זאַכן, וואָס עס דאַרף האָבן אַ קולטור־מענטש. „וואָרעם, האָט ער געטענהט, מען ווייסט נישט ווו דער מלחמה־שטורעם וועט אונדז נאָך פאַרטראָגן״. איך מוז אויף דעם אָרט דערמאָנען נאָך איין ווילקאָמירער פאָלקס־ייִד, טשאַפּאַטשניק, וואָס אין דער שטאָט האָט ער באַזונדער מיט גאָרנישט זיך אויסגעצייכנט. זיין גרויס הארץ

האָט דער דאָזיקער ייִד ערשט אַרויסגעוויזן אין לאַגער, ווו אַלע זענען שוין געווען פאַרוואַנדלט אין שקלאַפן.

אין לאַגער האָט טשאַפּאַטשניק באַקומען אַ פּאָסטן אין קיך, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַרן בעסטן אַרבעטס־פּלאַץ: מען גייט נישט צו דער קאַטאָרזשנער וואַלד־אַרבעט זיך אויסשטעלן צו די מוראדיקע היצן אין די זומער־וואָכן און צו די סיבירער פרעסט אין די ווינטער־חדשים; צו די רעגנס, צו די ווערעם און נאָך אַנדערע „גוטע זאַכן״, וואָס מיט זיי איז סיביר אַזוי רייך. און ועל־כולם: אין קיך הונגערט מען דאָך ווייניקער ווי אין לאַגער. וואָס טשאַפּאַטשניק האָט פאַר דעם באַצאָלט (אַן אָנצוג, שטיוול, וועש) — דאָס איז שוין אַן אַנדערע פראַגע. אַזאַ פּאָסטן אין סאָוויעט־רוסלאַנד באַקומט מען נישט אומזיסט, בפרט נאָך אין לאַגער. ווי אַזוי־זשע האָט דער דאָזיקער ייִד אויסגענוצט זיין קיך־פּאָזיציע? איין מאָל האָט ער מיר געלאָזט וויסן, אַז נאָכן אויסטיילן די אַרעסטאַנטן זייערע פּאַרציעס, זאָל איך צוגיין צום קיך־פענצטערל מיט אַ גרייט שטיקל פּאַפּיר און אויסרופן „כל־נדרי״, דעמאָלט וועט דאָס פענצטערל זיך עפענען. טשאַפּאַטשניק וועט טאַקע אויף מיר אָנשרייען הלמאי איך קום אַזוי שפּעט — אָבער אַ זופּ וועל איך באַקומען.

איז, ווו נעמט מען אַזאַ שטיקל פּאַפּיר אין לאַגער (וואָס באַרעכטיקט צו אַ זופּ)? האָט ער עס גאָר געגעבן מיר, איך ווידער האָב עס געדאַרפט איבערגעבן צו אַן אַנדערן. דאָס האָט זיך געפירט אַזוי לאַנג, ביז ער איז דורכגעפאַלן און האָט פאַרלוירן דעם אַרבעטס־פּלאַץ. פאַר אונדז איז דאָס געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ. מען קאָן זאָגן אַן גוזמא: אַ סך ייִדן האָט ער דערהאַלטן ביים לעבן, און איך בין געווען איינער פון זיי. וויפל פון זיי זענען אַרויס פון לאַגער לעבעדיקערהייט? ווער ווייסט?

ווען די פּוילישע בירגער זענען שפּעטער באַפרייט געוואָרן פון לאַגער, צווישן זיי אויך די, וואָס האָבן ביזן אַרעסט געווױנט אין ווילקאָמיר און געוואָלט כאָטש מיט עפּעס העלפן די אומגליקלעכע ייִדן וואָס האָבן אונדז פריער געהאָלפן און וואָס זענען נאָך ווייטער געבליבן דאָרטן — איז וואָס פאַר אַ נאָמען מיר האָבן אָנגערופן, האָט מען שטענדיק באַקומען דעם סטערעאָטיפּישן ענטפער: „אַ, דער? דער דאַרף שוין מען גאָר־נישט!״

זאָלן די פּאָר שורות זיין ווי אַ באַשיידענע דערמאָנונג אויף די אומבאַקאַנטע קברים פון די טייערע, האַרציקע ווילקאָמירער ייִדן.

# די באַציאונגען צווישן יידן און נישט-יידן אין ליטע

ווי זענען געווען די באַציִונגען צווישן ייִדן מיט זייערע נישט־ייִדישע שכנים אין ליטע? שוין יאָרן־לאַנג ווי איך שטיי פאַר דער דאָזיקער שווערער פראַגע און כ׳קאָן מיט איר זיך נישט קיין עצה געבן: שרייבן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל, אָדער אפשר עס אַדורכלאָזן, פאַרשווייגן. וואָרעם פאַר מיר, מוז איך מודה זיין, איז עס דאָס שווערסטע פון אַלע ביז איצטיקע און אויך ווייטערדיקע קאַפּיטלעך — דאָס קאַפּיטל וועגן די טייערע און האַרציקע ליטווישע און גאַר באַזונדערס ווילקאָמירער ייִדן, מיט וועמען ס׳האָט מיך געבונדן אַזוי פיל פריינטשאַפט און גורל־געמיינשאַפט. ווי נאָר איך ריר זיך צו צום דאָזיקן קאַפּיטל, אַזוי שטעלן זיך פאַר מיר די קדושים פון ליטע און זאָגן צו מיר: נאָ, זעט, וואָס אונדזערע כלומרשטע גוטע שכנים און „גוטע פריינט״ האָבן מיט אונדז געטאָן!

אויב איך האָב איצט פאַרט זיך גענומען צום סאַמע טרויעריקסטן מלחמה־קאַפּיטל, איז עס דערפאַר ווייל עס ווילט זיך מיר פשוט דער־ציילן אַ מעשה־שהיה. אַרויסברענגען אַ קליינעם פראַגמענט פון 300 יאָר ייִדיש־ליטוויש צוזאַמענלעבן, ווי דאָס האָט אויסגעזען בעת איך האָב דאָרט געוווינט ביזן אַרויספירן די ליטווישע ייִדן אין די סאָוויעטישע שקלאַפן־לאַגערן, וואָס איך בין געווען צווישן זיי און האָב צוזאַמען מיט זיי געשקלאַפט אין משך פון צוויי יאָר, ביז איך בין אַ דאַנק אַ געשעע־נעם נס באַפרייט געוואָרן. איך, אָבער לײדער נישט זיי. און דאָס וואָס איך וועל דאָ דערציילן, וועט נאָך מער קאָנען אילוסטרירן ווי אַזוי פון מענטשן קאָנען אין געוויסע באַדינגונגען ווערן חיות. און עס איז פאַר מיר געווען אַן אמתער שאָק ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט, און כ׳הער נאָך ביז היינט, וואָס אַלץ די ליטווישע מערדער האָבן אָפּ־געטאָן מיט זייערע ייִדן.

אַז פּאָליאַקן, אוקראַינער און אויך רומענער זענען געווען אַנטי־סעמיטן, דאָס האָט מען דאָך קיינעם נישט געדאַרפט ערשט דערציילן, דאָס האָבן מיר געוווסט פון אייגענער דערפאַרונג, און נישט איין מאָל געפילט אויף אייגענע פּלייצעס. אויך פון ליטווישן אַנטיסעמיטיזם האָבן מיר שוין געהאַט עפּעס געהערט. צום אַנטיסעמיטיזם פון פוילן איז עס אָבער פאַרט נישט געקומען, פאַרוואָס? סיבות זענען געווען פאַרשידענע און נישט דאָ איז דאָס אָרט וועגן דעם צו שרייבן. פון צייט צו צייט אָבער האָט מען פון ליטווישע ייִדן געהערט דעם „גוטמוטיקן״ זידל־וואָרט

„ליטווישע קלומפעס", וואָס האָט באַוויזן, אַז קיין גרויסע צדיקים זענען זיי קיינמאָל נישט געווען, די ליטווינער...

קומענדיק אָבער פֿונעם אַנטיסעמיטישן פּוילן, בין איך ממש געווען איבערראַשט פֿון דער פֿריינטלעכקייט, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט צווישן ייִדן און נישט־ייִדן סיי פֿון שטאָט און סיי פֿון דאָרף. מ'האָט געוווינט אויסגעמישט אַ טיר לעבן אַ טיר, אָדער אַ הויז לעבן אַ הויז, אַ מאָל אין אַן אייגן הייזל, און אַ מאָל ווי אַ לאָקאַטאָר ביי אַ ייִדישן באַלעבאָס, און אַ דאַנק אָט דער פֿריינטשאַפֿט צווישן ייִדן און ליטווינער האָבן אויך די ייִדישע פּליטים זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַן אַ שיער מיט־געפֿיל מצד די נישט־ייִדישע שכנים און דאָס נישט בלויז מיט ווערטער, נאָר אויך מיט ממשותדיקע טובות, וואָס וועגן אייניקע פֿון זיי וויל איך דאָ דערציילן.

ווי באַוווּסט מוז אַ שניידער צו זיין אַרבעט האָבן אַ ניי־מאַשין, וואָרעם נאָך עטלעכע וואָכן זיין אין ווילקאָמיר האָב איך ווי תּמיד אין אַזאַ פֿאַל איינגעזען, אַז אַרומגיין אַזוי און נישט טאָן קיין שום אַרבעט איז צוליב כּמה־טעמים נישט קיין תּכלית. האָב איך זיך אַריינגעקליבן צו אַ ייִדישער משפּחה, וואָס האָט פֿון זייער וווינונג מיר אויסגעטיילט אַ צימער און דאָ האָט זיך באַלד געשטעלט די פֿראַגע וועגן אַ ניי־מאַשין. פֿאַר זיי איז דאָס אָבער קיין שום פּראָבלעם נישט געווען. מיין באַלע־באָסטע האָט בלויז געדאַרפֿט אַריינגיין צו זייערס אַ באַקאַנטן קריסט־לעכן שכן, און יענער האָט אויף זיינע אייגענע פּלייצעס פֿאַר מיר גע־ברענגט זיין מאַשין. „דערוויילל, זאָגט ער, ביז אונדזער פּאַסכאַ (פּסח) קאָנט איר די מאַשין האַלטן ביי זיך, און איך וויל פֿאַר דעם נישט קיין איינציקן צענט, נאָר אויף פּראַזניק, זאָגט ער ווייטער, מוז איך האָבן די מאַשין, כּדי מיין ווייב זאָל פֿאַר די קינדער קאָנען אויפֿטייען אַ ביסל מלבושימלעך אויף יום־טוב און באַלד נאָכן פּראַזניק וועט איר די מאַשין קאָנען נעמען צוריק". אַז צו דעם איז עס שוין נישט געקומען, איז דאָס שוין נישט געווען זייער שולד.

אין איין צייט האָט ביי די ייִדישע פּליטים אין ליטע זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־באַוועגונג צו שיקן פּעקלעך שפּייז צו זייערע קרובים, וואָס זענען געבליבן אין פּוילן און דאָס האָבן לויטן ליטווישן געזעץ געקאָנט טאָן נאָר ליטווישע בירגער און נאָר פֿאַר זייערע קרובים. איז ווו נעמט מען עס אַזוי פֿיל בירגער, וואָס זאָלן וועלן אונטערשרייבן אַ פֿאָרמולאַר, אַז דאָס שיקט ער יעדע פּאָר טעג אַ שפּייז־פּעקל פֿון 10 קילאָ צו אַ קרוב? און ווו האָבן דאָס ליטווישע ייִדן מיטאַמאָל באַקומען אַזוי פֿיל קרובים אין פּוילן, אַ לאַנד, וואָס האָט זיי יעדע פּאָר טעג געדראָט, אַז אָט מאָר־

שירן זיי אויף קאָוונע. אויב אין ייִדישן ווילקאָמיר זענען נישט געווען געגנוג ייִדן, וואָס זאָלן יעדע פּאָר טעג צו אַן אַנדערן „קרוב" קאָנען אָפּשיקן אַזאַ שפּייז־פּעקל, האָבן זיי זיך שוין אָפּגעפונען „קרובים ליט־ווינער", אַ שכן אַ פּריינט, אָדער אַ סתם אַ באַקאַנטן, וואָס איז געגאַנגען אין פּאָליציי און אונטערגעשריבן אַ פּאַפּירל, אַז דאָס שיקן זיי אַ פּעקל צו זייערס אַ ייִדישן קרוב אין פּוילן... און די פּאָליציי האָט אויף די דאָ־זיקע „אייזערנע דאָקומענטן" געקוקט דורך די פינגער.

אין דעמאָלטיקן האַלב־פּאַשיסטישן ליטע איז געווען אַ געזעץ, אַז יעדער אויסלענדער, כדי ער זאָל האָבן רעכט צו אַרבעטן, האָט ער גע־דאַרפט אויסקויפן אַן אַרבעטס־קאַרטע, וואָס האָט געקאָסט 20 ליט אַ יאָר, אַן ערך 18 פּוילישע זלאָטעס. אין אונדזער פּאַל האָט עס געמיינט די ייִדישע פּליטים פון פּוילן. דאָס איז ווידער געלעגן אין די הענט פון דער פּאָליציי און נאָר זיי האָבן געקאָנט אַזאַ אַרבעטס־קאַרטע אַרויס־געבן. אויב זי האָט נאָר אויפן פּרעטענדענט, געהאָט עפּעס אַ חשד, האָט זי אַזאַ אַרבעטס־קאַרטע געקאָנט נישט אַרויסגעבן. פונדעסטוועגן איז מיר נישט באַקאַנט קיין איינציקער פּאַל, אַז די פּאָליציי זאָל עמעצן האָבן אָפּגעזאָגט די אַרבעטס־קאַרטע. און נישט איין מאָל האָב איך אין יענער צייט זיך געטראַכט, וואָס אַ שטייגער וואָלט געווען ווען דער גורל וואָלט איבערגעקערט די שפּיל און אַ גרויס שכנותדיק און רשעותדיק לאַנד וואָלט פאַרכאַפּט דאָס קליינטשיקע ליטע און אַ טייל פון דער ליט־ווישער באַפעלקערונג וואָלט זיך געדאַרפט ראַטעווען אויף פּוילישער ערד און אויך אַ ביסל ייִדן וואָלטן זיך דאָרט געמוזט ראַטעווען...

זינט דעם סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די צוויי פעל־קער (דאָס פּוילישע און דאָס ליטווישע) האָבן פון איין און דעם זעלבן באַרבאַרישן רעזשים אַרויסגעריסן זייער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, הערשט צווישן זיי אַ ווילדע שנאה. ווו ליגט די סיבה ? דאָס קליינע ליטע האַלט, אַז דאָס, וואָס מען האָט איר נישט אָפּגעגעבן ווילנע, מיט אַ באַפעלקערונג פון איבער 100 טויזנט פּאָליאַקן, מיט אַ זיבעציק־אַכציק טויזנט ייִדן און קוים עטלעכע טויזנט ליטווינער איז איר געשען מי־יודע וואָס פאַר אַ שרעקלעכע עוולה; פון דער צווייטער זייט, זענען די פּויליש־שאָוויניסטישע רעגירונגען געשטאַנען ווי די וועלף, גרייט יעדע מינוט דאָס קליינע ליטע צו פאַרציקן, איינצושלינגען עס. און דער „לאַנד־חכם", רידז־שמיגלי, דער מאַרשאַל פון פּוילן, וואָס האָט פאַרזיכערט דער וועלט, אַז אַ קנעפּל פון זיין מונדיר וועט ער זיך נישט לאָזן אָפּ־רייסן, האָט אָרגאַניזירט „פאָלקס־דעמאָנסטראַציעס", אונטערן לאָזונג : „מאַרש נאַ קאָוונאַ !"

אויב עס איז צום „מאַרש אויף קאָוונע" נישט געקומען, איז דאָס געווען צו פאַרדאַנקען נישט דעם שכל־הישר פונעם „גרויסן מאַרשאַל", נאָר די מאָסקווער קרעמל־הערשער, וואָס האָבן שוין אַליין געהאַט זייער אייגענעם חשבון איינצושלינגען גאַנץ ליטע.

וואָס אייגנטלעך האָט פוילן געהאַט צום דאָזיקן קליינעם לאַנד ? אין דער צייט ווען פוילן האָט געהאַט 12 מיליאָן האַלבע און גאַנצע אַר־בעטסלאָזע, וואָס האָבן געלעבט אין הונגער און אין נויט, האָט דאָס קליינע ליטע געהאַט אַ הויכן לעבנס־שטייגער. ווען דער פויליש־אַנ־טיסעמיטישער סאַנאַציע־רעזשים האָט געדריקט און געשטיקט איר אייגענע פויליש־סאָציאַליסטישע און דעמאָקראַטישע פרעסע, און די פרעסע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, בפרט די ייִדיש־סאָציאַליסטישע פרעסע פון „בונד" א. א., זענען אין ליטע אַרויסגעגאַנגען צוויי פוילישע טאָג־צייטונגען, וואָס האָבן געשטיצט די פּאָליטיק נישט פון דעם לאַנד אין וועלכע זיי האָבן געלעבט און געווען בירגער, נאָר געשטיצט אָפן די פּאָ־ליטיק פונעם אַגרעסיוון און פיינטלעכן צו ליטע איינגעשטעלטן פוילן.

בכלל זענען אין ליטע געווען פיר אָפיציעל־אָנערקענטע שפּראַכן : פּויליש, רוסיש, ליטוויש און דייטש. אָבער די פאַרשפּרייטסטע, הגם נישט אָפיציעל־אָנערקענט, איז געווען די ייִדישע פרעסע, וואָס אויך אַ גרוי־סער טייל פון דער ליטווישער באַפעלקערונג האָט גוט פאַרשטאַנען און גערעדט. עס האָט אַפילו געטראָפן, אַז מ'האָט אַ לאַנגע צייט אָפּגערעדט מיט אַ מענטשן און ערשט שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מ'האָט גאָר־נישט גערעדט מיט אַ ייִד... און נישט איין מאָל האָבן ליטווישע דינסט־מיידלעך זיך אויסגעשמועסט מיט זייערע ייִדישע באַלעבאָסטעס אין ייִדיש און דערביי אַריינגעמישט העברעיִשע ווערטלעך.

די וויטאַליטעט פונעם פערטל מיליאָן ליטווישע ייִדן אויף אַלע גע־ביטן פון ייִדישן לעבן איז געווען ביז גאָר אָנזעעוודיק און זיי וואָלטן זיך נישט געהאַט צו שעמען אין פאַרמעסט מיט גרויסע ייִדישע שטעט אין פוילן. אויב זיי זענען נישט געווען פאַרטרעטן אין מלוכהשע גע־זעצגעבערישע אינסטיטוציעס, ווי פּאַרלאַמענט אָדער שטאָט־ראַטן, איז דאָס געווען נאָר דערפאַר, וואָס אַזעלכע זענען אין דעמאָקראַטישן זין פון וואָרט דאָרט נישט געווען. זענען דאָך געווען צייטן ווען ייִדן האָבן לויט דער דעמאָלטיקער דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע גענאָסן פון פו־לער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע : מיט ייִדישע דעפּוטאַטן, און אַ ייִדישן מיניסטער פאַר ייִדישע ענינים. אויך שפּעטער, אָן די דאָזיקע גאַראַנטיעס פון דער קאָנסטיטוציע, האָבן ייִדן חלילה נישט פאַרנאַכ־לעסיקט די ייִדישע אינטערעסן און בלויז טאָג־צייטונגען זענען דאָרט געווען דריי, אויב נישט צו רעכענען דאָס אויסגעדאַרטע בלעטל פון

די יעווסעקעס. ווען איך האָב אַמאָל גערעדט מיט ליטווישע ייִדן וועגן ליטווישן פאַשיזם, האָבן זיי געענטפערט, אַז פאַר פינף ליטווישע ליטן קאָן מען אָנקומען ביז צום מלוכה־פּרעזידענט...

האָט אַ מאָל די שאַוליס (אַ פאַשיסטישע שיסער־אָרגאַניזאַציע פון דער יוגנט), צוזאַמען מיט אַ ביסל פּורים־זעלנערלעך, זיך פאַרוואָלט אַ שפּיל צו טאָן מיט ייִדן, זענען צו זיי אַרויס די יאַנאָווער ייִדישע טישלער (יאַנאָווע איז טאַקע געווען אַ ייִדישע טישלער־שטאָט) און דער פאַשיס־טישער חברה אַזוי אָנגעבראָכן די ביינער, אַז יענע האָבן זיך „פאַר־שווירן" אַז קינדס־קינדער וועלן מער מיט ייִדן בפרט מיט יאַנאָווער ייִדן, און אפילו מיט ייִדן פון ערגעץ־אַנדערש זיך שוין נישט פאַרטשעפּען און זיי האָבן געהאַלטן וואָרט.

אין אַ שמועס מיט ייִדישע עסקנים האָב איך אַמאָל געפרעגט ווי ס'זעט אויס דער מאַטעריעלער מצב פון ייִדן אין ליטע. געוויס, האָבן זיי געענטפערט, זענען אין ליטע פאַראַן גרויסע ייִדישע גבירים; אויך מיר, אין ווילקאָמיר, האָבן די ברידער כאַיעט, וואָס זענען קיין עין־הרע נישט צו פאַרזינדיקן, אָבער אויך גרויסע בעל־מנדבים זענען זיי, דאָס קאָן מען זען פון דער צאָל שיינע ייִדישע אינסטיטוציעס. אפילו דער גוט־געפלעגטער בית־עלמין איז אָן זייערע גרויסע באַשטייערונגען זיך נישט באַגאַנגען. אָבער נישט אַלע ליטווישע ייִדן זענען גבירים. דער לעבנס־ניוואָ פון קאָווגע, למשל, איז אַ גאַר הויכער, און אין די איבע־ריקע ייִדישע שטעט פון ליטע, אויב נישט אַזאַ ווי אין קאָווגע, איז ער אָבער אויך אַ גענוג שיינער, ווי מען זאָגט, אַ באַלעבאַטישער: בעל־מלאכות, ווי שניידערס, פריזירערס, סטאָלאַרעס, א. אז. וו. מאַכן אַלע זייער פּרנסה בכבוד.

וואָס עס איז יאָ כאַראַקטעריסטיש פאַר ליטע, האָבן זיי פאַרזי־כערט, איז דאָס אַז עס זענען נישט בנמצא קיין ייִדן, וואָס זאָלן דאַרפן גיין איבער די הייזער בעט אַ נדבה; מיר וואָלטן עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסן בזיון. אויב ערגעץ־ווו איז פאַראַן אַ ייִד, וואָס קאָן אַליין זיך קיין עצה נישט געגעבן מיט פּרנסה, ווערט ער געהאָלפן אַזוי, אַז נישט ער ווייסט פון וואַנען עס קומט די הילף, און נישט די וואָס העלפן, ווייסן פאַר וועמען די הילף דאַרף גיין, דאָס הייסט ביי זיי „מתן־בסתר". אויב אָבער עס טרעפט זיך פאַרט אַ ייִד גייט איבער די הייזער, איז דאָס נאָר אַ „גאַסטראָלאָר", וואָס איז געקומען פון פּוילן, גאַליציע, רומעניע, אָדער ס'האָבן צו אונדז געטראָפן שליחים פון פאַרשידענע אַמאָליקע ארץ־ישראל־ישיבות. אַלע זענען זיי אָבער באַהאַנדלט געוואָרן בסבר־פּנים־יפות.

צו מיין באַלעבאַסטע, ביי וועמען איך האָב פאַרנומען מיין שניידער־

צימער, פלעגט אָפּט אַריינקומען מאַטעס שוסטער. נישט פון די בעסטע בעל־מלאכות איז ער געווען; זענען טאַקע זיינע קליענטן געווען דער אָרעמער טייל פון די נישט־ייִדישע איינוווינער. מאַטעס שוסטער האָט פון זיינע יגיעת־כפּים זיך אויסגעבויט צוויי הייזקעס: איינע פאַר זיך מיט זיין זוגתי, און די אַנדערע פאַרן איינציקן זון, ווען ער וועט, „מער־טשעם" פירן אים צו דער חופּה. אוודאי זענען עס נישט געווען קיין וואָלקן־קראַצערס, אָבער אַ דאַך איבערן קאָפּ אויף די עלטערע יאָרן האָט ער געהאַט פאַרזיכערט און אויך דער זון וואָלט געווען באַזאָרגט מיט אַ דירה. איז אים אָבער נישט געווען באַשערט קיין נחת און עס האָט מיט אים געטראָפן אַן אומגליקס־פאַל און ער איז אומגעקומען, (דאַכט זיך דערטרונקען געוואָרן). נישט לאַנג נאָכדעם איז פאַר צרות אויך זיין פרוי געשטאָרבן און ער, מאַטעס שוסטער, איז געבליבן אַליין. פלעגט ער יעדע פרייע שעה קומען צו אונדז, אין שטוב, זיך אָוועקגעזעצט ביים פענצטער און געקוקט ערגעץ ווייט, ווייט. די נאַצישע רוצחים האָבן שוין אַ סוף געמאַכט אויך מיט מאַטעס שוסטער.

דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939 זענען די דייטשע מיליטערישע האָרדעס אַנגעפאַלן אויף פּוילן, קוים עטלעכע טעג (געננוי 16) האָבן גע־דויערט די מיליטערישע אָפּעראַציעס אינעם פּוילישן לאַנד. דעמאָראַ־ליזירטע און צעשלאָגענע רעשטלעך פון פּוילישן מיליטער זענען צו־געקומען צו דער ליטווישער גרענעץ. צוזאַמען מיטן מיליטער זענען אויך אַנגעלאָפן אַ היפּשע צאָל פּאָליציי־גרופּן, און דאָ זענען זיי געוואָרן אַנט־וואָפנט און אָפּגעפירט געוואָרן אין די ספּעציעלע פאַר זיי צוגעגרייטע לאַגערן. איך האָב זיי געזען, די „העלדיש"־אַנטלאָפענע פּוילישע מי־ליטער־אָפּטיילונגען צוזאַמען מיט זייערע אָפיצירן. יעדן טאָג פלעגט מען זיי ביי 400 מאַן אַדורכפירן פאַר אונדזערע פענצטער און מיט נישט ווייניק נקמה־געפילן האָבן די ליטווינער צו דעם ספּעקטאַקל זיך צוגע־קוקט. אין די פאַרנאַכטן האָט מען זיי געפירט צוריק, גוט אַנגעקאָרעמעטע, זאָרגלאָזע, צעשמייכלטע, מיט צופרידענע פּנימער, וואָס האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן שוין דערפילט זייער חוב צו דער רעגירונג און פאָטערלאַנד...

אַזוי האָט זייער שמחה אָנגעהאַלטן ביז האַלב יוני 1941, ווען אַלץ האָט מיט איין מאָל זיך איבערגעקערט, און איבערגעקערט האָט זיך עס נישט נאָר פאַר די פּוילישע אינטערנירטע מיליטער־ און פּאָליציי־אָפּטיי־לונגען, נאָר אויך פאַר ליטע און די ליטווינער. דער עיקר אָבער פאַר די ליטווישע ייִדן און פּליטים. אויך אין דער דאָזיקער ביטערער צייט האָבן דאָס ביסל ייִדישע קאָמוניסטן נישט פאַרפעלט ווייטער צו שפּילן זייער פאַררעטערישע ראָל ביזן סוף, זייער צאָל איז נישט געווען גרויס, האָבן

זיי אָבער באַלד זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טעראָר־אינסטרומענט קעגן דער באַפעלקערונג אין שטאַט, און די שענדלעכסטע אויפגאַבן האָבן זיי גע־נומען אויף זיך אויסצופירן, נישט גערעכנט זיך מיט גאָרנישט. דער יעווּ־סעקישער אַדוואָקאַט לאַנדאַן איז געוואָרן דער הערשער איבערן פאַר־באַנד פון די יוריסטן און האָט מיט אַלע כּוחות זיך געריסן צום בענקל פון יוסטיץ־מיניסטער. דער באַלעבאָס איבער די נאַציאָנאַליזירטע (לייען יידישע) קראָמען, שפּעטער אויך דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט איז געוואָרן מעכל קלאָץ און דער קאָמיסאַר איבער די נאַציאָנאַליזירטע (לייען ייִדישע) הייזער און דירות איז געוואָרן וועלפּקע, אַ רייכן טאַטנס אַ זינדל און דער פירער פונעם השומר הצעיר...

מעישקע (משה) דאָס פריזירערל אַ ווינציק, דריבנע, און נישטיק מענטשל, האָט געווינט איבערן וואַסער אויף ווילניוס־גאַס, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דער פרייהייטס־אַלעע, (שפּעטער איז פון דעם געוואָרן סטאַלין־אַלעע). אַמאָל איז מעישקע געווען אַ קאָמוניסט און געוואָרן אַ טראָצקיסט, האָט ער איצט געלעבט אין שטענדיקן פּחד פאַר נקמה, איז ער געקראָכן פון דער הויט, כּדי צו מאַכן פאַרגעסן זיינע פריערדיקע טראָצקיסטישע חטאים... איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אַ ביקס אויף דער פּלייצע, וואָס איז געווען גרעסער פון אים, אַליין אַנגעוואָרפן אַ פּחד אויף אַלעמען. אויב ער האָט אַרעסטירט אַ ייִד, האָט מען וועגן דעם נישט געוווּסט, אָבער אויב ער האָט אַרעסטירט דעם אַפּטייקער, דעם ריכטער פון שטאָטישן געריכט, און ווער שמועסט שוין דעם פּראָקוראָר, איז דער נישט ייִדישער שטאָט־טייל מיט דעם נייעס געוואָרן פול.

אויב מעכל קלאָץ האָט אַרויסגעוואָרפן ייִדן פון זייערע קרעמלעך און דאָרט אַריינגעפירט די דאָרפישע שיקסעס, דאָס האָט קיינער נישט געזען און עס איז געווען שאַ־שטיל; און טאָמער האָט געטראָפן (און אויס מורא האָט עס נישט געטראָפן צו אָפט), אַז ער האָט נאַציאָנאַליזירט אַ נישט־ייִדיש געשעפט, איז דער נישט־ייִדישער שטאָט־טייל געגאַנגען אויף רעדלעך און דער געוואַלד האָט געגרייכט ביזן זיבעטן הימל: סטייטש, אַ ייִד האָט צוגענומען דאָס געשעפט פון אַ ליטווינער! הימלען עפּנט זיך: אַזאַ זאַך האָבן זיי שוין באַין־אופן נישט געקאָנט מוחל זיין.

אויב וועלפּקע, דער „זיידענער" יונגערמאַנטשיק, האָט אַרויסגע־וואָרפן אַ ייִד פון זיין אייגענעם ירושה־הייזל און דאָרט אַריינגעזעצט אַ גרויסע דאָרפישע פּויערים־משפחה, האָבן ייִדן די חרפּה נישט געקאָנט אַרויסטראָגן פאַר דער נישט־ייִדישער וועלט און האָבן דעם ברענענדיקן ווייטיק געטראָגן טיף אין האַרצן. זאָל די נישט־ייִדישע וועלט נישט דערזען אונדזער אומגליק; ווען אָבער מ'האָט אַ סאָוויעטישע אָפיצירן־

משפחה (וואָס פון זיי איז באַלד בפועל־ממש געוואָרן אַ פאַרפּלייצונג אין שטאָט) אַריינגעזעצט ערגעץ־ווו אין אַ געגנט רייכער ווינונג פון אַ נישט־ייִד, איז ביי זיי דער כעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טיפער שנאה נישט בלויז צו די ייִדישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן אויפן באַפעל פון דער נ. ק. וו. ד. אַלע פאַרברעכערישע אַרבעטן דורכגעפירט, זייער שנאה האָבן זיי שוין אויך אַריבערגעטראָגן אויף אַלע ייִדן.

## דער מיליטערישער שטורעם אויף ליטע

אין חודש יוני 1940 זענען די ליטווישע שטעט געוואָרן אויפגעטרייסלט פונעם פלוצלינגדיקן שטורעם פון סאָוויעטישן מיליטער אויף ליטע. וואָס איז דאָ מיטאַמאָל געשען? האָט דאָך סאָוויעט־רוסלאַנד נאָר־וואָס געהאַט אָפּגעשלאָסן אַ מיליטערישן אָפּמאַך מיט ליטע, אַז אין פאַל ווען עמעצער וועט אָנפאַלן אויף רוסלאַנד דאַרף אים ליטע קומען צוהילף. און דאָ פלוצלינג אַזאַ ענדערונג!

שוין אַ לענגערע צייט ווי ראַטנפאַרבאַנד האָט געטענהט, אַז פון די מיליטערישע באַזעס אין ליטע ווערן פאַרשוווּנדן סאָוויעטישע זעלנער; איינעם פון די זעלנער זאָל מען האָבן — ווי מען האָט געהערט אין שטאָט — געפונען נאָך דריי טעג זוכן אין די אָרעמס פון אַ סאָוויעטישער דולציניע, וואָס איז דאָ געקומען אויף גאַסטראָלן צוזאַמען מיט די מיליטערישע באַזע־אָפּטיילונגען. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין שום בקשות פון ליטווישן צד, מען זאָל איר געבן די מעגלעכע מאַטעריאַלן וואָס זאָלן העלפן צו זוכן די זעלנער — אויב ס'איז טאַקע יאָ ווער פאַרלוירן געוואָרן. קיין שום באַווייזן, אַז עס ווערן טאַקע פאַרלוירן זעלנער, האָבן די סאָוויעטן נישט געוואָלט געבן — און מסתמא אויך נישט געהאַט. פאַרקערט, וואָס ווייטער, האָבן זיי געפאָדערט אַלץ מער פאַרלוירענע זעלנער וואָס ליטע האָט נישט געהאַט צו געבן, און, ווי ס'איז באַוווּסט, איז דאָך אין רוסלאַנד אַ מענטש מיט גאָלד צוגלייך... און כדי צו שיצן דאָס דאָזיקע „גאָלד", האָבן זיי אָנגעהויבן די דאָזיקע אינוואַזיע. עס האָבן אויף ליטע זיך אַ לאָז געטאָן כלערליי פאָרמאַציעס: אינפאַנטעריע, קאַוואַלעריע, אַרטילעריע און אפילו אַעראָפּלאַנען, און אַלץ איז געווען באַגלייט מיט סאָוויעטישן רעש און געפילדער. דער עיקר האָבן געפלייצט טאַנקען, טאַנקען, טאַנקען אָן אַ שיער, אָן אַ צאָל טאַנקען. טאָג און נאַכט, נאַכט און טאָג. וואָכן־לאַנג האָבן אַזוי געפלייצט אייזן און שטאָל פון אַלע קאַליבערס. געווען זענען טאַנקען אַזוי גרויס ווי די הייזער. מיט

יעדן טאַנק, וואָס איז דורכגעפאָרן, האָבן די געביידעס זיך געטרייסלט, און ער האָט אַנגעוואָרפן אויף אַלעמען אַן אימה. און דאָס אַלץ איז פאַרביי פאַר מיין פענצטער און געדאַכט האָט זיך דעמאָלט, אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ כוח אין דער וועלט וואָס זאָל זיך קאָנען זיי אַנטקעגנשטעלן — אָבער דאָס האָט בלויז מיט איין יאָר שפּעטער זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ שרעקלעכן בלאָף...

איצט לויפן שוין די געשעענישן ווי אויף אַ פילם־טאַשמע. איין געשעעניש יאָגט די צווייטע, נישט מיטן אויג צו דערכאַפּן. און פון איצט אָן האָבן זיך אויך שוין אָנגעהויבן די מאַרטירער־טעג פונעם ליטווישן ייִדנטום. מען האָט די ייִדן מאַטעריעל אויסגערויבט, און גייסטיק האָט מען זיי שוין נישט געלאָזט זיך אויסלעבן ווי ייִדן. ביז מען האָט זיי צום סוף אַ טייל אַוועקגעשלעפּט אין די לאַגערן פון די סיבירער טייגעס און די איבעריקע זענען געלאָזט געוואָרן פאַר די נאַצישע רוצחים. מיין שניידער־שטוב האָט דערווייל נאָך געאַרבעט, אָבער וואָס פאַר אַ טעם האָט איצט שוין געקאָנט האָבן אַזאַ אַרבעט, ווען ייִדן זענען אַרומגעגאַנגען צעווייטיקטע, מיט אַזוי פיל צער אין די אויגן, איינגאַנצן פאַרחושכטע? דאָך האָב איך פּרנסה נאָך אויסגעאַרבעט. אויך שפּייז־פּעקלעך צו מיינע עלטערן אין פּוילן זענען נאָך געגאַנגען, כאָטש אין אַלץ האָט באַלד גענומען זיך פילן אַ שטאַרקער דוחק. נישט געקוקט אויף אומרויִקע טעג און נאָך מער אומרויִקע איבערגעלעבטע נעכט, האָבן ייִדן זיך דאָך נישט אָפּגעלאָזט און מען האָט געשיקט, און די פּעקלעך זענען נאָך אַלע אָנגעקומען. אפילו אין מיין לעצטער ווילקאָמירער נאַכט איז נאָך געווען אַ צוגעגרייט שפּייז־פּעקל קיין פּוילן. צי האָבן די ייִדן נאָך באַוויזן עס אָפּצושיקן, דאָס איז פאַר מיר צום באַדויערן נישט באַוווּסט.

„אָן נקמה" — אַזוי האָט געהייסן אַן אַרטיקל וואָס איז געווען געדרוקט אין קאָמוניסטישן „קאָוונער אמת", אַ יורש נאָכן יעווסעקישן „פאָלקסבלאַט" און דער „אמת" איז פון אַ קליינעם און אויסגעדאַרטן בלעטל מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן צו דער איינציקער ייִדישער צייטונג אין לאַנד. איז שוין, הייסט עס, נישטאָ קיין ייִדישע פּרעסע וואָס זאָל אין יענע באַדינגונגען ריכטיק און אָביעקטיוו אינפאָרמירן, וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט, אין לאַנד, און דער עיקר אינעם ייִדישן לעבן אין דער וועלט. זענען ייִדן געוואָרן אומרויִק, בפרט אַז עס גייט נישט אַדורך אַ נאַכט, אַז אַ קרוב, אַ פריינט, אַ שכן זאָלן נישט ווערן פאַרשוווּנדן הינטער די קראַטעס. פאַרוואָס? מען האָט נאָך קיינעם קיין מאָטיוו נישט אָנגעגעבן. אין אָט דעם צושטאַנד איז אין איינעם אַ טאָג געווען געדרוקט אין „קאָוונער אמת" דער אַרטיקל „אָן נקמה",

וואָס איז געווען געווענדט ספּעציעל צו דער ייִדישער באַפעלקערונג אין ליטע. דער אינהאַלט פונעם אַרטיקל איז געווען אָט דער: איר, די ייִדישע בורזשואַזיע, האָט שווער געזינדיקט קעגן ליטווישן פאָלק, די ראַטנמאַכט אָבער איז אַן „אל־רחום־וחנון" און פאַרשטייט, וועט מוחל צו זיין; פאַרשטייט זיך, אויב איר וועט נאָר אַרויסווייזן אויפריכטיקע חרטה.

האָבן נאַיִווע ייִדן געפרעגט: וואָס דאַרפן מיר טאָן, כדי אַרויסצווייזן די אויפריכטיקייט פון אונדזער חרטה? האָבן באַלד זיך אונטערגערוקט ייִדישע קאָמוניסטן און אַריינגעשושקעט זיי אין אויער: וואָס דאַרפט איר וואַרטן, ביז מען וועט קומען צונעמען אייער קראָם, אייער הייזקע, אייער וואַרשטאַט? גיט דאָס אַוועק פרייוויליקערהייט און וואַרט נישט, ביז מען וועט קומען צו אייך, אַז די דירה וועט איר דאָך סיי ווי סיי האָבן און קיין דירה־געלט וועט איר דאָך נישט דאַרפן צאָלן, אָדער אַזוי ווייניק, אַז עס לוינט זיך אפילו גאָרנישט וועגן דעם צו רעדן. דערפאַר אָבער וועט איר פּטור פון רעמאָנטן, פון שטייערן. דערמאָנט זיך: נאָר־וואָס, ביים קאַפּיטאַליזם, וואָלט איר אַלץ געדאַרפט צאָלן, און היינט זענט איר באַפרייט פון דעם אַלעמען... דאָס זעלבע איז מיט דער קראָם: זענט איר דען באַלעבאָס איבער איר? עס הייבט זיך גאָרנישט אָן! דערמאָנט זיך נאָר, וויפל שטייערן איר דאַרפט אַוועקצאָלן. און היינט? אויך פאַר דער קראָם צאָלט איר היינט גאָרנישט. אָבער דאָס אַלץ איז גאָרנישט קעגן דעם וואָס עס וואַרט אויף די וואָס גיבן פרייוויליק אָפּ זייערע קראָמען, פאַבריקן, וואַרשטאַטן און וואָס גייען אַרבעטן אין די מלוכהשע פאַבריקן. ווער וועט עס קאָנען צו זיי זיך גלייכן? אַ קלייניקייט צו זאָגן: אַן אַרבעטער אין ראַטנפאַרבאַנד! אַז אַלץ איז דאָרט דיינס! די מלוכה איז דיינע, די פעלדער, וועלדער זענען אויך דיינע. אַלץ, אַלץ איז דאָרט דיינס!

און ייִדן האָבן געגעבן.

איך וועל דאָ פּרוּוון אויפקלערן וועגן דריי געביטן וואָס זענען מיר געווען צום נאָענטסטן. אין פריזיר־אַרטעל האָט מען צוזאַמענגעפירט פערצן פריזירערס וואָס האָבן אַריינגעטראָגן אַלע זייערע אַרבעטס־מכשירים, אַלע מאַטעריאַלן, וואָס זענען נויטיק צו דער אַרבעט. האָט די גרופּע פריזירערס געדאַרפט אויסהאַלטן: איין דירעקטאָר, אַ הויפּט־בוכהאַלטער און איין געהילף, אַן איינקויפער, אַ באַדינער, אַ נאַכט־וועכטער. איבער זיי אַלע — דער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט, וואָס דאַרף האַלטן אַן אויג איבער דער פּאָליטישער כשרות פון די אַרבעטער...

היינט איז נאָך צוגעקומען אַזאַ צושטאַנד: צווישן די פערצן

פריזירערס האָט צו מינדעסטן די העלפט נישט געקאָנט אין גאַנצן דאָס פאַך. די איבעריקע זענען געווען גוטע בעל־מלאכות און שטענדיק באַלאָדן מיט אַרבעט, בעת די ערשטע זענען כמעט שטענדיק געווען אָן אַרבעט. עס איז איבעריק צו באַווייזן, אַז גראָד די זענען געווען די געטרייעסטע אָנהענגערס פון אַרטעלן און אויך די בעסטע קאָמוניסטן. ווי אַזוי עס האָט דאָ אויסגעזען דאָס האַרמאָנישע צוזאַמענלעבן, איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן. און נאָכן אַראָפּרעכענען די פעטע זשאַלאָוואַניעס (גע־האַלטן) פאַר די אַלע וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום די פערצן פריזירערס, זענען די לעצטע געווען נישט מער ווי שוואַרצע אַרבעטער. די פריזירער זענען נאָר איין מוסטער. אַזוי איז עס אויך געווען ביי די שניידערס, און אַזוי איז עס אויך געווען אין אַלע אַנדערע אַרטעלן פון אַרבעטער און בעל־מלאכות.

צי האָבן די, וואָס האָבן נישט געוואָלט אַריינגיין אין אַזאַ אַרטעל, געהאַט אַ ברירה נישט צו גיין? ניין! בשום־אופן נישט! וואָרעם מען האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט אַזעלכע הויכע שטייערן, אַז ס'איז געווען אוממעגלעך זיי נאָכצוקומען. און ווען אַזאַ בעל־מלאכה האָט נאָך גע־וואָלט האַלטן אַ געהילף אויך, האָט מען פאַר אים געפאָדערט אַזאַ סאָציאַלע פאַרזיכערונג, וואָס אין הונדערטער יאָרן אַרום וועלן רוסישע אַרבעטער ביים סאָוויעטישן רעזשים נישט האָבן דאָס, וואָס מען האָט פאַרלאַנגט ביים יידישן בעל־מלאכה פאַר איין איינציקן געהילף.

דערציילט מיר איין מאָל לידיאַ, אַן אַנגעשטעלטע אין אַ גרויסער מאַנופאַקטור־קראָם, אַז פאַר דעם, ווי ליטע איז געוואָרן סאָוויעטיש, האָט זי פאַרדינט פופציק ליט אַ חודש. היינט פאַרדינט זי פופציק ליט אַ וואָך. איז דאָך גוט? האָט זי נאָך אין די ערשטע צייטן געהאַט אירע נאָרמאַלע אַכט אַרבעטס־שעה אַ טאָג. היינט, ווען די פרייזן אויף אַלע פּראָדוקטן זענען געשפרונגען אויף דריי און פיר מאָל העכער, מוז זי אַרבעטן צוועלף און פערצן שעה אַ טאָג און צומאָל נאָך מער אויך. אויף מיין פראַגע, וואָס זיי טוען דאָרט אַזוי לאַנג, האָט זי מיר אויפגעקלערט, אַז אויפן אָרט פון די פריערדיקע אַנגעשטעלטע זענען געקומען נייע, קאָמוניסטישע, און צוזאַמען מיט די סאָוויעטישע „געסט" האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן אויף די קראָמען ווי הונגעריקע וועלף. אַז פריער איז געווען סחורה פאַר צוויי מיליאָן רובל, האָט מען צעשלעפּט אַ העלפט — איז געבליבן פאַר איין מיליאָן סחורה. דאָס טויג דאָך אָבער נישט — דער חשבון מוז דאָך שטימען, נאָך מיט אַן עודף! איז וואָס טוען די קאָמוניסטישע למדנים? זיי האָבן אַזוי לאַנג געטראַכט און געלערנט, ביז זיי האָבן אויסגעטראַכט צו העכערן די פרייזן אויף טאָפּל. זענען די קאָמוניסטישע וועלף איצט שוין געוואָרן זאַט? הייבט זיך גאָרנישט אָן: זיי האָבן ווייטער געשלעפּט

די סחורה און ווייטער געהעכערט די פרייזן, אַזוי לאַנג ביז אין די קראָמען איז גאָרנישט געבליבן.

זענען די בייע „סוחרים" נאָך אַלץ נישט געוואָרן געפאַלן ביי זיך און זיי האָבן זיך געגעבן אַ נייע עצה: זיי האָבן צונויפגעשלעפּט אַ דריי, פיר אויסגעליידיקטע קראָמען און געגעבן זיי אַ הויך־קלינגענדיקן נאָמען: „באַזע" און אָט די „באַזע" איז אויסגעפּילט געוואָרן מיט ביינוול־שטאָפן, געבראַכט פון סאָוויעט־רוסלאַנד. אַז די אמתדיקע, די פריערדיקע גוטע שטאָפן, האָט מען שוין נישט מער געזען, האָבן מענטשן גענומען קויפן דאָס וואָס איז דאָ, ווארעם דאָס ערגסטע מיסט איז נאָך אַלץ געווען מער ווערט ווי די ווערטלאָזע ליטווישע און סאָוויעטישע פּאַפּירלעך.

אַזוי האָבן די אַנגעשטעלטע אָן אויפהער געמוזט מעקן, שרייבן און העכערן די פרייזן און מאַכן באַלאַנסן, וואָס האָבן נישט איין מאָל זיך פאַרצויגן ביז אין דער שפּעטער נאַכט און צוליב דעם קריגסצושטאַנד האָט מען שוין געמוזט נעכטיקן אויפן טיש.

דאָס יידישע לעבן איז זינט דורות און דורות, אפשר נישט ווינציקער ווי דאָס לעבן אין פּוילן, געווען איינגעוואָרצלט, איינגעפונדעוועט אויף ליטווישער ערד — מאַראַליש, גייסטיק און אויך מאַטעריעל. איז עס אין אָט די סאָוויעטישע טעג מיטאַמאָל געוואָרן צעאַקערט ביז צום גרונט, צעאַקערט אַזוי ווי מיט אַ ריזיקן טאַנק. מיט איין וואָרט — ס'איז געוואָרן סאָוויעטיזירט!

אין אָט דער צייט, ווען עס זענען געוואָרן געשלאָסן אַלע יידישע אינסטיטוציעס, רעליגיעזע און וועלטלעכע, האָט מיין שניידער־שטוב געהאַט צו פאַרצייכענען אַ באַזונדערן דערפאָלג, אַ טרויעריקן דערפאָלג, וואָס איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַן אמתן עמק־הבכה, ווען יידישע מענער און פרויען זענען געקומען אַרויסוויינען זייערע צעבראָכענע הערצער און האָבן דאָ געפונען אַן אויער וואָס האָט זיי אויסגעהערט. וויי! וויי! וויפל יידישע טרערן האָט דאָס דאָזיקע שניידער־צימערל אין זיך איינגעזאַפּט! שרייבן וועגן די אַלע אין איין אַרטיקל איז דאָך אוממעגלעך, וועל איך דערציילן נאָר וועגן אייניקע פון די וואָס האָבן דורכגעפירט די סאָוויעטיזאַציע אַ סך פריער פאַר דעם אָפיציעלן פּראָקלאַמירן די נאַציאָנאַליזאַציע; זיי האָבן געוואָלט אַזוי אַרום פאַרלויפן דעם טייוול דעם וועג. זיי האָבן אַליין פרייוויליק געשטעלט זייער ביסל האָב און גוטס אין רשות פונעם רעזשים און דערמיט צוגעאײַלט זייער אומגליק.

איז איין מאָל צו מיר געקומען אַ צעוויינטע מאַמע: באשר שוין חדשים ווי מען האָט איר יינגל אַוועקגעשיקט אין אַ מאָסקווער מיליטער־

אַקאַדעמיע (וועגן דער מעשה מיליטער־אַקאַדעמיע וועל איך באַזונדער דערציילן) און ער איז ווי אין וואַסער אַריין. דערנאָך איז געקומען דודל, דער זון פון דער לוריאַ־משפחה, אַ ליכטיקער יונגערמאַן, וואָס איז אין דער סאַמע לעצטער מינוט, ווען ער האָט שוין געדאַרפט ווערן אַדוואָקאַט, אַנטדעקט געוואָרן ווי אַ קאָמוניסט און געוואָרן אויסגעשלאָסן פון אוני־ווערסיטעט מיט אַ — וואָלפישן בילעט. וואָלט ער דאָך געדאַרפט ווערן אַן אדם־חשוב ביי יענע לייט; האָט ער אָבער דערזען, פאַר וואָס פאַר אַ חיה־רעה ער האָט זיך מקריב געווען. עס איז אָבער שוין געווען צו שפּעט און איצט האָט ער באַקומען זיין לוין. איז ער געקומען צו מיר און מיט זיין געוויינלעכן גאַלגן־הומאָר האָט ער דערציילט אַט וואָס פאַר אַ געשיכטע: זיין שוואָגער וואָס האָט געהאַט אַ קליינע גאַרבעריי, האָט אויף זיין עצה זי אָפּגעגעבן פרייוויליק נאָך פאַרן פּראָקלאַמירן די נאַציאָנאַליזאַציע פון פאַבריקן, און דאָס איז געווען זיין אומגליק: אויב דו האָסט אַליין אָפּגעגעבן דיין פאַבריק — האָבן זיי געטענהט — איז אַ סימן, אַז דו האָסט נאָך עפּעס באַהאַלטן — סחורה, געלט א״א. און פאַר דעם האָבן זיי אים אַריינגעזעצט אין תפיסה. איצט האָט זיך אָנגע־הויבן אַ דינגעניש — זיי האָבן פאַרלאַנגט אַ קאָלאָסאַלע סומע געלט. האָט דער אַרעסטירטער געזאָגט, אַז ער האָט נישט. האָבן זיי אים אַראָפּ־געלאָזט פון פּרייז. האָט דער אַרעסטירטער ווידער געטענהט, אַז ער האָט נישט. האָבן זיי ווידער אַראָפּגעלאָזט און אַזוי איז דאָס דינגעניש אָנגעגאַנגען זעקס וואָכן לאַנג. ערשט דעמאָלט האָבן זיי דעם אַרעסטירטן אַרויסגעלאָזט פון תפיסה, אָבער ער איז שוין געווען אַ צעבראָכענער מענטש.

וואָס אייגנטלעך וויל מען פון דעם האַרציקן ייִד וואָלף קאַלטון? האָט דאָך אויך ער אָפּגעגעבן זיין קראָם פרייוויליק, נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די נאַציאָנאַליזאַציע־״חתונה״. איז אַט הערט: מיט־אַמאָל באַקומט ער אַ צעטל, אַז נאָך אין יאָר 1938 (דאָס הייסט, צוויי יאָר פאַרן אָקופּירן ליטע דורך די סאָוויעטן) זאָל ער האָבן אָפּגענאַרט די רעגירונג פון... סמעטאָנאַ און נישט ריכטיק באַצאָלט די שטייערן. על־כן דאַרף ער זיין אַזוי גוט און צו יענע שטייערן צוצאָלן אַכט טויזנט ליט — פאַר יענער צייט אַ קאָלאָסאַלע סומע.

וואָס טוט מען איצט? איך קלער אויף דעם ייִדן, אַז ער דאַרף מיט דעם זיך נישט איבערנעמען: דאָס פּרובירט מען אים אויס, צי איז נאָך געבליבן ביי אים געלט פון פריער. אויב אפילו ער זאָל דאָס צעטל באַצאָלן, וועט ער תיכף באַקומען אַ פרישן, ווייל ביי אים, ביי קאַלטונען, איז שוין דאָס יאָר 1940, זיי אָבער האַלטן ערשט ביים יאָר 1938. אויב אפילו — זאָג איך אים — איר האָט נאָך אַ ביסל געלט, באַהאַלט עס אויף

אַ שוואַרצער שעה — און אַזעלכע וועלן צום באַדויערן נאָך זיין געגוג. — איז דער ייִד אַוועק מיט דער דעה, אַז ער צאָלט נישט. און עטלעכע טעג שפּעטער איז ווידער צו מיר געקומען ר' קאַלטון: ער האָט מורא און וויל מיט זיי זיך נישט איינרייסן. האָט ער דערווייל זיי געגעבן אַ העלפט. אָבער שוין מיט דריי טעג שפּעטער האָט ער באַקומען אַ פּריש צעטל, דאָס מאָל צו באַצאָלן אַ פּיל גרעסערע סומע ווי פריער. „און וואָס טוט מען ווייטער?" פרעגט ער מיט טרערן אין די אויגן. — „צאָלט נישט", זאָג איך, וואָס עס זאָל נישט זיין — צאָלט נישט!"

„מען האָט מיר אַרויסגעשטעלט די מעבל", איז ער איין מאָל געקומען מיר אָנזאָגן. — „דאָס איז אַלץ נאָך גאָרנישט, זאָג איך צו אים, מען וועט זיי צוריק אַריינשטעלן. נאָר געדענקט: צאָלט נישט!"

וואָס איז געווען דער סוף? די מעבל האָט מען אים צוריק אַריינגעשטעלט. דער ייִד האָט ווידער עפּעס באַצאָלט. אָבער מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט מען טויזנטער ייִדן פון ליטע, צווישן זיי דעם איידעלן קאַלטון, פּאַראַעמטע, צעפּייניקטע אַרויסגעפירט אויף אומקום אין די שווערע סיבירער סאָוועטישע שקלאַפן-לאַגערן.

# יידן אונטער סאוויעטישער ממשלה

## מען נאַציאָנאַליזירט...

איך האָב אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל דערציילט, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די לאַגע פון קליינע יידישע בעל־מלאכות נאָך דעם, ווען זיי זענען געוואָרן איינגעגלידערט אין די מלוכהשע אַרטעלן און קאָאָפּעראַטיוון. די פריערדיקע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע זענען איצט געוואָרן לוין־אַרבעטער פון דער מלוכה. ווי מוסטערן האָב איך אָנגעוויזן אויף די פּריזירערס און פּריקאַשטשיקעס און דערציילט וועגן זייערע לוינען און אַרבעטס־באַדינגונגען.

איצט נאַציאָנאַליזירט מען די קראָמען: אין איינעם אַ טאָג האָט מען באַזעצט אַלע יידישע קראָמען אין שטאָט עס האָט זיך פּלוצלינג אַרייַנגעשטעלט אַ יידיש־קאָמוניסטישער באַנץ מיט אַ דאָרפישער שיקסע, זיי האָבן צוגענומען ביים קרעמער די שליסלען פון קראָם צוזאַמען מיטן פּדיון פון טאָג; די פּויערטע האָט זיך אָוועקגעשטעלט הינטערן בופעט און זיי האָבן באַפוילן דעם יידישן קרעמער, ער זאָל מאָמענטאַל אַרויסגיין פון זיין קראָם.

„וואָס הייסט, טענהט דער ייד, מען האָט דאָך מיר פּאַרזיכערט, אַז מינדעסטנס אַן אָנגעשטעלטער וועל איך קאָנען זיין אין מיין אייגענער קראָם — טאָ, וואָס זשע האָט זיך דאָס אַזוי איבערגעקערט?" אַ ריטש הינטערן אויער איז געקומען ווי אַן ענטפער: „וועסט קריגן דיין אַרבעט, ווען עס וועט זיין — אָבער פון דאַנען טראָג זיך שוין אָפּ!"

באַלד האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פּויערים פון אַלע ליטווישע דערפער אַרום ווילקאָמיר. אין די טויזנטער זענען זיי דאָ געוווען מיט זעק, אָנגעשטאָפּטע מיט סאָוויעטישע און ליטווישע וועדטלאָזע געלט־פּאַפּירלעך, און האָבן אויסגעקויפט פאַר דעם די סחורות וואָס זענען נאָך מיט אַ טאָג פריער געווען יידיש האָב און גוטס, דערוואָרבן דורך שווערער אַרבעט זינט דורות. און טאָמער האָט אויך אַ ייד פון שטאָט זיך געשטעלט אין דער ריי, כדי עפּעס צו קויפן, איז דאָרט תיכף אויסגעוואַקסן מעכל קלאָץ, האָט געפויקט מיט זיינע קלעצל־פינגער און זיך צעזונגען:

„נאָך וויניק דיר וואָס האָסט געזויגען דאָס בלוט פון ליטווישן פאָלק, האַ? וואָן פון דאַנען, אַרויס!״ — און אַרויסגעוואָרפן דעם ייִד פון דער ריי אַ פאַרשעמטן.

איך מוז אָבער אויף דעם אָרט אונטערשטרייכן אַז די ליטווישע קריסטלעכע קראָם־קאָמיסאַרן, אַלנפאַלס דעמאָלט, האָבן זיך באַצויגן צו די פאַראומגליקטע ייִדן אָן אַן ערך מענטשלעכער, אַנשטענדיקער, ווי דאָס זענען געווען די ייִדיש־קאָמוניסטישע בוגדים. און אַזוי האָט עס אויסגעזען אין אַלע ייִדישע קראָמען.

קאָן מען זיך דאָך פרעגן: צי האָט מען די קריסטלעכע קרעמערס און פאַבריקאַנטן געשאָנעוועט און זייערע קראָמען און פאַבריקן טאַקע נישט נאַציאָנאַליזירט? פאַרמעל זענען פאַרן קאָמוניסטישן געזעץ גע־ווען אַלע גלייך; מען מוז אָבער געדענקען, אַז ווען די סאָוויעטישע אַר־מיי האָט פאַרכאַפּט אַ לאַנד, האָבן די קאָמוניסטן געזוכט דער עיקר (אַלנפאַלס אין דער ערשטער צייט) צו געווינען די אָרטיקע באַפעל־קערונג. ווען די ליטווישע קרעמערס און פאַבריקאַנטן האָבן זיך צו־נויפגענומען מיט קרובים, פריינט, משפחה און באַקאַנטע און דערקלערט זייערע געשעפטן אָדער פאַבריקן פאַר קאָאָפּעראַטיוון, איז דערמיט אַלץ געוואָרן כשר. אין יענער צייט, ווען איך בין נאָך דאָרט געווען, האָט די קאָמוניסטישע מאַכט געקוקט דורך די פינגער אויף די דאָזיקע קאָמ־בינאַציעס. דערפאַר האָט אָבער די גאַנצע נאַציאָנאַליזאַציע־תוכחה זיך אויסגעגאָסן אויף די ייִדן.

## מען נאַציאָנאַליזירט הייזער

און איצט איז געקומען די ריי אויף הייזער. אין איינעם אַ טאָג האָט מען באַקאַנט געמאַכט אין שטאָט דורך פּלאַקאַטן, אַז די הייזער וואָס האָבן לאָקאַטאָרן און זייער באַנוץ־שטח באַטרעפט מער ווי 170 קוואַדראַט־מעטער, וועלן נאַציאָנאַליזירט און גייען אַריבער אין רשות פון דער מלוכה. די גרעסטע צאָל הייזער אין שטאָט זענען געווען ייִדישע און די גרעסטע צאָל ייִדישע הייזער זענען געווען קליינע מש־פּחה־הייזער, וואָס פריערדיקע דורות האָבן זיי געהאַט אָנגעהויבן צו בויען און זיי זענען געבליבן ווי אַ ירושה פאַר די ווייטערדיקע דורות. לאָמיר זיך דערמאָנען: אין יענעם טרויעריק־באַרימטן צייטונג־אַרטיקל „אָן נקמה״ האָבן זיי דאָך געהאַט צוגעזאָגט, אַז די באַלעבאַטים וואָס ביי זיי האָט מען געהאַט קאָנפיסקירט זייערע פאַרמעגנס, וועלן קאָנען אַרבעטן ווי אָנגעשטעלטע, און פרייע דירות וועלן אויך האָבן די, וואָס ביי זיי האָט מען געהאַט נאַציאָנאַליזירט זייערע הייזער און בפרט די, וואָס האָבן פרייוויליק אָפּגעגעבן זייערע פאַרמעגנס. אין איינער אַזאַ מש־

פחה־דירה האָב איך געהאַט מיין שניידער־צימער. ווי אַזוי אָבער האָט עס אויסגעזען אין דער ווירקלעכקייט: אינעם זעלבן הויז האָט פונקט אַזאַ צימער פאַרנומען אַ מענטש פון דער נ. ק. וו. ד., און האָט דערפאַר געצאָלט 6 (שרייב און לייען: זעקס רובל) אַ חודש, בעת איך האָב פאַר מיין צימער געמוזט צאָלן 52 רובל אַ חודש. אויך דאָס הויז האָט לויטן קאָמוניסטישן געזעץ נישט געטאָרט ווערן נאַציאָנאַליזירט. דאָ אָבער, ווו אַלץ איז הפקר, איז דאָך נישט שייך קיין געזעץ — האָט מען טאַקע די גרעסטע צאָל יִדישע הייזער צוגענומען אָן אַ געזעץ.

אויף איין טראַגישן פאַל מוז מען זיך אָבער דאָ ספּעציעל אָפּשטעלן: דאָס איז דאָס הויז פונעם יִדישן דענטיסט ד״ר זלמן בלאָך. לויט דער גרייס איז דאָס הויז נישט אַרונטערגעפאַלן אונטערן נאַציאָנאַליזאַציע־געזעץ — עס איז נישט געווען גענוג גרויס און קיין לאָקאַטאָרן האָבן ביי אים קיין מאָל נישט געוווינט, אויך אַרבעטער האָבן ביי אים קיין מאָל נישט געאַרבעט. געאַרבעט האָבן דאָ בלויז ד״ר זלמן בלאָך און זיין פרוי, דערפאַר אָבער האָט דאָס הויז געהאַט איין גרויסן „חסרון״: עס איז געווען זייער אַ שיינער איינגאָרנדיקער בנין. אויבן האָט געוווינט דאָס פאַרפאַלק און אונטן, אינעם פאַרטער, האָבן זיי געהאַט זייער דענטיסטישן קאַבינעט. אַז עס איז מיטאַמאָל געקומען אַ מאָסקווער שישקע און האָט אַ קוק געטאָן אויפן דאָזיקן הויז, האָט ביי אים זיך געגומען מישן אין קאָפּ, אַז אַזוינס האָט ער צום ערשטן מאָל געזען אין קאַפּיטאַליסטישן ליטע — איז וואָס־זשע דאַרף מען דאָ לאַנג טראַכטן? מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט דער דענטיסט ד״ר זלמן בלאָך באַקומען אַן אויפפאָרדערונג, אַז אין משך פון דריי טעג דאַרף ער זיך אַרויסקלייבן פון זיין אייגן הויז, וואָס איז לויט אַלע פונקטן פון דער „גערעכטער סטאַלין־קאָנסטיטוציע״ נישט אַרונטערגעפאַלן אונטערן געזעץ פון נאַציאָנאַליזאַציע. נאָך דריי טעג, ווען די קאָמוניסטישע מחבלים זענען געקומען אַרויסוואַרפן דעם דענטיסט זלמן בלאָך פון זיין דירה, האָבן זיי אים שוין געטראָפן אַ געהאָנגענעם... (ווי איך האָב דאָס שוין דערמאָנט אין אַ פריערדיק קאַפּיטל). ס׳איז שוין נישט געווען ווער עס זאָל זיך אָקעגנשטעלן דער רעקוויזיציע־גזירה.

היינט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, ווען איך שרייב איבער מיינע נאָטיצן פון יענער צייט, 26 יאָר זינט יענעם אומגליק און נאָכן חורבן פון אונדזער פאָלק וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, איז מיר נאָך אַלץ שווער איבערצוגעבן דעם איינדרוק וואָס דער זעלבסטמאָרד פון דעם זעלטענעם ייִד און עסקן האָט געמאַכט אין שטאָט. אָן אימה האָט יעדן אַרומגעכאַפּט, פינצטער איז אַלעמען געוואָרן. די עטלעכע טעג ביז צו דער לוויה האָבן

ייִדן צווישן זיך נישט גערעדט און נישט געקאָנט קוקן זיך אין די אויגן. אַ שטאָט מיט ייִדן איז אַרומגעגאַנגען אבל־וחפוי־ראש.

דער אומדערמידלעכער עסקן נתן יאַנאָווסקי האָט מיר דערציילט, אַז אַזאַ לוויה ווו ס'זאָלן זיך באַטייליקן ייִדן און קריסטן האָט ווילקאָ־מיר פֿריִער נאָך קיין מאָל נישט געזען; ערשט איצט, האָט ער געזאָגט, האָבן ייִדן דערזען דאָס אמתדיקע פנים פֿון קאָמוניזם. אָבער אויך איצט האָבן זיי געהאַט אַ טעות, וואָרעם דאָס איז ווידער געווען נישט מער ווי אַ פּרעלודיע צו אַ פֿרישער כוואַליע פֿון נייע רדיפֿות, יסורים און אַרעסטן. יעדע נאַכט זענען ווידער פֿאַרשוווּנדן געוואָרן ייִדן פֿון זייערע היימען און מען האָט נישט געוווּסט, ווו זיי זענען אַהינגעקומען.

## מען נאַציאָנאַליזירט דירות

די קאָמוניסטישע מאַכט האָט באַשטימט אַ וווינונגס־אַמט (אויף ליטוויש: בוטיס קיריוס). אַלס אַ נאַטשאַלניק פֿון דאָזיקן אַמט איז גע־וואָרן באַשטימט אַ ייִדישער יונגערמאַן, נישט קיין קאָמוניסט. וועלפֿקע האָט ער געהייסן און געווען איז ער אַ פֿירער פֿונעם השומר הצעיר. איצט האָט דער דאָזיקער זיידענער יונגערמאַנטשיק, אַ רייכן טאַטנס אַ זונדל,אונטערגענומען דורכצופֿירן די שמוציקע קאָמוניסטישע אַרבעט פֿון אַרויסיאָגן ייִדן פֿון זייערע וווינונגען.

מיט דער קאָמוניסטישער ברכה האָט ער דורכגעפֿירט צוויי זאַכן: די ערשטע — אַז יעדע משפּחה פֿון צוויי מענטשן האָט אַ רעכט צו פֿאַר־נעמען בלויז איין צימער, די גרייס פֿון 9 קוואַדראַט־מעטער. דאָס צווייטע געזעץ איז געווען, אַז אַלע פּויערים־פֿאַמיליעס פֿון די דערפֿער, וואָס עס איז זיי צו ענג ביי זיך אין הויז, קאָנען קומען אין שטאָט, ווו זיי וועלן באַקומען אַנטשפּרעכנדיקע וווינונגען. האָבן טויזנטער פּויערים מיט זיי־ערע געניג גרויסע משפּחות זיך אַ לאָז געטאָן אין שטאָט אַריין: אַן אמתער עקזאָדוס פֿון דאָרף איז דאָס געווען. און ווו האָבן די קאָמוניסטן געזאָלט נעמען דירות פֿאַר די אַלע דאָרפֿס־מענטשן? האָבן זיי דען שוין געהאַט באַוויזן אַזוי פֿיל אויפֿצובויען? האָבן זיי געגעבן אַ ווונק צו די פּויערים: „גייט און זוכט דירות, און ווו איר וועט געפֿינען, וועלן דאָס זיין אייערע.” איז ווו זאָלן זיי גיין זוכן וווינונגען, אויב נישט ביי ייִדן?

האָט זיך אויף דעם באָדן אָנגעהויבן אַ מבול מיט קאָנפֿליקטן. קומט אַריין אַזאַ פּויערים־פֿאַמיליע אין אַ ייִדיש הויז מיט אַ צעטל אין דער האַנט און דערקלערט, אַז אָט אַ דעם צימער פֿאַרנעמען זיי. עס האָט נישט געהאָלפֿן קיין שום אויפֿקלערונג מצד דעם ייִדישן איינוווינער, אַז דאָס איז נישט מעגלעך און אַזוי זענען די פּויערים־פֿאַמיליעס געגאַנגען

אין וווינונגס־אַמט, האָבן דאָרט באַקומען אַ צעטל פון וועלפקען אויף אַ צי־
מער ביי אַ ייִדן. און אַ צימער האָבן די ליטווישע פויערים זיך שוין אַליין
אָפּגעזוכט. ייִדן האָבן זיך געוועהרט, אָבער ס'האָט קנאַפּ געהאָלפן.

נישט איינע אַזאַ איבערלעבונג האָב איך געהאַט. אין אַ געוויסן
טאָג האָב איך געמוזט פאַרן קיין קאָוונע. ווען איך בין אין אָוונט צו־
ריקגעקומען, איז מיין צימער געווען באַזעצט פון אַ זיבן־קעפּיקער
פויערים־משפּחה. זיי האָבן געהאַט אַ צעטל פון וועלפקען און דער צי־
מער איז זייערער  און וווהין זאָל איך גיין? און נאָר אַ דאַנק דעם
וואָס זיי זענען געווען דאָרפס־מענטשן און האָבן נישט געהאַט גענוג
שכל, האָט זיך מיר איינגעגעבן זיי זאָלן אַרויס פון מיין אַרבעט־צימער.
אַ צווייט מאָל איז אַ ליטווישער אָפיציר געקומען מיט וועלפקעס אַ
צעטל וואָס דערלויבט אים צו פאַרנעמען מיין צימער; און נאָר צוליב
דעם, וואָס דאָס צימער איז פאַר אים נישט גענוג גרויס, האָט דאָס
אָפיצירן־פאַרפאָלק אָפּגעטרעטן. אַ דריט מאָל האָט זיך געיאָוועט צו
מיר אַ פּאָליאַק; עפּעס אַ קליין, דריבנע מענטשל, וואָס אים איז שוין
מיין צימער יאָ געפעלן; און גראָד אים האָב איך פראָסט און פשוט גע־
עפנט די טיר און פון שטוב משלח געווען.

איז איין מאָל אין אַ שבת נאָך מיטאָג, ווען איך האָב זיך שוין
אומגעקערט פון אַ שפּאַציר, האָב איך פאַר מיין פענצטער דערזען שטיין
צו מיין גרויס שטוינונג אַ געזעמל פון מענטשן. דאָס האָט מיר
קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט. איך בין נישט ווי געווייַנלעך אַריין צו מיר
דורך דער קיך־טיר און צו מיין גרויסער פאַרוווּנדערונג האָב איך דאָרט
אָנגעטראָפן אַ נישט־געוויינלעכן גאַסט. עס האָט זיך אויפגעשטעלט אַן
אומגעוויינלעך הויכער און מגושמדיקער פאַרשוין אין זיינע בגדי־
מלכות, מיר דערלאַנגט זיין פליישיקע האַנט און פאַר מיר זיך פאָרגע־
שטעלט: „יאָ, פּאַד־פּאָלקאָווניק פון דער נ. ק. וו. ד. — פּעטראָוו.“
— „און איך בין נאָר אַ שניידער־אַרבעטער“, האָב איך זיך פאַר אים פאָר־
געשטעלט.

פּאַדפּאָלקאָווניק פּעטראָוו פון דער נ. ק. וו. ד. האָט זיך באַלד גע־
פילט ביי מיר היימיש און מיך געבעטן זיצן (דערווייל נאָך ביי מיר
אין שטוב) און אויף אַ „קאָלעגיאַלן“ אופן איז ער גלייך צוגעטראָטן
צום ענין, הלמאי איך וויל נישט אָפּטרעטן דאָס צימער פאַרן פּאָליאַק.
האָב איך דאָס ערשטע פאַר אים אויסגעדריקט מיין פאַרוווּנדערונג. „אין
רוסלאַנד, האָב איך געטענהט, זענען דאָך אַלע גלייך — ייִדן און
פּאָליאַקן, איז פאַרוואָס ווילט איר דווקא אַרויסזעצן פון זיין איינציק
צימערל אַ ייִד און דאָרט אַריינזעצן אַ פּאָליאַק? און דער עיקר: שוין
איבער דרייסיק יאָר (דעמאָלט) בין איך אַ „ראַבאָטשי“ (אַרבעטער),

אַזוי אַז איך האָב דאָס רעכט אויף אַ צימערל. דעריבער וועל איך אַליין פון צימער נישט אַרויס, סיידן מען וועט מיך אַרויסוואַרפן." ער האָט זיך אויפגעשטעלט, געזאָגט, איך זאָל זיך באַטראַכטן, און אַ בייזער איז ער אַרויס פון דער שטוב.

אַז איך האָב זיך „נישט באַטראַכט" און בין נישט אַרויס פון צי־מער, האָב איך אין עטלעכע טעג אַרום דערהאַלטן אַן איינלאַדונג צו קומען אין דער ווילקאָמירער אָפּטיילונג פון דער נ. ק. וו. ד., ווו איך האָב געדאַרפט אין אַ זונטיק, 10 אַ זייגער אין דער פרי, זיך מעלדן. דאָס האָט מיך אויף אַן אמת צעטומלט און איך האָב נישט געוווסט וואָס צו טאָן.

זענען מיר אַוועק פרעגן אַן עצה צו אַן אַלטן ליטווישן קאָמוניסט, אַ פריינט פון אונדזער הויז, אַן אינוואַליד מיט איין פוס און איצט אַן אדם חשוב און אַ הויכער באַאַמטער. און געקומען זענען מיר צו אַ כּע־לעמער באַשלוס: זאָל איך אַנטלויפן פון ווילקאָמיר, וועט עס דאָך הייסן, אַז איך האָב מיך באמת מיט עפּעס פאַרזינדיקט און מען וועט סיי ווי סיי מיך זוכן. זאָל איך אַריינגיין צו דער נ. ק. וו. ד., וועל איך, מיינט ער, פון דאָרט שוין נישט אַרויס. איך האָב בכן געהאַט אויסצו־קלייבן צווישן פלעק־טיפוס און בויך־טיפוס. אינעם באַשטימטן זונטיק אינדערפרי בין איך אַריין צום לייב אין פּיסק. איך האָב זיך מיט אַ מאָל דערזען אין דער טיף פון אַ פּרעכטיקן גאָרטן לעבן אַ טיר פון אַ פּאַלאַץ, ווו עס האָבן פריער געוווינט די הייליקע שוועסטער. די נ. ק. וו. ד. האָט זיי פון דאָרט אַרויסגעיאָגט און אַליין זיך דאָ פעסט אין זאָטל אַריינ־געזעצט. איצט וויגט זיך דאָ מיין גורל. פאַר מיינע אויגן הענגט דאָס טירגלעקל. ס'איז געווען בלויז אַ דריק צו טאָן מיטן פינגער און איך בין אינעווייניק. זאָל איך דעם פינגער אַרויפשטעלן אויפן גלעקל? איך האָב נאָך צייט דאָס נישט צו טאָן — וואָס וועט אָבער זיין נאָך דעם? און אַזוי טראַכטנדיק, צי זאָל איך יאָ, צי זאָל איך נישט געבן דעם דריק, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט דער קלונג... אַזוי אַז איך האָב שוין נישט געהאַט קיין וועג צוריק.

פאַר מיר איז שוין געשטאַנען אַ יונגער בחור פון אַ יאָר אַכצן־ניינצן, וואָס האָט אויף מיר שוין געוואַרט, אַריינגעפירט מיך אין אַ גאָר פיינעם צימער און מיך געבעטן זיצן, און אין גאָרנישט קיין שלעכטן פּויליש ווידער מיט מיר פאַרפירט דעם שמועס אויף דער זעלבער טעמע: פאַרוואָס איך טרעט נישט אָפּ דעם פּאַליאַק מיין צימער? דער שמועס האָט געדויערט לאַנג און האָט זיך געענדיקט מיטן זעלבן רעזולטאַט. ווען מיט צוויי חדשים שפּעטער האָבן פינף באַוואָפנטע זעלנער אין מיטן נאַכט זיך צו מיר אַריינגעריסן, אַרויסגעשלעפּט מיך פון מיין צוויטער

היים און שפּעטער מיך פאַרשיקט אין די ווייטע סיבירער וועלדער, איז איינער פון די פינף געוועזן דאָס קליינע און דריבנע פּאַליאַקל.

איך מוז אויף דעם אָרט פעסטשטעלן, אַז אין דעם טאָג, ווען דער תכשיט, דאָס זונדל פונעם רייכן טאַטן און פירער פון ליטווישן השומר הצעיר, אַט יענער וועלפקע, האָט אַריינגעפירט די ליטווישע פויערים אין די יידישע היימען, אין דעם טאָג האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן דער היטלעריסטישער אַנטיסעמיטיזם.

## מען ליקווידירט יידישע אינסטיטוציעס

### די יידישע פּרעסע

אין דער יידישער ליטע זענען אַרויסגעגאַנגען דריי יידישע נאַציאָנאַלע צייטונגען: די מפּא"י־צייטונג (אַרויסגעגעבן פון די רעכטע פּועלי־ציון) „אונדזער וואָרט"; דאָס אָרטאָדאָקסישע „טאָגבלאַט" (מש־מעות, אַז די דאָזיקע צוויי צייטונגען זענען נישט געווען פון די גאָר שטאַרק געלייענטע, וואָס דאָס האָט זיך גוט געוואָרפן אין די אויגן); און די דריטע, די אינטערעסאַנטסטע און צום שטאַרקסטן געלייענטע צייטונג, איז געווען „די יידישע שטימע", וואָס איר רעדאַקטאָר איז געווען ראובן רובינשטיין.

אין איינעם אַ טאָג איז די קאָמוניסטישע פּאָליציי באַפאַלן די לאָקאַלן, ווו עס האָבן זיך געפונען די רעדאַקציעס פון די יידישע צייטונגען, אַרויסגעפירט פון דאָרט אַלע מאַשינען, פּאַפּיר און אַלע מאַטעריאַלן. די רעדאַקטאָרן מיט די מיטאַרבעטער האָט מען אַריינגעזעצט אין תפיסות, חוץ די וואָס האָבן בייצייטנס באַוויזן אַריבערצולויפן אין קאָמוניסטישן לאַגער.

און ערשט דעמאָלט איז אויף די חורבות פון אַזאַ רייכער יידישער פּרעסע געוואָרן אויפגעריכט דאָס קאָמוניסטישע פאָלקס־בלעטל, וואָס פריער איז עס געווען אָרעם, אויסגעדאַרט, אָן אינהאַלט און אומבאַדייטנדיק, און קיינער האָט עס נישט געלייענט און קיינער האָט עס נישט געדאַרפט און קיינער וואָלט נאָך דעם קיין טרער נישט געלאָזן, ווען עס קומט אַ טאָג און עס ווערט פאַרשוווּנדן. צום באַדויערן איז עס אָבער אַזוי נישט געווען. צום אומגליק פון די ליטווישע יידן איז געקומען דער טרויעריקער טאָג, ווען דאָס קאָמוניסטישע פּאַרזעניש איז געוואָרן די איינציקע „יידישע" צייטונג. נאָר דעמאָלט האָט געקאָנט

אויפשטיין אַזאַ פאַררעטערישע זאַך, ווי דאָס איז געווען דאָס דאָזיקע בלעטל וואָס האָט באַלד איבערגעמאַליעוועט דאָס שילדל און פון „פאָלקס־בלאַט" איז געוואָרן „עמעס" (אמת), וואָס האָט אַזוי געהאַט אַ שייכות צו אמת ווי זייער „פאָלקסבלאַט" האָט געהאַט אַ שייכות צום ייִדישן פאָלק.

אין אַ געוויסן טאָג זענען אין מיין שניידער־שטוב געקומען אַ צאָל ייִדן און צווישן זיי איז אויך געווען ר' קאָלטון מיט אַ טענה. אַ טענה צו וועמען? דאָס ווייסן זיי אַליין אויך נישט! דאָס האַרץ איז אָבער פול און אין די אויגן ליגט אַ וועלט מיט צער. „אַלץ, טענהן די ייִדן האָט מען ביי אונדז צוגענומען. אין זייערע אַרבעטן אַרבעטן מיר עבודת־פרך — און וואָס ווילן זיי נאָך? פאַר וואָס שווייגט דער „עמעס"? זיי האָבן דאָך אַליין געשריבן אין זייער בלאַט, אַז זיי וועלן נישט נעמען קיין נקמה, עס איז דאָך שוין באו מים עד נפש! פאַר וואָס שוויגן זיי נאָך אַלץ?"

און הלוואי וואָלטן זיי כאָטש געשוויגן, די בוגדים! איז לאָמיר דאָ ברענגען עטלעכע ציטאַטן פון אַרטיקלען וואָס זענען אין יענער צייט געווען פאַרעפנטלעכט אין קאָוונער „עמעס". די צייטונגס־אויסשניטן האָט מען ביי מיר צוגענומען, בעת איך בין אָוועקגעשיקט געוואָרן אין לאַגער — וועל איך די אויסצוגן מוזן ברענגען פון זכרון.

אין אַן אַרטיקל פונעם טרויעריק־באַרימטן איליאַ ערענבורג שרייבט ער צווישן אַנדערן, אַזוי: זיי, די וועלט־אונטערצינדער, ענגלאַנד און פראַנקרייך, פאַרלאַנגען פון אונדז, אַז מיר זאָלן אויסהונגערן די דייטשע פרויען און די דייטשע קינדער... דאָס איז געווען אין חודש מאַי 1941, בלויז געציילטע וואָכן פאַרן אָנפאַל פון די דייטשע פאַנצער־דיוויזיעס אויף סאָוויעט־רוסלאַנד. ווען אויף מיליאָנען ייִדן האָבן שוין געוואַרט די גאַז־אויוונס, האָט נאָך איליאַ ערענבורג, אינאיינעם מיטן קאָוונער „עמעס" נישט „געוווּסט", וואָס די נאַצישע בעסטיעס טוען אָפּ מיט די ייִדישע פרויען און ייִדישע קינדער. אין אַ פריערדיקן נומער פון קאָוו־נער „עמעס" איז געווען נאָך איין אַרטיקל פון אירן אַ נאָך מער חשובן מיטאַרבעטער, טאַקע פון אים אַליין, פון האַנס פראַנק, גובערנאַטאָר פון פוילן, איבערגעדרוקט פון „גאַזעטאַ קראַקאָווסקאַ" (קראַקעווער צייטונג). דאָרט שרייבט דער היטלעריסטישער גאַולייטער אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען: „ווי אַזוי רעכן איך צו לייזן די ייִדן־פראַגע אין פוילן?" — היינט ווייסן מיר שוין, ווי אַזוי ער האָט „געלייזט די ייִדן־פראַגע".

דעמאָלט האָט האַנס פראַנק, צווישן אַנדערן, געשריבן, ווי אַזוי ער וועט אינדוסטריאַליזירן דעם לובלינער רעזערוואַט און דאָרט טאַקע וועט ער צונויפזאַמלען און איינאָרדענען די ייִדן אויף אַ געהעריקן שטיי־

גער... אין דעם זעלבן אַרטיקל רעדט דער נאַצישער גובערנאַטאָר אויך וועגן די פּרעטענזיעס פון די ייִדן אויף "פּאַלעסטינע", וואָס ער ווייסט וועגן זיי און ער וועט זיי באַפרידיקן, אויב... "אויב די דייטשן וועלן געווינען די מלחמה". כאָטש נעם און אָרגאַניזיר ייִדישע באַטאַליאָנען, זיי זאָלן גיין העלפן די היטלער־דייטשן זיי זאָלן געווינען די מלחמה!

דער דאָזיקער אַרטיקל פון נאַצישן ייִדן־הענקער איז געווען איבער־געדרוקט אין קאָמוניסטישן "עמעס" אָן דער קלענסטער באַמערקונג פון דער רעדאַקציע און פון וואָס פאַר אַ קוועלע עס קומט די דאָזיקע בשורה. אַז מען האָט איבערגעלייענט דאָס אַרטיקל, איז מען געווען איבער־צייגט, אַז די קאָמוניסטישע רעדאַקטאָרן פון "עמעס", צוזאַמען מיט האַנס פראַנק, שלאָפן נישט קיין נעכט, נאָר זיי זאָרגן זיך, ווי אַזוי "בעסער איינצואָרדענען" די ייִדן.

האָבן טאַקע ליטווישע ייִדן גערעדט צווישן זיך: "אויב אַזוי, איז דאָך נאָך נישט אַזוי שלעכט, ווי מען זאָגט. און דאָ איז דען בעסער?" האָבן ליטווישע ייִדן, וואָס אַ סך פון זיי האָבן שוין פּשוט נישט געהאָט פון וואָס אַ טאָג איבערצולעבן און זענען געווען אין שטענדיקן פּחד, צי וועלן זיי ערגעץ די נאַכט פאַרשווונדן ווערן" — און זייענדיק צעבראָכן האָבן זיי נישט איין מאָל געטראַכט: אַז אפשר איז אַ לובלינער רעזער־וואַט פאַרט אַן אויסוועג... און אַזוי זענען זיי שוין געווען אינגאַנצן רע־זיגנירט און גרייט אַלץ אויפצונעמען.

## די העברעיִשע גימנאַזיע

די העברעיִשע גימנאַזיע אין ווילקאָמיר האָט געהאַט אַן איינגאָרנ־דיקן געמויערטן בנין. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אין אַ העברעיִשער גימנאַזיע זאָל מען לערנען העברעיִש, און פּונקט אַזוי איז עס פאַר־שטענדלעך, אַז בראש פון אַ העברעיִשער אינסטיטוציע זאָל שטיין אַ ציוניסט און העברעיִסט; און אַזוי איז עס אויך טאַקע געווען, ביז די סאָוועטישע אַרמיי האָט אָקופּירט ליטע. דעמאָלט איז ווי אַ דירעק־טאָר פון דער דאָזיקער גימנאַזיע געשטאַנען אַ פּאַרשוין, וואָס זיין טרי־פּענער נאָמען איז געווען איזראַעלסקי. איך האָב אין מיין לעבן שוין געזען געַנוג בוגדים, רענעגאַטן, נאָר עפּעס אַזוינס, ווי דאָס איז געווען אָט דער אַפּטריניקער, וואָס איז געשטאַנען בראש פון אַזאַ אינסטיטוציע ווי דאָס איז געווען די העברעיִשע גימנאַזיע, האָב איך צום ערשטן מאָל געזען אין ייִדישן ווילקאָמיר.

אָט איז איין פּראַזע פון דעם דאָזיקן אויסוווּרף: "כדי בלויז אויס־צורוימען די ייִדישע בורזשואַז־קאַפּיטאַליסטישע רעאַקציאָנערן־קליקעס מיט זייערע רעאַקציאָנערע העברעיִש־ייִדישע לשונות, האָט שוין גע־

לוינט דער אָפּמאַך פון ראַטנפאַרבאַנד, אפילו מיט היטלערן!״ נישט איין מאָל האָבן ייִדישע עסקנים מיט טיפן ווייטיק, געפרעגט: „רבונו־של־עולם, אויף וועלכן ווילדגראַז זענען אויסגעוואַקסן די וועלפּקעס פונעם השומר־הצעיר און דער דירעקטאָר פון אַ העברעיִשער גימנאַזיע, אַט דער איזראַעלסקי?״

צום באַדויערן זענען זיי נאָך נישט געווען די איינציקע.

## דער ייִדישער שפּיטאָל

נאָך דער ליקווידאַציע פון דער ייִדישער פּרעסע האָבן די ייִדישע קאָמוניסטן זיך גענומען „מאַכן אָרדענונג״ אין די ייִדישע אינסטיטוציעס — זייער אָרדענונג. דאָס ייִדישע שפּיטאָל וואָס איז שוין דאָ געוואָרן דערמאָנט, איז נישט געווען גלאַט עפּעס אַ שפּיטאָל, נאָר אַ צירונג, וואָס אין אים האָט זיך געשפּיגלט דאָס ייִדישע ווילקאָמיר. אין דאָזיקן שפּיטאָל האָבן ייִדן אַריינגעלייגט אַזוי פיל ליבשאַפט, האַרץ, נשמה און אויך געלט. די מעדיצינישע באַהאַנדלונג איז דאָ געשטאַנען אויף אַזאַ אויסערגעוויינלעך הויכער מדרגה, אַז זי האָט, באמת, זיך געקאָנט פאַרגלייכן מיט די שענסטע שפּיטאָלן פון גרויסע וועלטשטעט. דער שטאָטישער שפּיטאָל האָט באַין אופן נישט געקאָנט זיך גלייכן צום ייִדישן שפּיטאָל. אוודאי האָט מען אין ייִדישן שפּיטאָל אַריינגענומען אויך נישט־ייִדישע קראַנקע און זיי זענען געוואָרן באַהאַנדלט פּונקט ווי ייִדישע פּאַציענטן. די נישט־ייִדישע קראַנקע זענען געווען גליקלעך צו קאָנען אָנקומען אַהער. געוווּסט אָבער האָבן אַלע, אַזוי ייִדן ווי נישט־ייִדן, אַז דאָס שפּיטאָל איז געוואָרן אויסגעבויט דורך ייִדן, אַז עס ווערט אויסגעהאַלטן פון ייִדן — און אַז עס איז אַ ייִדיש שפּיטאָל.

זענען געקומען ייִדישע קאָמוניסטן מיט מעכל קלאַץ (גערופן האָט מען אים אַזוי, ווייל ער איז געווען קורץ און גראָב ווי אַ קלאָץ), און האָבן געמאַכט צו דעם אַ סוף: זיי האָבן חרוב געמאַכט די פּרעכטיקע ייִדישע אינסטיטוציע. קודם־כל האָבן זיי, ווי מען זאָגט, צעמישט די קאָרטן, און פון היינט אויף מאָרגן האָט דער שפּיטאָל אויפגעהערט צו זיין אַ ייִדיש שפּיטאָל, נאָר איז געוואָרן אַ שפּיטאָל „פאַר אַלע״, וואָס עס איז דאָך סיי ווי אַזוי שוין געווען אויך פריער. איצט האָט מען די קראַנקע צוזאַמען מיט זייערע דאָקטוירים אַריבער־געשיקט אין שטאָטישן שפּיטאָל, און די קראַנקע פון דאָרט האָט מען צוזאַמען מיט זייערע דאָקטוירים געשיקט אַהער. ווי איך האָב פריער גע־זאָגט, האָבן נישט־ייִדישע קראַנקע אַלע מאָל זיך געריסן אַנצוקומען אין ייִדישן שפּיטאָל. איצט אָבער איז פאַר ייִדישע קראַנקע בכלל שוין געוואָרן אוממעגלעך אַנצוקומען זיך היילן אין זייער שפּיטאָל.

און נאָך אַ נייעס (דאָס מאָל שוין פאַר אַלע דאָקטוירים): דער טיטל „דאָקטאָר" איז געוואָרן אָפּגעשאַפט, געוואָרן פאַרשווּנדן — נישטאָ מער קיין דאָקטער, נאָר מעדיצינישע אַרבעטער (מעדיצינסקע סאָטרודניקי), און מעדיצינישע אַרבעטער האָבן איצט שוין געהייסן אַלע וואָס האָבן נאָר געאַרבעט אין שפּיטאָל, אָנהייבנדיק פון העכסטן דאָקטאָר־אַמט ביז צו דער פרוי וואָס האָט געמאַכט „מעגאַזש" (אויפרוים־אַרבעט). זיי האָבן ביסלעכווייז שוין אָנגעהויבן צו זאָגן דעות, וואָס פאַר רפואות דאַרף דער דאָקטער געבן די קראַנקע, און... צי איז דער דאָקטער פּאָליטיש געגנוג כשר.

פונקט דאָס זעלבע איז געוואָרן מיטן מושב־זקנים וואָס איז געווען אַ ייִדישער און פאַר ייִדן וואָס מען האָט געבראַכט אַהער פון אַלע שטעט פון דער ייִדישער ליטע, און דאָ האָבן זקנים און זקנות זיך אויסגעלעבט אין כבוד ביז צום סוף פון זייערע טעג. אָן איינשטאָקיקער געמויערטער בנין איז דאָס געווען — און איצט איז ער געוואָרן דער אַזיל פאַר אַלע נישט־ייִדישע שלעפּערס, מדינה־גייערס וואָס האָבן שוין איצט נישט געפעלט, פאַר אַלע שיכורים וואָס פּאָליציי האָט אַריינגעוואָרפן, זיי זאָלן זיך דאָ אויסניכטערן.

אַזוי אַרום איז די דאָזיקע זקנים־אינסטיטוציע וואָס האָט געקאָנט זיין אַ מוסטער פאַר די שענסטע ייִדישע אינסטיטוציעס, געוואָרן פאַראומרייניקט דורכן ליטווישן אָפּפאַל. און אויך דאָ איז פאַר ייִדישע זקנים שוין געוואָרן ממש אוממעגלעך אַריינצוקומען. דערמיט איז געוואָרן פאַרענדיקט אַ ווונדערלעך קאַפּיטל פון צוויי ייִדישע אינסטיטוציעס וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע פאַר דער ייִדיש־ליטווישער יוגנט און אויך פאַר אַלטע לייט.

**מען זוכט קאַנדידאַטן אויף גענעראַלן...**

אין דעם הויז, ווו ס'איז געווען מיין שניידער־שטיבל און וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן דער צענטער פאַר ייִדישע צרות, האָבן אויך געוווינט די קאַלמיקעס (מען האָט זיי אַזוי גערופן, ווייל טאַטע־מאַמע זענען געווען קורץ און דיק און דערצו מיט מאָנגאָלישע פּנימער). אַ ייִדישע משפּחה פון פינף פּערזאָנען, מאַן און פרוי מיט דריי דערוואַקסענע קינדער — לידיא די פּריקאַזשטשיצע (וועגן איר האָב איך שוין דערציילט), אַ ייִנגערע שוועסטער און אַ ברודער בנימין, אַ בחור פון אַ יאָר זעכצן־זיבעצן.

פון אַרבעטן האָט ער, פּונקט ווי זיין טאַטע, נישט געהאַלטן. די איינציקע פאַרדינערין אין שטוב איז געווען לידיא. פאַרשטייט זיך, אַז קיין גאָר גרויסע גבירים זענען זיי שוין נישט געווען. זיי האָבן פאַר־

נומען צוויי צימערן מיט אַ קיך און פאַר דער דירה האָבן זיי געדאַרפט צאָלן 15 ליט אַ חודש. יאָרן פריער האָבן זיי געצאָלט נאָר 9 ליט אַ חודש — פאַר יענער צייט איז דאָס געווען אַ חוזק־סומע. און טאָמער האָבן זיי פאַר איין חודש נישט באַצאָלט, וואָס ס'האָט געטראָפן גאַנץ אָפט, האָט מען צו זיי אויך נישט גערופן קיין פאָליציי.

גראָד אין יענער צייט האָט דאָס סאָוויעטישע מיליטער געהאַט אָקופּירט ליטע. איז די קאַלמיקעס־משפּחה (אַ חוץ לידיאַ וואָס האָט זיי שוין צו ביסלעך דערקענט) געוואָרן פון די ערשטע אַפּאַסטאָלן קעגן די „בלוטזויגערס".

מיטאַמאָל האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז מען זוכט יונגע קאַנדידאַטן פאַר הויכע מיליטער־פּאָסטנס און ווער עס וויל, קאָן ווערן אַ הויכער מיליטערמאַן. ווי אַזוי ? זייער פּשוט : אין דער מאָס־קווער מיליטער־אַקאַדעמיע ווערן אָנגענומען יוגנטלעכע וואָס ווערן אויסגעהאַלטן מיט אַלץ וואָס איז נייטיק, אפילו מיט טאַשן־געלט, און אין אַ קורצער צייט קאָן מען ווערן אַן אָפיציר, אַ פּולקאָווניק און אפילו אַ גענעראַל. און אויב נישט נאָך העכער. אין דעם האָט זיך, פאַרשטייט זיך, אָנגעכאַפּט בוניע פון די קאַלמיקעס.

אַרום דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ ריזיקע פּראָפּאַגאַנדע וואָס האָט זיך געטראָגן „ביז צום הימל". בוניע האָט זיך אין דעם אַריינגעוואָרפן מיט זיין גאַנצן יוגנטלעכן ענטוזיאַזם און באַוויזן אַזוי קלאָר ווי אויף דער האַנט, אַז עס לוינט זיך, עס איז אַ ווילדע מציאה : מען פאָרט אויף אַ קורצער צייט אין דער אַקאַדעמיע און מען קאָן דערנאָך דערגיין אַזש ביז ווערן אַ גענעראַל — איז פאַרוואָס נישט פאָרן ?

אין מיין שניידער־שטוב איז יעדעס מאָל געקומען אַן אַנדערע מאַמע נאָך אַן עצה — צי זאָל זי טאָקע אָפּגעבן איר זון אויף דער לער „פאַר אַ גענעראַל" ? ביז עס האָט זיך איינגעגעבן בוניען פון די קאַל־מיקעס אַריינצוציען נאָך צוויי, דריי יוגנטלעכע וואָס זענען געפאָרן אין דער „מאָסקווער מיליטערישער אַקאַדעמיע", כדי צו ווערן פּולקאָווניק, גענעראַל און ווער ווייסט וואָס נאָך, און שוין : והילד איננו.

עס זענען אַוועק חדשים און פון די אַוועקגעפאָרענע קינדער האָט קיינס נישט געגעבן פון זיך קיין סימן פון לעבן. איז דאָך צווישן די מאַמעס געוואָרן אַ בהלה. צום העכסטן אָבער האָט געשריגן, ווי דאָס איז געווען איר שטייגער, די מאַמע פון די קאַלמיקעס : „געוואַלד ! וואָס האָבן זיי געמאַכט פון מיין קינד ?", און זי איז איצט ווידער געקומען צו מיר מיט אַ טענה. אָבער וואָס האָב איך געקאָנט טאָן מער, ווי טרייסטן ? אַז עס וועט קומען אַ טאָג און איר זון וועט קומען צו רייטן אין שטאָט

אויף אַ ווייס פערד, אין אַ פּורפּור־רויטן מאַנטל מיט גענעראַלסקע שליפּעס, מיט גאָלדענע קנעפּ און מיט אַ שווערד ביי דער זייט? דער־ווייל אָבער האָבן זיי נעבעך פאַרבלאָנדזשעט די קינדער: אָנשטאָט אין אַ מיליטערישער אַקאַדעמיע אין מאָסקווע זענען זיי אָנגעקומען אין פּע. זע. אַ. (פאַבריטשנאַ זאַוואָדנאַיע אַבוטשעניע).

**דאָס פּאַספּאָרטן־געיעג...**

אַ גרויסער רוסישער שרייבער האָט אַ מאָל געשריבן, אַז אַ רוסישער מענטש באַשטייט פון דריי טיילן: אַ גוף, אַ נשמה און אַ פּאַספּאָרט. די אָבער וואָס האָבן געהאַט די טרויעריקע זכיה צו זיין נענטער מיט די רוסישע מענטשן אַ לענגערע צייט אין רוסלאַנד, האָבן לייכט זיך געקאָנט איבערצייגן, אַז נישט קיין נשמה, נישט קיין הארץ, אפילו נישט קיין קאָפּ צו טראַכטן דאַרף מען דאָ האָבן — דאָס אַלץ זענען אומניי־טיקע זאַכן, איבעריקע צוטשעפּענישן. וואָס עס דאַרף יאָ האָבן אַ רוסי־שער מענטש, דאָס איז אַ געזונטן גוף צו קאָנען אַרבעטן, און אַ פּאַספּאָרט.

עס וואָלט מיך צו ווייט פאַרפירט אויפצוקלערן די פאַרשידענ־ערליי פּאַספּאָרטן מיט כלערליי פּאַראַגראַפן, סטאַטיאַס און פינטעלעך פון לינקס און פינטעלעך פון רעכטס. צו דעם דאַרף מען אין רוסלאַנד זיין גוט באַהאַוונט אין די אַלע קבלה־דריידלעך. וויכטיק איז נאָר, אַז פאַר קרימינעלע איז דער פּאַראַגראַף פיל לייכטער ווי פאַר פּאָליטישע: מיטן טרויעריק־באַרימטן 58־טן סטאַטיאַ. איין מאָל איינגעשריבן אין פּאַס — האָט צו מיר אַ מאָל געזאָגט אַן אַרעסטאַנט — וועסטו פון אים זיך שוין קיינמאָל נישט אַרויסבאַקומען, ער וועט דיך שוין פאַר־יאָגן ביזן קבר״.

פאַר אַ רוסישן גנב איז אַרויסצובאַקומען אַ פרעמדן פּאַספּאָרט דאָס גרעסטע געווינס. טויזנטער געשיכטעס וואָלט מען געקאָנט דערציילן פון פאַראומגליקטע מענטשן וואָס ביי זיי האָט מען אַרויסגעגנבעט דעם פּאַספּאָרט. צו די אַלע צרות וואָס די באַלשעוויקעס ברענגען מיט זיך, ווען זיי פאַרכאַפּן ערגעץ אַ לאַנד, איז אויך דאָס אַרויפצווינגען זייער פּאַס, וואָס ווערט באַטראַכט פאַרן לעצטן אומגליק — דאָס איז די איי־זערנע רייף וואָס נעמט אַרום דעם מענטשן און נאָגלט אים צו צום רעזשים.

דעם ערשטן פּאַספּאָרטן־געיעג האָב איך איבערגעלעבט אין וויל־קאָמיר, וואָס האָט מיך דערפירט ביז צו די טייגעס. דאָס מיינט אָבער לחלוטין נישט, אַז אַנדערע וואָס זענען אַליין געגאַנגען נאָכן פּאַספּאָרט, האָבן אויסגעמיטן דעם לאַגער. קיינער האָט אים, פריער צי אַ ביסל שפּעטער, נישט אויסגעמיטן.

אין דער פאַראָרדענונג וואָס האָט זיך באַוויזן אין די גאַסן, איז יעדן געוואָרן אָנגעוויזן זיין ראַיאָן און דער טאָג, ווען עס דאַרף זיך אָנהייבן די פּאַספּאָרטיזאַציע און ווען זי מוז זיך ענדיקן. פאַר דער ליט־ווישער באַפעלקערונג, דער עיקר פאַר דער ייִדישער, איז גאָרנישט געווען קיין פראַגע פון אַקעגנשטעלן זיך דער נייער גזירה. אָנגעשראָ־קענע, ווי זיי זענען געווען, זענען דאָס שוין נישט געווען קיין מענטשן, פעיִקע צום ווידערשטאַנד, בפרט אַז באַלד האָט זיך ווידער באַוויזן דאָס ביסל ייִדישע קאָמוניסטן און מיט אַלע שרעקמיטלען געשלעפּט די ייִדי־שע באַפעלקערונג צו די נ. ק. וו. ד.־טישן, דאָרט, ווי ייִדן פלעגן זאָגן, ווו מען האָט זיי אַריינגעשטופּט דאָס געלע שאַנדפּאַפּירל אין דער האַנט אַריין.

דער לעצטער סך־הכל וואָס ליטווישע ייִדן האָבן פאַר זיך גע־מאַכט, איז געווען אָט וואָס: די ניימאַשין וואָס פון איר האָב איך אַ לעבן־לאַנג געצויגן מיין חיונה בכבוד, האָט מען ביי מיר צוגענומען, דאָס קרעמל האָט מען מיר אויסגעפּלינדערט, פון מיין דירה האָט מען מיך אַרויסגעוואָרפן, פונעם הייזל וואָס מיין זיידע, דערנאָך דער טאַטע האָבן געבויט, האָט מען מיך אַרויסגעטריבן, די קינדער אונדזערע האָט מען פאַרשלעפּט. דאָס איז אָבער נאָך אַלץ נישט געווען דאָס לעצטע קאָמוניסטישע שאַנד־וואָרט. אַ פאַרביטערטער געראַנגל קעגן לאָזן זיך אַריינשטופּן דאָס סאָוויעטישע שאַנד־פּאַפּירל האָבן אין ליטע — שפּעטער אויך אין רוסלאַנד גופא — געפירט די ייִדישע פליטים פון פוילן. מיט ציין און נעגל האָבן זיי קעגן דעם זיך געווערט, עס האָבן נישט געהאָלפן קיין גוטע און נישט קיין בייזע רייד. האָבן טאַקע די ייִדישע קאָמוניסטן מיט אַ באַזונדער אכזריות אויף זיי זיך אַרויפגעוואָרפן. מען קאָן זאָגן אָן גוזמא, אַז ס'איז נישט געווען קיין 1 פּראָצענט פון די פליטים וואָס זאָל האָבן אָנגענומען פרייוויליק דעם דאָקומענט. די איינציקע וואָס האָבן דעם דרוק נישט אויסגעהאַלטן און זיך איינגעבראָכן, זענען גע־ווען פון דעם דערדריקט, מאָראַליש צעבראָכן און אומגליקלעך.

און פאַרקערט — נישט געקוקט אויף דער אָנגעוואָרפענער שרעק פאַר די קאָנסעקווענצן וועגן סיביר, טייגעס און טונדרעס און ווייסע בערן, וואָס מיט דעם האָבן ייִדישע קאָמוניסטן שוין גאַנץ אָפט געסטראָ־שעט, זענען די, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן דעם נסיון און נישט גענומען דעם פּאַס, געווען פון די גליקלעכסטע און אַרומגעגאַנגען מיט אויפ־געהויבענע קעפּ און האָבן געקוקט אויף זיך, גלייך זיי וואָלטן געווען מי יודע וואָסערע גבורים. און איינער פון זיי בין איך אויך געווען.

אין איינעם אַ טאָג האָב איך באַקומען אַן „איינלאַדונג" צו קומען אין דער נ. ק. וו. ד. פאַר מיר האָט זיך פאַרגעשטעלט אַ ריזיק־צעוואַק־

סענער אָפּיציר. ביי דער זייט האָט זיך ביי אים געבאָמבלט אַ גרויסער נאַגאַן וואָס ער האָט אים באַלד אָוועקגעלייגט אויפן טיש, ביי וועלכן ער האָט מיך „געבעטן" זיצן, און ער אַליין האָט זיך אויך באַלד צוגע־זעצט צום טיש און גענומען זיך „שפּילן" מיטן נאַגאַן, גלייך ווי ער וואָלט ערשט איצט צום ערשטן מאָל דערזען די דאָזיקע צאַצקע.

„פאַרוואָס, האָט ער גלייך אָנגעהויבן דעם שמועס, פאַרוואָס נעמסטו נישט קיין סאָוויעטישן פּאַספּאָרט?"

„ערשטנס, ענטפער איך אים, בין איך אַ פּוילישער בירגער און דאָס וואָלט געהייסן פאַרראַטן מיין לאַנד וואָס איך האָב, צוליב דעם אָנפאַל פון היטלערן, געמוזט צייטווייליק פאַרלאָזן. און צווייטנס האָב איך אין אַמעריקע מיין מאַמע און מיין איינציקער פאַרלאַנג איז היינט מיט איר כאָטש נאָך איין מאָל אין מיין לעבן זיך צו זען."

„דער ראַטנפאַרבאַנד — האָט געענטפערט דער צוואָקסענער אָפּי־ציר מיטן נאַגאַן אין דער האַנט — איז אַ מאַמע צו אַלע אירע קינדער."

„איך האָב ליב נאָר מיין מאַמע וואָס האָט מיך אויסגעהאָדעוועט, גיב איך אים צו פאַרשטיין, און איך קאָן אויף דער עלטער זי נישט פאַרלאָזן."

נאָך אַ קרוב דריי־שעהעדיקן שמועס, צומאָל מיט גאָר שאַרפע רייד און צומאָל אויך מיט ווייכע, האָט דער קאַפּיטאַן זעענדיק, אַז ער האָט מיך נאָך אַלץ נישט איבערצייגט, זיך גענומען צוזאַמענשטעלן אַ פּראָטאָקאָל, אַז צוליב דעם וואָס דער בירגער דער און דער פאָרט צו־ריק קיין היטלער־דייטשלאַנד, זאָגט ער זיך אָפּ, צו נעמען אַ סאָוויע־טישן פּאַספּאָרט.

„פּראַווילנאַ?, רופט זיך אָן צו מיר דער אָפּיציר, „ראַספּישעטעס"! (ריכטיק? שרייבט אונטער) „עס איז נישט ריכטיק, און כ'וועל נישט אונטערשרייבן!" האָב איך אָן אויפגערעגטער אָפּגעענטפערט.

ערשט ווען ער האָט אויסגעשטעלט אַן אַנדערן פּראָטאָקאָל אַ ריכ־טיקן לויט מיינע רייד, האָב איך אים אונטערגעשריבן.

**מען מאַכט וואַלן צום ליטווישן סיים**

אין דער צווייטער העלפט פון חודש יולי 1940 זענען אין דער אָקופּירטער ליטע געוואָרן דורכגעפירט וואַלן צום ליטווישן „פאָלקס־סיים" אונטערן סלאָגאַן „אָנצושליסן ליטע צו די מעכטיקע ברידערלעכע סאָוויעטישע רעפּובליקן". האָבן אָבער די גרויסע סאָוויעטישע ברידער נישט געוואָלט קומען צו די דאָזיקע וואַלן מיט ליידיקע הענט צו דער אָרעמער ליטווישער שוועסטער. האָבן זיי דעריבער אָנגעהויבן די וואַל־קאַמפּאַניע מיט זייער אַן איינדרוקספולן אַקט, דהיינו: מיטן אַריינפירן אין די שטעט אַביסל סאָוויעטישע ניי־מאַשינען. און דאָס, כדי צו באַ־

ווייזן דעם ליטווישן פֿאָלק וואָס פֿאַר אַ גליקן עס דערוואַרטן זיי פֿון זייערע סאָוויטישע ברידער. קיין גאַנצע מאַשינען זענען דאָס נישט געווען, נאָר האַלבע — די בלויזע קעפּלעך וואָס די רעדלעך האָט מען געדאַרפֿט דרייען מיט דער האַנט. אויף דעם האָבן זיך אַ לאָז געטאָן הונדערטער פֿויערטעס פֿון די אַרומיקע דערפֿער און האָבן איינגעהאַנדלט מאַסנווייז די דאָזיקע אַמפּוטירטע מאַשינדלעך. די ליטווינער פֿון דער שטאָט האָבן זיך צו דער דאָזיקער "מתּנה" נישט צוגערירט.

מיטאָמאָל איז צו מיר געקומען דודל פֿון דער לוריאַ־משפּחה און האָט מיר איינגערוימט אין אויער אַ ווײַכטיקן סוד, באַשר אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלן קומען אין שטאָט אַריין גאַנצע צוואַנציק פֿוס־מאַשינען (דאָס הייסט: גאַנצע מאַשינען), "און זיי — זאָגט ער — זענען עס די נײַעסטע וואַל־מתּנה, און אַזוי ווי איר נייטיקט זיך ווי אין לעבן אין אַזאַ מתּנה, דאַרף מען שוין אָנהייבן עפּעס צו טאָן וועגן דעם".

אין אַ געווויסן טאָג האָט דודל, אַ צעשטראָלטער, זיך ווידער אַרײַנגעשטעלט צו מיר, מיט אַ רעקאָמענדאַציע אין דער האַנט און מיר אָנגעזאָגט צו ווען איך דאַרף מיט איר גיין. אַז איך בין אין דעם באַשטימטן טאָג אַוועק צום זאַוויעדואַישטשע (פּאַרוואַלטער) מיטן פּאַפּירל אין דער האַנט, האָט ער מיך אויפֿגענומען מיט אַ מבול פֿון ניבול־פּה, לאָזנדיק דערבײַ אין גאַנג אויך זײַנע ידים:

"דו פּוילישער חזיר, דו פֿינצטערער רעאַקציאָנער, נאָך ווייניק געזויגן דאָס בלוט פֿונעם ליטווישן פֿאָלק? וואָן, אַרויס!"

אַז דודל לוריאַ האָט זיך דערוווּסט פֿון דעם "קבלת־פּנים" וואָס איך האָב באַקומען און פֿונעם רעזולטאַט, זאָגט ער, אַז גוט איז דאָס טאַקע נישט, אָבער מען דאַרף ווייטער עפּעס טאָן. אַז איך בין צום צווייטן מאָל געקומען צום פּאַרוואַלטער זאַכאַרעוויטש, האָט ער מיך דאָס מאָל נישט געשלאָגן, נאָר ער האָט פֿונדעסטוועגן אָנשטאָט געבן מיר אַ מאַשין, אויסגעגאָסן אויף מײַן קאָפּ אַ נײַעם האָגל זידלערײַען.

"גוט — זאָגט צו מיר דודל — איז אַלץ נישט, כאָטש בעסער ווי פֿריער איז עס שוין."

בין איך אַזוי איין מאָל געגאַנגען אין גאַס און צופֿעליק זיך אָנגעטראָפֿן מיט דעם זעלביקן זאַכאַרעוויטש.

"העי, דו פּוילישער פּליאַקע! — גיט ער צו מיר אַ געשריי — קום מאָרגן און ברענג 300 רובל, וועסטו באַקומען אַ ניי־מאַשין."

אָן אַ פֿינף־און־צוואַנציקער כאָבאַר איז ער זיך נישט באַגאַנגען — אָבער אַ נײַע ניימאַשין האָט איך פֿאַרט באַקומען.

דערווײַל האָט די נײַע וואַל־קאַמפּאַניע זיך צעפֿלאַקערט מיט אַלע פֿײַערן און וואָס נענטער ס'איז געקומען צום וואַל־טאָג, אַלץ פֿאַרבײַ־

סענער איז געוואָרן דער קאַמף, פונקט ווי עס וואָלט געשטאַנען אַ שונא וואָס וויל דורך אַ מערהייט שטימען אַרויסרייסן ביי זיי די מאַכט. די וואַל־אַגיטאַציע האָט אויסגעזען ווי להבדיל אין אַמאָליקן פוילן, מיט וואַל־מיטינגען און הויז־אַגיטאַציעס. איינעם אַזאַ „הויז־באַזוך" האָב איך אויך געהאַט פון דער פּאָליציי וואָס האָט ביי מיר אַגיטירט צו שטימען נאָר פאַרן בלאָק פון קאָמוניסטן און „אומפּאַרטייאישע". דאָס וואָס ס'האָט מיר אויסגעזען אויסטערליש, איז געווען, אַז פּאָליציי זאָל אַגיטירן צו שטימען פאַר קאָמוניסטן — איז, הייסט עס, געקומען משיחס צייטן?

איך בין געווען זייער נייגעריק צו וויסן, קעגן וועמען אייגנטלעך קעמפט מען דאָס אַזוי? מער ווי איין ליסטע איז דאָך נישטאָ! האָב איך דאָס געפרעגט ביי די פּאָליצייאישע הויז־אַגיטאַטאָרן. אַזוי ווי זיי ווייסן נעבעך גאָרנישט, נאָר וואָס פון דאַרף געקומען, זאָל איך דעריבער, זאָגן זיי מיר, זיין אַזוי גוט און קומען אויפן וואַל־מיטינג וואָס קומט פאָר מאָרגן 8 אַ זייגער אין אָוונט: „איך וועל אפילו קאָנען רעדן קעגן דער וולאסט!". איך האָב אָנגענומען די פּאָליצייאישע איינלאַדונג און בין דעם אַנדערן טאָג, מיטוואָך, 8 אַ זייגער אין אָוונט, געקומען אויפן מיטינג. און עס האָט זיך געלוינט, עס איז געווען וואָס צו הערן.

דער מיטינג איז פאָרגעקומען אין דער שטאָטישער שול. אין פּרע־זידיום זענען געזעסן: דער פאַריקער פּאָליציי־קאָמענדאַנט (איצט אין פּאָליצייאישן ציוויל); מעכל קלאָץ, וואָס האָט נעבעך געמוזט שטיין, כדי מען זאָל אים אַרויסזען; דער געוועזענער דירעקטאָר פון דער העב־רעיִשער גימנאַזיע איזראַעלסקי; דער פירער פון „השומר־הצעיר" וועלפּ־קע, און דער פאַד־פּאָלקאָווניק פון דער ב. ק. וו. ד., פּעטראָוו. ער איז געווען דער ראש־המדברים און ער האָט אויפגעקלערט, פאַרוואָס ליטע דאַרף שטימען נאָר פאַרן בלאָק פון קאָמוניסטן און אומפּאַרטייאישע, ווייל זיי קעמפן עס קעגן די וועלט־אונטערצינדער (פראַנקרייך און ענגלאַנד). די אַגענטן פון אַמעריקע האָבן געוואָלט אָנרייצן „גיטלערן" (היטלערן) קעגן „סאָוויעטסקי סאַיוז", אָבער אונדזער גרויסער און „מודרי" (קלוגער) יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש האָט זיך נישט געלאָזט. האָט גיט־לער אויסגעקליבן דעם סאָוויעטסקי סאַיוז, און דערפאַר האָבן מיר היינט דעם „מיר" (שלום). דעריבער וועלן מיר אַלע שטימען פאַרן מעכטיקן ראַטנפאַרבאַנד (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן אין פּרעזידיום) און פאַר אַנשליסן ליטע צו דער גרויסער ברידערלעכער סאָוויעט־רעפּובליק."

איינער פון די וואַל־לאָקאַלן איז געווען דאָס צווייטע הויז פון מיר. איך האָב דעריבער געהאַט די מעגלעכקייט זיך צוצוקוקן פון דער

נאָענט, ווי אַזוי דאָרט קומט פאָר דאָס שטימען. שוין פון נעכטן אָוונט אָן איז געווען אויפגעשטעלט פאַרן ביוראָ אַ ראַדיאָ־הילכער מיט אַן איינציקער פּליטע וואָס האָט געקלימפּערט אָן אויפהער: פון איין זייט —„אויב דו זעסט מיין מומע, לאָז זי גריסן", און פון דער צווייטער זייט — „באַיאַדעראַ". איך האָב באין אופן נישט געקאָנט דערגיין, ווו האָבן זיי דאָס גענומען דעם אַלטן, אין פּוילן זינט לאַנגע יאָרן שוין פאַרשוווּנדענעם גאַסן־שלאָגער. כמעט צוויי מעת־לעת האָט ער אַזוי געגרימפּלט אָן אויפהער און אַזוי ביז צום סוף פונעם ערשטן וואַל־טאָג. (ס'איז אויך געווען אַ צווייטער וואַל־טאָג). אין דעם טאָג בין איך געווען עטלעכע מאָל אין וואַל־ביוראָ און האָב זיך צוגעקוקט צו דער שטים־פּראָצעדור.

ביים אַריינקומען אין וואַל־צימער האָט דער פאָרזיצער פון דער וואַל־קאָמיסיע דערלאַנגט דעם ווילער אַ קאָנווערט, וואָס אין אים איז שוין געלעגן דאָס שטים־צעטל. דער ווילער האָט געמוזט אַריינגיין אין אַ באַזונדערער קאַבינע, ווו „קיינער האָט נישט געטאָרט זיין" — נאָר דער ווילער, וואָס האָט בלויז געדאַרפט אַריינלייגן ריכטיק דאָס צעטל אין קאָנווערט און דערנאָך צוטראָגן צו דער וואַל־קאָמיסיע. פון דאַנען האָט דעם קאָנווערט פון אַלע זייטן גוט בודק געווען, צי האָט דער שטימער, חלילה, נישט געמאַכט קיין „טעות", און נאָכדעם אַריינגעלייגט דעם קאָנ־ווערט אין דער וואַל־אורנע.

דעם אַנדערן טאָג אינדערפרי נאָכן ערשטן וואַל־גאַנג האָט זיך באַוויזן אין קאָוונער „עמעס" אַט וואָס פאַר אַ מודעה: היות ווי נישט אַלע אַרבעטער האָבן באַוויזן אָפּצוגעבן זייערע שטימען, איז אויפן פאַרלאַנג פון די אַרבעטער־מאַסן געוואָרן פאַרלענגערט דאָס שטימען אויף נאָך אַ טאָג.

צי האָט זיי דאָס געבראַכט נאָך שטימען, האָב איך מיך נישט דערוווּסט. דערפאַר אָבער האָבן די איינוווינער פון דער שטאָט ווידער געהאַט דאָס גרויסע „פאַרגעניגן" נאָך אַ מאָל צו הערן אומזיסט דעם קאָנצערט פונעם אַלטן פּוילישן גאַסן־שלאָגער: „אויב דו זעסט מיין מומע ערגעץ־ווו, לאָז זי גריסן".

## אַ באַגעגעניש מיט אַ סאָוויעטישן מיליטער־פּאַטרול

אין איינעם אַ טאָג בין איך געוואָרן פאַרבעטן צו דער משפּחה לוריאַ אויף אַ זויערס.

„האָ, ר' לוריאַ, וואָס איז דאָס פאַר אַ שמחה פּלוצלינג?"

„וואָס הייסט? איר ווייסט גאָר נישט? — האָט געפרעגט מיט

א געמאַכטן חידוש ר' שמואל לוריאַ — מיר האָבן דאָך געזיגט. מיר האָבן דאָך באַקומען 97 פּראָצענט שטימען! און די „שוואַרצע רעאַק־ציע" האָט באַקומען בלויז 2 פּראָצענט פון די שטימען, און 1 פּראָצענט פון די שטימען איז אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען".

דער קאָוונער „עמעס" יובלט. דאָס ביסל יידישע קאָמוניסטן אויך. נישט צופרידן איז בלויז מעכל קלאַץ. „גאַנצע 100 פּראָצענט — זאָגט ער — האָבן געדאַרפט שטימען פאַר אַזאַ טייערן בלאָק פון קאָמוניסטן און אומפּאַרטייִשע!" גייט ער דאָ איצט אַרום און שפּייט מיט גאַל אויף דער רעאַקציע. איזראַעלסקי, געוועזענער דירעקטאָר פון דער העב־רעיִשער גימנאַזיע, דערקלערט, אַז ערשט איצט, נאָכן זיג פון ראַטנ־פאַרבאַנד, וועט אויך די יידישע רעאַקציע דערפילן די אייזערנע פויסט פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. אויך דאָס מיזיניקל פון „השומר הצעיר", וועלפקע, האָט געדבערט, אַז איצט וועלן די יידישע לוקסוס־היי־זער ווערן פאַרוואַנדלט אין וווינונגען פאַר די ליטווישע פאָלקס־מאַסן.

„און ווי אַזוי — זאָגט דודל לוריאַ — זאָלן מיר צוליב אַזוי פיל שמחות נישט מאַכן אַ לחיים?"

צוליב זיכערקייט וויל העניע, מיין באַלעבאָסטע, וואָס ביי איר פאַרנעם איך מיין שניידער־צימער, מיך נישט לאָזן גיין אַליין, און צו־זאַמען לאָזן מיר זיך צו דער לוריאַ־משפּחה. דוד, וואָס איז צוליב חטאת נעורים געוואָרן אַרויסגעוואָרפן פון יורידישן פאַקולטעט, איז דער־הויבן געוואָרן צו אַ גאַר הויכן פּאָסטן — ער איז געוואָרן איינער פון דער הויפּט־וואַל־קאָמיסיע. דערציילט ער איצט מיט זיין געווינלעכן הו־מאָר אָן אַ שיער וואַל־קוריאָזן: „אַמאָל — זאָגט ער — איז אין אַזאַ וואַל־טאָג געוועזן אַ וועלט מיט רעקלאַמאַציעס פון אַזעלכע וואָס האָבן געוואָלט שטימען און האָבן נישט געקאָנט. היינט אָבער פּונקט פאַר־קערט: כדי די ווײלערס זאָלן וועלן אָפּגעבן זייערע שטימען, האָט מען זיי געמוזט ברענגען מיט פּאָליציי".

אויך איך האָב געהאַט אין דעם וואַל־טאָג דריי אַזעלכע פּאָליציי־וויזיטן — הלמאי איך, אַ בירגער, האָב נישט אָפּגעגעבן מיין שטימע. אַלע מיינע טענות, אַז איך בין אַ פּוילישער בירגער און דאָ וווין איך ערשט געציילטע חדשים און אַז איך האָב נישט קיין רעכט זיך אַריינ־צומישן אין פרעמדע ענינים, אַלץ דאָס האָבן זיי אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. איך מוז, אָבער מיט אַ „שווער האַרץ" מודה זיין, אַז איך האָב זייער וואַל־רעכט נישט אויסגענוצט. און ווער ווייסט, ווי גרויס עס וועט זיין מיין עונש, ווען איך וועל דאַרפן אָפּגעבן חשבון פאַרן בית דין של מעלה! דודל אָבער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז איך וועל

דאָרט נישט זיין אַליין, און לויט פּאָליציייִשע באַריכטן וועל איך דאָרט זיין אין אַ גרויסער געזעלשאַפט.

סאָשל, אַ טייערע יִדישע מאַמע און דאָס נישט בלויז פאַר אירע אייגענע קינדער, שטעלט דערוויל אַ כּיבוד אַ פיינעם זויערס, און דודל זיין וואַל־פּרעמיע — אַ מינסקער פלאַש ווייַן. מען עסט, מען טרינקט, מען דערציילט זיך אַלץ איינדרוקן פון די וואַלן. עס שטייט אויך נישט אָפּ ר׳ שמואל לוריאַ. ווי מיטאַמאָל כאַפּט מען זיך, אַז דער זייגער שטייט נישט. דודל פאַרזיכערט אפילו, אַז צוליב „דעם גרויסן זיג״ וועלן מיר היינט האָבן אַ ליל־שמורים. דאָס מאָל האָבן די געסט צו דודלען נישט דעם קלענסטן צוטרוי. אַ היפּשע צייט פאַר דער „פאַרבאָטענער שעה״ לאָזן מיר זיך אין וועג אַריין. מיין באַגלייטערין העניע, וואָס איז דאָ געבוירן, גייט מיט מיר. כּדי אָנצוקומען צו אונדזער היים, מוזן מיר דורכגיין די בריק וואָס הענגט איבערן טייך שווענטוי. פּלוצלינג דערהערן מיר הינטער זיך אַן אויסגעצויגענעם „סטאָאָאָי!״ מיר האָבן אפילו נישט פאַרשטאַנען, אַז איצט, נאָך אין דער געגנוג פריער שעה, מיינט מען גאָר אונדז, און מיר, ווי קיינמאָל גאָרנישט, גייען זיך ווייטער אונדזער וועג. „סטאָי! סטרעליאַט בודו!״ (שטיין בלייבן! איך וועל שיסן), דער־הערן מיר שוין אַ פאַרטויבנדיק געשריי. מיר שטעלן זיך אָפּ, כאַטש מיר ווייסן נאָך אַלץ נישט, וועמען מען מיינט. „די הענט אין דער הייך!״ — דערהערן מיר דעם באַפעל. הייסט עס דאָך, אַז דאָס מיינט מען טאַקע אונדז! און פון דער ווייטנס שרייט דער וואַך־זעלנער: „שטיין אויפן אָרט און נישט רירן זיך!״. שטייען מיר אַזוי אין מיטן בריק מיט אויפגע־הויבענע הענט אין דער שוואַרצער נאַכט, און טאָרן זיך שוין נישט באַוועגן. אַזוי כּמעט אַ האַלבע שעה. די הענט פאַלן אונדז שוין אַראָפּ. מיר ווילן עפּעס פרעגן, זיך פאַרענטפערן, אָבער נאָר די וואָסער־כוואַליעס און דער ווינט הערן זיך צו צו אונדזערע רייד.

און אָט דערהערן זיך טריט, שווערע טריט ווי אַ ראָטע זעלנער וואָלטן דאָ געגאַנגען. איז דאָס אַלץ אויף אונדז? ניין, ניין, דאָס איז נישט אויף אונדז, דאָ טוישט מען איצט די וואַך. ווי שפּעט קאָן שוין איצט זיין? מיר טאָרן זיך דאָך נישט רירן פון אָרט.

איבערגעטוישט די וואַך, זענען די איבעריקע זעלנער מיט די איי־זערנע העלמען אויף די קעפּ, מיט ביקסן און מיט באַיאָנעטן אָנגעשטעלט גלייך אויף אונדז, צוגעקומען און זיך אָפּגעשטעלט דאָ פאַר אונדז.

דער פריערדיקער וואַך־סאָלדאַט ראַפּאָרטירט פאַרן אָנפירנדיקן אָפיציר: אַז ער שטייט און היט די בריק (וואָס דען זאָל ער טאָן, אַז צוליב דעם האָט מען אים דאָך דאָ אוועקגעשטעלט), און פּלוצעם, זאָגט ער, האָט זיך אים געדאַכט, בלויז געדאַכט, אַז דאָ גייט מען. און געגאַנגען

זענען זיי, קוים וואָס מען האָט געהערט זייער גיין. האָב איך, זאָגט ער ווייטער, אַ געשריי געטאָן: „שטיין בלייבן!”, האָבן זיי זיך נישט געמאַכט וויסנדיק און זענען ווייטער געגאַנגען. ערשט אַז איך האָב אַ געשריי געטאָן: „שטיין! איך וועל שיסן!”, ערשט דעמאָלט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט.”

איצט ווענדט זיך דער וואַך־פירנדיקער אָפיציר צו אונדז, צי ס'איז אמת, וואָס דער וואַך־סאָלדאַט דערציילט. מיר באַשטעטיקן, אַז אַלץ וואָס דער סאָלדאַט דערציילט, איז אמת, תורת אמת. נאָר איין זאַך וואָס מיר באַשטעטיקן נישט, איז אַז מיר האָבן געהאַט די כוונה צו גיין אַזוי, אַז דער וואַך־סאָלדאַט זאָל עס נישט הערן.

„און פאַרוואָס, וויל דער אָפיציר וויסן, פאַרוואָס האָט איר אויפן רוף פונעם זעלנער זיך נישט אָפּגעשטעלט? און נאָך וואָס זענט איר בכלל דאָ געגאַנגען אַזוי שפּעט אין דער נאַכט, ווען דער סטרעליאַק (שיסער) האָט דאָך געקאָנט אויף אָן אמת אויף אייך שיסן?”, רעדט דער אָפיציר שוין מיט אַ רחמנות־טאָן.

„ערשטנס, האָבן מיר געענטפערט, ווייַנען מיר דאָ גאָר נאָענט”, גיט אים העניע, מיין באַגלייטערין, צו פאַרשטיין, „און עס האָט אונדז גאָרנישט געקאָנט איינפאַלן, אַז אין אַזאַ פריער שעה זאָל מען גאָר אונדז האָבן געמיינט, און דערפאַר האָבן מיר זיך נישט אָפּגעשטעלט אויפן ערשטן רוף פון „חבר שיסער”. און צווייטנס: פאַרוואָס מיר זענען בכלל דאָ געגאַנגען? הייַנט איז דאָך ביי אונדז עפּעס אַ גרויסער פּראַזניק און מיר האָבן אויסגעטרונקען לכבוד דער גרויסער „וואָל־פּאָביעדאַ” (נצחון) פונעם סאָוויעטסקי סאָיוז.”

דער אָפיציר האָט געטאָן אַ פריינטלעכן שמייכל, געווונטשן אַ גוטע נאַכט און אונדז געהייסן גיין אַהיים.

דער שטאָט־זייגער האָט אויסגעשלאָגן צען.

## דער ערשטער מאַי 1941 אין סאָוויעטיש־אָקופּירטן קאָוונע

ווער האָט עס געצווייפלט אין דעם, אַז געשיכטע קאָן זיך איבער־חזרן? און ווער פונעם עלטערן דור סאָציאַליסטן געדענקט עס נישט ווי אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד האָבן זיי ערב יעדן ערשטן מאַי (אויב זיי האָבן געוואָלט פייערן דעם פּראָלעטאַרישן יום־טוב) געמוזט גיין זוכן אַ שכן אָדער גיין צו אַ „כשרן” פריינט ווו איבערצונעכטיקן? ווער

ס׳איז געווען אין קאָוונע פון יוני 1940 ביז סוף מאַי 1941, דער האָט געקאָנט זיך איבערצייגן, אַז דאָס איז נישט סתם אַ פּוסט וואָרט.

אין דער ערשטער העלפט פון חודש יוני 1940 האָט דאָס סאָוויעטישע מיליטער אָקופּירט ליטע און אין די קרוב ניין חדשים האָבן זיי צעאַקערט דאָס לאַנד אַזוי ווי מיט אַ ריזיקן טאַנק, אַזוי אַז קיין שפּור איז נישט געבליבן פון זיין פריערדיקן סדר. פילן זיי זיך איצטער דאָ פעסט אין זאָטל.

מיט איין חודש שפּעטער נאָך דער אָקופּאַציע, דעם 14־טן יולי, האָבן זיי דורכגעפירט וואַלן צום „ליטווישן פאָלקס־סיים", און די וואַלן האָבן זיך געענדיקט מיט אַ „פולשטענדיקן קאָמוניסטישן נצחון". מיט זיבן טעג שפּעטער האָט דער „פאָלקס־סיים" זיך ממש „געבעטן" ביי סאָוויעט־רוסלאַנד, מען זאָל אַריינעמען ליטע אין פאַרבאַנד פון די ברי־דערלעכע סאָוויעטישע רעפּובליקן, וואָס נאָך גרויסע „באַמיִונגען האָט זיך זיי ענדלעך איינגעגעבן. אין די ווייטערדיקע חדשים זענען אָבער פאָרגעקומען געשעענישן אין ליטווישן אַרבעטער־קלאַס גופא און עס לוינט זיך אויף זיי זיך אָפּצושטעלן.

שוין דריי חדשים פריער האָבן די גאַסן אין די ליטווישע שטעט באַקומען אַ באַזונדערן אויסזען. אַלץ האָט געפיבערט מיט די צוגרייטונגען צום קומענדיקן ערשטן מאַי־יום־טוב, וואָס האָט געזאָלט זיין מיט אַזאַ פאַרנעם, מיט אַזאַ רעש און פּאָמפּע, וואָס ביז איצט האָט דאָס ליטע־לענדל אַזוינס נאָך נישט געהאַט געזען — און דאָס האָט אפשר געזאָלט זיין אַ וואָרענונג פאַר זייערע היטלעריסטישע שותפים, דער עיקר אָבער אַן ענטפער אויף אַ סך נישט־פאַרענטפערטע אַרבעטער־פּראָבלעמען פונעם ליטווישן אַרבעטער־קלאַס.

נאָכן „אָנשליסן זיך" פון ליטע צו סאָוויעט־רוסלאַנד האָט די מאַכט פאַרפלייצט דאָס לאַנד מיט דעקאָראַציעס און שפּילן. אין די גרויסע שטעט און אויך אין די קליינע שטעטלעך האָבן זיי אויפגעשטעלט ריזיקע היל־כערס וואָס האָבן פאַרטויבט מיט מלחמה־מאַרשן. אַלטע, אָפּגעבליאַקעװעטע פּראָפּאַגאַנדע־פילמען, קאַזאַקישע און אַנדערע טאַנץ־באַלעטן האָבן זיי געבראַכט, איינגעאָרדנט טעאַטער־שפּילן. שפּייז־זאַפּאַסן זענען דער־ווייל נאָך געווען פון פריער, אַזוי אַז דער הונגער האָט זיך נאָך נישט געלאָזט צו שטאַרק פילן. אַזוי אַרום האָט דאָס פאָלק נאָך געהאַט אי ברויט, אי שפּיל.

לאַנג אָבער האָט דער מעמד נישט געקאָנט אָנהאַלטן. באַלד האָבן די אַרבעטער דערפילט אַ דוחק אין אַלץ, באַזונדער אין שפּייז־מיטלען. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן די אַזוי גערופענע „סאָצ־געוועטן" (לייען: געיעגן). צוערשט איין פאַבריק מיט אַ צווייטער; שפּע־

טער — איין אינדוסטריע מיט אַ צווייטער; און נאָך שפּעטער — איין שטאָט מיט אַן אַנדערער א. א. וו. די זיגער האָבן פאַר דעם באַקומען אַ פאָן א״ב פון לענין, סטאַלין אָדער קאַלינין — וואָס פאַר אַזאַ ״באַלוינונג״ האָט מען קיין איין לויט ברויט נישט געקאָנט באַקומען. דערפאַר אָבער זענען די פאָדערונגען, וואָס די פאָנען־געבערס האָבן געשטעלט די זיגער, געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ העכער, אַלץ גרעסער. האָט זיך געשאָפן אַזאַ לאַגע, אַז די אַרבעטער האָבן אַרויסגעשלאָגן פון זיך די כוחות. די פּרייזן פון שפּייז־פּראָדוקטן זענען מיט אַ באַלשעוויסטישער גיכקייט כסדר גע־שפּרונגען אַרויף. די אַרבעטס־לוינען זענען אָבער געבליבן פאַרפרוירן און זיך נישט גערירט פון אָרט, און דער צווייפלהאַפטער כבוד פון די באַקומענע פענער האָט געפאָדערט צו מאַכן אַלץ גרעסערע אָנשטרענ־גונגען וואָס נאָכקומען זיי האָבן די אַרבעטער שוין נישט געקאָנט. האָט מען זיי אָנגעהויבן צו שטראָפן ווי סאַבאָטאַזשניקעס. איצט זענען זיי שוין אויף אַן אמת געוואָרן אומרויִק. און אין די פאַבריקן האָבן די אַרבעטער גענומען שטעלן הארבע קשיות: ווי לאַנג נאָך וועט געדויערן דער דאָ־זיקער צושטאַנד?

איז געקומען די פאַרשטייערין פון קאָמוניסטישן צ. ק., שיקייטיס, און אויף דעם געהאַט צו געבן צוויי ענטפערס, קלאַפּנדיק דערביי אין טיש: ״וואָס מיינט איר? די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט איז איצט פאַרוויקלט אין איין מלחמה־קנויל. ביי אונדז איז שלום, און אַז ס׳איז דאָ אַ שטיקל ברויט מיט נאָך עפּעס דערצו, דאַרפט איר זיין צופרידן, רויִק אַרבעטן און שווייגן!״

די שיקייטיס האָט אָבער געהאַט נאָך אַן ענטפער פאַר די אַרבעטער וואָס האָבן געהאַט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע אומרויִקייט: זיי זענען אין אַ פּאָר טעג אַרום נישט מער געקומען צו דער אַרבעט...

די שטאָט ווילקאָמיר (וואָס איז געווען מיין ״פאַרשיקונגס־אָרט״), האָט באַקומען צום ערשטן מאַי א מתנה — אַ נישט־פאַרענדיקטע פינף־שטאָקיקע געביידע, וואָס אירע באַלעבאַטים זענען אַנטלאָפן און זי געלאָזט אויף הפקר. איז געקומען אַ באַפעל, אַז צום גרויסן פּראָלעטאַרישן יום־טוב מוז די געביידע זיין פאַרטיק. לאַנג טראַכטן האָט מען נישט געקאָנט — באַפעל איז באַפעל! האָט מען צוריק אַרויפגעצויגן די פאַרלאָזענע רושטאָוואַניעס, אָוועקגעשטעלט איינע קעגן דער אַנדערער צוויי ברוי־גאַדעס ציגל־דעקערס, און דער ״סאָצגעיעג״ האָט זיך אָנגעהויבן. אין אַ געוויסן טאָג האָט אַ רושטאָוואַניע זיך איינגעבראָכן און דריי אַרבעטער זענען פון איר אַראָפּגעפאַלן. איינער איז געהרגעט געוואָרן אויפן אָרט, אַ צווייטער איז געוואָרן לייכט פאַרוואונדעט, אַ דריטער שווער — אַזוי

האָט דערציילט דער קאָמוניקאַט. וואָס ס'איז אָבער געוואָרן מיטן שווער־פּאַרווונדעטן, דאָס האָט מען זיך שוין קיין מאָל נישט דערוווּסט.

אין די זעלבע טעג איז אומגעקומען אויפן ווילנער וואָקזאַל אַ יונגער פּראָקוראָר. די סיבה פון זיין טויט האָט מען זיך אויך קיינמאָל נישט דערוווּסט. צי איז דאָס געווען אַ צופעליקער אומגליקספאַל, אָדער נישט צופעליק? אויך דאָס האָט מען זיך נישט דערוווּסט. סוף כל סוף איז דאָס אויך נישט געווען וויכטיק. וויכטיק איז געווען דאָס וואָס צו זיין לוויה האָט מען געבראַכט טויזנטער מענטשן. עס זענען געוואָרן געהאַלטן שטורמישע רעדעס קעגן דער ליטווישער רעאַקציע, וואָס איז פאַרבונדן מיט די פראַנצויזיש־ענגלישע וועלט־אונטערצינדער מיט זייערע אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטישע שותּפים. אויף זיין נאָמען זענען געוואָרן אָנגערופן שטעט, גאַסן, פאַבריקן.

גאָר אַנדערש איז געווען מיטן בוי־אַרבעטער, וואָס איז אומגעקומען בעת דער אַרבעט, ווען עס האָט זיך איינגעבראָכן אַ רוש־טאָוואַניע. וועגן אים האָט מען נישט געטאָרט רעדן הויך, און אַזוי ווי אין די צאַרישע צייטן, ווען ס'איז געפאַלן אַ פּאָליטישער קעמפער, אַזוי איז אויך איצט די לוויה פונעם אומגעקומענעם אַרבעטער געווען אַ שטילע און אין דער נאַכט־פינצטערניש. קיין רעדעס האָט מען דאָ נישט געהאַלטן. אין דער לוויה האָבן זיך באַטייליקט נאָר די נאָענטסטע משפּחה־מיטגלידער און פאַרשטייער פון דער פּאָליציי.

דעמאָלט האָט זיך געטראָפן אַ געשעעניש וואָס האָט ממש דערדריקט די באַפעלקערונג און ספּעציעל די ייִדישע באַפעלקערונג פון ווילקאָמיר.

אויף די גאַסן פון די ליטווישע שטעט ברענט די אַרבעט אונטער די הענט מיט די צוגרייטונגען צום קומענדיקן ערשטן מאַי. טויזנטער אַרבעטער זענען געווען באַשעפטיקט ביים האַמערן, זעגן, קלאַפּן און בויען. ריזיקע טריבונעס זענען געוואָרן אויפגעשטעלט ביי אַלע „יחוסדיקע" געביידעס, וואָס אין זיי זענען געוואָרן איינקוואַרטירט די סאָוויעטישע אַמטן אין די שטעט פּאַניעוויעזש, שאַוול, קאָוונע, ווילקאָמיר און אַנדערע, דער עיקר אָבער קאָוונע. די שטעט זענען געוואָרן איינגעהילט אין גרויסע, קאָלאָסאַל־ריזיקע, רויטע זיידענע פענער מיט אויסגעשטיקטע האַמער־און־סערפּ מיט גאָלד און זילבער, וואָס האָבן זיך געכוואַליעט ביים קלענסטן ווינטל. אַ וואַלד פון פענער נישט איבערצוציילן איז דאָס געווען.

ווען די צוגרייטונגען צו די ערשטע מאַי־פייערונגען האָבן שוין געהאַלטן ביים סוף און ווען די שטאָט און די ריזיקע טריבונע ביים גאָראַדסקאָי סאָוויעט זענען געווען באַדעקט מיט די ריזיקע זיידענע רויטע פענער וואָס האָבן געזאָלט זיין דער סימבאָל פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן אין שטאָט אַ באַוואָפנטע

דייטשע הויך־ראַנגיקע אָפיצירן־דעלעגאַציע. ווי מיט אַ שטיין איבערן קאָפּ איז דאָס געווען, מען האָט נישט געגלייבט די אייגענע אויגן. וואָס קומט דאָ פאָר? — פרעגט זיך איינער ביים אַנדערן. וואָס טוען דאָ באַוואָפנטע דייטשע מיליטער־לייט? די סיבה איז געווען: עס איז נאָרוואָס געוואָרן פאַרענדיקט צווישן די סאָוויעטן און די דייטשן אַ נייער קי־משא ומתן, דאָס מאָל וועגן רעפּאַטריאַציע: די סאָוויעטן האָבן געזאָלט צונעמען פון ליטע די רוסן, און ברענגען אַהער די דייטשן פון רוסלאַנד. שטייען זיי איצט, די היטלער־מערדערישע אָפיצירן, אויסגעשטעלט אין רייען פאַר די רויטע סאָוויעטישע פענער, סאַלוטירן מיט אויפגעהויבענע הענט און ריטשען: „האַך! האַך!"

און פון אונדזערע הערצער האָט געטריפט בלוט.

שוין וואָכן פאַר (און נאָכן) ערשטן מאַי האָבן יִדישע פּליטים נישט געגעבן אין זייערע היימען. ס'איז אָנגעגאַנגען אַ וויסט געיעג אויף יִדישע פּליטים פון פּוילן. און דריי הונדערט פון זיי זענען אין איין וואָך געוואָרן אַריינגעוואָרפן אין די תפיסות פון דער ג. ק. וו. ד. צווישן זיי זענען געווען סאַלעק ביבערינג פון סטאַניסלאַוואָוו, אַן אָנגעשטעלטער אין וואַרשע; שאַכנע דזוואָנעק. אַ לייבלעכער ברודער פון זלמן ליכטענשטיין, ראַטמאַן פון „בונד" אין וואַרשע; הערש גוטגעשטאַלט, אַ דיכטער, איז נאָך פריער געוואָרן אַרעסטירט. אַלע דריי זענען זיי געוואָרן באַפרייט פון תפיסה דורך די דייטשן און דורך זיי אומגעקומען. און ד"ר שלמה הערשענהאָרן, איינער פון די שענסטע עסקנים־פּערזענלעכקייטן פון לובלין, איז געוואָרן פאַרמשפּט צו 8 יאָר, און באַלד נאָך דעם געוואָרן פאַרשיקט. נאָך און נאָך אַנדערע זענען געוואָרן אַרעסטירט און זענען אומגעקומען.

דאָס איז אָבער נאָך נישט געווען אַלץ. פאַר די פּליטים, דער עיקר בונדיסטן, וואָס זענען נאָך געווען אויף דער פריי, האָט זיך איצט אָנגעהויבן אַן אמתדיק גיהנום־לעבן: ווו זיי האָבן געטאָגט, האָבן זיי מער נישט געקאָנט נעכטיקן. פון זייערע פריערדיקע אַזיל־ערטער, ווי פּעטראַשון (הינטער קאָוונע), ווילנע, ווילקאָמיר און אַנדערע האָבן זיי געמוזט אַרויס און ערגעץ אַנדערש־ווו האָט מען מורא געהאַט זיי אַריינצונעמען. פלעגן זיי נישט איין מאָל זיך אַריינכאַפּן אין אַ באָד און פאַר גוט געלט דאָרט איבערנעכטיקן, אָדער זיך גאָר אַריינזעצן אין אַ באַן און אַזוי אַרומפאָרן אַ גאַנצע נאַכט פון ווילנע קיין קאָוונע און ווידער צוריק פון קאָוונע קיין ווילנע, און ערשט פאַרטאָג זיך פאַרשטעקן אין אַ וואַלדבאַהעלטעניש, כדי דאָרטן צו כאַפּן אַ דרימל.

ווי אַזוי ס'איז דעמאָלט געווען זייער גייסטיקער און היגיענישער

צושטאַנד, איז לייכט זיך פאָרצושטעלן. איז דעריבער נישט געווען קיין ווונדער, וואָס נישט ביי איינעם איז דער ערעסט געווען די איינציקע אויסלייזונג פון אַלע צרות.

אין אַט דער שטימונג זענען מיר, אַ גרופּע בונדיסטן, געגאַנגען אָנקוקן אַ קאָמוניסטישן מאַי־פּאַראַד. שילדערן אַט אַ דעם „יום־טוב" פון אַרבעטער־קלאַס, די אָפּגעמאַליעוועטע און צופרידענע פּנימער פון די סאָוויעטישע גדולים אויף די פּלאַקאַטן, וואָס מען האָט געטראָגן צווישן עולם אויפן פּאַראַד, און די געזאַנגען „ווען חבר סטאַלין וועט אונדז שיקן אויף מלחמה" — איז באמת נישט כדאי. וואָלטן די מענטשן דאָ וואָס זענען געגאַנגען אין דאָזיקן פּאַראַד לכבוד דעם ערשטן מאַי, נאָך קרוב צען חדשים קאָמוניסטישער הערשאַפט געהאַט אַ ברירה, אַזוי וואָלט פון דעם געבליבן נישט מער ווי אַ מיליטערישער מלחמה־מאַרש, וואָס די אוניפאָרמירטע קאַזאַרמע־גולמס וואָלטן געמוזט אויספירן ווי אַ באַפעל. אַזוי ווי קיין ברירה האָט אָבער קיינער פון זיי נישט געהאַט — אַלע זענען זיי דעמאָלט געווען בבחינת ראַבאָטניקי (אַרבעטער): מעדיצינישע אַרבעטער, יוריסטישע אַרבעטער א. א. וו. און אַלע זענען זיי געווען פאַרקרעפּלעט (צוגעפּעסטיקט) צו אונטערנעמונגען — האָבן זיי דעריבער, צי זיי האָבן געוואָלט צי נישט, געמוזט גיין אין שפּאַן. מיר זענען אָבער צו קיין אונטערנעמונג נישט געווען צוגעפּעסטיקט, האָבן מיר דעריבער געקאָנט שטיין פון אַ זייט און זיך צוקוקן צו די מענטשן וואָס זענען דאָ געגאַנגען גיכער ווי אויף אַ לוויה און נישט אַ פאָלקס־יום־טוב, וואָס די סאָוויעטישע מאַכטהאָבערס האָבן געוואָלט מאַכן פון אַ מיליטערישער מלחמה־דעפילאַדע.

## די לעצטע פרייע טעג פון יידן אין ליטע

די פּאָמפּעזע ערשטע מאַי־פייערונגען פון 1941 וואָס די סאָוויעטישע מאַכט האָט דורכגעפירט אין דער אָקופּירטער ליטע, האָט די מורא פאַר די קומענדיקע טעג נישט געקאָנט פאַרשטעלן; אַן אומבאַוווסטע שרעק איז געלעגן אין די אויגן פון דער באַפעלקערונג. און כדי די שרעק זאָל זיין נאָך גרעסער, פלעגן סאָוויעטישע מיליטער־אָפּטיילונגען מאַרשירן מיט אַזאַ אימפּעט, רעש, געפילדער און געאייל, ווי זיי וואָלטן זיך גע־יאָגט, „אַט שוין צו גיין מלחמה האַלטן מיט די דייטשן". אָבער נישט דאָס איז זיי איצט געלעגן אין זינען.

און מיטאַמאָל איז עס אַראָפּגעפאַלן ווי אַ באָמבע אין מיטן טאָג.

געשען איז עס בלויז מיט אַכצן טעג שפּעטער נאָך די דאָזיקע ערשטע־מאַי־פייערונגען; אין דעם טאָג זענען די נאַצישע פאַראַשוטיסטן אַנגעפאַלן אויף אייגעם פון די לעצטע פּונקטן פון דעם נאָך פרייען אייראָפּע וואָס איז ביז איצט נאָך נישט געווען פאַרשקלאַפט; אַלע מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער זענען שוין געלעגן אונטערן נאַצישן שטיוול — אויך פראַנק־רייך, וואָס אויף איר מיליטערישן כוח האָט מען לכתחילה נאָך געלייגט געוויסע האָפענונגען, איז שוין געווען אָקופּירט איבער אַ יאָר צייט. דער לעצטער פּונקט וואָס האָט נאָך געלויכטן ווי דאָס איינציקע פרייהייטס־ליכט פאַר די פאַרשקלאַפטע פעלקער און וואָס אַלע האָבן אַרויפגעקוקט צו אים, דאָס איז געווען דער גריכישער אינדזל קרעטאַ.

אַהער, צו דעם דאָזיקן אינדזל האָבן געשטראָמט אַלע אַנטלאָפענע פון דער מעטראָפּאַליע, דאָ האָבן זיך געזאַמלט די רעשטלעך פון דער צעשלאָגענער גריכישער אַרמיי, וואָס האָט צוזאַמען מיט די ענגלישע באַטאַליאָנען, נישט אויסגעהאַלטן דעם דייטשן דרוק; דאָ האָט זיך אויך געזאַמלט די גריכישע רעגירונג מיטן קעניגלעכן הויף. און אַט דער אינדזל איז אויך געוואָרן די האָפענונג פון די יידישע פּליטים, אַנטלאָפענע פונעם נאַציש־אָקופּירטן פּוילן און לעבנדיק דערווייל אין דער סאָוויעטיש־אָקופּירטער ליטע — און כל־זמן די אַלירטע געפינען זיך, כאָטש מיט איין פוס, אין אייראָפּע, איז אונדזער האָפענונג נאָך נישט פאַרלוירן.

די ליטווישע יידן און זייערע „יידישע פּליטים־קינדער" פון פּוילן גיבן זיך אָפּ אַ חשבון, וואָס עס וואַרט אויף זיי, אויב די היטלעריסטישע חיילות זאָלן זיגן, און איצט איז דער לעצטער שאַנס: וועט געשען אַ נס? די סאָוויעטישע פּרעסע־קאָמוניקאַטן פון די מלחמה־פראָנטן זענען איצט אָביעקטיוו, זיי שטימען מיטן אמת — זיי זענען גרויסע, לאַנגע, דערציילנדיק פונעם זיג פון די היטלער־אַרמייען.

פאַרקערט אָבער זענען די אינפאָרמאַציעס וועגן די אַלירטע געווען קליינע, קורצע, מיט פּעטיט־שריפט ערגעץ־ווו אין אַ ווינקל פון די לעצטע צייטונגס־זייטן. ניין! דער נס איז נישט געקומען. אויך דאָס מאָל האָבן די היטלער־האָרדעס געזיגט. די יידן־פּליטים, אַזוי ווי די תושבים, זענען פאַרלוירן. גאָר באַזונדער אָבער זענען די ליטווישע יידן רעזיגנירט, צעבראָכן. ווער ווייסט, וואָס דער מאָרגן וועט פאַר זיי ברענגען?

די פּליטים פּרווון נאָך אַ לעצט מאָל צו מאַכן ס. אָ. ס.־רופן צו זייערע קרובים אין אַמעריקע. פאַר אַ סך דאָלאַרן וואָלטן זיי אפשר אויך איצט נאָך געקאָנט זיך ראַטעווען. אַ געוויסע צאָל פּליטים האָט זיך עס טאָקע איינגעגעבן. איך אָבער האָב צו די גליקלעכע נישט געהערט און געמוזט מאַכן שלום מיטן גורל. פאַרפאַלן! וואָס ס'וועט זיין מיט אַלע יידן אין ליטע, וועט זיין אויך מיט מיר!

גראַד אין די דאָזיקע טעג האָבן אָנגעהויבן קורסירן שמועות, אַז ס'איז עפּעס קאַליע געוואָרן מיט טראַנזיט־וויזעס. די דאָזיקע וויזעס וואָס האָבן געקאָסט 700 דאָלאַר (קיין אַנדער געלט האָבן זיי נישט גע־נומען), האָבן אָבער געגעבן די מעגלעכקייט דורכצופאָרן איבער רוס־לאַנד און אָנצוקומען קיין יאַפּאַן, און פון דאָרט וועט מען שוין זען וואָס צו טאָן ווייטער. אַזוי אַרום האָבן עטלעכע טויזנט ייִדישע פּליטים פון פּוילן באַוויזן זיך אַרויסצובאַקומען צו דער פרייער וועלט.

און איצט זענען די דאָזיקע קליינע מעגלעכקייטן מיט איין מאָל און אומגעריכט געוואָרן אויסגערונען. און בלויז דער פאַרלאַנג צו פּרוּוון פון דאַנען זיך אַרויסרייסן, איז געוואָרן באַטראַכט ווי אַ פאַרברעכן. און יעדער איינער וואָס האָט געוואַגט אַריינצוגיין אין דער נ. ק. וו. ד., כדי זיך צו אינפאָרמירן, ווי עס האַלט מיט זיין אַרויספאָר־מעגלעכקייט, איז פון דאָרט שוין מער נישט אַרויסגעקומען.

פאַר די טויערן פון דער נ. ק. וו. ד. האָב איך זייער אָפט געטראָפן משה ציטרינאַווסקי, דעם באַוווּסטן טוער פון די לינקע פּועלי־ציון אין לאָדזש. ער האָט געהאַט אַ וויזע קיין אַמעריקע, וואָס איז לויט זיי לכל הדעות געווען כשר. „האָסטו ווו אַריינצופאָרן, האָבן זיי געטענהט, וועלן מיר דיר געבן די דורכפאָר־וויזע". ציטרינאַווסקי האָט, ווי געזאָגט, געהאַט אַזאַ וויזע, און דאָך האָט ער די טראַנזיט־וויזע נישט באַקומען. האָט ער געשריבן מעמאָראַנדומס, בקשות פּראָטעסטן. און ביז צו זיין פלוצלינגדיקן טויט מיט עטלעכע יאָר צוריק אין ישראל, האָב איך נישט געוווּסט, צי האָט ער דעמאָלט יאָ באַוויזן זיך פון דאָרט אַרויסצוראַטעווען.

אַן אַנדערן גאָר טראַגישן גורל האָט געהאַט דער חבר הערמאַן קרוק, דער שפּעטער גלענצנדיקער כראָניקער פון ווילנער געטאָ. אויך אים האָב איך גאָר אָפט געטראָפן פאַר די טויערן פון דער קאָוונער נ. ק. וו. ד. אויך ער האָט געהאַט אַן אַמעריקאַנער וויזע, ער האָט קיין בקשות און פּראָ־טעסטן נישט געשריבן, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז אַרויסגע־וואָרפענע אַרבעט. האָט ער געוואַרט און געוואַרט. קעגן אים אָבער האָט די נ. ק. וו. ד. זיך גאַנץ באַזונדער איזדיעקעוועט און ער האָט פון זיי די טראַנזיט־וויזע נישט אַרויסבאַקומען. „דעם 10־טן סעפּטעמבער 1944 האָט אַ ספּעציעלע נאַצי־אָפּטיילונג, פאַרן אַנטלויפן, אַרויסגעפירט אַלע אַרעסטאַנטן פון לאַגער אין קלאָגע (עסטלאַנד) אויף אַן אָפענעם פּלאַץ, געצוווּנגען זיי זיך אויסצולייגן אויף קלעצער, זיי באַגאָסן מיט ברענשטאָף און אונטערגעצונדן. צווישן די טויזנטער פאַרברענטע איז אויך געווען הערמאַן קרוק". (פון „דורות בונדיסטן").

אינעם דאָזיקן „טויטנהויז" פון דער נ. ק. וו. ד. האָב אויך איך

געהאַט מיין אַרויספאַר־ביטע און כדי נישט צו טיילן דעם גורל פון מיינע אַרעסטירטע אחים לצרה, בין איך נישט געגאַנגען זיך אינפאָרמירן, ווי עס האַלט מיט מיינע אַרויספאַר־מעגלעכקייטן; עס האָט מיר אָבער סיי ווי נישט געהאָלפן: פאַרפאַלן! פונעם גורל, בפרט אין סאָוויעט־רוס־לאַנד, וועסטו נישט אַנטלויפן! — ווייל די אַרעסטן פון די ליטווישע ייִדן אין די נעכט און דאָס אומאויפהערלעכע געיעג נאָך ייִדישע פּליטים, סיי אין די נעכט, און סיי אויך אין די טעג, זענען ווייטער אָנגעגאַנגען אין זייער גאַנצער און פולער גרויזאַמקייט.

אין די טעג האָט מען אָנגעהויבן צו באַמערקן, אַז די גאַנצע סאָ־וויעטישע ראַד־באַוועגונג גייט עפּעס בלויז אין איין ריכטונג: לייכטע אויטאָס, שווערע אויטאָס, מיליטערישע גרוזאַוויקעס (לאַסט־אויטאָס) — אַלץ, אַלץ גייט נאָר אין איין ריכטונג, און צוריק גייט נישט קיינער פון זיי. ווו קומען זיי דאָרט אַהין? ווו בלייבן זיי ערגעץ שטעקן? עפּעס איז דאָס דאָך נישט נאָרמאַל! האָבן ייִדן געגומען לערנען פּשט: אַז אַ באַן גייט אַוועק אין איין זייט, מוז זי דאָך על־פּי־שכל אויך קומען צוריק, וואָרעם ווייטער ווי אין ליטע קאָן זי דאָך נישט גיין! און צו גרויס איז דאָך דאָס ליטע־לאַנד אויך נישט! — נאָר לערן אַהין, לערן אַהער, צוריק זענען די אַלע אויטאָס פאָרט נישט געגאַנגען.

עס האָבן זיך אפילו געפונען אַמאַטאָרן וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף גאַנצע טעג נאָכצופאָרשן די זאַך. זיי זענען געקומען צוריק, טאַקע גוט פאַרמאַטערטע, אָבער עפּעס אויפקלערן האָבן זיי גאָרנישט געקאָנט. האָבן טייל געזאָגט, אַז דאָס גייען די אויטאָס אין דער ריכטונג פון ווילנע. זענען באַלד געקומען אַנדערע וואָס „ווייסן בעסער", און האָבן געזאָגט: אַז דאָס גייען זיי נאָר אין „פּאָליגאָן" (סאָוויעטיש־מיליטערישע באַזע אין ליטע). זענען ווידער געקומען נאָך אַנדערע און האָבן פאַרזיכערט, אַז נישט די און נישט יענע ווייסן עפּעס און אַז די גאַנצע לאַקאָמאַציע וואָס מיר זעען דאָ דורכפאָרן, גייט גאָר צו דער דייטשער גרענעץ און דאָ בלייבט אַלץ שטיין. און מיטאַמאָל האָט זיך געיאָוועט עפּעס אַ לץ, זיך אויסגעלאַכט פון אַלע פריערדיקע ווייסערס און אַריינגעוואָרפן אַ ווערטל: „ווייסע בערן". „ווייסע בערן" — ווו געפינט זיך דאָס? קיי־נער אין ליטע ווייסט דאָס נישט. דאָ האָט מען פון דעם קיינמאָל אפילו נישט געהערט. ביז ס'איז געקומען ווידער עפּעס אַן „אַלץ־ווייסער" און האָט אָפּגעפּסקנט מיט זיין גאַנצער „אויטאָריטעט", אַז אין ליטע זענען טאַקע קיין ווייסע בערן נישטאָ... און אָט אין אַזאַ נערוון־צושטאַנד האָט מען געלעבט אין משך פון די לעצטע פרייע טעג. (דער ענין מיט דער באַוועגונג פון די אויטאָס האָט זיך אויפגעקלערט שפּעטער).

פרייטיק, דעם 14־טן יוני 1941 אינדערפרי, בין איך, ווי אַ סך

אַנדערע, צוגעקומען צו דער אויטאָ־סטאַציע, געקויפט אַן אויטאָ־בילעט און געשטעלט זיך וואַרטן, ביז עס וועט דער צווישן־שטאָטישער אויטאָ אונדז אָפּפירן קיין קאָוונע. געוויינלעך איז דער אויטאָ שטענדיק פּינקט־לעך. אָבער וואָס איז מיט אים היינט געשען? לאַנג וואַרטן אויף אַן ענטפער איז נישט אויסגעקומען. ס׳האָט מיטאַמאָל זיך באַוויזן אַ הויכער, צעוואַקסענער מיליטערמאַן מיט אַן אָנגעצויגענעם מונדיר מיט ברייטע פּאַגאָנעס (שליפעס) אויף זיין ברייט־אויסגעשטאָפּטער ברוסט, באַהאָנגען מיט שטיקער אייזן (מעדאַלן בלע״ז), און אין אַ לאַקאָנישן טאָן האָט ער אַ זאָג געטאָן: „דער אויטאָ וועט נישט פאָרן און איר דאַרפט אָפּנעמען אייער געלט!" — „וואָס הייסט? מיר מוזן דאָך דרינגלעך זיין אין קאָוו־נע", האָט עולם גענומען מיט אים איינטענהן. „וועט איר מוזן אָפּלייגן אייער נסיעה", האָט ער געענטפערט ציניש. איז מען צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל גיין רעדן מיט אים אַליין, מיטן נאַטשאַלניק. דערויף האָט ער אַ בורטשע געטאָן: „קאַקאַי טאַ דזשיקי נאַראָד" (וואָס פאַר אַ ווילד פאָלק!), און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

באין־ברירה איז מען געלאָפן אָפּשיקן אַ טעלעגראַמע — נעמט אָבער קיינער נישט אָן. וויל מען טעלעפאָנירן — איז די טעלעפאָן־קאָמוּ־ניקאַציע איבערגעריסן. זאָל זיין אַ רעקאָמענדירטער בריוו — איז נישטאָ צו וועמען צו רעדן. איז אפשר זיך גאָר לאָזן אין וועג אַריין צו פוס? — שוין געפּרוּווט, זאָגט מען מיר, און געמוזט זיך אומקערן צוריק!

דער וועג צוריק אין שטאָט אַריין איז געווען ווי צוריק פון אַ לוויה. דער טאָג אויך אַזאַ פינצטערער, ווי ס׳איז פינצטער דאָס געמיט פון די מענטשן וואָס גייען דאָ. בעת זיי גייען אַהיים, שווייגן זיי, די ייִדן פון פוילן און פון ליטע. זייערע אויגן אָבער זענען אָנגעהאָנגען איינע אין די אַנדערע. גלייך ווי זיי וואָלטן מיט זיי געפרעגט די גרויסע, נישט־פאַרענטפערטע פראַגע פון היינטיקן טאָג, וואָס האָט זיי אַזוי גע־פייניקט און וואָס קיינער האָט אויף איר נישט געקאָנט געבן קיין תשובה.

און ווידער האָבן די פליטים, קומענדיק אַהיים, זיך צוגעקלעפּט צום ראַדיאָ־קעסטל, אפשר וועט פון דאָרט קומען עפּעס אַ באַשייד צו דער פּיין? דער ראַדיאָ גיט אָן, ווי יעדן טאָג, די געוויינלעכע אוידיציעס, און ווי דער שטייגער גייען די נאַציִשע חיילות אומעטום פאָרויס. אויך די אָפּשאַצונג פון דער סיטואַציע אויף די פראָנטן וואָס עס גיט דער סאָ־וויעטישער ראַדיאָ־קאָמענטאַטאָר, איז לויט אים, אומעטום לטובת די היט־לעריסטן, אפילו וואָס נוגע דעם קריגס־פּאָטענציאַל, וואָס עס באַזיצן די קעמפנדיקע צדדים, האָבן אויך, לויט דער סאָוויעטישער מיינונג, די נאַ־ציסטן די איבערוואָג. מיט איין וואָרט — ס׳איז טרויעריק, אומעטום טרוי־

עריק! 12 אַ זייגער ביינאַכט זענען די ראַדיאָ־אוידיציעס געוואָרן איבער־געריסן. געענדיקט, הייסט עס, נאָך אַ פּיינפולער טאָג.

פּונקט פאַרקערט ווי ס'איז געווען דער היינטיקער טאָג, איז די נאַכט אַ ליכטיקע: אויפן הימל אַ גרויסע לבנה מיט אומצאָליקע ליכטיקע שטערן — אַ „גוטער סימן" פאַר פאַרוואָגלטע מענטשן. די נאַכט־ליכטיקייט דער־מאָנט מיך די ערשטע סדר־נעכט ביים טאַטנס טיש. מיט זיין פרעכ־טיקער שטימע איז די פייערלעכקייט פונעם סדר ביי אים געוואָרן פאַר־וואַנדלט אין אַן אמתן קאָנצערט. און נאָך דער פייערלעכער פסח־סעודה וואָס אויף איר האָבן די קינדער געוואַרט אַ גאַנץ יאָר, פלעגט זאָגן דער טאַטע: היינט קינדער, איז אַ ליל־שמורים, און די ארבע כנפות איז מען היינט נישט מחויב אָנצוטאָן, אויך פון „קריאת־שמע" איז מען היינט פּטור. פאַר די קינדער איז דאָס געווען „דאָס גרויסע געווינס". ער אַבער, דער טאַטע אַליין, האָט קיינמאָל נישט אויף גאָרנישט מוותר געווען.

אין מיינע שפּעטערדיקע וואַרשעווער יאָרן, דערמאָן איך זיך, האָבן די הויזוועכטערס אין דער נאַכט פון ערשטן סדר נישט פאַרמאַכט די טויערן. נישקשה, פלעגט זאָגן מיין הויזוועכטער, דער פּאַן וואַצלאַוו, האַלב אין יידיש, ייִדן זענען אַ בטוח: האָבן זיי נישט באַצאָלט היינט, וועלן זיי באַצאָלן נאָך יום־טוב! און גוייִם, פלעגט זאָגן דער פּאַן וואַצ־לאַוו, גוייִם באַצאָלן דאָך סיי ווי נישט! — דאָס אַלץ איז אָבער געווען אַמאָל, ווען ס'איז נישט געווען קיין מלחמה און ווען די וועלט איז נאָך געווען אַ וועלט.

דער היינטיקער טאָג איז געווען פול מיט שפּאַנונג: די נישט־צושטאַנד־געקומענע נסיעה קיין קאָוונע, און די סאָוויעטישע אויטאָס פון אַלע קאַליבערן האָבן אויך היינט זיך געטראָגן נאָר אין איין ריכטונג, נאָר אַ סך ווילדער און מיט מער רעש און געפּילדער ווי אין אַלע פריער־דיקע טעג. דער טאָג אַ פינצטערער, ווי ער איז געווען — און דאָס דערמוטיקנדיקע וואָרט פון ראַדיאָ, וואָס אויף אים האָבן אַלע געוואַרט מיט אַזוי פיל האָפענונג, איז אויך היינט נישט געקומען.

האָבן אַלע אַוועקגעלייגט שפּעט אין דער נאַכט זייערע מידע גופים אויף די געלעגערס, מיט דער האָפענונג, אַז אפשר וועט דער מאָרגנדי־קער טאָג זיין מער מזלדיק. אויך מיך האָט די מידקייט נישט אויסגעמיטן, האָב איך אויך זיך אַוועקגעלייגט אויף מיין געלעגער, אָבער איינשלאָפן האָב איך נישט געקאָנט, באַין אופן נישט. איך האָב נאָך אַ מאָל אַ קוק געטאָן צום שפּייזפּעקל וואָס דאַרף מאָרגן ווערן אָפּגעשיקט צו מיינע אָרעמע טאַטע־מאַמע אין פּוילן. צי איז עס שוין אין גאַנצן פאַרטיק? און איך זוך אין געדאַנק נאָך אַ פריינט וואָס זאָל איצט וועלן איינשטעלן זיין נאָמען, כדי דאָס פּעקל זאָל קאָנען ווערן אַוועקגעשיקט, וואָרעם

אַלע מיינע אַרומיקע שכנים (כלומרשטע קרובים) שטייען שוין אונטערן חשד פון אומלעגאַלן שפּייז־האַנדל.

גראָד איצט האָב איך זיך דערמאָנט דעם לעצטן וויץ וואָס דודל לוריע האָט מיט אַ טאָג פריער מיר געבראַכט: די צענטראַלע גאַס אין קאָוונע האָט בשעתו געהייסן לייסוואָס־ (פרייהייט־)אַלעע. האָבן די סאָוויעטן זי משנה־השם געווען אויף סטאַלין־אַלעע. נישקשה, האָט דודל געזאָגט, סטאַלין וועט שוין גוט פאַרטרעטן אַלעמענס „פרייהייטן".

איצט זענען מיר אויך געקומען אויפן געדאַנק מיינע אָפּגעלעבטע יאָרן אין וואַרשע: אַ שטאָט פון כולו קולטור, צווישן אַזוי פיל אייגענע און היימישע גייסט־מענטשן, וואָס בלויז אַ קוק צו טאָן אויף אַזאַ פנים וואָס איז לויטער רוח־הקודש, איז מען געווען באַצויבערט. און אַז זיי האָבן גערופן צום קאַמף, איז מען געגאַנגען; פיל טויזנטקעפּיקע ערשטע־מאַי־דעמאָנסטראַציעס זענען געווען פאַרהייליקט. צווישן זיי אונדזער מעכ־טיקער שניידער־־פאַראיין מיט טויזנטער אַרבעטער, וואָס קעמפן פאַר בעסערע לעבנס־באַדינגונגען. אַ הערלעכע פאַרבן־סימפאָניע איז דאָס געווען. איינשלאָפן אָבער האָב איך נאָך אַלץ נישט געקאָנט, אפשר דער־פאַר, ווייל אין מיין פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַזאַ גרויסע לבנה און מיליאָנען פינקלענדיקע שטערן אַרום איר און אַזאַ בלאָער לויטערער הימל. און אין דער דאָזיקער נאַכט־שטילקייט הערט זיך דאָס גערויש פון די כוואַליעס אין דערגעבנדיקן טייך שווענטוי.

איך בין מיטאַמאָל געוואָרן נייגעריק צו וויסן, וואָס אַ שטייגער טוען מלאכים אין אַזאַ פרעכטיקער נאַכט. וואַכן זיי איבער אונדז? האָבן דאָך יידן נישט לאַנג אָפּגעזאָגט דעם פּסוק „הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל"; און אפשר — זינגען זיי גאָר שירה, די מלאכים? אַזאַ געזאַנג אין דער דאָזיקער נאַכט וואָלט דאָך געווען כאָטש אַ קליינע פאַרגיטי־קונג פאַרן היינטיקן טאָג.

דער שטאָטזייגער האָט אויסגעשלאָגן דריי. עפּעס הער איך אַ פאַר־דעכטיק גערויש, ווי פון גאָר ווייט וואָלט מען געשטעפּט אויף אַן אַל־טער ניימאַשין. הערט זיך ווירקלעך עפּעס? אָדער מיר דאַכט זיך דאָס בלויז? איך קאָן דאָס נישט דערכאַפּן. נעם איך אויף זיך עפּעס אַ מלבוש און גיי אַרויס אונטערן פענצטער: קיין באַזונדערע ענדערונג איז נישט צו באַמערקן, מער נישט, די לבנה האָט זיך אַ ביסל איבערגע־רוקט און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן פענצטער פונעם שכן, דעם ב. ק. ו. ד.־מענטש. האָט ער אויך אַזאַ אומרויִקע נאַכט?

איצט קאָן זיך אויסדאַכטן, אַז אַלע מענטשן זענען שוין אַרומ־געגומען מיט אַ באַרויִקנדיקן שלאָף. אפשר האָט זיי טאַקע דאָס רוישיקע טייכל, וואָס איז נישט ווייט פון דאַנען, איינגעזונגען אַ ביי וויגליד און

זיי איינגעליוליעט אין אַ זיסן שלאָף ? איך גיי צוריק אין שטוב, לייג זיך ווידער אויף מיין געלעגער און איך פֿאַל אַריין אין אַ שווערן שלאָף.

און אַט חלומט זיך מיר, ווי די שטאָט ווערט באָמבאַרדירט און אונטער מיין פענצטער פֿאַלן באָמבעס און מען מוז לויפן זיך ראַטעווען. איך קאָן זיך אָבער נישט באַוועגן. גלייך ווי איך וואָלט געווען פֿאַר־גליווערט. איך ראַנגל זיך מיט אַלע כוחות, עס פֿאַלן שוין באָמבעס אויף מיין געלעגער. איך מאַך אַ לעצטע אָנשטרענגונג און איך כאַפּ זיך מיט־אַמאָל אויף. האַ ? וואָס איז דאָס ? מען שטורעמט מיין טיר. איך אָריענ־טיר זיך מאָמענטאַל אין וואָס דאָ גייט. בליץ שנעל שפּרינג איך אַריין אין מיינע שיך, כאַפּ אויף זיך דעם מאַנטל און לאָז זיך צום הינטערשטן פענצטער וואָס איז שוין אויך געווען באַוואַכט, אויך מיין טיר ווערט אין דער מינוט אויפגעבראָכן, און מיט אַ שטורעם רייסן זיך אַריין אַזש פינף ביז צו די ציין באַוואָפנטע מיליטערלייט מיט אַ ווילדן געשריי: „אָרוזשי דאַוואַי!‟ (דאָס געווער גיב!). דאָס זענען: אַן אָפיציר מיט אַ ריזיקן נאַגאַן אין איין האַנט און נאָך אַ גרעסערן פּראָזשעקטאָר אין דער צווייטער האַנט; לעבן אים דאָס זשלידנע פּוילישע פּראָוואָקאַטאָרל, און דריי ריזיקע זעלנער מיט ביקסן מיט אַרויפגעזעצטע באַיאָנעטן שטו־רעמען גלייך אויף מיר און אין פֿאַנישער שרעק האַלטן זיי אין איין געוואַלדעווען: „אָרוזשי דאַוואַי! אָרוזשי דאַוואַי!‟ דערווייל ווערן דאָ אַריינגעפירט די איבעריקע צום טויט־דערשראָקענע מענטשן: די אַלטע באַלעבאָסטע, איר יונגע טאָכטער, אַ צען־יאָריק יינגל, אַלע אין זייערע נאַכט־וועש. עס ווערט זיי באַפוילן זיך צו זעצן אויף דער פֿאָדלאָגע ביי דער וואַנט און אויפצוהייבן די הענט.

נאָך דעם נעמט דער אָפיציר זיך איינטענהן מיט מיר; ער וויל דווקא וויסן אַלע ידיעות וועגן קאַליבער פון דעם געווער וואָס איך באַנוץ און ווו איך האָב עס באַהאַלטן. דער אָפיציר פרעגט און איך ענט־פער נישט. „פּאַוואָס, שרייט ער אַ דערצאָרנטער, פּאַרוואָס ענטפערסטו נישט ?‟ — „אַזוי לאַנג, ענטפער איך שוין נישט ווייניקער דערצאָרנט, ווי די באָקעט־זיצנדיקע פרויען וועלן זיצן אַזוי, קאָנסטו רעדן צום לאָמפּ!‟. „נו גוט, זאָלן זיך אַלע אָנטאָן‟, באַפעלט ער און נעמט זיך ווידער צו שטילן זיין נייגעריקייט וועגן מיין „באַהאַלטענעם געווער‟...

דעמאָלט האָב איך אים ערשט צוגעטראָגן מיין שער און אייזן וואָס מיט זיי האָב איך ביז איצט זיך באַנוצט ביי מיין אַרבעט, און איך ווייז אים אויך דאָס העלצל וואָס אויף אים איז געווען פאַרמאַכט די טיר און וואָס מיט אים האָבן פינף באַוואָפנטע קראַסנאַ־אַרמייצעס אַזוי העל־דיש געקעמפט. „אַט האָסטו מיין געווער!‟ — „טשטאָ! טי שוטיס ?‟ (וואָס ? דו שפּאַסט גאָר ?). „אַ יידישער אַרבעטער פון פוילן, האָב איך

אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, ווײַנט נישט פֿאַר זײַנע אונטערדריקערס, נאָר קעמפֿט מיט זיי!" — "נו גוט, זאָגט ער צו מיר, האָסט אַ שעה צײַט און נעם מיט זיך די בײַטיקסטע זאַכן, און גייסט מיט אונדז"! "אָבער וואָס איז נויטיק מיטצונעמען און ווּהין גייט מען?" — "דאָס, זאָגט ער, וועלן מיר שוין דאָרט זיך פֿאַנאַנדערקלייבן."

די שעה לויפֿט גיך פֿאַרבײַ און איך מוז פֿאַרלאָזן דאָס הויז. אויף לאַנג? צי אפשר שוין אויף שטענדיק? דאָס הויז מיט זײַנע טײַערע, האַרציקע ייִדיש־ליטווישע מענטשן, וואָס איז פֿאַר מיר געווען אַ וואַרעמע היים אין משך פֿון אַכצן חדשים — וועל איך זיי נאָך אַ מאָל זען? מיר געזעגענען זיך שווײַגנדיק מיט אַ טיפֿן צער אין אַלעמענס אויגן; נאָך אַ קוק און נאָך אַ לעצטער האַנטדרוק, און איך בעט בײַ זיי אַנטשולדיקונג פֿאַר זייער איבערגעלעבטער שרעק, וואָס נישט איך בין אין איר שולדיק.

ווען איך בין מיט מײַנע "באַגלייטערס" שוין כעלות השחר אַרויס אויף דער גאַס, זענען מיטאַמאָל פֿאַר מיר געוואָרן אויפֿגעקלערט אַ סך זאַכן, דהיינו: ווּהין זענען עס געגאַנגען אין די לעצטע "פֿרײַע וואָכן" די אַלע סאָוויעטישע אויטאָס און פֿאַר וועמען זיי זענען געוואָרן צו־געגרייט מיט אַזאַ זאָרגפֿעלטיקייט (גאָרנישט לויטן סאָוויעטישן שטייגער) און וועמען זיי האָבן דערקלערט די מלחמה.

אין די הונדערטער אויטאָס זענען זיי איצט געפֿלויגן אַהין און צו־ריק, און ווידער צוריק און ווידער אַהין. ווּהין פֿליען זיי דאָס אַזוי, די אַלע אויטאָס? דאָס האָבן זיי אַזוי געקרייצט, די אויטאָס, אויף אַלע וועגן און אומוועגן, אָנגעלאָדן און אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן וואָס קוים מיט עטלעכע חדשים צוריק האָבן זיי אויסגעדריקט זייער "הייסן, זייער פֿלאַמיקן באַגער" זיך אָנצושליסן צו די "גליקלעכע סאָוויעטישע פֿעל־קער" — מיט 97 פּראָצענט האָבן זיי דעמאָלט געשטימט "פֿאַרן אָנ־שלוס". און איצט פּירט מען זיי דאָ, די אַלע "סאָוויעט־פּאַטריאָטן". אַ האַלבער מיליאָן מענטשן איז אין דער נאַכט געוואָרן פֿאַרכאַפּט. ווען מען האָט צוגעפֿירט די אָנגעשטאָפּטע לאַסט־אויטאָס צום זאַמלפּונקט אין שטעטל יאַנאָווע, זענען דאָרט שוין געווען טויזנטער צוזאַמענגעשלעפּטע מענטשן. רבונו של עולם, ווען האָבן זיי באַוויזן דאָס אַלץ דורכצופֿירן?

דאָ האָט מען שוין געטראָפֿן די ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכע טוערס פֿון קאָוונע, פֿון פּאַניעוויעזש, פֿון שאַוועל, יאַנאָווע, שאַד און פֿון וויפֿל אַנדערע שטעט נאָך! דאָ זענען איצט געווען די אַלע וואָס האָבן געהאַט באַוויזן זיך צו ראַטעווען פֿון די פֿריערדיקע אַרעסטן. דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען דעם לעגענדאַרן פּאָפּ וולאַדימיר ביעלקאָוו וועגן וועלכן איך שרײַב שפּעטער, און אחרון אחרון די געזעלשאַפֿטלעכע טוער

פון ווילקאָמיר: נתן יאַנאָווסקי, ר׳ וואָלף קאַלטון, משה זאַק, די ברידער כאַיעט, גאַבאַי, טשאַפּאַטשניק.

דאָ אָבער האָט מען נישט געזען דעם אַדוואָקאַט לאַנדאַו, וואָס האָט זיך אין ווילקאָמיר געמאַכט אַזוי טרויעריק באַרימט מיט זיין זאָג, אַז ער וועט פּערזענלעך דערשיסן יעדן ייִד וואָס וועט וואַגן צו אַנטלויפן פון דער קאָמוניסטישער ליטע.

ערשט איצט האָט דער אומדערמידלעכער נתן יאַנאָווסקי פאַר מיר אויסגעגאָסן זיין ביטער הארץ, ווי אַזוי די ייִדיש־קאָמוניסטישע בוגדים האָבן אים געצווונגען אָפּצושטעלן יעדע הילף פאַר די פּליטים, מיטן תירוץ, אַז דאָס איז „פילאַנטראָפּישע דעמאָראַליזאַציע״, און צוגענומען האָבן זייביים פּליטים־קאָמיטעט אַלע רעסורסן וואָס זענען נאָך געווען אין זייער רשות. פון דער צווייטער זייט האָבן זיי געהעצט קעגן דער „פאַר־פוילטער פילאַנטראָפּיע״ וואָס האָט כלומרשט גאָרנישט געטאָן פאַר די אומגליקלעכע פּליטים, און האָבן אָרגאַניזירט דעמאָנסטראַציעס קעגן די „פילאַנטראָפּן״. צום באַדויערן האָט זיך אויך צווישן די פּליטים געפונען אַ ביסל „אָפּפאַל״, וואָס האָט דעמאָנסטרירט קעגן די ייִדן. איז זייער צער דעריבער געווען אָן אַ גרענעץ, ווארעם די פּליטים זענען דאָך גע־ווען זייערע „גייסטיקע קינדער״.

עס איז דער 18־טער יוני 1941. עס האָט קוים אָנגעהויבן צו שאַריען אויף טאָג. פיר מעת־לעת האָט עס געדויערט, ביז דער אַכט־און־אַכציק־וואַגאָניקער עשאַלאָן איז געוואָרן קאָמפּלעטירט. אויף אָט אַ דעם עשאַלאָן געפינען זיך איצט ייִדן פון פוילן און פון ליטע, און דאָס איז געווען זייער לעצטע נאַכט אויף ליטווישער ערד. באַלד וועלן זיי מוזן פאַרלאָזן די שטאָט, וואָס אירע ייִדן האָבן אין משך פון די קרוב צוויי יאָר אָפּגעהיטן אַזוי פריינטלעך, אַזוי האַרציק, אַזוי ברידערלעך די פּליטים, אַז אין די ראַמען פון זייערע מעגלעכקייטן זאָל פאַר די פּליטים קיין זאַך נישט פעלן. ווער וועט איצט זאָרגן פאַר זיי? און ווער וועט שוין איצט זאָרגן פאַר די, וואָס האָבן געזאָרגט פאַר די פּליטים? און וואָס איז אונדזער אַלעמענס ווייטערדיקער גורל? דאָס זענען די פּייַנלעכע מח־שבות, וואָס דריקן אויף אונדזער געמיט, און מיט אָט אַ די טרויעריקע געדאַנקען, ביי אַ האַרצרייסנדיק געוויין פון ביידע זייטן פון די בהמות־וואַגאָנען, אַרומגעקאָוועטע מיט עלעקטריזירטע שטעכלדראָטן און אַ גאַנ־צער אַרמיי באַוואָפנטע מיליטערלייט ווי צו אַ פראָנט — האָט גערירט דער שקלאַפן־עשאַלאָן אין זיין ווייטן און אומבאַקאַנטן וועג.

# אויפֿן וועג צום לאגער

אויפֿן גרויסן וואָקזאַל־פּלאַץ פֿון דער ליטווישער שטאָט יאַנאָווע, וואָס געפֿינט זיך צווישן ווילקאָמיר און קאָוונע, איז געשטאַנען אַ ריי־זיקער עשאַלאָן וואָס צו אים האָט מען כּסדר געפֿירט אַלץ נײַע מענטשן פֿון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, און דאָס האָט אַזוי געדויערט דרײַ טעג און דרײַ נעכט. דערבײַ זענען פֿאָרגעקומען האַרצרײַסנדיקע און פֿאַרצווייפֿלטע ראַנגלענישן צווישן די קרובֿים פֿון די אַרעסטירטע און דער נ. ק. וו. ד. די פֿאַרצווייפֿלטע האָבן אַלץ געקעמפֿט אַרויסצו־ראַטעווען זייערע נאָענטע. צי דאָס האָט זיך עמעצן אײַנגעגעבן איז אַ גרויסער ספֿק.

אַז מען פֿירט די פֿאַרשפּאַרטע קיין סיביר, אין דעם האָבן אַלע געגלייבט; אַז אין סיביר איז מוראדיק קאַלט, דאָס האָבן אַלע געוווּסט. האָבן די געבליבענע משפּחה־מיטגלידער זיך באַמיט צו פֿאַרזאָרגן די וואָס געפֿינען זיך שוין אונטערן שלאָס, מיט אַ וואַרעמען מלבוש, מיט וואַרעמע וועש, און אויך דאָס איז נישט אַנגעקומען אָן קאַמף מיט דער סאָוויעטישער פּאָליציי. עס האָבן דערבײַ זיך אָפּגעשפּילט רירנדיקע סצענעס פֿון משפּחה־טרייסאַפּט. אַזוי האָט מען אין דער לעצטער מינוט מיר צוגעבראַכט אַן אויסגענייט קישעלע וואָס האָט מיר געטרײַ געדינט אין די לאַגער־יאָרן, ביז עס האָט אויף אים געוואָרפֿן אַן אויג אַ פּאָליציי־אַפּיציר פֿון עוואַקואַציע־פּונקט אין טשימקענט, נאָך דעם ווי מען האָט מיך שוין געהאַט גוט באַגנבֿעט.

אונדזער פֿײַנפּולער וועג צום לאַגער האָט זיך אָנגעהויבן: דער עשאַלאָן וואָס אין אים איז אויך אײַנגעשלאָסן אונדזער וואַגאָן מיט זײַנע דרײַסיק געפֿאַנגענע, ציט זיך פּאַמעלעך פֿאָרויס. מיר פֿאָרן שוין איבער ווילנע — ירושלים דליטא — ווילנע וואָס אָט ערשט האָט עס דאָ גע־ברויזט מיט ייִדיש לעבן, מיט ייִדישקייט — ווילנע איז איצט אַ טויטע שטאָט, אַן אויסגעליידיקטע שטאָט. ייִדן, וואָס זענען נאָך נישט געווען הינטער די שלעסער, זענען אין די וועלדער (פֿון בונקערס האָט מען דעמאָלט נאָך נישט געוווּסט). דער צער פֿון די אײַנגעשלאָסענע ייִדן האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ. און אַזוי, אײַנגעהילטע אין טרויער, זענען מיר מיט אונדזער עשאַלאָן אָנגעקומען אין דער שטאָט נאָוואָ־ווילייקע און דאָ געבליבן שטיין. צוליב וואָס האָבן מיר נישט געוווּסט.

מיטאַמאָל האָבן די וואַגאָנען־טירן זיך צעפּראַלט און עס האָבן זיך אַרײַנגעשטעלט צו אונדז עטלעכע ייִדישע קאָמוניסטן און אונדז דער־קלערט, אַז אַזוי ווי מיר פֿאָרן אין אַ ווײַטן וועג (וווּהין, האָבן זיי נישט

געזאָגט) און וואָס ווייטער, ;ועט אַלץ ווערן שווערער מיט שפּייז — איז ווער עס האָט געלט, זענען זיי גרייט פאַר אונדז איינצוקויפן וואָס נאָר מען וויל. דאָ האָבן די געפאַנגענע זיך אויפגעשטעלט און וואָלטן די „באַרעמהאַרציקע״ נישט אַרויס פון וואַגאָן, וואָלט מען דאָס גאַנצע ביטערע האַרץ געווען אויסגעלאָזט צו זיי. באַלד נאָך זיי האָט אין אונדזער תּפיסה־וואַגאָן זיך אַריינגעשטעלט אַ דאָקטערין, בודק צו זיין אונדזער געזונט (צו וואָס האָבן זיי דאָס געדאַרפט וויסן ?). זי האָט כלומרשט אויף אונדז, אירע „פּאַציענטן״, געמאַכט וויסטע קולות; אין צווישן אָבער האָט זי דערציילט וועגן אַן אולטימאַטום וואָס די היטלעריסטן האָבן איבערגעשיקט צו זייערע נעכטיקע קרעמל־שותּפים. דער אולטימאַטום האָט געהאַט 16 פּונקטן און איינער פון זיי האָט געפאָדערט, אַז אַלע פעלקער, אויב זיי ווילן דאָס, האָבן דאָס רעכט זיך אָפּצורייסן פון סאָ־וויעט־רוסלאַנד און די דאָקטערין האָט ווייטער געזאָגט: „אייער עשאַלאָן דאַרף אייך פירן קיין סטאַראָ ביעלסקא וואָס איז לעבן כּאַרקאָוו״ — אויב ?..

נאָך אָט דער נייעס פון דער דאָקטערין, כאָטש זי האָט אויסגעזען אומוואַרשיינלעך און האָט זיך נישט געלייגט אויפן שכל, האָט עס אַ ווייע געטאָן מיט אַ ניצוץ פון האָפענונג. אָבער נאָך אַ גאַנצן מעת־לעת אין נאָוואָ ווילייקע האָבן פּלוצלינג די מיט אייזן־פאַרקאָוועטע טירן פון די תּפיסה־וואַגאָנען זיך צוריק פאַרקלאַפּט, און דאָס מאָל שוין אויף אַ סך טעג. אויב מען איז אין סטאַראָ־ביעלסקער לאַגער נישט אָנגעקומען, איז עס געווען דערפאַר, וואָס שוין אַ טאָג שפּעטער איז כאַרקאָוו צוזאַמען מיטן לאַגער געוואָרן באַזעצט פון די דייטשע חיילות. פון דעמאָלט אָן האָט מען אונדז אַרומגעפירט 32 מעת־לעת, און צו וואָס פאַר אַ לאַגער מען האָט צוגעפירט אונדזער עשאַלאָן, האָבן אַלץ די דייטשן שוין געהאַט פאַרלאָפן דעם וועג.

אונדזער עשאַלאָן רייסט זיך איצט פאָרויס מיט אַן אימהדיקער קראַפט, ווי עס וואָלט אים געדראָט, אַז ער וועט נאָך חלילה, עפּעס פאַר־זוימען, וואָס ער מוז אָט שוין, תּיכף אָניאָגן. די צוויי לאָקאָמאָטיוון וואָס ציִען דעם עשאַלאָן פאָרויס און איינער וואָס שטופּט אים אונטער, ריטשען, פרייכן און סאָפּען ווי מיט די לעצטע כּוחות, אַן אָטעם, גלייך ווי זיי וואָלטן געשלעפּט נישט 88, נאָר 888 וואַגאָנען. אונדזער טורמע־וואַגאָן ווו עס זענען אַריינגעזעצט דרייסיק מענטשן, האָט, ווייזט אויס, דורכגעמאַכט דעם דאָזיקן וועג נישט צום ערשטן מאָל. ער איז געווען איינגעאָרדנט אַזוי, אַז אין דער אונטערשטער פּריטשע איז געווען אָרט פאַר אַכט מענטשן, און אויף דער אייבערשטער פּריטשע זענען געווען אויסגעלייגט בלויז זיבן מענטשן. פּונקט אַזוי איז אויך געווען אויפן צווייטן עק פון

וואַגאָן: אויף דער אונטערשטער פּריטשע — אַכט מענטשן, און אויבן — זיבן מענטשן.

די מענטשן זענען געווען איינגעסדרט אַזוי, אַז זיי האָבן געמוזט ליגן אָדער אין בעסטן פֿאַל זיצן. אויב די מענטשן פֿון דער אונטערשטער פּריטשע האָבן, זיצנדיק, נאָך געקאָנט אַראָפּלאָזן די פֿיס, האָבן דאָס די מענטשן פֿון דער אייבערשטער פּריטשע נישט געקאָנט, מחמת דעם, וואָס זייערע פֿיס וואָלטן זיך אָנגעשלאָגן אין די קעפּ פֿון די אונטן זיצנדיקע מענטשן, און דאָס האָט נישט געטאָרט זיין. איצט איז נאָך געווען די פֿראַגע פֿון באַגאַזשן. אין פּרינציפּ האָבן אַלע אַרעסטירטע ביים אַריינגיין אין תּפֿיסה־וואַגאָן געמוזט אָפּגעבן זייער באַגאַזש אין די צוויי פֿאַר דעם ספּעציעל רעזערווירטע וואַגאָנען — אָבער די אַרעסטירטע האָבן שוין קיינמאָל נישט באַקומען צוריק זייערע באַגאַזשן, ווייל די צוויי ספּעציעלע „באַגאַזשן־וואַגאָנען" זענען אויפֿן וועג נעלם געוואָרן פֿונעם עשאַלאָן. פֿאַר די אָבער וואָס האָבן געהאַט באַוויזן אַריינצושמוגלען מיט זיך זייער באַגאַזש אין תּפֿיסה־וואַגאָן, איז דאָ געוואָרן אָפּגעגעבן אַן „ערן־אָרט" אונטער דער אונטערשטער פּריטשע, וואָרעם דאָ איז נישט געווען שייך צו גנבענען: אַלע האָבן מיר זיך דאָ שוין געקענט, מיט אַ טייל פֿון זיי האָט מען זיך געהאַט אַפֿילו באַפֿריינדעט. שטיין אָדער גיין איבערן וואַגאָן האָט מען געקאָנט בלויז אין איין איינציקן אויסנאַמפֿאַל: ווען מ'האָט געדאַרפֿט אַ פּערזענלעכן געברויך. צו דעם צוועק איז אין דער פּאָדלאָגע פֿונעם וואַגאָן געווען אויסגעמאַכט אַ לאָך, ווו דער נצרך האָט געמוזט פֿאַר אַלעמען אין די אויגן זיך זעצן. אין די ערשטע טעג איז די אַפּאַטיע געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט אויף אַזאַ „קליינינקייט" קיין אַכט נישט געלייגט. ערשט אין די שפּעטערדיקע טעג האָבן די „פּאַנסיאָנערן" איינגעזען, אַז ס'איז נישט שיין בפֿרהסיא פֿאַר אַלעמען אין די אויגן ווי אַ חיה זיך אָוועקצוזעצן... האָט מען דאָס אָרט אַרומגעהאַנגען מיט אַ קאָלדרע. סיי ווי איז ביי די ערטער שטענדיק געווען אַ פֿאַרשטאַרקטע וואַך — טאָמער „חלילה" פֿאַלט איין עמעצן פֿון די „זיצערס" גאָר זיך דורכצורייסן און צו אַנטלויפֿן.

געוויסע טעג פֿלעגט טרעפֿן, אַז דער עשאַלאָן האָט פּלוצלינג זיך אָפּגעשטעלט ערגעץ־ווו אויף אַן הינטערשטער ליניע, אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער סטאַציע; דעמאָלט האָט מען זיך שוין נישט געקאָנט דערוויסן דעם נאָמען פֿון דער דאָזיקער סטאַציע. אַן אַנדערש מאָל ווידער האָט געטראָפֿן, אַז מען האָט אַראָפּגענומען פֿון די וואַגאָנען צו עטלעכע אַרעסטירטע, כּדי צו ברענגען ברויט פֿאַרן מענטשן־טראַנספּאָרט, ברויט וואָס מיט אים האָט מען געקאָנט ווי מיט ליים אויסקלעפּן די ווענט, ווי הונגע־

ריק מען איז נישט געווען; עסן אָבער דאָס „ברויט", יעדנפאַלס אין די ערשטע טעג, איז נישט געווען מעגלעך.

אַ שווערער פּראָבלעם איז אויך געווען מיט וואַסער וואָס מען האָט געדאַרפט מיטפירן מיט זיך אין געגנטן ווו וואַסער איז נישט גע־ווען, און נישט איין מאָל האָט געטראָפן, אַז די אַרעסטירטע האָבן גע־מוזט שטורעמען די באַן־וואַגאָנען, כדי דער עשאַלאָן זאָל זיך אָפּשטעלן אויף אַ סטאַציע וואָס קאָן געבן גענוג וואַסער. עס האָט אפילו געטראָפן אַ „יומא דפגרא", ווען מען האָט אַריינגעגעבן קיפּיאַטאָק (הייס וואַסער) — אַזעלכע יום־טובים זענען אָבער געווען געגנוי אַכט. עס האָט אָבער זעלטן געקלעקט פאַר אַלע אין וואַגאָן. געווען אפילו צוויי אָדער דריי מאָל, ווען מען האָט אַריינגעגעבן צו ביסלעך זופּ וואָס נאָר ווייניקע האָבן צו דעם זוכה געווען. דערפאַר אָבער האָט מען געגעבן „קאַמסי־קאַמסאַ" בהרחבה; דאָס זענען אַזעלכע קליינע פישלעך, ווי אַ שוועבעלע די גרייס און שרעקלעך געזאַלצן. ס'איז נאָר געווען צו באַוווּנדערן, ווו זיי האָבן גענומען אַזוי פיל זאַלץ פאַר אָט די, מישטיינס געזאָגט, פיש, וואָס נאָכן עסן זיי איז מען ממש געוואָרן פאַרברענט פון דורשט, אַז עס איז נישט געווען מעגלעך איבערצוטראָגן. נאָך אַ דערפאַרונג פון עט־לעכע מאָל עסן האָבן די אַרעסטירטע אין גאַנצן אויפגעהערט טועם צו זיין פון די „לויתנס" און ביי די נאָענטסטע סטאַציעס פלעגט מען עס אַרויסוואַרפן דורכן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל, אויף וואָס טשאַטעס קינדער האָבן שוין געוואַרט און מיט אַ געוואַלדיקן אייפער אויף דעם זיך געוואָרפן. און וואָס נענטער מען איז געקומען צו די לאַגערן, מיט אַן אַלץ גרעסערער גיריקייט האָבן די קינדער פאַר דעם געקעמפט. און לויט דער עקשנות פון די קינדערשע קאַמפן פאַר די קאַמסי־קאַמסאַ האָט מען שוין דערקענט די אמתע סיטואַציע פון שפייז אין די ערטער וואָס מיר זענען דאָ דורכגעפאָרן.

ביז גאָר פיינלעך זענען געווען די נאַכט־וויזיטן פון די נ. ק. וו. ד.־לייט, ווען פלוצלינג פלעגט די באַן זיך אָפּשטעלן ערגעץ־ווו אויף אַן אימהדיקן פוסטן פעלד און זיי פלעגן זיך אַריינרייסן מיט ווילדע גע־שרייען אין די וואַגאָנען: „סטאַנאַוויס סטראָיסיאַ!" (אויפשטיין! אויס־שטעלן זיך!). און זיי האָבן גענומען ציילן. ס'איז געווען פינצטער, דאָס איינציקע עלעקטרישע לעמפּל איז נישט געווען אימשטאַנד צו באַלויכטן דעם גאַנצן באַשטאַנד פון די וואַגאָן־איינוווינער און זיי האָבן נישט געקאָנט דערגיין צו אַ טאַלק: אין וואַגאָן האָבן געדאַרפט זיין דרייסיק מענטשן, אָבער קיינמאָל האָט עס ביי זיי נישט געשטימט. איז פון די 30 געוואָרן 27 מענטשן, און שוין איז פון דעם געוואָרן 33, און 36, און ווידער אַראָפּ צו 24 — און אַזוי אָן אַ סוף. שעהען־לאַנג האָט עס

פאַרנומען, ביז מען האָט ווידער געקאָנט אָוועקלייגן די מידע גופים אויף די הוילע פּריטשעס.

אין איינער אַזאַ נאַכט האָבן זיי מיר געלאָזן אַ ספּעציעל לעצט־געלט: ווען זיי זענען סוף כל סוף געוואָרן פאַרטיק מיטן ציילן און זענען שוין אַרויס פון וואַגאָן, האָט איינער פון זיי ביים גיין אַ קאָפּע געטאָן מיטן פוס מיינעם אַ שוך און אים אַרויסגעוואָרפן אין דרויסן און תיכף פאַרהאַקט דעם אייזערנעם טויער. און איך בין געבליבן בלויז מיט איין שוך. איז וואָס־זשע וועל איך טאָן אין לאַגער מיט איין שוך? נאָך היינט, ווען איך דערמאָן זיך אין דעם, באַפאַלט מיך אַ שוידער. די ליט־ווישע ייִדן האָבן אָנגעהויבן צו זוכן אַן עצה מיר אַרויסצוהעלפן פון דער שווערער לאַגע. ערשט ביים אַרויסגיין פון די וואַגאָנען האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז אויך ביי איינעם אַ ליטווישן ייִד, בשעת איינער פון די נאַכט־ציילונגען, האָט אַ נ. ק. וו.־דיסט אים אַרויסגעוואָרפן אַ שוך דורך אַ קאָפּע טאָן מיטן פוס. פאַרוואָס? ביי מיר איז געבליבן דער רעכטער שוך, און אויך ביים ליטווישן ייִד איז געבליבן דער רעכטער שוך, וואָס איז דורך אַ דין־תורה געוואָרן צוגעפּסקנט מיר. אַזוי אַרום בין איך ביז צו דער באַפרייונג פון לאַגער אַרומגעגאַנגען אין צוויי רעכטע שיך.

די מענטשן דאָ אין די פאַרהאַקטע וואַגאָנען זענען ליטווינער, פּאָ־ליאַקן און ייִדן. זיי זיצן טרויעריקע און שווייגנדיקע, פאַרזונקען אין זייערע מחשבות: געהאַט אַ מאָל אַ היים, אַ משפּחה, קרובים, פריינט, און מיטאַמאָל איז אַלץ געוואָרן אויס... צי טראַכטן די שכנים אין די אַנדערע וואַגאָנען אויך דאָס זעלבע? ווער ווייסט? ביז ווען און וווּהין וועט דער שקלאַפן־צוג זיי פאַרפירן? לאַנג, לאַנג פאָרן מיר שוין אַזוי און קיינער פון די דרייסיק מענטשן דאָ אין וואַגאָן האָט נאָך נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. זיי טוען נישט קיין אַנדערע זאַך — נאָר זיי שווייגן.

געעפנט די מיילער ביי די וואָס מען פירט דאָ און זיי ווייסן נישט וווּהין, האָט אַ קליין, צוויי־זייטיק העקטאָגראַפירט בלעטל וואָס אַ וואַך־זעלנער האָט אויף איינער אַ סטאַציע אַריינגעוואָרפן דורכן פּיטשינקן פאַרקאָוועטן פענצטערל און דערביי אַ זאָג געטאָן: „אָט האָט איר אַ ציימונג און לייענט — „וואָינאַ!" (מלחמה), און ער איז שנעל אַוועק.

טאַקע אין דעם בלעטל קלאָגט זיך סטאַלין, אַז „אַלץ וואָס מיר האָבן זיך פאַרפליכטעט צוצושטעלן היטלערן, האָבן מיר פּינקטלעך אויס־געפירט" — און דאָ גייט אַ מיילן־לאַנגער צעטל: שטאָל, אייזן, מעש, כראָם, נאַפט, אייל, ברויט, פּוטער, צוקער, און נאָך, און נאָך. אַלץ, אַלץ וואָס איז געווען נויטיק צו פירן מלחמה, האָט סאָוויעט־רוסלאַנד צוגע־

שטעלט די דייטשן (כאָטש אין לאַנד איז מען ממש געשטאָרבן פון הונגער), און דאַך זענען זיי, די זאַכוואַטשיקעס, די פאַרברעכערס, אויף אונדז אָנגעפאַלן!

הייסט עס, אַז ס'איז טאַקע מלחמה צווישן די צוויי בעכטיקע שותפים, און דאָס האָט אויפגעבונדן די צינגער ביי מיינע וואַגאָן־שכנים — זיי האָבן תיכף פאַרגעסן אין אַלע זייערע מחלוקת. פון די דרייסיק, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ פאַרשידנאַרטיקן עלעמענט, זענען געווען אַ צענדליק העכערע ליטווישע אָפיצירן, אַ ביסל פּאַליאַקן מיט אַ גאַנץ טונקעלער מאָראַל. איינער פון זיי, יאַן קראַווטשינסקי, אַ הויכער מיט בלאָנדע פּילסודסקי־וואָנצעס, מיט מויזישע אויגן און וואָס האָט געדינט אין דער רייטער־פּאָליציי, האָט געהאַלטן אין איין דערציילן שטעכיקע מעשהלעך, ווי אַזוי אַרעסטירטע ייִדן (קאָמוניסטן) פלעגן שרייען בעת די אויספאָרשונגען: „אוי וויי, מאַמעלע, טאַטעלע!". לעבן אים איז געזעסן היפּעק, זיין פּלימעניק, אַן אַכצן־יאָריקער בחור, וואָס האָט מיט זיין פעטערל זיך געלערנט דאָס פּאָליציי־פאַך — אַ שטילער און אַ שווייגנדיקער. צי וואָלט ער אַמאָל דערגאַנגען צו דער מדרגה פון זיין פעטער מיט די לאַנגע וואָנצעס, איז אַ גרויסער ספק. דאָס האָט פונדעסטוועגן נישט געשטערט די צוויי היטערס פון דער פּוילישער אָרדע־נונג און געזעץ צו זיין פון די ערשטע צו לויפן נאָך אַ סאָוויעטישן פּאַס־פּאָרט און צו ווערן סאָוויעטישע בירגער. צווישן די איבעריקע „פיינע לייט" פון דעם דאָזיקן מין האָט זיך דאָ אויך געפונען דער פּאָזנאַנ־טשיק פון גענעראַל האַלערס תלמידים, וואַצלאַוו וואַיטשינסקי, אַ הויכער ברונעט, אַ לערער אין אַ דאָרפישער אָנפאַנג־שול. האָט ער מיטאַמאָל זיך צעזונגען מיט שבחים אויפן חשבון פון ייִדן, און דאָס איז געווען אַזוי דורכזיכטיק פאַלש, ווי ס'איז געווען קלאָר דאָס ברעקעלע זון וואָס האָט אַריינגעקוקט דורכן אייזן־פאַרקראַטעוועטן פענצטערל, וואָס איז „געהאָנגען" אינעם ווינקל פון תפיסה־וואַגאָן.

און צווישן אָט דער „פיינער פּויליש־ליטווישער געזעלשאַפט" האָבן זיך געפונען עטלעכע ווילקאָמירער כלל־טוערס, טייערע, האַרציקע ליט־ווישע ייִדן, און אויך דער שרייבער פון די שורות; און מיר האָבן געמוזט יעדע פּאָר מינוט זיך אַריינלאָזן צווישן די פּויליש־ליטווישע קעמפנדיקע צדדים און מאַכן צווישן זיי אַ שלום, מחמת יעדע פּאָר מינוט איז צווישן זיי אויסגעבראָכן אַ נייע קריגעריי.

צווישן זיי איז אָבער געווען איינער וואָס האָט זיך אינגאַנצן אויס־געטיילט פון די איבעריקע פּאָליאַקן: דאָס איז מיין שכן קעגן איבער מיר, יוליוס באַרטאַש, מיט אַן איידעלן און גוטמוטיקן פּנים, מיט צוויי קלוגע, גוטע אויגן, אַ פּאַרטראַכטער אין זיך. גערעדט האָט ער ווייניק

און שטיל, אָבער יעדעס אַרויסגעזאָגטע וואָרט זיינס האָט געהיילט און געטרייסט דאָס צעבראָכענע געמיט; אַן אָרט  פאַר זיך אין וואַגאָן האָט באַרטאַש אויסגעקליבן נישט צווישן די פּאַליאַקן, נאָר קעגן איבער מיר.

ער איז געבוירן געוואָרן ביי פּוילישע עלטערן, סאָציאַליסטן פון טשעכישן זאאָלזע, און פון זיין פּריִעסטער יוגנט איז ער געווען אַריינגעצויגן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָט ער געלעבט אין דער ליבעראַלער מדינה פון מאַסאַריק און בענעש, און פון זיי האָט ער גערעדט מיט גרויס וואַרעמקייט. ווען היטלער האָט אָפּגעריסן זאאָלזע פון טשעכיע און אָפּגעגעבן צו פּוילן פון רידז־שמיגלי, בעק און פּיאַסעצקי, איז זיין קאַמפּפלאַץ געוואָרן דאָס נאָרע־פּוילן. באַרטאַש האָט פאַר אַלע פּאַליאַקן אָפּן מודה געווען, אַז אַ סך עוולות זענען געוואָרן באַגאַנגען אין פריִערדיקן פּוילן קעגן אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, די גרעסטע עוולה אָבער קעגן ייִדן. „און אין דער דאָזיקער שווערער שעה, האָט ער געזאָגט, פאַר אַלע פּוילישע בירגער וואָס געפינען זיך דאָ און פאַר אייערע אַלעמענס אויגן, בין איך איצט גרייט אונטערצושרייבן אַן אָפּמאַך מיטן איינציקן ייִד פון פּוילן וואָס געפינט זיך דאָ צווישן אונדז אין דעם וואַגאָן, אַז אין קומענדיקן באַפרייטן פּוילן זאָלן מיר קעמפן, אַז אַלע אַן אויסנאַם אַנטי־ייִדישע עוולות און דיסקרימינאַציעס זאָלן ווערן אויסגעוואָרצלט אַזוי, אַז פון זיי זאָל קיין שפור נישט בלייבן."

דערווייל רייסן די רעדער פון לויפנדיקן עשאַלאָן אַלץ ווייטער און ווייטער אויף צפון. טעג און נעכט פאָרן מיר אַזוי, 500 קילאָמעטער אַ מעת־לעת. דאָס גאַנצע אייראָפּעיִשע רוסלאַנד זענען מיר שוין דורכגעפאָרן : די וואָלגע־געגנט, טשעליאַבינסק, נאָוואָסיבירסק, אוראַלער און באַיקאַלער געגנט, דעם טייך און די שטאָט יאַגיסייסק, אָמסק און טאָמסק, און אַט זענען מיר שוין אויף דער „ליבהאַרציקער" סטאַציע טייגאַ — און דער עשאַלאָן רייסט אַן אָפּהאַלט אַלץ ווייטער און ווייטער.

פון וואַנען ווייסן מיר דאָס אַלץ ? דאָס זאָגט אונדז באַרטאַש אין פּאַרויס, ווו מיר וועלן איצט אָנקומען. ער מאַכט שוין, זאָגט ער, דעם וועג צום צווייטן מאָל — איין מאָל האָבן אים דאָ געפירט די צאַרישע זשאַנדאַרמען; באַפרייט האָט אים די רוסיש־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע פון יאָר 1917, פאַר זיין שפּעטערדיקער באַפרייונג וועט דאָס זיין אַ גרויסער חטא. איצט פירט אים דאָ די נ. ק. וו. ד., ווידער אַ מאָל פאָרן קאַמף פאַר אַ פרייע פּוילן, ווו עס זאָל מער נישט זיין קיין אָרט פאַר נאַציאָנאַלע עוולות און דיסקרימינאַציעס, און אויך פאַר ייִדן זאָל מער נישט זיין קיין אָרט פאַר נאַציאָנאַלע רדיפות.

מיר פאָרן שוין אין דער געגנט פון די ווייסע נעכט וואָס אַ נאַכט

דאָרט בלויז מינוטן. פאַרן מיר שוין וואָכנלאַנג און עס זעט זיך גאָרנישט קיין סוף. און נישט איין מאָל האָבן די אַרעסטירטע געבעטן, מען זאָל זיי שוין אָפּשטעלן ווו עס זאָל נישט זיין, אַבי מען זאָל זיי שוין דערפירן צו אַן אָרט, ווו מען וועט זיך שוין קאָנען שטעלן אויף אייגענע פיס.

וועגן באַרטאָשן זאָל דאָ צום סוף געזאָגט ווערן, אַז נאָך לאַנגע חדשים זיין אין לאַגער, האָט ער שטאַרק זיך געענדערט: אַלע האָבן צוליב די אוממענטשלעכע באַדינגונגען געענדערט זייער אויסזען, עס איז אָבער נישט געווען קיין שום פאַרגלייך צום אויסזען פון באַרטאָשן — אים איז שוין ממש נישט געווען צום דערקענען.

נאָך די קרוב צוויי יאָר לאַגער־מאַטערנישן איז ענדלעך געקומען דער אויסגעבענקטער טאָג פון באַפרייונג. ס'האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז אויך פאַר באַרטאָשן איז שוין דער טאָג פון באַפרייונג געקומען. איך בין געוואָרן באַפרייט ערשט מיט דער דריטער גרופּע, באַרטאָש אָבער איז דאָרט נאָך ווייטער געבליבן... כ'האָב שפּעטער געטראָפן נאָך באַפרייטע ייִדן, אויך פּאַליאַקן — אָבער נישט באַרטאָשן. זיינע ביינער זענען געבליבן דאָרט אויף אַ שטיקל פעלד ערגעץ־ווו אַרום רישאַטע־לאַגער, פון קראַסנאָיאַרסקער קראַי.

אַזוי האָט פאַרענדיקט זיין לעבן אַ קעמפער, וואָס האָט אויפן וועג צו די סאָוויעטישע שקלאַפן־לאַגערן געחלומט אַ חלום וועגן אַ פרייע און סאָציאַליסטיש פּוילן, אַ פּוילן פון פריינטשאַפט און גליק פאַר אַלע מענטשן און אויך פאַר ייִדן. זאָלן די פּאָר שורות זיין אַ באַשיידענע מצבה אויפן אומבאַקאַנטן קבר פון דעם איידעלן בעל־חלומות יוליוש באַרטאָש.

## פאַר די טויערן פון לאַגער

ענדלעך, נאָך צוויי און דרייסיק מעת־לעת שלעפן זיך האָט פּלוצלינג דער עשאַלאָן זיך אָפּגעשטעלט. וואָס איז געשען? גייט מען אונדז שוין ווידער ציילן? דאָס מאָל אָבער האָבן די אייזערנע ריגלען פון די פאַר־קאָוועטע וואַגאָן־טירן זיך גענומען אויפשליסן און מיט אַ געהילך זיך צעפּראַלט. די נ. ק. וו. ד.־לייט האָבן געשריגן: „ביסטרעי וויכאַדיט, ביסטרעי וויכאַדיט! ז'וויעשטשאַמי!" (גיכער אַרויס מיט די זאַכן).

געווען איז דאָס פאַרטאָג, ווען די זון הייבט זיך ערשט קוים אָן צו באַווייזן. נאָך אַזאַ לאַנגער צייט זיך וואַלגערן אין די וואַגאָנען האָבן די מענטשן, און ווער רעדט שוין די אַלטע און שוואַכע לייט, קוים געקאָנט

זיך האַלטן אויף די פּיס. זיי האָבן געמוזט אויף זיך טראָגן זייער ביסל זאַכן וואָס זענען נאָך אַלע גנבות נאָך געבליבן, זיי האָבן נישט באַוויזן רעכט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, האָבן זיך שוין דערהערט די געשרייען: „סטראַיסיאַ!" (זיך אויסשטעלן), „נישט באַוועגן זיך, און זיך האַלטן ביים וואַגאָן אין וועלכן מען איז געפאָרן און די וויעשטשעס (זאַכן) האַלטן לעבן זיך".

דאָס איז געווען אין סוף יולי ווען שוין אין די פרימאָרגן־שעהען האָט דער טאָג זיך געשטעלט אַ הייסער און צענדליקער מענטשן זענען געפאַלן פון חלשות. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביזן האַלבן טאָג, ווען די ב. ק. וו. ד.־לייט האָבן באַוויליקט צו עפענען די טויערן און אַריינפירן די אַרעס־טאַנטן אויפן שטח פון לאַגער, ווו זיי האָבן אונדז דערלויבט צו זעצן זיך אויף דער ערד, אונטער דער ברענענדיקער זון און מיר האָבן גע־דאַרפט אַזוי זיצן שעהען־לאַנג.

אין דעם לאַגער איז אַחוץ עטלעכע צעפוילטע באַראַקן מער גאָר־נישט געווען. אַ ריזיקער פוסטער פלאַץ אַרום און אַרום און ווי ווייט דאָס אויג האָט געקאָנט גרייכן איז נישט געווען צו זען קיין ביימל, קיין גרעזל, קיין פייגעלע דער איינציקער סימן פון לעבן איז געווען כמאַרעס מאָסקיטן, וואָס האָבן געריסן לעבעדיקע שטיקער פון די מענטשן.

מיר געפינען זיך אין אַן אמתדיקן מדבר! בלויז אַ פירקאַנטיק פעלד וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט צוויי ליניעס עלעקטריזירטן שטעכל־דראָט, אָפּגעטיילט איין ליניע פון דער אַנדערער מיט אַן ערך צוואַנציק מעטער. דאָס איז געווען די „זאַפּרעטנאַיאַ" (פאַרבאָטענע) זאָנע, און באַלד איז געקומען דער ערשטער אָנזאָג אַז ווער וועט זיין צו דעם וואָס וועט וואַגן אַריבערצוטרעטן די פאַרבאָטענע זאָנע כאָטש אויף איין טריט, דער וועט אָן וואָרענונג ווערן דערשאָסן. (דאָס ווייטערדיקע „לעבן" אין לאַגער האָט באַוויזן, אַז אין דעם פּרט האָבן זיי געהאַלטן וואָרט)... פון איין ווינקל צום אַנדערן זענען געווען אויסגעשטעלט אַ רייע ווישקעס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי די אַמאָליקע טורעמס פון די קליין־שטעטלדיקע פייערלעשער. אויף די דאָזיקע ווישקעס זענען אָבער נישט געשטאַנען קיין פייערלעשער נאָר וואַכנדיקע ב. ק. וו.־דיסטן, באַוואָפנט מיט אויטאָ־מאַטיש געווער, גרייט יעדע מינוט צו געבן פייער, אויב נאָר ס'וועט אין דער נאַכט־פינצטערניש זיך באַווייזן אַ מענטשלעכער שאָטן.

אויב דאָס אַלץ איז נאָך געווען ווינציק, איז אויף די ווישקעס גע־ווען אינסטאַלירט אַ טעלעפאָן־נעץ, כדי די ב. ק. וו. ד.־וועכטער זאָלן צו יעדער מינוט קאָנען סיגנאַלירן צו זייער באַזע. און דער עיקר אָבער איז דער טעלעפאָן געווען נויטיק צו וועקן אַז זיי זאָלן חלילה נישט איינ־

שלאָפֿן. און נאָך אַזאַ „אָפּרו", אויף דער לאַגער־ערד, אונטער דער ברע־נענדיקער זון, איז געקומען דער באַפֿעל: אין באָד אַריין!

די „באַניע" (באָד) איז דאָ טאַקע געווען די איינציקע אָרגאַניזירטע „אינסטיטוציע", וואָס איז געווען טעטיק. וועגן עסן אָדער טרינקען איז דערווייל קיין רייד נישט געווען. איצט האָט מען זיך געדאַרפֿט אויסטאָן און די שוין פֿאַרלייזיקטע מלבושים אָפּגעבן אין דער דעזאינפֿעקציע און די צעקנאָדערטע מלבושים נאָך דער „פֿיינער" נסיעה אין די פּראַכט־וואַגאָנען זענען נאָך דער דעזאינפֿעקציע אַרויסגעקומען פּשוטע שמאַטעס. נאָך דער „באָד", וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ ביסל לעבלעך וואַסער מיט אַן עוקץ זייף, און נאָכן אַרויפֿשלעפּן אויף זיך די פֿאַרברענטע און צע־קנאָדערטע שמאַטעס האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן די פּערזענלעכע רעווי־זיעס.

פֿריער פֿון אַלץ אָבער האָבן זיך אָנגעהויבן די אויספֿאַרשונגען, וועגן יעדן איינעם: וואָס איז מען געווען אין דער היים? און וואָס האָט מען דאָרט געטאָן? צי איז מען געווען אַן אַרבעטער, אָדער האָט מען געהערט צום רייכן קלאַס? צו וועלכער פּאַרטיי און צו וועלכן פֿאַראיין האָט מען אָנגעהערט? און וואָס האָבן געטאָן טאַטע־מאַמע און באָבע־זיידע און צו וועלכן קלאַס האָבן געהערט די עלטערנס על־טערן. און אַזוי ביזן זיבעטן דור אַריין.

נאָך דעם האָבן זיך אָנגעהויבן די פּערזענלעכע רעוויזיעס און אַלץ וואָס מען האָט ביי די אַרעסטירטע געפֿונען, אַפֿילו די קלענסטע ווערטפֿולע זאַך, האָט מען עס געמוזט אָפּגעבן צום לאַגער־דעפּאָזיט: אַ פּילפֿעדער, אַ ראַזיר־אַפּאַראַט מיט מעסערלעך, אָדער אַ ראַזיר־מעסער. גאָר באַזונדערס האָט מען געזוכט „טשאַסי" (זייגערלעך). אָפֿטמאָל איז אַ זייגערל געווען דער גאַנצער פֿאַרמעגן פֿונעם אַרעסטירטן, מחמת דעם וואָס מ'האָט אים געהאַט פֿאַרכאַפּט גייענדיק אין גאַס און מ'האָט אים שוין נישט געלאָזט נעמען מיט זיך אַפֿילו די קלענסטע זאַך, און ער האָט געהאַט בלויז דאָס וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך. היות ווי ער איז צוגענומען געוואָרן אין די הייסע יולי־טעג ווען די אַרעסטירטע האָבן געטראָגן אויף זיך בלויז אַ זומער־העמד, זומער־שיך, איז זייער איינציקער פֿאַרמעגן געווען נאָר דאָס זייגערל, מיט וועלכן זיי האָבן זיך געקאָנט אַרויסהעלפֿן אין אַ שוואַרצער שעה. האָט מען דאָס אָבער ביי זיי צוגענומען, איז פֿאַרלוירן געגאַנגען אַ האָפֿענונג, אַז אין אַ שווערער צייט וועט דאָס ראַטעווען פֿון אַ הונגער־נויט.

דאָס רוב פֿון די אַרעסטירטע האָבן אָבער יאָ געהאַט מיט זיך אַ ביסל געלט, אַפֿילו נויטיקע חפֿצים, מחמת זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן אין מיטן דער נאַכט ביי זיך אין דער היים. האָט מען דאָס אויך ביי זיי

צוגענומען און געלאָזט זיי בלויז צו עטלעכע רובל. אַזוי, למשל, האָט מען ביי מיר געלאָזט בלויז דריי רובל, וואָס ביי אַ שפּעטערדיקער רע־וויזיע האָט דער רעוויזאָר פּשוט זיי אַראָפּגעלאָזט צו זיך אין קעשענע. איבעריקנס, וואָס אַ שטייגער וואָלט געווען ווען זיי לאָזן ביי די אַרעס־טירטע זייער גאַנץ געלט, אַז קויפן עפּעס אין לאַגער איז די גאַנצע צייט סיי־ווי נישט געווען וואָס. און די וואָס האָבן פאַר דער צייט שוין באַ־וויזן צו שטאַרבן (און זייער צאָל איז גאָר נישט געווען קליין) טאַקע פון הונגער און פון שווערער אַרבעט, איז זייער דעפּאָנירט פאַרמעגן שוין געבליבן אין דער לאַגער־קאַסע, וואָס די נאַטשאַלניקעס האָבן זיך שוין צוגעאייגנט. וויפל זענען געווען אַזעלכע קרבנות, וואָס ווען זייער פאַרמעגן שוין נישט מאָנען? דאָס וועט מען זיך שוין קיינמאָל נישט דערוויסן, עס דאַרף באַזונדערס אונטערגעשטראָכן ווערן דער חשק פון די לאַגער־רעוויזאָרן צו די „אימפּעריאַליסטישע”, אַמעריקאַנער דאָלאַרן, מיט וועלכע זיי האָבן גאָר שטאַרק זיך פאַסמאַקעוועט.

איך דערמאָן זיך ווען איך בין אַמאָל געשטאַנען אין אַטשערעד (רייע), ווו מ׳האָט גראָד געגעבן צוקער (אין סאָוויעטן־לאַנד קויפט מען נישט, נאָר מען גיט), כאָטש מען באַצאָלט פאַר דעם אַ גאַנץ טייערן פּרייז, האָט דער וואָך־זעלנער (וויזיט אויס אַ נאַאיווער מענטש), זיך גע־ווענדט צו די שטייענדיקע אין דער ריי: „לאָזט זיי אַריין, די אַרעמע מענטשן פון פּוילן, וואָס האָבן שוין זינט צוואַנציק יאָר נישט געזען קיין צוקער פאַר די אויגן, זאָלן זיי אויך קאָנען קויפן אַ פונט צוקער!” און דאָ קומען געפאַנגענע שקלאַפן, וואָס שוין אַכצן חדשים זענען זיי פּליטים אין קאַפּיטאַליסטישן ליטע, און האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אַ לעדערנע טעקע, טייערן זייף, אַ האַנטעך זיך אָפּצווווישן, אַ ציין־בערשטעלע, ציין־קרעם, וואָס דאָס אַלץ איז פאַר די רעוויזאָרן געווען אַ בייז וווּנדער און זיי האָבן אפילו נישט געוווּסט נאָך וואָס מען דאַרף דאָס האָבן. ווען זיי האָבן געפונען אַ פּעקל טיי, צוקער, און נאָך ענלעכע זאַכן, וואָס מ׳האָט עס שוין זינט לאַנגע יאָרן דאָ נישט געזען, זענען דאָך די רעוויזאָרן פּשוט משוגע געוואָרן פון קנאה.

און נאָך דער דאָזיקער גרינטלעכער רעוויזיע האָט ערשט נאַטשאַל־סטוואָ אַרויסגעגעבן אַ שפּאַגל־נייעם פּריקאַז (באַפעל), אַז אויב מען וועט אין אַ קומענדיקער רעוויזיע ביי עמעצן פון די זאַקלוטשאָניע, גע־פינען אַ בלייער, אַ שטיקל פּאַפּיר, פאַרשריבן אָדער נישט פאַרשריבן, וועט ער דעמאָלט באַקומען אַ דאַבאַוועטשנע טראַק, (צוגאַב־אורטייל), נאָך פינף יאָר לאַגער!

ענדלעך איז געקומען דער פאַרנאַכט פונעם צווייטן לאַגער־טאָג

און די צייט פון „אוזשין" (אָוונט־עסן), האָט מען דאָס ערשטע די מאַסע זאַקלוטשאַניע ווידער אָוועקגעשטעלט ציילן, וואָס דאָס איז ווי שוין באַ־וווּסט געווען פאַר די ציילער אַ שווער שטיקל אַרבעט. נאָכן ציילן איז די מחנה צוגעפירט געוואָרן צום פּלאַץ און יעדער איינער האָט געזאָלט באַקומען אַ בלעכענע שיסל צום עסן, וואָס אויך דאָס, ווי ס'האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. פאַרטיק געוואָרן מיט דער בלעכענער שיסל, האָט מען זיי צוגעפירט צום קיך־פענצטערל, ווו יעדער האָט באַקומען דעם „אוזשין", וואָס איז באַשטאַנען פון 400 גראַם ליימיק ברויט אויף אַ גאַנצן מעת־לעת, מיט אַ כאַכליע געדיכטע קאַשע, מיט וואָס די מענטשן האָבן זיך באמת דערפרייט: ענד־לעך וועט מען קאָנען אָפּעסן רויִק אַ ביסל וואַרעם עסן. ווי נאָר אָבער מ'האָט גענומען דאָס ערשטע ביסל קאַשע צום מויל, האָט פון הונדער־טער מיילער זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי: „פּע! חלשות! די קאַשע איז דאָך געווען ביטער ווי גאַל!" און ווי הונגעריק מען איז נישט געווען, האָט מען די קאַשע פאַרט נישט געקאָנט נעמען צום מויל.

באַלד האָט מען געקאָנט זען די הונגעריקע מענטשן זיך אַרומ־טראָגן מיט דער ביטערער קאַשע פון איינעם צום אַנדערן, מיט דער פראַגע: „אפשר ווילסטו די קאַשע? אפשר וועסטו פאַרט קאָנען עסן די קאַשע?" ערשט אויף מאָרגן גאַנץ פרי האָט מען געקאָנט זען דעם באַרג מיט דער נעכטיקער ביטערער קאַשע, וואָס איז געווען דער ערשטער „אוזשין", וואָס די ניי־געקומענע אַרעסטאַנטן האָבן שוין באַוויזן אָפּצו־לייגן אויפן פּלאַץ...

דאָס זענען געווען די ערשטע טריט וואָס די אַרעסטאַנטן האָבן געשטעלט אינעם לאַגער. באַלד האָט זיך געשטעלט די האַרבע קשיא: ווו קוואַרטירט מען זיי איין די דריי טויזנט פינף הונדערט מענטשן, אַז בסך־הכל געפינען זיך דאָ בלויז עטלעכע אַלטע צעפוילטע באַראַקן, וואָס האָבן באַין־אופן נישט געקאָנט אַריינגעמען אין זיך די גאַנצע מאַסע געפאַנגענע. דער נס איז געווען, וואָס עס איז גראַד געווען אינעם סאַמע הייסטן חודש, האָט מען געקאָנט נעכטיקן אין דרויסן. פאַרשטייט זיך, אַז די שמירה איבער די געפאַנגענע איז געווען אַ דריי־פאַך פאַרשטאַרקטע, אַז עס זאָל זיך חלילה עמעצן נישט חלומען צו מאַכן אַ ויברח. ערשט אינ־דערפרי פון דריטן לאַגער־טאָג האָט מען גענומען אָפּקלויבן אַן עקיפּ פּלאַטניקעס (סטאָלאַרעס), וואָס האָבן אויף גיך זיך געדאַרפט נעמען בויען באַראַקן, אָבער דאָס ערשטע וואָס מ'האָט געמוזט אויפשטעלן איז געווען אַן „אובאָרנע" (בית הכסא), און דער גורל איז געפאַלן אויפן

פּראַוואָסלאַוונעם גלח וולאַדימיר ביעלקאָוו, וואָס פון אים איז שפּעטער געוואָרן „דער גאַנדי פון לאַגער".

דאָס איז געווען דער ערשטער קבלת־פּנים אין „קראַסנאָיאַרסקי קראַי", לאַגער־פּונקט נומער 7, ווו צווישן די טויזנטער שקלאַפן האָבן אויך פינף הונדערט ייִדן פון פּוילן אָפּגעשקלאַפּט קרוב צו צוויי יאָר.

# אין רישאַטע: לאַג־פּונקט נומער 7

## דער גאַנדי פונעם לאַגער

וולאַדימיר ביעלקאָוו, וואָס אין לאַגער האָט מען אים גערופן „גאַנ־די", איז געווען אַ הויכער, ברייטפּלייציקער מאַן מיט אַן איידל פּנים און אַ בלאָנדער פּאַטריאַרכאַלישער באָרד און מיט בלויע אויגן. און דערצו נאָך איז ער געווען אַ וועגעטאַריער. די וואָס האָבן געהאַט דאָס „גרויסע פאַרגעניגן" צו זיין אין אַ סאָוויעטישן שקלאַפן־לאַגער, וועלן מסתמא זיין פאַרוואונדערט און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן וועלן זיי פרעגן: „און ווער איז דען דאָרט נישט געווען קיין וועגעטאַריער?" — וועלן זיי נישט זיין גערעכט. וואָרעם פאַר די קרוב צוויי יאָר וואָס איך בין געווען אין לאַגער האָב איך קיין איינציק מאָל קיין פליישׂ נישט געגעסן און דאָך בין איך קיין וועגעטאַריער נישט געווען.

צום ערשטן מאָל האָב איך אָנגעטראָפן דעם פּראַוואָסלאַוונעם פּאָפּ וולאַדימיר ביעלקאָוו אויף דעם מיט שטעכלדראָט אַרומגעצוימטן וואָק־זאַל־פּלאַץ אינעם ליטווישן שטעטל יאַנאָווע וואָס ליגט אויפן האַלבן וועג צווישן ווילקאָמיר און קאָוונע. עס זענען שוין געווען דאָרט צו־זאַמענגעשלעפּט עטלעכע טויזנט מענטשן. געווען איז דאָס געציילטע חדשים נאָך דעם ווי ליטע האָט „געשטימט" פאַרן אָנשליסן זיך צו די „ברידערלעכע" סאָוויעטישע רעפּובליקן.

אויפן דאָזיקן פּלאַץ האָט מען אונדז געהאַלטן פיר מעת־לעת, און דאָס האַלטן דאָ דעם פּאָפּ אַרעסטירט, דעם פּאָפּ וואָס איז געווען באַליבט ביי דער דאָרטיקער באַפעלקערונג, בפרט ביי דער רוסישער, וואָס ער האָט באַדינט, האָט געמאַכט אַ רושם, אַזוי אַז מען האָט אָנגעהויבן צו מאַכן באַמיונגען אים צו באַפרייען. דאָ ערשט איז געוואָרן באַוווסט, אַז ער האָט די באַמיונגען צו נישט געמאַכט און פון דעם זיך קאַטעגאָ־ריש אָפּגעזאָגט, אויב ער אַליין בלויז וועט באַפרייט ווערן.

אין איינער אַ פינצטערער נאַכט, נאָך איידער עס האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, האָט דער עשאַלאָן פון 3500 אַרויפגעלאָדעוועטע געוואָזענע מענטשן, ביי אַ יללה פון די געבליבענע קרובים וואָס האָט

געקאַנט שפּאַלטן הימלען, זיך געריררט אין אומבאַקאַנטן וועג אַריין. אין איינעם פון די פּי־וואַגאָנען האָט זיך געפונען וולאַדימיר ביעלקאָוו.

אין די צוויי און דרייסיק מעת־לעת וואָס מען האָט דעם לאַסט־צוג אַרומגעפירט איבער רוסלאַנד, האָב איך זיך געטראָפן מיט אים אַ פינף, זעקס מאָל ביי פאַרשידענע אַרבעטן צו באַדינען די אַרעסטאַנטן. שטענ־דיק האָט ער זיך אַרויסגעשטעלט ווי אַ פּריווילעגיר, למשל: ביים ברענגען „קיפּיאַטאָק" (געקאָכט וואַסער) און עס האָט אפילו אויך אַ מאָל געטראָפן אַ ביסל זופּ. די עיקר־שפּייז זענען אָבער געווען די „קאַמסי־קאַמסאַ" (די פיטשינקע געזאַלצענע פישלעך) און פיר הונדערט גראַם נאַס ברויט. צוזאַמען מיטן פּאַפּ איז מיר אויסגעקומען צו באַטיילן די וואַגאָן־איינוווינער, ביז מיר זענען אָנגעקומען אויפן ריכטיקן אָרט.

דאָ האָט מען אַלעמען אויסגעשטעלט אין רייען און אויסגעטאָן מוטער־נאַקעט, דורכגעפירט אַ גרינטלעכע רעוויזיע, צוגענומען אַלץ וואָס מען האָט געהאַט ביי אונדז געפונען, אויב עס האָט נאָר געהאַט דעם קלענסטן ווערט, אפילו אַ שטיקל פּאַפּיר. אַלעמען האָט מען אָנגעזאָגט מיטן שטרענגן סאָוויעטישן זאָקאָן: אויב מען וועט געפינען ביי דער נאָענטסטער רעוויזיע ווידער אַ מאָל פּאַפּיר, בפרט געדרוקטס, באַקומט מען ווי אַ צוגאָב נאָך פינף יאָר לאַגער... און וויפל דאָס וועט זיין צו־זאַמען, דאָס האָבן מיר דעמאָלט נאָך נישט געוווּסט.

ערשט נאָך דעם האָט איינער פון די לאַגער־נאַטשאַלניקעס גע־האַלטן פאַר די 3500 נאַר־וואָס געבראַכטע שקלאַפן די ריכטיקע דרשה:

„אויב איר האָט אַמאָל געהאַט אַ היים, זאָלן מיר אין דעם איצט פאַרגעסן, אין גאַנצן פאַרגעסן! (דעם פּזמון האָבן מיר געהערט אויף שריט און טריט). אייער היים איז פון איצט אָן דאָ אין לאַגער, און דאָ וועט איר בויען אייער לעבן." — און טאָמער האָט מען דאָרט איבערגע־לאָזט עמעצן וואָס לאָזט זיך פאָרט נישט פאַרגעסן, האָבן זיי צו דעם אויך אָן עצה, די לאַגער־נאַטשאַלניקעס, דהיינו: „איר וועט דאַרפן גוט אַרבעטן און מאַכן די נאָרמע!"

„מי וואָס קאָרמים (מיר געבן אייך קעסט) און איר דאַרפט מאַכן די נאָרמע, און קיין שווערע איז זי נישט די נאָרמע, ממש אַ „דיעטסקע" (קינדערשע): נאָר פערצן קוביק־מעטער ערד וועט איר דאַרפן אויס־גראָבן, און שפּעטער וועט מען זי קאָנען העכערן ביז זיבעצן קוביק־מעטער ערד אַ טאָג." און זיי זענען געווען גערעכט, די לאַגער־נאַטשאַל־ניקעס: וואָלטן מיר טאַקע געווען געדאַרפט אויסגראָבן פערצן קוביק־מעטער ערד אַ טאָג, וואָלטן מיר טאַקע גאַר גיך פאַרגעסן אין אונדזער פריערדיקער היים.

דאָס ערשטע ביי וואָס מען דאַרף אָנהייבן — האָבן זיי דערקלערט דעם גאַנצן אַרעסטאַנטן־טראַנספּאָרט, איז: אויפשטעלן אַן „אובאַרנע", (בית הכסא) — איז ווער דאָ פון אונדז „פּלאַטניקעס"? (בויער פון הילצערנע הייזקעס). דאָ האָט זיך ווידער אַרויסגעשטעלט וולאַדימיר ביעלקאָוו. די לאַגער־נאַטשאַלניקעס האָבן ווידער אויפגעשטעלט מויל און אויערן אויף דעם מאָדנעם פּלאַטניק־קאַנדידאַט און אים געגומען אויפן צימבל: „היי, דו בערדיקער — אַ פּלאַטניק גאָר?". פּאַרטיק געוואָרן מיט די פאַרהערן און ענטפערס, האָבן זיי צום סוף צו אים אַ זאָג געטאָן:

„דו בערדיקער וועסט זיין דער בריגאַדיר; קלייב זיך צו נאָך אַ צוואַנציק „זאַקלוטשאָניע" און נעם זיך צו דער אַרבעט — אָבער גיך!"

איז ער שוין, הייסט עס, פּלאַטניק־בריגאַדיר אויך, פאַר אַ סאָ־וויעטישן שקלאַפן־לאַגער גאָר אַ מיוחסדיקע באַשעפטיקונג, בפרט נאָך, אַז ער איז גאָר נישט מחויב צו אַרבעטן.

און פאַרוואָס זאָל ער נישט פאַרלייכטערן דאָס לעבן פון נאָך אַ פאַר מענטשן? איז ער אויך צו מיר געקומען, איך זאָל אַריינגיין אין זיין סטאָליער־בריגאַדע. אַלטע באַקאַנטע זענען מיר דאָך שוין געווען פון אונדזער צוזאַמענאַרבעט אין וועג. און דאָך האָב איך אים אָפּגעזאָגט, און דאָס צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, בין איך דאָך קיינמאָל קיין „פּלאַטניק" נישט געווען; און צווייטנס, וועל איך פרייוויליק נישט אָנ־נעמען קיין שום אַרבעט, ווי לייכט זי זאָל נישט זיין — איך וועל אָנ־נעמען נאָר די אַרבעט, צו וועלכער איך וועל זיין געצוווּנגען.

וולאַדימיר ביעלקאָוו האָט געפרוווט מיר אויפקלערן, אַז אים גייט גאָרנישט אין דעם, אַז איך זאָל קענען די מלאכה, נאָר איך זאָל אַזוי שווער נישט דאַרפן אַרבעטן, ווייל ער זעט, אַז די ערד־אַרבעט וועל איך נישט איבערטראָגן. איך האָב אָבער זיך געהאַלטן ביי מיין באַשלוס. און ער, וולאַדימיר ביעלקאָוו, איז אויך גערעכט געווען — נישט קיין סך האָט געפעלט, אַז איך זאָל פון לאַגער שוין נישט אַרויס.

דערפאַר אָבער האָב איך געדאַרפט אָנווייזן אויף אַ צאָל יידן, וואָס ער וויל אומבאַדינגט האָבן ביי זיך אין זיין בריגאַדע. קוים אָבער האָט ער באַוויזן גובר צו זיין די בריגאַדע־שוועריקייטן, זענען תיכף געקומען נייע, וואָרעם ווי אַלץ אין סאָוויעטישן רוסלאַנד האָבן זיי אויך דאָ אַרויס־געוויזן זייער „אָרגאַניזאַציע־בקיאות", און כאָטש מיר זענען דאָ געווען אין די סאַמע געדיכטענישן פון די אורוועלדער, טייגעס און טונדרעס, איז פונדעסטוועגן אויך מיט האָלץ געווען זייער שווער. אַלץ האָט מען געדאַרפט אָנהייבן מיט די הוילע הענט, און דיביימער פון די טייגעס האָבן באַין אופן אַליין נישט געוואָלט פאַלן, סיידן עפּעס אַ מעכטיקער

שטורעמווינט וואָס זאָל אַרויסרייסן מיטן וואָרצל טויזנט־יאָריקעביימער. פונדעסטוועגן האָט אַזעלכעס שוין אויך געטראָפן; נאָר וואָס? נישט דעמאָלט און נישט דאָרט ווו מען האָט עס געדאַרפט.

אָבער מיט די פּרימיטיווע אַרבעטס־מכשירים וואָס זענען געווען אין רשות פון דעם אָרעמען גלח קעגן דער ווילדער סטיכיע, האָט מען ווייט נישט געקאָנט אַוועק. נאָר וולאַדימיר ביעלקאָוו, מיט זיין געוויינלעכער רויִקייט, איז ביסלעכווייז אויך די שוועריקייטן בייגעקומען און מיט מזל איז ער צוגעטרעטן צו דער אַרבעט פון בויען דאָס בית־הכסא.

גייען אַזוי אַוועק נאָך וואָכן, די אַרבעט רוקט זיך פּאַמעלעך פאָרויס און צווישן די דריי צענדליק „זאַקלוטשאָיע פּלאַטניקי" אין דער בריגאַדע זענען אויך דאָ איבער אַ צענדליק יִדן, וואָס ביי זיי האָבן זיך אָנגעהויבן וועבן פאַרשידענע לעגענדעס וועגן דעם מאָדנעם גלח, וואָס יִדן האָבן אים מיט פּשוטן שכל נישט געקאָנט תופס זיין. וואָרעם אין דער אַלטער היים, ווען יִדן האָבן דערזען אַ גלח, אַ שליח אַלץ איינס פון וועלכן גאָט, האָט מען אים געדאַרפט אָפּטרעטן דעם וועג, אויב נאָר מען האָט געוואָלט אַז דער וועג זאָל דורכגיין בשלום. און דאָ גייט אַרום אַ מענטש אין זיינע פּאָפּישע „בגדי־מלכות" און מיט זיין הדרת־פּנימדיקער בלאָנדער באָרד און קוקט אַזוי רחמנותדיק מיט זיינע גוטע אויגן, רעדט אַזוי שטיל, וואָס פון דעם האָט מען אין לאַגער דאָך זיך שוין אינגאַנצן געהאַט אָפּגעווינט, און ער בעט זיך: קינדער, אַר־בעטן, נאָר פּאַמעלעך! שלאָגט זיך נישט אַרויס פון די כוחות, וואָס איר וועט זיי נאָך אַזוי נויטיק דאַרפן האָבן!

ער איז געוואָרן די טרייסט און דער טרייסטער אינעם פאַרחושכטן לעבן פון די געפאַנגענע שקלאַפן, ער האָט באַצויבערט מיט זיין גע־שטאַלט, ער איז געווען דער קליינער ליכט־שטראַל וואָס ביי אים האָבן די אַרעסטאַנטן געזוכט אַ ברעקעלע אָנהאַלט, און אַ האָפענונג, אַז אפשר וועלן זיי דורכהאַלטן און דערלעבן דעם טאָג, ווען אויך פאַר זיי וועלן זיך עפענען די טויערן צו דער פרייער וועלט.

אויב דאָס איז נאָך געווען ווינציק, פלעגן יעדן אָוונט נאָך אַזאַ אָפּמאַטערנדיקן אַרבעטס־טאָג, ווען מען האָט נאָר באַוויזן אָפּצוכאַפּן דאָס ביסל וואָסערדיקע זופּ, זיך צוזאַמענטרעפן ביים נישט געהובליעטן באַראַק־טיש ווער ווייסט וויפל צענדליקער מענטשן פון אַלע אמונות וואָס האָבן זיך דאָ געפונען — צווישן זיי אַ צאָל יִדן — און ביעלקאָוו אין דערמיטן האָט מיט דעם מידן עולם איינגעקנעלט דעם טייטש פון „ואהבת לרעך כמוך"...

אפילו די לאַגער־פּייניקערס (אמת, קרימינעלע פאַרברעכער־יונגען), האָט ער געלערנט, דאַרף מען נישט פיינט האָבן, מחמת דעם, וואָס זייער

פינצטערע אַרבעט פירן זיי נאָר אויס ווי אַ שטראָף פון גאָט, וואָס קעגן אים האָבן מיר געזינדיקט. דער עיקר אָבער האָבן מיר געזינדיקט — און דאָס נעמט אייך גוט אין קאָפּ אַריין! — קעגן פאָלק ישראל... און איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר נאָך יעדן אַזאַ אָוונט פלעג איך אַרויס פון דעם באַראַק אַ געשטאַרקטער און איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ געשטאַלט, אַרויסגענומען פון די ווערק פון גוסטאַוו לאַנדאוער.

אין איינעם אַ טאָג האָט דער גלח־בריגאַדיר געמאָלדן דעם לאַגער־נאַטשאַלניק, אַז די „אובאַרנע" איז פאַרטיק. פון דער נייעס זענען אויך אַלע איבעריקע נאַטשאַלניקעס געווען צופרידן, און אין „פריקאַז" (טאָג־באַפעל) וואָס איז געוואָרן אַרויסגעגעבן יעדן פאַרטאָג פאַר די לאַגער־ניקעס, זענען געוואָרן געלויבט די „פּלאָטניקעס" מיט זייער בריגאַדיר ביעלקאָוו פאַר זייער אַרבעט, און ווי אַ פּרעמיע האָבן זיי באַקומען אַ פּאָרציע פלייש. דאָ האָט ביעלקאָוו מיט דער גאַנצער פייערלעכקייט זיך אַ שטעל געטאָן און דערקלערט: „גאָספּאָדין נאַטשאַלניק, איך עס נישט קיין פלייש — באַלשאָיע ספּאַסיבאָ!" (אַ דאַנק).

וואָלט זיך נאָך מסתמא געפונען עמעצער וואָס זאָל „אויסלייזן" ביעלקאָוון פון דער דאָזיקער פּרעמיע, אָבער עפּנטלעך זיך אָפּזאָגן פון אַ חסד פון דעם אַלערהעכסטן פאַרשטייער פון דער „סאָוויעטישער וולאַסט" — דאָס איז דאָך נאָך ערגער פון קראַמאָלע. לאָמיר נישט פאַר־געסן, אַז ער איז שוין פון פריער נאָך געווען אונטער אַ וואָך אויג.

זיין גאַנצע געשטאַלט, זיין הויכע און גלייכע פיגור, זיין הדרת־פנים, דער פאַמעלעכער גאַנג, זיינע שטילע רייד און זיין פאָטערלעכע באַציִונג צו די אַרעסטירטע, גאַנץ באַזונדער צו די ייִדישע אַרעסטירטע, האָט פון די לאַגער־מושלים נישט געקאָנט בלייבן אומבאַמערקט. דאָ איז צוגעקומען די „פלייש־פּרעמיע" וואָס פון איר האָט ביעלקאָוו אַזוי פייער־לעך זיך אָפּגעזאָגט. און דאָס האָבן זיי נישט געקאָנט מוחל זיין.

און פון וואַנען האָט זיך אין לאַגער מיטאַמאָל גענומען פלייש? דאָס האָט געקאָנט נאָר געשען דעמאָלט, ווען ס'איז געפאַלן אַ פערדל, און אַז אַ פערד זאָל האָבן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, דאָס האָט מען ביז היינט נישט געהערט — אַ פערד פאַלט ערשט דעמאָלט, ווען עס מוז שוין פאַלן, ווען עס קאָן שוין ווייטער מער נישט שלעפּן די שווערע לאַסט. ווייטער ציען אַזאַ לעבן קאָן עס מער נישט — נעמט עס און פאַלט אַוועק, און שוין. טרעפט אַזאַ פאַל ביי ייִדן זאָגט מען אָפּ דעם פּסוק „קבורת חמור" און מען באַגראָבט אים. גאַנץ אַנדערש איז עס געווען אין לאַגער: דאָ האָבן די פערד געמוזט אַרבעטן שווער ביז צו

דער לעצטער מיגוט. דעמאָלט האָבן די נאַטשאַלניקעס דאָס טויטע פערדל נישט געלאָזט צו רו: גלייך פון אים אַראָפּגעצויגן די פעל און דאָס איבעריקע געשיקט אין קעסל אַריין. אויב דער הונגער האָט שוין ביז דעמאָלט געבושעוועט אין זיין פולער גרויזאַמקייט, איז ער אָבער אין די „פּערדישע טעג" געוואָרן פאַר די ייִדישע שקלאַפן (אפשר אויסער פאַר געציילטע וואָס האָבן נישט געקאָנט זיך באַהערשן) אַן אמתער הונגער־גיהנום. און גראָד דעמאָלט האָט וולאַדימיר ביעלקאָוו, אין זיין גלחישער סוטאַנע, אין זיין גאַנצער אימפּאָזאַנטקייט, זיך אַרויסגערוקט און אויסגערופן אַזוי, אַז אַלע אין לאַגער זאָלן הערן:

„גאַספּאַדין נאַטשאַלניק, איך עס נישט קיין פליייש".

לאַנג האָט די נקמה פונעם נאַטשאַלניק נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך. אין איינעם אַזאַ פאַרטאָג האָט ער געמאָלדן אין זיינע טאָג־פּריקאַזן (געווען איז דאָס גראָד ערב די ימים נוראים; צו אַלע זיינע „מעלות" איז דער נאַטשאַלניק נאָך געווען אַ „חיהשער" אַנטיסעמיט), אַז אַלע וואָס טראָגן בערד, מוזן צוליב ריינקייט זיי לאָזן אָפּגאָלן אין משך פון דריי טעג. אין פאַל, ווען זיי וועלן נישט אויספירן זיין פּריקאַז, וועלן זיי באַקומען „דאָבאַוועטשנע" (אַ צוגאָב) פרישע אַכט יאָר שווערע תפיסה.

אין לאַגער זענען געווען, ווי שוין געזאָגט, ביז 3500 אַרעסטאַנטן, צווישן זיי ביי אַ 500 ייִדן. זיי זענען שוין זינט לאַנגע חדשים נישט געווען אָפּגעוואַשן, נישט אַרומגעשוירן, נישט געגאָלט, און אויסגעזען האָבן זיי ווי פּרעהיסטאָרישע באַשעפענישן וואָס זענען נאָר־וואָס אַרויס פון די אורוועלדער. וואָלט מען די מענטשן כאָטש אַ ביסל אָפּגערייניקט, וואָלטן זיי אפשר צוריקבאַקומען אַ מענטשלעכן אויסזען — דעם צלם אלהים, וואָס נאָך אים האָבן זיי אַזוי געלעכצט. אָבער נישט זיי האָט מען דאָ איצט געמיינט, זיי האָט מען געלאָזן אין דעם זעלביקן צושטאַנד ווי פריער. געמיינט האָט מען נאָר צו דערנידעריקן וואָס מער די דריי גייסטלעכע פּערזענלעכקייטן: דעם זייער מוטיקן רב ר' אברהם פון אַשמענע, אַ געוועזענעם ליטווישן יוסטיץ־מיניסטער נאָך פאַר וואָלדע־מאַראַסעס צייטן, יאַנושקייטיס, און וולאַדימיר ביעלקאָוו. נאָך די באַ־שטימטע דריי אולטימאַטום־טעג, ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, ווי קייג־מאָל גאָרנישט, מיט זייערע נישט־געגאָלטע בערד צו דער אַרבעט, האָט דער לאַגער־קאָמענדאַנט מיט זיינע ווילד־אַנגעצונדענע אויגן אַ ריטשע געטאָן:

„העי, בערדיקע, האָט איר נישט פאַרשטאַנען מיין פּריקאַז?"

האָט דער ערשטער וועמען ער האָט געפרעגט, דער אַשמענער רב

ר׳ אברהם, געענטפערט: „גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש לויט זיין געשטאַלט און איך וועל דאָס געשטאַלט נישט ענדערן. אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן, וועל איך גאָטס באַשאַף נישט ענדערן. דור הולך ודור בא — היינט ביסטו דער מושל, מאָרגן קאָן זיין אַן אַנדערער, גאָט אָבער בלייבט אייביק״ — אַזוי האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ פּסוק פון קהלת.

דער ענטפער פון אַשמענער האָט זיך צעגאָסן ווי אַ וואַרעמע כוואַליע איבערן לאַגער, האָט דערהויבן און דערמוטיקט די שקלאַפן וואָס האָבן מיטאַמאָל זיך ווידער דערפילט ווי מענטשן.

דער געוועזענער ליטווישער יוסטיץ־מיניסטער האָט געענטפערט:

„ווען איר האָט פאַרכאַפּט מיין לאַנד, האָבן אַלע די וואָס האָבן נאָר געוואָלט, געהאַט די פרייהייט צו טראָגן בערד. איך בין געווען איינער פון זיי, און אַזוי לאַנג, ווי איך וועל נאָר קאָנען, וועל איך אָפּ־היטן די דאָזיקע פרייהייט, כאָטש איר פאַרמאָגט אַלע גוואַלד־מיטלען מיך אין דעם צו שטערן.״

„און צום סוף האָט דער קאָמענדאַנט אַ געשריי געטאָן צו ביעלקאָוון:

„און דו, בערדיקער, האָסטו אויך נישט פאַרשטאַנען מיין פריקאַז?״

„פאַרשטאַנען — האָט אים וולאַדימיר ביעלקאָוו רויִק געענטפערט — פאַרשטאַנען האָב איך יאָ. אלא וואָס? אויך מיר האָט גאָט געגעבן אַ מענטשלעך געשטאַלט. וואָס גאָט האָט מיר געגעבן, זאָל איך ענדערן? ניין, גאָספּאָדין נאַטשאַלניק, איך בין איצט אין דיינע הענט, קאָנסטו מיט מיר טאָן וואָס דיין האַרץ גלוסט. מיין גוף קאָנסטו פאַרפּייניקן, מיין נשמה אָבער געהער צו גאָט.״

דער קאָמענדאַנט פון לאַגער איז דאָ געשטאַנען און האָט זיך צו־געהערט, וואָס עס האָבן געזאָגט די דריי גייסטלעכע, און גוזאָגט האָבן זיי אָן פּחד. באַזונדער האָבן וולאַדימירס רייד אים געשמיסן ווי מיט בייטשן. ער האָט קיינעם מער שוין נישט געפרעגט, און אויך נישט פאַרמשפּט צו אַכט יאָר.

איצט האָט די מלחמה קעגן זיי זיך אָנגעהויבן אויף אַ נייעם אופן, און דאָס איז געווען כסדרדיקע רעוויזיעס אין מיטן דער נאַכט, אַ מאָל ביי איינעם און אַ מאָל ביי אַ צווייטן, און נישט איין מאָל האָט מען זיי אַפילו ערגעץ וווהין אוועקגעפירט. וואָרעם דאָס האָט דער אַשמענער רב זיך געגרייט אין דער כל־נדרי־נאַכט אַראָפּצוואַרפן די „סאָוויעטסקע וולאַסט״.

אין איינער אַ נאַכט האָבן אין לאַגער־באַראַק זיך באַוויזן נאַכט־שאָטנס און ביים פּאָפּ האָט מען דורכגעפירט אַ נייע און זייער שטרענגע

רעוויזיע. וואָס האָט מען איצט ביי אים געזוכט? פאַרשטייט זיך — געווער! מער האָט מען וולאַדימיר ביעלקאָוון שוין נישט געזען. מיט אים איז אויך פאַרשוווּנדן געוואָרן דער, וואָס האָט אַ ביסל ליכטיקער געמאַכט דאָס פינצטערע לעבן פון די לאַגער־שקלאַפן.

## דער לאַגער־שפּיטאָל און די דאָקטוירים קאָמיסיע פון מאָסקווע

לויט דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע דאַרף אַ מענטש אַרבעטן נאָר אַזוי פיל, ווי עס קלעקן זיינע כוחות. און דאָס קאָן וויסן נאָר אַ דאָקטער; דעריבער וועט אַ סאָוויעטישער מאַכטהאָבער זיך נישט רירן אָן אַ דאָקטער. און נישטאָ אַזאַ פאַרברעכן קעגן דער באַפעלקערונג וואָס זיי זאָלן נישט האָבן אָפּגעטאָן און וואָס זאָל מוזן קודם־כל זיין געדעקט פון אַ דאָקטערישן הכשר. מיט איין וואָרט: אָן אַ דאָקטער האָבן זיי זיך נישט גערירט. ווען זיי האָבן אין יענער טרויעריקער נאַכט אַרויסגעריסן הונדערטער ליטווישע ייִדן פון זייערע היימען, און צווישן זיי: אַלטע, שוואַכע און קראַנקע וואָס זענען געוואָרן אָפּגעריסן פון זייערע משפּחות פון זייערע פרויען און קינדער, איז דאָס אַליין שוין געווען פאַר זיי אַ טויט־אורטייל, און די נ. ק. וו. ד. האָט דאָ געמוזט דעקן מיט אַ הכשר פון אַ דאָקטער.

אין דער שטאָט נאָוואָ־ווילעיקע, ווו דער עשאַלאָן האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט אויף אַ גאַנצן טאָג, האָבן זיי אויך געבראַכט אַ דאָקטערין, זי זאָל כלומרשט בודק זיין דאָס געזונט פון די אַלע געפאַנגענע וואָס אַ סך פון זיי וועלן שוין נישט מער זיך אומקערן צו זיך אַהיים. און אין די ווייטערדיקע וואַכן האָט מען זיי געמוזט, איינעם נאָכן אַנדערן, אַראָפּנעמען אין מיטן וועג, צווישן זיי אויך דעם אַלטן פינף און זיבעציק־יאָריקן גאַבאַי (וועגן וועלכן איך האָב שוין פריער געשריבן). זייער ווייטערדיקער גורל איז שוין געווען אַ קליין בערגל ערגעץ אין אַ סטעפּ. ווען מיר זענען ענדלעך אָנגעקומען אויפן אָרט פון לאַגער, האָבן שוין הונדערטער מענטשן זיך נישט געקאָנט מער האַלטן אויף די פיס.

דאָס וועט זיין אונדזער לאַגער — רישאָטע־לאַג־פּונקט נומער 7 — אַ ליידיקער פּלאַץ, אויסגעצוימט פון די קורץ־דויערנדיקע זומער־היצן, אַרומגערינגלט מיט עלעקטריזירטע שטעכלדראָטן, און איבער זיי האָבן זיך געזען וויישקעס (וואַך־טורעמס) מיט באַוואָפנטע שומרים וואָס זייערע טעלעפאָנען האָבן זיך כסדר איבערגערופן. פאַר די אויס־

געפיניקטע פון צוויי און דרייסיק מעת־לעת וואַנדערן האָבן מיטאָמאָל זיך געעפנט די לאַגער־טויערן. און דאָ האָט צו אונדז זיך צוגעשטעלט אַן עלטערע פרוי, אַליין אַ פאַרשיקטע און האָט אונדז מגלה־סוד גע־ווען, אַז זי וועט זיין די קאָמענדאַנטין פון דער לאַגער־באַפעלקערונג, און ווער עס האָט וועלכע עס איז נישט בקשות, זאָל ער זיי שוין אַרויס־לייגן פאַר איר. פאַרשטייט זיך, אַז דער ערשטער פראָבלעם וואָס איז פאַר זיי געשטאַנען, איז געווען: וואָס טוט מען מיט אַזוי פיל קראַנקע? די צווייטע פראַגע איז געווען דאָס קאָנטאַקטירן די אַרעסטירטע מיט זייערע פרויען און קינדער, וואָס נאָך זיי זענען זיי אויסגעגאַנגען פון בענק־שאַפט און מען האָט זיי דאָך געהאַט צוגעזאָגט אַז קומענדיק אויפן אָרט, וועלן זיי זיך ווידער טרעפן.

אָט די פראַגע האָט די קאָמענדאַנטין געקאָנט זייער לייכט פאַר־ענטפערן: זי האָט אַלעמען געעצהט תיכף אָנצושרייבן בריוו, איינצאָלן פאַר די מאַרקעס און אָפּגעבן איר די געשריבענע בריוו. נו, האָט זיך דאָס אָנגעהויבן אַ שרייבעריי! ווער האָט שוין געזען אַזאַ בילד. דריי טויזנט פינף הונדערט מענטשן לויפן אַרום און זוכן איינערביים אַנדערן אַ פּאַפּירל מיט אַ שטיקל בלייערל. בעת דער רעוויזיע ביים אַריינגיין אין לאַגער, ווי שוין באַקאַנט, האָט מען אויפסנייי אַלץ געהאַט צוגענומען און געוואָרנט מיט נייע פינף יאָר, אויב מען וועט ביי עמעצן געפינען אַ פאַרשריבן שטיקל פּאַפּיר. לויפן זיי איצט אַלע מיט צעפּיבערטע אויגן און קלאַנטשען איינער ביים אַנדערן אַ שטיקל פּאַפּיר און אַ שטיקל בלייער. ביי וועמען עס האָט זיך אָפּגעראַטעוועט אַ פיצל בלייער און אַ ברעקל פּאַפּיר, צו דעם שטרעקן זיך הונדערטער הענט. די מענטשן גייען ממש אויס פון צער און די וואָס האָבן זוכה בגורל געווען און באַוויזן אָנצושרייבן אַ בריוועלע צו זייערע נאָענטע, האָט זייער גליק נישט געהאַט קיין גרענעץ. די אָנגעשריבענע בריוו האָט מען אָפּגעגעבן דער קאָמענדאַנטין, מען האָט באַצאָלט פאַר מאַרקעס, און איצט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פיינלעכע וואַרטן אויף אַן ענטפער, וואָס איז, אגב, קיינמאָל נישט געקומען.

אויב די קאָמענדאַנטין האָט זיך, ווי מיר האָבן געזען, „גיך" געגעבן אַן עצה מיט די בריוו, איז אָבער דער פראָבלעם פון די קראַנקע, נאָר וואָס געבראַכטע שקלאַפן נישט געווען צו פאַרענטפערן. דאָ האָט מען שוין געמוזט טאָן עפּעס ממשותדיקס, ווייל ס'איז געוואָרן אַן ערנסטע סכנה, די קראַנקייט זאָל מיטאָמאָל זיך נישט אויסשפרייטן אויך אויף די אי־בעריקע טויזנטער אַרעסטירטע, וואָס מען האָט זיי דאָ אַהער געבראַכט נישט אין אַ שפּיטאָל, נאָר צו אַרבעט.

דער פּלאַץ וווּהין מען האָט געבראַכט די דריי טויזנט פינף הונ־

דערט זאַקלוטשאַניע (פּאַרשפּאַרטע) איז געווען אין אַ וויסטער, ווילדער טייגע־געגנט. מילא, אַ דאָקטער האָט זיך נאָך אָפּגעזוכט אין טראַנס־פּאָרט, אָבער אַ שפּיטאָל? נישט נאָר ס'איז דאָ נישט געווען קיין שפּי־טאָל, נאָר אויך די עלעמענטאַרסטע אינסטרומענטן אויף צו מאַכן אַן אייג־שפּריצונג זענען דאָ נישט געווען. און ווער רעדט שוין פון מעדיקאַמענטן! אַז מען האָט דאָ געמוזט אַנהייבן מיטן אויפשטעלן אַ בית־הכסא און מיטן אויפשטעלן דעם ערשטן באַראַק, כדי נישט צו זיין אויסגעשטעלט אויף דער ברענענדיקער זון און די מוראַדיקע היצן וואָס אין זומער־צייט זענען זיי דערגאַנגען ביז צו 40 און 50 גראַד און נאָך מער אויך! דאָ איז נאָר געווען אַן אַרומגעצוימט פעלד מיט עלעקטריש־געלאָדענעם שטעכלדראָט, מיט אויפגעשטעלטע ווישקעס, כדי צו פאַרהיטן די נ. ק. וו. ד.־לייט פון ווינטן, און פון דער צווייטער זייט אָפּצונעמען דעם חשק פון אַן אַרעסטירטן עס זאָל אים חלילה נישט איינפאַלן צו מאַכן אפילו נישט איין טריט ווייטער פון דער פאַרבאָטענער זאָנע, ווייל אויב דאָס וועט אים יאָ איינפאַלן, וועט דעמאָלט זיין ווי צו אים — פאַר אַזאַ חטא ווערט דער שקלאַף דערשאָסן אָן דער מינדסטער וואָרענונג.

דער לאַגער, ווו מיר געפינען זיך איצט, איז אַ שטראָף־לאַגער. פאַרוואָס? מיט וואָס האָבן מיר שוין באַוויזן זיך צו פאַרזינדיקן, אַז אפילו לויט די נאַטשאַלניקעס דאַרפן מיר פאַרגעסן, אַלץ פאַרגעסן פון דעם וואָס עס איז געווען פריער, און איצט הייסט עס, זענען מיר ניי־געבוירענע — טאָ ווען־זשע האָבן מיר געזינדיקט? אָבער פרעגט קשיות ביי דער נ. ק. וו. ד.? און אפשר האָבן געזינדיקט אַנדערע וואָס זענען דאָ געווען פאַר אונדז? האָבן מיר אָבער, חוץ דער קאָמענדאַנ־טין און דעם נ. ק. וו. ד.־עקיפּ, קיין מענטשלעכע שפּורן נישט געפונען. מיר האָבן ערשט געדאַרפט אָנהייבן בויען באַראַקן — און טאַקע צוליב דעם זענען פּלאָטניקעס (בוי־סטאָליערס) דאָ געווען זייער חשובע לייט, שיער נישט אַזוי ווי שוסטער־לאָטוניקעס.

ענדלעך איז געוואָרן אויפגעשטעלט אַ באַראַק וואָס די לאַגער־מושלים האָבן אָנגערופן „שפּיטאָל". אויך אַ דאָקטער איז שוין דאָ. פון וואַנען ווייסט מען, אַז דאָס איז טאַקע אַ דאָקטער? אָט איז ער אַמאָל בעת מען האָט געפירט די שקלאַפן צו דער אַרבעט, אַרויסגעקומען צום טויער אין דאָקטערשן פאַרטעך וואָס אַמאָל אַמאָל איז עס געווען ווייס. אַז די אַרבעטער־שאַטנס האָבן זיך געקלאָגט אויף פאַרשידענע מיחושן, האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: „ניטשעוואָ!" האָט ער גע־זאָגט, דאָס הייסט: „גאָרנישט!" — און דעם חולה איז געוואָרן בעסער: „אויסגעהיילט" דאָס גאַנצע חולאַת!

ווען מען האָט דערפילט אין סיביר די ערשטע סימנים פון פראָסט

און ווען די שאַטנס נאַקעט, באַרוועס אַן שיך, זענען געוואָרן געטריבן צו דער אַרבעט, האָט נאָך אַלץ דער ״דאָקטער״ צוגעסמאַקעט, אַז זיי קאָנען גיין צו דער אַרבעט, דאָס הייסט: אַ וועג פון אַכט קילאָמעטער צום אַרבעטס־פּלאַץ, און אַכט קילאָמעטער צוריק. און נאָך אַזאַ מאַרש האָבן, פאַרשטייט זיך, קיין פּאַציענטן פאַרן ״שפּיטאָל״ מער נישט אויסגעפּעלט.

און ווי אַזוי האָט אויסגעזען דער דאָזיקער שפּיטאָל? פון דרויסן איז דאָס געווען אַ באַראַק ווי אַלע באַראַקן, אינעווייניק אָבער איז דאָס געווען אַן אמתדיקער הקדש: אַ פּאָר קראַנקע זענען געלעגן איינער לעבן אַנדערן אויף נאַרעס, געמאַכט פון פּראָסטע ברעטער. קיין שווע־רע היילונגס־אַרבעט האָט דער דאָקטער דאָ נישט געהאַט: האָט איי־נער געהאַט אָפּגעפרוירענע פיס, האָט ער געקראָגן אַן אַספּירין און די וואָס זענען שוין געווען קראַנק אויף טיפוס, האָבן אויך באַקומען אַן אַספּירין. די סאַמע אומגליקלעכע זענען אָבער געווען די קראַנקע, וואָס פאַר זיי האָבן שוין אויך נישט געקלעקט קיין נאַרעס און זיי האָבן זיך געמוזט וואַלגערן אויף דער פּאָדלאָגע; און צו דעם האָט מען ביי זיי נאָך צוגענבעט דאָס שטיקל ברויט, וואָס אַ חוץ דעם ביסל וואַסער־זופּ איז עס געווען דאָס איינציקע אויף צו דערהאַלטן דאָס לעבן. זענען די קראַנקע אַזוי לאַנג געלעגן, ביז זיי זענען אויסגעגאַנגען אין גרויסע יסורים.

איך מוז אָבער דאָ אויך דערציילן, אַז כאָטש צווישן ייִדן זענען געווען אַ סך אַלטע לייט שוואַכע און קראַנקע, זענען זיי פונדעסטוועגן געווען אַ סך מער דויערהאַפטיק ווי דאָס זענען געווען די ליטווינער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי דעמבעס און זיי זענען צוזאַמען מיט די ייִדן פאַרכאַפּט געוואָרן אין איין נאַכט. אויב ס'איז ערגעץ וווּ פאַרהאַן אַ לאַנד פון חלב־ודבש, און ווי אַ צוגאָב אויך פלייש, איז דאָס געווען ליטע. איז ווי לאַנג די ליטווינער האָבן געגנאַסן פון זייערע אייגענע, פון דער היים געבראַכטע שפּייז־זאַפּאַסן, האָבן זיי זיך נאָך ווי ס'איז גע־האַלטן. ווען דאָס האָט זיך אָבער ביי זיי אויסגעלאָזט, זענען זיי גע־פאַלן ווי אונטערגעשניטענע זאַנגען. און דאָ דערמאָן איך מיך אין איי־נעם אַ זונטיק, איינער פון די ווינציקע פרייע טעג. די קיך־באַלעבאַטים האָבן אַרויסגעשטעלט צום וואַשן אַ ריזיקע אייזערנע פאַס וואָס מען האָט שוין מי יודע וויפל וואָכן נישט געהאַט געוואַשן און וווּ מען פלעגט קאָכן זופּ פאַר די דריי טויזנט פינף הונדערט שקלאַפן. איצט האָבן זיי צו דעם אויסגערופן פרייוויליקע וואַשערס. עס האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דעם קעסל אַ גאַנצער קנויל מענטשן, וואָס האָבן זיך גענומען שלאָגן, רייסן פון זיך שטיקער, בייסן און קיילן ביז בלוט, און דאָס צוליב דעם ווייל אפשר איז אין דאָזיקן אייזערנעם פאַס נאָך געבליבן עפּעס פון

די זופּן, וואָס מען האָט אין אים געקאָכט אין משך פֿון לאַנגע וואָכן. ס׳איז געווען אַ טרויעריק בילד זיך צוצוקוקן צו דעם. ייִדן אָבער האָבן אין דאָזיקן גרעאַנגל זיך נישט באַטייליקט.

אין איינעם אַ טאָג האָבן אין לאַגער זיך געהאַט פֿאַרשפּרייט קלאַנגען אַז עס זענען פֿאַרשווּנדן געוואָרן פֿון לאַגער דריי ליטווישע אַרעסטאַנטן — צי די דאָזיקע קלאַנגען זענען געווען אמת צי נישט, האָט קיינער נישט געקאָנט פֿאַרזיכערן; אויב יאָ, האָט מען די דריי פֿאַרשווּנדענע געווּנטשן אַ גוטן שליטוועגס, און מען וואָלט שוין געהאַט פֿאַרגעסן אין דעם, זייענדיק זיכער, אַז דער ויברח האָט זיך זיי איינגעגעבן. אין איינעם אַ טאָג אָבער, שוין לאַנג נאָך זון־פֿאַרגאַנג, ווען מען האָט די שקלאַפֿן־בריגאַדעס צוריקגעפֿירט פֿון דער אַרבעט, זענען פֿאַרן לאַגער־טויער געשטאַנען דריי פֿעלד־בעטלעך און אויף זיי זענען געלעגן, איבערגעדעקט מיט קאָצן, די דריי טויטע קערפּערס פֿון די מיט וואָכן צוריק אַנטלאָפֿענע ליטווינער. לעבן זיי איז געשטאַנען דער לאַגער־קאָמענדאַנט (איצט שוין אַ מאַנספּאַרשוין) מיט זיינע ב. ק. וו. ד. יונגען, און זיי האָבן אונדז אַלע געצוווּנגען אָנצוקוקן די מתים — און דאָס האָט געזאָלט זיין אַ „למען ישמעו ויראו". די אָפּיציעלע ווערסיע פֿון דער ב. ק. וו. ד. וועגן זייער טויט איז געווען, אַז דאָס האָבן הינט זיי אַזוי צעביסן. קיינער אָבער האָט אין דעם נישט געוואָלט גלויבן.

נאָר סיי־ווי האָט די טראַגעדיע געהאַט אויך אַ ייִדישן קרבן. אין לאַגער זענען געווען אויך די צוויי ברידער פֿאַרבער פֿון פּלאָצק. דער עלטערער ברודער האָט געהאַט אין פּלאָצק אַ מיל, דער ייִנגערער ברודער האָט געענדיקט יורי און האָט נאָך געדאַרפֿט מאַכן דעם סטאַזש ביי אַן אַדוואָקאַט, אָבער ער האָט דאָס מער נישט באַוויזן. ווען דער עלטערער ברודער ישראל האָט דאָ געזען די דריי מתים האָט ער באַקומען אַ שאָק. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער זיך גענומען קלאָגן, אַז אים טוט שטאַרק וויי אין האַלדז. איז ער אַוועק אין שפּיטאָל צום דאָקטער און האָט באַקומען אַן אַספּירין. דאָ אין לאַגער איז געווען אַ „געזעץ", אַז כּדי אַ קראַנקער זאָל האָבן דאָס רעכט צו גיין צום דאָקטער, האָט ער געמוזט האָבן 38,5 גראַד טעמפּעראַטור. זענען אָבער די קראַנקע אין לאַגער געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט אַז זיי האָט נאָך געפֿעלט צו דער נאָרמאַלער טעמפּעראַטור וואָס אַ לעבעדיקער מענטש דאַרף האָבן. אויך פֿאַרבער איז נישט געווען קיין אויסנאַם און איז געוואָרן געטריבן ווי אַ נאָרמאַל געזונטער צו דער אַרבעט.

ווי איינער וואָס האָט געהאַט אין דער היים אַ מיל, איז פֿאַרבער געווען פֿאַררעכנט פֿאַר געהערן צום קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, און ווען

ער איז שוין אַן אַנדערש מאָל געקומען זיך קלאָגן צום דאָקטער, איז ביי אים דאָס געשוויר אויפֿן האַלדז שוין געווען שטאַרק צעוואַקסן. אָבער מען האָט אים באַשולדיקט אין סאַבאָטירן די אַרבעט און געדראָט מיט אַ פּראָצעס, אויב ער וועט נאָך אַ מאָל קומען זיך קלאָגן. און דאָס האָט געהאָלפֿן: נאָך אַ מאָל איז ישראל פֿאַרבער שוין נישט געקומען צום דאָקטער, מחמת גייענדיק פֿון דער אַרבעט, איז ער אויפֿן וועג אַוועקגעפֿאַלן און מען האָט אים שוין געמוזט אַריינטראָגן אין „שפּיטאָל". פֿון דאָרט איז שוין פֿאַרבער מער נישט אַרויסגעקומען און נאָך צוויי וואָכן מאַטערן זיך אין דאָזיקן „שפּיטאָל" איז ער אין גרויסע יסורים אויסגעגאַנגען.

נאָך דעם פֿאַל איז אין לאַגער אויסגעבראָכן אַן אמתע מגפֿה. איינער נאָך דעם אַנדערן זענען מענטשן אַוועקגעפֿאַלן און פֿאַרוואָס זיי זענען אַוועקגעפֿאַלן, האָט נישט די ב. ק. וו. ד. און נישט דער דאָקטער געוווּסט, און צו וועמען צו רעדן איז נישט געווען. דער פּחד צווישן די געפֿאַנגענע איז געווען אין לשער. איין מאָל אין אַ שפּעטן אָוונט האָט מען די שקלאַפֿן צוגעפֿירט צום טויער און דאָ האָט זיי אָפּגעוואַרט דער לאַגער־קאָמענדאַנט. יעדער סטרעליאַק (שיסער) האָט צוגעפֿירט זיין בריגאַדע און געמאָלדן: „בריגאַדע נומער אַזאַ און אַזאַ, אַזוי פֿיל גענומען און אַזוי פֿיל געבראַכט. באַפֿעל אויסגעפֿירט — די צאָל שטימט". גייענדיק, צי אויף אַ טראָג־בעטל — אָבער די צאָל שטימט! דער סטרעליאַק האָט געמאַכט זיין אַרבעט, ער איז פֿריי. דער בריגאַדיר איז אַן אונדזעריקער, אַ לאַגערניק. איצט טיילט ער אויס אונדזער ברויט; די נאָרמע איז ווי שוין דערמאָנט, 400 גראַם נאַס ברויט. מאָרגן וועט פֿון דעם שוין זיין מיט 50 גראַם ווייניקער. האָט מען געמאַכט די אַרבעטס־נאָרמע, באַקומט מען 400 גראַם; האָט מען די נאָרמע נישט געמאַכט, באַקומט ער אַ שטראָף־נאָרמע: 250 גראַם ברויט און קאַרצער. לעולם מאַכט קיינער נישט די נאָרמע, ווייל ווער איז בכוח זי צו מאַכן? נאָר די נאָרמע איז עפּעס ווי אַן אָפּגאָט און עס צאַפּלט דאָס צינגל פֿון דער וואָג: יאָ נאָרמע — נישט נאָרמע. און עס צאַפּלען מיט אויך די שקלאַפֿן פֿאַרן ברעקעלע נאַסן ברויט.

און מיטאַמאָל האָבן אין לאַגער זיך געיאַוועט דריי נייע מענטשן: איינער פֿון זיי אין אַ ווייסן כאַלאַט. דאָס האָט געדאַרפֿט זיין אַ דאָקטוירים־קאָמיסיע. אויף מאָרגן האָט מען אַריינגעפֿירט די שקלאַפֿן איינעם נאָכן אַנדערן אין „אור־בע" (לאַגער־ביוראָ) און דאָ איז געוואָרן פֿעסטגעשטעלט, אַז הונדערטער מענטשן זענען אין משך פֿון בלויז עטלעכע חדשים געוואָרן עלטער מיט צען יאָר און זענען נישט פֿעיִק צו אַרבעטן — זיי זענען אַרבעטס־אינוואַלידן. איז דאָך גוט — נישט אמת?

געענדיקט האָט זיך דאָס מיט דעם וואָס אין דעם טאָג האָט מען צו קיין אַרבעט שוין נישט מער געפירט און אויך די זופּ איז דעם טאָג געווען אַ ביסל גערדיכטער.

און נאָך אַן ענדערונג איז געווען: לויט אַ פּריקאַז (באַפעל) פון דער דאַקטוירים־קאָמיסיע האָט וואָלף קאַלטון געדאַרפט אַריבערגיין צו אַ לייכטערער אַרבעט אין וואַלד, און דער בירגער נתן יאַנאָווסקי איז געוואָרן דניעוואָלנע אין באַראַק. און זאָל מיט אַ פּאָר ווערטער ווערן אויפ־געקלערט אין וואָס ס'איז באַשטאַנען די לייכטע אַרבעט פון דניעוואָלנע:

אין אַ לאַגער־באַראַק וואָס אין אים זענען געווען אַריינגעקוועטשט פיר הונדערט מענטשן, האָט מען קודם־כל יעדן טאָג געדאַרפט אויס־קערן נישט נאָר בלויז די פּאָדלאָגע, נאָר אויך פון אונטער די נאַרעס פונעם ערשטן און צווייטן שטאָק, און דער שמוץ האָט אַן אויפהער געפלייצט פון די כלערליי ווערעם וואָס האָבן זיך געראַיעט פונעם סו־פיט, פון די ווענט און אפילו פון דער פּאָדלאָגע גופא. איז גיי זיי אַ בריה און האַלט דאָ איין ריינקייט! אַ דניעוואָלנע האָט אויך געדאַרפט זען, אַז דאָס פּאַס מיט וואַסער אין באַראַק זאָל זיין שטענדיק פול; אַ דניע־וואָלנע האָט אַ גאַנצע נאַכט געדאַרפט היטן, אַז מען זאָל נישט באַגנ־בענען די שלאָפנדיקע אַרעסטאַנטן — איז גיי האַלט איין אַ צעשטורעמטן ים! וואָרעם נישט איינער האָט געשפּונען פּלענער אין דער נאַכט ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען דאָס שטיקל ברויט ביים שכן. אוודאי, אַז מען האָט אַזאַ גנב געכאַפּט ביי דער האַנט, איז זיין לעבן שוין גאַרנישט מער ווערט געווען און אויב האָט מען אים נישט געכאַפּט איז דעמאָלט דער שולדיקער געווען דער דניעוואָלנע. און נאָך אַ רעגנדיקן טאָג האָט דער דניעוואָלנע געדאַרפט טראָגן צום טריקענען אַלע פאַרפוילטע און שמוי־ציקע שמאַטעס, וואָס האָבן אין דעם טאָג געטראָגן אויף זיך די באַראַק־אַרעסטאַנטן. און צום סוף: אויב נאָך דער אַרבעט האָבן די פאַרמאַטער־טע געקאָנט אַ ביסל אָפּאָטעמען כאָטש אין די פּאָר נאַכט־שעהען אַזוי האָט אָבער דער דניעוואָלנע קיינמאָל נישט געהאַט קיין רו נישט ביי־טאָג און אויך נישט ביינאַכט.

און נאָך אַלעמען איז דער דניעוואָלנע געווען אין אַ טראַגישער לאַגע — ער איז געווען פאַרשקלאָפט אויך צו די שקלאַפן. פּאַר זיי איז ער געווען איינער פון דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע, וואָרעם ער גייט דאָך נישט צו דער וואַלד־אַרבעט; מוז ער דעריבער אויך באַדי־נען יעדן שקלאַף באַזונדער, און וויפל בקשות אַזאַ דניעוואָלנע זאָל נישט האָבן אָפּגעגעבן, מען זאָל אויף אים האָבן רחמנות און אים נע־מען צוריק צו דער וואַלד־אַרבעט, האָט עס נישט געהאָלפן: איין מאָל

געוואָרן אַ דניעוואַלנע, איז דאָס שוין געוואָרן זיין גורל אַזוי לאַנג, ווי עס וועט אים זיין באַשערט צו לעבן אין לאַגער, סיידן ער איז אין צווישן־צייט געשטאָרבן.

אָט דאָס זענען געווען די רעזולטאַטן פון דער דאָקטוירים־קאָמיסיע אין לאַגער.

## דאָס גליקלעכע לעבן פון א יוגנט

די אַלע וואָס האָבן דורכגעמאַכט די מלחמה־יאָרן אונטער דער סאָוויעטישער מאַכט, האָבן זיך נישט איין מאָל אָנגעטראָפן מיט די פאַרשידנסטע טיפּן פון קינדער־לאַגערן מיט די פאַרשידנסטע נעמען, אָנהייבנדיק פון דערציִונגס־הייזער, שפּעטער איבערדערציִונגס־הייזער, דערנאָך ווידער אַרבעטס־לאַגערן און צום סוף שטראָף־לאַגערן. די קרוין פון זיי אַלע זענען געווען די שולן פון פּ. ז. אָ. (פּאָבריטשנאַ זאַוואָדנאָיע אָבוטשעניע). יוגנטלעכע — ייִנגלעך און מיידלעך — וואָס האָבן פאַר־בראַכט עטלעכע יאָר אין אַזאַ „דערציִונגס־אינסטיטוציע" זענען פון דאָרט אַרויס געענדיקטע פאַרברעכערס און דער וועג צו די תפיסות און שטראָף־לאַגערן איז פאַר זיי שוין געווען אָפן.

שוין דער רעזושים פון פּ. ז. אָ. איז דער רעזושים פון תפיסה: מען ווערט דאָרט פאַרשפּאַרט אויף גאַנצע פיר יאָר. אויב אַ יוגנטלעכער האָט פאָרט נישט געקאָנט אויסהאַלטן די לאַגער־באַדינגונגען און איז פון דאָרט אַנטלאָפן, האָט מען זיך נאָך אים געיאָגט ווי נאָך אַן אמתן פאַרברעכער און אים צוגעלייגט ווי אַ שטראָף נאָך אַ פּאָר יאָר.

פון וואַנען אייגנטלעך האָבן זיי זיך רעקרוטירט, די קינדער פון די לאַגערן? אין דער ערשטער ריי זענען עס געווען סתם פאַרוואָר־לאָזטע קינדער וואָס האָבן אויסגעפּילט די גאַסן, ווו זיי האָבן זיך גע־וואַלגערט. עס זענען אָבער אויך געווען אַ סך קינדער פון עלטערן וואָס זענען אַליין געשטאַנען אויף אַ הויכן שטאַפּל פון דער סאָוויעטישער היעראַרכיע, און פון דאָרט אַראָפּגעפאַלן.

ווי אַזוי פאַלן אַריין יוגנטלעכע און קינדער אין די דאָזיקע לאַ־גערן? טויזנטער אומגליקלעכע צופאַלן זענען פאַראַן, וואָס פירן זיי אַהין. כדי ער זאָל ניצול ווערן, דאַרף אַזאַ יוגנטלעכער האָבן טויזנט אויגן צו דערזען בייצייטנס די אַלע צופאַלן. צום באַדויערן גיט זיך דאָס זעלטן איין די קרבנות. אויך די צוויי אומגליקלעכע ייִדישע ייִנגלעך,

ראובעלע און יאַנקו גראַסמאַן, האָבן נישט מצליח געווען און זענען אַריינגעפאַלן.

אינעם לעצטן עשאַלאָן וואָס האָט געבראַכט די 3500 געפאַנגענע, האָט זיך אויך געפונען ראובן, אַ ייִנגל פון אַ יאָר דרייצן אָדער פערצן מיט אַ קינדעריש־ליכטיק פּנימל. און מיר אַלע אין לאַגער ווייסן שוין פאַר וואָס ער, ראובן, איז אַהער פאַרשיקט געוואָרן. ער איז אַ אַן „אָפּאָסט־נער" עלעמענט. דאָס הייסט: ער באַדראָאט די זיכערקייט פון רעזשים און די גאַנצקייט פון דער מלוכה. האָט ער טאַקע מיט זיך מיטגעפירט דעם באַרימטן פּאַראַגראַף 58 פונעם שטראַף־קאָדעקס, וואָס לויט אים איז ער געוואָרן געמשפּט און פאַרמשפּט.

פון וואַנען אייגנטלעך זאָל זיך דאָ האָבן גענומען דער ראובעלע, וואָס געבוירן געוואָרן איז ער גאָר אין אַמעריקע? קיין אייראָפּע איז ער געקומען מיט זיין מאַמען אויף אַ וויזיט און דאָ האָט זיי פאַרכאַפּט די מלחמה, און אין דער מלחמה־מהומה האָבן זיי זיך פאַרלוירן. דער אַמעריקאַנער מלחמה־צינדער און פאַרקויפטער צו די ייִדן רוזוועלט טאַקע, האָט דאָ צווישן אַנדערע אַגענטן אַהערגעשיקט אויך ראובעלען. אָבער די געטרייע סאָוויעטישע ריטער האָבן מיט זייערע וואַכזאַמע אויגן בייצייטנס אַנטדעקט דעם קליינעם חברה־מאַן און אים איינגעזעצט ווו מען דאַרף. איצט איז אויך ראובן דאָ אין לאַגער.

אָבער וואָס האָט געטראָפן מיט אונדזער יאַנקו גראַסמאַן? און פאַר וועלכע חטאים זיצט ער דאָ? געטראָפן האָט מיט אים איינע פון די פיל טראַגי־קאָמישע געשיכטעס וואָס מיט זיי איז אַזוי רייך די סאָוויעטישעווירקלעכקייט.

יאַנקו גראַסמאַן איז געווען אַ ייִדיש ייִנגל פון דער בוקאָווינע, רומעניע, און זייער פרי איז ער געוואָרן אַריינגעצויגן אין דער קאָמוניסטישער יוגנט־באַוועגונג פון זיין שטאָט; אַ רירעוודיקער, אַ פלאַ־טערנדיקער, פול מיט יונגער ענערגיע — אַלץ מעלות וואָס אַ קאָמוניסט דאַרף האָבן. אַזוי איז ער גיך געשטיגן פון שטאַפּל צו שטאַפּל, און דערי־בער איז ער אויך געווען אַן אָפטער תושב אין דער רומענישער תפיסה, ווו ער האָט קיין האָניק נישט געלעקט.

אָבער גאָר אומרויִק איז געוואָרן יאַנקו בעת דער מלחמה, ווען דער „פאָטער פון די פעלקער" האָט איינגעזען, אַז אייגנטלעך דאַרף דאָך בוקאָווינע גאָרנישט געהערן צו דער רומענישער מלוכה, נאָר צום סאָציאַליסטישן ראַטנפאַרבאַנד. „היסטאָרישע רעכט האָבן מיר און דאָס פאַסט זיך אויך צו סטאַלינס יושר! אַלא מיט די אינטערנאַציאָנאַלע רעכט איז דאָס נישט אַזוי אַקוראַט? איז ווער פרעגט דען נאָך זיי?

און אַז מיר האָבן אַנומלט באַפרייט אַ שטיק פינלאַנד — נו? האָבן די מערבדיקע מלחמה־צינדערס געוואַגט זיך מיט אונדז צו פאַרטשעפּען?"
— בקיצור, געטראַכט און געטאָן! האָט סטאַלין אַוועקגעשיקט זיינע סאָלדאַטן איינצונעמען בוקאָווינע און אַנשליסן די דאָזיקע פּראָווינץ צו די ברידערלעכע סאָוויעטישע פעלקער.

און אַז די קאָמוניסטישע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט, האָט יאַנקו גראָסמאַן שוין מער נישט געקאָנט וואַרטן, ביז זי וועט קומען צו אים אין שטאָט. האָט ער צוזאַמענגענומען זיינע גוואַרדייצעס, דאָס הייסט: אַ פּאָר צענדליק יוגנטלעכע וואָס זייער פירער איז ער שוין איצט געווען, געבראַכט די בלומען, וואָס האָבן זיך נאָך געפונען אין שטעטל, און איז אַנטקעגנגעגאַנגען דער סאָוויעטישער אַרמיי מיטן געזאַנג: „מאָסקווע דו מיין — מאָסקווע דו מיין — איך קען נישט נאָך אַזאַ לאַנד — ווי אונדזער ראַטנפאַרבאַנד, ווו דער מענטש זאָל אָטעמען אַזוי פריי.” דאָס, דאַכט זיך, קאָן קיינער נישט באַצווייפלען. איז טאַקע יאַנקו גראָסמאַן מיט אַזעלכע מעלאָדיעס און מיט זיין יונגער קאָמוניסטישער גוואַרדיע גע־גאַנגען באַגעגענען די באַפרייערישע רויטע אַרמיי. אַז די באַגעגעניש צווישן די צוויי לאַגערן איז געווען אַן ענטוזיאַסטישע, פאַרשפּאַר איך דאָ צו דערציילן: מ'איז אַקעגנגעגאַנגען מיט הורא־אויסרופן, מיט גע־זאַנג און טענץ, מיט וואַרפן די היטלען אין דער הייך און בלומען צו די פיס פון די זיגער.

און מיט איין מאָל האָבן די קאָמאַנדירן נישט אָנגעהויבן צו פאַר־שטיין, וואָס אייגנטלעך קומט דאָ פאָר: איז דאָך די שטאָט פון יאַנקו גראָסמאַן נישט די ערשטע וואָס זיי פאַרנעמען, און ווי נאָר זיי קומען אין אַ שטאָט, פאַרשווינדט דאָרט באַלד דאָס ברויט פון די בעקערייען, די שיך פון די קראָמען און די מענטשן פון די גאַסן. אין שטאָט ווערט ווי אויף אַ בית־עולם. און פאַרוואָס איז דאָ עפּעס אַזאַ שמחה? נישט אַנדערש, נאָר אַן איבערקערעניש איז פאָרגעקומען אין די מוחות פון די מענטשן! און אַזוי טראַכטנדיק, איז זיי ווי אַ בליץ דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: און אפשר איז דאָס אַן אַרבעט פון אַ שפּיאָן? און ווי־נאָר ס'איז געקומען דער דאָזיקער געדאַנק, האָט מען שוין געדאַרפט אים דערפירן ביזן סוף! און כסדר האָט דער געדאַנק געזשומעט אין קאָפּ: אַ שפּיאָן! אַ שפּיאָן! אַ שפּיאָן!

און באַלד האָבן זיך געפונען עדות וואָס האָבן אַליין געזען, אַז ביי זיי אין שטעטל זענען קיינמאָל נישט געווען אַזעלכע רויטע בלומען ווי די וואָס יאַנקו האָט דאָ געוואָרפן. עס האָבן זיך אויך געפונען אַנ־דערע עדות, וואָס האָבן אויך אַליין געזען, אַז בשעת די סאָוויעטישע טאַנקען זענען געפאָרן, האָט יאַנקו אויף זיי געקוקט מיט אַזעלכע מאָד־

נע אויגן, אַז זיי האָבן באַלד דערקענט, אַז דאָס איז נישט עפּעס קיין געוויינלעך קוקן.

יאַנקו איז איצט געוואָרן געגומען אויף אַן אמתדיקן קרייץ־פאַר־הער און ער איז געוואָרן פאַרוועבט ווי אַ פליג אין שפּינוועבס, וואָס פון אים האָט ער זיך שוין נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען. און אַזוי צאַפּלענדיק, האָט ער זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, אַז ער, יאַנקו, איז טאַקע דער פירער פון די קאָמוניסטן, אָבער זיינע טאַטע־מאַמע זענען דאָך ייִדן. האָט ער אַזוי שעמעוודיק דערמאָנט זיינע אויספאָרשערס, אַז ווי אַזוי קאָן ער זיין אַ שפּיאָן, אַז זיינע עלטערן זיינען ייִדן און ווי פאַרפאַלגטע פון די נאַציס פירן זיי אַ ביטערן קאַמף קעגן היטלעריזם!

און דאָ האָט דער אויספאָרשער אַ פּאַטש געטאָן מיט זיינע הענט, גלייך ווי עס וואָלט איצט מיטאַמאָל אַלץ פאַר אים קלאָר געוואָרן, און ער האָט אַ געשריי געטאָן: אָט דאָס איז עס טאַקע! דו ביסט נישט נאָר אַ שפּיאָן, נאָר דו פירסט דערצו נאָך אַ נאַציאָנאַליסטישע פּראָפּאַ־גאַנדע צווישן העלדישן סאָוויעטישן מיליטער! און מיר זענען אינטער־נאַציאָנאַליסטן און חבר סטאַלין האָט אונדז געלערנט, אַז ביי אונדז איז נישט קיין נפקא־מינה פון וואָס פאַר אַ נאַציע דער שפּיאָן איז!

יאַנקו גראָסמאַן איז שוין איצט אַן אַרעסטאַנט וואָס האָט געוואַרט אויפן פעלד־געריכט, וואָס וועט שוין פאַר אים צוגעגרייט. וואָרעם עס איז דאָך מלחמה־צייט און שפּילן זיך מיט גראָסמאַנען איז קיין צייט נישטאָ, ווייל נאָך היינט מוז דאָס מיליטער פאַרנעמען יאַנקוס שטאָט און זי אַריינפירן אין דער משפּחה פון די ראַטנפאַרבאַנדישע שטעט. באַלד איז זיך צוזאַמענגעקומען דאָס פעלד־געריכט וואָס איז באַשטאַנען פון דריי סאָלדאַטן מיט אַ פּראָקוראָר און אויך אַ פאַרטיידיקער — וואָרעם אין ראַטנפאַרבאַנד מוז יעדער מענטש האָבן די מעגלעכקייט זיך צו קאָנען פאַרטיידיקן. אין זיין פלאַמפייערדיקע רעדע האָט דער פּראָקוראָר געזאָגט אָט וואָס: „חברים ריכטער! אונדזער סאָציאַליסטישער ראַטנ־פאַרבאַנד איז אַרויס אין מלחמה, כדי צו באַפרייען דעם ראַבאָטשע נאַ־ראָד און צו באַפעסטיקן דעם שלום. עס איז קלאָר — האָט ווייטער גע־זאָגט דער פּראָקוראָר — אַז אַלע אַרבעטנדיקע מענטשן דאַרפן אונדז אין דעם מיטהעלפן. וואָס טוען אָבער די דאָזיקע פאַרברעכער?" און טייטלענדיק מיטן פינגער אויף גראָסמאַנען האָט ער פאַרגעזעצט: אַנ־שטאָט העלפן, פירן זיי נאָך קעגן אונדז אַ פאַרברעכערישע שפּיאָנאַזש־און אונטערגראָבונגס־אַרבעט. אויב דאָס איז נאָך ווייניק, ווייל ער נאָך אָנ־שטעקן אונדזער רויטע אַרמיי מיט נאַציאָנאַליסטישע סם־באַצילן. זיי דערציילן אונדז בבא־מעשיות, ווי אַלס ייִדן קעמפן זיי קעגן היטלעריזם. אָט זעט איר דאָך, ווי אַזוי זיי קעמפן! און כדי אָנצולערנען אַלע פאַר־

ברעכער און אויך יאַנקו גראַסמאַנען, אַז זיי זאָלן דאָס מער נישט וואַגן, פאַדער איך פאַר אים די העכסטע שטראָף וואָס דער געזעצטער סאָוויע־טישער שטראַף־קאָדעקס זעט פאָר אין מלחמה־צייט!״

זיין פאַרטיידיקער האָט געזאָגט אָט וואָס: ״חברים ריכטער! איך בעט אייך צו שענקען דאָס לעבן דעם פאַרברעכער וואָס זיצט דאָ פאַר אייך, ווייל מיר זעען דאָך, אַז דאָס אַלץ וואָס ער האָט אָפּגעטאָן קעגן ראַטנפאַרבאַנד, איז נאָר דערפאַר, ווייל ער איז נאָך אַזוי יונג, קיין גאַנ־צע זיבעצן יאָר נאָך נישט אַלט. לאָמיר אים דעריבער געבן די מעג־לעכקייט צו פאַרריכטן זיינע פעלערן און צוריק ווערן אַ גוטער און נוצלעכער סאָוויעטישער בירגער!״

יאַנקו גראַסמאַן אַליין האָט גאָרנישט געזאָגט. ער איז דאָ געזעסן אויף דער פעלד־באַנק צווישן זיינע שומרים אַ פאַרטשאַדעטער, שוין גאָר־נישט פון דער וועלט, און גאָרנישט פאַרשטאַנען, וואָס אייגנטלעך מען וויל דאָ פון אים, און אַז ווען ער וואָלט שוין געהאַט איבערגעשפּאַנט די 17 יאָר, אַזוי וואָלט ער געווען אַ פאַרלוירענער.

אויך דאָס געריכט — דריי פשוטע זעלנערס — איז נישט געווען מסכים מיטן פּראָקוראָר און האָט אים, גראַסמאַנען, די העכסטע שטראָף נישט געגעבן, נאָר אים פאַרמשפּט בלויז אויף 3 יאָר מיט 9 חדשים ארבעטס־לאַגער — אַ לעכערלעך־קליינע שטראָף פון אַ פעלד־געריכט אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

ווען יאַנקו גראַסמאַן איז געקומען אין שטראָף־לאַגער, ווו מיר האָבן אים שפּעטער געטראָפן, האָט דער לאַגער־נאַטשאַלניק אים גע־מאַלדן, אַז ער וועט דאָ געניסן פון אַ פּריווילעגירטן רעזשים און אַנשטאָט די קרוב 4 יאָר, צו וועלכע מען האָט אים דאָרט פאַרמשפּט, וועט מען אים דאָ האַלטן איבער דער גאַנצער צייט פון קריג. וואָרעם וווהין וועט ער, יאַנקו, גיין, ווען אויף דער וועלט ברענט דאָס פייער פון מלחמה און אין די טייגעס ברענען די פרעסט, אַז אפילו פייגל אין דער לופטן ווערן פליענדיק פאַרפרוירן?

ווען מען האָט אונדז, פּוילישע בירגער, שפּעטער געבראַכט אין שקלאַפן־לאַגער, האָט יאַנקו דאָרט שוין פאַרנומען אַ געוויס־בכבודיקן פּאָסטן: ער איז געוואָרן באַשטימט ווי דער קאָמיסאַר איבערן לאַגער־באָד. ווערדליך זיין עלטער איז דאָס געווען אַ געוויס וויכטיקע מאַכט־פּאָזיציע און מיר פלעגן פון צייט צו צייט פילן זיין מאַכט אויף אונדז־זערע פלייצעס.

ער האָט אויף אונדז ממש געשפּיגן מיט שנאה. ״פּאָלסקע פּאַני״ (פּוילישע פּריצים) — דאָס איז געווען זיין באַליבט זידלוואָרט, און מיר,

די יידישע שקלאַפן, האָבן געהאַט אויסצושטיין פוןביידע זייטן: ביי יאַנקון זענען מיר געווען „פוילישע פאַנעס", און ביי די פאָליאַקן זענען מיר געווען שותפים צום זשיד גראַסמאַן.

ווען מאָסקווע האָט נאָכן אָפּמאַך מיט דער עמיגראַציע-רעגירונג פון שיקאָרסקין פאַראָרדנט צו באַפרייען פון די לאַגערן די פוילישע בירגער, זענען מיר (אגב, די דריטע גרופע צו באַפרייען) געווען מחויב, לויטן באַפעל פונעם קאָמענדאַנט, צו גיין אין באָד אַריין. און דעמאָלט ערשט האָט יאַנקו גראַסמאַן אונדז געגעבן נישט נאָר אַ ביסל וואַרעם וואַסער, נאָר אויך אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער.

און געזאָגט האָט ער אונדז: „איר ווערט פריי. נו, ווינטש איך אייך גליק אויף אייער ווייטערדיקן וועג. צי וועל איך — האָט יאַנקו ווייטער געזאָגט — נאָך דערלעבן דעם טאָג פון פרייהייט? דאָס ווייס איך נישט."

ערשט איצט האָט יאַנקו גראַסמאַן צערוקט דאָס אייזערנע פאַר־הענגל פון זיין האַרץ, און אין קורצן דערציילט, אז דאָס האָט אים די גליקלעכע יוגנט וואָס מ'האָט געוויזן אין די סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע־פילמען וועלכע מ'האָט עקספּאָרטירט קיין אויסלאַנד, אַריינגעצויגן אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, אין אָט דעם אומגליק וואָס האָט אים דערפירט צום פעלד־געריכט און פון פעלד־געריכט צום שטראָף־לאַגער. און אַזוי ביז צום היינטיקן טאָג. און מיט אַ טיפן וויטיק האָט יאַנקו גראַסמאַן מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן: "נו יאָ, איר האָט כאָטש געהאַט, ווער עס זאָל זיך איינשטעלן פאַר אייך — דאָס איז געווען אייער גענעראַל שיקאָרסקי. אָבער ווער זאָל זיך איינשטעלן פאַר אונדז?"

„וואָס הייסט ווער? — האָט עמעצער פון אונדז זיך אָנגערופן — אַנאַ פּאַוקער..."

„לאָז צו רו, האָט ער מיט כעס אַ געשריי געטאָן, איר האָבן קיינמאָל נישט אינטערעסירט קיין יידישע ענינים — און בפרט היינט, ווען איר לעבט זיך בעסער ווי אַ מיניסטער."

דאָ האָט פאַר אונדז צום ערשטן מאָל זיך באַוויזן אַ צעפּייניקט יידיש ייִנגל וואָס האָט אין די סאָוויעטישע לאַגערן געמוזט צאָלן דעם פּרייז פאַר די קאָמוניסטישע זינד פון זיינע קינדער־יאָרן, נאָר זיינע אייגענע חברים האָבן אים פאַרשטעלט דעם וועג און אים דערפירט צום קריגס־געריכט וואָס האָט אים פאַרמשפּט אויף שטראָף־לאַגער „ביז אויף איבער דער צייט פון דער מלחמה".

## דער חבר וואָלאָדיע און די ישיבה-לייט

הגם ס'איז נאָך געווען גענוג פרי, האָט די זון אין לאַגער זיך שוין געשטעלט הויך און האָט אָנגעזאָגט אַ גאַר הייסן טאָג, און — ווי עס האָבן פאַרזיכערט אַלטע לאַגער־תושבים — נאָך הייסער, ווי די פריער־דיקע טעג. דער פרימאָרגן, אַ צעשטראַלטער, אַ ליכטיקער, גאַרנישט ווי דאָס געמיט פון די ניי־געקומענע לאַגערניקעס וואָס באַוועגן זיך ווי שאָטנס. מיר גדענקען שטענדיק אַז אונדזערע נאָענטע דאָרט האָבן מיר געלאָזט אויפן נאַצישן הפקר, טרויעריק איז דאָ דאָס לעבן, אין חשׁ־כות איינגעהילט זענען אונדזערע טעג. וואָס וועט אונדז ברענגען דער מאָרגן? וואָס דערוואַרט אונדז אין די ווייטערדיקע טעג?

אויב מען זאָל גלויבן די נאַטשאַלניקעס, דערוואַרט אונדז שוין גאָרנישט, נאָר אויפשטעלן דעם באַראַק דאַרף מען און דאָס בית־הכסא. שפּייזן וועט אונדז שוין דער סאָוויעטסקי סאָיוז, אויב מיר וועלן נאָר גוט אַרבעטן. און נאָך האָבן זיי געזאָגט, די נאַטשאַלניקעס, אַז אין דער פריי־ערדיקער היים דאַרף מען פאַרגעסן, איינגאַנצן פאַרגעסן, און אויב מען האָט דאָרטן עמעצן איבערגעלאָזט וואָס פאַרגעסן איז זיי קאָן מען פאַרט נישט, האָבן די נאַטשאַלניקעס צו דעם אויך אַן עצה — מען זאָל נאָר מאַכן די נאָרמע און קיין גרויסע איז זי נישט. די נאָרמע, האָבן זיי פאַרזיכערט, איז איינגאַנצן פערצן קוואַדראַט־מעטער ערד אַ טאָג אין די טייגעס פון קראַסנאָיאַרסקי קראַי, ווו קיין מענטשלעכער פוס האָט ביז איצט נישט געטרעטן און מען גייט ביז אין די קני אין די זומפּן. זענען זיי געווען גערעכט, די לאַגער־באַלעבאַטים — מאַכנדיק די פערצן קוואַדראַט־מעטערדיקע ערד־נאָרמע, וואָלטן מיר זייער גיך פאַרגעסן אין אונדזערע נאָענטע פון דער היים.

און ווי געניטע לאַגער־פירער האָבן זיי נאָך געלערנט, אַז ווען צוויי זאַקליוטשאָניע, ווי באַקאַנט, ווי דאָס איז געווען, אונדזער טיטל, וועלן אַרבעטן צוזאַמען, וועט די אַרבעט זיין לייכטער און ממילא פּראָ־דוקטיווער, אַזוי אַז איינגיכן האָפן זיי צו קאָנען העכערן די אַרבעטס־נאָרמע פון פערצן אויף זיבעצן קוואַדראַט־מעטער (און זיי האָבן טאַקע געהאַלטן וואָרט אויך!). אָבער נאָך אַ טאָג שווערער עבודת־פּרך־אַרבעט פון די צוויי צוזאַמענגעשפּאַנטע זאַקליוטשאָניע איז דער רעזולטאַט גע־ווען איין קוואַדראַט־מעטער אויסגעגראָבענע ערד.

זענען די נאַטשאַלניקעס געקומען מיט אַ טענה: סטייטש? און היתכן? מיר האָבן פאַר אייך באַשטימט אַ דיעטסקע (קינדערשע) נאָרמע — „קוים” פערצן קוואַדראַט־מעטער פאַר אַן אַרעסטירטן, דער־

פון האָט איר געמאַכטביידע צוזאַמען קוים איין קוואַדראַט־מעטער. נו, אדרבא, איר גלויבט נישט? טאָ לאָמיר איבערמעסטן נאָך אַ מאָל — און זיי האָבן דאָס טאַקע באַלד געטאָן; און צו אונדזער אַלעמענס „חרפה" איז עס געווען פולשטענדיק אמת! דערנאָך האָבן די נאַטשאַל־ניקעס אָוועקגעשטעלט פאַר די זאַקליוטשאָניע אַ צווייטע און אויך דאָס מאָל אַ „ריכטיקע" פראַגע: אַז אַזוי ווי שוין באַלד ביים ערשטן טאָג זענט איר אונדז געבליבן בעלי־חובות אויף גאַנצע זיבן און צוואַנציק קוואַדראַט־מעטער ערד, און אויב דאָס וועט ווייטער גיין אַזוי, וועט איר דאָך דאַרפן זיצן — און דאָ האָבן זיי גענומען ציילן אויף די פינ־גער: איינס, דריי, פינף, צען, צוואַנציק... עס האָט זיך זיי, ווייזט אויס, פאַרמישט אין די קעפּ און זיי האָבן אָן כוחות זיך אַראָפּגעלאָזט, גלייך ווי זיי וואָלטן נאַר־וואָס געמאַכט אַ נאַרמע פון פערצן קוואַדראַט־מעטער אויסגעגראָבענע ערד.

און וואָס האָבן געזאָלט די געפאַנגענע ייִדן אויף אַזעלכע „לאָגישע" טענות, אילוסטרירט מיט לעבעדיקע ציפערן, ענטפערן מער ווי דאָס: „אַז צייט האָבן מיר גענוג און צו אַנטלויפן פון דאַנען קלויבן מיר זיך אויך נישט, און אַ קאָנטראַקט אויף פערצן קוואַדראַט־מעטער טייגע־ערד אַ טאָג האָבן מיר מיט קיינעם נישט אונטערגעשריבן, און אפשר טויגן מיר נישט פאַר וואַלד־העקערס און ערד־גרעבערס — אַזוי קאָנט איר צו דעם נעמען אייערע רוסן וואָס טויגן זיך פאַר אַזעלכע אַרבעטן גע־וויס בעסער אויס פון אונדז."

דאָס זענען געווען ווערטער וואָס פאַרצווייפלטע, פאַריאושטע ייִדן פון פוילן האָבן פון זיך אַרויסגעוואָרפן — ווערטער וואָס די לאַגער־נאַטשאַלניקעס זענען ביז דעמאָלט גאַרנישט געווען געוווינט צו הערן. אָבער נאָך די ערשטע עטלעכע טעג אַרבעט איז געוואָרן קלאָר, אַז מען מוז זיך גוט אונטערגאַרטלען, אויב מען וויל נישט פאַלן אונטער דער לאַסט פון דער דאָזיקער אוממענטשלעכער אַרבעט. נאָך אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז סיי ווי וועט זיי נישט סטייען קיין כוחות דאָס איבער־צוטראָגן — איז צו וואָס זיך מוטשען? און די לאַגער־מושלים האָבן ווייִ־טער געטאָן זייערס.

דאָס ערשטע האָבן זיי אויסגעקליבן פון די 500 פוילישע ייִדן די 154 ישיבה־לייט (פון וואַנען האָבן זיי דאָס אַזוי גענוי געוווּסט?) און פון זיי געמאַכט אַ באַזונדערע ייִדישע אַרבעטס־בריגאַדע. די איבעריקע ייִדן האָבן זיי צעוואָרפן איבער אַלע אַנדערע בריגאַדעס, וואָס זייערע אָנפירער זענען געווען חיהשע ייִדן־פרעסער, אָפּטמאָל קרימינעלע פאַר־ברעכער, און נאָך אָפּטער — ביידע צוזאַמען. און די גאַנצע שקלאַפן־אַרמיי האָבן זיי באַטיטלט מיטן נאָמען „זשעליעזנאַ דאַראָזשנאַ אָטדיעל־

יעניע״ (אייזנבאַן־אָפּטיילונג), און אַ גאַנצן טאָג פֿון פֿרימאָרגן ביז פֿינצטער האָבן מיר געמוזט זיך ראַיען ביז די קני אין נאַסער, אייז־קאַלטער זומפּיקער בלאָטע מיט כלערליי ווערעם, וואָס נאָר אין די זומפּן קאָנען זיי לעבן — דאָ איז זייער ריכטיק אָרט, זייער נעסט, וואָס די זאַקליוטשאָניע האָבן „צעשטערט״ און נישט איין מאָל האָבן זיי זיך ביטער נוקם געווען — אָבער קיינמאָל נישט אין די פֿייניקער, נאָר שטענדיק אין זייערע קרבנות.

נו, און די סיבירער רעגנס מיינט איר זענען גאָרנישט? די סי־בירער רעגנס זענען נישט פֿון וואַסער־טראָפּנס וואָס פֿאַלן געוויינלעך פֿון הימל נאָך אַ צוגרייטונג פֿון וואָלקנס און וואָלקנדלעך וואָס זאָגן אייך אָן, אַז באַלד וועט זיין אַ רעגן. אינגאַנצן אַנדערש איז עס אין סיביר: די מלאכים וואָס הערשן אין די סיבירער הימלען זענען פּונקט אַזוי גרויזאַם ווי די לאַגער־נאַטשאַלניקעס אויף דער סיבירער ערד, און זיי וואַרפֿן מיט אַזאַ רוגזה גאַנצע צעבערס מיט וואַסער וואָס טרעפֿן אייך פּלוצלינג, נישט ווי דאָס וואָלטן געווען וואַסער־טראָפּנס, נאָר שטיי־נער און וויי וועט זיין צו די, וואָס וועלן נישט באַוויזן בייצייטנס צו אַנטרינען — זיי וועלן פֿאַר דעם טייער באַצאָלן.

און ווי אַן איינגעשפּילטער שדים־אָרקעסטער קומען זיך צוזאַמען די פֿאַרשידנסטע ווערעם, סיי פֿון די הימלען און סיי פֿון דער ערד און באַפֿאַלן מיט רציחה, שטעכן, בייסן און עסן לעבעדיקערהייט, זיי באַקו־מען זיך אַריין אין יעדן ווינקעלע פֿונעם קערפּער.

יעדן טאָג כעלות־השחר ווערן די שקלאַפֿן אַראָפּגעריסן פֿון זייערע צעפּוילטע געלעגערס און קוים באַוויזן זיי אָפּצוכאַפּן דאָס ביסל ברו־דיקע וואַסער־זופּ, ווערן זיי אויסגעשטעלט אין רייען. דער הויפּט־נאַ־טשאַלניק פֿון לאַגער לייענט פֿאַר זיי זיינע פּריקאַזן (טאָגבאַפֿעלן) און יעדער פּריקאַז ענדיקט זיך מיט יאָרן שווערע תפֿיסה, אויב... אויב מען וועט זיי נישט אויספֿירן פּינקטלעך. איידער מען עפֿנט די לאַגער־טויערן און מען לאָזט אַרויס די בריגאַדעס צו דער אַרבעט, ווערט צו יעדער בריגאַדע צוגעטיילט אַ שומר פֿאַר דעם טאָג, און צווישן די שומרים טרעפֿט מען אויך זייער אָפֿט אָן אויף אמתע ווילדע אכזרים. מיר קענען זיי שוין און ווייסן: אויב מיר וועלן היינט האָבן אַ היטער מיט אַ מענטשלעך האַרץ, וועלן מיר טאַקע אויך היינט נישט האָבן מער ברויט, אָבער עס וועט כאָטש זיין אַ רויִקער אַרבעטס־טאָג; טרעפֿט מען אָבער אָן אויף אַ רוצחישן פֿירער, דעמאָלט איז טאַקע פֿינצטער און ביטער.

ווען מיר זאָלן לאָזן אין אַ זייט די ספּעציעלע אַנטיסעמיטישע

פייניקונגען, איז דאָס געווען דער נאָרמאַלער צושטאַנד פאַר אַלע לאַ־גער־בריגאַדעס. עס איז אָבער געווען איין בריגאַדע, אַ ספּעציעל־ייִדישע פון 154 ישיבה־בחורים וואָס האָבן געהאַט אויסצושטיין פון אַ גאַר באַזונדער רשעותדיקן רעזשים ספּעציעל פאַר זיי.

ווער זענען עס געווען די ישיבה־בחורים? וועגן ישיבות און ישיבה־בחורים איז שוין געוואָרן געשריבן, און כאָטש אַ סך פון אונדז זענען דאָך געוואָרן דערצויגן אין פרומע היימען, אין דרדקי־חדרים, שפּעטער ביי גמרא־מלמדים און צומאָל אויך אין ישיבות, זענען זיי אָבער פאַר אונדז, וועלטלעכע, געווען אַ פרעמדע וועלט, אַן אָפּגעשלאָסענע. ערשט ווען מיר האָבן בעת דער גרויסער מלחמה־זאַוויערוכע זיך צוזאַמענגעטראָפן אין גרויסן ייִדישן חורבן, האָבן מיר זיך נענטער דערקענט.

אַט די אָרעמע ישיבה־לייט פלעגן עסן טעג וואָס פרעמדע ייִדישע מאַמעס, אָפטמאָל זייער אָרעמע, האָבן איינגעשטעלט פאַר די לערנער, און אַז עס האָט געפעלט אַ טאָג אָדער צוויי טעג צו דער וואָך, האָט מען צוגעהונגערט. אַזוי אַרום זענען די דאָזיקע ישיבה־בחורים געוואָרן פאַרהאַרטעוועט און צוגעגרייט על כל צרה שלא תבוא; שטאַרק אין כאַראַקטער, טיף אין אמונה און בטחון, האָבן זיי שוין אין ווילנע אין זייער לעבן בחברותא פאַרווירקלעכט זייער תורה פון „ואהבת לרעך כמוך". אויך מיר, די וועלטלעכע ייִדן, האָבן אין די פריערדיקע כמו־פרייע צייטן זיך דערצויגן אויף די פּרינציפּן פון סאָלידאַריטעט. ווען ס'איז אָבער געקומען צום דערפילן דעם חוב, האָבן נישט אַלע פון אונדז אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. אָבער ביי זיי, ביי די ישיבה־לייט, ווען דאָס גרויסע אומגליק איז געקומען, האָט דער מאמר „האָב ליב דיין חבר ווי זיך אַליין" געהאַט אַ ממשות.

אין לאַגער זענען זיי געווען 154. זייער ראש־ישיבה איז געווען דער אַשמענער רב ר' אברהם וואָס צו אים האָט די עדה זיך צוגעהערט מיט גרויס ליבשאַפט, צו זיינע שטילע און געמאָסטענע רייד. זיי זענען געווען אַ צונויפגעלעבטע גרופּע אויף די שענסטע חברישע יסודות און דאָס איז געקומען צום אויסדרוק דווקא אין דער אומגליקלעכער לאַגע און אין שווידערלעכן לאַגער־לעבן. און איך דאַרף אונטערשטרייכן, אַז אויב מען האָט געדאַרפט העלפן אַ ייִד וואָס איז נישט געווען פון זייער גרופּע, — און העלפן האָט מען געדאַרפט זייער אָפט —, האָבן זיי זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט. אויף וויפל דאָס לעבן אין לאַגער איז געווען נישט צום איבערטראָגן פאַר אַלע — פאַר ייִדן און פאַר נישט־ייִדן — איז עס אָבער פאַר די פרומע ישיבה־לייט געווען פילפאַכיק שווערער, מחמת זיי האָבן ביז סכנת הנפש אָפּגעהיטן כשרות. פאַר זיי איז כמעט

די איינציקע שפייז געווען די 400 גראַם ברויט מיטן ביסל וואַסער־זופּ. ווי איז אָבער געווען, ווען אין דער זופּ האָט זיך אַריינגעמישט דאָס פלייש פון אַ געפאַלן פערד? אין דעם פאַל איז אויך די זופּ פאַר זיי געווען מקצה. האָט אָבער ווער פון זיי געהאַט עפּעס צו פאַרקויפן און פאַר דעם איז געוואָרן ברויט, איז עס באַלד געוואָרן פאַרטיילט צווישן אַלע ישיבה־לייט און ס׳איז נישט געווען קיין איינציקער וואָס האָט גע־זאָלט דערמיט נישט מסכים זיין.

די אַרבעט אין לאַגער איז געווען זייער אַ שווערע און איך מוז מודה זיין, אַז אַלע האָבן מיר געהאַלטן פאַר אַ מצווה אָפּצונאַרן די לאַגער־מאַכט. גאַר אַנדערש איז עס געווען ביי די ישיבה־לייט: דער רב ר׳ אברהם פון אַשמענע האָט געהאַלטן אין איין וואָרענען: „דינא דמלכותא דינא!״, און די ישיבה־בחורים האָבן דאָס אָנגענומען באהבה. מער נישט, שבת אָדער יום־טוב האָבן זיי געאַרבעט מיט די רידלעס אויף דער לינקער זייט, כדי דער שונא זאָל פון דער אַרבעט נישט האָבן קיין הנאה.

דער באַלעבאָס איבער דער גאַנצער לאַגער־אַרבעט איז געווען אַ יונגער אוקראַינער וואָס מען האָט אים גערופן דער „זאַין״ — לויט אָנ־הייב־אותּ פונעם וואָרט „זאַוויעדואישטשע״, וואָס הייסט „דירעקטאָר״. ער האָט געדאַרפט פסקענען, צי מען האָט יאָ אָדער נישט געמאַכט די נאָרמע. געהייסן האָט ער ניקיטאַ. ייִדן — האָט ער געטענהט — האָבן אַלץ: ייִדן האָבן געלט, ייִדן האָבן אַטרעזן (אָנצוג־שטאָף), ייִדן האָבן שטיוול, בקיצור: ייִדן האָבן אַלץ וואָס ער, ניקיטאַ, דאַרף צו האָבן. און וואָס צו טאָן מיט געלט, מיט שטיוול, מיט סאַלאָ (חזיר־פעטס), דאָס דאַרף מען ניקיטאָן נישט לערנען: זאָלן ייִדן נאָר געבן, וועלן זיי שוין זען, אַז ער ווייסט, וואָס מיט דעם צו טאָן.

האָבן ייִדן — און דער עיקר האָט דאָס געמיינט: די ישיבה־לייט — טאָקע זיך נישט געאיילט צו געבן, אפילו ווען עמעצער פון זיי האָט שוין יאָ עפּעס געהאַט. דעמאָלט האָט ניקיטאַ גענומען זיי דערגיין דאָס לעבן: „זיי מאַכן נישט די נאָרמע! זיי מאַכן סאַבאָטאַזש!״ אויף דעם באַדן האָט מען זייער לייכט געקאָנט איינברעכן די שטאַרקסטע, די געזונטסטע מענטשן, וואָרעם דער קאָנטראָלער פון דער אַרבעט איז דאָך געווען ער, ניקיטאַ. האָט מען אים „געגעבן אין לאַפּע״ — האָט מען געמאַכט די נאָרמע; האָט מען אים אָבער נישט געגעבן אָדער נישט געגעבן יעדן טאָג, האָט מען געקאָנט אַרבעטן אפילו ביז צום טויט, און צו קיין נאָרמע איז מען קיינמאָל נישט דערגאַנגען.

ס׳איז אָבער געווען אַ גרענעץ פון נישט צו מאַכן קיין נאָרמע

ביז נישט מאַכן. דער פירער פון אונדזער בריגאַדע מיט אַ גרויסער צאָל יידן איז איין מאָל צו אונדז געקומען. „לאָמיר — האָט ער געזאָגט — כאָטש איין מאָל מאַכן די נאָרמע. דאָס איז — האָט ער געזאָגט — מיין אַמביציע און איך אַליין וועל שטאַרק מיטהעלפן, איך וועל צולייגן ביידע הענט, אַבי מיר זאָלן כאָטש איין מאָל האָבן געמאַכט די אַרבעטס־נאָרמע!". אויף מאָרגן האָבן מיר, דאָס הייסט: די גאַנצע בריגאַדע, געאַרבעט מיט אַלע כוחות, ווי מען זאָגט: „בחרבי ובקשתי". מיט אַ טאָג שפּעטער, גאַנץ אינדערפרי, האָט ער אונדז אָנגעזאָגט די „טייערע" בשורה: „רעביאַטאַ (חברה)! מיר האָבן נעכטן דערגרייכט אונדזער „ציל", מיר האָבן געמאַכט די נאָרמע!".

אַלע אין דער בריגאַדע האָבן זיך אויפריכטיק געפרייט, בפרט אַז דאָס האָט געמיינט נאָך אַ פּאָר גראַם ברויט. אויפן דריטן טאָג, ווען אויפן טאָוול זענען געווען געמאָלדן די געמאַכטע נאָרמעס פון אַלע בריגאַדעס, זענען אויך מיר געגאַנגען מיט דער גאַנצער גאווה און מיטן גאַנצן שטאָלץ צו זען די דערגרייכטע נאָרמע פון אונדזער בריגאַדע — און דערזען האָבן מיר די גאַנצע גרייס פון אונדזער בראָך: גאַנצע 31 פּראָצענט זענען געווען פאַרצייכנט אויף אונדזער קאָנטאָ! צערונען געוואָרן אַ האָפענונג אויף נאָך אַ פּאָר גראַם ברויט.

די בריגאַדע פון די 154 ישיבה־לייט האָט געאַרבעט נישט ערגער פון אַלע אַנדערע בריגאַדעס וואָס האָבן כלומרשט יאָ אויסגעאַרבעט די נאָרמע; אָבער פונקט ווי אין אַלע בריגאַדעס זענען אויך ביי די פרומע יידן געווען אָפּגעשוואַכטע מענטשן וואָס האָבן נישט באַוויזן אָנצויאָגן אַזעלכע אוממענטשלעכע נאָרמעס (אגב איז טאַקע נחמן נאַכמאַנאָוויטש געשטאָרבן אין טאָג פון באַפרייונג) און, ווי געזאָגט, האָט ר' אברהם, דער אָשמענער רב, כסדר געמאָנט, אַז מען זאָל אַרבעטן און נישט ברענגען אויף זיך אַ צרה — און די ישיבה־לייט האָבן טאַקע געפאָלגט. און דאָך האָבן זיי לויט ניקיטאָס יושר אויסגעאַרבעט צו 7, 8 און 9 פּראָצענט פון דער נאָרמע.

אין די ערשטע צייטן האָט עס געהייסן, אַז זיי האָבן די נאָרמע נישט געמאַכט און צוליב דעם האָבן זיי באַקומען אַ פאַרקלענערטע ברויט־פּאָרציע. שפּעטער אָבער האָט עס שוין געהייסן: „סאַבאָטאַזש!", און אַ שטראָף־פּאָרציע. ווען מען האָט נאָך דער אַרבעט אָפּגעפירט אַלע בריגאַדעס אין די באַראַקן, האָט מען די ישיבה־בחורישע בריגאַדע ערשט אָפּגעפירט אויף אַ צוגאָב־אַרבעט וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין, און פון דאָרט האָט מען זיי אָפּגעפירט אין קאַרצער און פאַרטאָג פונעם קאַרצער צוריק צו דער אַרבעט. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן לאַנגע וואָכן. לאָמיר צו דעם נאָך צוגעבן, אַז נישט

שטענדיק האָבן זיי געקאָנט עסן דאָס וואָס מען האָט אין לאַגער שוין יאָ געגעבן; ווען למשל ס'איז געפאַלן אַ קראַנק פערד און עס האָבן זיך אפילו געפונען ייִדן וואָס האָבן נישט געקאָנט גובר זיין דעם הונ־גער און פאַרט געגעסן דאָס ביסל זופּ מיטן פלייש פונעם געפאַלענעם פערד, האָט דאָס ביי די ישיבה־בחורים יעדנפאַלס נישט געקאָנט טרעפן.

די איבעריקע ייִדישע שקלאַפן האָבן מיטן גרעסטן ווייטיק זיך צוגעקוקט, ווי מען שלעפּט צו דער אַרבעט שוין נישט קיין לעבעדיקע מענטשן, נאָר שאָטנס, און געפירט האָט מען זיי נישט צו קיין אַרבעט וואָס צו איר האָבן זיי שוין קיין כוחות נישט געהאַט, נאָר כדי זיי זאָלן וואָס גיכער זיך אויסגענדיקן, און מיר האָבן מיט גאָרנישט זיי געקאָנט העלפן. און ווען עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז שוין, אַז ס'איז כלו־כל־הקיצין און אַז אַלע הימלען האָבן זיך אויף אונדז אַראָפּגעלאָזט, דעמאָלט האָט מיטאַמאָל זיך באַוויזן דער חבר וואָלאַדיע. געשען איז דאָס אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען מען האָט זיך ווידער צוגעגרייט צו פירן די שאָטנס צו עבודת־פרך. איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר ווי אַ בליץ איז מיר דורכגעלאָפן אין געדאַנק: אַ געפאַנגענער אָדלער.

ער האָט באַלד צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט און דאָס מיט דעם, וואָס ער איז אַרויס אין הויף צו וואַשן זיך — און דאָס מיט זייף וואָס מיר האָבן שוין לאַנגע צייטן נישט געהאַט געזען, און דערצו האָט ער נאָך געהאַט אַ האַנטעך אויפן האַלדז. שיין איז ער געווען, דער חבר וואָלאַדיע, און הויך ווי אַ סאָסנע, און יונג איז ער געווען. אַזאַ פּנים ווי עס האָט געהאַט דער חבר וואָלאַדיע, קריצט זיך איין אויף שטענדיק אין זכרון. אַזאַ פּנים האָב איך אין מיינע שפּעטערדיקע סאָ־וויעטישע יאָרן כמעט קיינמאָל נישט באַגעגנט.

„נאָך איין נאַטשאַלניק!" — איז דורך אַ געמורמל צווישן די גע־פייניקטע, געפּלאָגטע און פאַרמשפּטע, וואָס האָבן אפילו נישט געוווּסט, אויף ווי לאַנג זיי זענען פאַרמשפּט און נישט געזען קיין סוף. אַלע שקלאַפן האָבן דאָ מוראדיק געליטן, אָבער ס'איז גאָרנישט געווען קיין פאַרגלייך מיט די יסורים פון די צעפּייניקטע ייִדישע שקלאַפן.

איז דעריבער דער פּחד געוואָרן באַזונדער גרויס טאַקע צווישן די ייִדישע שקלאַפן און בפרט ביי די ישיבה־לייט, ווען עס האָט זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז דער נייער „נאַטשאַלניק" איז נאָך דערצו אַ ייִד. וואָרעם קענענדיק גוט די ייִדישע קאָמוניסטן פון פּוילן, פון ליטע און פון ווו נישט? — איז וואָס דער וווּנדער, אַז מען האָט זיך גע־שראָקן? ס'איז אָבער געווען גענוג צו זען מיט וואָס פאַר אַ וואָרעמע מאַמישע אויגן ער קוקט אויף דיליידנדיקע שאָטנס, צונויפגעשלעפּטע

פון אַלע עקן וועלט, געוועזענע מענטשן, כדי עס זאָל די מורא זיך צע־גיין ווי אַ רויך.

חבר וואָלאָדיע איז טאַקע געווען אַ ייִד, און דאָס אַ ייִד מיט האַרץ, מיט אַ מענטשלעך און ייִדיש האַרץ, און דערצו רעדט ער נאָך ייִדיש אויך! אין איינעם אַן אָוונט, ווען מיר האָבן נאָך אַ באַזונדערס שווערן אַרבעטס־טאָג זיך קוים לעבעדיק דערשלעפּט צום באַראַק, איז מען געקומען מיר אָנזאָגן, אַז חבר וואָלאָדיע וויל מיט מיר רעדן. איך האָב זיך פאַר דעם דערשראָקן — מען וויל מיך אַריינציען אין אַ צרה, האָב איך מיר געטראַכט — און האָב אָפּגעזאָגט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער קומט שוין חבר וואָלאָדיע מיט מיינעם אַ פריינט צו אונדז אין באַראַק. וואָלאָדיע דערלאַנגט מיר אַ האַנט און שטעלט זיך פאָר: „אחים לצרה". אונדזער ערשטער שמועס האָט געדויערט לאַנג די מורא איז פאַרשוווּנדן — עס האָבן גערעדט צעווייטיקטע ייִדן. און קודם־כל האָט מען גערעדט, ווי אַזוי צו העלפן דער „ייִדישער בריגאַדע", דאָס הייסט: די ישיבה־לייט. ער האָט פאַרגעלייגט, אַז זייערע אַ דעלע־גאַציע זאָל אַוועק צום לאַגער־נאַטשאַלניק בעטן, אַז ער, וואָלאָדיע, זאָל ווערן באַשטימט פאַר זייער בריגאַדע־פירער — דערנאָך וועלן מיר ווײַ־טער זען. איך קלער אים אויף, אַז דאָס איז נישט מעגלעך, וואָרעם ס'איז דאָ אַ באַפעל פונעם לאַגער־קאָמענדאַנט, אַז ווער עס וויל מיט אים רעדן, מוז שטיין צוואַנציק טריט פון דער ווייטנס — וועלן דאָך די וואָס דאַרפן מיט אים רעדן, פריער שטאַרבן פאַר פחד. דעריבער האָב איך אים געבעטן צו פאַרשטיין — „איז אפשר איר אַליין, אויב איר קאָנט, זאָלט עפּעס טאָן פאַר זיי."

מיט עטלעכע טעג שפּעטער נאָך אונדזער שמועס האָבן מיר אַלע מיט גרויס איבעראַשונג אויסגעהערט דעם פּריקאַז פונעם לאַגער־נאַטשאַלניק אַליין, אַז פון דעם טאָג אָן, וואָס דער פּריקאַז ווערט גע־לייענט, דאָס הייסט: אַז שוין פון היינט אָן, ווערט דער גראַזשדאַנין וואָלאָדיע בריגאַדיר פון דער בריגאַדע נומער... דאָס הייסט: פון די ישיבה־לייט. פון דעם טאָג אָן האָבן די טירן פונעם קאַרצער זיך פאַר זיי פאַר־קלאַפּט; נאָך מער: עס האָבן אָנגעהויבן צו געשען „ניסים". זייער אַרבעטס־נאָרמע האָט געגומען וואַקסן מיט יעדן טאָג אַלץ העכער. און די נישט־ייִדישע בריגאַדעס האָבן, ווי וועגן אַ בייז ווונדער, זיך אָנ־געהויבן צו דערציילן געשיכטעס: „האָסט געהערט? די זשידאָווסקע בריגאַדע האָט דאָך היינט גאָר געמאַכט די נאָרמע אויף גאַנצע 100 פּראָצענט!". עס האָט אויך נישט געפעלט דאָס פאַרסמטע פּוילישע גלעכטערל: „מוישע פעיסאַמי (משה מיט די פאות), די שטענדיקע איינוווינער פונעם קאַרצער, האָבן גאָר געמאַכט די פולע נאָרמע און נאָך

מיט אַ סמיטשיק!". און ס'איז געשען, אַז ער אַליין, דער לאַגער־נאַטשאַלניק „בכבודו ובעצמו" האָט אין איינעם אַ טאָג געמאָלדן עפּנטלעך אין די פּריקאַזן וועגן גרויסן ווּנדער: אַז פון 8, 9 און 10 פּראָצענט וואָס זיי האָבן געמאַכט אַמאָל, זענען זיי אַריבער צו פולע 100 פּראָצענט — און נאָך מיט אַן עודף. און איין מאָל איז דערגאַנגען צו דער אומגלויבלעכער ידיעה, אַז די ייִדישע בריגאַדע האָט מיט אַ טאָג פריער געמאַכט די נאָרמע אויף 140 פּראָצענט און געוואָרן דער מוסטער פאַר אַלע איבעריקע בריגאַדעס, און איז געוואָרן דערפאַר אויסגעצייכנט מיט 100 גראַם ברויט און אַ פּושקעלע קאָנסערווירטע שקראַבעס — און אַזוי זענען זיי, צוזאַמען מיט זייער בריגאַדיר, דעם בירגער וואָלאָדיע, געוואָרן די העלדן פונעם לאַגער! וואָס האָט דער חבר וואָלאָדיע אַזוינס אויפגעטאָן, כדי אַרויסצוהייבן די דאָזיקע געפאַלענע בריגאַדע צו אַזאַ הויכער מדרגה, אין אַ לאַנד, ווו די אַרבעטס־נאָרמע איז געוואָרן דער אָפּגאָט פון דער מלוכה און ס'איז לעת־אתה נאָך נישט געבוירן געוואָרן דער רוסישער מענטש וואָס זאָל אויף אַן ערלעכן אופן זי קאָנען אויספירן. דאָס וועט שוין בלייבן אַן אייביק רעטעניש.

ווער איז דאָס דער חבר וואָלאָדיע? ביי אונדז אין באַראַק איז וואָלאָדיע געווען אַן אָפטער גאַסט. מיר האָבן זייער אַ סך דיסקוטירט וועגן אַלע פראַגן וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו די וואָס געפינען זיך אין די לאַגערן, און גאָר באַזונדער וועגן גורל פון די ייִדישע שקלאַפן אין די לאַגערן. אָבער וואָס טוט וואָלאָדיע אין לאַגער? דאָס זעלבע פרעגט ער דאָך ביי אונדז: און וואָס טוען מיר אין לאַגער, מיר? מיר זענען דאָך מיט געוואַלד געוואָרן פאַרכאַפּט און פאַרשלעפּט און מיר ווייסן נישט פאַרוואָס.

איין זאַך וואָס ער ווייסט יאָ: אַז ער איז געווען קאָרעספּאָנדענט פון „טאַס" (סאָוויעטישע טעלעגראַפן־אַגענטור) אין שאַנכאַי. אין יאָר 1937 האָט מען אים פון דאָרט פּלוצלינג צוריקגערופן און ביי דער גרענעץ האָט מען אים געמאָלדן, אַז ער איז פאַרמשפּט צו זעקס יאָר אַרבעטס־לאַגער. די דאָזיקע שטראָף איז ער אייגנטלעך שוין אָפּגעקומען: ווען נישט די מלחמה, וואָלט ער שוין געקאָנט פאָרן אַהיים, האָט ער אונדז געזאָגט; אַהיים דאָרט, ווו זיין פרוי איז אַ דאָקטערין אין מעדיצין, און אויך זייער זון, וואָס דאַרף שוין היינט אַלט זיין אַכט יאָר — דאָס ווייסט ער אויך נישט. ווען נישט די זעקס פינצטערע לאַגער־יאָרן, וואָלט ער שוין היינט אַלט געווען איין און דרייסיק יאָר. און איצט — וואָס טראַכט וואָלאָדיע אויף ווייטער?

מיר האָבן נאָך אַ סך געשמועסט: ער איז נאָך אפילו אַ קאָמוניסט

„וואָס גלויבט נאָך אין אַ וועלט־רעוואָלוציע", אָבער אויך אַ ייִד איז ער שוין היינט, וואָס וועגן דעם האָט ער פריער גאָרנישט געטראַכט. ערשט היינט באַנעמט ער זיין גאַנצע טראַגישע לאַגע און עס קאָן גאָר־נישט געמאָלט זיין — אַזוי מיינט ער — אַז אויך פאַר אונדז ייִדן זאָל נישט אויפגיין די זון.

דערווייל גאָר איז ווי פון הימל צו אונדז אַלעמען אַראָפּגעפאַלן די ידיעה, אַז פוילישע בירגער וועלן באַפרייט ווערן פון די לאַגערן (איך דערמאָן דאָס אינעם קאַפּיטל „אַ שטרייק פון פוילישע בירגער אין לאַגער"), און די ידיעה האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אמת, און ווי דער גורל וואָלט זיי געוואָלט פאַרגיטיקן פאַר די ליידן וואָס זיי האָבן דאָ דורכגעמאַכט, זענען די ערשטע וואָס זענען געוואָרן באַפרייט — גע־ווען די 154 ישיבה־בחורים פון וואָלאַדיעס בריגאָדע. דאָס האָט אים שוין אינגאַנצן דערשלאָגן: אין דער דאָזיקער בריגאַדע האָט ער געהאָט אַריינגעלייגט זיין האַרץ און נשמה און זי דערהויבן צו אַ מענטש־לעכן מעמד; די דאָזיקע בריגאַדע איז געוואָרן אַ שטיק אינהאַלט פון זיין אייגן טרויעריק לעבן.

נישט אַלע מיטאַמאָל זענען געוואָרן באַפרייט פון לאַגער. איך בין געוואָרן באַפרייט ערשט מיט דער דריטער גרופּע, און דאָס איז געשען אַ סך שפּעטער.

וואָלאַדיעס געזעגענען זיך מיט אונדז איז געווען דעמאָלט זייער דראַמאַטיש. נאָך היינט הער איך זיין פאַרשטיקטע שטימע און זע די טרערן וואָס האָבן געפלאָסן פון זיינע אויגן. און אַז מען האָט אונדז כעלות־הבוקר געהייסן אָפּמאַרשירן צו דער באַן וואָס מיר אַליין האָבן זי אויסגעבויט, איז וואָלאַדיע שוין געשטאַנען אויף אַ באַרג מיט קלע־צער, וואָס מיר האָבן זיי שוין אונטער זיין אָנפירונג אָפּגעלייגט. ער איז געשטאַנען מיט אַ ווייס טוך אין דער האַנט ווי מיט אַ פלאַטערנדי־קער פאָן; ער האָט אונדז אַזוי באַגלייט אין דעם ווייטן און פאַר אונדז אומבאַקאַנטן וועג. געפאָכעט האָט ער מיטן טוך אַזוי לאַנג, ביז מיר זענען פאַרשוווּנדן פון זיינע אויגן.

ווו איז היינט דער חבר וואָלאַדיע? האָט ער איבערגעלעבט דעם לאַגער? האָט ער אָפּגעפונען זיין פרוי און זייער קינד? פאַר די אַלע ייִדישע שקלאַפן וואָס זענען געווען מיט אים פאַרבונדן לאַנגע חדשים, וועט ער אויף תמיד בלייבן אין זכרון ווי אַ העלע שיין אין זייער פינצ־טערן לאַגער־לעבן.

# א נעילה אונטער א קאַנוואָי

עס דערנענטערן זיך די פּאַרכטיקע טעג. קיין אלול־ווינטן אין די סיבירער טייגעס, ווו עס געפינט זיך דער רישאָטע־לאַגער, האָבן נישט געבלאָזן; וואָרעם אַלע אלול־ווינטן וואָס איך האָב ביז דעמאָלט געהאַט איבערגעלעבט, האָבן נאָך אַלץ זיך נישט געקאָנט פאַרגלייכן צו קיין איינציקן סיבירער לאַגער־ווינט וואָס האָט נישט נאָר דעכער אַראָפּ־געטראָגן ווי שפּענדלעך פון די באַראַקן, נאָר אַלטע טויזנט־יאָריקע ביי־מער־שטאַמען אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל פון די טייגעס.

איז דעריבער געגנוג געווען דער רוף פונעם אַלטן אַשמענער רב ר׳ אברהם: „ייִדן, עס קומט דער חודש אלול!". די ייִדן פון לאַגער זענען געוואָרן אויפגערודערט און אַלע שמועסן האָבן זיך געגומען דרייען אַרום דער פראַגע, ווי אַזוי די לאַגער־ייִדן וועלן זיך שטעלן אין די הייגטיקע ימים־נוראים צום יום־הדין, צו חשבון־הנפש.

עס האָט זיך באַלד צעפלאַקערט אַ וויכוח: צי זענען ייִדן נאָך אַלץ די זינדיקע? ייִדיש בלוט גיסט זיך טייכנווייז, צו די עינויים נעמט גאָרנישט קיין סוף! איז נאָך אַלץ דער כוס פון פּיין נישט גענוג פול? עס האָבן זיך אפילו געפונען ייִדן וואָס האָבן געטענהט, אַז דאַס דאַרף גאָר דער רבונו־של־עולם זיך שטעלן צום משפט פאַרן פאָלק ישראל! אויב מען האָט אפילו אַמאָל קעגן אים „געזינדיקט", האָט מען זיך בלויז מיטן אַריינפאַלן אין אַ סאָוויעטישן שקלאַפן־לאַגער שוין לאַנג אויסגעקויפט אַלע פריערדיקע זינד.

פרומע ייִדן האָבן אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט די אַלע טענות: „גאָט און זיין משפט איז שטענדיק גערעכט". און ס׳איז ווידער געבליבן די אַלטע זאָרג, ווי אַזוי איינצואָרדענען די תפילות אין די גרויסע טעג, וואָרעם ס׳איז געווען קלאָר, אַז מצד דעם לאַגער־רעזשים קאָן מען נישט דערוואַרטן מער ווי רדיפות און נגישות, אויב זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז עס גרייט זיך עפּעס; אַזוי אַרום האָט אַלץ געמוזט זיין בסוד־סודות.

און ווי אַזוי פירט מען דאָס אַדורך, אַז ווי עס הייבט אָן שאַרייַען אויף טאָג, אַזוי נעמט מען רייסן די שקלאַפן פון זייערע געלעגערס און זיי טרייבן אויב נישט צו דער אַרבעט, טרייבט מען זיי פון איין אָרט צום אַנדערן. דאָס טרייבן הערט קיינמאָל נישט אויף, אַזוי אַז דאָס טרייבן צו דער אַרבעט איז שוין אָפּטמאָל אַ דערלייזונג. און מיט דער נאַכט צוגלייך ברענגט מען די שקלאַפן צוריק, צעבראָכענע, געפּייניקטע פון כלערליי פּורעניותן און פון עבודת־פּרכדיקער אַרבעט. נו, און דער

לאַגער־קאָמענדאַנט ? אָן אמתע חיה בצורת אדם, וואָס שטראָפט פאַר יעדער קלייניקייט, און נישט איין מאָל אפילו אָן דער דאָזיקער קליי־ניקייט, און דאָס בפרט אַ ייִדן וואָס איז נאָך עוסק אין דאַוונען ! איז גראַד אין די דאָזיקע תשובה־טעג אים איינגעפאַלן אַרויסצוגעבן אַ באַ־פעל, אַז אַלע אין לאַגער וואָס טראָגן בערד, מוזן זיי אָפּגאָלן צוליב כלומרשטער ריינקייט, מיט דער דראָונג פון אַכט יאָר תפיסה, ווי איך האָב שוין דערמאָנט.

דער רב ר׳ אברהם פון אַשמענע וואָס אין לאַגער איז ער געווען איינער פון די מוטיקסטע מענטשן און וואָס האָט געקעמפט קעגן יעדן פּרווו צו פאַרשוועכן די רעליגיעזע געפילן פון די 154 ישיבה־לייט, האָט אויך איצט אָפּגעשלאָגן די גזרה.

נישט געקוקט אויף די נאַכט־וויזיטן פון דער ג. ק. וו. ד. אין די סאָוויעטישע לאַגערן וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו מערן סיי ביי דעם רב ר׳ אברהם און סיי ביי די ישיבה־לייט, האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט די צוגרייטונגען צו די גרויסע טעג און זיי זענען ווייטער אָנגעגאַנגען. ווען און ווי אַזוי ? ווען מען האָט געטריבן צו דער אַרבעט, זענען די אַכט קילאָמעטער צום אַרבעטס־פּלאַץ געוואָרן די שול : ייִדן האָבן אין וועג אַריינגעכאַפּט אַ דאַוונען בציבור און זיך אויך געגרייט צו די פאַרכטיקע טעג.

אין די דאָזיקע טעג האָט אויפגעוואַכט מיט אַ באַזונדערער קראַפט די בענקשאַפט נאָך דער פאַרלוירענער היים : עס האָט געצויגן צו דער שול, צום שופר, צו טאַטע־מאַמע ווערענס וועגן זענען שוין לאַנג גע־ווען נישט די זעלבע. האָט מען אויסגעגאָסן די נאָגנדיקע בענקשאַפט אין אַן אַלט סענטימענטאַל טעאַטער־לידל, און אָפט איז מען דער־גאַנגען צו ביטערע געוויינען.

„ס׳איז היינט יום־כפור !״, רופט אויס דער רב פון אַשמענע. אָבער דאָס רייסן די ייִדישע לאַגער־שקלאַפן פון די געלעגערס און דאָס טרייבן צו דער אַרבעט איז היינט אכזריותדיקער ווי אין יעדן אַנדערן טאָג. און אפשר דאַכט זיך עס אונדז בלויז ? ניין ! נישטאָ קיין ספק אין דעם, אויך דאָס „עסן״ היטן ג. ק. וו. ד.־שומרים, אַז ייִדן זאָלן עס גראָד היינט, חלילה, נישט דורכלאָזן — אויך אין דעם האָבן זיי זייערע אַ כוונה.

קומט טאָקע פאַר אַ ביטער געיעג אַרום דעם ביסל וואַסערדיקע זופּ צווישן די לאַגער־שומרים און די ישיבה־לייט, וואָס דווקא היינט ווילן עס פרומע ייִדן נישט עסן. עס געדויערט היינט לאַנג, ביז עס דערהערן זיך די צעקלונגענע אייזנס (לאַגער־זייגערס) וואָס זאָגן אָן, אַז עס הייבט זיך ווידער אָן אַ נייער קאַטאָרגע־טאָג.

צו דער ייִדישער בריגאַדע האָט זיך היינט צוגעשטעלט אַ נייער,

ביז איצט אומבאַקאַנטער מענטש: זיין קאָפּ איז באַדעקט מיט גרויע האָר, זיין צעאַקערט פּנים דערציילט פון אַ סך איבערגעלעבטע ליידן. אַלט איז ער צוויי און פערציק יאָר, אָבער זען זעט ער אויס מיט צוואַנ־ציק יאָר עלטער. זיין נאָמען, זאָגט ער, איז אַרקאַדי מיכאַילאָוויטש סלאָ־ווין. נאָך זיין נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם פרעגט קיינער נישט, יעדן זענען חושד, אַז אויך ער איז פון אחינו בני ישראל. ער רעדט שטיל, וואָס פון דעם האָבן מיר זיך שוין לאַנג אָפּגעוווינט. זיינע טרויעריקע, אָבער גוטע אויגן פול מיט מיטלייד, גלעטן ווי מיט סאַמעט. זיינע היילנדיקע ווערטער זענען ווי פון אַ מאַמען: „רעביאַטאַ, אַרבעט! נאָר שלאָגט נישט פון זיך אַרויס די כוחות!". פון דער היים איז ער אַן אינזשיניער, און היינט, זאָגט ער, וועט ער זיין אונדזער דעסיאַטניק. איז ער אַזוי געשטאַנען אין זיין צעשליסענער פופייקע און איז געפרוירן געוואָרן גלייך מיט אונדז אַלעמען.

נאָך דער געוויינלעכער איינגעחזרטער דרשה פונעם בריגאַדיר־שומר יעפים קאַזשורא, אַז אַ טריט אויף לינקס אָדער אַ טריט אויף רעכטס וועט ער באַטראַכטן ווי אַ פּרווו צו אַנטלויפן און ער וועט שיסן אָן אַ וואָרענונג — נישט איין היטער האָט באַוויזן, אַז דאָס איז ביי אים נישט קיין פּוסט וואָרט — און נאָכן צוזאַמענגיסן אַלע בריגאַדעס אין איין מעכטיקער שקלאַפן־קאָלאָנע, האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג אַריין. קוים אָפּגעגאַנגען די ערשטע שעה, ווי עס דערהערט זיך פּלוצ־לינג די זיסע שטימע פון משה פּלאָטניק: „אהאַ... אהאַ... המלך יושב על כסי רם ונשא"... דער צוג האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. עס האָבן אונ־טערגעכאַפּט נישט נאָר די הונדערטער ייִדן נאָר דער גאַנצער טויזנט־קעפּיקער שלאַנגען־צוג האָט עפּעס ווי מיטאַמאָל זיך אויסגעגלייכט און צוריק חיות באַקומען.

קיינער האָט שוין נישט געהערט די קאָמאַנדע פון די נ. ק. וו. ד.־שומרים: „טישי שאַג!" (לאַנגזאַם גיין!) אָדער: „שירע שאַג!" (גיי־כער גיין!). און די הינט, די שטענדיקע באַגלייטערס פון זייערע צוויי־פיסיקע חברים? אויף זיי איז גאָר געוועזן אַ ביטערער רחמנות: דערע־סירט, ווי זיי זענען געווען איז איצט אויף זיי געקומען אַ צעטומלעניש. האָבן זיי זיך געוואָרפן פון איין עק צוג צום אַנדערן, זיי זענען געלאָפן, געשפרונגען, זיי האָבן געהאַווקעט און אומרויִק געקוקט זייערע באַלע־באַטים אין די אויגן אַריין און נישט געוווּסט, ווי אַזוי זיי זאָלן זיך איצט נוהג זיין, וואָרעם דאַוועגען האָבן די וועלף־הינט נאָך קיינמאָל נישט געהערט. אויב יענע וואָלטן געפרווּוט משתין זיין אָדער עפּעס אַנדערש, דעמאָלט וואָלטן די הינט שוין געוווּסט, אַז זיי דאַרפן רייסן לעבעדיקע שטיקער פון זייערע קרבנות. היינט אָבער האָבן זיי נישט געהאַט קיין

שום סיבות זיך אַריינצומישן: קיינער פונעם צוג איז נישט געגאַנגען לינקס און נישט רעכטס, און אויך אָפּגעשטאַנען איז היינט קיינער נישט. די הינט האָבן אָבער נאָר דערפילט די אומרויִקייט פון זייערע באַוואָפנ־טע חברים און מיט דעם זיך „שטאַרק״ איבערגענומען.

און אַזוי איז די קאָלאָנע צוגעקומען צום אַרבעטס־פּלאַץ. אַזוי ווי אַלע, האָט אויך די ייִדישע בריגאַדע פאַרנומען איר אָרט מיט האַק, האַמער און זעג, אַזוי ווי יעדן טאָג צו עבודת־פּרך. דער ייִדישער קרעכץ הערט זיך היינט שאַרף. פרומע ייִדן ביי דער אַרבעט אום יום־כּפּור! חושך מצרים! אַרקאַדי מיכאַילאָוויטש סלאָווין, דער דעסאַטניק, לייגט אויך צו אַ האַנט און אַרבעט מיט התמדה און אימפּעט, גלייך ער וואָלט געוואָלט אָפּצאָלן עפּעס אַ חוב — די ייִדישע בריגאַדע האָט מיט אים היינט יאָ געטראָפן.

און אַז עס איז געקומען די צייט פון מנחה, איז מיט דעם אויך געקומען די צייט, ווען די אַרעסטירטע האָבן באַקומען די דערלויבעניש פאַר זייער פאַררויכערן. די ייִדן האָבן זיך פאַרקליבן הינטער אַ שטויס האָלץ און באַוואָפנטע שומרים האָבן, ווי געוויינלעך, געוואַרט, ביז דאָס פאַררויכערן וועט זיך פאַרענדיקן. און מיטאַמאָל דערהערט זיך די שטימע פון אַשמענער רב ר׳ אברהם: „יתגדל ויתקדש שמה רבה... אוי, אוי... בעלמא די ברא כראותא.. וימליך מלכותו..״.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז די הימלען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד. אַלע אַרום זענען געבליבן ווי פאַרשטיינערט. די נעילה־תפי־לות וואָס צענדליקער ייִדן האָבן אונטערגעכאַפּט און זענען אויסגעבראָכן אין אַ האַרצרייסנדיקן געוויין, האָבן ווי אַ ים־כוואַליע פאַרגאָסן דעם וואַלד. דער שומר יעפים קאַזשוראַ, אַ צום טויט דערשראָקענער און אַ פאַרצי־טערטער, אַליין אַ פאַרשיקט אוקראַיניש פויערל — אים האָט דער לאַ־גער־רעזשים היינט אַרויפגעלייגט אַ ביקס אויף דער פּלייצע און צו אים אַ זאָג געטאָן: „היט זיי! גאַלאָוואָי אָטוועטשאַיעט!״ (ביסט מיטן קאָפּ פאַראַנטוואָרטלעך!). נו, האָט ער געהיטן.

קיינער אָבער האָט היינט זיך נישט געשראָקן: נישט פאַר יעפים קאַזשוראַ מיט זיין ביקס און אויך נישט פאַר דעם וואָס קאָן קומען מאָרגן. די נעילה־תפילות האָבן זיך געטראָגן פון מויל צו מויל, פון האַרץ צו האַרץ. צי זיי האָבן באַוויזן צו עפענען די שערי־רחמים, איז נאָך אַ פראַגע, אָבער דאָס האַרץ פונעם שומר יעפים קאַזשוראַ האָט זיך יאָ געעפנט, אין דעם איז שוין נישט געווען קיין ספק.

אַ פאַרגליווערטער, אַ פאַרשטיינערטער איז ער אַזוי געשטאַנען מיט דער ביקס אין דער האַנט, גרייט צום שיסן, און האָט אפילו נישט

געהערט, ווי עס האָבן זיך ווידער צעקלונגען די פאַרזשאַווערטע אייזנס, און דאָס האָט געמיינט, אַז נאָך אַ פּיינפולער טאָג איז אַוועק. און ווער ווייסט, ווי לאַנג ער וואָלט אַזוי געשטאַנען, גרייט צום שיסן, ווען עס וואָלט אים נישט אויפגעוועקט דער אינספּעקטירנדיקער נ. ק. וו. ד.־אָפיציר פון זיין פאַרגליווערטקייט און אַרויסגעשלאָגן אים פון זיינע רעיונות. ווען דער בעל־תפילה האָט צום לעצטן מאָל אויסגעווייגט „הוא אלהים", האָבן די מתפּללים, אויפגערודערט פונעם גרויסן נס וואָס זיי האָט זיך איינגעגעבן צו דאַווענען נעילה בציבור, מיט טרערן אין די אויגן זיך געווונטשן:

„גוט יום־טוב, ייִדן! לשנה הבאה בירושלים!".

## איך האָב זיי דאָרט געפעלט צום חשבון

וועגן סיביר און סיבירער וועלדער, טייגעס און טונדרעס איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן. ווער האָט שוין אַלץ וועגן סיביר נישט געשריבן? „זכרונות פון טויטנהויז" — דאָסטאָיעווסקי, „סיבירער דערציילונגען" — קאָראָלענקאָ. ווייטער קראָפּאָטקין און אַנדערע. לידער וועגן סיביר האָבן געשריבן ה. ד. נאָמבערג, אברהם רייזען, שלום־עליכם און גאָר באַזונדערס ה. לייוויק.

וועגן וואָס האָבן זיי אַלץ נישט געשריבן? וועגן די אימהדיקע סיבירער וועלדער, מעכטיקע שניי־זאַווייערוכעס, מאָרימדיקע פרעסט, וואָס אַז מען לאָזט אַרויס די פּאַרע פון מויל ווערט זי תיכּף פאַרוואַנדלט אין אייז. וועגן שטורעמווינטן וואָס האָבן אַראָפּגעטראָגן הייזער ווי שפּענדלעך און אויסגעריסן מיט די וואָרצלען טויזנט־יאָריקע ביימער־שטאַמען. אַרעסטאַנטן זענען געווען צוגעקאָוועט צו טאַטשקעס, קייטן האָבן געקלונגען און די וועלט האָט פּראָטעסטירט.

די פאַרשיקטע אויף צאַרישער קאַטאָרגע האָבן געגלויבט, אַז דאָס גראָבן זיי קברים פאַרן צאַר און זיינע משרתים — נישט אַלע האָבן זיך אויף דעם דערוואַרט. די סיבירער ערד האָט אַ גרויסן טייל פון זיי צוגעדעקט. ווי גרויס איז געווען די צאָל מענטשן וואָס זענען דאָרט אומגעקומען? דאָס וועט מען זיך שוין קיינמאָל נישט דערוויסן. נאָר איין זאַך וואָס מען דאַרף זאָגן, דאָס איז, אַז די קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָט נישט אויסגעטראַכט דער צאַרישער רעזשים, נאָר דער סאָוויעטי־

שער. דאָס האָט ער דער ערשטער באַשאַפן די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווו מיליאָנען מענטשן זענען געווען פאַרמשפּט צו אַ לאַנגזאַמען טויט ביי עבודת־פּרכדיקער אַרבעט, ביי ווינטערס ביז 40 גראַד אונטער נול און ווו די היצן אום זומער דערגייען ביז 60 גראַד, ביי אַ באַשפּייזונג פון 400 גראַם נאַס שטרוי־ברויט מיט אַ ביסל וואַסערדיקער זופּ פאַרן אַרויסגיין צו דער אַרבעט, און מיט אַ ביסל וואַסערדיקער זופּ צום אומקערן זיך פון דער אַרבעט. און אַז דער הונגער, די היצן און דער דורשט דערדריקן שוין גאַר שטאַרק, דערכאַפּט מען זיך דאָס האַרץ מיט אַ ביסל קאַלט וואַסער, וואָס אויך דאָס איז דאָ נישט שטענדיק געווען.

אָבער די גרעסטע צרה פאַר די אַרעסטאַנטן זענען נאָך אַלץ נישט געווען די היצן און אפילו נישט דער הונגער, נאָר די פליגן. אַ שוידערלעכע פּלאָג פאַר די אַרעסטאַנטן זענען געווען אָט די כלערליי פליגן, אַנהייבנדיק מיט דער גרייס פון בינען און ענדיקנדיק מיט אַזעלכע קליינע, וואָס מ׳האָט געמוזט האָבן אַ מיקראָסקאָפּ, כדי זיי צו דערזען. געשטאָכן האָבן זיי ווי מיט נאָדלען, און די ווייטיקן זענען געווען ווי געברענט פון אַ פייער, און ס׳איז נישט געווען קיין אָרט אין קערפּער, ווו זיי זאָלן אַהין נישט קאָנען זיך אַריינבאַקומען. אָבער ממש מערדעריש זענען זיי אָנגעפאַלן ערב אַ רעגן: דעמאָלט האָבן זיי אייך ממש אויפגעגעסן לעבעדיקערהייט. פאַרהאַן איז דעמאָלט בלויז איין מיטל, זיי זאָלן אייך לאָזן צו רו אויף אַ מינוט — דאָס איז, אַז מען מאַכט אַ קאָסטיאָר, אַ פייער, און פאַרן רויך פונעם פייער פליען זיי אַוועק. דאַרף מען אָבער האָבן צו זיי גאַנצע אַרמייען וואָס זאָלן מער נישט טאָן ווי איין זאַך — מאַכן, אַז דאָס פייער זאָל כסדר ברענען, כדי צו פאַרהיטן די אַרעסטירטע. אָבער אין דעם איז די לאַגער־מאַכט גאַרנישט פאַראינטערעסירט. די לאַגער־מאַכט דאַרף אייך האָבן, כל־זמן איר זענט פאַר איר אַרבעטס־פערד. הערט איר אָבער אויף דאָס צו זיין, אַזוי דאַרפט איר וואָס גיכער פאַרשווינדן. „דאָ איז נישט קיין פּאַנסיאָן", האָבן די שומרים געטענהט. נו, ביז גאָט האָט שוין געהאָלפן און עס הייבט שוין אָן ווערן טונקל און מען גרייט זיך צו גיין צום לאַגער־באַראַק — און דאָ ערשט הייבן זיך אָן נייע צרות. דער לאַגער־באַראַק שטייט דעם גאַנצן טאָג אונטער דער גליִענדיקער היץ פון 60 גראַד, גלייך ווי דער רבונו־של־עולם וואָלט מיט איין מאָל אַרויסגעצויגן די גאַנצע זון פון איר פוטערפאַס. אין אָוונט, ווען די פיר הונדערט שקלאַפן קומען פון דער קאַטאָרגע־אַרבעט, איז דער באַראַק אַזוי אָנגעגליט און די לופט אַזוי געדיכט, אַז דאָס ליכטל וואָס ווערט אָנגעצונדן, וויל באַיין־אופן נישט ברענען. און אין דעם שטעקט אויך דער גאַנצער נס; וואָרעם עס וואָלט געווען גענוג דער קלענסטער פונק, אַז פון אַלע ווערעם מיטן באַראַק

צוזאַמען מיט די שקלאַפן זאָל נישט בלייבן קיין זכר. בלייבט מען אַזוי אַרום זיצן אין דער פינצטער.

ס׳איז געגנוג בלויז זיך אָוועקצולייגן אויף די צעפוילטע געלעגערס, ווי מען ווערט באַפאַלן פון חמרים ווערעם פון פאַרשידענעם מין, פון פאַרשידענער גרייס און פון פאַרשידענעם קאָליר. עס זענען דאָ געווען אַזעלכע ווערעם וואָס לאַנגיאַריקע לאַגערניקעס פון פאַרשידענע לאַגערן האָבן נישט געוווסט פון וואַנען זיי נעמען זיך. איך וועל דאָ אָנרופן נאָר צוויי מינים: וואַנצן און די דריטע מכה פון מצרים. און קומען פלעגן זיי מיט אַזאַ ווילדער רציחה און פון אַלע זייטן: פון די סופיטן, פון די ווענט, אפילו פון דער פאַדלאָגע. האָט דאָך וועגן שלאָפן קיין רייד שוין נישט געקאָנט זיין. אָבער אָט רייסט מען אונדז ווידער פון די געלעגערס, ווידער דאַרף מען אויף גיך אָפּכאַפּן דאָס ביסל וואַסערדיקע זופּ און זיך לאָזן אין וועג אַריין צו דער אַרבעט, וווּ מען דאַרף ביז איבער די קני זיך שטעלן אין די בלאָטעס וואָס זענען פול מיט שלאַנגען. און נישט איין מאָל זענען די שלאַנגען זיך ביטער נוקם פאַרן שטערן זיי אין זייער רו, אָבער קיינמאָל נישט אין די פייניקער, וואָס האָבן אונדז דאָ אַהער געבראַכט, נאָר שטענדיק אין זייערע קרבנות.

אין איינעם אַ טאָג ווען מען האָט די שקלאַפן, כמעט מתים, גע־ברענגט צו דער אַרבעט און די היץ איז געווען זייער שטאַרק און דער הונגער, ווי געוויינלעך, נישט שוואַכער ווי נעכטן און צוליב דער ברע־נענדיקער זון האָט דער דורשט אויך געמאַטערט, איז גראַד געווען שטרענג פאַרבאָטן צו כאַפּן אַ ביסל קאַלט וואַסער מחמת דער לאַגער איז שוין ווי פון אַ פלאַם־פייער, געווען אַרומגעכאַפּט פון אַ „פּאַנאַס" (שלשול) און דיזענטעריע, פאַר וואָס זיי האָבן מורא געהאַט אימת־מוות.

אויך איך האָב שטאַרק געליטן פון דעם שלשול און בין צוליב דעם געווען צוויי מאָל ביים דאָקטער, אַז מען זאָל מיך באַפרייען פון דער אַרבעט כאָטש אויף איין טאָג. באַקומען האָב איך אַ ראַדיקאַלע רפואה: איין מאָל אַן אָפּזאָג, און דאָס צווייטע מאָל אַ וואָרענונג, אַז אויב איך וועל קומען נאָך אַ דריט מאָל, וועל איך גיין פאַרן „סוד" (געריכט) פאַר סימולירן קראַנקייט אין מלחמה־צייט.

מיין אַרבעט האָט שוין אָבער קיין טעם נישט געהאַט, מחמת דעם וואָס איך האָב זיך שוין קוים געהאַלטן אויף די פיס, ווי מיטאָמאָל האָבן זיך די פאַרזשאַווערטע אייזנס צעקלונגען מיט זייער מתים־געקלאַנג — אַ סימן, אַז ס׳איז אַ מיטאָג־איבעררייס. מיין מיטאָג איז באַשטאַנען פון־נעם דריטן און לעצטן שטיקל ברויט — איך פלעג טיילן מיין ברויט אויף דריי — אַנדערע האָבן שוין דאָס אויך נישט געהאַט.

מיין עסן האָט, פאַרשטייט זיך, צו לאַנג נישט געדויערט. בין איך

צוגעפֿאַלן צו אַ סטערטע האַלץ מיט אַ ביסל שאָטן וואָס האָט פֿאַר־שטעלט די פֿייער־פֿלאַמען פֿון הימל. די ריחות פֿון די טייגע־ביימער האָבן אויך געטאָן זייערס און איך האָב פֿאַרטראַכט דורכצושלאָפֿן די מיטאָג־שעה. בין איך אַזוי געשלאָפֿן די גאַנצע שעה, און אַז די שעה איז פֿאַרביי בין איך ווײַטער געשלאָפֿן. און דאָ האַלט מען אין איין ציילן די בריגאַדעס, צי פֿעלט נישט חלילה עמעץ פֿון זיי. (דאָס ציילן איז געווען אַזוי וויכטיק, אַז צו יעדער מינוט האָט מען געקאָנט אָפּ־שטעלן די אַרבעט און ציילן).

אַז אַ מענטש זאָל פֿעלן — אַזאַ זאַך טאָר נישט געשען, בפֿרט ביי דער אַרבעט. און וואָס טוט מען פֿאַרט, אַז אַ מענטש איז פֿאַרשווונדן געוואָרן און טאַקע ביי דער אַרבעט? האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן דאָס ציילן, איין מאָל און נאָך אַ מאָל; עס העלפֿט נישט: אַ מענטש פֿעלט. איז מיין בריגאַדיר וואָס ביי אים פֿעלט דער מענטש, אַוועקגעלאָפֿן נישט טויט און נישט לעבעדיק צום הויפּט־נאַטשאַלניק פֿון דער אַרבעט און אים געמאָלדן וועגן פֿאַרשווונדענעם אוצר. און דאָ האָט זיך עס ערשט אָנגעהויבן. דאָס ערשטע האָט מען אַרעסטירט מיין בריגאַדיר און באַ־שולדיקט האָט מען אים נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר אין מיט־העלפֿן מיר דאָס אַנטלויפֿן. דערנאָך האָט באַפֿוילן דער קאָמענדאַנט אָפּ־צושטעלן די גאַנצע אַרבעט (פֿון 3500 מענטשן אויפֿן פֿעלד!). ביים ערשטן ציילן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט איין מענטש פֿעלט, נאָר עס פֿעלן זיבן — הייסט עס: אַז נישט איינער איז אַנטלאָפֿן, נאָר זיבן. ציילט מען נאָך אַ מאָל, זענען איצט שוין דאָ פֿיר מענטשן איבעריקע! טויג עס דאָך ווידער נישט. האָט מען ווידער צעטיילט די בריגאַדעס און יעדער בריגאַדיר האָט געמוזט דערקענען זיינע מענטשן. אַלע ברי־גאַדירן האָבן זייערע מענטשן דערקענט, עס האָט ביי זיי געשטימט. בלויז אין איין בריגאַדע האָט געפֿעלט אַ מענטש, און דאָס בין איך געווען. מיין בריגאַדיר איז דערווייל געוואָרן געהאַלטן אונטער אַרעסט, באַשולדיקט אין מיטהעלפֿן זיינעם אַ גוטן פֿריינט פֿאַר אַ גוטער אַפּו־תיקא צו אַנטלויפֿן פֿון לאַגער. האָט דער בריגאַדיר געטענהט, אַז אויב ער וואָלט געוואָלט העלפֿן איינעם צו אַנטלויפֿן, האָט ער דאָך אַליין געקאָנט אַנטלויפֿן. און אפֿשר, פֿרעגט ער, האָט יענער גאָר פֿאַרבלאָנ־דזשעט און מען דאַרף אים גיין זוכן? אָט דאָס איז עס טאַקע: — גיט דער לאַגער־נאַטשאַלניק אַ פּאַטש אין די הענט אַריין: „ערשט איצט זע איך, אַז דאָס האָסטו אים געהאָלפֿן אַנטלויפֿן!“

האָט מען אַרויסגעשיקט אין פֿאַרשידענע זייטן עטלעכע גרופּעס זעלנער מיך זוכן און בעת־מעשה האָבן זיי געשאָסן אַזוי, אַז איך זאָל דערהערן. און אויב די טענה פֿון מיין בריגאַדיר איז אַ ריכטיקע,

ס'הייסט, איך האָב פאַרבלאָנדזשעט, וועל איך דאָך זיכער דערהערן און זיך אָפּרופן.

די שיסערייַ האָב איך טאַקע געהערט אין שלאָף, מער נישט, מיר האָט זיך געחלומט, אַז די דייטשן וואַרפן שוין באָמבעס אויפן לאַגער. אַזוי האָט עס געדויערט ביז אין די שפּעטע טאָכמיטאָג־שעהען, ווען ס'איז מיטאַמאָל גאַנץ צופעליק דורכגעגאַנגען איינער פון מיינע זוכערס און האָט מיך דערזען אין מיין פאַרהאַרטעוועטן שלאָף, אַזוי אַז ס'איז געווען אוממעגלעך מיך אויפצוּוועקן. האָט ער אַ געשריי געטאָן אויף אַלע לשונות: „ער איז דאָ! דער אוצר האָט זיך אָפּגעפונען אַ שלאָפנ־דיקער!" — איז טאַקע אַלעמען אַראָפּ אַ שווערער שטיין פון האַרצן. אַנדערע האָבן שטאַרק מורא געהאַט, צי האָב איך טאַקע אויף אַן אמת נישט פאַרבלאָנדזשעט אין יענע אימהדיקע וועלדער וואָס פון זיי איז שוין קיין וועג נישטאָ אויף צוריק. צום מייַנסטן אָבער האָט זיך געפרייט מיין בריגאַדיר, וואָס פון אים איז דערמיט געוואָרן אַראָפּגענומען זייער אַ שווערער בלבול.

נו, און דער לאַגער־נאַטשאַלניק? אויף אים גראָד איז געווען אַ ביטער רחמנות; ער האָט זיך שוין זיכער געריכט אויף אַ סטאַלין־אָרדן, און דאָ איז מיטאַמאָל געוואָרן אַרויסגעריסן אַ פעטער ביין פונעם וואַל־פישן פּיסק. אויף אַזאַ צרה, אַז מען זאָל מיך געפינען נישט קיין אַנט־לויפנדיקן, נאָר אַ שלאָפנדיקן האָט ער זיך שוין גאַרנישט געריכט. האָט ער געטאָן וואָס ער האָט געקאָנט טאָן, דהיינו: קודם־כל האָט ער אַרויסגעגעבן אַ פּריקאַז מיך אָוועקצוזעצן אין אַ זייט פון דער אַרבעט — אַרעסטירט, הייסט דאָס. האָב איך באַלד אַ טראַכט געטאָן, אַז קיין קליגערע זאַך האָט דער קאָמענדאַנט אויף זיין לעבן נישט געקאָנט טאָן. איז — אַנשטאָט צו זיצן, האָב איך זיך ווידער אָוועקגעלייגט און באַלד בין איך איינגעשלאָפן; געקומען, הייסט עס, אַ גליק אויף מיר פון וואַנען איך האָב זיך צום ווייניקסטן געריכט.

איך בין ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ שווערן שלאָף וואָס אין אים האָט מיך איצט שוין קיינער נישט געשטערט. „ס'איז דאָך אויף אים נעבעך אַ רחמנות: אַ פאַרמשפּטער!" — און אַז די פאַרזשאַווערטע אייזנס האָבן זיך ווידער צעקלונגען מיט זייער מתים־געקלאַנג — אַ סימן, אַז נאָך איין קאַטאָרגע־טאָג האָט זיך געענדיקט — בין איך געווען אין אַ וועלט פון שיינער מוזיק. איז דעריבער מיך אויפצוּוועקן ווידער געווען זייער אַ שווערער ענין.

און גייענדיק צום לאַגער־באַראַק, האָט מען מיך שוין געהאַלטן פון דער ווייטנס פון אַלעמען, מיט אַ שומר ביי דער זייט. מיר האָט עס שוין נישט געאַרט — איין שומר, צי דריי. די אַפּאַטיע איז מיר שוין

אַריין טיף אין די ביינער, לאַנג אויסהאַלטן וועל איך שוין אַלץ איינס נישט; איז וואָס מיר די נפקא מינה? אַ טאָג פריער, צי אַ וואָך שפּעטער — מיין גורל איז שוין אַ געחתמעטער. און אַז מען האָט נאָך דער אַר־בעט געבראַכט דעם צוגעטיילטן ברויט־פּאַיאָק פאַר די שקלאַפן, בין איך אפילו שוין נישט צוגעגאַנגען: נאָך אַזאַ פאַרברעכן ווי איך בין דאָס באַגאַנגען, איז דאָס ערשטע: צוצונעמען דאָס שטיקל ברויט. מיט־אַמאָל הער איך אָבער אויסרופן מיין נאָמען. מילא, גיי איך צו. מאַכט מען מיר ווידער דעם אמתן רוסישן מי־שבירך. „וואָס איז? נאָכן ברויט דאַרף מען דיך אויך זוכן?" און ווי אַ זינדיקער האָב איך שוין גאָרנישט געענטפערט און צוגענומען דאָס ברויט. איך בין אַריין אין באַראַק און זיך געזעצט אין מיינע געהאַקטע צרות.

מיטאַמאָל הייבן אָן צו מיר קומען ייִדן. וואָס איז געשען? נישט אַנדערש, נאָר איך זאָל גיין בעטן ביים לאַגער־קאָמענדאַנט, ער זאָל מיר מוחל זיין. אין מיין גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן בין איך קיינמאָל נישט ביי קיינעם גאָרנישט געגאַנגען בעטן פאַר זיך. אויב שוין יאָ בעטן, איז דאָס געווען פאַר אַ מענטש וואָס האָט עס געדאַרפט. זאָל איך איצ־טער גיין בעטן? און ביי וועמען? ביי אַזאַ צורר ישראל!

זענען געקומען שלמה מאַרגוליעס און משה פּלאָטניק —ביידע בעלי־סמיכה אויף רבנות וואָס זענען געווען אין לאַגער. שפּעטער אויף דער פריי און נאָך שפּעטער אין לאָדזש, זענען זיי מיר געווען אמתע האַרציקע גוטע פריינט, כאָטש אונדזערע וועגן זענען געווען פאַרשידן. דעמאָלט אָבער זענען מיר געווען ייִדן, און זיי האָבן ביי מיר זיך געבעטן גיין צום לאַגער־נאַטשאַלניק, כל־זמן ס'איז נאָך נישט צו שפּעט.

דערנאָך איז צו מיר געקומען דער ראש־ישיבה, דער אַשמענער רב ר' אברהם, און ער האָט אויף מיר זיך געבייזערט און געשריגן: „סטייטש און היתכן? ווי קאָן דאָס אַ ייִד זיין אַן עובר בעל־תשחית אויף זיין אייגן לעבן?" — און ער איז אויף מיר גוזר, איך זאָל גיין צום ראש פון לאַגער! און איך האָב דערמאָנט דעם חשובן רב (איך האָף, ער לעבט נאָך ערגעץ), פאַרוואָס איז ער נישט געגאַנגען בעטן דעם זעלבן ראש וואָס האָט אים געדראָט מיט אַכט יאָר תפיסה פאַר נישט אָפּשערן זיך זיין באָרד — „פאַרוואָס האָב איך אייך דעמאָלט אַזוי גוט פאַרשטאַנען?" האָב איך אים געפרעגט.

עס זענען צו מיר געקומען נאָך ייִדן און זיך געקריגט מיט מיר פאַר מיין עקשנות. און צום סוף האָט זיך געיאָוועט וולאַדימיר ביעלקאָוו. ער האָט צו מיר גאָרנישט גערעדט, נאָר אָנגענומען מיך ביי די הענט,

אַרייַנגעקוקט מיר אין די אויגן, לאַנג און דורכדרינגענדיק, פעסט מיר געדריקט מייַנע הענט און איז אַוועק.

דאָס האָט אַזוי געדויערט וואָכן און אַז איר ווילט, אפילו חדשים. צו דער אַרבעט האָט מען מיך ווי יעדן טאָג, ווייטער גענומען. מייַנע כּוחות זענען אָבער וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ שוואַכער. אַז איך וועל אויף אַזאַ אופן אָדער אויף אַן אַנדערן אויסגיין, אין דעם האָב איך קיין ספק נישט געהאַט. נאָר אָפּעסן כאָטש נאָך איין מאָל צו דער זעט, דאָס האָב איך געוואָלט, און דערנאָך זאָל זיין וואָס עס וויל.

געראַטעוועט האָט מיך אַ ייִד פון אַ ליטווישן שטעטל וואָס איז געווען דער סערווירער פון די זופּן. האָט ער צו מיר געזאָגט, אַז יעדן אָוונט, ווי לאַנג איך בין נאָך דאָ, זאָל איך צוקומען אונטערן פענצטער און אַ געשריי טאָן: „כּל נדרי!", וועט ער דאָס פענצטער עפענען און אויף מיר טאַקע אָנשרייַען, הלמאַי איך קום אַזוי שפּעט — אָבער נאָך אַ פּאַרציע זופּ וועל איך ביי אים פּאַרט באַקומען.

און אַז דער ליטווישער ייִד האָט אויף אַן אמת זיך מוסר נפש גע־ווען און מיך דערהאַלטן ביים לעבן, פאַרשפּאַר איך דאָ צו דערציילן. ס'איז בלויז געווען געזונג מייַן רוף: „כּל נדרי!", און שוין האָט ער מיר אַרויסגעגעבן אַן איבעריקע זופּ — וואָס איז געווען בפירוש קעגן געזעץ. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אַ היפּשע צאָל נעכט.

די שפּאַנונג אַרום מיר האָט, ווי געזאָגט, אָנגעהאַלטן אַ שייַנע פּאָר וואָכן, ביז עס האָט זיך אַזוי ווי פון זיך אַליין איינגעשטילט. און ווען אפילו איך אַליין האָב שוין פאַרגעסן אין גאַנצן ענין, רופט מען מיך פּלוצלינג אין איינעם אַן אָוונט אין אורבע (לאַגער־ביוראָ). אַ שרעק איז אַלעמען באַפאַלן און אוודאי מיך אויך. אָבער אַז מען רופט, איז פאַרפאַלן — ווילסט יאָ, צי ווילסט נישט, גיין מוז מען. מילא, בין איך געגאַנגען. ביים טישל איז געזעסן אַ שרייַבערל און דער האָט מיר גע־מאָלדן נישט מער און נישט ווייניקער, אַז אַזוי ווי איך בין געווען ביים דאָקטער (אפשר מיט זעקס חדשים צוריק) און האָב געבעטן, אַז מען זאָל מיך באַפרייַען כאָטש אויף איין טאָג פון דער אַרבעט, זאָגט ער מיר איצט אָן, אַז איך ווער באַפרייט אויף גאַנצע צען טעג; מער נישט, אויב איך וועל צוהעלפן שיילן קאַרטאָפל, וועל איך באַקומען אַ טאָפּעלע זופּ. איך האָב געדאַנקט דעם שרייַבערל פאַר דעם חסד און דעם משא־ומתן נישט געמאַכט. איך האָב נישט באַוויזן צו ענדיקן די ערשטע טעג פון מייַן „באַפרייונג", ווי מען האָט מיך ווידער גערופן אין „אורבע" און מען האָט מיר געמאָלדן, אַז אויך נאָך אַ צווייטן מאָל זיין ביים דאָקטער, וועל איך ווידער באַפרייט ווערן אויף נייַע צען טעג.

אָבער אַז איינער האָט נישט קיין מזל, וועט אים שוין אפילו קיין

טאַטער נישט העלפן. אויפן פינפטן טאָג פון די צווייטע צען טעג האָט זיך ווידער אָרייַנגעשלייכט אין לאַגער־באַראַק און, ווי געווייַנלעך, נאָך חצות, עפּעס אַ פריש מענטשל און באַפוילן צו זיין אויפמערקזאַם, און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו לייענען נאָמען נאָך נאָמען. אויך מיין נאָמען האָט דאָס מענטשל געלייענט. דאָס איז שוין געווען די דריטע גרופע וואָס מען האָט איצט באַפרייט. צום סוף האָט ער, נישט ווי שטענדיק, אַ זאָג געטאָן, אַז די אַלע וואָס זייערע נעמען האָט ער דאָ געלייענט, זאָלן דאָס ערשטע אַריין אין לאַגער־באָד. דאָס מענטשל האָט דאָס מאָל געטאָן אַ גוטע זאַך, ווייל יעדער פון אונדז האָט שוין פון לאַנג געדאַרפט גיין אין באָד אַריין.

און אויף מאָרגן איז ביים ציילן באמת געווען דאָס ערשטע מאָל זינט קרוב צוויי יאָר וואָס איך האָב זיי דאָרטן געפעלט צום חשבון.

## א טייוולאָנישע שפּיל מיט א מוזיק-קאַפּעליע

אויף מאָרגן נאָך דער רעוויזיע האָבן אַלע אין לאַגער שוין גע־ ווּוסט, אַז אויך דאָס מאָל האָבן די ג. ק. וו. ד.־לייט געהאָט אַ גוטן שניט. זיי האָבן איצט צוגענומען אַלץ, אפילו דאָס וואָס די פריערדיקע רעוויזיעס האָבן נאָך געהאָט איבערגעלאָזט: אַ פּאָר שקאַרפּעטן, אַ נאָדל מיט אַ ביסל פאָדעם, אַ לעצט שטיקל זייף, אַ קעמעלע, אַ צייַנ־ בערשטעלע. אַ צייַנבערשטעלע? צו וואָס אייגנטלעך דאַרף מען דאָס? אַז קיין ציין זענען שוין סיי ווי נישטאָ. און צו שטשי (אַזאַ באָרשטש) דאַרף מען דאָך נישט קיין ציין. דערפאַר אָבער האָבן זיי נישט גלאָט אַזוי צוגענומען, נאָר פאַר יעדער זאַך געצאָלט מיט אַ פּאַראַגראַף. פאַר אַ נאָזטיכל בלויז איין יאָר תפיסה, פאַר אַ ראַזיר־מעסער גאַנצע דריי יאָר; פאַרוואָס זיי האָבן אויסגעגאָסן זייער גאַנצן גרימצאָרן קעגן אַ ראַזיר־מעסערל — אַזש דריי יאָר! —, דאָס בלייבט שוין זייער סוד.

מיט איין וואָרט: נישט געווען אַזאַ זאַך, וואָס וואָלט נישט געווען קיין סחורה און אַ פּאַראַגראַף זי צוצונעמען. אַ גאַר באַזונדערע חשיבות האָבן ביי זיי געהאַט ברילן. נישט קאָנענדיק זיי גלאָט אַזוי צונעמען, האָבן זיי כסדר געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן, צי איינער וואָס טראָגט ברילן, האַלט נאָך נישט ביים שטאַרבן. אויך געלט האָבן זיי נישט אוועק־ געמאַכט מיט דער האַנט. לויטן לאַגער־רעגולאַמין האָט אַן אַרעסטיר־ טער געקאָנט האָבן ביי זיך 25 רובל. האָט מען אָבער ביי אים געפונען

מער האָט מען געדאַרפט דעפאָנירן דאָס געלט אין דער לאַגער־קאַסע אויפן חשבון פונעם אַרעסטירטן. אָבער נישקשה, זיי האָבן גענומען ווײַניקער אויך: מיט פינף אָדער מיט דרײַ רובל האָבן זיי זיך אויך נישט געבערעקלט. און אַז זיי האָבן דאָס צוגענומענע געלט נישט דעפאָנירט — איז וואָס? עס האָט נישט געשטימט מיט דער קאַסע?

איז טאַקע געשען דער נס, אַז בײַ די צווײ פריערדיקע אַביסקן (רעוויזיעס) האָב איך נאָך מײַנע דרײַ־רובלדיקע אַדורכגעטראָגן בשלום. איך בין בלויז אָפּגעקומען מיט אַ קאָמסאָמאָלסקן „מי־שבירך" אין גאָטס הייליקער מאַמען אַרײַן. ערשט בײַ דער דריטער רעוויזיע זענען מײַנע דרײַ רובל שוין אויך געפאַלן אַ קרבן.

עס זענען אָבער פאַרט געווען זאַכן וואָס די נ. ק. וו. ד.־געזעץ־היטערס האָבן נישט געקאָנט אַזוי פּשוט אַראָפּלאָזן צו זיך אין קעשענע, ווײַל זיי זענען געווען צו הייליק בײַ זייערע אייגנטימערס. צו די דאָזיקע הייליקייטן האָבן געהערט מוזיק־אינסטרומענטן און, להבדיל, טלית און תּפילין. וואָרעם וואָס האָט אַ קאָזאַק געזאָלט טאָן מיט טלית און תּפילין? בפרט ווען די בעלי־הטלית־און־התפילין האָבן געקעמפט דערפאַר מיט מסירת־נפש.

ווען קיין שום אַנדערע אַרגומענטן האָבן שוין נישט געהאָלפן, האָבן ייִדן ערשט פאַמעלכקע אַרויסגענומען די סטאַלין־קאָנסטיטוציע, וואָס פון דער דאָזיקער „הייליקייט" האָבן זיי שוין געהאַט באַוויזן זיך אויסצולערנען גאַנצע שטיקער, און זיי האָבן געפּאַכעט, שוואַרץ אויף ווײַס, מיט די סטאַלינישע פּסוקים אין דער האַנט פאַר די נעזער פון די צעטומלטע נ. ק. וו. ד.־תּלמידי־חכמים: „נאָט! זעט, דער חבר סטאַלין האָט געזאָגט!"; און אַז דאָס האָט שוין אויך נישט געהאָלפן זענען ייִדן געגאַנגען פּשוט אויף קידוש־השם. צי האָט זיך זיי דאָס יאָ אײַנגעגעבן? אַלנפאַלס בין איך אַליין געווען אַן עדות, ווען אין טאָג פון אונדזער באַפרײַונג האָט אַ ייִד מיט טריומף אין מיטן פון זייערס אַ „קולטור־ווינקל" געדאַוונט בפרהסיה און בקול־רם אין זײַן אייגענעם אָפּגעראַטעוועטן טלית־און־תּפילין. און טאָן האָט מען אים דעמאָלט שוין גאָרנישט געקאָנט.

אין גאַנצן אַנדערש איז דאָס געווען מיט די וואָס בײַ זיי האָט מען צוגענומען מוזיק־אינסטרומענטן. זיי האָבן שוין נישט געהאַט די פיזישע כּוחות צו גיין אויף קידוש־השם, און ממילא האָט אין זיי שוין אויך דאָס הייליקע פֿײַער נאָר געצאַנקט. האָבן זיי טאַקע דאָ געווילדעוועט, די נ. ק. וו. ד.־לײַט, ווי זייער היהש האָרץ האָט געגלוסט.

אָבער וועמען האָט דאָס געקאָנט אײַנפאַלן, אַז דאָס וועלן זיי אָרגאַניזירן אַזאַ שפּיל מיט אַ מוזיק־קאַפּעליע, גראָד איצט ווען דער באַלע־

באַס פונעם לאַגער איז דער אַבסאָלוטער הונגער, און כמעט אַלע לאַגער־איינוווינער זענען געוואָרן אַרומגעכאַפּט פון כלעראַליי עפּידעמישע קראַנקייטן.

די פיר הונדערט גראַם שטרוי־ברויט און די נעבעכדיקע וואַסער־זופּ, 6 אַ זייגער אינדערפרי און 10 אַ זייגער אין אָוונט — ביי אַזאַ עבודת־פרכדיקער אַרבעט האָט נישט געקאָנט זיין קיין דאַמבע וואָס זאָל פאַרשטעלן דעם וועג אַזוי פיל עפּידעמיעס. האָבן די רעזולטאַטן לאַנג אויף זיך נישט געלאָזט וואַרטן. דאָס ערשטע אָרט לאַמיר אָפּגעבן די צרעת. מיטן ערשטן פּוס וואָס די געפאַנגענע האָבן אַרויפגעשטעלט אויף די דעפּאָרטאַציע־וואַגאָנען, האָבן זיי באַלד זיך באַקענט מיטן סאָוויע־טישן רעאַליזם און זענען שוין באַלד געוואָרן געבענטשט מיט דער דריי־מכה פון מצרים.

די לייז זענען דאָס געוואָרן די אייזערנע בריק וואָס האָבן די ערש־טע אונדז פאַרבונדן מיטן גליקלעכן לעבן פון דאַזיקן לאַנד און אונדז שוין אויף קיין איין מינוט נישט פאַרלאָזן. אדרבא, זיי האָבן זיך געהאַלטן אין איין מערן און מערן, נישט נאָר אין צאָל: דאָס זענען געווען, ווי אין פּסוק שטייט, חיות קטנות וגדולות. האָבן זיי ווי אַ שטורעמווינט געטראָגן פון איינעם צום אַנדערן פלעק־טיפוס, בויך־טיפוס און טויט. אויפן אַרבעטס־פּלאַץ ווידער האָבן געבושעוועט די מאָסקיטן. דאָס זענען אַזעלכע קליינע פליגעלעך, קוים צו זען, וואָס שטעכן ווי מיט נאָדלען. פון די הימלען פאַלן זיי חמרימוויַיז און פאַרטונקלען ממש די סיבירער זון. זיך וועלן ראַטעווען פון זיי, זיך באַהאַלטן פאַר זיי איז אַרויסגע־וואָרפענע טירחה: נישט געווען אַזאַ אָרט אויפן קערפּער, וווהין די דאַזיקע ווערעמלעך זאָלן נישט האָבן געקאָנט דערגרייכן.

אויך פון די זומפּן, ווו די מענטשן האָבן זיך געראַיעט אַ גאַנצן טאָג צוזאַמען מיט די ווערעם, האָבן זיי נישט איין מאָל געגנאַסן פון זייער „גאַסטפריינטלעכקייט”. זענען די מענטשן, שוין אין די אָוונטן צעביסענע, צעניזוקטע, געשוואָלענע געקומען אין באַראַק און אוועק־געלייגט אויף די צעפוילטע ברעטער זייערע אויסגעפייניקטע גופים, אַזוי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פון די באַלקנס, פון די ווענט און פון די גע־לעגערס חמרימוויַיז די וואַנצן, וואָס האָבן צעביסן דאָס לעצטע ביסל פון די מענטשלעכע לייבער, אַז זיי זענען געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַן אייטערדיקער מאַסע.

און דער הונגער? ווען ער האָט געפּייניקט מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט אין די שרפהדיקע היצן בעת דער קאַטאָרגע־אַרבעט, האָט מען זיך דערקוויקט דאָס האַרץ מיט אַ ביסל קאַלט וואַסער, אַזוי איין

מאָל און נאָך אַ מאָל. און עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ווי אַ פייער האָט די אומגליקלעכע מענטשן ווידער פאַרכאַפּט דער פּאַנאַס (שלשול) וואָס פון אים זענען ממש געוואָרן אויפגעצערט ביז דאָס לעצטע די וואָס זענען געבליבן נאָכן טיפוס.

זענען קראַנקע געקומען צום דאָקטער, האָט דער שומר („פּאָליט־רוק") וואָס איז געווען איבערן דאָקטער פאַרלאַנגט פונעם קראַנקן 38 גראַד היץ — אַנדערש אַנערקענט ער נישט זיין קראַנקייט — און גע־דראָט האָט ער דעם קראַנקן מיט סאַבאָטאַזש־פּראָצעסן, און דער עיקר אָבער דעם דאָקטער, אויב ער וועט דעם קראַנקן באַפרייען אפילו נאָר אויף איין טאָג. איז, ווי זאָל אַזאַ קראַנקער נעמען די 38 גראַד טעמ־פּעראַטור, אַז ווען ער קומט צום דאָקטער, איז ער שוין אַ נוטה־למות?

ווי אַ רעזולטאַט פון דעם אַלעמען איז איצט צוגעקומען אַ שפּאָגל־נייע קראַנקייט וואָס ווייניק מענטשן האָבן פון איר ביז איצט געוווּסט. געהייסן האָט זי „צינגאַ". וואָס איז דאָס געווען פאַר אַן אַנשיקעניש? עס האָט פּלוצלינג גענומען ביי אַלע אַרויספאַלן די ציין. נישטאָ קיין ברויט, דאַרף מען אויך נישט קיין ציין. פון שווערער אַרבעט, פון צו ווייניק רוען און פון כסדרדיקן הונגער — ווער רעדט שוין פון וויטאַ־מינען? יאָרן לאַנג אָן אַ ברעקעלע פעטס, אָן אַ שטיקל צוקער, אין אַ צייט, ווען אַ ציבעלע אָדער אַ קנאָבל איז געווען אַן אוצר, האָט ווי אַ מגפה אַרומגעכאַפּט אַלע די צינגאַ־קראַנקייט.

אויף דער קראַנקייט אָבער האָבן די נ. ק. וו. ד.־לייט גיך געפו־נען אַ רפואה. אין איינעם אַ טאָג, ווען די דאָזיקע טויטע נפשות האָבן זיך קוים דערשלעפּט פון דער קאַטאָרגע־אַרבעט צום טויער פונעם לאַ־גער, האָט מען זיי אָקעגנגעטראָגן אַ שאַרפן באַפעל: „אויב איר ווילט אָפּראַטעווען אייערע ציין, זאָלט איר שוין תיכף־ומיד און נאָך איידער איר גייט אין קיך נאָך דער זופּ, אַריינמאַרשירן אין „סאַן־טשאַסטי" (סאַ־ניטאַרע אָפּטיילונג —— און דאָ האָט אויף זיי שוין געוואַרט די ריכ־טיקע רפואה שלימה.

אין אַ בודקע, צונויפגעקלאַפּט פון אַ ביסל ברעטלעך און וואָס זיי האָבן גערופן „סאַניטאַרע אָפּטיילונג", איז געשטאַנען אַ פעסל מיט וואַ־סער און אין דעם פעסל זענען אַרומגעשווומען אַ פּאָר האַלב־גרינע בלעטער, אַראָפּגעפאַלענע פון דיביימער, און יעדער האָט געדאַרפט אויסטרינקען פון אַ פאַרזשאַווערטער בלעך־פּושקע פון אַט אַ דעם מים־המאררים. אַז די ציין האָבן אַלץ נישט געוואָלט פאַלגן און זענען ווײַ־טער אַרויסגעפאַלן, איז דאָס שוין נישט געווען זייער שולד: די דער־פינדונג אָבער איז אַ „גוואַלדאָווּנע" און האָט אויך נישט געקאָסט טייי־

ער. האָבן זיי שוין, הייסט עס, באַזייטיקט די סכנה פון נאָך איין מחלה. די נאָכווייענישן פון שלשל, צרעת, טיפוס אאז״וו שרעקן זיי שוין מער נישט. האָט זיך אָבער באַוויזן אין דער צווישנצייט אַ פרישע (פאַר אונדז פרישע) חולאת וואָס האָט געהייסן „הינער־בלינדקייט״, און דאָס איז אַזאַ מין צרה, אַז ווי נאָר עס באַווייזט זיך די זון אָדער ווען עס קומט אָן די נאַכט, הערט מען אויף צו זען, און די וואָס טראָגן די מחלה אין זיך, טאַפּן אין דער פינצטער, גלייך זיי וואָלטן זיין אויף אָן אמת פול־שטענדיק בלינד. איז אָבער נישטאָ אַזאַ קראַנקייט, וואָס צו איר זאָל די סאָוויעטישע פּאָליציי נישט האָבן געקאָנט געפינען אַ היילונג. און לאַנג האָט מען אויך נישט געדאַרפט וואַרטן: אויך איצט האָבן די לאַגער־אָנפירער געפונען אַ רפואה צו דער מכה.

נאָך איינעם אַזאַ גיהנומדיקן קאַטאַרגע־טאָג, שלעפּנדיק די אויס־געמאַטערטע גופים, האָבן זיך אָפּגעשלאָגן שוין פון דער ווייטנס אַזעלכע מאָדנע אָפּקלאַנגען ווי דאָס וואָלט געווען פון טראָמפּייטן. וואָס איז דאָס? אין לאַגער טראָמפּייטן? דאָס איז דאָך נישט מעגלעך: נישט אַנדערש. נאָר עס האָט זיך באַוויזן אַ נייע קראַנקייט — דאָס מאָל: האַלוצינאַציע. אָבער וואָס נענטער די לעבעדיקע שאָטנס זענען צוגעקומען צום לאַ־גער־טויער, אַלץ דייטלעכער האָבן זיך געהערט מעלאָדיעס: „מיין שטע־טעלע בעלז״ אָדער „זעסטו די מומע גיין, לאָז זי גריסן״. צום שטאַרקסטן אָבער האָט געקלונגען די מעלאָדיע: „אַז חבר סטאַלין וועט אונדז שיקן אויף מלחמה״. ווען? אונדז, וואָס קאָנען זיך שוין קוים האַלטן אויף די פיס, וועט חבר סטאַלין שיקן אויף מלחמה? האָבן די שקלאַפן באַלד אונטערגעכאַפּט. ערשט דאָ, ביים לאַגער־טויער, האָט זיך אָפּגעשפּילט דער ריכטיקער קאָנצערט. אויף אַ פּאָר קלעצער, עסטראַדע בלע״ז, זענען געשטאַנען די אָרקעסטער־מענטשן. זיבן זענען זיי געווען: איי־נער מיט אַ צעבראָכענעם פידל, די איבעריקע מיט אַנדערע צעבראָכענע כלים וואָס האָבן אַרויסגעגעבן טענער, ווי מען וואָלט געשניטן קלעצער מיט אַלטע זעגן. די שענסטע מוזיק־כלי איז אָבער געווען די פּויק — אַן אַלטע, פאַרזשאַווערטע בלעך מיט אַ שטיק האָלץ.

די אמתע קריטיקער זענען געקומען ערשט איצט. די ערשטע „רע־צענזיע״: „אַ מוזיק ווי אין טאָג פון אַ לוויה בעת דער שוואַרצער מגפה״. דער צווייטער האָט געזאָגט: „ווי אַ יידישע חתונה אויפן בית־עולם בשעת דער כאָלערע״. נאָך די אַלע „רעצענזיעס״ האָט זיך די זאַך נאָך נישט פאַרענדיקט. נאָך די רעצענזיעס זענען געקומען ווייטערדיקע, און וואָס ווייטער זענען זיי געווען אַלץ העכער.

„שטעלט אַ גרעסערן בית־עולם, נישטאָ שוין ווו צו לייגן די טויטע!״ — „ברענגט צום טויטן־קאָנצערט מאַלאַטאָוון און ריבענטראָפּן!״.

און די קריטיק האָט זיך נאָך אַלץ נישט אָפּגעשטעלט, גיכער פאַרקערט — וואָס ווייטער, אַלץ גיכער און שאַרפער איז זי געוואָרן. די מורא איז פאַרשווונדן געוואָרן. נישטאָ שוין מער וואָס צו פאַרלירן. יעדן טאָג טרייבט מען שוין איצט אַלץ ווייניקער שקלאַפן צו דער אַרבעט, און נאָך ווייניקער קומען צוריק.

נאָך אַ קורצער צייט, אַזוי אומגעריכט ווי דער אָרקעסטער האָט אָנגעהויבן שפּילן, אַזוי אומגעריכט איז ער פאַרשווונדן געוואָרן. צי איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל די ג. ק. וו . ד.־לייט האָבן זיך אַליין דערפילט לעכערלעך אין זייערע אייגענע אויגן ? אָדער האָבן דאָ געווירקט די פּראָטעסטן פון די אומגליקלעכע שקלאַפן און זייערע חוזק־געשרייען ?

אַזוי האָט זיך געענדיקט די טייוולאַנישע שפּיל מיט דער מוזיק־קאַפּעליע. און דער מלאך המוות האָט ווייטער געקאַנט שניידן שטיל זיין טויט־שניט.

## א שטרייק פון פוילישע בירגער אין לאגער

וויפל שקלאַפן־לאַגערן זענען געווען אין סאָוויעט־רוסלאַנד ? און וויפל זענען נאָך דאָרט פאַרבליבן ביז היינט ? דאָס וועט שוין מסתמא קיינער קיינמאָל נישט וויסן. ווען מען האָט אונדז געפירט פון די תפיסות אין לאַגער, האָט דאָס געזאָלט זיין אין סטאַראָ ביעלסק, אַ מקום נישט ווייט פון כאַרקאָוו. ווי ווייט איז עס דען פון אונדזער אייראָפּע ?

אין וועג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סיי דער לאַגער און סיי כאַרקאָוו זענען שוין באַזעצט דורך די דייטשע חיילות. אונדזער עשאַלאָן איז באַשטאַנען פון 88 לאַסט־וואַגאָנען, און אין יעדן פון זיי זענען געווען צו 30 מענטשן. ניין — דאָס זענען שוין נישט מער געווען קיין מענטשן, נאָר נומערן. איז, ווו טוט מען זיך מיט זיי אַהין ? און צו וועלכן לאַגער מען האָט צוגעפירט דעם עשאַלאָן, האָבן די דייטשן שוין געהאַט פאַרלאָפן דעם וועג. האָט מען אַזוי דעם עשאַלאָן אַרעסטירטע אַרומגעפירט 32 מעת־לעת. ווו האָט מען דעם עשאַלאָן נישט אַלץ געפירט ? איבער דער וואָלגע, אוראַל, בייקאַל, אָמסק און טאָמסק, יעניסעיסק, ביז מיר זענען צוגעקומען צו דער סטאַציע טייגאַ, און פון דאָרט ערשט נאָך אַ דריי טויזנט קילאָמעטער צו אַ לאַגער אויף אַ סטאַציע רישאַטאַ, לאַגער־פונקט נומער 1, ווו מען האָט אונדז מגלה־בשורה געווען, אַז מיר געפינען זיך אין אַ שטראָף־לאַגער.

דער רוסישער שרייבער און לאַגער־אַרעסטאַנט סאָלזשעניצין האָט באַשריבן אַזוי בילדלעך און קינסטלעריש בלויז איין טאָג פון איוואַן דעניסאָוויטש אין אַ סאָוויעטישן שקלאַפן־לאַגער, וואָס האָט פאַרנומען אַ גאַנץ בוך. איך וויל דאָ געבן נאָר עטלעכע שטריכן וואָס האָבן דער־פירט די פּוילישע בירגער צו אַ פאַרצווייפלטן שטרייק, וואָס ביי יענע סאָוויעטישע באַדינגונגען האָט דאָס געמיינט אַ טויט־אורטייל.

כעלות השחר האָט מען שוין אָראָפּגעשלעפּט די אַרעסטאַנטן פון זייערע צופוילטע און ווערעמדיקע געלעגערס. די שפּייז־נאָרמע איז לויטן לאַגער־דין באַשטאַנען פון 400 גראַם נאַס שטרוי־ברויט דערנאָך אַ וואַ־סערדיקע זופּ. און נאָך דעם האָט מען די שקלאַפן געיאָגט גאַנצע אַכט קילאָמעטער צו עבודת־פּרכדיקער אַרבעט ביז זון־אונטערגאַנג, ביי 60 גראַד היצן און 40־גראַדיקע פרעסט. אין אָוונט האָט מען געגעבן נאָך אַ ביסל וואַסערדיקע זופּ.

זענען מענטשן טאַקע געפאַלן ווי די פליגן, און די וואָס זענען נאָך נישט געפאַלן, האָבן געוואַרט אויף עפּעס אַ נס. די מוראדיקע מפּלות פון די סאָוויעטישע אַרמייען אויף אַלע פראָנטן האָט זיי געצוווּנגען זיך אַ ביסל אויסצומענטשלען (וואָס האָט, אגב, נאָר קורץ געדויערט) און צו שליסן אַן אָפּמאַך מיט דער פּוילישער גלות־רעגירונג פון גענעראַל שיקאָרסקי. אין דאָזיקן אָפּמאַך הייסט עס, אַז אַלע פּוילישע בירגער אָן אונטערשיד פון נאַציע און רעליגיע, אַלצאיינס אויף וויפל און ווי אַזוי זיי זענען געוואָרן פאַרמשפּט מוזן ווערן באַפרייט, נישט געקוקט אויף אַלץ וואָס מען זאָל זיי נישט האָבן פאַרגעוואָרפן... און וואָס אייגנטלעך מען וואַרפט זיי פאָר, האָט קיינער פון די פּוילישע בירגער נישט געוווּסט, און דאָס איז זיי אויך קנאַפּ וואָס אָנגעגאַנגען, וואָרעם וואָס נאָר עס האָט זיך געוואָלט דער ג. ק. וו. ד., האָט זי זיי צוגעקלעפּט. איז ווי אַזוי האָבן זיך דאָס די אַרעסטאַנטן דערוווּסט? אַז פאַר האַלטן אַ שטיקל פּאַפּיר און ווער שמועסט נאָך אַ געדרוקטס, איז מען געוואָרן שווער באַ־שטראָפט. און דאָס הייסט, אויב מען זאָל גלויבן דעם לאַגער־קאָמענדאַנט: אויף פינף יאָר שווערע תפיסה!

איז אין איינעם אַ טאָג איינער פון די אַרעסטירטע פּוילישע בירגער אַרויס „אויף זיין פּערזענלעכן געברויך" און האָט דאָרט באַמערקט אַ פאַראומרייניקט שטיקל געדרוקט פּאַפּיר. און, נישט געקוקט אויף דער סכנה האָט ער עס מיט זיך מיטגענומען, עס אָפּגערייניקט און דאָ האָט ער דערזען די איינציקע ידיעה וועגן דעם אָפּמאַך. און אין משך פון פינף מינוט איז ווי אַ בליץ דורכגעלאָפן די ידיעה צווישן אַלע אַרעס־טירטע פּוילישע בירגער. ווער עס האָט אַזאַ פרייד אַליין נישט איבער־

געלעבט, דער וועט זיך קיינמאָל נישט קאָנען אויסמאָלן די פרייד וואָס אָט די ידיעה פונעם פּאַראומרייניקטן געדרוקטן שטיקל פּאַפּיר האָט אַרויסגערופן ביי די אומגליקלעכע שקלאַפן. מען איז זיך געפאַלן איינער דעם אַנדערן אויפן האַלדז, מען האָט זיך געקושט. מען וועט דאָך ענדלעך פּטור ווערן פון די שטעכיקע דראָטן מיט די היטערס אויף די ווישקעס מיט מאַשין־געווער אין די הענט, שטענדיק גרייט צו אַרבעטן מיט דעם, און מיט זייערע פּירפּיסיקע דינער ביי דער זייט. און צום סוף די עבודת־פּרכדיקע אַרבעט! אפילו די אַרבעט איז געוואָרן לייכטער און דעם הונגער האָט מען שוין ווייניקער געפילט... מען וועט דאָך באַלד באַפרייט ווערן!

גייט אָבער אַוועק אַ וואָך און נאָך אַ וואָך, און וועגן באַפרייט ווערן הערט מען עפּעס גאָרנישט. און אַזוי האָט זיך אַריינגעכאַפּט דער וואָרעם פון צווייפל, צי ווערט דאָ נישט געשפּילט עפּעס אַ חוזק־שפּיל איבער אונדזער פאַרוויסט לעבן. האָבן זיך אָבער ווי תמיד געפונען אָפּטימיסטן וואָס האָבן געפּאַכעט מיטן אָפּגערייניקטן שטיקל פּאַפּיר און געוויזן שוואַרץ אויף ווייס: „אָט זעט איר דאָך מיט די אייגענע אויגן, אַז אונטערגעשריבן מיט זייערע הענט האָבן גענעראַל שיקאָרסקי און סטאַלין — איז וואָס קאָן שוין מער זיין זיכער?".

האָט מען זיך צו ביסלעך באַרויִקט: אַז סטאַלין אַליין האָט אונטערגעשריבן! כאַטש מען האָט אונדז ווידער געשלעפּט כעלות הבוקר פון די ווערעמדיקע געלעגערס און מיר זענען געגאַנגען הונגעריקע צו דער עבודת־פּרך זיך אַרויסשלאָגן פון די לעצטע כוחות און געוואַרט אויף דער גאולה, נאָר אַז די גאולה איז אַלץ נישט געקומען, האָט מען אָנגעהויבן שיקן טעלעגראַמעס קיין מאָסקווע — און טעלעגראַמעס קאָסטן געלט, האָט מען פאַר זיי אָפּגעגעבן די לעצטע קאָפּיקעס און אָפּגעבן האָט מען זיי געמוזט דעם לאַגער־קאָמענדאַנט.

איז נישט נאָר מען האָט אויף זיי קיינמאָל קיין ענטפער נישט באַקומען, נאָר זיי זענען קיינמאָל נישט געוואָרן אָפּגעשיקט; גאַנץ איינפאַך: דער לאַגער־מושל האָט פשוט אַראָפּגעלאָזט דאָס געלט צו זיך אין קעשענע. וואָכן און חדשים גייען אַוועק, און אין קול ואין עונה: נישטאָ קיין ענטפער אויף די טעלעגראַמעס קיין מאָסקווע! האָבן מיר אָנגעהויבן אַן אַנדערע סדרה מיט שיקן דעלעגאַציעס צום קאָמענדאַנט: צי ווייסט זיין עקסעלענץ, אַז לויט אַן אָפּמאַך צווישן די צוויי רעגירונגען, דער פּוילישער רעגירונג און דער סאָוויעטישער דאַרפן מיר שוין איצט זיין באַפרייט? און דאָ, נישט נאָר, וואָס מען באַפרייט אונדז נישט, נאָר מיר ווערן באַהאַנדלט, גלייך מיר וואָלטן קיין מענטשן נישט געווען: מען יאָגט אונדז צו די שווערסטע אַרבעטן, אָפּטמאָל אינגאַנצן אומניי־

טיקע, און דאָס ביי אַ הונגער וואָס האָט נישט זיינס גלייכן אין קיין שום מענטשלעכער געזעלשאַפט.

דער לאַגער־מושל האָט טאַקע נישט געלייקנט, אַז ער ווייסט אַז מיר זענען שוין איצט פרייע מענטשן. אלא וואָס דען? צוליב טעכנישע שוועריקייטן, וואָס זיי האָבן צוליב דער מלחמה מיט די דייטשן, מוזן מיר דעריבער נאָך מער אַרבעטן ווי ביז איצט.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז איצט זענען מיר פאַרלוירן, וואָרעם ווען האָט סאָוויעט־רוסלאַנד נישט קיין שוועריקייטן? אָבער אויסהאַלטן נאָך לענגער אַזוי איז געווען אוממעגלעך. יעדן טאָג ווערן ווייניקער מענטשן, און וואָס צו פאַרלירן, איז שוין מער נישט געווען. אויב עס זאָל גיין ווייטער אַזוי מוזן מיר אומקומען — איז זאָל כאָטש זיין ווי קעמפנדיקע מענטשן. און ס'איז געוואָרן געגעבן דער סיגנאַל: שטרייק!

די רוסישע לאַגערניקעס האָבן אויף אונדז געקוקט ווי אויף זעלבסט־מערדער. אָבער רעזולטאַטן פון אַ שטרייק ווייסט מען קיינמאָל נישט פון פאַרויס — אַ מאָל קאָן מען עפּעס דערגרייכן, און אַ מאָל קאָן ווערן נאָך ערגער. ערגער האָט אָבער שוין נישט געקאָנט זיין, און מיר זענען גע־גאַנגען „אויף וואַ־באַנק".

ווער עס האָט אָרגאַניזירט דעם שטרייק און ווי אַזוי ער איז גע־וואָרן אָרגאַניזירט, איז פאַר מיר אַ רעטעניש ביז צום היינטיקן טאָג, און איך, ווי אַן אַלטער פּראָפעסיאָנעלער טוער, בין אַן וואַקלעניש צוגע־שטאַנען צום שטרייק און בין צו דער אַרבעט נישט געגאַנגען.

באַלד זענען מיר געוואָרן אַרומגערינגלט דורך דער נ. ק. וו. ד. און געפירט אין אַן „איזאָלאַטער" (קאַרצער בלע"ז), וווּ מען האָט אונדז געהאַלטן אַ מעת־לעת אָן עסן און אָן אַ ביסל וואַרעם וואַסער. אויף מאָרגן האָט זיך געיאַוועט דער לאַגער־נאַטשאַלניק און אַ פרעג געטאָן די קאַרצער־אַרעסטאַנטן: „איר גייט צו דער אַרבעט אָדער נישט? און די פּאָליאַקן, אַזוי גיך ווי זיי האָבן געהאַט זיך אָנגעצונדן, אַזוי גיך האָבן זיי זיך איינגעבראָכן: זיי האָבן נישט אויסגעהאַלטן די שטרייק־פּראָבע און איינציקווייז זענען זיי געגאַנגען צו דער אַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז אויך די עטלעכע הונדערט ייִדן האָבן מיט חרפה געמוזט גיין צו דער אַרבעט. כאָטש דאָס איז געווען אַ שטרייק פון איין מעת־לעת, איז ער אָן רעזולטאַטן נישט אַדורך, ווי מיר וועלן דאָס באַלד זען.

באַלד נאָך דעם האָט דער לאַגער־הערשער גערופן צו זיך אַלע פירער פון די פּוילישע בריגאַדעס און זיי געמאַכט דעם אמתן רוסישן „מי שברך": זאָלן זיי נישט מיינען, אַז זיי זענען אין פּאַלשע ביי די פּוילישע פּאַנעס! און נאָך זאָלן זיי וויסן, אַז איצט איז מלחמה, און אויך וויסן, וואָס עס מיינט שטרייקן אין סאָוויעטסקי סאָיוז אין צייטן פון מלחמה!

צומאַרגנס איז ער געקומען אויפֿן אַרבעטס־פּעלד, האָט צונויפֿ־גערופֿן אַלע פּוילישע בירגער און זיי צעטיילט אויף פּוילישע בריגאַדעס מיט זייערע פּירער באַזונדער און אויף ייִדישע בריגאַדעס מיט זייערע אָנפּירער באַזונדער. ער האָט באַפֿוילן צו דערלייגן פּאָר אַלע בריגאַדעס צוזאַמען נאָך איין עמער זופּ. אַזוי אָבער ווי די פּאָליאַקן האָבן געהאַלטן, אַז דער גענעראַל שיקאָרסקי איז זייערער און אַז פּוילן איז דאָך אוודאי זייערס, איז דעריבער די זופּ אויך זייערע...

אין איינעם אַ טאָג איז פּלוצלינג געקומען אין לאַגער אַ דאָקטוי־רים־קאָמיסיע, כּדי צו באַטראַכטן דעם געזונט־צושטאַנד פֿון די אַרעס־טירטע. די קאָמיסיע האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז די אַרעסטאַנטן זענען אויס מינדעסטנס מיט צען יאָר עלטער, ווי זיי זענען פֿאַקטיש: זיי טויגן שוין בכלל נישט צו קיין אַרבעט און קאָנען נאָר ווערן פֿאַררעכנט אין דער קאַטעגאָריע אינוואַלידן. וואָלט איך געוועזן געמוזט בלייבן אין דאָזיקן לאַגער נאָר עטלעכע חדשים, וואָלט איך עס נישט אויסגעהאַלטן.

זייער אָפֿט, ווען עס דאַכט זיך אַז ס'איז שוין כּלו כּל הקיצין, קומט ערשט דער נס. אין אַ געוויסער נאַכט האָבן די פּוילישע לאַגער־ניקעס זיך געדאַרפֿט שטעלן אין לאַגער־ביוראָ און מאַכן זייערע פֿינגער־אָפּדרוקן אויף כלערליי פּאַפּירלעך. געזאָגט האָט מען, אַז דאָס טיילט מען צו יעדן איינעם זיין אורטייל, די „פּאַרציע יאָרן". אויף וויפֿל דאָס איז געווען אמת, וועט שוין בלייבן אַן אייביקער סוד פֿון דער לאַגער־מאַכט.

און אַזוי זענען ווידער אַוועק וואָכן. אין איינעם אַ פֿרייטיק צו נאַכטס נאָך חצות האָט אין באַראַק זיך אַריינגעשטעלט עפּעס אַ מענטשל און אַ געשריי געטאָן: „זדיעס זשיוווט פּאָליאַקי?" (דאָ זענען פּאָליאַקן?). פֿון פֿיר הונדערט מיילער האָט זיך עס מיט איין מאָל אַרויסגעריסן: „סדיעס!" (דאָ!). — „וניעמאַניע!" (אַכטונג!), האָט דאָס מענטשל ווי־דער אויסגערופֿן. „וועמענס נאָמען איך וועל דאָ פֿאַרלייענען, דער זאָל זיך פֿון דאַנען פֿאַרנעמען מיט זיינע זאַכן, און מער זאָל זיין פֿוס זיך דאָ נישט געפֿונען!". אַזוי האָט ער פֿאַרגעלייענט די נעמען פֿון 154 ישיבה־בחורים.

דערנאָך זענען אַוועק נאָך און נאָך וואָכן ביז ס'איז געוואָרן גערופֿן אַן אַנדערע גרופּע און ווידער האָט מען באַפֿוילן, אַז „זייערע פֿיס זאָלן זיך דאָ מער נישט געפֿינען". צי זענען טאַקע אַלע פּוילישע אַרויס פֿו־נעם לאַגער, איז נאָך היינט אַ גרויסע פֿראַגע. און צי זענען די באַפֿריי־טע טאַקע יאָ באַפֿרייט געוואָרן אַ דאַנק דעם שטרייק? אויך דאָס וועט מען זיך שוין קיינמאָל נישט דערוויסן.

# דער דערמאַרדעטער חלום פון א יוגנט

„לאָמיר גיין, לאָמיר גיין אויף אַ נייעם וועג" — דאָס איז געווען דער קאַמפּס־הימען וואָס איז געוואָרן אַריבערגעטראָגן פון יענער זייט גרענעץ פונעם „רעוואָלוציע"־לאַנד און האָט אויך דערגרייכט דאָס לאַנד פון דער ווייסל און האָט אַרומגעכאַפּט אַ גרויסע צאָל פון דער ייִדישער יוגנט. דער דאָזיקער רוף איז אויך דערגאַנגען צו כאַצקלען.

כאַצקל איז אויסגעוואַקסן אַן אַדוואָקאַט, אָבער נישט זיין וועג פון חדר האָט אים געפירט צו דער אַדוואָקאַטן־טאָגע. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל נישט ווייט פון וואַרשע ביי אָרעמע עלטערן, און שוין צו צוועלף אָדער דרייצן יאָר איז ער אַריינגעפירט געוואָרן דורך זיין טאַטן אינעם ווערקשטעל פון אַן אָרעמען ייִדישן שניידער וואָס ביי אים האָט אים דער פאָטער פאַרדונגען אויף דריי יאָר. און אַט דער ייִדישער שניידער האָט כאַצקלען געדאַרפט אויסלערנען נישט בלויז דאָס שניידער־פאַך, נאָר אים מדריך זיין ער זאָל חלילה נישט אַראָפּ פון דרך־הישר. באַוואָפנט מיט דער שניידערישער תורה פון זיין מייסטערל, האָט כאַצקל זיך געלאָזט אין דער גרויסער וועלט אַריין און דער ערש־פּונקט איז געווען וואַרשע.

דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה ווען די סאָוויעטן האָבן אָנגעהויבן זייער מאַרש אויף וואַרשע און דערביי געליטן א מיליטערישע מפּלה.

דורכגעפאַלן אויף די פראָנטן און געמוזט שליסן דעם ריגער שלום, אַזוי ווי פּוילן האָט אים דיקטירט, האָבן די רוסן אָנגעהויבן אַ נייע מלחמה, דאָס מאָל אַ פּראָפּאַגאַנדע־מלחמה וואָס האָט געדאַרפט אַפּעלירן צום אַרבעטער־קלאַס פון דער וועלט און בפרט צום פּוילישן פּראָלעטאַריאַט וואָס זיינע לעבנס־באַדינגונגען זענען געווען פון די כמעט נידעריקסטע. די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע־ווענטקע האָט אויך נישט אויסגעמיטן אַ טייל פון דער ייִדישער יוגנט וואָס איז שוין זינט דורות געווען פון די סאַמע אונטערדריקטע. אויב פּאָליאַקן זענען דאָרט געווען אונטערדריקט נאָר ווי אַרבעטער, זענען ייִדישע אַרבעטער געווען אונטערדריקט סיי ווי אַרבעטער און סיי ווי ייִדן. זענען געקומען די באָלשעוויקעס און האָבן גערופן די ייִדישע יוגנט, וואָס האָט געלעכצט נאָך פרייהייט און איז געווען גרייט צו קעמפן פאַר איר. „קומט — האָבן געטענהט די באָלשעוויקעס — קומט! ביי אונדז איז קיין ייִדן־דיסקרימינאַציע נישטאָ! ביי אונדז איז פאַראַן פולע גלייכבאַרעכטיקונג, נישט בלויז אויפן עקאָנאָמישן געביט, נאָר אויך אויפן געביט פון קולטור, ווו עס ווערן אויס־

געהאַלטן יידישע שולן, אָנהייבנדיק פון די נידעריקסטע קלאַסן און דערגייענדיק ביז צו די העכסטע שול־אַנשטאַלטן, ווו עס לערנען יידישע לערער מיט יידישע קינדער אין דער יידישער שפּראַך — און דאָס אַלץ אויפן חשבון פון דער מלוכה! היינט וואָס שייך אַרבעט, איז נישטאָ אַזאַ אַרבעט אין דער קאָמוניסטישער מלוכה וואָס יידן זאָלן נישט קאָנען מיט איר זיך פאַרנעמען צוליב דעם ווייל זיי זענען יידן: ווילסטו זיין אַ קוילן־גרעבער? איז מיטן גרעסטן כבוד! אַלע טויערן שטייען פאַר דיר אָפן! ווילסטו זיין אַ שניידער? קאָנסטו זיין אַ שניידער. ווילסטו ווערן אַן אַדוואָקאַט (דאָס וואָס כאַצקל איז טאַקע געוואָרן), אַ דאָקטער, אַן אינזשיניער, אַ דיפּלאָמאַט? טאָ קומט צו אונדז! — מיט איין וואָרט: נישטאָ אַזאַ פאַך וואָס מען זאָל ביי אונדז נישט קאָנען צו אים דערגיין דערפאַר ווייל מען איז אַ ייד. קומט־זשע דעריבער, קומט אין אונדזער לאַנד!", האָבן זיי געלאָזט אין גאַנג זייערע קעסל־פויקן.

האָבן יידישע יוגנטלעכע זיך פאַרטראַכט: אין פּוילן, ווו אבות־אבותינו זענען געבוירן געוואָרן, ווערן זיי באַהאַנדלט ווי שטיפקינדער; לערנען קאָנען נאָר די קינדער פון רייכע און דאָס הייסט, אַז דאָס לער־נען איז פאַרבונדן מיט גרויסע פאַרמעגנס, און ערשט דערנאָך איז עס פאַר זיי קריעת־ים־סוף, און צום סוף ווען מען האָט שוין געענדיקט דעם שטודיום לאָזט מען נישט צו אין פּוילן צו אַ שטעלע אַ יידישן אינזשיניער, אַ דאָקטער, אָדער אַ לערער.

און דאָ קומט מען פון שכנותדיקן לאַנד און מען זאָגט צו אַלץ, אַלץ. "קומט און נעמט!". האָט ביי דער אומרויִק־געוואָרענער יידישער יוגנט זיך אָנגעהויבן אַן אינערלעכער ויתרוצצו: אמת, דאָ זאָגט מען טאַקע גאַרנישט צו און פאַר דער קלענסטער הנחה דאַרף מען ביטער קעמפן, און נישט שטענדיק מיט דערפאָלג. אָבער פון דער אַנדערער זייט, פון וואַנען ווייסט מען, אַז אין יענעם לאַנד, וואָס זאָגט אַלץ צו אָן דיסקוסיעס און אָן קאַמף, איז אַלץ אמת וואָס מען זאָגט צו? צי געגנאַרט מען זיי אַהין נישט אַריין און שפּעטער וועט שוין אַלץ זיין פאַרפאַלן און ס'וועט נישט זיין קיין וועג אויף צוריק?

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביטערער קאַמף צווישן די צווייפלער און די וואָס זענען "געגאַנגען אויף אַן אייזערנער בריק". ווי אַ פייער האָט זיך אָנגעצונדן אין דער נשמה פונעם יוגנטלעכן דער "שלאַגער", וואָס איז געקומען פון יענער זייט: "לאָמיר גיין, לאָמיר גיין אויף אַ נייעם וועג!" און וואָס איז געוואָרן דער קאַמף־הימען קעגן די צווייפ־לערס; ער האָט אָפּגעקלונגען אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען און אין וואַרשטאַטן און האָט אַזוי געווירקט, אַז עס האָבן זיך געפונען דרייסטע

וואָס האָבן אָנטשלאָסן זיך געזאָגט: „זאָל זיין וואָס עס וויל, מיר גייען אויפן נייעם וועג!", און די וואָס האָבן זיך געלאָזן פאַרכאַפּן פון די דאָזיקע קלינגענדיקע רייד, זענען געגאַנגען אויף סכנת־נפשות, האָבן גע־שוואַרצט גרענעצן, און דאָס מיטן טיפן גלויבן, אַז דאָס גייען זיי בויען פאַר זיך אַ נייע וועלט, און פאַרן נייעם פאַטערלאַנד „אַ גליקלעכע צו־קונפט".

ווער זענען דאָס געווען די פּיאָנערן? טייערע, קלוגע, פריילעכע, ענערגישע, אידעאַליסטישע, פֿעיִקע און האַרציקע ייִדישע קינדער זענען דאָס געווען. זייער צאָל איז געווען גרויס. איך וועל זיך אָפּשטעלן בלויז אויף אַ טייל פון זיי.

דער ערשטער פון זיי איז געווען הערשעלע יעדוואַב, איינער פון די גרינדער פון דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין גאַרוואָלין (ביי וואַרשע), אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר, און גאַרנישט קיין שלעכטער רעדנער. אין „בונד" וואָלט ער אויסגעוואַקסן אַ באַדייטנדיק געזעלשאַפטלעך־פּאָ־ליטישער טוער; איז ער געווען פון די ערשטע וואָס זענען אַוועק אין יענעם לאַנד און... באַלד שפּורלאָז פאַרשוווּנדן. אויב פון אַנדערע האָט מען שפּעטער נאָך עפּעס אַ מאָל געהערט, איז אָבער הערשעלע אַזוי ווי אַראָפּ צום אָפּגרונט ביזן היינטיקן טאָג.

ישראל קלייטמאַן און דוד גאָטפריד,ביידע חברים, נאָך ווי קינדער אויסגעוואַקסן צוזאַמען, האָבן זיי אויך צוזאַמען באַשלאָסן זיך צו לאָזן אויפן נייעם וועג. האָט אָבער דוד אין דער סאַמע לעצטער מינוט חרטה געקראָגן און געלאָזן זיין יוגנט־חבר אַליין זיך האַלטן ביי זיין פעסטן באַשלוס צו גיין אויף זיין „נייעם וועג". דערמאָנט זיך מיר אַן ערשטע מאַי־דעמאָנסטראַציע אויפן טעאַטער־פּלאַץ אין וואַרשע: ישראל טראָגט איינע פון די פּיל בונדישע פענער, און ווערט באַפאַלן פון אַ מחנה פאַשיסטישע כוליגאַנעס, וואָס ווילן דווקא זיין בונדישע פאָן ביי אים אַרויסרייסן. מיטן שטעקן פון דער פאָן פאַרטיידיקט ער זיך און ער ווערט מוראדיק צעשלאָגן, אָבער די פאָן האָט ישראל די כוליגאַנעס נישט אָפּ־געגעבן, געבראַכט זי בשלום צוריק אויף איר אָרט. מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ אין ישראל אַוועק אינעם לאַנד פון זיין חלום...

יאַנקעלע שעברעשינער אָדער דער קליינער יאַנקעלע איז געווען אַ לערנער אין אַ שעברעשינער בית־מדרש. ער איז קאַליע געוואָרן און אַנטלאָפן אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן קיין וואַרשע. דאָ איז ער געוואָרן אַ בונדיסט און אַנגעשטעלט געוואָרן אין איינער פון די בונדישע אינסטיטוציעס. באַלד איז אויך דער „בונד" פאַר אים נישט געווען גענוג לינק און ער איז אַוועק אין „לאַנד פון דער רעוואָלוציע". שפּעטער

זענען געקומען ידיעות, אַז ער איז דאָרט געוואָרן אַ הויכראַנגיקער מילי־טערמאַן. „האָ ? — האָבן די באַקאַנטע אין וואַרשע געצויגן מיט די אַקסלען — דער קליינער יאַנקעלע, אַן איינגעבויגענער פון שטענדיק זיצן איבער דער גמרא אין ישיבה און נאָר־וואָס פון דאָרט אַנטלאָפן, איז גאָר אַ הויכראַנגיקער מיליטערמאַן ? וואָס טוט זיך דאָ ?״ באַלד אָבער האָבן אָנגעהויבן צו קומען אַנדערע ידיעות פון יאַנקעלען, איינע טרויעריקער פון דער אַנדערער, ביז עס האָט אונדז דערציילט אַ לעצטע ידיעה, אַז יאַנקעלע האָט אויף איינער פון די מאָסקווער גאַסן, ווען ער האָט עפּנטלעך און בקול־רם געשריגן: „אַ טויט סטאַלינען !״, אַליין געפונען דעם טויט דורך די קוילן פון סטאַלינס געטרייער פּאָליציי.

די חברטע מרים גוטשניט האָט מיט ייִדישע אינטערעסן קיין מאָל נישט געזינדיקט. גלייך פון דער פּוילישער אָנפאַנג־שול איז זי אַריין אין דער קאָמוניסטישער יוגנט־באַוועגונג. דעם קאָפּ שטענדיק פאַרריסן אין דער הייך, האָט זי שוין דעמאָלט, אין די פריִע צוואַנציקער יאָרן, זיך געזען ווי די קומענדיקע הערשערין זאָל זיין כאָטש פון דער פּוי־לישער מדינה. פאַרשטייט זיך, אַז די גענעראַל־פּראָפּאַגאַנדיסטקע, וואָס האָט געהייסן פאַרן אין יענעם לאַנד, איז געווען די חברטע מרים, און דערביי האָט זי סודותפול יעדן אין אויער פאַרטרויט: „פּאַרט, וואָרעם עס קאָן נאָך ווערן צו שפּעט !״. מרים אַליין איז געווען איינע פון די לעצטע וואָס איז געפאָרן, און באַלד האָט זי איבערראַשט אירע אין וואַרשע געבליבענע פריינט, אַז דאָס פּשוטע שניידער־מיידל, וואָס זי איז געווען אין וואַרשע, איז איצט שוין אויפן מאָסקווער אוניווערסיטעט ! דאָס איז געווען אַ טויטקלאַפּ פאַר די אַלע וואָס האָבן נאָך געוואַגט צו צווייפלען.

מיט דער צייט וואָלט מען מסתמא געווען פאַרגעסן אין דער חברטע מרים, ווען עס וואָלט נישט געווען געקומען צו די מאָסקווער פּראָצעסן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1936, און ביי די דאָזיקע פּראָצעסן איז אַרויפגעשווומען אויך איר נאָמען. געווען איז דאָס ווי מיר האָבן זיך דערוווסט, אין איינעם אַ טאָג, ווען עס האָט זיך באַוויזן אין איר שול אַ מונדירטער מאַן וואָס האָט „פאַרבעטן״ מרימען מיט אים מיטצוגיין „אויף אַ ווייל״, וואָרעם עפּעס דאַרף ווערן „אויפגעקלערט״. ערשט סוף 1942 האָט זיך מיט איר געטראָפן דער וואַרשעווער קאָמוניסט גרשון. ווי אַזוי ? דאָס אַליין איז שוין אַ מעשה פון טויזנט און איין פינצטערער סאָוויעטישער נאַכט : ער — אין קאַטאָרגע־לאַגער, זי — אין אַ צווייטן קאַטאָרגע־לאַגער. איז זי שוין אפילו געווען אויסגעשטראָכן פון צווישן די ניצלעכע מענטשן און אָט, אָט וועט זי ווערן אַריבערגעפירט אויפן צווייטן פעלד. האָט אָבער געטראָפן אַ נס, וואָס גרשון איז געוואָרן באַ־

פרייט ווי אַ פּוילישער בירגער אינאײנעם מיט אַלע אַנדערע און צום סוף האָט ער, אַ דאַנק זיינע פּילצאַליקע באַמיונגען אָפיציעל מיט איר חתונה געהאַט. און אַזוי האָט עס זיך אים איינגעגעבן, אַרויסצוראַטעווען מרימען אַ לעבעדיקע פון סאָוויעטישן שקלאַפן־לאַגער.

שרה ראַטשטיין: אַ מאַמעס אַ קינד, אירע עלטערן כאַטש אַר־בעטס־מענטשן, האָבן געגעבן זייער שרהן אַ גוטע דערציִונג, זי געשיקט אין דער ייִדישער שול ווו זי האָט זיך גוט געלערנט. אונטער דער השפּעה פון איר ברודער, אַ בונדישער טוער, איז אויך שרה געוואָרן אַ וויכטיקע טוערין ביי די בונדיסטן. אין די צוואַנציקער יאָרן, איז זי אויך מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם פון דער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע און אַוועק אויפן „נייעם וועג" וואָס האָט געפירט קיין סאָוויעט־רוסלאַנד. און דאָרט איז שרה אין די צייטן פון יאַגאָדאַ געוואַקסן ווי אויף הייוון... יעדן טאָג איז זי אויף אַ העכערן שטאַפּל פונעם לייטער אַרויף, ביז זי איז דערגאַנגען צום פּאָסטן פון אַ פּראָקוראָר... די אַרבעט פון אַ פּראָ־קוראָר איז אין סאָוויעט־רוסלאַנד נישט קיין שווערע, ווארעם אַלע אָנ־געקלאָגטע זענען דאָרט זיך מודה און דער פּסק־דין, וואָס דער פּראָקו־ראָר פּאָדערט איז כמעט שטענדיק איינער... אין 36־סטן יאָר איז זי געוו־וואָרן פאַרמשפּט צום טויט. פאַרוואָס? ווייל אין איר צייט, האָט זי, ווי אַ פּראָקוראָר, נאָר געפאָדערט טויט־שטראָף פאַר די אָנגעקלאָגטע, און אַ גרויסע צאָל אומשולדיקע מענטשן זענען דעמאָלט אומגעקומען, — דאָס האָט שפּעטער דערזען דער „צדיק" יעזשאָוו...

נאָך זייער פיל ייִדישע קינדער האָט דער באָלשעוויסטישער מולך אויפגעפרעסן — זייער צאָל איז אומגעהייער גרויס. זיי האָבן געלעכצט נאָך פרייהייט און זיך מוסר־נפש געווען פאַר איר; זיי האָבן געשטרעבט נאָך בילדונג און וויסן, און אַריינגעפאַלן זענען זיי אין אַ לאַנד פון פינצטערניש און רשעות, ווו דער גרעסטער טייל פון זיי האָט באַ־צאָלט מיטן לעבן. אין די הונדערטער האָב איך געקענט די, וואָס זענען דאָרט פאַרשוווּנדן, נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין שפּור. בלויז מיט איינעם פון די אַלע איז מיר באַשערט געווען זיך צו באַגעגענען און דאָס איז געווען דער אויבן דערמאַנטער אַדוואָקאַט כאַצקל.

אין 1939 האָבן הונדערטער טויזנטער ייִדן פאַרלאָזט זייערע היימען און געוואָרן „ביעזשענצעס", היימלאָזע. געיאָגט פון די נאַציס, האָט מען געצויגן צו די מזרח־גרענעצן, מיט דער איינציקער האָפענונג, אַז דאָ וועט מען קאָנען כאָטש אַ ביסל אָפּרוען די צעבראָכענעביינער, דער־כאַפּן דעם אָטעם, אָבער אָנקומענדיק אין רוסלאַנד זענען די געיאָגטע און געפּלאָגטע פונעם היטלער־גיהנום געוואָרן אַרומגערינגלט, אַריינ־

געשפּאַרט אין בהמות־וואַגאַנען און געפירט ווי שקלאַפן אין די ווייטסטע געגנטן פון די צעשפּרייטע לאַגערן פונעם ריזיקן סטאַלין־לאַנד.

נאָך קרוב צוויי יאָר שקלאַפן־אַרבעט און נאָך די שווידערלעכע מפּלות פון סאָוויעטישן מיליטער אויף די פראָנטן, איז געקומען צו אַ געצוווּנגענעם אָפּמאַך צווישן סטאַלין און שיקאָרסקי, וואָס לויט דעם אָפּמאַך האָבן די סאָוויעטן געמוזט באַפרייען אַן אויסנאַם אַלע פּוילישע בירגער — און איך בין געווען צווישן זיי. דער וועג צו באַפרייונג האָט איצט געפירט די נייע בני־חורין דורכן לאַגער נומער 1 און דאָ זענען מיר געבליבן עטלעכע טעג, כּדי די אַרעסטירטע זאָלן זיך קאָנען אַ ביסל צורעכט מאַכן, אָפּוואַשן, אָרומשערן, אָפּגאָלן. דאָ האָט מען אונדז געדאַרפט אָפּפאָטאָגראַפירן און אויספילן די באַפרייונגס־פאָרמאַליטעטן.

אין איינעם אַ טאָג, שוין אין נייעם לאַגער און שוין אַ באַפרייטער, האָב איך דערזען אַ פּנים וואָס איך האָב מיינע אויגן פון אים נישט גע־קאָנט אָפּרייסן. אַן אויסגעאיידלט בלאַס פּנים מיט אַ פּאָר טרויעריקע ייִדישע אויגן. אין דער האַנט האָט דער מענטש געהאַלטן אַ פּישל וואָס ער האָט געוואָלט אויסבייטן אויף מאַכאָרקע. וואַרט ער אויף אַ בעלן וואָס קומט נישט. איך בין אָבער פאַר אים, ווי עס האָט זיך באַלד אַרויס־געוויזן, אויך באַקאַנט. קומט ער צו מיר צו און זאָגט: „חבר, איר זענט מיר באַקאַנט״. — „איך אייך?״, בלייב איך שטיין אַ צעשראָקענער; ווייל מער פעלט מיר נישט, נאָר אַז ביים טירל פון באַפרייונג זאָל מיך דערקענען אַ קאָמוניסט. פּרוּוו איך לייקענען: „איר מוזט אוודאי האָבן אַ טעות!״ — ניין, ער האָט נישט קיין טעות. „זענט איר נישט — זאָגט ער — פון וואַרשע?״ — איך בין דערשטוינט. ווער איז ער, דער דאָזיקער אַרעסטאַנט, וואָס רעדט אַזאַ גוטן ייִדיש, וואָס ווייסט, פון וואַנען איך בין און וואָס רופט אַן מיין ריכטיקן נאָמען?... „אויך איך בין — זאָגט ער — כּמעט פון וואַרשע״, און ער רופט מיר אַן אַ נאָמען פון אַ שטעטל; אָבער אין וואַרשע — זאָגט ער ווייטער — האָב איך געהאַט מיין גאַנצע משפּחה, און טאַקע דאָרט האָב איך אייך געטראָפן, אַ יאָר פאַר מיין טראַגישער רייזע וואָס זינט דעמאָלט איז שוין אַריבער צוואַנציק יאָר.״ דאָס איז געווען כּאַצקל. ער רופט מיר אַן אַ נאָמען נאָך אַ נאָמען, און אַלע קאָמוניסטן, וואָס אין שפּעטערדיקן קאָמוניסטישן פּוילן האָבן זיי פאַרנומען גאָר הויכע פּאָסטנס, אויסער איין נאָמען וואָס האָט אַרויס־געלויכטן צווישן זיי אַלע און וואָס איז געווען און וואָס איז געבליבן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן אַ געטרייער בונדיסט און איינער פון מיינע חברים.

„יאָ — דערמאָנט ער זיך פּלוצלינג — קענט איר אפשר דעם חבר זלמן? ער איז דאָך געווען מיין ערשטער רבי; מרדכי, זיין ברודער,

איז געווען מיין בעסטער פריינט און חבר, און פסח, זייער ברודער, איז געווען דאָס שיינדל פון שטעטל". וועגן חבר זלמן, זיין ערשטן רבין, דערציייל איך אים וואָס איך ווייס. אויך איך בין דאָך שוין אַרום פיר יאָר געווען אָפּגעריסן פון דער פרייער וועלט.

ער האָט געשלונגען יעדעס וואָרט, זיינע אויגן זיינען צוריק געוואָרן לעבעדיק, ווען ער האָט געהערט וועגן חבר זלמן, זיין ערשטן רבין, און וועגן מרדכין, זיין חבר. „אויב איר וועט ווען נאָך ווען ס'איז אַ מאָל טרעפן חבר זלמן, מיין רבין, — זאָגט צו מיר כאַצקל — בעט אים, ער זאָל מיר מוחל זיין. וואָרעם נישט ער איז שולדיק, וואָס איך האָב פאַרשפּילט מיין לעבן. נישט איין מאָל האָט ער מיך געוואָרנט, איך זאָל זיך נישט לאָזן אויפן „נייעם", אָבער פאַלשן וועג".

איצט האָט דאָס צעפּייניקטע האַרץ כאַצקלס זיך פאַר מיר געעפנט און ער האָט גענומען דערציילן, די געשיכטע פון זיין טרויעריק לעבן.

„פון וואַרשע, ווו איך האָב געאַרבעט ווי אַ שניידער, בין איך אַרויס־געפאָרן אין יאָר 1923. געקומען קיין רוסלאַנד, בין איך אַריין אין אַ שול — צוליב דעם בין איך דאָך אַהין געפאָרן. געלערנט האָב איך פלייסיק, קיין זאָרגן, ווו מען נעמט אויף ברויט, האָב איך כלומרשט שוין נישט געהאַט, און אַזוי האָב איך געאַרבעט, ביז איך האָב דער־גרייכט מיין לעבנס־ציל, און בין געוואָרן אַדוואָקאַט. אוודאי ווייס איך היינט דעם ווערט פון אַ סאָוויעטישן אַדוואָקאַט; דעמאָלט אָבער, קו־מענדיק פון פוילן, איז דאָס געווען מיין גרעסטער חלום, מיין איינציקער לעבנס־ציל וואָס איז פאַר מיר געשטאַנען.

אין יאָר 1938, ווען מען האָט ליקווידירט דעם קאָמוניסטישן צענ־טראַל־קאָמיטעט פון פוילן, האָט מען אין איינער אַ נאַכט אָנגעקלאַפּט אויך ביי מיר אין טיר — מיר האָבן שוין גוט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט. מיך האָט מען פאַרבעטן, נאָר „אויפצוקלערן" עטלעכע פראַגן וואָס זענען פאַר זיי נאָך אַלץ נישט געווען „גענוג קלאָר". מען האָט מיך באַשולדיקט אין וואָס איר ווילט: אין מיטאַרבעטן מיט דער פּוי־לישער דעפענסיווע; אין פירן שפּיאָנאַזש פאַר היטלער־דייטשלאַנד; אין זיין פאַרבונדן מיט יאַפּאַן — און מיט וועמען נישט? אַז איך האָב נישט געוואָלט אין דעם זיך מודה זיין — נו, פרעגט שוין גאָרנישט וואָס זיי האָבן פון מיר געמאַכט! איך האָב אונטערגעשריבן אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר געוואָלט. ווי איר זעט, האָבן זיי מיך נישט דערשאָסן, זיי האָבן מיך בלויז פאַרמשפּט צו אַכט יאָר קאַטאָרגע אין אַ שקלאַפן־לאַגער.

„ביז היינט — זאָגט ווייטער כאַצקל — ווייס איך גאָרנישט, וואָס ס'איז געוואָרן מיט מיין פרוי, וואָס איז גלייך מיט מיר געוואָרן אַרעס־

טירט און באַשולדיקט אין העלפן מיר אין דער שפּיאָנאַזש־אַרבעט; אויך פון מיין קליינעם זון ווייס איך גאָרנישט. אפשר איז ער שוין אויך אַ דייטשער שפּיאָן״ — שמייכלט כאַצקל מיט אַ גאַלגן־הומאָר. כאַצקל זאָגט צום סוף: „וועל איך שוין קיינמאָל נישט אָנזען די פרייהייט פאַר מיינע אויגן? וועל איך טאַקע אויסזיצן מיין „סראָק״ (אורטייל), וועל איך באַקומען אַ „דאַבאַוועטשנעם סראָק״ (אַ צוגאַב־אורטייל)?

„און וואָס שייך די יוגנטלעכע וואָס וועגן זיי פרעגט איר, קאָן איך אייך זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַ יונגער דור, אַזאַ דור וואָס וואָלט געווען אַ ברכה פאַר יעדער רעוואָלוציע. זענען זיי אַלע געפאַלן אונטער סטאַלינס האַק און מיט דעם איז געוואָרן דערמאָרדעט דער חלום פון אַ יוגנט״.

דאָס פישל האָב איך ביי כאַצקלען אָפּגעקויפט פאַרן לעצטן פון מיינע דריי פעקלעך מאַכאָרקע וואָס מיר איז געבליבן פון מיין באַ־פרייונגס־פּאַיאָק — איך אַליין בין, אגב, נישט קיין רויכערער; אַנדערש איז, ווער ווייסט, צי איך וואָלט מיך געווען אָנטקעגן געשטעלט דעם רויכער־יצר־הרע. איך האָב אים אָבער דאָס פאַרקויפט מיט איין תנאי: אַז דאָס פישל זאָל ער פאַרניצן אַליין, ווייל וואָס עס הייסט ביי אַ סאָוויעטישן לאַגער־אַרעסטאַנט נאָך איין ביסן, דאָס קאָן פאַרשטיין נאָר דער, וואָס איז אַליין אויך געווען אין אַזאַ לאַגער.

## טשאו־טשי...

וועגן דער ווילדער אכזריות, חיהשקייט, און אוממענטשלעכקייט פון דער סאָוויעטישער גע. פּע. או. אָדער נ. ק. וו. ד. איז שוין זייער פיל געשריבן געוואָרן. אַזוי אַז פאַרשטעלן זיי פאַרן לייענער דאַרף מען שוין נישט. אויך מיר איז שוין נישט איין מאָל אויסגעקומען צו שרייבן וועגן זייער אויפפירונג, בפרט אין די שקלאַפן־לאַגערן, ווו מיר איז אויס־געקומען מיט זיי זיך צו באַגעגענען פון דער נאָענט, ווו די פיזישע פייניקונגען און דאָס איזדיעקעווען זיך איבער די אומגליקלעכע לאַגער־שקלאַפן האָבן איבערגעשטיגן יעדע מאָס. איך האָב זיך אָבער אויך אָנגעטראָפן אויף מענטשלעכע אויסנאַמען נישט בלויז צווישן דער יוגנט אינעם ציווילן לעבן, נאָר אפילו צווישן דער נ. ק. וו. ד., וואָס וועגן זיי וויל איך איצט דערציילן. אפשר איז דאָס געווען ווייל די אויסנאַמען האָבן נישט געהערט צו דער גרויסרוסישער נאַציאָנאַליטעט, צו וועמענס

גאווה ס׳איז נישט געווען קיין גרענעץ, נאָר צו די א״ג נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

איך דערמאָן זיך, אַז ווען מיר זענען געפירט געוואָרן צום לאַגער האָט אויף איינער אַ באַן־סטאַציע אין ווייסרוסלאַנד צו אונדזער וואַגאָן זיך צוגעשאַרט אַ סאָוויעטישער זעלנער אין ג. ק. וו. ד.־הלבשה און מיט גרויס צופרידנקייט דורכן פיטשינקן פענצטערל אַריינדערלאַנגט אַ צווייזייטיק אַרטיק בלעטל און צו אונדז אַ זאָג געטאָן: „נאַ, טשיטאַי, וואַינאַ!״ (לייען, מלחמה). און איז גיך אַוועק פון אָרט. מען דאַרף וויסן אַז אין פראָנט פון לאָקאָמאָטיוו איז געווען אויסגעשפּרייט אַ גרויסער פּלאַקאַט מיט אַ ריזיקן אויפשריפט: „דערנענטערן זיך צו זיי איז שטרענג פאַרבאָטן, ווייל דאָ פירט מען דייטשע שפּיאָנען!״ דעריבער איז דאָס צוקומען פונעם ג. ק. וו. ד.־זעלנער געווען אַ מענטשלעכע האַנדלונג.

דער צווייטער פאַל פון מענטשלעכקייט איז שוין געווען אין לאַ־גער גופא. דאָס האָט אַרויסגערופן יעפים קאַזשוראַ, אַן אוקראַיניש פּויערל, וואָס איז אַליין געווען אַ פאַרשיקטער. איך האָב אַמאָל שוין אונטערגע־שטראָכן אַז ווען יעפים קאַזשוראַ איז געווען דער שומר איבער אַ בריגאַדע, צו וועלכער ער איז געוואָרן צוגעטיילט, איז טאַקע מער ברויט דעם טאָג נישט געווען, אָבער ס׳איז געווען אַ רויִקער אַרבעטס־טאָג; אַ טאָג אָן ספּעציעלע רשעותדיקע צוגאָבן, אָן איזדיעקעווען זיך איבער די מענטשן און אָן באַזונדערע פּייניקונגען. אָפּגעאַרבעט אַ שווערן קאַטאָרגע־טאָג, האָט דער דאָזיקער שומר אָפּגעפירט זיין בריגאַדע אינעם באַראַק — דערמיט איז זיין ראָלע געווען געענדיקט. און דאָס אַליין איז שוין געווען אַ גרויסע, אויב איר ווילט, אַ הומאַניטאַרע זאַך. און כ׳דאַרף זאָגן אַז יעפים קאַזשוראַ איז אויך נישט געווען דער איינציקער.

אין לאַגער איז געווען נאָך איינער אַזאַ אויסנאַם, דאָס איז געווען דער ג. ק. וו. ד.־אָפּיציר טשאַו־טשי. ווי עס איז צו זען פון זיין נאָמען איז ער געווען אַ כינעזער. ער איז אָבער שוין געווען מער ווי אַ יעפים קאַזשוראַ, וועלכער האָט בלויז די שקלאַפן נישט געפּייניקט; טשאַו־טשי איז שוין אַוועק אַ סך ווייטער. ער האָט שוין אַרויסגעוויזן אַ בפירושע מענטשלעכע באַציִונג צו די געפּייניקטע. די כינעזער, זענען אַן אַלט פאָלק מיט אַ פינף־טויזנט־יאָריקער קולטור. זייער נביא קאָנפוציוס, וועמענס מאָראַל איז געווען באַזירט אויף מידות טובות פון מענטשן און זייערע מעשים־טובים, האָט געפּרעדיקט אַז מען דאַרף שטעלן העכער דאָס געוויסן איבער פערזענלעכע באַדערפעענישן, אפילו העכער איבער דער נאַציע און מלוכה־אינטערעסן.

עס איז געווען נאַטירלעך אַז ער זאָל האָבן אויך געווען אַ קעגנער פון מלחמה. כדי אָבער נישט צו דאַרפן פירן קיין מלחמה מיט אַ שונא וואָס וועט קומען פאַרכאַפּן זייער לאַנד, האָבן זיי זיך אַרומגעצוימט מיט דער אַזוי גערופענער כינעזישער מויער, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן זי בויען נאָך אין דריטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער ערע דורכן דעמאָלטיקן קייסער טשע־שואַנג־טי. בכדי צו באַשיצן דאָס לאַנד קעגן די אָנפאַלן מצד די באַרבאַרישע שבטים, האָבן די שפּעטערדיקע כינעזישע דינאַסטיעס די מויער נאָך מער אויסגעברייטערט און באַפעסטיקט.

אין משך פון יאָרהונדערטער האָבן פאַרשידענע לענדער גרויסע שטיקער פון כינע. אַמשטאַרקסטן אָבער האָט פון כינע גרויסן שטיקער דאָס צאַרישע רוסלאַנד, דער סאַמע נאָענטסטער שכן אירער. דאָס צעטל וואָלט געווען צו לאַנג כדי אויסצורעכענען די אַלע טעריטאָריעס וואָס דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט צוגערויבט פון כינע. און צוזאַמען מיטן לאַנד האָט רוסלאַנד געירשנט אויך איר באַפעלקערונג. און איינעם אַזאַ כינעזער, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון פאַרכאַפּטן כינעזישן לאַנד האָבן מיר איצט געהאַט אין סאָוויעטישן שקלאַפן־לאַגער. דאָס איז געווען דער ב. ק. וו. ד.־אַפּיציר טשאַו־טשי. נישט שטענדיק האָט ער פאַראַדירט אין זיין ב. ק. וו. ד.־מונדיר, ווי ער וואָלט מיט דעם זיך געשעמט, און נישט ווי די אַנדערע, עכט־רוסיש־געבוירענע ב. ק. וו. ד.־אַפּיצירן און זעלנער, וואָס האָבן מיט זייערע מונדירן שטאָלצירט ווי מיט אַ שטיק צירונג. ווען טשאַו־טשי האָט דעם ב. ק. וו. ד.־מונדיר יאָ געטראָגן, האָט מען שוין געוווּסט אַז היינט איז שוין עפּעס אַ יום־טוב אין דער ב. ק. וו. ד. דערפאַר אָבער איז דער טאָג, ווען טשאַו־טשי האָט זיך צוגעשטעלט צו אַ בריגאַדע, אויך פאַר אירע שקלאַפן געווען אַ יום־טובדיקער; אין דעם טאָג זענען זיי באַהאַנדלט געוואָרן אויף אַ מענטשלעכן אופן. איז דעריבער נישט געווען קיין ווונדער אַז ווען טשאַו־טשי האָט אין די פרימאָרגן־שעהען זיך באַוויזן אויפן פלאַץ, ווו עס ווערן צו די בריגאַדעס צוגעטיילט די ב. ק. וו. ד.־שומרים האָט מען פון די בריגאַדעס אָנגעהויבן צו רופן: „גראַזשדאַנין בריגאַדיר, פּריכאַדיטיע קנאַם, קנאַם" (בירגער בריגאַדיר, קומט צו אונדז, צו אונדז).

דאָס האָט מיך דערמאָנט אין די זכרונות פון וו. מעדעם ווי ער דערציילט אַז ווען מ'האָט פון תפיסה אַרויסגעפירט אַ פּאַרטיע אַרעס־טאַנטן צום טראַנספּאָרטירן אויף זייערע קאַטאָרגע־ערטער האָבן זיי מיטאַמאָל זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די קייטן, מיט וועלכע מ'האָט זיי געדאַרפט שמידן, ווי דאָס וואָלטן געווען נישט קייטן, נאָר עפּעס אַ שיינער מוזיק־אינסטרומענט. ווען ער האָט מיט דעם רעטעניש זיך נענטער פאַראינטערעסירט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס האָבן די

אַרעסטאַנטן אויף די קייטן אַזוי זיך געוואָרפן כּדי צו פאַרשאַפן זיך אַ וואָס לייכטערע קייט, וואָס זיי וועלן דאַרפן טראָגן אויף זיך מי יודע וויפל טויזנטער קילאָמעטערס.

טשאו־טשי דער כינעזישער נ. ק. וו. ד.־אָפיציר איז דאָס געווען פאַר די לאַגער־שקלאַפן די לייכטערע קייט. ווען אַן אַרעסטאַנט האָט על־פּי־טעות אָנגערופן אַן נ. ק. וו.דיסט אַ רוס „טאָוואַרישטש" (חבר) האָט יענער באַלד געקריגן אַ ריטש אונטערן אויער און נישט איין מאָל אויך אַ שטויס מיטן ביקס: „קאַקאָי יאַ טעביע טאָוואַרישטש?" (וואָסער חבר בין איך דיר דאָס?). אַזוי ווי ער וואָלט כאַטש באמת געווען דעם רבין ר׳ צאַצס אַן אייניקל. דעם כינעזער טשאו־טשי האָט עס נישט גע־אַרט אַז מ׳האָט אים אָנגערופן חבר, פאַרקערט, ער איז באַלד צו יענעם צוגעקומען: „נו, אַ טשטאָ טעביע נאַדאָ?" (וואָס דאַרפסטו). איינער בעט אַז ער דאַרף פאַררויכערן, אַן אַנדערער בעט, אַז ער דאַרף אויף אַ פּער־זענלעכן געברויך, וואָס נישט אַלע מאָל איז עס געווען אמת, אַ דריטער זאָגט פּשוט: „טאָוואַרישטש בריגאַדיר, איך האָב שוין מער קיין כּוח נישט! כ׳האָב נאָך הייַנט נישט געגעסן און כ׳פאַל פון די פיס!" איין אַזאַ פאַל איז דאָס ערשטע וואָס ער זאָגט: „סעדיס אי אָדעכאַי", (זעץ זיך און רו זיך אָפּ). און נישט איין מאָל אַזוי אַז קיינער זאָל חלילה נישט באַמערקן, האָט עס אויך געטראָפן ער זאָל אַזאַ איינעם אויך צוטראָגן אַ שטיקל ברויט און דערמיט יענעם דערהאַלטן ביים לעבן.

אויך איך אַליין האָב מיט אים שוין געהאַט מיין אייגענע איבער־לעבונג. אין באַצוג צו די אַרעסטאַנטן מיט אַ פּאָליטישן „סטאַטיאַ", עק־זיסטירן נישט נאָר די נאָרמאַלע א״ג געזעצלעכע צרות, נאָר אָפט מאָל שטייגן די צוגאָב־עינוים מיט זייער אכזריות אַריבער די טאָג־טעגלעכע צרות און דאָס איז שוין אָפּהענגיק נאָר פון בריגאַדירן, וואָס אַ סך פון זיי זענען רוצחים און סאַדיסטן. איין מאָל הייסן זיי אָפּגראָבן אַ באַרג און איבערטראָגן אים אויף אַן אַנדער אָרט, כּדי מאָרגן זאָלן זיי אים הייסן צוריק איבערטראָגן אויפן פריערדיקן נעכטיקן אָרט. דאָס זענען בלויז די, אַזוי צו זאָגן, צוגאָב־פּייניקונגען וואָס זענען אַן אָפּטע דערשיינונג.

אין איינעם אַזאַ נאָכמיטאָג האָבן זיי געגומען אונדזער גאַנצע ברי־גאַדע, אַלע אויסגעפּייניקטע מענטשן וואָס האַלטן זיך קוים אויף די פיס און האָבן געגעבן אַ באַפעל אַריבערצוטראָגן קלעצער פון איין אָרט אויפן אַנדערן. אויך מיך האָט מען מכבד געווען אַריבערצוטראָגן אַזאַ קלאָץ. ס׳איז פאַר מיר נישט געווען קיין ספק, אַז כ׳וועל דעם קלאָץ נישט דער־טראָגן. כ׳האָב געפילט ווי מיינע פיס ברעכן זיך אונטער מיר, און נאָך אַ מינוט און כ׳וואָלט געפאַלן אונטערן קלאָץ וואָס וואָלט מיך דערדריקט.

מיטאַמאָל האָב איך דערפילט ווי עפּעס וואָלט מיר לייכטער געוואָרן. ס'איז געווען פאַר מיר אַ גרויסער חידוש. וואָס איז דאָ אַזוינס געשען? אויסדרייען דעם קאָפּ טאָר איך אָבער נישט, וואָרעם ביים קלענסטן באַוועג קאָן געשען די קאַטאַסטראָפע, און אַט דערהער איך: „אַ נוקאַ טעפּיער כאַראַשאָ?" (און איצט איז דיר גוט?). אַז כ'האָב זיך דערפילט אין גלייכגעוויכט און פאַרלייכטערט און טו אַ קוק הינטער זיך דערזע איך ערשט אַז דעם אַנדערן עק פון קלאָץ האַלט דער נ. ק. וו. ד.-אָפּיציר, דער כינעזער טשאו-טשי. איך בין פון דעם געוואָרן אַזוי גערירט אַז כ'האָב אַזש אָנגעהויבן צו וויינען, און נאָך דעם ווי ער האָט מיך באַרויִקט און געהאָלפן מיר דעם קלאָץ אַראָפּלאָזן פונעם אַקסל האָבן מיר ערשט ביידע צוגעטראָגן דעם קלאָץ אויפן אָרט, וואָס איז פאַר אים געווען באַשטימט. דאָס כאַראַקטעריסטישע אָבער פון דעם איז נאָך געווען וואָס אין דעם טאָג איז ער גאָרנישט געווען מיין בריגאַדיר.

איך האָב שוין איין מאָל אָנגעוויזן אַז אויך צווישן די נ. ק. וו. ד.-לייט האָט מען אַמאָל געקאָנט געפונען אַ מענטשלעכן פונק און אַז נישט אַלע זענען געווען אַזוי פאַרברעכעריש און פאַרדאָרבן אויף וואָס זיי זענען „נאַרמאַל" דערצויגן געוואָרן. „מאָסקוואַ סליעזאַם ניע ווערית", (מאָסקווע גלייבט נישט אין טרערן), דאָס איז דער אני-מאמין פון דער נ. ק. וו. ד. דאָך זענען אויך צווישן זיי געווען אויסנאַמען. צום ערשטן מאָל האָבן מיר מיט אַזאַ זיך אָנגעטראָפן שוין אויפן וועג צום לאַגער, ווען אַ ווייסרוסישער פּויערים-זון אין אַ מונדיר פון נ. ק. וו. ד. האָט אונדז צוגעטראָגן אין אַן אַרטיק בלעטל אַ נאָר וואָס דערשינענעם אַרטיקל פון סטאַלינען ווו ער דערציילט וואָס רוסלאַנד האָט אַלץ געגעבן צו היטלערן. פאַר די וואַגאָן-אַרעסטאַנטן האָט געוועקט אַ קוואַל פון האָפענונג דאָס וואָס אַט דאָס זעלגערל האָט דורך דעם איינגעשטעלט זיין אייגענע פריי-הייט און אפשר אויך זיין לעבן. דער אַנדערער איז געווען יעפים קאַזשוראַ הגם קיין באַזונדער גוטס פאַר די אַרעסטאַנטן האָט ער נישט באַוויזן צו טאָן, אָבער אויך קיין באַזונדער שלעכטס האָט ער זיי נישט געטאָן און דאָס אַליין איז שוין אויך געווען זייער אַ סך, איז אויך גם לו זכר לטובה, דאַרף מען הייסט עס אויך אים געדענקען צום גוטן...

אָבער אַ ביז גאָר מענטשלעכע ראָל אינעם לעבן פון די לאַגער-שקלאַפן האָט געשפּילט דער נ. ק. וו. ד.-אָפיציר דער כינעזער טשאו-טשי. מיר האָבן אָבער קיין מאָל נישט געקאָנט פאַרענטפערן די פראַגע, ווי אַזוי האָט אַזאַ מענטש, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל האַרץ, זיך געקאָנט האַלטן אין דער נ. ק. וו. ד. און זיך נאָך דערשלאָגן צו אַן אָפיצירן-ראַנג? און דאָך, נישט געקוקט אויף דעם, מוז זיין מענטשלעכע באַציִונג צו די לאַגער-אַרעסטאַנטן באַזונדערס דערמאָנט ווערן.

# צוריק פון לאַגער

שוין דעם דריטן טאָג, ווי מיר זענען געוואָרן איבערגעפירט פו־נעם פריערדיקן לאַגער־פונקט נומער 7 אין צענטראַלן לאַגער נומער 1 אַ לאַגער פון ווער ווייסט וויפל טויזנטער פאַרשקלאַפטע, פאַרשמאַכטע, פאַרחושכטע מענטשלעכע שאָטנס, אַ ים פון מענטשן אָפגעשליסענע, פאַר־וואָרלאָזטע — מיט איין וואָרט: געוועזענע מענטשן, וואָס זייער טרוי־עריקער מצב ווירקט זיך אויס אַזוי שווער אויף אונדזער אַזוי אויך שווערן געמיט־צושטאַנד. דאָ איז אַן עטאַפּן־פונקט וווהין עס קומען יעדן טאָג טויזנטער אומגליקלעכע קרבנות און ווערן פון דאַנען צע־שיקט אין אַלע ווינקלען פונעם ריזיקן סאָוויעטישן לאַגער־לאַנד.

האָבן מיר דאָך געזאָלט ווערן באַפרייט — אַזוי האָט מען אונדז געהאַט פאַרזיכערט. אָבער דאָ זענען מיר גאָר ווידער געוואָרן אַריינגע־טריבן אונטער כסדרדיקע געשרייען און איזדיעקעווען זיך איבער אונדז: „ביסטרעי! ביסטרעי!" (גיכער, שנעלער!), אַזוי אַז אין משך פון מי־נוטן זענען מיר געוואָרן אַריינגעיאָגט אַהער און די אייזערנע לאַגער־טויערן האָבן זיך ווידער הינטער אונדז פאַרקלאַפּט. אונדזער אויסזען איז נישט בעסער ווי זייערס דאָ: ווילד־פאַרוואַקסענע באַשעפענישן ווי נאַר־וואָס געקומענע פון די אורוועלדער. האָט מען אונדז אין איינעם אַ פאַרטאָג, אַזוי ווי אין די פריערדיקע „גוטע" לאַגער־צייטן, ווידער אַראָפּגעשלעפּט מיט דער גאַנצער נ. ק. וו. ד.־רציחה פון די אויפסניי צעפליקטע און צעפוילטע געלעגערס. וואָס איז דאָ געשען? שלעפּט מען אונדז ווידער צו דער קאַטאַרזשנער אַרבעט?

ניין! ווייזט אויס, אַז מיר ווערן טאַקע באַפרייט. אלא וואָס? פריער דאַרף מען אונדז אַ ביסל צופּוצן, אויסוואַשן, אָפּגאָלן, אַרומשערן, און זאָל די וועלט זען און באַוווּנדערן, וואָסערע „קראַסאַוויצעס" זיי לאָזן אַרויס פון די לאַגערן. און דערנאָך האָט מען אונדז ערשט געפירט מיט פאַראַד צום פאָטאָגראַפירן. דאָ האָט מען אויך געדאַרפט דורכפירן די באַפרייונגס־פאָרמאַליטעטן, באַשטימען די אויפהאַלט־ערטער, אַרויסגעבן די אודאָסטאָווערעניעס (לאַגער־פּאַספּאָרטן). ביי אונדז אָבער איז יעדע שעה געווען אַן אייביקייט — עס האָט טאַקע געהייסן, אַז מיר זענען שוין פריי, אָבער פון די לאַגערן זענען מיר נאָך נישט אַרויס. ווער ווייסט, וואָס זיי קאָנען נאָך אַ מאָל איינפאַלן?

דאָ האָבן מיר אויך געדאַרפט באַקומען אַ ביסל צידה־לדרך, אַ פּאַיאַק פון דריי קילאָ ברויט אויף אַכט טעג פאָרן. דריי פעקלעך מאַ־כאָרקע, דריי פעקלעך שוועבעלעך — פאַר יענער צייט אַן אמתער אוצר.

באַן־בילעטן, ווי אויך מיינע 150 רובל וואָס איך האָב געהאַט געמוזט דעפּאָנירן אין דער לאַגער־קאַסע, בעת מען האָט אונדז אַריינגעטריבן אין לאַגער — האָב איך איצט באַקומען צוריק. דער עשאַלאָן פון ווער ווייסט וויפל צענדליקער וואַגאָנען אויף דער זעלבער באַן־ליניע וואָס מיר, די שקלאַפן, האָבן דאָ געהאַט אויפגעבויט, ווערט שוין פאַרמירט פאַר די באַפרייטע.

דאָ איז אויך געוואָרן באַשטימט אַ מין באַן־פּאָליציי און יעדער וואַגאָן האָט געמוזט האָבן אַן אייגענעם סטאַראָסטע, און זיי אַלע צו־זאַמען האָבן געמוזט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גאַנצקייט און אומ־באַרירלעכקייט פון די נאַר־וואָס באַפרייטע און פאַר זייער ביסל זאַכן, און זיי האָבן אונדז געדאַרפט פירן אויפן אַנגעצייכנטן ווין־אָרט. פאָרן האָט מען געדאַרפט אַכט טעג, אָבער געדויערט האָט עס אַ סך לענגער. פאַרוואָס ? עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז במשך פון דער רייזע האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף אַן אמתער פעלקער־וואַנדערונג, און אַן אַ שיער עשאַלאָנען האָבן געקרייצט איבער אַלע ברייטן און לענגן פונעם גרויסן רוסלאַנד. אָט זענען אונדזערע עשאַלאָנען, שוין געפאָרן באַפרייטע פון די לאַגערן און שוין אָן באַוואָפנטע שומרים. און שוין זענען געפאָרן אַנדערע עשאַלאָנען מיט גוט־באַוואָפנטע סאָלדאַטן אויף די אַזוי גוט־באַקאַנטע וואַגאָן־טורעמלעך אַהין, כדי צו פאַרנעמען די לאַגערן וואָס פון זיי זענען מיר נאַר־וואָס אַרויסגעפאָרן, און אַזוי אָן אַ סוף. עס האָבן דאָ אפילו געטראָפן ניסים מיט משפחות אַז נאָך לאַנגע יאָרן זיין אָפּגעריסן איינער פונעם אַנדערן, האָט מען זיך ווידער אָפּגע־פונען, פאַרנדיק ווי באַפרייטע פון אַנדערע לאַגערן.

און גראָד איצט האָבן מיר געהאַט דאָס צווייפלהאַפטע פאַרגעניגן זיך צו באַקענען מיטן נייעם טיפּ פון אַ סאָוויעטישן „קולטור־מענטש", און די דאָזיקע קולטור־מענטשן זענען באַלד געוואָרן אַן אמתע פּלאָג פאַר די באַפרייטע, אָבער אויסגעפּייניקטע און אויסגעמאַטערטע לאַגער־מענטשן.

אין אַ בראשור, וואָס האָט אין זיין צייט געהאַט פאַרעפנטלעכט דער ערשטער סאָוויעטישער מלוכה־פּרעזידענט מיכאַיל איוואַנאָוויטש קאַלינין, שרייבט ער צווישן אַנדערן אַזוי :

„ס'איז טאַקע אמת, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט לעבט דער אַרבעטער־קלאַס דערווייל נאָך בעסער ווי ביי אונדז, דערפאַר אָבער האָבן מיר שוין באַוויזן צו דערציען אַ נייעם טיפּ פון אַ סאָוויעטישן קולטור־מענטש."

און אָט האָבן מיר איצט זיך באַגעגנט מיט זיי פּנים אל פּנים. און

אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָבן זיי זיך שוין געשאַפן אַן אייגענעם נאָמען — דאָס זענען די „אורקעס" (יונגע גנבימלעך). זיי זענען יונג, אָפט־מאָל כמעט נאָך קינדער. ווי־נאָר דער עשאַלאָן האָט גערירט פון אָרט, זענען די וואַגאָנען געוואָרן פול מיט זיי. פון וואַנען האָבן זיי זיך דאָ גענומען? אַז אין לאַגער זענען זיי דאָך גאָרנישט געווען, אַלנפאַלס נישט אין דעם לאַגער פון וואַנען מיר פאָרן איצט. אַזוי ווי די מאָסקיטן זענען זיי אַרונטער ביזן לייב פון די אומגליקלעכע לאַגער־מענטשן און אַרויסבאַקומען פון דאָרט אַלץ וואָס די נ. ק. וו. ד.־היישעריקן האָבן איבערגעלאָזט און וואָס די לאַגער־מענטשן האָבן באַוויזן צו באַהאַלטן אויף אַ שווערער שעה.

אַלע פאָר מינוט האָט זיך דורכגעשניטן אַ האַרצרייסנדיקער געשריי איבערן וואַגאָן „געוואַלד, מען האָט מיך שוין אומגליקלעך געמאַכט!" — „מען האָט מיך געקוילעט!" — „מען האָט מיך באַגנבעט!" — אַזוי איז דאָס געגאַנגען אַלע פאָר מינוט, און דאָס פאָר די אויגן פון דער באַן־מאַכט, פון דער וואַך און פון די סטאַראָסטעס, וואָס האָבן געדאַרפט אונדז אָפהיטן פון אַלעם בייז. זענען זיי אָבער פאַקטיש געווען שותפים צו די גנבים, האָבן געקוקט אויף זיי דורך די פינגער און מיט אַ צביעותדיקן קרעכץ און יעזואיטיש שמייכעלע געזאָגט: „אַ טשטאָ? וויטאָשטשילי טעביע? (וואָס? מען האָט דיך נעבעך באַגנבעט?). אויפן געשריי פונעם קרבן: „אָט האָסטו דאָך דעם גנב! אָט גייט ער! כאַפּט אים!" האָבן זיי שטענדיק געהאַט איין ענטפער: „האָסט אים דאָך נישט געכאַפּט ביי דער האַנט, און אין סאָוויעטסקי סאָיוז טאָר מען נישט חושד זיין קיינעם, אויב מען האָט אים נישט געכאַפּט ביי דער האַנט". מען האָט געמעגט האָבן טויזנט אויגן — די גנבים־האַנט האָט קיינעם נישט אויסגעמיטן.

מיר האָבן זיך געהאַלטן דריי לאַגער־חברים צוזאַמען און האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט צו האַלטן וואַך בייטאָג און נאָך מער ביינאַכט. און אין איינער אַ נאַכט, זייענדיק שוין שטאַרק אויסגעשעפּט און נישט קאָנענדיק זיך מער האַלטן אויף די פיס, זענען צוויי פונעם דריילינג אַרויף אויף דער פּאָליצע, כדי אַ ביסל זיך אויסצוגלייכן די גלידער. האָבן מיר קוים באַוויזן זיך אַנידערצולייגן, ווי עס האָט זיך שוין דערהערט אַ געשריי פון אונדזער דריטן: „געוואַלד! ראַטעוועט!" מיר קאַלערן זיך איבער קערפּערס פונעם דריטן שטאָק, כדי צו זען אונדזער בראָך: נישטאָ אונדזער שפּייז־אוצר, פאַרשוווּנדן געוואָרן אונדזער ביסל געלט. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען, וואָס עס זענען נעלם געוואָרן אויך אונדזערע רייזע־דאָקומענטן מיט די באַן־בילעטן — און וואָס דאָס הייסט אין סאָוויעט־רוסלאַנד דאָקומענטן, דאַרף מען, דאַכט זיך, היינט

שוין קיינעם נישט דערציילן, בפרט דראַט פּאַר די וואָס פּאָרן פון אַ לאַגער, אַזש צו ווערן צוריקגעשיקט אויף אייביק אין אַ לאַגער ווי אַ „פּאַספּאָרטלאָזער בראָדיאַגע", און אַז דו וועסט זיך קלאָגן: מען האָט דיך באַגנבעט, וועסטו שטענדיק באַקומען דעם סטערעאָטיפּישן ענטפער: „דו האָסט דאָך דעם גנב נישט געכאַפּט ביי דער האַנט!"

מיט אונדז איז צום גליק געשען אַ ביסל אַנדערש: מיר זענען געוואָרן אָפּגעבערענט נישט ווייט פון נאָוואָ־סיבירסק, און דאָ האָט גע־טראָפן מיט אונדז איינער פון די ניסים, וואָס קאָנען טרעפן מיט יעדן איינעם, ביז ער קומט אַרויס פון אַ סאָוויעטישן לאַגער — און אַזאַ נס האָט געטראָפן מיט אונדז אין נאָוואָ־סיבירסק. געקומען זענען מיר אַהער, ווי איך האָב שוין אויבן אָנגעוויזן, אָן רייזע־דאָקומענטן, אָן געלט און הונגעריק. לאָזן מיר זיך אַרויס אין שטאָט זוכן אַ ייִד, כאָטש מיר גיבן זיך גוט אָפּ אַ חשבון, וואָס מיר קאָנען דערוואַרטן פון אַ ייִדישן קאָמו־ניסט, אויב מיר וועלן אָנטרעפן אויף אַזעלכן. דאָס מזל האָט אונדז אָבער דאָ צוגעשפּילט און מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף אַ פרוי, אַ געוועזע־נע בונדיסטקע און אַ קרבן פון דעם אַזוי טראַגיש באַרימטן בלוטיקן מיטוואָך אויפן וואַרשעווער טעאַטער־פּלאַץ פון יאָר 1905 (ווי אַזוי די פרוי איז געקומען אַהער, איז גאָר אַ באַזונדער קאַפּיטל). זי האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט אונדז און נישט נאָר אַ שטיקל ברויט האָט זי אונדז געדאַרפט געבן, נאָר זי האָט אויך גענומען אַרומלויפן איבער אַלע סאָוויעטישע אַמטן אין שטאָט, כדי זיי צו איבערצייגן וועגן אומגליק וואָס מיט אונדז האָט געטראָפן, און ס'איז איר נישט געווען וואָס מקנא צו זיין.

נאָך לאַנגע טעג פון מאַטערנדיקע לויפענישן צו דער מיליץ, צו דער נ. ק. וו. ד., אין פּאַספּאָרטן־אַמט, קאָמפּענסאַציע־אַמט און נאָך אַנדערע אַמטן, האָט די נאָבעלע פרוי וואָס האָט געלעבט אָן אַ האָפענונג, באַוויזן צו דערליידיקן אַלע פאָרמאַליטעטן, וואָס אַנדערע האָבן אויף דעם געמוזט וואַרטן וואָכן און אפילו חדשים. אויך אין אַ שטיקל ברויט האָט זי נישט פאַרגעסן, און מיט דעם וואַרעמען געפיל, אַז ביי די שווער־סטע באַדינגונגען קאָן דער מענטש זיין גוט און אַז אפילו דאָס סאָוויע־טישע גיהנום־לעבן האָט נישט געקאָנט פאַרשטויסן דאָס מענטשלעכע אין מענטש, זענען מיר נאָך אַזוי פיל איבערלעבענישן ענדלעך אָנגעקומען אין דער שטאָט טשימקענט.

טשימקענט איז אַן אַלטע און גרויסע גובערניע־שטאָט אין דרום־קאַזאַכסטאַן מיט אַ מערהייט אוזבעקן. די שטאָט איז אַמאָל געווען אַ גרויסער האַנדלס־צענטער פון שעפּסן און וואָל. היינט זענען די איינוווי־נער שטאַרק אָפּגעשטאַנען מיט זייערע טויזנטער ליימענע כאַטקעס וואָס

יעדער גרעסערער ווינט קאָן זיי אָן שווערינקייטן צעוואַרפן. זיי שטעקן נאָך אין טיפן מיטלאַלטער: אַ נאַפט־לעמפּל איז אַ חלום, משפּחות־ווייז שלאָפן זיי אויף דער ערד, צוזאַמען מיט זייערע שטוב־חיות; זיי ווייסן נישט פון מעסער, לעפל, גאָפל, זיי עסן אבר־מן החי, און מיט די הענט; זיי האַלטן אפילו נישט פון „חרם־דרבנו־גרשום".

דאָס ביסל מאָדערנע הייזער וואָס זענען דאָרט שוין יאָ פאַראַן, זענען פאַרנומער פונעם נייעם קלאַס פון דער סאָוויעטישער אַריסטאָ־קראַטיע, ווי אַבל־קאַם, ריי־קאַם און פּראָם־קאַם (אָבלאַסט־נאָי קאָמיטעט, ראַיאָן־קאָמיטעט, אינדוסטריע־קאָמבינאַט). מיר זענען איצט אויפן קליינעם הילצערנעם און דאָרפּישן וואָקזאַלעכל. אַרום איז אַ רי־זיקער פּלאַץ אָנגעשטאָפּט מיט טויזנטער מענטשן, ווו אין אַ זייט שטייט אַ באַראַק, וואָס איז אויך אָנגעשטאָפּט מיט מענער, פרויען, זקנים, ביז עופּעלעך אויף די הענט. דאָס איז געווען דער עוואַקואַציע־פּונקט, און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די נעכט זענען שוין געווען גענוג קאַלטע, איז נאָך אַלץ געווען בעסער צו בלייבן אויף דער גאַס, כאָטש אויך די גאַס איז שוין געווען באַזעצט פון טויזנטער מענטשן, און ס'איז שוין נישט געווען ווו צו שטיין, צו זיצן, שוין אָפּגערעדט פון ליגן.

אין איינער אַזאַ נאַכט, ווען ס'איז שוין נישט מער געווען מעגלעך ווייטער אַזוי אויסצוהאַלטן, האָב איך זיך אַרויסבאַקומען אין אַ זייט און זיך צוגעזעצט אויפן טשעמאָדאַנטשיקל, וואָס איז געבליבן נאָך פון אַ פריערדיקער שרפה, און אַזוי איינגעדרימלט, האָב איך זיך פּלוצלינג אויפ־געכאַפּט טאַקע ווי פון אַ שרפה. ערשט איך זע, אַז דאָס וואַליזקעלע איז אַרומגעשניטן און אַלץ וואָס דאָרט איז געווען, איז אַרויסגענומען. גע־בליבן איז בלויז דאָס קאָפּ־קישעלע, וואָס נאָענטע מענטשן האָבן מיר געהאַט מיטגעגעבן, בעת מען האָט מיך אַרויסגעריסן פון זייער הויז.

וואָס־זשע האָב איך דאָ געזאָלט טאָן? שרייען? נישטאָ צו וועמען, דאָס איז דאָ אַ געוויינלעכע דערשיינונג יעדע שעה אין טאָג. אַ פּאָר־צווייפלטער לויף איך אָוועק צו דער באַן־פּאָליציי (מיליץ בלע"ז). איך האָב פאַר זיי אויסגעגאָסן מיין ביטער הארץ, באשר מען האָט מיך באַ־גנבעט, און דאָס נישט צום ערשטן מאָל. אויפגענומען האָט מיך אַ פּאָ־ליציי־אָפיציר, וואָס האָט מיך אויסגעהערט מיט אַ סך „מיטגעפיל", גע־מאַכט אַ פּראָטאָקאָל, אַריינגעשריבן אין אַ ביכל אַלץ וואָס מען האָט ביי מיר צוגעגנבעט. אויספירן האָט דער סאָוויעטישער אָפיציר געמאַכט צוויי: ערשטנס, מוז איך — און נישט דער גנב וואָס האָט מיך באַ־גנבעט — פאַרלאָזן טשימקענט אין משך פון 24 שעה. „סטייטש? היתכן? ווו איז יושר?" אויף דעם האָט דער פּאָליציי־אָפיציר געגעבן „זייער" געוויינלעכן ענטפער: „האָסט דאָך קיינעם נישט געכאַפּט ביי

דער האַנט; אדרבא, ברענג זיי נאָר אַהער, וועסטו זען, ווי מיר וועלן זיי באַשטראָפן!" גלייך ווי ער וואָלט טאַקע געוווּסט, ווו די גנבים געפינען זיך און זיי וואָלטן נאָר געוואַרט, ביז איך וועל זיי קומען נעמען און ברענגען צו אים! — און וואָס שייך צום פאַרבליבענעם קישעלע, דאַרף איך עס איבערלאָזן ביי אים! און זיין ווייב וועט עס שוין ווי געהעריק אָפּרייניקן פון דער בלאָטע און ער וועט עס מיר שפּעטער אָפּשיקן אויף מיין אַדרעס; וואָרעם ווי קאָן מען עס מיטנעמען אַ זאַך, וואָס גנבים־הענט האָבן זי פאַראומרייניקט? בין איך געווען אַזוי איבערגענומען מיט זיינע וואַרעמע רייד, אַז איך האָב דאָס קישעלע טאַקע געלאָזט ביי אים — און אַזוי וואַרט איך אויף אים נאָך ביז היינטיקן טאָג.

נאָך דריי מעת־לעת אָן שלאָף און כמעט אָן עסן, מיט כסדרדיקע נייע איבערלעבענישן האָב איך צום סוף זיך דערשלאָגן צו דער סטאַלאוואיא (עס־זאַל) ביים עוואַקואַציע־פּונקט. אויך נעכטן האָב איך זיך אַהין שוין געהאַט אַריינבאַקומען, האָט אָבער געטראָפן אַ מכשול: אַ סך פון די וואָס האָבן שוין פריער געהאַט אָפּגעגעסן זייער שטשי (אַזאַ באַרשטש), האָבן פאַר דעם נישט נאָר נישט באַצאָלט, נאָר זיי האָבן אויך מיט זיך מיטגענומען דעם הילצערנעם לעפל וואָס איז דעמאָלט געווען אַ פאַרמעגן. האָבן די דערלאַנגערס שפּעטער זיך נוקם געווען און האָבן דעם הילצערנעם לעפל מער נישט געגעבן. און פאַרן שטשי האָט מען שוין געדאַרפט צאָלן אין פאַרויס. וואָלט דאָס געווען אַ גערעכטע רעאַקציע פון זייער זייט, האָבן זיי אָבער איצט איבערגעדרייט דאָס פּשטל: זיי האָבן גענומען געלט אין פאַרויס, דעם הילצערנעם לעפל האָבן זיי נישט געגעבן, און דעם שטשי אויך נישט! כאַטש גיי און פאַרקלאָג זיי צו דער סטאַלין־קאָנסטיטוציע — און איינער פון די קרבנות בין איך איצט געווען.

סוף־כל־סוף און נאָך לאַנגע וואַרטענישן האָט זיך פאַרט עפּעס איינגעגעבן: מען האָט טאַקע באַצאָלט נאָך אַ מאָל, און אין פאַרויס, דעם שטשי האָב איך אָבער דאָס מאָל יאָ באַקומען. קוים באַוויזן אָפּצוכאַפּן אין איילעניש דעם שטשי, ווי עס האָט אויף אונדז שוין געוואַרט די אַרבאַ — אַ וועגעלע אויף צוויי הויכע רעדער, כדי נישט איינצוזינקען אין דער בלאָטע, און אָט דאָס וועגעלע האָט אונדז געדאַרפט אָפּפירן צום נייעם וווין־אָרט. אַפּגעפאָרן עטלעכע שעה, האָב איך דערפילט, ווי דער שטשי האָט גענומען רעדן ווערטער. איך קלער אויף מיין אַרבאַ־בעל־עגלה, אַז איך מוז אַראָפּגיין אויף אַ פּאָר מינוט און ער דאַרף אויף מיר וואַרטן מיט זיין „קאָטש". און ער האָט געענטפערט: „יאַכשי", דאָס הייסט: „גוט!". נאָר אַז איך בין געקומען צוריק מיט עטלעכע מינוט שפּעטער, האָב איך שוין מער נישט געטראָפן נישט מיין

אוזבעקישן בעל־עגלה, נישט די אַרבאַ און נישט קיין איינעם פון די וואָס מיט זיי בין איך ביז איצט געפאָרן. איך זע שוין נישט קיין לעבע־דיקן נפש — איך בין געבליבן איינער גייענדיק אין אַ ווּיסטער, אַ ווילדער געגנט.

און גייענדיק בין איך צוגעקומען צו אַ שיידוועג און נישט גע־ווּסט, צי דאַרף איך גיין לינקס, צי רעכטס. און מיטאַמאָל איז אויך אַראָפּגעפאַלן די נאַכט; אַזוי ווי אַ שטיין איז זי אַראָפּגעפאַלן, קיין בין־השמשות איז נישט געווען: נאָר־וואָס געווען טאָג, און שוין איז אַראָפּ־געפאַלן אַ שטאָק־פינצטערע נאַכט, און איך זע שוין אין דאָזיקן חושך בכלל נישט וווּ צו גיין. בין איך אַזוי פאָרט געגאַנגען, ביז איך בין צוגעקומען צו אַ דאָרף. און דאָ האָב איך גענומען קלאַפּן אין די טירן מיט דער איינציקער בקשה: „לאָזט איבערנעכטיקן אַן אָרעמען אַרעס־טאַנט וואָס איז נאָר־וואָס געוואָרן באַפרייט פון לאַגער!" און פון אומע־טום האָב איך באַקומען דעם ענטפער: „ניעלזיאַ!" (מען טאָר נישט). האָב איך אָנגעהויבן צו מאַכן עפּעס אַנדערש — אפשר וועט דאָס מיר העלפן? אין יעדער כאַטקע וווּהין איך בין געקומען, האָב איך זיך תיכף באַוויזן מיט מיין לאַגער־פּאַספּאָרט: „אָט זעט, פון וואַנען איך קום; האָט רחמנות און לאָזט איבערנעכטיקן אַ לאַגער־אַרעסטאַנט!" (אין סאָ־וויעטישן רוסלאַנד איז דאָס נישט קיין חרפּה). איבעריקנס האָט מיין הולך, די צעשליסענע פּופּייקע און די וואַטעגע הויזן קיינעם נישט געלאָזט זיך טועה זיין, פון וואַנען איך קום — און ווידער האָב איך באַקומען דעם זעלבן ענטפער: „ניעלזיאַ!". האָב איך נישט געהאַט קיין אַנדערע עצה, ווי ווייטער זיך לאָזן אין וועג אַריין — וווּהין ער וועט מיך פאַרפירן, ווייס איך נישט, אָבער בלייבן דאָ קאָן איך נישט. גיי איך אַזוי אין דער נאַכט־פינצטערניש אויף וועגן, וואָס ווערדליק זיי זענען די פּוילישע פעלדוועגן אויסגעפּלאָסטערטע שאָסייען; און דאָ: אַ ווילדער פעלדוועג מיט גריבער און בערג, און יעדע פּאָר מינוט פאַל איך אַוועק און שטיי ווידער אויף, כדי אין אַ פּאָר מינוט אַרום ווידער צו פאַלן — און אַזוי אָן אַ סוף.

אין אָט אַ דער פאַרצווייפלטער מינוט האָט פלוצלינג זיך אַרויס־גערוקט אַ פייערדיקע לבנה מיט אַן אַ צאָל שטערן אויף אַ בלויען הימל, און געשען איז דאָס אַזוי פלוצלינג, ווי עס האָט זיך פלוצלינג געהאָט אַראָפּגעלאָזט די שוואַרצע נאַכט. און אין דער מינוט האָט זיך מיר גע־חלומט דאַכטן, אַז עפּעס הער איך פון גאָר ווייט, ווי מען וואָלט געפאָרן אויף האַרטער ערד, איבער די זעלבע בערג און גריבער, וואָס איבער זיי בין איך אַזוי פיל מאָל געפאַלן און אויפגעשטאַנען און ווייטער

געגאַנגעןָ. איך לייג צו מיין אויער צו דער ערד און איך דערהער ווירק־לעך אַ גאַר וויטן אָפּקלאַנג פון אַ פאָרן.

אַ פאַרמאַטערטער זעץ איך זיך וואַרטן — צו פאַרלירן האָב איך דאָך גאָרנישט. ענדלעך הערט זיך דאָס פאָרן אַלץ מער און מער דייט־לעך, ביז דאָס געשפּענסט גלייכט זיך אויס מיט מיר. וואָס איז דאָס אַזוינס? דאָס איז אַ וועגעלע מיט אַ פערדל, וואָס עס וואָלט געווען אַ מצווה, מען זאָל עס נעמען אויף די הענט און אָנוועקלייגן אין אַ בעט, עס זאָל כאַטש אַ ביסל זיך אויסרוען. אויפן וועגעלע זיצט אַ מענטש אַ ריז, זיין פנים וואַרפט אָן אַ פחד. ער רעדט עפּעס צו מיר און איך פאַרשטיי נישט אַ וואָרט. איך לייג אים אַרויס מיין ביסל רוסיש, וואָס איך האָב זיך געהאַט אויסגעלערנט אין לאַגער — האָט ער ווידער נישט פאַרשטאַנען אַ וואָרט. זיין פנים אָבער שרעקט מיך און איך וואָלט שוין וועלן, ער זאָל וואָס גיכער אָוועקפאָרן פון דאַנען. ער אָבער איילט זיך נישט און רעדט ווייטער וואָס איך פאַרשטיי נישט — נאָר ער רעדט און רעדט און רעדט. מיטאַמאָל טוט ער צו מיר אַ זאָג: „סעדיס!" דאָס הייסט: זעץ זיך אַרויף! דאָס איז געווען דאָס איינציקע וואָרט פון זיין רוסישן לעקסיקאָן. איך בלייב אַ צעטומלטער; וואָס צו טאָן, ווייס איך איצט נישט: אויפזיצן מיט אים האָב איך מורא, נישט אויפזיצן האָב איך נאָך מער מורא. זיין פנים זאָגט מיר אַלץ נישט אָן קיין גוטס. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער איז געווען אַ קאַזאַך.

קאַזאַכן, מענער ווי פרויען, האָט די נאַטור מיט שיינקייט נישט באַשאַנקען. פאַרקערט אָבער זענען די אוזבעקן שיין (אויסנאַמען זענען דאָ, פאַרשטייט זיך ביי ביידע פעלקער) און דאָס באַווירקט, אַז מען זאָל זיך שרעקן פאַר די קאַזאַכן, בפרט אַז בלויז דאָס וואָרט „קאַזאַכן" האָט אַ געוויסע ענלעכקייט צו „קאַזאַקן". נאָר ווי עס זאָל נישט זיין: איך האָב מיך איינגעשטעלט און בין אַרויף אויפן וועגעלע פונעם קאַ־זאַך. ווי לאַנג מיר זענען אַזוי געפאָרן? ווער האָט דאָס געקאַנט וויסן? און וואָס איז דען געווען די נפקא־מינה? צוגעפאָרן זענען מיר צו אַ טשאַיכאַנאַי, דאָס איז אַן אוזבעקישע טיי־הייזקע. מלחמה־צייט איז אָבער נישטאָ קיין טיי און נישט קיין צוקער; איז מען אָפּגעקומען מיט בלויז וואַסער. דאָ האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און זענען אַהין אַריין. עפּעס האָט דער קאַזאַך געזאָגט צום באַלעבאָס פונעם טיי־הייזל, האָט ער באַלד אַריינגעבראַכט אַ ליעפּיאָשקע, דאָס איז אַ מין אַזיאַטיש ברויט, און אויך אַ מין קאָלירט וואַסער, צוגעגרייט פון פרוכטן, און האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן: „קושי!", דאָס הייסט: „עסן". און דאָס האָב איך שוין טאָקע נויטיק געדאַרפט צו האָבן. דערנאָך האָט דער באַלעבאָס מיך אַריינ־געפירט אין אַ שטוב, וווּ די גאַנצע ליימענע פּאָדלאָגע איז שוין געווען

באַדעקט מיט מענטשן פון ווער ווייסט פון וויפל נאַציעס. אָבער ווי נאָר איך האָב געהאַט געפונען אַ שטיקעלע פלאַץ און דאָרט געפרוווט אָוועק־לייגן מיינע אויסגעמאַטערטע גלידער, האָב איך באַלד דערפילט, אַז עס רודערט זיך. איך האָב נישט געקאָנט איינליגן און זיך אויפגעשטעלט. „העי! — האָט עמעץ אַ געשריי געטאָן — פאַרוואָס שלאָפסטו נישט?". „איך קאָן נישט שלאָפן, עס בייסט", האָב איך געענטפערט. „מער ווי אין לאַגער? — האָט ער געחוזקט — אָה, באַלשאַי כאַזשאַין, אַ גרויסער פריץ ביסטו!". נאָר ווי מיד איך בין דעמאָלט נישט געווען, איינשלאָפן האָב איך פאָרט נישט געקאָנט, און אַזוי האָב איך זיך אָפּגעפייניקט, ביז עס האָט גענומען שאַריען. און אינדערפרי, ווען איך האָב געוואָלט זיך אויסרעכענען מיטן טשייכאַנטשיק און אים באַצאָלן פאַרן טיי־פלעצל און פאַרן נאַכטלעגער, כאָטש נישט אַזאַ לוקסוס־אַרטיקער אָבער פאָרט אונטער אַ דאַך, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „ביע נאַדאַ!" (מען דאַרף נישט), און אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג — אַ סימן, אַז גאָרנישט וועט אים לאָזן ענדערן זיין באַשלוס, און מיך אַרויסגעפירט אויף אַ וועג און מיר געזאָגט, אַז אין אַ דריי, פיר שעה שפּעטער וועל איך זיין אויפן אָרט. און אַז איך האָב אָנגעהויבן צו גיין און בין געגאַנגען נישט דריי און נישט פיר שעה, נאָר ווער ווייסט וויפל שעהען איך בין אַזוי אָפּגעגאַנגען און עס האָט נאָך אַלץ קיין סוף נישט גענומען. און דאָ הייבט אָן דער אַזיאַטישער הימל אַראָפּצושיקן זיינע פייערדיקע שטראַלן, און דאָס וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, גלייך ווי דער הימל וואָלט אַרויסגעצויגן די גאַנצע זון פונעם „פוטערפעסל". לענגער אויסצוהאַלטן איז מיר שוין נישט מער געווען מעגלעך; איך בין אַוועקגעפאַלן אויפן מדבּרדיקן זאַמד — ווי ווייט דאָס אויג האָט געגרייכט, האָט זיך נישט געזען קיין לעבעדיקער נפש.

און אין דער מינוט, ווען עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַלץ איז פאַרלוירן און אין דאַזיקן מדבּר וועט דאָס שוין זיין מיין לעצטער גאַנג, האָט זיך דערהערט מיטאַמאָל אַ ווייטער אָפּקלאַנג, גלייך עס וואָלט געהאַוקעט אַ הונט. האָב איך מיר געזאָגט, אַז דאָרט וווּ ס׳איז דאָ אַ הונט, מוזן דאָך על פּי שׂכל אויך זיין מענטשן, און איך האָב אָנגעהויבן נאָכצוגיין נאָכן געבייל פונעם הונט, און וואָס נענטער איך בין געקומען, אַלץ קלאָרער האָב איך געהערט דאָס האַוקען פונעם הונט, ביז איך האָב אים טאַקע דערזען מיט מיינע אויגן. געווען איז דאָס אַ הונט אַ גרויסער, אַ מעכטיקער, אָן אמתער מדבּר־הונט, ווי געוויינלעך אַ הונגעריקער און דערפאַר אַ בייזער. זיך דערנענטערן צו אים איז געווען סכּנות־נפשות. ער האָט זיך געריסן אויף דער קייט מיט אַלע זיינע היניטישע כּוחות און געוויינט — איך האָב בפירוש אַרויסגעפילט דאָס האַרצרייסנדיקע געוויין

פון דאָזיקן כלב; אָט האָב איך אַזאַ גאָלדענע געלעגנהייט און קאָן זי נישט אויסניצן! נאָר באַלד האָט זיך אויך באַוויזן אַ מענטש, שוין נישט מער קיין יונגערמאַן. „וואָס — האָט ער מיך געפרעגט — דאַרפסטו? און ווער ביסטו?". „אַז איך בין אַ מענטש, זעסטו דאָך, און איך דאַרף אַ ביסל וואַסער, ווייל איך פאַל אַוועק סיי פון היץ און סיי פון דורשט". דער פשוטער רוסישער מענטש וואָס רעדט אַ פיינעם רוסיש, אַליין אויך אַ פאַרשיקטער, נעמט אַוועק דעם הונט, עפנט דאָס טירל פונעם קליינעם הייזל און לאָזט מיך אַריין. אויך פאַר אים האָב איך זיך איצט פאַרגע־שטעלט מיט מיין לאַגער־פּאַספּאָרט: „אָט זע, ווער איך בין."

און ווי נאָר דער דאָזיקער פרעמדער מענטש האָט מיך דערזען מיט מיין לאַגער־פּאַספּאָרט, איז ער מיר געפאַלן אויפן האַלדז און האָט מיך געגנומען האַלדזן און קושן. „זון מיינער — האָט ער געזאָגט — לי־בינקער און טייערער מיינער!" בקיצור, אַלע צערטלעכע ווערטער פו־נעם רוסישן ווערטער־אוצר זענען איצט געפאַלן אויף מיין קאָפּ. וואָס איז די שמחה און די גדולה מיט מיר? איז דער מענטש חלילה משוגע געוואָרן? ניין — ער איז נישט משוגע געוואָרן. גלייך שטעלט זיך אַרויס, אַז גראָד נעכטן אין אָוונט איז אַהיימגעקומען זיין צוויי און צוואַנ־ציק יאָריקער זון נאָך דריי יאָר לאַגער — פונקט אַזוי ווי איך! און אַזוי ווייסט אויך נישט זיין צוויי און צוואַנציק יאָריקער מאַלטשיק (יינגל) פאַרוואָס ער האָט אָפּגעפינצטערט דריי יאָר אין לאַגער.

„און איצט, קינד מיינס — זאָגט ער צו מיר — איצט דערצייל מיר, ווי אַזוי קומסטו אַהער? און ווי אַזוי ביסטו אַריינגעפאַלן? אַז דו ביסט אַ ייִד, דאָס זע איך און דאַכט זיך מיר, אויך נישט קיין אונד־זעריקער, איז פאַרוואָס, גאָט מיינער, ביסטו געוואָרן פאַרשלעפּט אין לאַגער?"

איך דערצייל אים, ווי אַזוי מיר זענען געקומען קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, אַז איך בין טאַקע אַ ייִד, נאָר פון פוילן און אַז דאָרט געוועל־טיקט היינט היטלער וואָס מאָרדעט אויס די ייִדן.

„יאָ — כאַפּט זיך מיטאַמאָל דער דאָזיקער פרעמדער רוסישער מענטש — מיר האָבן זיך אַזוי פאַררעדט, אַז איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דו ביסט דאָך אוודאי הונגעריק, אָבער קיין ברויט אין שטוב האָבן מיר נישט, אַ גוטן רוסישן באָרשטש האָבן מיר יאָ. אויב דו וועסט וועלן עסן אונד־זער עסן, איז וויפל דו וועסט נאָר קאָנען! איז נעם און וואַש זיך אָרום, וועלן מיר זיך זעצן צום טיש, און וואָס ס'איז דאָ, וועלן מיר אָפּ־עסן." „און ווו איז איצטער דיין זון?" — פרעג איך אים. ער ענטפערט מיר, אַז ער איז ביים פעטער. „אַ שאָד, ער וואָלט זיך מיט דיר שטאַרק

דערפרייט, אַ שאָד!״, האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן. נאָכן עסן האָבן מיר זיך האַרציק געזעגנט, ער האָט מיך אַרויסגעפירט צום וועג פון מיין ״נייער היים״ און אַרום פאַרנאַכט בין איך אָנגעקומען אין קאָלכאָז מיטן נאָמען סיירעם.

און דאָ האָט זיך פאַר מיר ערשט אָנגעהויבן אַ ניי גיהנומדיק לעבן. אָבער דאָס איז שוין אַ באַזונדער קאַפּיטל.

# ביי די ברעגעס פון קיזל־סו

## אין די קאַלכאָזן פון סייראַם

נאָך אַלע שווערע איבערלעבונגען פונעם וועג בין איך פון דער גובערניע־שטאָט טשימקענט ענדלעך אָנגעקומען אין סייראַם. דאָס דאָרף ליגט ביי די ברעגעס פונעם טייך קיזל־סו (רויט וואַסער). דאָרט האָב איך מיט מזל שוין אויך אָפּגעפונען מיין פאַרלוירענע קאָמפּאַניע. ווי עס פירט זיך אין יענער מדינה, האָט אונדז אויפגענומען דער ראש פון קאָלכאָז, דער באָביי (פאָטער) אדזשוביי, אַ מאַן מיט אַ לאַנגער הדרת־פּנימדיקער ווייסער באָרד, אין אַ לאַנגער אויסגעשטעפּטער וואַטענער קאַפּאָטע, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ווייסן לייוונט און מיט אַ גרויסן שפּיציקן שטריימל אויפן קאָפּ, פון אונטער וועלכן עס האָט אַרויסגעקוקט די אוזבעקישע יאַרמלקע (טיביטעיקע). דאָס אַלץ האָט אים געדאַרפט באַשיצן פון די גרויסע אַזיאַטישע היצן. דער באָביי האָט אונדז באַגריסט מיט אַ גרויסן „זדראַסטע!" (פון רוסישן וואָרט „זדראַסטוויטע"). נאָך דעם האָט ער זיך געוואָנדן בזה הלשון: „סאָוויעצקי סאָיוז יאַכשי? זאַווטראַ נאַ ראַבאָט!" (סאָוויעט־רוסלאַנד איז גוט? מאָרגן צו דער אַרבעט).

פון דער הויכער צוויי־רעדערדיקער אַרבאַ (אוזבעקיש פורל) האָבן מיר דערוויל אַראָפּגענומען די שיריים פון אונדזערע זאַכן, וואָס זענען אונדז איבערגעבליבן נאָך אַלע גנבות. דער פּרעדסעדאַטיעל אַדזשוביי האָט אונדז, די זעקס נאָר־וואָס געקומענע פאַרשוינען אַריינגעפירט אין אַ חורבה וואָס איז באַשטאַנען פון ליימענע ווענט, אַ ליימענע פּאָדלאָגע, אויף וועלכער עס זענען געווען אויסגעשפּרייט פעלד־גראָזן. פון די פענצטער האָבן זיך געזען בלויז די ראַמען מיט סימנים אַז אַמאָל, אַמאָל זענען דאָ אויך געווען שויבן. ביי־טאָג האָט דורכן סופיט זיך געוויזן דער הימל און אין די נעכט האָבן אַריינגעלויכטן די שטערן, וואָס זענען שוין אויך געווען אונדזער באַלויכטונג. די געלעגערס זענען געווען איינגעטיילט אויף אַ „דעמאָקראַטישן" אופן: איין העלפט האָט דער באָביי

אָפּגעגעבן פֿאַר די, וואָס זענען געווען אַליין, אָן משפּחות, און די אַנ־דערע העלפֿט האָט ער אָפּגעגעבן קאַראַמאַזינען, דעם ייִד פֿון דער קאַ־לישער געגנט, מיט זיין ווייב און שוויגער (צווישן וועלכע ס׳איז, אגב, קיינמאָל נישט געווען קיין שלום־בית) און כדי מען זאָל, חלילה, נישט פֿאַרבלאָנדזשען איינער צום אַנדערן האָט ער אין דער מיט געלאָזט אַ מחיצה, אַ שמאָלן דורכגאַנג.

מיינע צוויי געלעגער־חברים זענען געווען יואל בלאַנק און אברהם באַדאַש, נישט בלויז אין קאַלכאָז קיזל־סו, נייערט זיי זענען אויך געווען מיינע שכנים פֿונעם ערשטן טאָג ווען מ׳האָט אונדז אַריינגעזעצט אין די פֿאַרשלאָסענע בהמות־וואַגאָנען, וואָס האָבן אונדז געפֿירט צום לאַגער און אויך אין לאַגער גופֿא האָבן מיר זיך שוין געהאַלטן צוזאַמען. ווען אין אָוונט, נאָכן קומען פֿון דער אַרבעט אויסגעמאַטערטע, פֿאַרהונגערטע, האָבן די לאַגערניקעס שוין געוואַרט מיט אומגעדולד אויף זייער צוגע־טיילטער ברויט־פּאַרציע, וואָס האָט געמוזט קלעקן ביז דער מאָרגנדיקער ברויט־צוטיילונג, האָט יעדער איינער זיין שטיקל ברויט געטיילט אויף דריי פּענעצלעך און זיי געהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּל פֿון אויג. איין פּע־נעצל איז גלייך איינגעשלונגען געוואָרן אויפֿן אָרט, נישט דערוואַרטנדיק זיך אויפֿן ביסל וואַסערדיקער זופּ. יואל בלאַנק האָט נאָכן אויפֿעסן דעם ערשטן חלק ברויט געהאַלטן די געבליבענע פּענעצלעך אין איין וועגן אין דער האַנט און דערביי געצופּט קרישקעלעך און זיי געוואָרפֿן אין מויל אַריין, נישט אויפֿהערנדיק צו פֿרעגן באַדאַשן, זיין העכסטן אויטאָ־ריטעט: „באַדאַש, איר זענט הונגעריק? איך נישט.‟ און אַזוי פֿרעגנדיק, האָט ער דערווייל אויסגעדליבעט די גאַנצע מאָרגנדיקע פּאַרציע ברויט.

יואל בלאַנק, זייענדיק אַן אייניקל פֿון רעבישויווער רב, האָט אים פֿונדעסטוועגן נישט געצויגן צו ייִדן. ער האָט זיך געחברט רק מיט פּאָ־ליאַקן. ווי קליין ער איז נישט געווען, האָט ער זיך אויסגעקליבן די העכ־סטע פֿאַרשוינען פֿאַר חברים און ס׳איז געווען קאָמיש צו זען ווי ער האָט געשטופּט אַ פּאַפּיראָס אַזאַ גרויסן גוי אין מויל אַריין: „יאַנעק, כצעש זאַקוריטש?‟ (יאַנעק, ווילסט פֿאַררויכערן?). און פֿאַרוואָס זאָל יאַנעק נישט וועלן פֿאַררויכערן, אַז אין קאַלכאָז איז צו יענער צייט געווען אַ פּאַפּיראָס מיט גאָלד צו גלייך.

אויך צו אַן אַרבעט אין קאַלכאָז האָט ער זיך דווקא געכאַפּט צו אַ שווערער. ער איז געוואָרן אַ טראַקטאַריסט. אַחוץ שווער, איז די אַרבעט אויך געווען אַ שמוציקע. אין דער אמתן האָט דאָרט קיינער פֿון אונדז נישט געזינדיקט מיט צופֿיל ריינקייט, אָבער אויף יואלן האָט זיך דאָס אָנגעזעגן מער ווי אויף אַלע אַנדערע, מחמת דעם וואָס ער איז געווען אַ

שוואַרצער און נישט איבעריק קיין זויבערער, און ווען ער פלעגט קומען פון דער אַרבעט האָט ער אויסגעזען ווי מען וואָלט אים דורכגעצויגן דורך אַ קוימען. קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן, ווי ס׳איז געווען ניחא מיט אים צו ליגן אויף איין געלעגער.

דאָס דאַזיקע יינגל האָט פאַרמאָגט אַ גבורה איינצושטילן די סאַמע בייזסטע הינט, וואָס דאָס איז אונדז זייער צונוץ געקומען, ווייל אין די ווינטער־חדשים, ווען מיר האָבן געמוזט גיין גנבענען האָלץ, בכדי צו קאָנען עפּעס אָפּקאָכן און זיך דערוואַרעמען, זענען די הינט געווען פאַר אונדז אַ גרויסע שטערונג. מען האָט זיי געדאַרפט קאָנען איינשטילן און יואל האָט דאָס געקאָנט און ער איז ממש געווען פאַר אונדז אַ גליק. ס׳איז גענוג געווען אַז ער זאָל צוגיין צום סאַמע ווילדסטן בילנדיקן הונט, אַז ער זאָל פאַר יואלן בלייבן ליגן שטיל ווי אַ לעמעלע, גלייך ווי ער וואָלט דעם הונט כישוף אָנגעטאָן.

אברהם באַדאַש איז געווען אַ געבוירענער פון וואַרשע, אָבער איך האָב אים פון דאָרט נישט געקענט. אויך אין ווילקאָמיר, ווו מיר זענען געווען פּליטים, האָב איך מיט אים נישט געהאַט קיין באַזונדערע מחזקות. ערשט אין די דריי מעת־לעת ווען דער עשאַלאָן, וואָס האָט אונדז גע־דאַרפט פירן צום לאַגער, איז געשטאַנען אויפן יאַנאַווער וואָקזאַל האָבן מיר זיך דערנענטערט און באַשלאָסן אויך אין לאַגער צו האַלטן זיך צו־זאַמען, מיינענדיק אַז דאָס וועט אונדז אפשר פאַרלייכטערן דאָס לאַגער־לעבן. מילא, וואָלט ער געווען אַן ערלעכער חבר לצרה וואָלט טאָקע געווען לייכטער איבערצוטראָגן די ליידן בחברותא, אָבער ער האָט נישט געשמט מיט צופיל ערלעכקייט, ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן.

צומאַרגנס נאָך אונדזער קומען אין סייראָם זענען מיר צו דער אַר־בעט נאָך נישט געגאַנגען, הגם דער פּרעדסעדאַטיעל אדזשוביי האָט דאָס אונדז געהאַט געמאָלדן ביי אונדזער אָנקומען אין קאָלכאָז. ערשט אויפן דריטן טאָג האָט זיך צוגעשטעלט צו אונדז יעכיע דער דעסאַטניק, אַן אַרמענער, אין אַ געלאַטעט פּידזשאַקל (רעקל). די מעשטעס (שיך) זענען ביי אים געווען צוגעבונדן מיט שטריקלעך, זיי זאָלן אים נישט אַראָפּ־פאַלן פון די פיס. און אַזוי איז ער אַרומגעגאַנגען פון איין קיביטקע צו דער אַנדערער און צוזאַמענגעברענגט די פריש־געקומענע פּליטים אויף איין אָרט און אונדז געזאָגט, אַז איצט וועלן מיר גיין אַרבעטן אויף כלאָ־פּאָק (ביינוול) פעלדער און אַז יעדער פון אונדז דאַרף אויפקלויבן 17 קילאָ כלאָפּאָק אַ טאָג. פאַרוואָס פּונקט 17 האָבן מיר נישט געוווסט. דער עיקר וואָס מיר האָבן געוואָלט וויסן איז געווען וואָס מיר וועלן באַקומען פאַר דער אַרבעט. „טרודאָ דניס״ (אַרבעטס־טעג) איז געווען דער ענטפער. אָבער דערווייל דאַרף מען דאָך עסן און פון „טרודאָ דניס״ קאָן מען דאָך

נישט זאַט ווערן. יעכיע דער דעסאַטניק האָט געטענהט, אַז ברויט וועט זיין צום סוף יאָר ווען מען וועט אויסחשבונען דעם נייעם אוראָזשאַי (שניט) וואָס מען וועט אַראָפּנעמען פון די פעלדער. דערווייל, הייסט עס, דאַרף מען וואַרטן.

פאַר די 11 חדשים וואָס מיר האָבן געאַרבעט אויף די ביינוול־פעלדער האָבן מיר קיין שטיקל ברויט פאַר די אויגן נישט אָנגעזען. די פיר צעפוילטע קילאָ קאַרטאָפל און די צוויי קילאָ ווייץ, וואָס מיר האָבן באַקומען, האָבן אפילו אויף איין וואָך נישט געקאָנט סטייען. און כדי ווי ס׳איז צו דערגרערן זיך האָב איך פון זיך שוין געהאַט אַראָפּפאַרקויפט אַלץ, וואָס מיר איז נאָך איבערגעבליבן נאָך אַלע גנבות, צווישן אַנדערע זאַכן אַ פּאָר נייע שטיוול, וואָס כ׳האָב געהאַט איינגעקויפט אין ווילקאָמיר. איך האָב די שטיוול לאַנג געהיטן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, זיי גע־האַלטן אויף אַ שוואַרצער שעה, וואָס איז, ליידער, געקומען אַ סך פריער ווי מיר האָבן געמיינט, און איצט האָב איך די שטיוול געמוזט אויס־טוישן אויף אַ ביסל שפּייז פאַר אונדז, די דריי חברים, מיר זאָלן זיך קאָנען דערהאַלטן ביים לעבן.

## א מעדעם-פּייערונג אין קאַזאַכסטאַן

אין דער לאַנגער רשימה פון רעפערענטן און לעקטאָרן אין אַ פריייטיקדיקער „פאָלקסצייטונג״, וואָס האָבן זיך צעשיט איבער די ייִדישע שטעט און שטעטלעך אין פוילן, כדי צו טראָגן דאָס סאָציאַליסטישע ליכט אין די פאַרחושכטע אַרבעטער־שטיבלעך און אַ ביסל פרייד, האָט זיך אויך געפונען דער נאָמען באַריס, אָדער ברוך, זאַנענבערג פון אַלעקסאַנ־דער ביי לאָדזש.

די מלחמה־זאַווירוכע האָט אונדז, דורך לאַנגע עטאַפּן פון סאָוויע־טישע טורמעס און לאַגערן צונויפגעפירט אינעם ווייטן דרום־אַזיאַטישן מקום, וואָס הייסט מאַנקענט, טשימקענטער אָבלאַסט.

דאָס איז געווען דעם 9־טן יאַנואַר 1943.

איך זיץ אין טשייכאַנאַ. ס׳איז אין אָוונט. אין דרויסן איז אַ מוראַ־דיקע שניי־זאַווירוכע און אַ געוואַיערײַ. איך זיץ און אין מוח עגבערט: ווו וועל איך היינט איבערנעכטיקן? איך וואַרף אַדורך אין געדאַנק אַלע ייִדישע פּליטים — אפשר ביי דעם און אפשר ביי יענעם? ניין, איך געפין נישט אַזאַ ייִדישע שטוב, ווו איך זאָל קאָנען איבערנעכטיקן. זיץ

איך אַזוי און וואַרט אויף אַ נס. אפשר וועט דאָך עמעצער אַריינקומען און מיך מיטנעמען. דער נס קומט נישט.

דער טשייכאַנטשיק דערמאָנט מיך שוין, איך זאָל גיכער פאַרענ־דיקן מיט מיין קיפּיאַטאָק (געקאָכט וואַסער), ווייל אויך ער וויל שוין גיין אַהיים. איך זאָג אים צו, אַז אָט שוין באַלד וועל איך פאַרענדיקן, און איך קוק אויף דער טיר, אולי ירחם. דערווייל זע איך, אַז דער שטח אַרום דער טיר איז שוין געוואָרן איין פּראַסטיקע אַזיערע אינאיינעם מיטן דרויסן.

איך פּרוּוו גאַנץ פאַרזיכטיק אונטערהאַנדלען מיטן טשייכאַנטשיק, אפשר וועט ער פאַר גוט באַצאָלט מיך לאָזן איבערנעכטיקן אין זיין ליימענער כאַטקע. נאָר דאָס פאַרערגערט נאָך מיין לאַגע — ער שפּרינגט אויף אַ צעקאָכטער: „ווייסטו דען נישט, אַז אין סאָוויעטסקי סאָיוז טאָר מען נישט אַזאַ זאַך?".

איך שטעל אויף דער לעצטער קאַרט און זאָג אים צו, אַז אויב נאָך אַ האַלבער שעה קומט נישט עמעצער וואָס קאָן מיך מיטנעמען מיט זיך, וועל איך פאַרלאָזן זיין „פּאַלאַץ".

איך ווייס, אַז אויב איך וועל היינטיקע נאַכט זיין אין דרויסן, בין איך אַ פאַרלוירענער.

און אַזוי ווי איך זיץ פאַרזונקען אין מיינע מחשבות, עפנט זיך מיט גרויסע שוועריקייטן די טיר און עס רוקט זיך אַריין אַ פאַרשוין אין סטאַליניסטישן טראַכט: אַ פּופייקע וואָס אירע צווייטן לאָזן גאָרנישט צו דעם געדאַנק, אַז דאָס בגד איז אַמאָל געווען גאַנץ. די שוין עטלעכע וואָכן נישט געגאָלטע באָרד פאַרדעקט אַ ביסל דאָס אָפּגעצערטע פּנים, און די אויגן פלעמלען צי פון הונגער, צי פון היץ, צי גאָר פון ביידע צוזאַמען. אין דער האַנט האַלט ער אַ לאַנגן שטעקן און אַ פאַרזשאַ־ווערט בלעכן קעסעלע אויף אָנצונעמען די טעגלעכע פאַרציע קיפּיאַ־טאָק. דער טשייכאַנטשיק קען אים שוין. „יעווריי!" (אַ ייִד), ווייזט ער אים אויף מיר. ביז איצט האָט עס אויסגעזען, אַז ער באַמערקט מיך נישט. נאָר איצט, אַז ער האָט שוין אָנגענומען זיין טיי, קומט ער צו מיר צו. „אַ ייִד?", פרעגט ער. און איך ענטפער אים, אַז יאָ, אַז איך בין אַ ייִד. פרעגט ער: „טאָ, וואָסזשע זיצט איר דאָ? זעט נאָר, וואָס אין דרויסן טוט זיך, פאַרוואָס גייט איר נישט אַהיים? דער טשייכאַנטשיק מאַכט דאָך שוין אויך צו!". איך דערצייל אים, אַז היינט, גראָד היינט האָב איך פאַרלוירן מיין היים, וואָס איז געוואָרן צעוואָרפן דורכן ווינט און איך האָב נישט ווו צו נעכטיקן.

„איז קומט־זשע — זאָגט ער — צו מיר!"

„וואָס? איך וועל קאָנען מיט אייך איבערנעכטיקן? אַזאַ וווינונג האָט איר?"

„מיין וווינונג — זאָגט ער — איז נישט אַזאַ וואַזשנע, אָבער איבערנעכטיקן וועט איר קאָנען".

און אַזוי לאָזן מיר זיך אין וועג אַריין. דער ווינט שמייסט אין פּנים און בייסט זיך אַריין מיט טויזנט ציין אין אַלע גלידער און פאַר־האַקט דעם אָטעם. אַזוי גייען מיר באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ. ערשט איצט פאַרשטיי איך, צו וואָס ער דאַרף מיט זיך האָבן דעם לאַנגן שטעקן. ענדלעך קומען מיר צו צום „פּאַלאַץ" פון מיין נייעם פריינט. מיר קומען אַריין אינעווייניק. ער האָט שוין דאָ אַ גאַנצע באַלעבאַטישקייט מיט אַן אייזערנער קאַפּטשילקע און אַ פלעשעלע מיט אַ קנייטל וואָס ער צינדט באַלד אָן. אין דער גרויער טונקלקייט שטעלט זיך פאַר די אויגן אַ טרויעריק בילד: דאָס ליימענע כאַטקעלע, ווו ס'איז בלויז פאַרהאַן אַ לאָך, ווי דאָס וואָלט געדאַרפט זיין אַ פענצטער. און דאָס זעלבע אַ טיר. נאָר ס'איז נישט קיין טיר און נישט קיין פענצטער. נישטאָ קיין פּאָדלאָגע און נישט קיין סופיט. ביי איין שטיקל וואַנט איז פאַרהאַן אַ שטיקל אָרט ווי פון צונויפגעקלאַפּטע ברעטלעך און געמאַכט אַ נאַרע אויף אוועקצולייגן זיך. דערביי זאָגט מיר מיין נייער חבר, אַז די וווינונג געהערט נישט צו אים אַליין. נאָר היינט, זאָגט ער, האָב איך מזל: שמחה, זיין צווייטער מיטוווינער, וועט היינט שוין נישט קומען. די סיבה דערפון איז אַ גאַנץ טרויעריקע: עטלעכע וואָכן ערשט, ווי שמחה איז אַרויס פון טורמע; ניין חדשים איז ער דאָרט אָפּגעזעסן. אויך זיין יונגע פרוי איז מיט עטלעכע וואָכן צוריק אַרויס פון טורמע און איז מיט צוויי וואָכן צוריק געשטאָרבן. שמחה האָט די גאַנצע צייט שרעקלעכע קאָשמאַרנע חלומות: ווי נאָר ער שלאָפט איין, מערן זיך זיינע אויסטערלישע קולות, רק עס חלומט זיך אים, אַז די נ. ק. וו. ד. פאַרשט אים. פון אַזעלכע חלומות איז שמחה שוין געוואָרן איינגעדאַרט און איינגעקוואַרט. אויך מיין נייער פריינט ליידט שטאַרק פון שמחס קאָשמאַרן, אָבער וואָס זאָל ער טאָן? זאָל ער אים פאַרלאָזן? זאָל ער אים הייסן זיך אָפּזוכן אַן אַנדער אָרט צום שרייען?ביידע זאָכן קאָן ער נישט. היינט אָבער האָט אַ ייִדישע פאַמיליע אים אַריינגענומען צו זיך — אפשר צווישן ייִדן, אפשר אין אַ היימישער משפּחה וועט שמחה זיך באַרויִקן. דערווייל, זאָגט מיר מיין פריינט, האָב איך מזל, די נאַכט וועל איך זיין אין אַן אַזוי געראָפּענער שטוב.

מיין נייער חבר גרייט דאָס געלעגער מיט אַ פערענע וואָס האָט

שוין נישט געזען קיין זייף, זינט זיי זענען אַרויס פון זייער היים. מיר ליגן שוין אויף דער נאַרע. פּלוצלינג טוט ער אַ פרעג: „פון וואַנען זענט איר?" איך זאָג אים, אַז פון וואַרשע. „נו — פרעגט ער — און וויקטאָר אַלטערן קענט איר?" אין דער ערשטער מינוט האָב איך מיך אַזוי ווי פאַרלוירן און געענטפערט: „ניין". ער איז געווען ווי פאַרחידושט און געזאָגט: „וואָס? און הענריק ערליכן קענט איר אויך נישט?". דערויף האָב איך שוין געענטפערט: „איך קען ערליכן, איך קען אַלטערן, איך קען אַלעמען. איך בין אַ בונדיסט שוין כּך־וכך יאָרן." „איז אפשר — פרעגט ער שוין — האָט איר געקענט וולאַדימיר מעדעמען?" — „אויך מעדעמען האָב איך געקענט און אַ סך, אַ סך מאָל געהערט זיינע רעדעס!" „איז ווייסט איר כאָטש — פרעגט ער ווייטער — אַז היינט איז דער 9־טער יאַנואַר? און דער צוואַנציקסטער יאָרצייט נאָך אונדזער גרויסן מעדעם?"

און נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער זיצט שוין מיין גאַסטגעבער ברוך, אַנגעשפּאַרט אָן דער פאַרשנייטער ליימענער וואַנט און ווי ער וואָלט פאַר זיך געהאַט אַ גרויסע אוידיטאָריע שיקט ער שוין אַרויס זיינע פייערדיקע רייד וועגן שעפער פונעם בונדישן פּראָגראַם, זיין שטעלונג צום ציוניזם, זיין אַזוי גערופענעם נייטראַליזם און זיין נאַציאָנאַלן פּראָגראַם, און אויך זיין שטעלונג צום קאָמוניזם. ווייטער נאָך: זיינע נבואות וועגן גורל פון דער באַלשעוויסטישער רעוואָלוציע, זיין שאַפן די יידיש־וועלטלעכע שול, זיין קאַמף פאַר דערהאַלטן דעם „בונד" ווי אַ פרייע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, זיין פאַרלאָזן פּוילן און צום סוף זיין טויט אין אַמעריקע און דערמיט די גרויסע אבידה פאַרן אַרבעטער־קלאַס. צולעצט דערמאָנט ער אויך מעדעמס נבואות וועגן דער איצטיקער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט און וועגן דער סטאַליניסטישער ירידה.

איך האָב אַ סך מאָל געהערט רעדן וועגן מעדעמען און פון אַ סך גרעסערע רעדנערס ווי דאָס איז געווען ברוך, אָבער יענע מעדם־פּייערונג, כאָטש עס זענען שוין לאַנגע יאָרן פאַרביי זינט דעמאָלט, שטייט פאַר מיינע אויגן, ווי דאָס וואָלט געווען ערשט נעכטן. ברוך, אין זיין פאַרוואָקסנקייט האָט דעמאָלט אויסגעזען ווי נישט קיין ערדישע געשטאַלט, און דער גאַנצער אַרום האָט געשאַפן אַזאַ איינדרוק וואָס לאָזט זיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

איך האָב מיט ברוכן געגעגעכטיקט נאָך עטלעכע מאָל אין אָט דער ליימענער הייזקע. שמחה איז שוין בכלל נישט מער צוריקגעקומען אין זיין היים, ווייל דער נאָענטער שניי־שטורעם האָט שוין איינגאַנצן איינגעוואָרפן די הייזקע.

אין די ווייטערדיקע נעכט האָט ברוך מיר שוין דערציילט זיין איי־גענע טרויעריקע געשיכטע: ברוך איז געקומען מיט זיין פרוי אין קאַל־כאַז און דער אָרטיקער פּרעדסעדאַטיעל האָט זיי איינגעקוואַרטירט. איין מאָל איז דער פּרעדסעדאַטיעל אַריינגעקומען צו ברוכן מעשה גוטער פריינט. אויף דער וואַנט האָט ער דערזען העגגען זיין אָנצוג נאָך פון פּוילן. „פּראָדאַיאָש?" (פאַרקויפסט?), האָט ער אָ פרעג געטאָן. ברוך האָט געענטפערט, אַז דעם אָנצוג באַהאַלט ער אויף צוריקקוועגס אַהיים קיין פּוילן און דעריבער קאָן ער אים נישט פאַרקויפן. דער פּרעדסעדאַ־טיעל האָט אָבער נישט רעזיגנירט. איבערחזרנדיק נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל דעם זעלבן פאַרלאַנג, איז ער געפאַלן אויף אַ טייוולאָנישן פּלאַן. ער האָט געמסרט, אַז ער מיט נאָך אַנדערע האָבן געקויפט בראָנפן ביי ברוכס פרוי, און האָט צוגעשטעלט צוויי אוזבעקן ווי עדות־זאָגערס. מען האָט ברוכס פרוי באַלד אַרעסטירט, אין עטלעכע טעג אַרום זי געמשפּט און פאַראורטיילט צו זעקס יאָר תפיסה און קאָנפיסקירן זייער גאַנץ פאַרמעגן. דער וואָס האָט קאָנפיסקירט, איז געווען דער פּרעדסעדאַטיעל און אין איינוועגס האָט ער אויך שוין קאָנפיסקירט ברוכס אָנצוג — ער האָט זיינס דערגרייכט, ער האָט שוין דעם אָנצוג. ברוכן ליגט אָבער איצט נישט אין זינען דער אָנצוג, ער מוז ראַטעווען זיין פרוי. ער לויפט פיל מאָל צופוס קיין טשימקענט, ביז ער דערשלאָגט זיך צו אָן אַפּעלאַציע ביי אַ העכערן געריכט. דער סוף? דער פריערדיקער אורטייל איז גע־וואָרן באַשטעטיקט.

ברוך גיט נישט אויף. עס הייבט זיך אָן פאַר אים אַ ניי לויפעניש. דאָס מאָל קיין טאַשקענט צום העכסטן געריכט. ער לויפט צו אַדוואָקאַטן, אָבער אַדוואָקאַטן קאָסטן געלט און זאָגן גאָרנישט צו, ווייל דער פּרע־דסעדאַטיעל איז מעכטיק. פונדעסטוועגן דערגרייכט ברוך אויך אין טאַש־קענט אַ רעוויזיע. דער סוף? דער אורטייל ווערט באַשטעטיקט.

ברוך איז שוין אינגאַנצן אויסגעשעפּט, אָבער ער גיט נאָך אַלץ נישט אויף. קיין געריכטלעכן וועג האָט ער שוין נישט — טאַשקענט איז געווען דאָס העכסטע געריכט, אָבער צו פאַרלירן איז שוין אויך נישטאָ וואָס. האָט ער זיך גענומען אויף גאָר אַ נייעם וועג, דאָס מאָל צו קאַלינינען אַליין, צום סאָוועטישן פּרעזידענט. ברוך קאָן שוין אַליין שרייבן רוסיש — די געריכטן האָבן אים אויסגעלערנט. איצט קומט דאָס פיינלעכע וואַרטן אויף אָן ענטפער. ער שרייבט איין מאָל, ער שרייבט אַ צווייט מאָל — אין קול ואין עונה! קיין ענטפער זעט מען נישט. דערווייל האָט זיך אָנגערוקט אַ שפּאָגל־נייער אומגליק: עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג אויף פּוילישע בירגער, זיי זאָלן נעמען סאָ־וויעטישע פּעסער. ברוך, אַזוי ווי אַלע פּוילישע בירגער, ווערט זיך קעגן

דעם מיט ציין און נעגל. דאָס איינציקע שפּייז־מיטל וואָס האָלט אויף זיין שוין אויסגעמאַטערט לעבן, זענען די 400 גראַם ברויט וואָס ער באַקומט אַ טאָג ווי אַן ארבעטס־אינוואַליד, ווייל אַרבעטן אַרבעט ער נישט מער.

די רעאַקציע מצד דער סאָוויעטישער מאַכט קומט שנעל: „נעמסט נישט קיין פּאַס, באַקומסטו מער נישט קיין ברויט!" איצט לעבט שוין ברוך פון דעם וואָס מענטשן האָבן רחמנות און גיבן אים.

איך רעד שטאַרק צו ברוכן, ער זאָל נעמען דעם פּאַס. ניין, זאָגט ער, ווי לאַנג ער וועט קאָנען, וועט ער אויסהאַלטן — דערוויילּ קאָן ער נאָך.

און איין מאָל אין אַ טאָג לויפט מיר ברוך אַנטקעגן און פּאַכעט מיט אַ פּאַפּירל אין דער האַנט: „חבר קלמן, איך האָב שוין!"

„וואָס האָט איר שוין?" פרעג איך.

„נו, איר האָט דאָך מיך צוגערעדט צו נעמען אַ פּאַס. ווי לאַנג איך האָב געקאָנט, האָב איך מיך געווערט און נישט גענומען... היינט אָבער האָב איך שוין געמוזט. אָבער נישט אויף לאַנג האָב איך גענומען דאָס שאַנד־פּאַפּירל, בלויז אויף דריי חדשים. אפשר וועט מיט דער צייט זיך עפּעס בייטן."

ברוך האָט קיין טעות נישט געהאַט. פאַר אים האָט זיך אין דריי חדשים אַלץ ראַדיקאַל געביטן.

איין מאָל, אין אַ דאָנערשטיק אינדערפרי, האָט זיך איבער מאַנקעט פאַרשפּרייט אַ טרויעריקע ידיעה: ברוך זאַנענבערג איז אַוועקגעפאַלן אין מיטן גאַס. מען האָט אים אַריינגעכאַפּט אין שפּיטאָל, אָבער זיין אָפּגעשוואַכט האַרץ האָט מער נישט אויסגעהאַלטן און האָט אויף אייביק אויפגעהערט צו קלאַפּן. דעם אַנדערן טאָג איז ער געקומען צו קבורה אויף איינעם פון די אוזבעקישע פעלדער. געווען איז דאָס אין אַ פריי־טיק אין חודש מערץ אָדער אַפּריל אין יאָר 1943.

און עטלעכע וואָכן אַרום נאָכן טויט פון ברוכן איז אַ דאַנק די פריערדיקע באַמיונגען זיינע ביי אַלע געריכטס־אינסטאַנצן און צו לעצט ביי קאַלינינען ענדלעך באַפרייט געוואָרן די פרוי זאַנענבערג נאָך העכער צוויי יאָר מאַטערנישן אין די טורמעס. זי איז געקומען קיין מאַנקענט, אָבער ברוכן האָט זי שוין מער נישט געטראָפן.

# איך גיי איבער די הייזער

איך ווייס נישט, צי איז פאַרהאַן אַ טויט וואָס זאָל זיין מער שרעקלעך ווי ס׳איז דער טויט דורך הונגער. איך האָב געזען מענטשן זיך קאָרטשען אין הונגער־קאַנוולסיעס און אויסכאַרכלען מיטן לעצטן גסיסה־אָטעם: „אַ שטיקעלע ברויט!“

וואָס הונגער איז, קאָן נאָר פילן דער, וואָס דער הונגער האָט אים אַריינגענומען אין זיינע טויט־פינגער. פון הונגער האָבן מענטשן דאָס מענטשלעכע פּנים פאַרלוירן. מענטשן האָבן זיך געראַיעט אין די מיסטן מיט דער האָפענונג פון דאָרט עפּעס אַרויסצובאַקומען. זיי האָבן געגעסן די שפּראָצן פון פּרוכטן וואָס האָבן נאָך לאַנג געדאַרפט צייטיקן אויף די ביימער, און פון דעם האָבן זיי באַקומען אויפגעבלאָזענע און געשוואָלענע בייכער; און די שפּיטאָלן זענען געוואָרן איבערגעפּולט פון טיפוס־ און דיזענטעריע־קראַנקע, און ווי גרויס ס׳איז געווען דער טויט־שניט, פאַרשפּאַר איך דאָ צו דערציילן.

אין די קליינע וואַרשטאַטלעך וואָס זענען געוואָרן אויפגעשטעלט אויפן שפּרונג, געשאַפן דורכן כאַזשאַלער ייִד מינסקי — וואַרשטאַטלעך מיט די קלינגענדיקע נעמען ווי: טראַסט אָדער פּראָמישלני (אינדוסטריע), קאָמבינאַט א. א. וו., האָט מען געצאָלט לעכערלעכע לוינען: פאַר אַ חודש אַרבעט האָט מען געקאָנט קויפן אויפן שוואַרצן מאַרק קוים צוויי קילאָ ברויט, און גאַנץ אָפט נאָך ווייניקער. און די 400 גראַם ברויט וואָס די „קאָמבינאַטן“ און „טראַסטן“ זענען געווען מחויב צו געבן די אַרבעטער פאַר מלוכה־פּרייזן, האָט מען וואָכן־לאַנג נישט געגעבן, און עס איז געוואָרן „קאַידע“, דאָס הייסט: פאַרברענט, פאַרפאַלן געוואָרן.

און נאָך ווייניקער האָט מען געקאָנט דערוואַרטן פון די קאָלכאָזן, וואָס האָבן צוגעזאָגט גאַנצע און גרויסע גליקן — צום סוף יאָר! דעמאָלט וועלן די קאָלכאָז־מענטשן, אַזוי האָבן זיי צוגעזאָגט, ממש זיך באָדן און תבואה... צו פאַרקויפן. נישט עס איז שוין געווען וואָס, און נישט עס האָט געלאָקט אין אַזאַ צייט צו קויפן מציאות — סיידן די הויכע נאַטשאַלניקעס. זיי ווידער האָבן מורא געהאַט פאַר אַן עין־הרע. זענען די כוחות אויסגעגאַנגען פון הונגער און די פיס האָבן שוין מער נישט געטראָגן, און לעבן האָט זיך געוואָלט! אוי, האָט דעמאָלט זיך געוואָלט לעבן!

אין אָנבליק פון דעם אָלעמען האָבן די אַרבעטער פון די דאָזיקע „לויתן־פאַבריקלעך“ זיך געלאָזן, ווו נאָר די אויגן האָבן געטראָגן. אויך איך האָב מיט מיינע שניידערישע הענט און אויף די שוין וואַקלענדיקע

פיס זיך געלאָזט אין דער דאָזיקער וועלט אַריין, גייענדיק פון הויז צו הויז זוכן אַרבעט און אפשר וועט זיך מאַכן אויך מיט עפּעס צו שטילן דעם הונגער. מיין מזל האָט אָבער געוואָלט, אַז דעם ערשטן „קבלת־פּנים" זאָל איך באַקומען פון אַ יונגן רוס, וואָס ביים ערשטן וואָרט האָט ער אויף מיר געטאָן אַ ריטשע: „נאַ ראַבאָטו!" (גיי אויף אַרבעט). מיט אַזאַ פּאַרשוין איז אָבער געווען גלייכער צו רעדן וואָס ווייניקער — האָב איך טאַקע אַזוי געטאָן און בין אַוועק ווייטער.

דער גאַספּאַדין באַריסאָוו וואָס צו אים בין איך איצט אַריינגעפאַלן, איז געווען אַ הויכער און שטאַלטנער אַלטער מאַן, אַ גלייכער, מיט שטילע רייד און געמאָסטענע טריט, אַן אמתער אַריסטאָקראַט. אויף מיין פרעגנדיקער באַגריסונג, צי ער האָט נישט מורא אַריינצולאָזן אַ פרעמדן מענטש און צו רעדן מיט אים, האָט ער מיר געענטפערט שטיל, גלייך ער וואָלט געציילט יעדעס וואָרט: „גאָלובטשיק, האָט ער געזאָגט, פאַר וועמען דאַרף איך דען מורא האָבן? איך בין שוין אַן אַלטער מאַן פון צוויי און אַכציק יאָר, איז וואָס־זשע קאָנען זיי מיר טאָן נאָך מער ווי זיי האָבן שוין געטאָן? און וואָס זיי האָבן געטאָן, איז גלייכער, גאָלובטשיק, דו זאָלסט עס נישט וויסן."

און ער האָט ווייטער געפרעגט: „אָבער וואָס פאַר אַן אַרבעט אייגנטלעך זוכסטו? — יאָ, אָבער זע נאָר, זע, וואָס פאַר אַ דוראַק (נאַר) איך בין — דו ביסט דאָך אוודאי הונגעריק. לאָמיר אָקאָרשט דיך אַ ביסל „אָנקאָרמען" און דערנאָך וועלן מיר קאָנען רעדן וועגן אַרבעט. וועלכער גאָט, טייערינקער, האָט דיך געבראַכט אַזש אַהער? — ניעט, ניעט! (ניין, ניין), לאָמיר פריער דאָס האַרץ זיך אַ ביסל דערכאַפּן און דערנאָך וועלן מיר שוין רעדן וועגן אַלץ. „מילאַיאַ" (טייערע), האָט ער אַ רוף געטאָן אין אַנדערן צימער, און באַלד האָט זיך באַוויזן אַן עלטערע פרוי מיט אַ שניי־ווייסן קאָפּ האָר און מיט אַ גוט פּנים, ווי די שכינה וואָלט אויף איר גערוט. דער גאַספּאַדין באַרוסאָוו שטעלט מיך פאָר: „וואָט, מאַמאַשאַ, גאָסט פּרישאָל (אָט, מאַמאַשאַ, איז געקומען אַ גאַסט) — גרייט דעם טיש!". און באַלד האָט אויפן טיש זיך באַוויזן אַ דאָרפישער לאָבן ברויט מיט פּוטער און אַן אמתדיקער רוסישער באָרשטש — „וואָט נאַסטאָיאַשטשי רוסקי באָרשטש", האָט דער אַלטער נישט אויפגעהערט מיט אים צו שטאָלצירן.

אַז מיר האָבן אָפּגעגעסן דעם אמת רוסישן באָרשטש און פאַרביסן מיטן דאָרפישן ברויט מיט פּוטער, וויל דער גאַספּאַדין באַרוסאָוו ווייטער וויסן, וועלכער גאָט עס האָט מיך געבראַכט אַהער. אַז איך בין אַ ייִד, דאָס זעט ער, אָבער אַ ייִד נישט פון זייערע געגנטן.

מיר זענע באַלד געוואָרן געגוג היימיש און דערציילט האָב איך אים, אַז געבראַכט אַהער האָט מען נישט נאָר מיך אַליין, און צוזאַמען מיט מיר האָט מען געבראַכט נאָך טויזנטער ייִדן; געבראַכט פון די לאַ־גערן און תפיסות פון סיביר. דער גאַספּאַדין באַרוסאַוו האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן און האָט דערביי אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וואָס זי איז שוין פריער געווען קלאָר פאַר דער גאַנצער וועלט: אַז ווען נישט דער סטאַ־לין־רעזשים און סטאַלינס אָפּמאַך מיט גיטלערן (היטלערן), וואָלט עס קיינמאָל נישט געקומען צו דער מלחמה־קאַטאַסטראָפע... אוודאי, זאָגט דער גאַספּאַדין באַרוסאַוו, ליידן איצט ייִדן זייער שטאַרק, אָבער אויך דאָס רוסישע פאָלק האָט איצט אויסצושטיין אַ סך צרות — און ס׳איז אַן אמתע חרפה, וואָס די באָלשעוויקעס טוען אַלץ אָפּ אין נאָמען פונעם רוסישן פאָלק.

„און איצט גאָלובטשיק, וואָס פאַר אַן אַרבעט קאָנסטו טאָן, וואָס זאָל זיין ניצלעך פאַר אונדזער הויז?" — האָט ער געפרעגט.

איך דערצייל אים, וואָס פאַר אַ „גוטער" שניידער איך בין וואָס קאָן פאַר אים אָדער פאַר זיין פרוי אויפנייען אַלץ וואָס נאָר זיי איז נויטיק.

„עך, טייערינקער — ענטפערט ער מיט אַ ביטערן קרעכץ — אין אַמאָליקע צייטן, זעסטו, ווען דו וואָלסט אַריינגעפאַלן צו אונדז, דעמאָלט וואָלסטו גאַנצע חדשים ביי אונדז געדאַרפט אָפּזיצן און נייען און נייען — היינט איז אָבער צום באַדויערן גאָרנישטאָ פון וואָס עפּעס צו מאַכן. אדרבא, גיב אַ קוק אין וואָסערע באַראַכלא (שמאַטעס) מיר זענען אָנ־געטאָן, אפילו מיט וואָס עפּעס צו פאַרריכטן איז נישטאָ. זעסטו, גאָלוב־טשיק, אויב עס וואָלט דיר נישט געווען שווער און קאָנסט מיר צוהעלפן איבערוואָרפן די פאַר סאָטקעס ערד, איז אדרבא. מיר, זעסטו, זאָגט ווייַ־טער גאַספּאַדין באַרוסאַוו — איז עס נישט לייכט, פאַרגעס נישט מיינע צוויי און אַכציק יאָר. איך וועל פאַר דעם דיך אָנקאָרעמענען קאַק סליע־דויעט (מיר וועלן דיר געבן אָפּצועסן ווי עס דאַרף צו זיין)."

איך האָב, פאַרשטייט זיך, זיין אָנבאָט תיכף אָנגענומען. דריי טעג האָט ביי אים געדויערט די אַרבעט. פאַר די דריי טעג וואָס איך בין ביי אים געזעסן, האָב איך נאָך יאָרן פון איזדיעקעווען זיך איבער מיר צום ערשטן מאָל דערפילט אַ מענטשלעכע וואַרעמקייט.

אַז די אַרבעט איז געוואָרן פאַרטיק, האָבן זיי פאַר מיר ווידער איינגעפּאַקט אַ ביסל שפּייז און מיר האָבן האַרציק זיך געזעגנט. און דערביי האָט מיר דער גאַספּאַדין באַרוסאַוו אָנגעזאָגט, און זיין האַרציקע פרוי לודמילאַ האָט צוגעשטימט, אַז ווען נאָר מיר וועט זיין שלעכט (און

ווען איז דאָרט געווען גוט ?), זאָל איך אָנקלאַפּן אין זייער טיר — זיי וועלן זי פּאָר מיר שטענדיק עפענען.

און נישט איין מאָל, ווען די גויט איז געווען באַזונדער גרויס, האָב איך זיך דערמאָנט אין דער איינלאַדונג פון אַט די רוסישע מענטשן. לאָמיר דעריבער פאַרצייכענען, ביי יענע סאָוויעטישע באַדינגונגען, אַט דאָס עכט־רוסישע פּאַרפּאָלק באַרוסאָוו: אים און זיין פרוי לודמילאַ, און זייער באַציִונג צו אַ ייִדן און זיי דערמאָנען אין די פּאָר שורות צום גוטן.

# א זינגער-מאשין אין קאזאכסטאן

גייענדיק אַזוי ווייטער איבער די הייזער, האָב איך אַריינגעטראָפן אין אַן אוזבעקישע כאַטקע און איך שטעל זיך פּאָר: „איך בין, זאָג איך, אַ פּאָרטנאָי (אַ שניידער). איך קאָן אויפניייען — זאָג איך — די שענסטע בגדים, טשיסטי פּאָלסקי פּאָסאָן, דעם אמת פוילישן מאָדעל" — וואָס נאָך דעם גייען זיי דאָ אַלע אויס, דער עיקר אָבער אוזבעקישע ווייבער. דער מאַנספּאַרשוין וואָס איך האָב געטראָפן גיט אַ קנאַק מיט דער צונג און זאָגט: „יאָק דידע!" — „ניין", הייסט דאָס. און אַז אַן אוזבעק גיט אַ קנאַק מיט דער צונג, הייסט עס, אַז מיט אים איז שוין מער נישטאָ וואָס צו רעדן, גאָרנישט דאָ וואָס צו מאַכן.

אין אַ ווינקל פון דער ליימענער כאַטקע האָב איך באַמערקט שטיין אַ ניי־מאַשין. „ווער — פרעג איך — נייט דאָס אויף דער דאָזיקער מאַשין ? און ווער איז דאָ דער שניידער ?" — „אַ, זעסטו — רופט זיך צו מין שוין אָפּ די מאַרדזשאַ, די פרוי — ווען דו קאָנסט מיר פאַר־ריכטן די מאַשין, וואָלט געווען יאַכשי" (גוט, הייסט עס).

קודם־כל האָב איך דאָ דערזען אַ שאַנס עפּעס אָפּצוכאַפּן. אַז איך האָב אָבער אַ קוק געגעבן אויף דער כּלי, איז מיר געוואָרן „ליכטיק אין די אויגן"; עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט שוין משותלחס יאָרן — ס'איז אוודאי געווען די ערשטע ניי־מאַשין וואָס זינגערס פאַבריק האָט אַרויסגעגעבן, און מחמת עלטער־שוואַכקייט רירט זיך שוין נישט דאָס רעדל פון אָרט — אַ טויטע מאַשין. אַוועקגיין אָבער פון דער דאָזיקער כּלי האָט זיך מיר אויך נישט געוואָלט, ווייל אין קאָן שטייט אַ לעפּיאָשקע (אַן אוזבעקיש ברויט) און אפשר אויך אַ זופּ.

און פאַרלירן דאָס האָט זיך נישט געוואָלט, וואָרעם אין דעם טאָג, וואָס מען האָט כאָטש עפּעס טועם געווען, האָט געהייסן נאָך אַ

טאָג לעבן, און דאָס איז געווען אַ סך. קיין מאַשין־מעכאַניקער בין איך קיינמאָל נישט געווען, אָבער ווי אַ שניידער בין איך מחויב צו קענען אַ מאַשין צענעמען און צוריק זי אויפשטעלן. איצט אָבער האָב איך צו דעם געדאַרפט האָבן קודם־כל אַ ביסל נאַפט, ווייל ווער ווייסט וויפל יאָרן מען האָט זיך שוין נישט באַנוצט מיט דער מאַשין, מחמת מען האָט צו איר נישט געקאָנט קריגן קיין נאָדל, און זי איז געווען אַזוי פאַרגלי־ווערט, אַז טאָמער זאָל מען זי פריער נישט גוט דורכוואַשן מיט נאַפט, וועט מען זי שוין פון אָרט נישט קאָנען רירן. איז ווו־זשע נעמט מען אַ ביסל נאַפט? און דאָ האָט זיך עס אָנגעהויבן.

איז מיין באַלעבאָס פון דער ניי־מאַשין, ע — שע — מערע — קע, אוועק צום שכן, האָט אים דער שכן אָפּגעשיקט צו אַ צווייטן שכן, דער צווייטער צו אַ דריטן און אַזוי ווייטער, ווייל מען דאַרף געדענקען, אַז די געפילן פון סאָלידאַריטעט ביי די אַזיאַטישע פעלקער אין סאָוועט־רוסלאַנד זענען אַ סך שטאַרקער ווי די געפילן פון סאָלידאַריטעט ביי די אייראָפּעישע פעלקער (פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, איז אַן אַנדערע טעמע), און עס האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט און די גאַנצע אוזבעקישע באַפעלקערונג פון "לעלען־קאַלכאָז" (דאָס מיינט: לענין־קאַלכאָז) איז געווען פאַרנומען מיטן זוכן אַ ביסל נאַפט, כדי צו קאָנען אויסבאָדן די געדערעם פון דער דאָזיקער זקנהדיקער מאַשין און צו קאָנען פאַנאַנ־דערנעמען אירע געדערעם.

און איך ווידער בין געווען אין איין צאַפּלעניש, טאָמער חלילה באַקומט מען נישט אין קאַלכאָז דאָס ביסל נאַפט וואָס מיר איז נויטיק און וואָס פון דעם איז דאָך איצט געווען אָפּהענגיק מיין גאַנצע ווייטערדיקע קאַריערע פון אַ מאַשין־מייסטער. און דאָ שטיי איך איך אַ פאַר־חלשטער פון הונגער. און דערצו נאָך בין איך בכלל נישט געווען זיכער, צי איך וועל קאָנען גובר זיין אַלע שוועריקייטן, אויב עס זאָל זיך אפילו שוין יאָ איינגעבן צו באַקומען דאָס ביסל נאַפט; בפרט, אַז מען האָט עס טאַקע נישט באַקומען.

ערשט איצט האָט ער אַליין בכבודו־ובעצמו, דער פּרעדסעדאַטיעל פונעם קאָלכאָז, זיך אָנגעטאָן אין דער אויסגעשטעפּטער שבתדיקער קאַפּאָטע, אַרומגערינגלט מיטן האַנטעך און אויפן קאָפּ דאָס שטריימל, וואָס פון אונטער אים האָט זיך אַרויסגעזעזן די אוזבעקישע יאַרמלקע (טיביטעיקע) און איינגעשפּאַנט דעם אישאַק, דעם אייזל הייסט עס, וואָס איז געווען צו זיין שטענדיקן דינסט. ער האָט זיך דריי מאָל אַ גלעט געטאָן זיין רבנישע באָרד ווי בעת אַ תפילה צו אַללאַ, און זיך אוועקגעלאָזט צו זיין בוזעם־פריינט, דעם פּרעדסעדאַטיעל פונעם קי־ראָוו־קאַלכאָז.

ווען איך בין מיט אַ טאָג שפּעטער געקומען אין דער דאָזיקער אוזבעקישער שטוב, האָט שוין דאָרט אויף מיר געוואַרט אַ ביסל נאַפּט. כדי עס זאָל חלילה נישט גיין לאיבוד קיין טראָפּן פון דער „גאָלדענער פּליסיקייט", האָט מען די דאָזיקע „חשובע" מאַשין־זקנה געמוזט אַריינ־לייגן אין טשוגון, דאָס הייסט: אין אײַזערנעם קעסל, אין דער פאָרעם פון אַ האַלבן באַלעם — און דאָס האָט געדינט פאַר אַלץ, אָנהייבנדיק פון קאָכן אַ קולטשוטאַי (גאָר גרויסע פּירקאַנטיקע לאָקשן־טייגלעך), געקאָכט אינעם פעטס צוזאַמען מיט שעפּסן־פלייש, און די מילך וואָס פון איר איז געוואָרן צוגעגרייט דער קאַטיק (אוזבעקישע זויערמילך) אָדער דער פּלאָוו, דאָס הייסט: רייז וואָס איז אויך געוואָרן געקאָכט אין שעפּסן־פלייש — אַזאַ „טוי" (יום־טוב) האָט אַ קאַלכאָז געפּראַוועט דעמאָלט ווען מען איז מל געווען אַ יינגל, וואָס איז אַלט געווען צווישן זעקס און עלף יאָר.

די מעלה פון אַזאַ קעסל איז באַשטאַנען אויך אין דעם וואָס די מאַשין האָט זיך געקאָנט דאָ ווייקן אינעם נאַפּט די גאַנצע נאַכט. ערשט נאָך דעם האָב איך זיך גענומען צו דער מאַשין, געמייסטרעוועט, גוט זיך אָנגעאַרבעט ביזן שפּעטן טאָג אַריין, אָבער מיינע מאַשין־באַלעבאַ־טים מאַכן זיך אַלץ נישט וויסנדיק. און דאָ פייניקט מיך דער הונגער, נישט אויסצוהאַלטן. האָב איך שוין נישט אויף קאַטאָוועס געגומען פּאָ־דערן, אַז מען זאָל מיר געבן עפּעס צו עסן. איז אָבער געווען די מעשה, וואָס נישט בלויז איך אַליין בין נישט געווען זיכער, צי נאָך די אַלע אָנשטרענגונגען וועט מיין אַרבעט צו עפּעס טויגן, נאָר מיינע אוזבעקישע באַלעבאַטים זענען אין דעם נאָך ווייניקער געווען זיכער — טאָ נאָך וואָס־זשע זאָלן זיי אין אַזאַ צייט ריזיקירן מיט אַ ביסל עסן אין אַ נישט זיכערער אונטערנעמונג? נאָך לאַנג דויערנדיקע און שווערע אונטערהאַנדלונגען האָב איך פאָרט באַקומען עפּעס צו עסן.

נאָכן דערכאַפּן זיך אַ ביסל דאָס האַרץ האָב איך זיך גענומען מיט באַנייטע כוחות צו דער מאַשין. דאַרף מען דאָך איצט האָבן כאָטש אַ וועלכן ס'איז אינסטרומענט, כדי צו קאָנען בלויז אַ נאָדל אַריינשטעלן און בפרט צענעמען די מאַשין; און דאָס האָט נאָר געקאָנט זיין אַ שרויפּן־ציער. איז געוואַלד — וואָס טוט מען? ווו נעמט מען אַ שרויפּן־ציער? געטראַכט און געטראַכט, האָב איך מיטאַמאָל זיך דערמאָנט, וואָס מען האָט אין אַזאַ פאַל געטאָן אין לאַגער (פאָרט עפּעס זיך אויסגעלערנט דאָרט!) ווו מען האָט פון אַן אַלט שטיקל בלעך געמאַכט אַ פּויק, אָדער פון אַ שטיק אייזן אויסגעציקלט אַ האַק אָדער אַ האַמער; און איצט האָט מען אויסגעפונען אַן אַלט שטיקל דראָט וואָס אַמאָל, אַמאָל האָט עס גע־דינט ווי אַ ציימל פאַר אַ פערד, און צווישן צוויי שטיינער האָט מען עס

געקלאַפּט אַזוי לאַנג און עס געשליפן, ביז אין איין עק איז דאָס שטיקל דראָט געוואָרן פלאַטשיק און דין און פון דער צווייטער זייט האָט מען עס אויסגעבויגן, אַזוי אַז מען זאָל דאָס קאָנען האַלטן אין דער האַנט. האָב איך, ביז ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט און מיט דער הילף פון אונ־זערע בעקישן בני־בית, ענדלעך די מאַשין געהאַט צענומען און די איבעריקע אַרבעט האָט מען שוין געמוזט אָפּלייגן אויף מאָרגן.

ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, אַז ווען איינער וואָס האָט אָפּט גע־דאַרפט צענעמען אַ מאַשין און זי צוריק קאָנען אויפשטעלן, איז מיר אויך איצטער דאָס צוזאַמענשטעלן די זינגער־זקנה נישט אָנגעקומען באַזונדער שווער. און אָט שטייט זי, די מאַשין, אַן אויפגעשטעלטע, אַן אויסגעצוואַגענע, אַן אויסגעוואַשענע, אַן אויסגעשייערטע ווי אַ פרומער ייִד וואָס איז נאָר־וואָס אַרויס פון מקווה. און מיטאַמאָל אַ פרישע צרה אין וואָס מיר אַלע האָבן גאָר אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן: אַז אַ ניי־מאַשין זאָל ווייזן סימנים פון לעבן מוז זי אויך האָבן אַזאַ „קלייניקייט" וואָס הייסט אַ נאָדל.

און ווו נעמט מען אַ מאַשין־נאָדל? אויב אין קאַלכאָז קאָן מען נאָך אַ מאָל געפינען אַ זינגער־ניי־מאַשין, איז אָבער צו געפינען צו איר אין קאָלכאָז אַ נאָדל, נישטאָ קיין שום האָפענונג. בקיצור — ווו זוכט מען אַ מאַשין־נאָדל אויב נישט אויפן טאָלטשאָק (באַזאַר)? און כּכדי אָנ־צוקומען אויפן ראַיאָנעם טאָלטשאָק, דאַרף מען גיין 21 קילאָמעטער. איז אָבער קיין אַנדערע ברירה נישטאָ. דאָרט איז אָבער די אמתע סכנה צו ווערן געכאַפּט פון אַ מיליציאָנער — „אויב דו ביסט אויפן באַזאַר, אַרבעטסטו דאָך נישט, ביסטו דאָך דער ריכטיקער שפּעקולאַנט!". נויט ברעכט אָבער אייזן.

ויהי היום, אין איינעם אַ טאָג האָב איך מיטן אוזבעקישן באַלעבאָס איינגעשפּאַנט דעם אישאַק (אייזל), און מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט, ער פון פאָרנט און איך פון הינטן, און מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אינעם ראַיאָנעם טאָלטשאָק, כּדי צו געפינען אַ מאַשין־נאָדל פאַר דער אַלטער זינגער־מאַשין.

אָנגעקומען אויפן טאָלטשאָק, האָבן מיר דאָס ערשטע גוט זיך אַרומ־געקוקט, צי זעט מען נישט פון ערגעץ אַ פאַרשטעקטן „מיליץ" (מילי־ציאָנער), און אַז מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז ניין, האָבן מיר ערשט זיך גענומען זוכן אַ מאַשין־נאָדל און אָפּגעשטעלט זיך ביי אַ הינקענ־דיקן סוחר, אַ מלחמה־אינוואַליד. פאַר אים אויף דער ערד זענען גע־לעגן, אויסגעשפּרייט אויף אַ זאַק שטיקלעך אייזן אויסגעשאָסענע ביקסן־קוילן און נאָך אַנדערע שטיקלעך אייזן־ברוך. דערהערט, אַז מיר זוכן אַ מאַשין־נאָדל, האָט דער הינקענדיקער סוחר זיך שטאַרק דערפרייט

און מיר צוזאַמען מיט אים. און אַט שלעפּט ער פון ערגעץ אַרויס אַ פּע־קעלע, און מיר מיינען אַז מיר זענען שוין געהאָלפן. ער פּאַקט אויף דאָס פּעקעלע — ערשט עס זענען גאָר זיבן שניידערשע פינגערהוטן. „נאַ!, זאָגט ער, קופּי, עטאָ טשיסטי גערמאַנסקאָיע!" (קויף, דאָס זענען עכטע דייטשע). פאַר צרות האָב איך ספּאַזמאַטיש זיך צעלאַכט און בין אַוועק. באַלד אָבער האָב איך זיך צוריק אומגעקערט און געקויפט די זיבן פינגערהוטן, כאָטש קיין איינער פון זיי האָט אויף מיין פינגער נישט געפּאַסט.

אָבער קיין מאַשין־נאָדל, נאָך וואָס איך מיט מיין אוזבעקישן באַ־לעבאָס אויפן אייזל זענען ספּעציעל געקומען, האָבן מיר נישט געקויפט. פון דעמאָלט אָן איז אַוועק אַ גאַנג און מיין אוזבעקישער באַלעבאָס האָט יעדן שכן וואָס איז געגאַנגען אין ראַיאָן, אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זען און ברענגען אַ מאַשין־נאָדל. און ערשט מיט אַ וואָך שפּעטער איז געווען די ישועה. ווען אַכמעד־ביי, דער נאָענטסטער שכן, איז איין מאָל אַוועק אין ראַיאָן, האָט ער צו אַלעמענס איבערראַשונג געבראַכט פון דאָרט גאַנצע דריי נאָדלען וואָס קיין איינע פון זיי האָט נישט געפּאַסט צו דער מאַשין, אַלע זענען זיי געווען צו קליין, די קעפּ קיילעכדיקע, אַנשטאָט פּלאַטשיקע — אָבער אַ האַלבע צרה איז פאַרט געוואָרן באַזייטיקט.

איצט האָב איך גענומען מאַכן די לעצטע אָנשטרענגונג, כדי צו זען צי מיין גאַנצע אַרבעט האָט געהאַט עפּעס אַ ממשות. דעם קיילעכ־דיקן קאָפּ האָב איך אַרומגעוויקלט מיט אַ פאָדעם וואָס איז מי־יודע וויפל יאָרן געשטאַנען אומבאַוועגלעך אויף דער מאַשין, און ווען זי איז שוין געווען פעסט פאַרשרויפט, האָב איך זי איינגעפאָדעמט און וווּנדער איבער ווונדער, די מאַשין איז אַוועק אַ גאַנג. מיין דערפאָלג איז גרויס: איך האָב מחיה־מתים געווען אַ טויטע מאַשין, וואָס איצט איז זי געוואָרן לעבעדיק — צי אָבער אויף לאַנגע צייטן? דאָס, זעט איר, איז שוין געווען אַן אַנדערע פראַגע.

## שורא און מארוסיא

מיר איז נישט איין מאָל אויסגעקומען זיך אָנצוטרעפן מיט נשמה־לאָזיקייט, האַרטהאַרציקייט, אידעענלאָזיקייט און היפּאָקריזיע, אַ מבול פון הויכע ווערטער, אויף וועלכע עס איז געוואַקסן און דערצויגן געוואָרן די סאָוויעטישע יוגנט, וואָס שפּעטער האָט עס זיי דערפירט צו צעלאָזנקייט און נישט זעלטן צו דעמאָראַליזאַציע. אוודאי נעם איך זיך דאָ נישט

אונטער צו פסקנען וועגן דער סאָוויעטישער יוגנט בכלל; איך רעד נאָר וועגן די מקומות ווו מיר איז אויסגעקומען צו לעבן, פריער פאַרן לאַגער און אפשר נאָך דער באַפרייונג, און זייער צאָל איז דאָרט געווען נישט קליין.

סיבות פאַר דעם זענען דאָרט געווען אָן אַ שיער: ווי אַזוי האָט עס דען געקאָנט זיין אַנדערש, אויב קינדער זענען געווען מחויב צו מסרן אייגענע טאַטע־מאַמע, איז פאַרוואָס נישט מסרן אויך אַ שכן? און פאַרוואָס נישט אויסגעבן אַן אייגענעם חבר? דאָס אמתע גיהנום אָבער האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אין די 36—37־קער יאָרן, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט מיליאָנען היימען ווען טאַטעס און מאַמעס, נישט זעלטן אויך גאַנצע משפחות, זענען געוואָרן פאַרשווונדן און זייערע קינדער זענען געבליבן אויף הפקר וואָס דאָס האָט זיי געמוזט דערפירן אין די פּ. ז. אָ.־הייזער. פון דאָרט זענען זיי נאָך עטלעכע יאָר אַרויס גייסטיק און מאָראַליש צעבראָכענע מענטשן, און זייער „אידעיִשער" לאָזונג איז געוואָרן: „סעוואָדניאַ גולאַיעם אַ זאַווטראַ ניע זנאַיעם..." (ייִדן וואָלטן דאָס איבערזעצט אויף „היום חיים מחר בקבר"). דאָס יונגע לעבן האָט דאָרט פאַרלוירן יעדע שיינקייט פון די יוגנט־יאָרן, עס האָט זיי אָוועקגעפירט אויף זייטיקע קרומע וועגן פון גנבה, שיכרות און זנות און צום סוף צו דער תפיסה אין אַרבעטס־לאַגער.

ווען אַזעלכע יונגעלייט, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ פּ. ז. אָ. קומען אין תפיסה אָדער אין אַרבעטס־לאַגער ווערן זיי באַלד אַריינגע־צויגן אין דער סביבה פון די תפיסה־הערשער, וועלכע זענען אַליין אמתע קרימינעלע פאַרברעכער. אויב זענען נאָך די אַרעסטירטע מיט א. ג. פּאָליטישע פּאַראַגראַפן, איז שוין אַזעלכע גאַרנישט דאָ וואָס מקנא צו זיין וואָרעם די דאָזיקע אַרעסטירטע זענען דאָך פולשטענדיק איבערגע־ענטפערט אויפן חסד פון די פאַרברעכערישע באַטשאַלניקעס. און אויף זייער ווונק, אפילו לויט זייער בפירושער אָנווייזונג, וועלן די קרימינעלע תפיסהניקעס שוין דערגיין דאָס לעבן פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע וואָס נישט איין מאָל ענדיקט זיך עס מיט אַ יסורימפולן טויט.

לאָמיר ביי דער געלעגנהייט דערמאָנען נאָך אַ שיכט יוגנטלעכע. דאָס זענען די אורקעס (מינדעריעריקע גנבים). זיי גייען טשאַטעסווייז, שטענדיק אונטערן שוץ פון אַלטע גנבים, וואָס וואַקסן אויס ווען נאָר פאַר די אורקעס ווערט אַ געפאַר אַנטדעקט צו ווערן. אומעטום זענען זיי פול. ווו מען זאָל זיך נישט רירן זענען זיי דאָ: אויף די באַנען, אויף די וועגן, אויף די גאַסן, אויפן טאָלטשאָק, אין שטעטל, אפילו אין „קולטור־קלוב", זיי זענען הפקר און לעבן הפקר, איר וועט זיך פון זיי

נישט אויסהיטן אפילו ווען איר זאָלט זיין מיט טויזנט אויגן. זיי זענען אמתע קינסטלער „כירורגן". און מערקווירדיק, זיי וועלן קיינמאָל קיין טעות נישט האָבן, זיי וועלן אייך שטענדיק אויסשניידן נאָר די טאַשן וווּ איר האָט עפּעס באַהאַלטן... און ווען מען כאַפּט זיך איז שוין פון זיי קיין שפּור נישטאָ. און ווי וועט זיין צו דעם וואָס וועט מיט זיי זיך באַגעגענען ערגעץ־וווּ אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל. האָט איר ביי זיך שוין גאָרנישט זענען די פּאָר שמאַטעס וואָס איר טראָגט אויף זיך אויך אַ מציאה. נישט מעגלעך זיך זיי אַנטקעגן צו שטעלן. אויב מ'קומט אָפּ מיט אַ מעסער אין אַ זייט איז עס דאָס גרויסע געווינס...

וועגן אָט די אורקעס (קינדער־גנבים) רעדט מען דאָ נישט, אויב מ'רעדט יאָ איז דאָס שטיל ווי אַ סוד אויפן אויער. מען ווייסט נישט פון זיי און מען שרייבט נישט וועגן זיי, ווי דאָס וואָלט געווען אַ שטילער אָפּמאַך אַזאַ: ביז מען טרעפט זיך אָן מיט זיי פּנים אל פּנים.

איין מאָל האָב איך זיך געמוזט פאַרהאַלטן אין מאַנקענט. דאָס איז אַ גרעסערער מקום אין דעם ראַיאָן, אַן ערך 25 קילאָמעטער ווייט פון דער גובערניע־שטאָט טשימקענט. איך בין דאָרט געבליבן אַ מעת־לעת אינעם „קולטור־קלוב". דאָס איז געווען אַ גרויסער הילצערנער באַראַק וואָס אַ גאַנצן טאָג איז ער געווען פול מיט מענטשן, געקומענע פון די אַרומיקע שטעטלעך, דערפלעך און קאָלכאָזן, כדי צו קאָנען איינהאַנדלען עפּעס אויפן טאָלטשאָק. אַנדערע ווידער האָבן אָפּגעגעבן צו שטעמפּלען זייערע ברויט־קאַרטן, אָדער צו פאַרלענגערן די „אודאָסטאָווערעניע" (כמו פּאַספּאָרטן), וואָס אין איין טאָג וועלן זיי דאָס קיינמאָל נישט דערליידיקן און זיי מוזן שוין בלייבן ביז מאָרגן, און זיי האָבן אין דעם גיהנום־הייסן טאָג זיך נישט וווּ אַהינצוטאָן. דעמאָלט קומען זיי אינעם „קולטור־קלוב".

אין אַזאַ אָוונט זוכט די „קלוב־פאַרוואַלטונג" צו פאַרווײַלן די נאַכט־געסט מיט אַ פילם, נאָך וועלכן די קאָלכאָז־מענטשן זענען געווען אַזוי שטאַרק אויסגעהונגערט. אין יענעם אָוונט איז עס געווען דער פילם „די נייע צייטן" פון טשאַרלי טשאַפּלין, וואָס אין פּוילן איז ער געשפּילט געוואָרן אין מיטן פון די דרייסיקער יאָרן. אַלע פּאָר מינוט האָט די פילם־לענטע זיך איבערגעריסן, דאָס קינאָ־פּובליקום האָט אויף דעם רעאַגירט מיט אַן אמתן „קולטור־געטומל", ס'האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ טופּעריי מיט די האַלץ־שיך, אַ געקלאַפּעריי מיט די צוגעשטעלטע בענק און אַ פייפעריי אַזש די סטעליע האָט זיך געשפּאַלטן, ביז דער פילם האָט פּלוצלונג, אָן אַ וואָרענונג, אינגאַנצן זיך איבערגעריסן, עס איז געוואָרן פינצטער. און דאָ האָט זיך עס ערשט אָנגעהויבן: די געשרייען

און געוואַלדן, די קוויטשערייען און הילפס־רופן, די פאַרשטיקטע געוויי־נען און ווילדע געלעכטערס האָבן געמאַכט ממש אויפציטערן יעדן וואָס האָט זיך דאָ געפונען ווייט פון דאָזיקן ספּעקטאַקל, אפילו ווייט אויסער דער געביידע. דאָס אַלץ האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט. צומאָרגנס אינדערפרי האָט דאָ דער זאַל אויסגעזען ווי נאָך אַ פּאָגראָם.

ווען די קולטור־משגיחים זענען געקומען אויפן אָרט זענען די „אַקטיאָרן" פון די דאָזיקע נאַכט־סצענעס שוין געווען פאַרשוווּנדן און איך בין געווען זיכער אַז ווער ווייסט וויפל מענטשן מ'וועט איצט אַרעס־טירן, וואָרעם דאָ איז דאָך אַ כלל, אַז ווּעמען מען טרעפט אויפן אָרט, די זענען די שולדיקע. דאָס מאָל אָבער האָב איך געהאַט אַ טעות. מ'האָט קיינעם נישט אַרעסטירט. אדרבא, מ'האָט בפירוש געקאָנט זען די שמאָל־ציקע שמייכעלעך אויף זייערע פּנימער, זיי זענען, ווייזט אויס, צו דעם שוין געווען געוווינט. אַנדערע האָבן אפילו געוווּסט צו דערציילן אַז די דאָזיקע ספּעקטאַקלען ווערן דורך די דאָזיקע „קולטור־טוער" אַליין צו־געגרייט. זאָלן, הייסט עס, די מאַלטשיקעס „קולטורעל" זיך פאַרוויילן...

צי איז דאָס די שולד פון דער יוגנט וואָס דאָס בילד איז אַזוי און נישט אַנדערש? וואָלטן זיי געהאַט אמתע קולטור־קלובן ווו איין מאָל אין וואָך, אָדער חודש ווערן איינגעאָרדנט פאָלקס־פאַרוויילונגען אפילו מיט טאַנץ און געזאַנג, וואָלט דער מצב געווען אַן אַנדערער. אגב, זענען די אוזבעקישע מענטשן גאָר פיינע זינגער, וואָס אין בין־השמשות, ווען זיי פאַרציען אַ זמרל, קאָנען זיי אַרויסציען אַ שטיק נשמה מיט זייערע אומעטיקע און נאָגנדיקע ניגונים. איך דערמאָן זיך ווי אין יאָר 1940 האָבן די סאָוויעטן פאַרפּלייצט די באַלטישע לענדער מיט קאָזאַקישע באַלעטן, קובאַנער כאָרן, לענינגראַדער אָפּערע און מאָסקווער צירק; איבער די גאַסן פון ריגע, טאַלין, קאָוונע און ווילנע זענען אַרומ־געפלויגן גרוזאָוויקעס (לאַסט־אויטאָס), אָנגעשטאָפּטע מיט באַוואָפנטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געוואָרפן אויף די מענטשן נישט קיין באָמבעס, חלילה, נאָר ציגאַרעטן. און פאַר די קינדער האָבן זיי געוואָרפן צוקערקעס מיט קופּערנע מטבעות, וואָס איז פאַר קליינוואַרג געווען אַ גרויסע אַטראַקציע. דעמאָלט אָבער זענען זיי דאָרט נאָך געווען בלויז „טוריסטן". אין די אַזיאַטישע לענדער מוזן זיי שוין נישט וואַרפן נישט קיין צוקער־קעס פאַר קינדער און אויך נישט קיין מטבעות. דאָ זענען זיי דאָך שוין אַלטע תושבים...

דאָ דאַרף מען אויך נישט קיין שיינע און אמתע קינאָ־פאַרשטעלונג. איך האָב פאַר דער גאַנצער צייט וואָס מיר זענען דאָ געווען נישט גע־הערט קיין איינציקן רעפעראַט אויף אַ קולטור־גוזעלשאַפטלעכער אָדער

ליטעראַרישער טעמע. יאָ, שיער נישט פאַרגעסן אַז איין רעפּעראַט איז יאָ געווען, זיי האָבן דאָס אָנגערופן א מלחמה־דאַקלאַד, פון אַ סאָוויעטישן „פּראָפעסאָר". ער האָט געשפּיגן מיט אַנטיסעמיטישן גבול־פּה: די רוסישע אַרמיי וועט לויטן דאָזיקן „פּראָפעסאָר" דאַרפן באַשטראָפן נישט די דייטשע קריגס־פאַרברעכער, נאָר שמואלן נומער 1, שמואלן נומער 2 א. א. וו. איז ווער זשע זאָגט דאָס אַז דער סאָוויעטישער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אין יאָר 1967?

איך האָב אין אַמאָליקן פרום־קאַטוילישן פּוילן קיינמאָל נישט געזען אַזוי פיל יוגנט אין די קירכעס, ווי כ׳האָב עס געזען אינעם גאָטלאָזן, אַפּיקורסישן רוסלאַנד. די פּראַוואָסלאַווגע סאָבאָרן און מוסולמענישע מעטשעטן זענען שטענדיק געווען איבערפולט. צי זאָל דאָס האָבן געווען אַן אויסדרוק פון פרומקייט און רעליגיעזע געפילן אָדער אַ טיפע נשמה־בענקשאַפט נאָך עפּעס העכערס, נאָך עפּעס שענערס? אין דער זעלבער צייט האָבן זיי נישט אַראָפּגעלאָזט פון זייערע ליפּן ביי יעדער פּאַסיקער געלעגנהייט זייער באַליבטע קאָמסאָמאָלסקע „ברכה": „אין גאָטס הייליקער מאַמען אַריין..." און צו דעם נאָך באַווירצט מיט אַזוי פיל האַרצלאָזיקייט און רשעות. מיט וואָס, איך בעט אייך, לאָזט זיך דאָס דערקלערן?

צי איז דאָס געווען אַ כלל אַזאַ, אַז די גאַנצע סאָוויעטישע יוגנט, אפילו ביי אַזעלכע ביטערע באַדינגונגען פון לעבן האָט געמוזט זיין אַזוי? עס זענען אויך דאָ זיכער געווען גוטע מענטשלעכע אויסנאַמען, וואָס האָבן נאָר באַשטעטיקט דעם כלל, און טאַקע מיט אַזעלכע אויסנאַמען אין דער געשטאַלט פון די צוויי יונגע רוסישע מיידלעך האָב איך עס זיך אָנגעטראָפן, וואָס איינע פון זיי האָט מען גערופן שוראַ און די צווייטע מאַרוסיאַ.

אין איינעם אַ טאָג ווען איך בין אַזוי געגאַנגען אין אַ קאָלכאָז אַ הונגעריקער, האַלב נאַקעט און באָרוועס, אַ באַוואַקסענער, און נישט געהאַט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, אָן אויסזיכט אַז מאָרגן וועט זיין בעסער, האָב איך מיטאַמאָל דערהערט אַ רופן: „דיאַדאַ, דיאַדינקאַ", (פעטער, פעטערל), „אידי סודאַ", (קום אַהער). איך האָב אייניקע מאָל די רופן, אָבער צו וועמען זענען זיי געווענדט? כ׳בין געגאַנגען ווייטער, דאָס רופן האָט אָבער נישט אויפגעהערט. פון דער פּראַקטיק, וואָס כ׳האָב מיט סאָוויעטישע יונגע מענטשן שוין געהאַט ביז איצט, האָב איך פאַרשטאַנען אַז איך דאַרף קיין אַכט אויף דעם נישט לייגן. אדרבא, כ׳האָב גאָר מורא געהאַט צו קוקן הינטער זיך און גענומען שטעלן גיכע טריט.

מיטאַמאָל דערפּיל איך, ווי עמעצער שושקעט מיר אין אויער אַריין: „דיאַדינקאַ, כלעב כאַטשיש?" (פּעטערל ברויט ווילסטו?). „ברויט" — דאָס איז געווען אַזאַ כישוף־וואָרט, וואָס אפילו אַ טויטער וואָלט צו דעם געמוזט זיך צוהערן.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און מיט כעס זי אַ פרעג געטאָן: „וואָס אייגנטלעך ווילסטו?" „אַטשעם סעריאָזני" (זייער ערנסט). „קום ווען מיר דיר געבן ברויט, ביזט דאָך הונגעריק. זעסט, דאָרט אַנטקעגן־איבער שטייט מיין חברטע. קום, מירן דיר געבן ברויט". אויף דער צווייטער זייט גאַס איז ווירקלעך געשטאַנען אַ יונג מיידל און אויך זי האָט גערופן, אַז איך זאָל אַריבערגיין די גאַס. נאָך אַ ישוב־הדעת האָב איך באַשלאָסן אַז וואָס אייַנצושטעלן האָב איך דאָ נישט: און אויב זיי שטייען צו מיר אַזוי צו, איז אפשר, טאַקע... איך בין ענדלעך אַריבער דעם וועג. די צווייטע חברטע איז טאַקע געשטאַנען מיט אַ קיילעכדיקן ברויט אין האַנט, אין מיטן אויסגעהוילט ווי אַ בייגל און זיי זאָגן ווידער צו מיר: „ביזט דאָך אוודאי הונגעריק?" „אַ פראַגע אַ ביסל צי כ'בין הונגעריק", ענטפער איך. „טאָ נעם, דיאַדינקאַ, האָב נישט מורא!..."

איך צי אויס די האַנט און זיי דערלאַנגען מיר דאָס ברויט: „וויפל קאָסט", פרעג איך? „ניטשעוואָ, ביערי!" (גאָרנישט, נעם), ענטפערן די מיידלעך. צו מיין גליק איז איצט נישט געווען קיין גרענעץ. דאָס ברויט, מסתמא ביי אַ צוויי קילאָ, האָט מיך אַזוי צעטומלט, אַז כ'האָב גאָרנישט געוווסט וואָס מיט מיר טוט זיך, וואָרעם דאָס איז דאָך געווען אַזאַ זעלטענער פאַל ווען איך האָב אין סאָוויעט־רוסלאַנד זיך אָנגעטראָפן אויף אַ מענטשלעכן מיטגעפיל, בפרט ביי יונגע־ רוסישע מענטשן, אַז דאָס אייַנציקע וואָס כ'האָב דעמאָלט נאָך געדענקט צו פרעגן, איז געווען ווי אַזוי מ'רופט זיי. „מיך רופט מען שורא, האָט געזאָגט אײנע, און מיין חברטע רופט מען מאַרוסיאַ". זינט דעמאָלט, ווען איך דערמאָן זיך אין יענע צוויי יונגע רוסישע מיידלעך, מאַרוסיאַ און שוראַ, שיק איך זיי שטענדיק איבער מיינע אויפריכטיקע ברכות, אַז זיי זאָלן נאָך דערלעבן אַ ביסל מער פרייד און אַ גליקלעכער לעבן, וואָס זיי האָבן זיך ערלעך פאַרדינט, וואָרעם זיי זענען געווען אַ באמת מענטשלעכער אויסנאַם פון דער סאָוויעטישער יוגנט.

# מען רעדט וועגן מאָביליזאַציע פון פוילישע בירגער

פאַר די באַפרייטע פון די תפיסות און לאַגערן וואָס זענען דאָ אַהער געבראַכט געוואָרן, איז אַ מאוימדיקע צייט. אַפּאַרבעטנדיק אינעם „פרייען" קאַלכאָז שווער און ביטער פּופּצן, זעכצן שעה אַ טאָג אויף די ביינוול־פּלאַנטאַציעס אָן אַ שטיקל ברויט אַ קנאַפּ יאָר צייט, געניוער עלף חדשים, און פאַר דער צייט באַקומען צוויי מאָל צו פיר קילאָ קאַר־טאָפל, וואָס פון זיי האָט מען קוים צוויי מאָל געקאָנט עפּעס אויסקלויבן צום אָפּקאָכן, און עטלעכע מאָל צו צוויי קילאָ ווייץ — נאָך דעם אַלעמען בין איך צום סוף פון יאָר גאָר געבליבן אַ בעל־חוב דעם קאַלכאָז אויף גאַנצע דריי און צוואַנציק רובל. אויסגערונען אָן אילוזיע, אַז נאָכן אויס־רעכענען די טרודאָ דניס, די אַרבעטס־טעג, וועט מען באַקומען ווי מען האָט אונדז געהאָט צוגעזאָגט: קאַרטאָפל, ווייץ, אַרבעס, אַ ביסל אייל, אַבי נאָר איבערקומען די שלעכטע צייט. צום סוף גאָר געוואָרן אַ בעל־חוב, און נאָך אַ פאַרלוירענע האָפענונג איז אויסגערונען.

אויב אין די אַרבעטס־חדשים האָט מען נאָך געהאָט אַ ליידיקע שטאָל מיט אַ ביסל שטרוי, ווו איבערצונעכטיקן, האָבן זיי דאָס איצט ביי אונדז אויך צוגענומען. אַ גאַנצע משפּחה האָט נאָך געקאָנט דאָ אָדער דאָרט באַקומען צו דינגען אָן אָרט אין אַ ליימענער קיביטקע (כאַטקע), איז דער ערשטער באַדינג וואָס אַזאַ אוזבעקישע „הויזווירטין" שטעלט דעם לאַקאַטאָר איז, אַז דאָס מוז ער באַזאָרגן די כאַטקע מיט באַהייצונג, און דאָס מחמת דעם, ווייל דאָס רוב פון זייערע מענער זענען שוין לאַנג אויפן מיליטערישן אָדער אַרבעטס־פראָנט, און די איינציקע שפּייזערין פון די זקנים און קינדער איז איצט געבליבן זי, די מאַמע.

איז אָבער פאַר די איינזאַמע מענער, געקומענע פון די לאַגערן, אָן אמתע טראַגעדיע: וואָס צום עסן האָבן זיי שוין פון לאַנג גאַרנישט, זיי גייען אַרום באָרוועס און נאַקעט, קרועה־בלויה, און ווערן אויפגע־פרעסן פון כלערליי ווערעם. אַז אַזאַ איינער זאָל באַקומען אַ שטיקל ווינקל אין אַ אוזבעקישער כאַטקע, איז פאַר קיין שום פּרייז נישט מעג־לעך. די איינזאַמע מענער זענען פאַרמשפּט צום אונטערגיין.

אין אָט אַזאַ צייט האָט מען אָנגעהויבן צו שמועסן אין קאַלכאָז וועגן אַ מאָביליזאַציע פון פוילישע בירגער. ייִדן האָבן זיך אין דעם אָנ־געכאַפּט ווי אין אַ גאולה־בשורה, וואָרעם ס'איז באמת שוין געווען באו מים עד נפש. אלא — ס'איז אַ פראַגע מיט די נאַצישע בעסטיעס און מען קאָן פאַלן? אויף דעם זענען געקומען ייִדן, און גראָד פרומע ייִדן, מיט אַ בפירושן מאמר, אַז ס'איז גלייכער צו פאַלן פון דער שווערד איידער

צו פאַלן פון הונגער, און נאָך בפרט פאַלן אין קאַמף מיט די גרעסטע שונאים וואָס ייִדן האָבן ווען ס'איז נישט געהאַט. און נישט איין ייִד האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף דער מאָביליזאַציע און זיך געמאָלדן פרייוויליק צום קאַמף, אַבי מען האָט נאָר באַוויליקט אים אָנצו־נעמען.

אָבער ווי לאַזט מען זיך אַרויס אָן אַ ביסן ברויט וואָס שוין טעג און וואָכן פריער האָט מען עס פאַר די אויגן נישט געזען! עפּעס צו פאַרקויפן, איז שוין נישט געווען וואָס, דאָס לעצטע העמד האָט מען שוין לאַנג געהאַט פאַרקויפט. האָט מען זיך אַוועקגעלאָזט צו די אַליין אויך פאַרהונגערטע קאָלכאָז־מענטשן, מיט דער איינציקער האָפענונג, אַז אפשר וועט דאָך וועקר פון זיי האָבן רחמנות. גיי איך אַזוי פון שטוב צו שטוב און דאָ דאַרף מען אַכטונג געבן חלילה נישט אַריינצופאַלן אין אַ שטוב, ווו ס'איז נישטאָ קיין מאַנספּאַרשוין. פאַר אַזאַ „פאַרברעכן" וועט אַן אוזבעק וואָס האָט געטראָפן אַ פרעמדן מאַן ביי זיך אין כאַט־קע, אים דערהרגענען.

און אַזוי גיי איך פאַרטראַכט, דער קאָפּ איז ליידיק און רוישט ווי אַ מיל, די פיס וואַקלען זיך און טוען וויי פון שלעפן זיך אַ גאַנצן טאָג איבער קאָלכאָזן, די קניען ברעכן זיך אונטער און אַט, אַט נאָך אַן אויגנבליק און איך פאַל אין חלשות. איך האַלט זיך אָבער מיט אַלע כוחות. אַט באַלד, ווייל איך אַליין זיך איינרעדן, וועט דאָך קומען די ישועה. עפּעס רעדט מען דאָך וועגן אַ מאָביליזאַציע־פּלאַן — איצטער קאָן מען פשוט פאַרלירן ביידע וועלטן, ווייל אַזוי אָפּגעשוואַכט ווי איך בין, וועט מען דאָך מיך אפילו פאַר אַ זעלנער נישט אָננעמען. זע נאָר. זע — קומט צו מיר פּלוצלינג אויפן געדאַנק: אין דער אַמאָליקער היים האָט מען זיך געלאָזט מאַכן כלערליי פּעלערן, אַבי אויסצומיידן מיליטער־דינסט, און דאָ איז עס געוואָרן די „אידעע־פיקס" פון אַלע פּליטים: כדי איבערצולעבן די מלחמה, איז מען גרייט צו גיין אין דער מלחמה. אלא, מען קאָן פאַלן? איז עס אַלץ וועררדיקער ווי אויף אַזאַ נאַרישן אופן ערגעץ־ווו אָן אַ זכר צו ווערן באַגראָבן ווי אַ הונט. און ווי איך גיי אַזוי פאַרטראַכט, דערפיל איך פּלוצלינג אַ מוראדיקן שניט אין איינעם פון מיינע פיס וואָס קאָנען זיך שוין קוים שלעפן. אַז איך האָב מיך אומגעקוקט, האָב איך דערזען, אַז דאָס האָט אַ הונט פון הינטן מיך אָנגעפאַלן. פאַר יסורים האָב איך מיך אַזש צעוויינט — וואָס מער האָב איך דען געקאָנט טאָן? זיך בייזערן אויף אים? אויף דעם האָט דער הונט שוין נישט געוואַרט. און צוריקגעשמועסט: וואָס אַ שטייגער וואָלט איך אים געקאָנט טאָן, ווען ער וואַרט יאָ?

צו מיינע צרות — צרות פון הונגער, צרות פון נע־ונד — זענען

איצט צוגעקומען די צרות פונעם אַנפֿאַל פון דעם כלב, וואָס האָט מיט זיינע הינטישע ציין זיך אַריינגעשניטן ממש ווי מיט אַ מעסער אין מיין פוס. גיין ווייטער בין איך נישט געווען בכוח. מיין היים, מישטיינס געזאָגט, איז ווייט. ס׳איז צוגעפֿאַלן די נאַכט. דעם וועג צוריק וועל איך שוין איצט נישט טרעפֿן. די וווּנד ברענט ווי פֿייער. קיין מעדיצינישער פּונקט איז אין דער גאַנצער געגנט נישטאָ. דאָס בלוט פון מיין צעביסענעם פוס פֿליסט אָן אויפֿהער. אַ הונגעריקער הונט? און אפשר איז ער פון הונ־גער שוין געווען משוגע? קיין באַקאַנטע האָב איך דאָ אויך נישט, איך בין דאָ אין אַ פֿרעמדער וועלט. איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה ווי זוכן אַ לעצטן שאַנס; דאָס האָט געמיינט: אַנקלאַפּן נאָך אין איין טיר. אפשר וועט זי פֿאַר מיר זיך עפֿענען? און אַזוי האָב איך געטאָן.

נישט איין מאָל האָט מען אין די סאָוויעטישע באַדינגונגען געהאַט צו פֿאַרדאַנקען דעם פֿאַקט וואָס מען איז געבליבן לעבן, דעם כזית צוגעשפּילטן מזל. אויך איך האָב נישט איין מאָל געמיינט, אַז דאָס איז שוין מיין לעצטער טאָג, און אויב דאָס איז נישט אַזוי געשען, איז דאָס געווען, ראשית, דער שטאַרקער ווילן צו איבערלעבן, והשנית, אַ ביסל מזל, שוין אויפֿן ראַנד פון אונטערגאַנג צו טרעפֿן אַ מענטש מיט האַרץ וואָס איז געווען גרייט זיך צו טיילן מיט אַ ביסן ברויט.

ס׳איז שוין געווען געניג פֿינצטער אין אַזאַ שעה, ווען אין סאָ־וויעט־רוסלאַנד, בפֿרט אין די אַזיאַטישע מדבריות, זענען טיר און פֿענצ־טער שוין פֿאַרקלאַפּט, און אַ פֿרעמדן מענטשן וועט מען דעמאָלט נישט אַריינלאָזן פֿאַר קיין שום פּרייז נישט אין דער וועלט (איך האָב אויך דאָס שוין געהאַט איבערגעלעבט) — און גראָד איצט האָב איך אָנגע־קלאַפּט אין אַ טיר. פֿון אינעווייניק האָט געפֿרעגט אַ וואַרעמע פֿרויען־שטימע, ווער עס קלאַפּט, און אַז איך האָב געזאָגט, אַז דאָס קלאַפּט אַ מענטש וואָס נויטיקט זיך אין באַלדיקער הילף, האָט די טיר זיך געעפֿנט און מען האָט מיך אַריינגענומען אין שטוב.

דאָ האָב איך געטראָפֿן פֿיר פֿרויען, איינע פֿון זיי אַ ייִנגערע מיטן רוסיפֿיצירטן נאָמען קאַטיאַ. געווען איז זי אַמאָל אַ קראַנקן־שוועסטער; האָט זי באַלד זיך גענומען פֿאַרקען מיט מיין צעביסענעם פוס, אַרומגע־וואַשן די וווּנד, פֿאַרוויקלט זי מיט אַ שטיקל לייוונט, וואָס האָט אַ מאָל געהערט צו אַ ליילעך, אַרומגעוואַשן אויך דעם אַנדערן פוס, געדעקט דעם אימפּראָוויזירטן טיש מיט אַ גערשטענעם פּלעצל און מיט אַ ביסל זופּ, וואָס זיי האָבן געהאַט זיך געלאָזט אויף אַ מאַרגנדיקן פֿרישטיק. וועגן גיין צוריק אין מיין קאָלכאָז האָט איצט קיין רייד נישט געקאָנט זיין — אין דרויסן איז געווען חושך מצרים. האָבן זיי אין פֿעדערהייזל

אויסגעלייגט אַ ביסל שטרוי, איבערגעדעקט מיט אַ קאָץ: היינט וועט דאָס זיין מיין געלעגער. ווער האָט איצט געקאָנט צו מיר זיך גלייכן?

אַז מיין רוסיש איז נישט פון אַ רוסישן מענטש, דאָס האָט קאַטיאַ באַלד דערקענט. האָב איך איר דערציילט, אַז איך בין אַ ייִד פון פוילן און פיר יאָר שוין אַז איך בין פון דאָרט אַוועק. גערירט ביז טרערן פון דעם וואָס זי הערט, פרעגט זי ווידער אַ מאָל און נאָך אַ מאָל און וויל זיך פשוט נישט גלויבן, אַז דאָס רעדט זי מיט אַ מענטש וואָס איז פון איר לאַנד וואָס זי קען בלויז פון הערן־זאָגן. איר פאָטער, אַ פּאָליאַק, נאָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ער געבליבן וווינען אין מינסק ווו ס'איז נאָך פון אַלטע צייטן געווען אַ היפּשע פּוילישע קאָלאָניע. דאָ האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ פּוילישער פרוי. קאַטיאַ איז, הייסט עס, אַ הונדערט־פּראָצענטיקע פּאָלקע, כאָטש געבוירן געוואָרן איז זי אין מינסק. אין יאָר 1928 האָט די סאָוויעטן־מאַכט אין מינסק דורכגעפירט איינע פון אירע צאָלרייכע אַנקעטעס וואָס זי פלעגט דורכפירן ביי יעדער געלעגנהייט, און אין איינער פון די אָן אַ שיער פראַגן איז אויך געווען די פראַגע, צו וועלכער רעליגיע זיי אַנערקענען זיך און צי ווילן זיי מיט זייער רעליגיעזן לעבן אָנגיין אויך ווייטער. ווי קאַטוילישע מענטשן האָבן אירע עלטערן אָנגעגעבן קאַטויליש ווי זייער רעליגיע. מיט עטלעכע חדשים נאָך דער אַנקעטע האָבן ביי זיי אין מיטן נאַכט אָנגעקלאַפּט גלאַנציקע דאַשקעס, צוגענומען אירע עלטערן און אָן עלטערן ברודער. קאַטיאַן אָבער ווי אַ מינדעריעריק קינד האָבן די מונדירטע דאַשקעס צוגענומען פון טאַטע־מאַמע און זי אָפּגעגעבן אין אַ הויז ווו מען וועט זי דאָרט דערציען אין „פרייען גייסט". און וואָס איז געוואָרן פון איר משפּחה, ווייסט זי נישט. שוין אַריבער זיבן יאָר, ווי זי געפינט זיך אין דאָזיקן מקום.

די אַנדערע דריי זענען געווען עלטערע טשעכישע פרויען. ווי אַזוי עפּעס קומען טשעכישע פרויען ווי פאַרשיקטע אין ווייטן קאַזאַכסטאַן? אויך דאָס איז כדאַי צו פאַרצייכענען. נאָך דעם ווי די באָלשעוויקעס האָבן געמאַכט אַ סוף צום דעמאָקראַטישן קערענסקי־רעזשים און פאַרכאַפּט די מאַכט אין רוסלאַנד, האָבן עטלעכע אייראָפּעיִשע מלוכות, זעענדיק וואָס פאַר אַ געפאַר עס שטעלט מיט זיך פאַר דער וועלט אַזאַ מאַכט, געשיקט קיין רוסלאַנד זייערע אַרמייען, און צווישן זיי איז אויך געווען אַ טשעכישע אָפּטיילונג.

אין טשעכיע, וואָס איז דעמאָלט נאָך נישט געווען עטאַבלירט ווי אַ זעלבשטענדיקע מלוכה, זענען שוין דעמאָלט געווען קאָמוניסטישגעשטימטע עלעמענטן, ווי פירלינגער, שמעראַל און אַנדערע וואָס האָבן שוין געחלומט פון אַ באָלשעוויסטישן רעזשים אין זייער „טשעכישן פאָ־

טערלאַנד", און אַט די דרײַ פּרויען — יונג זענען זיי געווען — האָבן מיט יונגן ענטוזיאַזם זיך אַרײַנבאַקומען אויף רוסישער ערד צוזאַמען מיט די טשעכישע מיליטערישע אָפּטיילונגען, גרייט צו קעמפן פאַרן נצחון פון באָלשעוויזם אויך פאַר זייער לאַנד. האָבן זיי זיך געשטעלט דינען ווי סאָוויעטישע שפּיאָנען אין די רייען פון טשעכישן מיליטער. ווען טשעכיע איז געוואָרן זעלבשטענדיק, האָט די טשעכישע רעגירונג צוריקגערופן אירע מיליטערישע אָפּטיילונגען פון די סאָוויעטישע געביטן. צווישן די וואָס האָבן נישט געוואָלט פאָרן צוריק אַהיים, זענען אויך געווען די דרײַ פרויען. אַ לאַנגע צייט זענען זיי, ווי ס'איז דער שטייגער, געווען גוט געזען פונעם סאָוויעטישן רעזשים: זיי זענען געוואָרן „געפּיעשטשעט", אַ סך מאָל געוואָרן אפילו אויסגעצייכנט פאַר זייער פלייסיקייט ביי זייער אַרבעט — ביז, די אַלע אַלטע קאָמוניסטישע פירער פון טשעכיע זענען אַרײַנגעפאַלן אין אומחן.

דעמאָלט זענען אויך געוואָרן אַרעסטירט אַלע געוועזענע טשעכישע בירגער, וואָס זענען נאָך געווען אין רוסלאַנד. לאַנגע יאָרן האָבן זיי זיך אָפּגעפּייניקט אין די סאָוויעטישע תפיסות און לאַגערן, און נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען זיי געוואָרן פאַרשיקט קיין קאַזאַכסטאַן, אין דעם מקום ווו איך האָב זיי איצט געטראָפן. דאָ טאָרן זיי זיך נישט רירן פונעם אָרט אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש. זיי חלומען שוין אפילו נישט מער, ווען עס איז צו זען צוריק זייער פרייהייט — און ווער רעדט שוין פון זייער טשעכישן פאָטערלאַנד.

# אין געיעג נאכן שטיקל ברויט

## איך קלויב זיך אריבער קיין מאנקענט

מאַנקענט ליגט 25 קילאָמעטער פון סייראַם, וואָס איז געווען מיין פריערדיקער וווינאָרט, און פונקט אַזאַ מהלך איז געווען צו דער גרויסער גובערניע־שטאָט טשימקענט. וואָס האָט אין מאַנקענט מיך דערוואָרט עפּעס אַנדערש ווי אין סייראַם? הונגער, נישט האָבן ווו דעם קאָפּ אָוועקצולייגן, און אַ פּאַמעלעכער אונטערגאַנג. ווי דאָס האָט זיך שוין געטראָפן מיט אַ סך אַנדערע יידן וואָס זענען אומגעקומען מיט פאַרשידענע טויטן: אַנצינדונגען, טיפוס, שמוץ און צרעת, און נאָך אַנדערע אויך. אין סייראַם אָבער איז געווען נאָך ערגער, איז מען אַריבער קיין מאַנקענט, צוליב וואָס?

אין מאַנקענט זענען געווען אַ סך מער יידן ווי אין סייראַמער העק, יידן פון פוילן, רומעניע, פון די באַלטישע לענדער, אפילו פון טשעכיע און אויך בוכאַרער יידן.

אין מאַנקענט איז אויך געווען אָוועקגעשטעלט די דעלעגאַטור פון דער פּוילישער עמיגראַנטן־רעגירונג אין לאָנדאָן, וואָס בראש פון איר איז געווען דער אַדוואָקאַט עפּשטיין, אַ בירגערלעכער ייד פון קראָקע. האָט דער אַדוואָקאַט געטאָן אַ פּאָר זאַכן וואָס האָבן נאָר געקאָנט צויאָגן דעם אונטערגאַנג פון די יידן וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין דער הילף וואָס אַמעריקע האָט פאַר זיי כסדר געשיקט און וואָס דער פאַרטרויונגס־מאַן פון לאָנדאָן האָט זיי „געצערטלט" אין די שפּייז־סקלאַדעס און געהאַלטן אויף בעסערע צייטן. אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיך דערוואָרט, אַז די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן נאָכן איבעררייסן די דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט דער שיקאָרסקי־רעגירונג ליקווידירט מיט איין קלאַפּ אַלע פּוילישע עקספּאָזיטורן און קאָנפיסקירט אַלע פאַרמעגנס פון דער דעלעגאַטור. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מיט די שפּייז־זאַפּאַסן פון די געפּונענע סחורה־סקלאַדעס וואָלטן די פּוילישע בירגער געווען געקאָנט לעבן בכבוד איבער דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה. איצט

איז דאָס אַלץ אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿונעם נייעם קאָמוניסטישן קלאַס פֿונעם מאַנקענטער ראַיאָן.

דער דאָזיקער דעלעגאַט האָט זיך געהאַט אַרומגערינגלט מיט צענד־ליקער באַאַמטע וואָס האָבן געשטאַמט פֿון קראָקע אָדער אַנדערע גאַלי־צישע שטעט, צווישן זיי אויך עטלעכע פֿאָליאַקן וואָס זייער חניפֿה אין די אויגן און זייער שנאה הינטער די אויגן האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ. דאָ האָבן זיך אַרומגעדרייט פּוילישע בירגער, ייִדן און פֿאָליאַקן, וואָס ביז צום קריג האָבן זיי געוווינט אויף די אַזוי גערופֿענע קרעסן. זיי אַלע האָבן די סאָוויעטן אפֿילו נישט געפֿרעגט, נאָר בעתן פּאַספּאָרטן־געיעג אַנגעהאָנגען אויף זיי דעם סאָוויעטישן פּאַספּאָרט — און אַנטקעגנ־שטעלן זיך דעם סאָוויעטישן צוואַנג זענען זיי נישט געווען בכוח. די אַלע זענען לכתחילה געווען אויסגעשלאָסן פֿון יעדער הילף; עס האָט נישט געהאָלפֿן קיין שום בעטן זיך, און איז עמעצער איין מאָל געוואָרן פֿאַראורטיילט, איז דער אורטייל געוואָרן אויסגעפֿירט אַזוי לאַנג ווי דער אומגליקלעכער האָט געלעבט. דערמאָנט זיך מיר אַזאַ פֿאַל: עס האָט אַ מאָל זיך באַוויזן אַ ייִד אין מאַנקענט, וואָס זיין גאַנצע הלבשה איז באַשטאַנען בלויז פֿון אַ מיליטערישן קאָץ (קאָלדרע). ער איז געווען באָרוועס און אָן אַ היטל אויפֿן קאָפּ און ווילד פֿאַרוואַקסן. וואָס האָט געטראָפֿן מיט דעם ייִד? אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָבן גראַסירט אין דער מלחמה־צייט טויזנטער גנבים וואָס זייער ספּעציאַליטעט איז געווען: גנבענען דאָקומענטן. אָן אַ שיער קרבנות זענען דעמאָלט געפֿאַלן צווישן די נאָר־וואָס פֿון די תּפֿיסות, לאַגערן און פּאַשאַלקעס באַפֿרייטע ייִדן. איז איינער פֿון זיי געווען אָט אָ דער ייִד. און ווידער האָט ער געמוזט וואַנדערן פֿון איין תּפֿיסה אין דער אַנדערער. און אַזוי ביז מאַנקענט. געשטאַמט האָט דער ייִד פֿון מעזריטש. אין דער היים האָט ער געהאַט אַ דראָשקע און פֿון איר האָט ער געצויגן זיין חיונה. איין מאָל אין אַ פֿאַרטאָג, ווען די מענטשן האָבן זיך געקליבן צו זייערע אַרבעטס־ערטער, האָבן זיי דעם ייִדישן דראָזשקאַזש פֿון מעזריטש געטראָפֿן אַ פֿאַרפֿרוירענעם אויף טויט. אוודאי איז דער איינדרוק צווישן ייִדישע פּליטים געווען אַ דערדריקנדיקער, אָבער וואָס האָט עס געהאָלפֿן — ער איז שוין געווען טויט.

און אָט איז אַ צווייטער פֿאַל: אין איינעם אַ טאָג האָט זיך באַוויזן אין מאַנקענט אַ ייִנגל אין עלטער פֿון אפֿשר זיבעצן־אַכצן יאָר. זיין נאָמען איז געווען אַבערמאַן, זיין טאַטע, האָט ער געזאָגט, איז געווען אַ באַאַמטער אין דער קהילה אין וואַרשע. דאָס ייִנגל איז געווען בלאָנד און שיין. פֿון וואַנען ער איז דאָ אַהער געקומען, געדענק איך שוין נישט. ער האָט געוואָלט, אַז די דעלעגאַטור זאָל אים צושרייבן צום קאָלכאָז,

וואָס דער דעלעגאַט האָט אָבער קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. דאָס ייִנגל האָט אַ לאַנגע צייט זיך געדרייט אַרום דער אַרבעט פון אונדזערע ייִדן, און געאַרבעט האָט ער אַ סך טעג אָן אַ שום אויסזיכט צו באַקומען עפּעס באַצאָלט פאַר דער אַרבעט. קיינער האָט גאָרנישט באַקומען פאַר דער אַרבעט דאָ, אָבער אָן אויסזיכט האָבן זיי אַלע געהאַט. אַבערמאָן האָט אָבער געאַרבעט אַזוי לאַנג, ביז מען וועט אים מוזן צושרייבן צום קאָלכאָז. ענדלעך האָט מען אים טאַקע צום קאָלכאָז צוגעשריבן, אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט: ער איז שווער קראַנק געוואָרן אויף די־זענטעריע, און אַזוי ווי ס'איז נישט געווען מיט וואָס צו היילן, איז ער אויסגעגאַנגען אין שווערע יסורים. דעמאָלט ערשט האָט מען אַרויסגעגעבן פאַר אים פון דער דעלעגאַטור אַ פּאָר נייע וועש פאַר בגדים מיט וואָס אים מקבר צו זיין. ביים קבר האָט דער דעלעגאַט עפּשטיין געהאַלטן אַ דרשה.

דער דעלעגאַט האָט זיך אויך איינגעהאַנדלט אַ דאָקטער, דאָס מאָל שוין נישט פון קראָקע אָדער פון אַן אַנדערער שטאָט אין גאַליציע. אַן עכט פּוילישער ייִד איז דאָס געווען. פון וואַנען זיי האָבן אים אויסגע־שריבן, האָט קיינער נישט געוווסט, און פּונקט ווי אַלע סאָוויעטישע אינסטיטוציעס האָבן געדאַרפט, אַז זייער דאָקטער זאָל זיי געבן אַ הכשר וואָס זאָל דעקן זייערע כלערליי פאַרברעכנס, אַזוי האָט אויך די דעלעגאַטור וואָס אין איר שפּיץ איז געשטאַנען דער אַדוואָקאַט עפּשטיין, געדאַרפט האָבן דעם הכשר פון דערמאָנטן דאָקטער מיטן נאָמען גאָרפינקל. און ס'איז גיכער געווען מעגלעך אַרויסצובאַקומען פון אַ שטיין וואַסער, איידער פון דאָזיקן דאָקטער אַ פּושקעלע מילך פאַר אַ קינד וואָס איז אָוועקגעפאַלן קראַנק אָדער עפּעס פאַר אַן עלטערן מענטש. די נויט איז געווען אומבאַשרייבלעך גרויס. גלייכ־צייטיק זענען אויך געווען גרויס די מעגלעכקייטן כאָטש אַ ביסל צו לינדערן דאָס אומגליק. עס זענען געווען קאָלאָסאַלע פאַרמעגנס און ביי דער טיר פון די דאָזיקע פאַרמעגנס איז געשטאַנען דער אַדוואָקאַט עפּ־שטיין און האָט געפּאַכעט מיטן הכשר פון דאָקטער גאָרפינגל: „איר זעט, ער לאָזט נישט!", און קראַנקע זענען אויסגעגאַנגען פאַר אַ שטיקל טרוקן ברויט אָדער פאַר אַ טראָפּן מילך.

איך דערמאָן זיך, ווי ייִדישע פּליטים זענען געשטאַנען פאַרקלעמ־טע, זעענדיק ווי די סאָוויעטן האָבן אַרויסגעפירט אין משך פון וואָכן קאָלאָסאַלע שפּייז־זאַפּאַסן פון די ריזיקע סקלאַדעס און געטריבן חוזק פון די פאַרוואַלטערס וואָס האָבן געוואַכט איבער די דאָזיקע פאַרמעגנס און קיינעם נישט צוגעלאָזט צו זיי, בעת מענטשן זענען אויסגעגאַנגען פאַר אַ שטיקל צוקער וואָס זיי האָבן שוין יאָרן לאַנג נישט געהאַט גע־

זען. באַזונדער אויסגעצייכנט אין זיין אכזריות האָט זיך דער דערמאָנ־טער דאָקטער. וויפל מענטשן האָבן אינטערוועניִרט פאַר מיר, אַז די דעלע־גאַטור זאָל מיר מיט עפּעס העלפן, איז דאָס אַלץ געווען אַרויסגעוואָר־פענע אַרבעט, ווייל דאָקטער גאַרפינקל האָט געפּסקנט, אַז איך בין געזונט און קאָן גיין אַרבעטן! אפילו דעמאָלט, ווען איך בין דורך אַ סאָוויעטישער דאָקטוירים־קאָמיסיע געוואָרן אָנערקענט אַלס אַן אַרבעטס־אינוואַליד, האָט ער נאָך אַלץ געטענהט, אַז די קאָמיסיע איז נישט גערעכט — מער נישט, קעגן אַ סאָוויעטישער קאָמיסיע איז ער געווען אוממעכטיק און געמוזט אָנערקענען דעם פאַקט, כאָטש ער האָט קעגן דעם זיך געווערט.

אין מאָנקענט האָט זיך אויך געפונען דער גרעסטער טייל פון די 154 ישיבה־בחורים וואָס מיט זיי האָבן מיר צוזאַמען געשקלאַפט אין לאַגער. אויך דאָרט זענען זיי געווען אַ מוסטער פון אַ צוזאַמענגעלעבטער גרופּע. באַזונדערס האָט זיך דאָס אָנגעזען שוין נאָכן לאַגער ווו זיי האָבן געוווינט אין בשותפותדיקע דירות, וואָס פאַר דער מאַכט האָט דאָס געהייסן „אָפּשעזשיטשע". געגעסן האָבן זיי אין אַ געמיינזאַמער קיך און די הילף וואָס זיי האָבן באַקומען פון אַמעריקע איז אויך געגאַנגען אין איין קאַסע, און ווען נאָר איך האָב נישט געהאַט ווו איבערצונעכטיקן (און מיט מיר, ווי איינעם אַן משפחה, האָט דאָס גאַנץ אָפט געטראָפן), האָבן איך צווישן אָט די ישיבה־לייט שטענדיק געפונען אַן אַזיל מער ווי ביי אַנדערע. די ישיבה־בחורים, וואָס מיט זיי האָבן מיר צוזאַמען איבערגעלעבט אַזעלכע ביטערע צייטן, האָבן מיט מיר געלעבט גאָר שטאַרק בשלום, און כאָטש איך האָב קיינמאָל נישט באַהאַלטן פאַר זיי מיין נישט־פרומקייט, האָב איך אָבער מאָראַליש מיט זיי מיטגע־לעבט. און שוין אין לאַגער האָבן זיי פון מיר פאַרלאַנגט, איך זאָל אין זיך איינזאַפּן אַלץ וואָס איך זע און דאָס אַלץ פאַרצייכענען אין זכרון, כדי איך זאָל שפּעטער דאָס קאָנען באַשרייבן. (ערשט מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג פון איבער 25 יאָר דערפיל איך לויט מיינע כוחות די אויפגאַבע וואָס זיי האָבן אויף מיר אַרויפגעלייגט).

נאָך דעם ווי איך בין געוואָרן אָנערקענט ווי אַן אַרבעטס־אינוואַליד און נישט געמוזט אַרבעטן פאַר די 400 גראַם ברויט אַ טאָג, בין איך אַ שטיקל צייט געווען אַ נאַכטהיטער אין דעם שפּיטאָל ווו איך בין פריער געהאַט געלעגן ווי אַ קראַנקער. מיין היטעריי האָט זיך אָנגעהויבן מיטן צופאַלן פון דער נאַכט און געענדיקט האָט זי זיך צומאָרגנס אינ־דערפרי, ווען דער שפּיטאָל־פּערסאָנאַל האָט אָנגעהויבן אָנקומען צו זיין אַרבעט. פאַר מיין אַרבעט האָב איך באַקומען אַ קילאָ ברויט אַ טאָג און 59 רובל אַ חודש; פאַר דעם געלט האָב איך ווידער געקאָנט קויפן

דריי פערטל קילאָ ברויט. מיין אַרבעט איז איצט נישט געווען קיין שווערע און איך וואָלט פון דער אַרבעט מסתמא נישט געווען אָפּגעטראָטן, ווען נישט דער דעלעגאַט וואָס האָט מיטאַמאָל דערקלערט אַ מאָביליזאַציע פון אַלע פּוילישע בירגער־אינוואַלידן וואָס מוזן פאָרן אין אַ געגנט ווו מען דאַרף דרינגענדיק אַראָפּנעמען דעם ווייץ פון פעלד, און ווער עס וועט פון דעם זיך אָפּזאָגן, וועט פאַרלירן דאָס רעכט צו פאָרן צוריק קיין פּוילן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט קיינער נישט געוואָלט ריזי־קירן און שוין אין דער ערשטער נאַכט נאָכן האָבן אויפגעגעבן מיין פּאָסטן ווי אַ נאַכט־וועכטער, איז דער שפּיטאָל געוואָרן פולשטענדיק אָפּגעברענט. אויך די לאַבאָראַטאָריע וואָס איז געווען אינסטאַלירט אין שפּיטאָל און ווו מען האָט געמאַכט פאַרשידענע מעדיצינישע פאָרש־אַרבעטן, איז געוואָרן אינגאַנצן פאַרניכטעט. דאָרט זענען אויך געלעגן ביי אַ הונדערט קראַנקע, אָבער אַלע זענען זיי צום גליק געוואָרן אָפּגע־ראַטעוועט. ווי מען האָט געשמועסט שפּעטער, איז די שרפה אין שפּי־טאָל געווען גוט צוגעגרייט, אַזוי אַז פאַרברענט געוואָרן איז נאָר דאָס וואָס האָט געדאַרפט פאַרשווינדן, כדי קיינער פון די שפּיטאָל־באַלעבאַטים זאָל נישט ווערן קאָמפּראָמיטירט.

אין שפּיטאָל איז געלעגן אַ יונגער אוזבעק פון זייער אַן אָנגעזעע־נער משפחה פון דער געגנט. ווען איך בין ווי אַ קראַנקער אָנגעקומען אין שפּיטאָל, איז ער דאָרט שוין געלעגן גאַנצע ניין חדשים. אויף וואָס אייגנטלעך, איז געווען קראַנק דער דאָזיקער אוזבעקישער יונגערמאַן? ער האָט געליטן אויף אַ מלחמה־קראַנקייט: ער האָט נעבעך נישט גע־וואָלט גיין אין מלחמה; דעריבער איז ער לויט אַ באַפעל פון אַ דאָקטער געוואָרן אַריינגעלייגט אין שפּיטאָל. געלעגן איז ער נישט צוזאַמען מיט אַנדערע קראַנקע, נאָר אָפּגעזונדערט פון זיי אין אַ באַזונדער ווינקל. צוויי מאָל אין טאָג האָט מען דעם דאָזיקן „חולה" באַנדאַזשירט אַ פוס. און אָט אַזוי איז ער דאָרט געלעגן איבער אַ יאָר צייט. און וואָס עס איז מיט אים געוואָרן נאָך דער שפּיטאָל־שרפה, דאָס האָב איך זיך שוין נישט דערוווּסט, מחמת דעם וואָס צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע ייִדישע פּלי־טים בין איך געווען אויף די פעלדער אַראָפּצונעמען דעם ווייץ און איך האָב זיך שוין מער מיטן שפּיטאָל נישט פאַראינטערעסירט.

מיטאַמאָל האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז אין מאַנקענט איז געווען אויף אַן אינספּעקציע ד"ר גליקסמאַן, אַ פירער פון „בונד" אין וואַרשע, ראַטמאַן פון אַרטיקן שטאָטראַט, אַ ברודער פון וויקטאָר אַל־טער, וואָס אים האָב איך זייער גוט געקענט. פון וואַנען האָבן מענטשן זיך דאָס דערוווּסט? נאָך לאַנגע באַמיִונגען האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז טאַקע געווען אמת. דאָס איז ד"ר גליקסמאַן אַרומגעפאָרן איבער

א ריי ערטער, ווו עס זענען געווען אינסטאלירט דעלעגאטן, כדי זיך צו אינפארמירן וועגן מעמד פון די יידישע פליטים, וואס זייער לאגע איז געווען געגוג קלאגעדיק. איך האב קוים באקומען זיין אדרעס און געשריבן צו אים א בריוו. און עס האט נישט לאנג געדויערט, האט מען מיר פון דער דעלעגאטור אפגעגעבן פון אים א קארטל. אין דעם קארטל האט מיר געשריבן ד״ר גליקסמאן, אז ער האט געבעטן ביי דער דע־לעגאטור, מען זאל מיר פארבעסערן מיין לאגע. נאר דאס האט זייער ווייניק געהאלפן. דער אדוואקאט עפשטיין האט שטארק געזארגט אויף שפעטער, און זיינע באמיונגען האבן שוין נישט לאנג געלאזט ווארטן אויף א רעזולטאט: זיי האבן אים ארייגעפירט אין תפיסה! דאס איז שוין געווען אין פארבינדונג מיטן אנקומענדיקן פאספארטן־געיעג.

עס האט זיך אנגעהויבן צום צווייטן מאל דער סאוויעטישער פאס־פארטן־געיעג וואס קעגן אים האבן מיר זיך אזוי שטארק געווערט. איין מאל בין איך מיט נאך א פליט, יאקובאוויטש האט ער געהייסן און איז געווען א שניידער, ארויס אין גאס, געווען איז דאס, ווי יידן װאלטן גע־זאגט ״בין מנחה למעריב״. בייטאג איז געווען א סכנה זיך צו באווייזן אין גאס, מחמת דעם וואס מען האט געקאנט ווערן פארכאפט, ווערן אפגע־פירט צו דער פאליציי און דארט ווערן געצוווּנגען צו נעמען דעם סא־וויעטישן פאספארט. און מיטאמאל איז אונדז אנטקעגנגעקומען דער יידישער ג. ק. וו.־דיסט קרויטעמאן און האט א זאג געטאן: ״וואשע דאקומענטי דאוואיטיע!״ (ווייזט אייערע דאקומענטן!). און מיר האבן טאקע נישט ביי זיך קיין דאקומענטן. ״הייסט עס, אן פאספארטן!״ — טוט ער א בריל אויף יידיש. באלד נעמט ער ארויס דעם נאגאן און טוט א געשריי: ״וופיעראד!״ (פארויס!). ער פירט אונדז ארײַן אין א באראק ווו עס דארפן זיין פייערלעשער. וועקט ער אויף צוויי פון זיי: ״היט זיי! באגאלאוואם אטוויטשאיעט!״ (ביסט מיטן קאפ פאר־אנטווארטלעך). האבן זיי געהיטן אפשר א שעה און זענען איינגע־שלאפן. האבן מיר נישט לאנג געטראכט און זיך ״געצוויגן״, אנטלאפן, הייסט דאס, און מיר זענען ארײַן צו א יידישער פרוי פון רוסלאנד. דארט איבערגעזעסן די נאכט, און אויף מארגן זענען מיר אוועק אין אונדזער קיביטקע. אין דער נאכט האב איך באקומען א הארץ־פעלער. און עס זענען ווידער אוועק עטלעכע טעג. ווען איך בין מיט נאך א פרייגט ארויס אין גאס, האבן מיר פלוצלינג ווידער דערזען דעם יידישן טשעקיסט, דאס מאל רייטנדיק אויף א פערד. ווען מיר זענען ארויס פון דער לאנקע, האט קרויטעמאן וואס האט אונדז שוין געהאט דערזען, גענומען אונדז נאכיאגן. פארשטייט זיך, אז רייטנדיק אויפן פערד, איז ער געווען פלינקער פון אונדז; ער איז אונדז פארלאפן דעם וועג און א זאג

געטאָן: „איר גייט אייך אַנטקעגנשטעלן דעם סאָוויעטסקי וולאַסט? אין גאָטס הייליקער מאַמען אַריין!", דעם אמת געזאָגט, זענען מיר שוין טאַקע נישט געווען בכוח זיך אַנטקעגנצושטעלן. ער האָט צוגענומען ביי מיר דאָס שטיקל ברויט וואָס איז געווען מיין איינציק דערהאַלטונגס־מיטל, און ער האָט מיך אָפּגעפירט אין דער נ. ק. וו. ד., ווו מען האָט מיר סוף כל סוף אַריינגעשטופּט דעם סאָוויעטישן פּאַספּאָרט נאָך דעם ווי איך האָב אַזוי לאַנג זיך אויסגעהיטן פון דעם. באַלד נאָך דעם האָב איך ווידער געמוזט אַריינגיין אין שפּיטאָל ווו מען האָט מיך נאָך דריי וואָכן געשטעלט פאַר אַ דאָקטוירים־קאָמיסיע, וואָס האָט מיך אַנערקענט פאַר אַן אַרבעטס־אינוואַליד — דאָס איז אָבער שוין אַ באַזונדער קאַפּיטל.

באַלד נאָך דעם האָבן זיך אָנגעהויבן אויך אַנדערע געשעענישן וואָס האָבן שוין בכלל צוגעאיילט מיין אַרויספאָרן פון מאַנקענט. ווען איך האָב פּלוצלינג דורך אַ שליח באַקומען אַן אָנווייזונג אַז איך זאָל למען השם נישט קוקן אויף קיין שום זאַך און תיכף קומען אין מיין פריערדיקן וווינאָרט, ווו עס וואַרט אויף מיר אַ צאָל אַרבעטן און ווו איך וועל שוין נישט דאַרפן הונגערן, האָב איך זיך געלאָזט צורעדן און דעם זעלבן טאָג האָב איך זיך צוריק אָוועקגעלאָזט קיין סייראַם.

## איך בין געוואָרן אַן ארבעטס-אינוואליד

נאָך אָפּפינצטערן בלויז געציילטע חדשים אין די סאָוויעטישע שקלאַפן־לאַגערן, זענען מיר געוואָרן געעלטערט מיט מער ווי צען יאָר; אַזוי האָט פעסטגעשטעלט אַ דאָקטוירים־קאָמיסיע, וואָס איז אַראָפּגעקומען פון מאָסקווע. היינט קאָן מען זיך פאָרשטעלן, ווי מיר האָבן אויסגעזען אין טאָג פון דער באַפרייונג. כדי איך זאָל קאָנען דערגיין ביז צו דער באַן און נישט פאַלן אין וועג, האָבן צוויי לאַגער־חברים מיך געמוזט פירן אונטער די הענט. געשוואָלן פון הונגער און מיט אַן אָפּגעשוואַכט האַרץ, האָט מען נאָך וואָכן וואַלגערן זיך אין וועג זיך קוים דערשלעפּט צו אַ מקום וואָס הייסט סייראַם און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער גי־הנום. אַזוי אָפּגעשוואַכט ווי איך בין דאָס געווען שוין פון פריער, האָט מען מיך תיכף אוועקגעשטעלט אַרבעטן ביי די ביינוול־פּלאַנטאַציעס, איינע פון די שווערסטע אַרבעטן אין יענער צייט.

ווידער הונגער! נאָך קרוב אַ יאָר האַרעווען ביי אָט דער אַרבעט, האָבן מיר אפילו אַ שטיקל ברויט פאַר די אויגן נישט געזען, בלויז עטלעכע מאָל אַ ביסל צעפוילטע קאַרטאָפל; געאַרבעט אָבער מיט אַ האָ־

פענונג, אַז נאָכן שניט, ווען מען וועט אָפּרעכענען די טרודאָ־דני, די אַרבעטס־טעג, וועלן אונדזערע שפּייכלערס ווערן אָנגעפּילט „מיט ברויט און מיט וויין". לויט זייער חשבון בין איך געבליבן אַ בעל-חוב דעם קאָלכאָז מיט גאַנצע צוויי און צוואַנציק רובל! סטייטש? היתכן? נאָר גיי פרעג קשיות אין סאָוויעט־רוסלאַנד. אויסגעשעפּט ווי איך בין שוין געווען, האָט עפּעס אַ לעצטער כוח מיך אַוועקגעפירט אין ראַיאָן מאַג־קענט ווו איך האָב ווידער אָנגעטראָפן אַן אומגעהייער גרויסע שטערב־לעכקייט צווישן קינדער און עלטערע מענטשן, נאָר־וואָס געקומענע פון די פּאַשאַלקעס, תפיסות און לאַגערן. ס'איז נישט געווען וואָס צו עסן, ווו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן און אויך נישט קיין מלבוש. האָט מען גע־טראָגן אויף זיך די שמוציקע לאַגער־שמאַטעס און געוואַרט, ווען עמעצנס ריי עס וועט זיין מאָרגן. אויך איך בין געוואָרן אַן אָפטער תושב אין די שפּיטאָלן, אַ מאָל אין דעם, אַן אַנדערש מאָל אין אַן אַנדערן — דער הונ־גער אָבער האָט געטריבן פון אומעטום.

אַרויס פון שפּיטאָל, בין איך אַזוי איין מאָל געגאַנגען אין גאַס, פאַרזונקען אין מיינע טרויעריקע מחשבות, און האָב אויפן וועג זיך אָנגעטראָפן מיט יאַנקל בריפמאַן. פון דער צינגאַ־קראַנקייט אין לאַגער זענען ביי אים אויסגעפאַלן די ציין, ער איז געווען אַן אָפּגעריסענער אין אַ צעשליסענער פופייקע, די אויגן האָבן ביי אים געגליט פון די הונגער־ספּאַזמען. אין אַלגעמיינעם אומגליק פון אַלע פּליטים איז זיין לאַגע געווען באַזונדערס טראַגיש: גלויבנדיק אַז דאָס וועט אים ראַטעווען, האָט ער, ווי־נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פּאַספּאָרטן־געיעג, אַרויס־גענומען דעם פּאַס, נאָך אַ ביסל פריער ווי דאָס האָבן געמוזט אַלע אי־בעריקע פוילישע בירגער און דאָס איז געווען זיין אומגליק: באַלד האָט עפּשטיין, דער שיקאַרסקי־פאַרשטייער פון דער דעלעגאַטור (פאַר־שטייט זיך, אַ ייִד) באַין אופן נישט געוואָלט אים מער אָנערקענען פאַר אַ פּוילישן בירגער און אים אויסגעשלאָסן פון יעדער הילף. ווי קליין אַזאַ הילף זאָל נישט האָבן געווען, האָט זי אָבער געהאַט אַ מאָראַ־לישן באַדייט, און דאָס איז דעמאָלט געווען זייער אַ סך: עס האָט גע־הייסן, אַז מען איז אונטער אַ שוץ. האָסטו אָבער גענומען אַ סאָוויעטישן פּאַספּאָרט, אַזוי געהערסטו נישט מער צו אונדזער קהל. פון דער סאָ־וויעטישער זייט האָט מען בכלל קיינעם קיין שום שטיצע נישט געגעבן, און ווי אַ פּוילישער בירגער איז ער געווען אַרויסגעשטויסן. אַזוי אַרום איז יאַנקל בריפמאַנס לאַגע געווען באמת אַ טראַגישע. ער האָט פאַר מיר אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ — אָבער וואָס האָב איך אים גע־קאָנט העלפן?

אַזוי גייענדיק, איז אונדז אַנטקעגנגעקומען מינסקי, אַ ייִד פון זאַ־

פאַראַזשע. „הערט, חברה — האָט ער פריילעך אויסגערופן (אים איז טאַקע אויך געווען פריילעך) — איר ווילט פאַרדינען ברויט? ברויט ממש!" — „אוודאי ווילן מיר", האָבן מיר געענטפערט, ווער האָט זיך דען געקאָנט אָפּזאָגן פונעם בלויזן כישוף־וואָרט „ברויט"? „איז, קומט — זאָגט ער — איר וועט צעזעגן אַ ביסל האָלץ און איר וועט פאַרדינען ברויט". פאַר גרויס איבערראַשונג האָבן מיר אפילו פאַרגעסן צו פרעגן, וויפל האָלץ און וויפל ברויט, נאָר מיט די לעצטע כוחות זענען מיר אַוועק „צעזעגן אַ ביסל האָלץ" און פאַר דעם פאַרדינען ברויט. דער ייִד מינסקי האָט אונדז צוגעפירט צו אַ בוים וואָס איז שוין געווען אויסגע־לייגט אויף דער ערד, און מען האָט געדאַרפט עטלעכע מענטשן, כדי אים צו קאָנען אַרומנעמען.

מינסקי דערלאַנגט אונדז אַ זעג, און איינער פון אונדז שטעלט זיך פון איין זייט בוים, דער אַנדערער פון דער אַנדערער זייט. אַ ביסל פּראַקטיק אין זעגן האָלץ האָבן מיר דאָך געהאַט נאָך פונעם לאַגער. איצט הייבן מיר אָן מיטן זעגן. מיר ציען די זעג, איינער ציט אַהין, דער אַנדע־רער צוריק. די זעג אָבער טוט זיך אירס, זי וויל באַין אופן נישט אין האָלץ אַריינגייען, גלייך ווי עס וואָלט נישט געווען קיין האָלץ, נאָר אייזן אָדער שטאָל. שפּרינגט זי אָפּ. און דאָ די שרעק, חלילה נישט צו פאַר־לירן אַ חלום צו פאַרדינען ברויט, איז געווען אין־לשער. און אַזוי ציען מיר די זעג, אַהין און אַהער, ביז איך פאַרליר דאָס רעשט ביסל כוח: איך לאָז אַרויס די זעג פון דער האַנט און איך פאַל אַוועק לעבן דעם נישט צעזעגטן בוים.

מען האָט מיך באַלד אַריבערגעפירט אין פּאָליקליניק, דעם מעדי־צינישן פונקט פאַר שנעלער הילף, מען האָט גיך אַרויסגערופן די דאָק־טערין רעבעקאַ, אַ קליינינקע, אַ רירעוודיקע און איבערגעגעבענע ייִדישע טאָכטער פון אַ כאַרקאָווער רב און זי האָט אָנגעהויבן צו מאַכן איינ־שפּריצונגען איינע נאָך דער אַנדערער. צווישן די ייִדישע פּליטים אין מקום איז געוואָרן אַ מהומה און זיי האָבן גענומען זיך זאַמלען אַרום דער אויסגעקאָלכטער ליימענער קיביטקע וואָס די סאָוויעטן האָבן זי אָנגע־רופן „פּאָליקליניק". מען האָט מיך ווידער אַריינגענומען אין שפּיטאָל אויף וואָס די דאָקטערין רעבעקאַ האָט אַרויסגעוויזן אַ סך אומרויִקייט. ייִדן האָבן פון צייט צו צייט עפּעס אַריינגעבראַכט דאָס הארץ זיך צו דערכאַפּן, און אויך פון דער דעלעגאַטור האָט מען „אַוועקגענומען די האַנט פון האַרץ" און עפּעס אַריינגעשיקט אין שפּיטאָל. דאָ בין איך ווידער אָפּגעלעגן קרוב פיר וואָכן, און יעווגעניאַ אַבראַמאָווּנאַ, די הויפּט־דאָקטערין פון שפּיטאָל, אַ ייִדישע פרוי פון לענינגראַד, האָט צום סוף מיך אויסגעשריבן און איך בין אויף אַן אמת געהאָלפן געוואָרן.

אין איינעם אַ טאָג האָט די דאָקטערין רעבעקאַ מיך פאַרבעטן אין שטוב צו אירע רבנישע עלטערן און איך בין אַהין געגאַנגען. מען האָט ביים רב — אַ הדרת־פּנימדיקער ייִד ווי פאַר יענער צייט — געשטעלט אויפן טיש אַ גאַר פיינעם כּיבוד. אָבער נישט דאָס איז געווען די סיבה, צוליב וואָס די דאָקטערין האָט מיך געהאַט פאַרבעטן צו זיי. מען טאָר דאָך נישט לאָזן סתם אַזוי אויסגיין אַ ייִד, האָט זי אָנגעהויבן; כאָטש אַ ייִד פון „פּריצישן" פּוילן, אָבער פאָרט אַ ייִד. איז וואָס די עצה? די עצה איז, אַז מען מוז מיך מאַכן פאַר אַן אַרבעטס־אינוואַליד; די מעלה פון דעם איז טאַקע נישט קיין געוואַלדיקע און מען קאָן פון דעם נישט דער־וואַרטן מי־יודע וואָס, אָבער איך וועל פריי פון דער פליכט צו מוזן אַר־בעטן, כּדי צו באַקומען די 400 גראַם ברויט אַ טאָג, ווייל ווי אַן אינוואַ־ליד דאַרף איך לויטן געזעץ באַקומען די 400 גראַם, כאָטש איך אַרבעט נישט — און ביי די היינטיקע שווערע באַדינגונגען, זאָגט די דאָקטערין רעבעקאַ, איז דאָס שוין אַ סך. זי וועט איבעררעדן, האָט זי ווייטער גע־זאָגט, מיטן הויפּט־דאָקטער פון שפּיטאָל, ווו איך בין געלעגן, דאָס הייסט: מיט יעווגעניאַ אַבראַמאָוונאַ, און זי וועט מיך שיקן צו אַ מעדיציניִשער אינוואַלידן־קאָמיסיע, ווו דער הויפּט־דאָקטער איז די מאַדאַם עפּשטיין. צו דער אינוואַלידן־קאָמיסיע דאַרף מען גיין אַ פינף קילאָמעטער פון מאַנקענט. זי וועט מיך שוין אינפאָרמירן, אין וועלכן טאָג איך דאַרף אַהין גיין. דערביי האָט זי מיך געעצהט, אַז אַ פּאָר טאָג פריער זאָל איך מיך אַ ביסל „צופּוצן", דאָס הייסט: איך זאָל זיך נישט ראַזירן, אויך די „שבתדיקע" קאַפּאָטע זאָל איך אין דעם טאָג נישט אָנטאָן. און זי האָפט, אַז די דאָקטערין עפּשטיין וועט שוין עפּעס דערגרייכן.

עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך באַקומען אַ צעטל פון שפּיטאָל־דאָקטער, אַז אין דעם און דעם טאָג דאַרף איך זיך שטעלן צו דער אינ־וואַלידן־קאָמיסיע. דערמיט אַליין בין איך שוין געווען פריי פון צוואַנגס־אַרבעט ביז צו דער דעציזיע. צום באַשטימטן טאָג און צו דער באַשטימ־טער שעה בין איך געווען אויפן אָרט פון דער קאָמיסיע און איך בין דאָרט געשטאַנען מיט אַ שווער האַרץ און געוואַרט אויף דעם וואָס עס וועט קומען. אַז מען האָט אויסגערופן מיין נאָמען און איך בין אַריינגע־גאַנגען, האָט די דאָקטערין עפּשטיין, ווי זי האָט נאָר דערהערט מיין נאָ־מען, אַ זאָג געטאָן צו די בייזיצנדיקע, דעם פּרעדסעדאַטיעל פון קאָלכאָז און אַ יונגער אוזבעקישער פרוי: „טאָוואַרישטשי (חברים), טוט אַ קוק, וואָס דער סוואָלאָטש עפּשטיין (דער פאַרשטייער פון דער דעלעגאַטור האָט אויך געהייסן עפּשטיין) האָט געמאַכט פון אַ מענטש! וואָס? — האָט זי צו מיר געזאָגט — דאָס האַרץ טוט דיר וויי? די פיס זענען דיר געשוואָלן?", און אַז איך האָב גענומען איר ווייזן, ווי אַזוי עס זע־

נען ביי מיר געשוואָלן די פיס, האָט זי געזאָגט, אַז ס'איז נישט נוישיק איך זאָל זיך אויסטאָן, ס'איז אַזוי אויך גענוג קענטיק.

אַז דער פּרעדסעדאַטיעל פון קאָלכאָז האָט זיך צו איר צוגעבויגן און שטילערהייט ביי איר געפרעגט: „נאַ סקאָלקאָ?" (אויף וויפל?), האָט זי אַ זאָג געטאָן: „וויפל דיין סאָוועסט (געוויסן) דערלויבט דיר אין דער היינטיקער צייט, אַזוי פיל גיב אים!" „נאַ אַדין גאָד כוואַטיט?" (אויף איין יאָר וועט קלעקן?). און אַזוי האָט ער פאַרשריבן, אַז דער טאַוואַרישטש... ווערט אָנערקענט ווי אַן אינוואַליד אויף איין יאָר. נאָר וואָס? ער האָט פאַרגעסן אויפצושרייבן, ווען דאָס יאָר הייבט זיך אָן און ווען עס ענדיקט זיך.

און מיט אָט דעם אייזערנעם פאַרמעגן האָב איך זיך צוריק אומגעקערט קיין סייראַם. און אַזוי האָב איך שוין מיטן אינוואַלידן־צעטל זיך אַרומגעדרייט, ביז מיר זענען אויף שטענדיק אַרויסגעפאָרן פונעם „סאָוויעטישן גן־עדן". און דאָס דאָזיקע אינוואַלידן־צעטל איז אַלץ געווען „נאַ אַדין גאָד" — אויף איין יאָר...

## אַן ערב־פּסח אין אַ קאַזאַכסטאַנער קאָלכאָז

מיט אַ באַזונדערער גרויזאַמקייט האָט זיך אויסגעצייכנט דאָס הונגער־יאָר פון 1943. די היטלעריסטישע האָרדעס האָבן זיך געריסן פאָרויס און פאַרנומען אַלץ נייע שטעט, דערפער און קאָלכאָזן. און מען האָט שוין נישט געלייגט קיין ספּעציעלע אַכט אויף די נאָרמעס, ווייל צו געבן עפּעס פאַר דער אַרבעט איז שוין סיי ווי נישט געווען, און דער הונגער איז געווען שרעקלעך.

צו פאַרקויפן האָב איך שוין נישט געהאַט וואָס. פלעג איך גיין פון איין אויבעק צום צווייטן און פון צייט צו צייט זיי אַרויסהעלפן, אַרבעטנדיק אויף זייער אייגן שטיקל פעלד, וואָס צו דעם האָבן זיי געהאַט רעכט לויטן סאָוויעטישן געזעץ. מיין לעצטע אַרבעט איז געווען מיטוואָך נאָך מיטאָג, און דאָס איז אויך שוין במילא געווען מיין לעצטער מאָלצייט.

דאָנערשטיק בין איך נאָך אַ גאַנצן טאָג זוכן אַרבעט געקומען אין אָוונט מיט גאָרנישט. איך פּרוּוו זיך דערמאָנען, ווען איך האָב דאָס לעצטע מאָל געגעסן. געווען איז דאָס אין טשאַיכאַנאַ. איך האָב געקויפט אַ לעפּיאָשקע, אַזאַ מין פלעצל, מיט אַ שטשי, וואָס דאָס מיינט באָרשט. געווען איז דאָס זונטיק — דאָס הייסט, עס זענען שוין פאַרביי דריי טעג.

מאָרגן מאָנטיק איז ביי ייִדן ערב פּסח. געלט עפּעס צו קויפן האָב איך נישט, אַ האַלבער קילאָ ברויט קאָסט 70 רובל — און צוזאַמענשטעלן אַזאַ אַסטראָנאָמישע סומע, איז פאַלג מיך אַ גאַנג. פונדעסטוועגן לאָז איך זיך אַרויס: אפשר וועט זיך מיר פאַרט עפּעס איינגעבן? אַרום האַלבן טאָג האָב איך שוין מיינע 66 רובל, פעלט מיר נאָך אַלץ 4 רובל. איך פּרווו דאָס מזל און גיי אַריין צו שפּרינצע דער סטאָליערקע וואָס האַנדלט מיט ברויט. איך בעט זי, זי זאָל מיר פאַרקויפן אַ האַלבן קילאָ ברויט.

דערהערט וואָס איך וויל, זאָגט זי מיר מיט אַ וויינענדיק קול: „וואָס, ברויט? איך האָב אַליין נישט אין שטוב קיין פּיצל ברויט. און אַחוץ דעם — זאָגט שפּרינצע — ווי האָט מען דאָס אַ לב, ערב פּסח אַ ייִד צו פאַרקויפן ברויט?" — האָט זי טאַקע אַזאַ לב נישט געהאַט.

פון שפּרינצע דער סטאָליערקע בין איך אַרויס אַ פאַרמשפּטער און איך האָב זיך קוים דערשלעפּט צו יאַנקעלע שפּריצער. אויך ער האַנדלט און נישט נאָר מיט ברויט. איך בין געשטאַנען פאַר אים ווי אַ בעטלער און געבעטן, ער זאָל מיר פאַרקויפן אַ האַלבן קילאָ ברויט. האָט זיין זיווג צוזאַמענגענומען אַלע ווער ווייסט פון וויפל טעג געבליבענע שטיקלעך ברויט, זיי געלייגט אויף דער וואָג, ווי דאָס וואָלטן געווען טייערע איידל־שטיינער — און אָט אין דער מינוט האָט זיך מיט אימפּעט געגעבן אַ פּראַל אויף די טיר. אַ צעפלאַמטער, אַ צעיאָכמעטער ווי פון אַ געיעג, איז אַריינגעפאַלן איר זון מיט אַ געשריי: „מאַמע, מיך הונגערט!" — קאָן דאָך אַ מאַמע נישט לאָזן הונגערן איר זון, און אַנשטאָט מיר האָט זי דאָס האַלבע קילאָ ברויט אָפּגעגעבן איר זון.

פון יאַנקעלע שפּריצערס שטוב בין איך שוין נישט אַרויסגעגאַנגען, נאָר זיך קוים אַרויסגעשאַרט. איך האָב שוין פאַר זיך קיין שום זאַך נישט געזען, גאָרנישט געפילט, נישט קיין הונגער און נישט קיין פיס. עס האָט זיך מיר נאָר געדאַכט, אַז איך גיי. געשלעפּט האָב איך אָבער נישט מיי־נע לעבעדיקע פיס, נאָר פרעמדע צוגעטשעפּעטע דעמבעס. איך הייב אָן שפּאַנען, שפּאַנען, און מיר דאַכט זיך, אַז איך גיי, נאָר עפּעס ווי אין אַ חלום הער איך אַ קול — איך ווייס אָבער נישט אויף זיכער, צי הער איך טאַקע אַ קול, צי דאַכט זיך מיר דאָס בלויז.

אַז איך האָב אַ קוק געטאָן, ווי ווייט איך בין פון פאַרקאַנדל, האָב איך ערשט רעכט געזען, אַז איך שטיי נאָך כמעט אויפן זעלבן אָרט און אַ טערק מאַכט צו מיר מיט די הענט, ווי ער וואָלט מיך גערופן. און אפשר? — לויפט מיר דורך אַ געדאַנק — אפשר? ער לאָזט מיך אַריין דורכן שמאָלינקן טירל, שטופּט מיר אין דער האַנט אַריין אַ ריי־זיקע אייזערנע לאָפּעטע און זאָגט צו מיר: „כאָטשעס ראַבאָטאַט? ווילסט אַרבעטן?".

איך נעם די אייזערנע לאָפּעטע און הייב אָן גראָבן די ערד, פֿאַר־שטיינערט פֿון די גיהנומדיקע היצן. איך הייב די שווערע לאָפּעטע — מיר דאַכט זיך, אַז איך אַרבעט טאַקע, אָבער דער טערק איז נישט צופֿרידן, ער נעמט מיר אַרויס די לאָפּעטע פֿון דער האַנט און ווייזט מיר, ווי אַזוי מען דאַרף גראָבן. ווייזט אויס, אַז ער קאָן. ביי מיר אָבער חזרט זיך איבער דאָס זעלבע.

פֿאַר די אויגן לויפֿן פֿייערדיקע פּונקען. די ערד דרייט זיך אַרום מיר. די לאָפּעטע קאָן איך שוין קוים האַלטן אין דער האַנט, איך פֿיל, אַז איך פֿאַל צו דער ערד, און דער טערק שרייט: „ראַבאַטאַי!" (אַרבעט!). איך זאָג אים, אַז איך מוז כאָטש עפּעס עסן און ער שרייט אַלץ: „אַרבעט!" ביז ער פֿירט מיך שוין ענדלעך אַריין אין זיין ליימענעם „פּאַלאַץ", זעצט מיך אַוועק אויפֿן פֿאַל און שטעלט פֿאַר מיר אַוועק אַ טאָפּ מיט אַ מאכל וואָס געהייסן האָט עס אַ מאָל פּאַפּ, אָבער נאָכן ערשטן לעפֿל וואָס איך האָב גענומען צום מויל, האָט מיך גענומען איבלען. מער האָב איך שוין נישט געקאָנט — און בין צוריק אַוועק צו דער לאָפּעטע.

און דאָ ווייס איך שוין גאָרנישט וואָס מיט מיר טוט זיך. די לאָפּעטע פֿאַלט מיר אַרויס פֿון דער האַנט און דער טערק האַלט אין איין געוואַל־דעוועט: „ראַבאַטאַי!". איך פּרוּוו ווידער אויפֿהייבן די לאָפּעטע און קאָן שוין נישט.

און אָט אין דער מינוט דערהער איך ווי אין אַ טיפֿן שלאָף אויס־רופֿן מיין נאָמען. דאָס שרייען צו מיר צוויי מענטשן וואָס איך דערקען זיי שוין נישט, כאָטש דאָס זענען באַקאַנטע. „גאָלדוואַסער! פֿאַר דיר איז דאָ אַ פּעקל!". איך פֿאַרשטיי אָבער שוין גאָרנישט וואָס מען רעדט צו מיר. „אַ פּעקל! קלמן!". דערקענסט מיך נישט? איך זאָג דאָך דיר, אַז אויף דער פּאָסט איז דאָ פֿאַר דיר אַ פּעקל און דו דאַרפֿסט גיין עס אָפּנעמען!" „אָבער וואָס פֿאַר אַ פּעקל ווילט איר?" — פֿאַרשטיי איך נאָך אַלץ נישט. „נישט מיר ווילן", טענהן נאָך אַלץ צו מיר די צוויי חברים, „און דאָס דאַרפֿסט דו גיין, און דאָס שוין, אויף דער פּאָסט אָפּנעמען דאָס פּעקל". זיי האָבן קוים ביים טערק אויסגעבעטן עפּעס וואַרעמס צו עסן פֿאַר מיר. איך האָב שוין מער קיין כוח נישט געהאַט צו גיין, פֿאַרזי־כערנדיק אים, אַז תיכּף פֿון דער פּאָסט קום איך צוריק צו אים.

אַז איך האָב אָפּגענומען דאָס פּעקל, וואָס אויף אים איז געווען אונטערגעשריבן י. אַרטוסקי, און אַ קוק געטאָן אויף דעם אוצר, האָט עס מיר אויפֿסניי פֿאַרבלענדט די אויגן. וואָס איז דאָרט אַלץ נישט געווען אין פּעקל! אַ קילאָ אינדישע טיי, סלאָנינע, צוקערקעס און זייף, זייף — וואָס איך האָב שוין יאָרן נישט געהאַט געזען. דאָס פּעקל איז געוואָרן

געשיקט פון תל־אביב, ווו א קאָמיסיע פון חברים אונטער דער אָנפירונג פון פאַרשטאַרבענעם חבר ד״ר יעזשי גליקסמאַן פון אַמעריקאַנער ייִדישן אַרבעטער־קאָמיטעט וואָס האָט געשיקט די געהעריקע פאָנדן, האָט דע־מאָלט געשיקט פעקלעך צו הונדערטער חברים און פריינט.

וואָלט אָבער דאָס פעקל זיך געווען פאַרשפּעטיקט בלויז מיט אַ טאָג, צוויי, איז ווער ווייסט, צי וואָלט איך נאָך בכלל עפּעס געדאַרפט.

## א מלחמה-דאָקלאַד פון א סאָוויעטישן „פּראָפעסאָר״

סייראַם, ערגעץ ווו אין אַ ווינקל פון דער דרום־אַזיאַטישער מדינה קאַזאַכסטאַן, איז אַ העק וואָס איז אַלט ווער ווייסט וויפל הונדערטער און אפשר גאָר טויזנטער יאָרן. געווען איז דאָס אַמאָל איינער פון די גרויסע וועלט־צענטערס פאַר מסחר, ווהין מען איז געקומען פון דער גאַנצער וועלט קויפן שאָף און וואָל, היינט איז פון דעם געבליבן אַ זכר־לחורבן, אַ מקום פון אַלטע ליימענע כאַטקעס וואָס שיטן זיך ווי פּרוכנע פון אַלט־האַלץ. זי פאַרנעמט אַ ריזיקע טעריטאָריע און בערך 25 קילאָמעטער פון דאַנען ליגט די נאָענטסטע און נישט קיין סך שענערע גרויסע און אַלטע גובערניע־שטאָט טשימקענט און שליסט איין אין זיך די ניין קאָלכאָזן מיט אַ באַפעלקערונג פון 30 טויזנט תושבים און נאָך אַ מאָל אַזוי פיל פּליטים פון איבער 25 נאַציאָנאַליטעטן וואָס פון זיי פאַרנעמען אחינו־בני־ישראל אַ בכבודיקן אָרט.

דאָ געפינען זיך ייִדן פון פּוילן, ליטע און לעטלאַנד, ייִדן פון רו־מעניע, טשעכאָסלאָוואַקיע און אונגאַרן, ייִדן פון סאָוויעט־רוסלאַנד מיט אַלע זייערע חנעוודיקע דיאַלעקטן. אפילו צוויי דייטשע ייִדן פונעם מע־מעלער געביט האָבן זיך דאָ פאַרוואַלגערט, און אחרון־אחרון: ייִדן פון בוכאַראַ מיט זייערע רבנישע און הדרת־פּנמדיקע בערד. זיי האָבן דאָ געלעבט אין אַן אומבאַשרייבלעכן דחקות, אָבער זיי זענען געווען טייערע האַרציקע ייִדן.

פון די קאָלכאָזן מיט די פאַרשידענע באַקרויגטע נעמען פון די סאָ־וויעטישע גדולים האָבן די אוזבעקן וואָס זענען די מערהייט אין קאַזאַכ־סטאַן, און די קאַזאַכן, וואָס זענען אַ מערהייט אין אוזבעקיסטאַן, געהאַט גרויסע צרות, ווי לעלען־ (לענין) קאָלכאָז, סטאַלין, קאַלינין און אַנ־דערע. די גרעסטע צרות אָבער האָבן זיי פון די נעמען ריקאָוו וואָס איז דאָ טריפה ווי חזיר, און קיראָוו, וואָס זיי האַלטן אין איין פאַרבייטן מיט

יענעם און אַרום דעם האָבן זיך שוין געשאַפן אַן אַ שיער טראַגיקאָמישע מעשות און אַנעקדאָטן, און נישט איינער פון די נאַיִווע אַנאַלפאַבעטן האָט שוין באַצאָלט מיט לאַנגע יאָרן לאַגער פאַר „טראָצקיסטישן סאַבאָטאַזש", בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט נעבעך נישט געקאָנט ווי מען דאַרף ריכטיק אַרויסזאָגן די כשרע און הייליקע נעמען פון די קרעמל־מושלים.

אויב אין דער גובערניע־שטאָט טשימקענט זענען דעמאָלט שוין יאָ געווען עטלעכע ווייניקע מאָדערן אויסגעבויטע הייזער, מיט אַ ביסל באַקוועמלעכקייטן ווי: וואַסער, עלעקטרישע באַלייכטונג און אַנדערע, אַזוי זענען זיי באַלד געוואָרן פאַרנומען פון דער סאָוויעטישער „אַריסטאָקראַטיע" און זייערע אינסטיטוציעס, ווי:. ראַיקאָם, אָבלקאָם און נאָך אַנדערע קאָמס.

איז אין סייראָם געווען בלויז איין ליכטיקער פונקט: די מ. ט. ס. (מאַשינע - טראַקטאָרני - סטראַי), וואָס האָבן צוליב דער וויכטיקער אַרבעט דאָרט געהאַט אַן אייגענעם דינאַמאָ, וואָס האָט זיי געליפערט ליכטיקייט די גאַנצע 24 שעה אין מעת־לעת, ווו מען האָט דאָ געמוזט אַרבעטן. דאָ האָט מען פאַרריכט אַקער־מאַשינען, קאָמביינערס, טראַקטאָרן און לאַסטאויטאָס וואָס האָבן יעדע ווײַלע דערקלערט אַ זאַבאַסטאָווקע (גענעראַל־שטרייק): „מיר אַרבעטן נישט מער און טוט אונדז עפּעס!"

האָט מען זיך אָבער אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער מ. ט. ס., איז שוין געווען חושך־מצרים. אַ שטאָק־פינצטערע נאַכט האָט באַהערשט סייראָם און כּאָטש סאָוויעט־רוסלאַנד איז שוין געווען באַלעבאָס איבער די נאַפט־קוואַלן פון פוילן, רומעניע — און באַקו האָט דאָך אויך געהאַט „אַ ביסל נאַפט", איז דאָך אַ נאַפט־לעמפּל ביי די אַזיאַטישע פעלקער אין אַט די מקומות געווען אַ ווייטער, ווייטער חלום. דערווייל האָט מען זיך געמוזט באַגנוגענען מיט דער קאַפּטשילקע, דאָס איז אַ קליין פלעשעלע, דורכגעצויגן מיט אַ שמאַטקעלע און מיט אַ טראָפּן נאַפט, און אויסגעזען האָט עס ווי אַן אַלט ייִדיש חנוכּה־קנייטל; דאָס האָט באַלויכטן די אוזבעקישע, קאַזאַכישע און אַנדערע ליימענע שטיבלעך.

אין אַט אַ דעם העק זענען געווען קאָנצענטרירט אַ ריי סאָוויעטישע אינסטיטוציעס (וואָס וועגן זיי וועט מיר נאָך אויסקומען צו דערציילן), און צווישן זיי איז אויך געווען אַ הויז פאַר אינוואַלידן, און זייער גאַסט איז געווען דער „פּראָפעסאָר" מיכאַיל קראַסקאָוו. אין דעם דאָזיקן הויז מיט עטלעכע הונדערט אינוואַלידן וואָס זענען געוואָרן אַהערגעשיקט, כּדי זיך אָפּצורוען אַ חודש אָדער צוויי און דערנאָך צו ווערן געשיקט צוריק צו זייערע קאָמאַנדעס, כּדי צו ווערן ווידער געשיקט אויף פראָנט־

דענע פראַנטן, זענען אויך געקומען אַזעלכע, וואָס זיי האָט שוין געפעלט אַ האַנט אָדער אַ פוס, און נאָך אַנדערע פאַרווונדעטע וואָס אויף זיי האָט מען שוין מער נישט געקאָנט אויסשטעלן, זיי זאָלן נאָך קאָנען זיין גוטע מלחמה־זעלנער.

און אויב נישט קיין מלחמה־זעלנער, האָבן זיך אויסגעטיילט צווישן זיי עטלעכע צענדליק אינוואַלידן וואָס האָבן זיך פאַרגומען מיט אויס־לערנען זיך אַ מלאכה, און אויסגעקליבן שניידעריי למשל האָבן די וואָס האָבן נאָך געהאַט ביידע הענט און האָבן זיך געקאָנט אויסלערנען דאָס פאַך. אין משך פון עטלעכע יאָר האָט אַנגעפירט מיט זיי און דאָס מיט אַ גאַנץ היפּשן דערפאָלג, אַ פּליט פון פּוילן, דער ייִדישער יונגערמאַן פון סאַכאַטשאָוו, מ. וויטענבערג.

צווישן די הונדערטער אינוואַלידן זענען אויך געווען אַ צוויי צענד־ליק ייִדן, עטלעכע פון זיי מיט גאָר הויכע אויסצייכענונגען, וואָס פאַר זיי האָבן זיי געהאַט געצוגן טייער באַצאָלט — ווער מיט אַ האַנט, ווער מיט אַ פוס, און נאָך אַנדערע מיט אַן אויג, אָדער גאָר מיט ביידע אויגן. צווישן די דאָזיקע ייִדן האָט זיך געפונען איינער וואָס האָט זיך אויסער־לעך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט; ער איז געווען אַ קליין וווקסיקער, די ברוסט איז געווען באַהאַנגען מיט אַ ביסל מעדאַלן. די רוסן האָבן אים גערופן גרישאַ, צווישן ייִדן האָט ער אָבער נישט אַנדערש זיך גע־הייסן רופן ווי הירשקע, אַזוי ווי עס האָט אים גערופן זיין מאַמע אין דער היים. ווי אַ ייִד פון רומעניע האָט ער גוט געוווסט, וואָס די נאַצישע בעסטיעס טוען מיט די ייִדן אין די לענדער וואָס זענען געווען באַזעצט דורך זייערע מלאכי־חבלה.

איז ער דאָ אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקער, שטענדיק אַ פאַרטראַכ־טער, געחברט זיך מיט די ייִדן פון פּוילן און ליב געהאַט זייער געזעל־שאַפט. ער איז געוואָרן שווער פאַרווונדעט אין בויך, אַזוי ווייט אַז מען האָט געמוזט אים צופּאַסן אַ מעטאַלענעם בויך, אַנדערש וואָלט ביי אים דאָס גאַנצע אינגעווייד געווען אַרויסגעפאַלן, נאָר דער מעטאַלענער בויך האָט עס ביי אים צוגעהאַלטן. אפילו די רוסישע אינוואַלידן האָבן צו אים געהאַט אַ סך מיטגעפיל און האָבן אים ליב געהאַט. וואָלט מען וועגן אים טאַקע נישט געווען צופיל גערעדט! איז אָבער צווישן די דאָזיקע אינ־וואַלידן געווען איינער, אַ העל־האָריקער רוס, אַ הויכער יונג. גערופן האָט מען אים וואַניושאַ (מסתמא פאַרצויגן פון איוואַן). ווען איך בין אַנגעקומען אין דאָזיקן מקום, איז וואַניושאַ דאָרט שוין געווען אַן אַלטער תושב, בין איך דאָך דאָרט געווען כמעט דריי יאָר. איז ווען־זשע האָט ער באַוויזן צו זיין אויפן פראָנט? און ווו איז ער געוואָרן אַן אינ־

וואָליד? זענען טאַקע געווען אַ סך העכער־ראַנגיקע מיליטער־לייט וואָס האָבן געוווסט צו דערציילן, אַז וואַניושאַ האָט קיינמאָל נישט קיין פּראַגט פאַר די אויגן געזען, און קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, פון וואַנען עס קומען צו אים די קוליעס און בפרט — די לייטענאַנט־שליפעס. עפּעס איז זיי קשה געווען די גאַנצע טונקעלע מעשה.

איז אָבער וואַניושאַ געווען אַ וויסטער אַנטיסעמיט און פלעגט ממש דערגיין דאָס לעבן די פּאָר צענדליק יידישע אינוואַלידן, בפרט די וואָס האָבן זיך דערדינט צו מעדאַלן. „אויף וועלכן פראַנט, פלעגט ער זיי שטעג־דיק פאַרהאַלטן מיט שטעכיקע פראַגן, האָט איר באַקומען די מעדאַלן? אויפן פראַנט מאָסקווע־לענינגראַד?" — דאָרט איז קיינמאָל קיין פראַנט נישט געווען. ער האָט זיך אָנגעזעצט אויף די יידישע אינוואַלידן וואָס האָבן, לויט אים, „געקויפט די מעדאַלן אויפן „טאָלטשאָק" (באַזאַר). דאָס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די יידן האָבן אַראָפּגענומען פון זיך די מע־דאַלן אָבער אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן.

באַזונדער געפערלעך איז געוואָרן דער כוליגאַנישער לייטענאַנט, ווען ער האָט זיך אָנגעטרונקען — און צו דעם איז ער געווען אַ מייס־טער. ער האָט צו זיך צוגעקליבן נאָך אַ בראַנפן־חבר, דעם וויאַטקער פויערל וואַסיל. אויך דעם פעלט נישט קיין האַנט, נישט קיין פוס. ער איז געווען אַ הויכער און ברייטפּלייציקער און פלעגט גיין מיט שטילע פוי־ערישע טריט. אינעם אינוואַלידן־הויז איז ער שוין אַ לענגערע צייט, נאָר איצט דאַרף ער עס שוין פאַרלאָזן און בקרוב וועט ער זיך מוזן שטעלן אין זיין פאָלק, און פון דאָרט וועט מען אים שיקן אויפן פראָנט — אַ זאַך וואָס דאָס געפעלט אים נישט שטאַרק.

וועט איר נישט איין מאָל טרעפן וואַסילן פאַרן אינוואַלידן־הויז אַ פאַרטראַכטן, וואָס קוקט ווייט איבער די הימלען — צו זיין היימשטאָט וויאַטקע, ווו ער האָט געלאָזט אַ יונג ווייב מיט דריי קינדער, אַ שטיקל אייגענע ערד, אַ קו, אַ פּאָר הינער, שוין געווען אויפן פראַנט און געוואָרן „געראַניעט". און איצט? וואַניושאַ, אַ זאַרגלאָזער, אַ פריילעכער, האָט זיך צוגעשטעלט: „קום, וואַסיל, מירן אויסטרינקען! צו דיין אוועקפאָרן דאַרפן מיר זיך דאָך געזעגענען, האַ? אַך טי! פאַר וועמען טרינקסטו?, פרעגט וואַניושאַ, „בו פאַרשטייט זיך — פאַר דער ראָדינאַ", ענטפערט אַן אומעטיקער וואַסיל. „און איך טרינק פאַר סטאַלינען", ענטפערט וואַניושאַ. אַזוי האָבן זיי זיך געזעגנט. וואַסיל דאָס וויאַטקער פויערל, וועט גיין צו־ריק אויפן פראַנט, און וואַניושאַ, וואָס האָט קיינמאָל דעם פראַנט נישט אָנגעקוקט, איז צוריק אַוועק אין אינוואַלידן־הויז.

אין דער דאָזיקער צייט איז אין דעם קראַנקן־ווינקל פון סיירעם

געקומען דער סאָוויעטישער „פּראָפעסאָר" מיכאיל קראַסקאָוו האַלטן אַ פּאָרטראַג וועגן גאַנג פון דער מלחמה אויף די פראָנטן. געווען איז דאָס אין יאָר 1944. נאָכן הערא‏ָישן נצחון פונעם סאָוויעטישן מיליטער ביי סטאַלינגראַד איבער די דייטש־נאַצישע חיילות און ביים אָנהייב פון אַ ברייט־פאַרמאָסטענער אָפענסיווע, וואָס איז געגאַנגען אומאויפהערלעך פאָרויס ביז צו דער ענדגילטיקער צעשמעטערנדיקער מפּלה פון די דייטשע רוצחים, ביז צום פאַלן פון בערלין און ביז צו דער קאַפּיטולאַציע אָן באַדינגונגען, וואָס איז געשען דעם 8־טן מאַי 1945.

שוין וואָכן, אַז עס טומלט זיך אַרום דעם דאָזיקן פּאָרטראַג. די פּלאַקאַטן אויף די קרומע געסלעך פון סייראַם, אויף די אונטערנעמונגען און די פאַבריקלעך פון „פּראַם־קאָמבינאַט" זאָגן אים אָן אויף אַ זונ־טיק, ווען עס וועט ספּעציעל ווערן איינגעשטעלט אַ וויכאַדנאָי דיען, אַ רוטאָג. די באַאַמטע און די אַרבעטער זענען געוואָרן פאַרפליכטעט צו קומען צאַלרייך אויפן פּלאַץ פאַרן אינוואַלידן־הויז. אויך ייִדן האָבן גע־וואַרט מיט אומגעדולד אויפן פּאָרטראַג און זענען געקומען אויפן פּלאַץ אין אַ גרויסער צאָל. דער טאָג איז היינט געווען אַ זוניקער, שיינער און הייסער. זענען זיך דאָ צונויפגעקומען עטלעכע טויזנט מענטשן וואָס האָבן דערויף געוואַרט צו הערן גוטע און פרישע מלחמה־נייעסן, וואָרעם די צייטונגען האָבן וועגן מלחמה כמעט נישט גערעדט. אויף דער וואַנט פון אינוואַלידן־הויז האָט דער פּראָפעסאָר אויפגעהאָנגען אַ ריזיקע מלחמה־מאַפּע און אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ ריזיקן טייטלער און האָט אים נישט אַרויסגעלייגט פון דער האַנט.

אין זיין פּאָרטראַג (אויף רוסיש: דאָקלאַד) האָט מיכאיל קראַסקאָוו אונטערגעשטראָכן, אַז נישט געקוקט אויף די שרעקלעכע קלעפּ וואָס דאָס סאָוויעטישע מיליטער דערלאַנגט דעם שונא און נישט געקוקט אויף די אומאויפהערלעכע נצחונות, איז די מלחמה פאָרט נאָך נישט געענדיקט. אמת, די נאַצישע חיה איז טאַקע שווער־פאַרווונדעט, אָבער, זי איז נאָך אַלץ נישט טויט — און ווער, מיינט איר, צייכנט זיך אויס אין די שלאַכטן? און דאָ הייבט ער אָן אָנרופן נעמען נאָך נעמען: מאַרשאַלן, גענעראַלן, הויכראַנגיקע אָפיצירן און אָפיצירן פון קלענערע ראַנגען, און אַזוי איין נאָמען נאָכן אַנדערן — אָבער צווישן זיי איז קיין איינציקער ייִדישער נאָמען. אָבער אַז עס זענען געווען הויכראַנגיקע ייִדישע מיליטער־לייט וואָס האָבן זיך געהאַט אויסגעצייכנט אין די שלאַכטן — גענעראַלן און אָפיצירן פון פאַרשידענע ראַנגען — דאָס האָבן מיר געוווּסט און מיט עטלעכע פון זיי זיך אפילו געטראָפן. יאָ, איין ייִדישן נאָמען האָט דער „פּראָפעסאָר" יאָ דערמאָנט, און דאָס איז געווען דער גענעראַל טשער־

ניכאָווסקי וואָס איז אומגעקומען אין „עפּעס טונקעלע אומשטענדן". וועגן דעם האָבן מיר אויך שוין פון פריער געהאַט געלייענט, אָבער אַ חוץ אים — קיין איינציקער ייִדישער נאָמען נישט, אַלע, אַלע פאַרשוווּנדן.

און מיר, די הונדערטער דאָרט צונויפגעפּרעסטע ייִדן, מלחמה־איני־וואַלידן, פּליטים, געוועזענע פאַרשפּאַרטע אין די תּפֿיסות, פאַרשיקטע אין די שקלאַפן־לאַגערן און על־פּי נס באַפרייטע, מיר ייִדן זענען געשטאַנען פאַרשעמטע, צעוויייטיקטע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. אונדזער פרייד איז שוין געווען צעשטערט. אַז עפּעס קומט פאַר קעגן כלערליי־ראַנגיקע ייִדישע מיליטער־לייט איז שוין דעמאָלט געהאַט דערגאַנגען צו אונדז (וואָס מיר האָבן אָבער באַין אופן נישט געקאָנט גלויבן), וואָס עס איז אָבער גע־ווען, דאָס האָבן מיר נישט געוווּסט. דאָס אָבער וואָס דער „פּראָפעסאָר" האָט איצט דערציילט, האָט נאָר באַשטעטיקט, אַז דאָס ביסל וואָס איז צו אונדז יאָ דערגאַנגען, איז שוין גאָרנישט געווען אָן אַ גרונט. און אַז דער „רעפערענט" האָט מיט קיין איינציקן וואָרט נישט דערמאָנט די פאַר־ניכטונג פון ייִדישן פאָלק דורך די דייטשע רוצחים, דאָס פאַרשפּאַר איך שוין צו דערציילן.

צום סוף האָט ער גענומען מאָלן, ווי אַזוי מען וועט נאָך דער מל־חמה באַשטראָפן די נאַצישע קריגס־פאַרברעכער. דאָ איז אָבער געשען אַזוינס, וואָס אפילו היינט, אַזוי פיל יאָרן שפּעטער, נאָך קיטשקאָ, נאָך מאַיאַצקי און נאָך די אַנטי־ישראלדיקע פּאָגראָם־קאַריקאַטורן און דעם „אַנטי־ציוניסטישן" (דאָס הייסט: ייִדן־פרעסערישן) משוגעת וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די קרעמל־הערשער, זייער ליטעראַטור, זייער פּרעסע און זייערע „געלערנטע", קאָן איך נאָך אַלץ נישט קומען צו זיך פון יענער בעסטיאַליש־שנאהדיקער אַרויסטרעטונג פון יענעם „פּראָפעסאָר" וואָס האָט געוואָגט צו זאָגן אַזוינס עפנטלעך פאַר אַזוי פיל טויזנטער צוהערער, און דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס האָט ממש געמאַכט אויפשוידערן אַזוי פיל הונדערטער ייִדישע צוהערער.

ווייל פאַרענדיקט זיין צוויי־שעהדיקע דרשה האָט דער כוליגאַ־נישער פּראָפעסאָר מיט „באַשטראָפן די קריגס־פאַרברעכער", און אָט הערט ווי אַזוי:

שמואל ג׳ 1 איז באַגאַנגען פאַרברעכנס אין גריכנלאַנד — דאָרט פאַרמשפּט מען פאַרברעכער צום טויט דורך זעצן אויפן פּלאָקן.

שמואל ג׳ 2 איז באַגאַנגען זיינע פאַרברעכנס אין פראַנקרייך — אים וועט מען אָפּהאַקן דעם קאָפּ אויף דער גיליאָטינע.

שמואל ג׳ 3 איז באַגאַנגען קריגס־פאַרברעכנס אין פּוילן — אים וועט מען אויפהענגען; און אַזוי אָן אַ סוף.

און שמואל ב׳ 4 וואָס איז באַגאַנגען זיינע קריגס־פאַרברעכנס איבער גאַנץ אייראָפּע, אים וועט מען זעצן אויפן פלאָקן אין גריכנלאַנד, שיסן אין מאָסקווע, אויפהענגען אין וואַרשע און אָראָפּהאַקן דעם קאָפּ אין פראַנקרייך.

די הונדערטער יִדן וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו דער דאָזיקער קאָליגאַנישער דרשה, איז דורכגעלאָפן אַ ציטער איבערן לייב. אויך וואַניר־שאַ האָט אויף דער „שמחה״ נישט געפעלט. זענען טאַקע באַלד זיינע קו־ליעס געוואָרן געלאָזט אין גאַנג, עס האָבן אויך נישט געפעלט די באַ־קאַנטע געשרייען: „מיר פאַרגיסן אונדזער בלוט אויף די פראָנטן און זיי (די יִדן) קויפן זיך מעדאַלן אויפן טאָלטשאָק״. די געשלעגן האָבן זיך אַזוי צעפלאַקערט, אַז עס האָט געדראָט, מען זאָל דאַרפן אַרויסרופן פּאָ־ליציייִשע פאַרשטאַרקונגען, כדי צו באַרויִקן דעם אינוואַלידן־עולם. ווען די מהומה האָט זיך אַ ביסל איינגעשטעלט, זיינען דריי יִדן אַוועק צום אַזוי גערופענעם פּראָפעסאָר און האָבן אים געפרעגט: „פון ווען אָן זענען עס די שמואלס קריגס־פאַרברעכער? ווען ביי איין שמואל פעלט אַ האַנט, ביים צווייטן אַ פוס, ביים דריטן פעלן די אויגן און צום פערטן שמואל האָט מען געמוזט צופּאַסן אַ מעטאַלענעם בויך, אַז די קישקעס זאָלן ביי אים נישט אַרויספאַלן — זענען זיי עס די מלחמה־פאַרברעכער, וואָס מען דאַרף זיי לויט אייך אָראָפּהאַקן דעם קאָפּ און זעצן אויפן פלאָקן?״

דער „לעקטאָר״ האָט דורכגעשפּיזט די דריי מיט זיינע אייגעלעך, לאַנג זיי אָנגעקוקט און צום סוף אַ פרעג געטאָן: „קאַק וואָס זאַוווּט?״ (ווי אַזוי רופט מען אייך). „אונדזערע נעמען — האָבן די יִדן געענטפערט — וועלן אייך גאָרנישט זאָגן, נאָר מיר זענען יִדן און ווי אַזעלכע האָבן מיר פון אַ סאָוויעטישן פּראָפעסאָר נישט דערוואַרט קיין אַנטיסעמיטישע רעדע, קיין אַנטי־יִדן־העצע. מיר ווערן אויסגעראָטן פון די נאַציס נאָר דערפאַר, ווייל מיר זענען יִדן און ווי אַזעלכע פירן מיר אַ פאַרביסענעם אַנטי־היטלערישן קאַמף — דעם זעלבן קאַמף וואָס עס פירט סאָוויעט־רוסלאַנד און צוזאַמען מיט די סאָוויעטישע פעלקער אויך מיר יִדן.״

„צי ווייסט איר נישט — פרעגט ער מיט אַ נישט־באַהאַלטענער שנאה — אַז אין סאָוויעטישן סאָיוז (ראַטן־פאַרבאַנד) טאָר מען נישט שטעלן קיין פראַגן?״

„און מיר האָבן געמיינט, אַז אַ ריכטיקע פראַגע מעג מען אפילו אין ראַטנפאַרבאַנד אויך שטעלן״, איז געווען דער יִדישער ענטפער.

און אין דער רגע זענען צוגעקומען עטלעכע יונגע יִדן און מיט כוח אַוועקגעשלעפּט די דריי אַנדערע פונעם „פּראָפעסאָר״. אַנדערש וואָלט

נישט געווען לאַנג געדויערט און זיי וואָלטן שוין אויף אַן אמת געווען זיך דערוווּסט, אַז אין סאָוויעט־רוסלאַנד מעג מען אַנרופֿן ייִדן קריגס־פּאַר־ברעכער, אָבער קיין פֿראַגן טאָר מען נישט שטעלן.

## די אוזבעקישע שרה בת טובים

ביי יעדן פֿאָלק אין וועלכן טייל פֿון דער וועלט עס זאָל זיך נישט זיין, געפֿינען זיך איינציקע מענטשן וואָס טיילן זיך אויס פֿון אַלע איבע־ריקע. אַ מאָל פֿאַלן זיי גאָר נידעריק וואָס נישט וועגן זיי וועלן מיר דאָ רעדן, און אַ מאָל דערהייבן זיי זיך צו דער העכסטער מדרגה, און צומאָל אפֿילו נאָך העכער. דאָס אַלץ איז געזאָגט, ווען מיר לעבן אין אַ פֿרייער וועלט, ווו דער מענטש האָט די ברירה אַליין זיך אויסצוקלויבן אויף וועלכן וועג, דעם גוטן אָדער דעם שלעכטן, ער וויל זיך לאָזן. באַזונדער איז דאָס גילטיק אין אַ צייט פֿון אַ וועלט־קאַטאַקליזם, בפרט אין אַזאַ לאַנד ווו רשעות האָט די אויבערהאַנט; אין אַ לאַנד ווו עס לעבן איבער צוויי הונדערט מיליאָן מענטשן אין אַ שרעקלעכער נויט, מענטשן פֿון שבעים לשונות וואָס פֿאַרשטייען אפֿילו נישט רעכט וואָס מען רעדט צו זיי — זיי מוזן לעבן, רעדן, טוען און מוזן גיין ווי אויף אַ שטריק. פֿון אַלע זייטן לויערן אויף זיי סכּנות, און ביי דער קלענסטער וואַקלעניש קאָנען זיי זיך אויסגליטשן און פֿאַלן אין שאול־התחתּיה. און דאָך געפֿינען זיך צווישן זיי יחידים וואָס די אַלע סכּנות שרעקן זיי נישט און זיי גייען זיך זייער גלייכן, זייער מענטשלעכן וועג. און איינע פֿון אָט אַזעלכע מענטשן איז געווען די מאַמאַשקאַ שאַריפֿאַ.

און אַ מאַמע איז זי געווען נישט בלויז פֿאַר איר צאָלרייכער און ברייט־פֿאַרצווייגטער משפּחה — די זין, טעכטער, איידעמס, שנורן און אייניקלעך, נאָר אויך פֿאַר די מענטשן פֿון די פֿינף און צוואַנציק נאַציעס, אַריינגעפּירטע פֿון אַלע ווינקעלעך פֿונעם גרויסן רוסלאַנד, און נישט נאָר פֿון רוסלאַנד אַליין. אין סיירעאַמער מקום, אַן ערך פֿינף און צוואַנציק קילאָמעטער פֿון דער גרויסער גובערניע־שטאָט טשימקענט, זענען צווישן די פֿאַרוואָגלטע אויך געווען ייִדן — ייִדן פֿון רוסלאַנד, פּוילן, ליטע, לעטלאַנד, רומעניע און גאַליציע. און אויך ייִדן פֿון בוכאַראַ.

ביי זיי אַלעמען, ביי יונג און אַלט, פֿרויען און מענער, איז די מאַמאַשקאַ שאַריפֿאַ געווען באַליבט, און דער עיקר ביי די קינדער. מע־נער פֿלעגן זי באַגריסן מיט „אַש סאַלים אַלייקים" (אונדזער שלום עליכם), פֿרויען ווידער מיט „אַמאַן מיסיס" און „יאַכשי מיסיס" (אַזאַ אונז־

בעקישער ברוך־הבא) און מיט נאָך אַן אַ שיער ווינטשעוואַניעס. שמייכ־לענדיקע קינדער האָבן זי באַגריסט מיט „יאַכשי מאַמאַשקאַ״ (גוטע מאַמע), אַ נאָמען וואָס זי האָט זיך כשר פאַרדינט, און פאַרדינט האָט זי אים דער־פאַר, ווייל זי האָט פון איר ליימענער כאַטקע נישט אַרויסגעלאָזט קיין איין הונגעריקן (און ווער איז דען דעמאָלט נישט געווען הונגעריק?) מיט ליידיקע הענט: מיט אַ פּאָר קאַרטאָפל, אַ ביסל מילך, אַ ליעפּיאָשקע (אַן אוזבעקיש ברויט), אַ ביסל געקאָכט עסן. אַ גוטע מאַמע איז זי געווען פאַר די אַלע אַהער פאַרוואָגלטע הונגעריקע קינדער; זי האָט אָבער אויך אין די עלטערע מענטשן נישט פאַרגעסן.

ווער איז זי געווען די דאָזיקע מערקווירדיקע פרוי וואָס ייִדן האָבן זי גערופן די אוזבעקישע שרה בת־טובים?

געשטאַמט האָט די מאַמאַשקאַ שאַריפאַ פון אַ זינט דורות קעמפע־רישער משפּחה. שוין איר זיידע איז געוואָרן פאַרשמיסן אין קאַמף פאַר פרייהייט אין די צייטן פון לייב־קנעכטשאַפט; און איר טאַטע האָט גע־לעבט אין דער צייט, ווען פריצישע פּאַלאַצן זענען געוואָרן פאַרוואַנדלט אין רויטע הענער. און אין איינער אַ נאַכט האָבן זיך באַוויזן אין זייער הויז צאַרישע זשאַנדאַרמען און מיטגענומען מיט זיך זייער טאַטן — און מער האָבן זיי אים שוין קיינמאָל נישט געזען.

שאַריפאַ איז געוואַקסן ווי אַ שיינע בלום און צו דער חופּה האָט מען זי געפירט זייער יונג — זי איז אַלט געווען צוועלף אָדער דרייצן יאָר, ווי דאָס איז דער מנהג ביי יענע פעלקער. ס׳איז געקומען אַ יונג, הויך ווי אַ סאָסנע — געהייסן האָט ער אַכמאַטאַוו. ער האָט געהאַט אַ צעפלאָשעטע טשופּרינע, שוואַרצע אויגן ווי ביי אַן אָדלער, און ער האָט געוווינען דאָס האַרץ פון שאַריפאַן. וויפל שעפּסן אַכמאַטאַווס טאַטע האָט באַצאָלט פאַר מאַמאַשקאַ שאַריפאַ, האָבן נאָר חתן־כלהס טאַטעס געוווסט. און אין איינער אַ נאַכט איז געקומען אַכמאַטאַוו און דורכן פענצטער (אַזוי ווי דאָס איז געווען פריער אָפּגעשמועסט) האָט ער „אַרויסגע־גנבעט״ שאַריפאַן פון איר טאַטנס הויז, און נאָך זיבן טעג צוזאַמענזיין מיט איר באַשערטן און נישט האָבנדיק באַקומען חרטה, האָט מען געפּראַ־וועט דעם גרויסן טאָי (יום־טוב), ווי דאָס פּאַסט זיך פאַר חשובע שטאָט־באַלעבאַטים; פאַרבעטן זענען געווען די פּני־העיר און די שמחה האָט געדויערט נייע זיבן טעג. און אַזוי איז די צוועלף־ אָדער דרייצן־יאָריקע שאַריפאַ געוואָרן דאָס ווייב פון דעם יונגן אָדלער אַכמאַטאַוו.

וואָלט דאָך אַלץ געווען גוט — דאָס יונגע פּאָרפאָלק האָט געלעבט גליקלעך און זיי האָבן זיך אפילו ליב געהאַט. די פּאַראַנזשע וואָס מאַכ־מעדאַנישע פרויען זענען מחויב לויט זייער מנהג צו טראָגן פאַרן פּנים,

כדי אַנדערע מענער זאָלן אויף איר נישט קוקן, האָט מאַמאַשקאַ שאַריפּאַ נישט געטראָגן: אַכמאַטאָוו איז געווען זיכער, אַז זיין שאַריפּאַ וועט אים נישט פאַרראַטן. איין חסרון איז אָבער יאָ געווען און דאָס איז געווען, וואָס אויך אַכמאַטאָוו האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער קעמפערישער משפחה און די קעמפערישקייט איז אַריבערגעגאַנגען פון דור צו דור ביז צו אַכמאַטאָוון.

ווען אין יאָר 1917 האָט דער צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער געמוזט אַראָפּ פון זיין טראָן און זיין אָרט האָט פאַרנומען דער פירער פון די טרודאָוויקעס קערענסקי, האָבן זיך אָנגעהויבן די פרילינג־חדשים פאַר די רוסישע פעלקער און דאָס אויך פאַרן אוזבעקישן לאַנד וואָס מען האָט געקאָנט אַן גוזמא אָנרופן דאָס לאַנד פון ברויט, פלייש און וויין. נישט לאַנג האָט אָבער געדויערט די פרייד: באַלד איז געקומען די באָלשעוויסטישע קאָנטער־רעוואָלוציע וואָס האָט מכתחילה געהאָט צוגעזאָגט שלום, ערד און פרייהייט פאַר אַלע פעלקער „אפילו ביז צום אָפּרייסן זיך פון רוסלאַנד". אָבער גיך האָבן די פעלקער דערזען, ווי שענדלעך זיי זענען געוואָרן אָפּגענאַרט, און ווען זיי האָבן זיך געכאַפּט צום געווער, איז שוין געווען צו שפּעט.

דריי יאָר האָט געדויערט דער בירגער־קריג אין אָט די לענדער. אין יאָר 1922 איז אַכמאַטאָוו געפאַלן ביי די בודיאָנישע שחיטות, וואָס האָבן מיט זייער אכזריות נישט געהאַט קיין גלייכן צו זיך אין קיין שום טייל פון דער וועלט (אויסער שפּעטער די היטלעריסטישע). מיט אַ יאָר שפּעטער האָבן די בודיאָנישע שוחטים געזיגט. ווען איך בין מיט פינף און צוואָנציק יאָר שפּעטער אָנגעקומען קיין סייראַם, איז דער נאָמען בודיאָני געבליבן אַזוי פאַרהאַסט ביי דער גאַנצער אַזיאַטישער באַפעלקערונג, אַז אויב מען האָט נאָר געקאָנט טרעפן סטאַלינס אַ בילד ערגעץ־ווו אין די סאָוויעטישע קרעמלעך און אין די סאָוויעטישע אינסטיטוציעס, אַזוי האָט מען בודיאָניס אַ בילד קיינמאָל און אין ערגעץ נישט געקאָנט געפינען, און וואָלט דאָס עמעצער יאָ געוואָגט צו טאָן און האַלטן ביי זיך אין שטוב בודיאָניס בילד, אַזוי וואָלט דאָס באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אמתער פאָלקס־פאַרראַט און אַזאַ איינער וואָלט איבער נאַכט פאַרשווונדן.

דאָס איז אָבער נאָך נישט געווען אַלץ: אויך די נקמה נאָך בודיאָניס זיג איז געווען גרויזאַם — ביז צו דער מלחמה מיט די היטלער־דייטשן אין יאָר 1941 זענען די באַזיגטע אַזיאַטישע פעלקער געוואָרן געהאַלטן אין אַ צושטאַנד פון צווייט־ און דריט־ראַנגיקע בירגער: זיי האָט מען נישט גענומען צום מיליטער, זיי האָבן נישט באַקומען קיין פּאַספּאָרטן, און די, וואָס זענען אין דער צייט פון דער מלחמה געווען אין רוסלאַנד,

ווייסן, אַז אַ הונט האָט געהאַט מער ווערט ווי אַ מענטש דאָרט אָן אַ פּאַספּאָרט. און ווער געדענקט נישט סטאַלינס באַרימט געוואָרן זידל־וואָרט: „פּאַספּאָרטלאָזע בראָדיאַגע״?

וואָס האָט אָבער געטאָן אַזאַ איינער וואָס האָט פּאַרט געמוזט גיין פון איין קאָלכאָז אין צווייטן אָדער אין אַ ראַיאָן? כדי עפּעס צו דערלייַדיקן, האָט ער געמוזט באַקומען אַ דערלויבעניש פון סעלסקי־סאָוויעט, דאָס הייסט: דאָרפסראַט, וואָס איז באַשטאַנען פון איין באַשטימטן מענטש. דערנאָך האָט ער די דערלויבעניש (ספּראַווקאַ) געמוזט באַשטעטיקן פון דער נ. ק. וו. ד., און נאָך דעם, אַז ער איז עמעצן נישט געפעלן, האָט אים געמוזט פירן אַ שומר אַהין און צוריק, ביז ער האָט אים געדאַרפט צושטעלן אין מיליץ.

ווי שוין פריער געזאָגט, האָט מען זיי אין די קרוב צוואָנציק יאָר אויך נישט גענומען צום מיליטער, און דאָס אויס מורא זיי צו געבן געווער אין די הענט אַריין. ערשט די שרעקלעכע מפּלות אויף די מלחמה־פראָנטן קעגן די דייטשן האָבן געצווונגען די סאָוויעטישע רעגירונג צו נעמען צום מיליטער־דינסט די יונגע, מיליטער־פעיִקע אַזיאַטישע מענער. אָבער ווייל זיי זענען במשך פון צוואָנציק יאָר נישט געוואָרן מיליטעריש געשולט, האָט מען זיי געשיקט ווי בהמות צו דער שחיטה, און עס האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט און עס האָבן אָנגעהויבן צוריקצוקומען מאַסנווייז די וואָס מען האָט זיי ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק געשיקט אויף די פראָנטן אָן הענט און אָן פיס. און פון נאָך אַנדערע זענען געקומען בלויז אַמטלעכע מעלדונגען, אַז פּלוני בן־פּלוני איז געפאַלן העלדיש פאַרן סאָוויעטישן פאַטערלאַנד, פאַר אַט דעם פאַטערלאַנד וואָס האָט זיי געהאַלטן נידעריקער פון הינט.

דאָס יאָר 1943 איז געווען דאָס שווערסטע הונגער־יאָר פון אַלע פריערדיקע און שפּעטערדיקע יאָרן. נישט לאַנג צוריק בין איך געהאַט געקומען פונעם לאַגער אַ פאַרהונגערטער, אַ קראַנקער, באַדעקט מיט צרעת פון די ווערעם אין לאַגער. די דעלעגאַטורן וואָס זענען געווען אָרגאַניזירט דורך דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג פון גענעראַל שיקאָרסקי און וואָס אַ דאַנק איר זענען מיר אַרויס פון די לאַגערן, זענען דעמאָלט שוין געווען ליקווידירט. מיך האָט מען אָפּגעשיקט אין סייראַם־קאָלכאָז, אין דעם מקום ווו עס האָט געוווינט די מאַמאַשקאַ שאַריפּאַ. דאָ האָב איך אָפּגעאַרבעט כמעט אַ יאָר, קיין שטיקל ברויט פאַר די אויגן נישט געזען, אַראָפּפאַרקויפט פון זיך אַלץ. ביז... ביז איך האָב שוין מער נישט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן, אָבער לעבן ווילט זיך דאָך! איז דאָס איינציקע מיטל זיך צו ראַטעווען דאָס נאַקעטע לעבן, געווען צו אַנטלויפן פונעם קאָלכאָז. אָבער וווהין לויפן? און אַט אַ קוריאָז: נאָך אַ יאָר אַרבעט

אין קאַלכאַז וואָס האָט אויסער אַ סך גוטע צוזאָגן ככמעט גאָרנישט גע־געבן, בין איך זיי נאָך געבליבן אַ בעל־חוב פון צוויי און צוואַנציק מיט אַ האַלבן רובל! זייערע אָבליגאַציעס וואָס יעדער אַרבעטער איז געווען מחויב אויסצוקויפן, כדי זיך צו פאַרזיכערן אויף די „עלטערע יאָרן", ווילן זיי איצט פאַרן חוב נישט אָפּנעמען, נאָר דאָלאַרן, אַמעריקאַנער דאָ־לאַרן גיב זיי!

אַנטלויפנדיק פון דער קאָלכאָזנער אַרבעט, האָב איך אָנגעהויבן צו זוכן אַנדערע אַרבעטן וואָס זאָלן מיך ווי ס'איז דערהאַלטן ביים לעבן. איז וואָס־זשע האָב איך דאָ אַלץ נישט געטאָן? געקנעטן ליים, פון דעם גע־מאַכט ציגל און פון זיי געבויט כאַטקעס וואָס האָבן אפילו דעם ערשטן שוואַכן ווינט נישט אויסגעהאַלטן; געקאַלכט אוזבעקישע ליים־שטיבלעך — קיין עסן אָבער פון די אַלע אַרבעטן האָט מען נישט געקאָנט האָבן. האָב איך אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויף די שטיקלעך גאָרטן־ערד וואָס אויף זיי האָבן די אַזיאַטישע פעלקער געהאָט אַ רעכט לויטן סאָוויעטישן געזעץ. ביי דער אַרבעט האָב איך אפילו יאָ באַקומען צו ביסלעך עסן, אָבער נאָר געגנוג אויף נישט צו שטאַרבן. ווי שלעכט אָבער ס'איז נישט געווען ביי דער ערד־אַרבעט וואָס פאַרן ביסל עסן האָב איך געמוזט אַרבעטן פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג, איז עס נאָך אַלץ געווען בעסער ווי די בחומר־ובלבנימדיקע אַרבעט. אָבער אַלץ האָט אַ סוף און איך בין ווייטער געבליבן אָן אַרבעט.

און וואָס טוט מען ווייטער? האָט מען מיך ווידער גענומען צו אַ גראָב־אַרבעט. שטיי איך אַזוי מיטן גראָבאייזן אין די הענט און באַ־טראַכט מיין טרויעריקע לאַגע. ווייטער גראָבן בין איך נישט בכוח, אָוועק־וואַרפן דאָס גראָבאייזן קאָן איך אויך נישט, און פאַר די אויגן פליען פייערדיקע רעדער, פונעם הימל טראָגט זיך אַ גיהנומדיק פייער. איך בין אויסגעווייקט פון שוויס נישט נאָר פון די פייערפלאַמען, נאָר אויך פון שוואַכקייט — און גראָד אין דער מינוט שטעלט זיך צו אָן עלטערע אוז־בעקישע פרוי מיט אַ קלוג פּנים און מיט אַ קאָפּ דורכגעוואָרפן מיט אַ וואַלד געזילבערטע האָר און מיט אויגן וואָס שטראַלן מיט מענטשלעכער גוטסקייט. צי האָט זי געזען, אַז דאָס איז נישט מיין אַרבעטס־פאַך? און מיטאַמאָל טוט זי אַ זאָג: „העי, באַלאַ (דו, יינגל), גאָרטן־אַרבעט קאָנסטו עפּעס מאַכן?" — „יאָ, מאַמאַשקאַ, אַלץ קאָן איך שוין היינט מאַכן", האָב איך אויסגערופן מיט גרויס פרייד. „אויב אַזוי, זאָגט זי ווי־טער, איז וואָס שטייסטו און גראָבסט? עפּעס אַנדערש ווי אַ קבר פאַר דיר ועסטו נישט אויסגראָבן." — „איז וואָס־זשע, מאַמאַשקאַ, זאָל איך טאָן, אַז קיין אַרבעט האָב איך נישט? גערעכט אָבער ביסטו און לאַנג אויסהאַלטן וועל איך שוין סיי ווי נישט, אַז קיין שטיקל ברויט איז אויך

ביי אַט דער אַרבעט נישטאָ." — "איז וואַרף דאָס גראַבאײַזן אַוועק און קום מיט מיר — זאָגט די פרוי — און איך וועל דיר געבן אַן אַרבעט, און וואָס אָפּצועסן וועסטו אויך ביי מיר האָבן, און אויך די אַרבעט ביי מיר וועט נישט זיין אַזוי שווער ווי אַט די אַרבעט דאָ".

פאַרשטייט זיך, איך האָב נישט לאַנג זיך געלאָזט בעטן, דאָס גראַב־אייזן איז מיר פּשוט אַרויסגעפאַלן פון די הענט. איך בין מיטגעגאַנגען מיט דער דאַזיקער זעלטענער פרוי מיטן אַריסטאָקראַטישן שטעל, מיט צער פון די מענטשלעכעליידן אין אירע אויגן, און דאָס ערשטע האָט זי צו מיר אַ זאָג געטאָן: "סעדיס !" (זעץ זיך !). און באַלד האָט אויפן נידעריקן פּירפּיסיקן אוזבעקישן טישל זיך באַוויזן אַ מאַלצייט, וואָס אַזאַ האָב איך שוין יאָרן־לאַנג נישט געהאַט געזען און וואָס האָט צוריק אין מיר אַריינגעבראַכט אַ נייעם רוח־החיים. אָפּגעגעסן און אַ ביסל געקומען צו זיך, זאָגט זי צו מיר, מאַמאַשקאַ שאַריפאַ: "היינט וועסטו שוין רוען, דערפאַר אָבער מאָרגן גאַנץ פרי וועלן מיר אַלע זיך שוין נעמען צו דער אַרבעט." און אַזוי ווי דאָס איז געווען אַ גענוג גרויסע משפחה, איז דאָ געווען אַ היפּש ביסל גאָרטן־ און פעלד־אַרבעט. אָפּגעטאָן איין אַרבעט, האָט מען זיך באַלד גענומען צו אַן אַנדערער און אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן טעג, וואָכן און אפילו חדשים, וואָרעם טאָן אַן אַרבעט האָט מיך נישט נאָר געשפּייזט, נאָר זי האָט מיר אויך געמאַכט אַ סך פאַרגעניגן, און צום גרעסטן טייל האָט מען זי געמוזט טאָן אין די נעכט, אויס מורא פאַר אַ פּאָליצייִשן עין־הרע.

בדרך־כלל איז אין קאַזאַכסטאַן (אַזוי ווי אין אַלע אַזיאַטישע לענדער) ניין חדשים אין יאָר וואַרעם, און עס זענען אפילו פאַראַן חדשים וואָס פון 12 אַ זייגער ביז 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג טאָר מען נישט אַרויסגיין צו פעלדאַרבעט, אַזוי הייס איז עס דעמאָלט. זענען אָבער דאָ דריי חדשים ווינטער וואָס גיבן אָפּ די פרעסט־ און שניי־שטורעמס נאָך מיט אַן עודף. און אין אַט אַזאַ צייט בין איך אין איינעם אַן אָוונט געקומען צו מיין אַזוי געררופענער היים און געטראָפן ליגן ליימיקע חורבות. דער שניי וואָס פאַלט דעמאָלט, איז נישט קיין שניי, נאָר דאָס זענען שטיקער אייז און יעדעס שטיק אייז וואָס טרעפט, מאַכט אַ ברענענדיקע וווּנד. זאָל איך די נאַכט בלייבן אין דרויסן, בין איך אַ פאַרמשפּטער. אַריינצוגיין האָב איך נישט ווו. ס'איז שפּעט אין דער נאַכט.

אין אַט דער לאַגע האָב איך זיך אַנטשלאָסן צו אַ זאַך, וואָס פריער וואָלט איך געווען קיינמאָל נישט געוואָגט: אַנצוקלאַפּן אין אַ הויז פון בלויז אוזבעקישע פרויען און נאָך דערצו אין מיטן דער נאַכט. נאָר דער לעבנס־אינסטינקט צווינגט צו טאָן זאַכן וואָס אין אַ נאָרמאַלער

צייט וואלט אזוינס געווען אוממעגלעך. איך האב זיך מיטאמאל דערזעןביים טויער פון דער מאמאשקא שאריפא, ווי אין חלום האב איך דערהערט דריי גלאקן־קלעפּ, און באלד האט זיך דערהערט דער מאמאשקאס קול: „ווער איז דאס דארט אזוי שפּעט ביינאכט?" — „איך, מאמאשקא, קאלמאן (דאס איז דארט געווען מיין נאמען), עפּנט, איך האב נישט היינט ווו צו שלאפן!" עס האט נישט לאנג געדויערט און עס זענען ארויסגעקומען מאמאשקא שאריפא מיט א שנור. „וואס איז געשען, קאלמאן?" — איך, א פארפרוירענער, קאן קיין ווארט נישט ארויסברענגען, פון מיינע אויגן האט א פלייץ געטאן א קוואל מיט טרערן — בין איך דאך אויך אמאל געווען א מענטש מיט א היים, געהאט וואס צו זאגן אין יידישן ארבעטער־לעבן, היינט איז פון מיר געווארן א שלעפּער, און אזוי פיל סכנות שוין איבערגעטראגן; וויפל פּייערן נאך קאן דאס א מענטש און דערצו נאך אן אפּגעשוואכטער אדורכגיין און נישט ווערן פארברענט?

און ווידער איז געשען א נס: די צוויי פרויען האבן מיך אריינגענומען אין זייער ליימענעם „פּאלאץ". פונעם אטשאג (א פּרימיטיוו אויסגעבויט קיילעכדיק לאך אין דער פּאדלאגע און וואס האט געדינט פאר א קיך) האט זיך באוויזן א שיסל מיט הייס עסן וואס האט געדארפט זיין זייער מארגנדיק מיטאג־עסן — און דאס האט מיך ווידער לעבעדיק געמאכט. און נאך דעם האט מען מיך אריינגעפירט אין אווארעמער שטוב, מיך צוגעדעקט מיט א ווארעמער וואטענער קאלדרע און אזוי בין איך אפּגעשלאפן ביז דעם אנדערן טאג פארנאכט, און ביז די מאמאשקא שאריפא האט מיך אויפגעוועקט מיט א שמייכל: „קאלמאן, שטיי אויף, וועסט דאך נאך שטארבן שלאפנדיק!"

אין איינעם א טאג, ווען מיין מאמאשקא איז געווען אליין, האב איך זי געפרעגט: „מאמאשקא, זאג מיר, צי ווייסטו, אז איך בין א ייד? און פאר וואס ביסטו אזוי גוט צו מיר?" — יא, אז איך בין א ייד, דאס ווייסט זי, (די רוסישע האבן עס איר איר געזאגט); „פארשטייסטו, זאגט זי צו מיר, מיינע דריי זין זענען אויף די פראנטן; קאן דאך אמאל זיין, אז איינער פון זיי זאל אין „פּאלשע" (פּוילן) גראד דארפן נעכטיקן און אפשר אויך עפּעס אפּעסן ביי יידן. און אזוי טאקע מוזן מענטשן שטענדיק מיטן גורל זיך טוישן: איך העלף א ייד דא, און דארט העלפט א ייד מיינעם א זון. האסט פארשטאנען?"

גייט נישט אוועק קיין צוויי חדשים און עס שטעלט זיך אריין איינער פון אירע דריי זין, שוין א שווער פארוואונדעטער. אפּגעפרייט זיך מיט דער מאמען, מיט די קינדער און מיט זיין מארדזשא (זיין ווייב),

פרעגט ער, ווייזנדיק אויף מיר: „ווער איז דער? — „ער איז א ייִד פון פאַלשע, געקומען פונעם לאַגער" — זאָגט מען אים; „ער העלפט אונדז ביי דער פעלדאַרבעט". אין דער מינוט פאַלט ער מיר אויפן האַלדז און כאַפּט זיך מיך קושן — און דאָס קושן האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע מינוטן.

וואָס איז דאָ מיט אים געשען? געשען איז מיט אים אָט וואָס: „אין איינער פון די פוילישע פראָנט־שטעט — דערציילט ער — האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ מענטש ביי דער האַנט און האָט צו מיר אַ געשריי געטאָן: „שנעל! קום זיך באַהאַלטן, וואָרעם די געדמאַנצעס זענען דאָ און קוים כאַפּן זיי דיך, וועלן זיי דיך דערשיסן אויפן אָרט, אַזוי ווי זיי טוען עס מיט אַלע סאָוויעטישע געפאַנגענע. און געווען איז דאָס אַ וואַלד־ייִד, וואָס האָט מיך באַהאַלטן דריי גאַנצע מעת־לעת, ביז עס איז אָנגעקומען אַ סאָוויעטישע מיליטער־אָפּטיילונג וואָס האָט מיך מיטגענומען מיט זיך."

„און וואָס איז געוואָרן מיטן ייִד?" האָט זיין מאַמע אים געפרעגט.

„דעם ייִד האָבן די סאָוויעטישע זעלנער נישט געוואָלט מיטנעמען, ער איז, האָבן זיי געזאָגט, אַ יעוורעי און אַזאַ איינעם דאַרפן זיי מיט זיך נישט האָבן" — און מער האָט ער וועגן דעם ייִד גאָרנישט געוווסט צו זאָגן.

„און ווען איז דאָס געווען?" האָט די מאַמאַשקאַ ווייטער געפרעגט. איר זון האָט אָנגעהויבן ציילן אויף די פינגער. און ווען דער יונג האָט זיך געהאַט אויסגערעכנט האָט זיך באַקומען, אַז דאָס איז געווען אין דער זעלבער צייט, ווען זיין מאַמע האָט געראַטעוועט אַן אַנדערן ייִד — און דאָס בין איך עס געווען.

אין דער דאָזיקער אוזבעקישער שטוב בין איך געוואָרן ווי איינער פון דער משפחה, און זייער מאַמאַשקאַ האָט געגלויבט באמונה־שלימה, אַז האָבנדיק מיך ביי זיך אין הויז, וועלן די אַנדערע זין אויך צוריק אַהיימקומען בשלום. צי איז איר חלום מקוים געוואָרן, ווייס איך שוין נישט, ווייל אין דער צווישן־צייט זענען פאָרגעקומען צוויי וויכטיקע געשענישן:

ביי דער מאַמאַשקאַ איז קראַנק געוואָרן אַן אייניקל, מסתמא פון אַ יאָר פינף, און אַלע מיינע בקשות, זיי זאָלן אַרויספירן אַ דאָקטער, האָבן נישט געהאָלפן. „וועט אַללאַ וועלן, וועט דאָס קינד ווערן געזונט — האָבן זיי געטענהט, וועט עס נישט ווערן געזונט, איז אַ סימן, אַז אַללאַ וויל נישט" — און אַללאַ האָט , זעט אויס, טאַקע נישט געוואָלט.

און דאָס צווייטע געשעעניש איז געווען, אַז עס האָט זיך אָנגע־הויבן די רעפאַטריאַציע פון די פוילישע בירגער צוריק קיין פוילן. און די

איינציקע לאַגער־פּאָטאָגראַפֿיע וואָס איך האָב געהאַט, האָב איך געמוזט געבן דער מאַמאַשקאַ פֿאַר אַן אָנדענק.

און אַזוי האָבן מיר זיך צעקושט מיט דער מאַמאַשקאַ שאַריפֿאַ וואָס איז מיר דורך לאַנגע חדשים געווען אַן אמתע מאַמע און וואָס האָט אויף שטענדיק זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון מיטן נאָמען וויאַזוי ייִדן האָבן זי גערופֿן:

די אוזבעקישע שרה בת־טובים.

## א קאפיטל אוזבעקיש-קאזאכיש שטייגער-לעבן

אין די יאָרן 1961—62 האָבן אין דער ייִדישער פּרעסע פֿון דער וועלט זיך באַוויזן די אַלאַרמירנדיקע ידיעות אַז אין קאַזאַכסטאַן איז פֿאָרגעקומען אַזש 11 פּאָגראָמען אויף ייִדן און עס זאָל אויך האָבן צע־שטערט געוואָרן אַ סינאַגאָגע. אַז איך האָב דאָס איבערגעלייענט, האָב איך נישט געוואָלט גלייבן מיינע אויגן: אין קאַזאַכסטאַן־אוזבעקיסטאַן פּאָגראָמען אויף ייִדן? נישט אַנדערש, נאָר דאָס איז ביידזווילליקער און אויסגעטראַכטער בלבול, וואָרעם פֿון וואַנען ווייסן זיי וועגן פּאָגראָמען אויף ייִדן! און נאָך מער אויסטערליש האָבן געקלונגען די דאָזיקע געשיכטעס ווען גראַד מאָסקווע האָט געהאַלטן פֿאַר נויטיק וועגן דעם צו דערציילן פֿאַר דער וועלט.

וואָרעם יאָרן־לאַנג זענען מיר דאָך געווען מיט זיי צוזאַמען. מיט די אַזיאַטישע פֿאָלקס־מענטשן האָבן מיר דאָך צוזאַמען געוווינט אין די אָרעמע ליימיקע כאַטקעס, צוזאַמען האָבן מיר געהונגערט, און צוזאַמען זענען מיר אויסגעגאַנגען נאָך אַן עוקץ זאַלץ, נאָך אַ ביסעלע טרוקענע טיי, וואָס אָן דעם קאָנען אַזיאַטישע מענטשן נישט לעבן אפילו קיין איין טאָג, פּונקט אַזוי ווי פּראַנצויזן קאָנען נישט לעבן אָן אַ פֿלעשל רויטוויין. מיר זענען צוזאַמען אויסגעגאַנגען נאָך אַ ברעקעלע זייף, און ייִדן האָבן זיי געלערנט ווי אַזוי מען קאָן אויסוואַשן אַ העמד מיט אַש און עס זאָל פּונדסטוועגן אויך זיין ריין...

ייִדן האָבן זיי געלערנט ווי אַזוי מ׳קאָן פֿון געטריקנטע עפּל מאַכן טיי (פּרוכט־טשיי). ייִדן מיטן כאַרקאָווער ייִד עלקין בראש זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן דאָרט אויפֿגעשטעלט אַ מעכאַנישע בע־קעריי און געלערנט ווי אַזוי פֿון פּשוט מעל אויסצובאַקן דאָס ברויט און עסן ווי אין דער גאַנצער אייראָפּעיִשער וועלט, וואָרעם ביז דעמאָלט,

האָבן זיי, זינט זיי זענען געבוירן געוואָרן ווי אַ פּאָלק, געגעסן לעפּיאָש־קעס, (אַזעלכע גראָבע פּלעצ), וואָס זיי האָבן געבאַקן אין אַ פּרימיטיוון לאָך, ביי זיך אין דער קיביטקע, ווו דער רויך פלעגט אַרויסגיין צום הימל.

ייִדן האָבן דאָרט אויסגעבויט די גאַנצע קליין־אינדוסטריע, ווי שניי־דעריי, שוסטעריי, רימעריי, סטאָלעריי. אַלץ, אַלץ, אפילו די פּרימיטיווע וועבשטולן אויף וואָס מען האָט אויסגעאַרבעט די ביינוול־שטאָפן, פון וואָס די פעלקער פון קאַזאַכסטאַן, אוזבעקיסטאַן, טאַדזשיקיסטאַן, א. א. סטאַנעס האָבן פריער קיין אַנונג נישט געהאַט. מ׳קאָן זאָגן אָן גוזמא אַז וואָלטן ייִדן פון מזרח־אייראָפּע נישט געווען אין מלחמה־צייט אַלס פּליטים אין מיטל־אַזיע, וואָלט די אַרטיקע באַפעלקערונג געווען אויס־געשטעלט צו זיין נאַקעט און באָרוועס. פאַר די זומער־חדשים האָט מען פאַר זיי פון פּשוטע שמאַטעס געמאַכט טאַפּקעס (שטעקשיך בלע״ז). איז דאָך אָבער אין די ווינטער־חדשים אפילו פאַרן וואַרעמען דרומדיקן אַזיע פאַרט געווען צו קאַלט, האָבן ייִדן אויסגעטראַכט אַ שפּאָגל־נייע אינדוסטריע: מ׳האָט פון די זעלבע שמאַטעס אויסגעשטעפּט מיט וואַ־טע און געמאַכט ווויליקעס. וואָרעם איז דערפון געווען גענוג, האָבן זיי אָבער געהאַט איין גרויסן חסרון, וואָס צו אַזעלכע „ווויליקעס" האָט מען געמוזט האָבן קאַלאָשן, איז גיי פאָלג מיך אַ גאַנג און קריג קאַ־לאָשן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, בפרט אין מלחמה־צייט, און בפרט אין קאַזאַכסטאַן...

צו באַקומען דעמאָלט אַ פּאָר קאַלאָשן האָט מען געדאַרפט האָבן קורחס אוצרות און דאָס האָבן געהאַט נאָר אייניציקע. האָבן ייִדן אויס־געפונען אַ נייעם מין קאַלאָשן, געמאַכט פון אַלטע אָפּאַנעס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי טרעפּעס, אָבער טרוקן אין די פיס איז פון דעם פאָרט געווען. יעדעס דאָרף האָט געציילט עטלעכע קאַלכאָזן. עטלעכע דער־פער האָבן געבילדעט אַ ראַיאָן, צום מאַנקענטער ראַיאָן האָבן געהערט 9 קאַלכאָזן, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אמתן קאַליידאָסקאָפּ פון פעלקער. קאַרעער, יאַפּאַנער, כינעזער, איראַנער, קאַראַטשייצעס, טשי־טשענצעס, פּאָליאַקן, רוסן, אוקראַינער, טערקן, און ייִדן, ייִדן פון רוס־לאַנד, פּוילן, רומעניע, גאַליציע, פון די באַלטישע לענדער און צום סוף די אייגנטלעכע באַלעבאַטים פון לאַנד — די אוזבעקן און קאַזאַכן. די לעצטע האָבן דורך זייער אויפפירונג, הלבשה און לעבנס־שטייגער מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ טיפּ מענטש, וואָס איז פאַר אייראָפּעיִשע מענטשן ביז איצט אינגאַנצן נישט געווען באַקאַנט.

קודם־כל דאָס צוזאַמענלעבן פון די צוויי נאָענטע שכנים אוזבעקן און קאַזאַכן. עס זענען געווען אין אוזבעקיסטאַן ווו קאַזאַכן זענען געווען אַ מערהייט און פאַרקערט זענען געווען געגנטן אין קאַזאַכסטאַן ווו אוזבעקן

זענען געווען אַ מערהייט (אין אַזאַ געגנט האָבן מ'יר עס געוווינט). אָבער די באַציִונגען פון אָט די צוויי פעלקער באַלעבאַטים פון די צוויי לענדער זענען געווען אַזעלכע ווי פון די אַנטיסעמיטישע פּאַליאַקן אין אַמאָליקן פּוילן און ייִדן; זיי האָבן זיך שרעקלעך פיינט געהאַט, און אפשר האָט זיך עס אויך געגומען פון אייפערזוכטס־געפילן, וואָרעם די אוזבעקן, מע־נער און פרויען, האָבן געשמט מיט זייער שיינקייט, וואָס די נאַטור האָט זיי געשאָנקען, דאַקעגן די קאַזאַכישע מענער און פרויען זענען מיט אָט דער שיינקייטס־ברכה נישט געווען באַשאָנקען, אויסנאַמען זע־נען געווען צווישןביידע פעלקער.

די אוזבעקן האָבן אַ סך ענלעכקייטן צו ייִדן. 90 פּראָצענט פונעם עלטערן דור טראָגן בערד. איך האָב צווישן זיי געטראָפן אַזעלכע פּאַטריי־אַרכאַלישע זקנים וואָס האָבן מיט זייערע הדרת־פּנימדיקע בערד אויסגע־זען ווי אמתע גאונים, כאָטש נעם און זעץ זיך מיט זיי אָוועק לערנען קבלה... מ'האָט אויך געקאָנט טרעפן צווישן זיי אַזעלכע וואָס האָבן מיט זייי־ערע קאָפּעלעך אויסגעזען ווי כלערליי שמשים פון פאַרשידענע ייִדישע שטעט אין אַמאָליקן פּוילן.

מאָסן פון זיי, פרויען ווי מענער, טראָגן ביבלישע נעמען. איר וועט צווישן עלטערן דור אוזבעקן, כמעט נישט טרעפן אַזאַ, וואָס זאָל זיין ביבלישן נאָמען פאַרטוישן אויף אַ רוסישן נאָמען; אויב יאָ, איז דאָס נאָר פונעם יונגערן דור, וואָס איז שוין מער נוטה זיך צו אַסיי־מילירן. סיבות זענען שוין דאָ פאַראַן פאַרשידענע, וואָס איך וועל זיי דאָ נישט אויסרעכענען. און אויך קיין אייגציקן אוזבעק פון על־טערן דור וועט איר נישט באַגעגענען אין בלויזן קאָפּ; יעדער פון זיי טראָגט אויפן קאָפּ זומער און ווינטער אַ יאַרמלקע. ביי זיי הייסט עס אַ טיביטעיקע. און אויף דער טיביטעיקע ערשט אַ שטריימל. איך האָב נישט איין מאָל געזען ביי אונדזערע חסידישע רביים פונקט אַזעלכע שפּיציקע שטריימלעך. די יאַרמלקעס זייערע זיינען, דאַקעגן, אינגאַנצן נישט ענלעך צו די ייִדישע יאַרמלקעס; זיי זענען פאַרשידנאַרטיק אויס־גענייט מיט כלערליי קאָלירטע פעדעם, און וואָס רייכער עס איז אַן אוזבעק אַלץ אַ שענערע טיביטעיקע קויפט ער זיך. פאַראַן ביי די אוזבעקן יאַרמלקעס וואָס זענען אמתע קונסטווערק. ווען ס'איז אים הייס טוט ער אויס דאָס שטריימל און בלייבט זיצן אין דער יאַרמלקע, ביידע אָבער, דאָס שטריימל אויסטאָן און בלייבן בגילוי־ראש, דאָס וועט ער קיינמאָל נישט טאָן.

אויך זייער הלבשה איז גאַנץ ענלעך צו דער אַלט־ייִדישער הלבשה. די רייכערע, למשל, טראָגן אַטלאַסענע קאַפּאָטעס מיט פאַרשידענע קאָ־לירן און פאַסן, אַלץ אויסגעשטעפּטע מיט וואַטע, וואָס דערמאָנען גאָר

שטאַרק אין די פאַרשידענע ארץ־ישראל־משולחים פון מיט צענדליקער יאָרן צוריק, וואָס פלעגן קומען קיין פוילן זאַמלען געלט פאַר דער ישיבה פון ר׳ מאיר־בעל־נס. די אוזבעקן טראָגן ווייסע פלודערן און איבער די פלודערן דאָס העמד, מיט אַ ברייטן אויסגעשטעפּטן גאַרטל איבער די לענדן, מיט „שטעק־לאַטשן״ וואָס די פּליטים האָבן דערפונדן, און זייערע ווייבער פלעגן נאָכמאַכן. און אין אַזאַ הולך פלעגן זיי גיין סיי זומער און סיי ווינטער.

די הלבשה פון די פרויען איז געווען נאָך אייגפאַכער און איז באַ־שטאַנען פון אַ לאַנג העמד מיט לאַנגע אַרבל, אַ קוינאַק האָט עס ביי זיי געהייסן, אויך אין ווייסע פלודערן. דאָס איז געווען זייער שבת און זייער יום־טוב. צו דעם האָבן זיי נאָך געהאַט אַזאַ אויסגעשטעפּטן מיט וואַטע בגד. אין דרויסן פאַר לייטן האָבן זיי אויפן פּנים שוין געטראָגן אַ פאַראַנדזשע, אַז אַ פרעמדער מאַנצביל זאָל אויף אַזאַ פּנים חלילה נישט אַ קוק טאָן. ס׳האָט געטראָפן אַז אונטער אַזאַ פאַראַנזשע איז טאַקע געווען באַהאַלטן אַ פּרעכטיק פּנים, און אַ מאָל איז דאָרט געווען פאַר־שטעלט אַ פּנים וואָס קיינער וואָלט סיי ווי זיך נישט געריסן דאָס אָנ־צוקוקן... און אָט מיט אַזעלכע אַליין־אויפגענייטע טשאַבעטעס האָבן זיי זיך ארויסגעלאָזט מיט אַן עמער אויפן קאָפּ, אַ מאָל האָבן זיך דאָרט געפונען אַ ביסל אָפּגעשפּאָרטע דאָרפישע פּראָדוקטן, אַ מאָל אַ ביסל קאַטיק (ענלעך צו זויערמילך). מיט דעם פלעגן זיי גיין אויפן באַזאַר וואַרטן אויף בעלנים וואָס זאָלן קויפן די סחורה.

מיטן אָנקומען פון אייראָפּעיִשע פּליטים אין קאַזאַכסטאַן, פרויען און מענער, האָט זיך דאָ עפּעס געענדערט; יונגע אוזבעקישע פרויען האָבן מיטאַמאָל דערזען אַז ביי די פרויען פון אייראָפּע איז אַלץ אויפן אָרט: דער ביוסט איז אויפן אָרט, דער זשאַקעט אָדער מאַנטל הענגט ביי זיי נישט ווי אויף אַ טויטן; און די אוזבעקישע מענער האָבן צו די אייראָפּעיִשע פרויען גענומען וואַרפן אויגן. די אוזבעקישע פרויען מוזן טאַקע גיין מיט אַ פאַרשטעלט פּנים, די אוזבעקישע מענער אָבער מעגן אַלץ... און זאָל נאָר אַ פרעמדער מאַנצפאַרשוין פּרוון כאַפּן אַ פלירט מיט זיין ווייב, פאַר אַזאַ חטא קאָן אַן אוזבעק אַן שהיות אים שעכטן אויך...

האָבן די יונגע אוזבעקישע מיידלעך אָנגעהויבן זיך צו רעוואָלטירן, און נישט געוואָלט מער טראָגן די פאַראַנזשעס. זיי זענען געקומען צו די שניידערס פון פוילן, אַז מ׳זאָל אויך פאַר זיי מאַכן קלײדער אויפן פּוילישן פאַסאָן (פּאָלסקי פאַסאָן). ווי אַזוי דאָס אויסצודריקן האָבן זיי נעבעך נישט געוווּסט, און די שניידערס, ווידער, האָבן פאַר זיי אָנגעהויבן צו נייען אויסגעפּאַסטע וועסטלעך, וואָרעם וואָס האָט מען דעמאָלט נישט

געטאָן צו פאַרדינען נאָך אַ שטיקל ברויט? די אוזבעקישע מיידלעך פלעגן אַרומפּאַראַדירן אין די געפּאַסטע וועסטלעך. אוודאי איז דאָס נאָכנישט געווען קיין ביוסט־האַלטערס, אָבער שענער ווי פריער איז דאָס פּאַרט שוין געווען.

נו, און די אוזבעקישע קינדער? פאַר זיי האָט מען ערשט אייף אָן אמת געדאַרפט באַשאַפן אַ חברה מלבוש־ערומים, מחמת דעם וואָס אין די מאָסן זענען זיי, נעבעך, די אוזבעקישע קינדערלעך, אַרומגעלאָפן מיט די נאַקעטע פּיפּקעס אין דרויסן...

ווי אַזוי ווערן ביי די אוזבעקן געשלאָסן שידוכים? אין אַמאָליקן פּוילן אַז ביי אַ ייִד איז געווען אַ טאָכטער, זענען טאַטע־מאַמע שוין יאָרן פריער נישט געשלאָפן קיין נעכט. זייער איינציקע זאָרג איז געווען: ווו נעמט מען פאַר דער „בת־יחידה" אַ חתן, אַז קיין נדן, לא עליכם איז נישטאָ... און דאָס כלה־מיידל ווערט מיט יעדן יאָרן עלטער. אינ־גאַנצן אַנדערש איז דאָס ביי די אַזיאַטישע פעלקער, דער עיקר ביי אוז־בעקן. דאָרט האָבן טאַטע־מאַמע נישט קיין שום זאָרגן וועגן נדן פאַר דער טאָכטער, גאָר פאַרקערט, דאָרט מוז דער חתן־בחור פריער דורכ־קומען מיט די עלטערן פון דער בתולה, און דער חתן מוז באַצאָלן כך־וכך בהמות, אָדער שעפּסן, א. א. דערנאָך ערשט אויב דער האַנדל איז געוואָרן אַדורכגעפירט, דאַרף אין איינער אַ נאַכט קומען דער חתן און „אַרויסגנבענען" די כלה דורכן פענצטער. אַזוי ווי קיין וואָלקן־קראַצערס זענען דאָרט נישטאָ, איז דאָס נישט אַזאַ שווערער ענין... בפרט, אַז די כלה ווייסט שוין פון פאָרויס, אַז די און די נאַכט וועט קומען איר באַ־שערטער און ער וועט זי „אַרויסגנבענען" פון איר טאַטנס הויז. און יש אומרים אַז דאָס האָבן גאָר דער כלהס עלטערן צו דער דאָזיקער מאָדנער גנבה צוגעהאָלפן. אויב נאָך די אַכט טעג האָט דאָס יונגע ווייבל נישט חרטה און אַנטלויפט נישט צוריק אַהיים, וואָס אַזוינס טרעפט זייער זעלטן, קומט פאַר די אמתע חתונה, מיטן גאַנצן און גרויסן אוזבעקישן פאַרנעם...

בדרך־כלל ווערן אוזבעקישע חתונות און בריתן געפּראַוועט מיט אַ סך פּאָמפּע, בפרט ביי די רייכערע, און אַזוי ווי פון „חרם דרבינו גרשום" האַלטן זיי נישט, הייבן זיי טאַקע אָן באַלד נאָך דער געזעצלעכער חתונה, צו זוכן פרישע שידוכים. איז אָבער אין דער סאָוויעטישער קאָנ־סטיטוציע פאַראַן אַ בפירושער פאַרבאָט אויף פיל־ווייבעריי און מער ווי איין געזעצלעך ווייב טאָר קיינער נישט האָבן... נו, און די, וואָס האָבן דעם פיל־ווייבער־פאַרבאָט אין דער קאָנסטיטוציע אַריינגעשטעלט, האָבן זיך ביי אים זיך געהאַלטן? איז פּאַרוואָס־זשע זאָלן ביי דעם זיך האַלטן

פעלקער, וואָס האָבן טויזנטער יאָרן פּראַקטיצירט פּיל־ווייבעריי? האָבן זיי אויף דעם אויך געפונען אַן עצה:

זיי האָבן זיך אויסגעבויט ליימיקע הייזלעך און אין יעדער כאַטקע האָבן זיי אַריינגעזעצט אַ פרישע ווייב, כמו אַ געליבטע. האָבן געליבטע אין סאָוויעט־רוסלאַנד דאָס מעג מען יאָ. פון דעם האָט גוט געוווּסט די נאַר וואָס חתונה געהאַטע געזעצלעכע פרוי. אויך אירע עלטערן האָבן פון דעם געוווּסט, און ס׳האָבן אויך געוווּסט די היטער פון דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע, וואָס האָבן אויף דעם ענין געקוקט ווי דורך די פינגער, ווארעם אויך זיי אַליין האָבן זיך גאָר שטאַרק באַנוצט מיט פּיל־ווייבעריי. פאַרשטייט זיך, אַז אויף דעם האָט מען שוין געמוזט זיין רייך און קודם־כל זיין אַ נאַטשאַלניק.

ווי ס׳איז באַוווּסט פּראַקטיצירן אויך די מוסולמענער דאָס מל זיין זייערע זכרים, פּונקט אַזוי ווי ביי ייִדן. מער נישט, ביי ייִדן איז מען מל די נייגעבוירענע ייִנגלעך שוין אויפן אַכטן טאָג, און אין אויסנאַם־פאַלן ווען, דאָס קינד איז נישט געזונט, ווערט דער ברית אָפּגעלייגט, בשעת ביי די אוזבעקן קומט פאָר דער ברית ווען דער בן־זכר איז שוין אַלט צווישן 6 און 12 יאָר. דעמאָלט רופן זיי צונויף דעם גאַנצן קאָלכאָז, און וואָס רייכער ס׳איז דער בעל־ברית, אַלץ רייכער איז דער פאַרנעם פון עם טוי, (יום־טוב). ס׳איז נאָר אַ נס, ווי אַזוי ביי זייערע „היגיענישע" באַדינגונגען קומט אַרויס דאָס 12־יאָריקע קינד גאַנץ, נאָך דעם אופן ווי ער ווערט געמלעט...

ווי אַזוי היילט מען קראַנקע ביי די אוזבעקן? אין מלחמה־צייט זענען אין אוזבעקיסטאַן געוויס שוין געווען דאָקטוירים. איך דערמאָן זיך אָבער נישט קיין איינציקן דאָקטער אַן אוזבעק אָדער קאַזאַך. אויך שפּיטאָלן זענען דאָרט שוין געווען. אַן אַנדערע זאַך איז אַז ס׳איז נישט געווען מיט וואָס צו היילן, און דאָס האָב איך אויך אָפּגעפּילט אויף מיינע אייגענע פּלייצעס. נאָר ווער פון אונדז ייִדן פון עלטערן דור געדענקט נישט דעם פּחד, די אימה, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַ ייִדן, ווען אַ דאָקטער האָט מגלה־סוד געווען דער משפּחה, אַז זייער קראַנקער מוז גענומען ווערן אין שפּיטאָל. דאָס איז פון די שטוב־מענטשן באַטראַכט געוואָרן ווי ער וואָלט שוין געווען אַ געשטאָרבענער, און ווי אַזאַ איז ער שוין באַוויינט געוואָרן. גאַנץ אָפט איז די מורא טאַקע געווען אַ באַרעכטיקטע, דעריבער האָבן זיי געזאָגט, אַז אויב שוין יאָ שטאַרבן — זאָל ער שוין שטאַרבן אויף זיין אייגן בעט...

געוויס דאָס זעלבע האָבן אין די מלחמה־יאָרן געזאָגט די אוזבעקן וועגן זייערע קראַנקע. סיבות קראַנק צו ווערן אין יענע צייטן האָבן דאָך

נישט געפּעלט און מיט וואָס צו היילן איז נישט געווען, און אין דער גרעסטער צאָל פאַלן זענען עס געווען הונגער־קראַנקייטן. אַט האָט מען צוזאַמען מיט מיר געלייגט אין אַ שפּיטאָל אַ יידישן יונגנמאַן פון רו־מעניע, מישאַ. אים האָט אָנגעהויבן טריקענען אַ פוס און מיר אַן אָקסל און אַ האַנט. אין אונדזערעביידע פאַלן איז דאָס געווען אַ רעזול־טאַט פון אונטערדערנערונג. מיך האָט מיין יידישע דאָקטאָרין באַצייטנס אויסגעשריבן פון שפּיטאָל; מישאַ אָבער האָט נישט געהאַט וווהין צו גיין און איז געבליבן אין שפּיטאָל און דאָרט פּשוט געשטאָרבן פון הונגער.

אויך די מענטשן פון די אַזיאַטישע סטאַנעס : אוזבעקיסטאַן, קאַ־זאַכסטאַן, טאַדזשיקיסטאַן, א״א האָבן געטענהט דאָס זעלבע וועגן זייערע קראַנקע קרובים, אַז אויב מען האָט עמעצן אַריינגעלייגט אין אַזאַ שפּי־טאָל, האָט בלויז אַ נס אים געקאָנט צוריק אַרויספירן אַ לעבעדיקן. איז דעריבער, האָבן זיי געזאָגט, אויב אַללאַ וועט העלפן, וועלן זיי אין דער היים אויך בלייבן לעבן; וועט אַללאַ נישט וועלן, איז אפילו דאָס רופן אַ דאָק־טער אויך אַן איבעריקע זאַך, ס׳וועט נישט העלפן. און אַללאַ האָט דע־מאָלט זעלטן געוואָלט אַז די אוזבעקישע קראַנקע זאָלן בלייבן לעבן און אַזוי האָט מען די קראַנקע געלאָזט אויסגיין.

ווי אַזוי האָבן אוזבעקן מקבר געווען זייערע טויטע ? זיי האָבן נישט, ווי ביי יידן, בלויז איין בית עלמין, וווהין זיי ברענגען זייערע מתים מקבר צו זיין. די אוזבעקישע משפּחות, וואָס האָבן געוויינטלעך אַ סך פרייע און נישט באַאַרבעטע ערד, שטעלן אָוועק פאַר זיך אַן איי־גענעם בית־הקברות, בלויז פאַר דער משפּחה. צו זייערע לוויות גייען מענער באַזונדער און באַזונדער די פרויען, וועמענס געשרייען און גע־וויינען גייען עד לב מן השמים. צי זענען זייערע האַרצרייסנדיקע געשרייען און געוויינען טאַקע אַן אויסדרוק פון אמתן צער און מיטלייד צו דער טרויערנדיקער משפּחה, ביי וועמען דער טויט האָט אַרויסגעריסן אַ נאָענטן מענטש ? עס הייבט זיך גאָרנישט אָן. דאָס זענען פּשוטע געדונגענע קלאָג־ווייבער, וואָס נאָך דער לוויה ווערן זיי פאַר דעם באַלוינט, ווער מיט אַ לעפּיאָשקע, ווער מיט אַ צוויי גלעזער קאַטיק (זויערמילך), און מיט וואָס העכערע הימל־רייסנדיקע געוויינען די דאָזיקע קלאָג־מוטערס צייכענען זיך אויס, אַלץ מער האָבן זיי שאַנסן אַז מ׳זאָל זיי נעמען אויך צו אַנדערע לוויות פאַר קלאָגעריגס.

נו, און ביי די אוזבעקישע מענער ? ביי יידן נאָך דער קבורה פון אַ נאָענטן קומט אייגער פון די קברות־לייט צו די סאַמע נאָענטסטע פונעם מת. דערנאָך טרייסט מען די פּאַראַבלטע, אַז זיי זאָלן שוין מער

נישט וויסן פון אַזאַ צער; ביי די אוזבעקן שניידט מען קריעה ביי אַלע אַן אויסנאַם מענער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער לוויה, און נאָכדעם גייען זיי צו איינער צום אַנדערן, דערלאַנגען זיך די הענט און זאָגן דערביי אַ לאַנגן שפּרוך, וואָס ענדיקט זיך ווידער מיט דער ווינטשע־וואַניע, אַז מען זאָל שוין מער נישט וויסן פון קיין צער.

ווי אַזוי זעען אויס זייערע קברים ? איך ווייס אַז דאָ וועט מען זאָגן אַז איך שטעל אַ קלאָץ־קשיא. וואָס הייסט ? אַ קבר איז אַ קבר, אַזוי איז עס טאַקע ביי אַלע אייראָפּעיִשע מענטשן, אָבער נישט ביי די אוזבעקן. ווי געוויינטלעך גראָבט מען דאָרט אויס אַ קבר. ביי איין ווענטל אָבער פונעם קבר ווערט אויסגעגראָבן נאָך אַ צוגאָב־קבר, שוין אַ קלע־נערער און ס'ווערט אַ פּלאַץ ווי אַ שטול, אַזוי אַז דער מת ווערט אוועק־געזעצט, און אַזוי ווערט ער באַגראָבן, און אַז דער מוסלמענישער משיח וועט קומען, זאָל דער מת גלייך קאָנען צוטרעטן צום עסן דעם שור־הבור מיטן לויתן...

ביי ייִדן זיצן שבעה נאָך אַ גאָענטן מענטשן הייסט זיצן זיבן טעג אין טרויער, און ביי פרומע ייִדן קומען צוויי מאָל אין טאָג אַ מנין ייִדן און דאַוונען פאַר דער נשמה פון דעם אויף אייביק אוועקגעגאַנגענעם, און ייִדן גלייבן, אַז אין אָט די זיבן טעג, געפינט זיך נאָך אַלץ די נשמה אינעם הויז. און ערשט אויפן דריטן טאָג, קומט מען צו דער משפּחה מנחם־אָבל זיין.

ביי די אוזבעקן זיצט מען נישט זיבן, נאָר גאַנצע צען טעג. און דאָס שוין פון דער ערשטער שעה נאָך דער לוויה גייען די מנחם־אָבל־ניקעס איינגאַנצן נישט אַהיים, אַ חוץ שלאָפן, און באַלד אינדערפרי קומען זיי און ברענגען מיט שפּייז אויפן גאַנצן טאָג. אַלע זעצן זיי זיך אויס אויפן דיוואַן וואָס איז אויסגעלייגט אויף דער ליימיקער פּאָדלאָגע, און שפּרייטן אויס אַ גרויסן לייוונט, כמו אַ טישטעך; לייגן אויס זייערע מאכלים, צעברעקלען זייערע לעפּיאָשקעס, פאַרטרינקען מיט פּרוכט־טיי און אַזוי בחברותא עסן זיי דעם גאַנצן טאָג. איינער פון די שטאָט־זקנים הייבט אָן צו דערציילן וועגן די מעלות־טובות פונעם פאַרשטאָר־בענעם, און אַז אין צווישן־צייט קומט אָן אַ פרישער גאַסט, נעמט איצט דאָס דערציילן און לויבן שוין איבער אָן אַנדערער און הייבט ווידער אָן פון סאַמע אָנהויב. און אַזוי דויערן די דערציילונגען און לויבערייען די גאַנצע צען טרויער־טעג.

איך וואָלט צו די אַלע אויסגערעכנטע מעלות, וואָס דער זקן דער־ציילט וועגן די טויטע צוגעגעבן נאָך איין מעלה, און דאָס מאָל שוין אויך וועגן די לעבעדיקע, אַז זיי זענען גרויסע מכניסי־אורחים, וואָס איז

איינע פון זייערע שענסטע און מענטשלעכע מידות; ווען עס איז אין אַן אוזבעקיש הויז אַריינגעקומען אַ פרעמדער — ס'איז נישט קיין נפקא־מינה צו וואָסער נאַציע דער גאַסט געהערט — און ער האָט גע־טראָפן צום מאָלצייט, האָט ער שוין מיט זיי צוגלייך זיך געמוזט זעצן אויף דער פאָדלאָגע און מיטהאַלטן מיט זייער סעודה, און אין מלחמה־צייט האָבן זיי זיך שוין אויסגעלערנט, אַז אַן אייראָפּעישן מענטשן דאַרף מען צום עסן אויך צוגעבן אַ הילצערנעם לעפל... זיי אַליין האָבן לויט זייער שטייגער געגעסן מיט די הענט, און נישט איין מאָל, אין די שפּעטערדיקע מלחמה־יאָרן, האָט אַזאַ כיבוד נישט איין ייִדישן פּליט דערהאַלטןביים לעבן. ווען דער באַלעבאָס שטעלט זיך אויף, זאָגט עפּעס אַ תפילה וואָס נאָר זיי פאַרשטייען, הויבט אויף זיינע הענט צו דער סטעליע, לייגט זיי צו דריי מאָל צוביידע זייטן פון דער באָרד, הייסט אַז די סעודה איז געענדיקט.

זיי זענען מתפלל צו אַללאַ ביי יעדער געלעגנהייט. ווי אַזוי זייער דאַווענען זעט אויס ביי זיי אינדערפרי איז מיר כמעט נישט אויסגעקו־מען צו זען, ווארעם ווען איך בין געקומען צו דער אַרבעט זענען זיי שוין געהאַט געקומען נאָך פריער, דאַקעגן פאַרנאַכט, צו מנחה, זענען מאַכמעדאַנער עולה־רגל צום קליינעם דאַרפישן מעטשעטל, אַ גרויסע צאָל פון זיי שטעלן זיך ביים טויער פון מעטשעטל, פאַלן דריי מאָל מיטן פּנים צו דער ערד, נאָך אַנדערע דאַווענען אויפן זעלבן אופן, נאָר ביי זיך אין קיביטקע, אַזוי אויך שפּעטער ביי מעריב. דערמיט איז זייער דאַווענען דעם טאָג געענדיקט.

ווי אַזוי איז די באַציונג פון די אַזיאַטישע פעלקער צום סאָוויע־טישן רעזשים ווען זיי זענען מיט זיך אַליין אין זייער ליימיקער קיביט־קע ? איך וועל דאָ ברענגען אייניקע ביישפּילן : ווי אַ שניידער בין איך איין מאָל אַנגעקומען אַרבעטן צו אַ קאַזאַכישן לערער. אַן ערך צען טעג האָב איך דאָרט געאַרבעט, איך בין דאָרט באַהאַנדלט געוואָרן זייער מענטשלעך, סיי מיטן עסן, וואָס דאָס איז דאָך געווען דער עיקר, ווי אויך מיטן לוין, און אין אונדזערע שמועסן האָב איך אים געמוזט דערציילן, ווי אַזוי מען האָט פאַרן קריג געלעבט אין פּוילן. צווישן אַנ־דערן האָב איך אים ווי אַ זייער פריינטלעכן מענטש געוואָלט אַרויספירן אויפן וועג, אַז עסן דאַרף אַ קולטור־מענטש ביי אַ טיש און נישט אויף דער ליימענער ערד, און עסן דאַרף מען מיט אַ מעסער, לעפל, און גאָפּל, און נישט מיט די הענט; אַז שלאָפן דאַרף מען אין אַ בעט און נישט אויף דער פאָדלאָגע. ער האָט מיר דאָס אַלץ צוגעזאָגט; ער איז דאָך עפּעס אַ לערער וואָס דאַרף אויך זיין אַן אינטעליגענטער מענטש. עס איז אים

אָבער געווען זייער שווער צו האַלטן וואָרט: אַז כ׳האָב זיך פאַרקוקט האָט ער נעבעך אַריינגעגנבעט מיט די הענט אין מויל אַריין...

איין מאָל אין אַ זונטיק איז צו אים געקומען אַ גאַסט, אויך אַ לערער, פון אַן אַנדערער געגענט, און פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן באַלד אָנגעהויבן צו שמועסן וועגן פּאָליטיק, און אין מיין אַנוועזנהייט האָבן זיי אויף דער פּאָדלאָגע אויסגעלייגט אַ לאַנד־מאַפּע און גענומען אויס־שטודירן דעם פּלאַן, דורך וועלכע וועגן עס קאָנען קומען די יאַפּאַנער, און ווי אַזוי עס קאָנען קומען די דייטשן וואָס זענען שוין לויט זיי גאָר נאָענט פון דאָנען. צי האָבן זיי אַזוי געהאַנדלט אויס ליבע צו די דייטשן אָדער יאַפּאַנער? באַיין־אופן נישט, נאָר אויסשליסלעך אויס טיפער שנאה צום סאָוויעטישן רעזשים, וואָס האָבן פאַרשקלאַפט זייער פאָלק און לאַנד און זיי, ווי קעמפערישע פּאַטריאָטן, האָבן מיט דעם נישט געקאָנט שלום מאַכן. דאָס איז אַ לאַנד פון זבת חלב ודבש, צוויי מאָל אין יאָר וואַקסט דאָ ווייץ און קוקורודזע און די בעסטע פּרוכטן. פונדעסטוועגן האָט די באַפעלקערונג דאָ ביטער געהונגערט, בעת די נאַטשאַלניקעס האָבן זיך געבאָדן ממש אין וווילטאָג.

זייער אייגנגעבוירענער נאַציאָנאַלער געפיל וואָס איז ביי זיי געווען גאָר שטאַרק אַנטוויקלט, האָט געפונען אַן אויסדרוק אין צוויי פאַקטאָרן: דאָס ערשטע איז געווען שנאה צו די אונטערדריקער; און דאָס צווייטע די שנאה צו די קאָלכאָזן, וואָס האָבן ביי זיי אויסגעזויגן ממש אַלע זאַפטן, און זיי, די בעלעבאַטים פונעם לאַנד, האָבן אפילו נישט געהאַט אַפּצו־עסן צו דער זעט, שוין אַפּגערעדט פון אַ לייטישן מלבוש...

גיי איך אַזוי אַ מאָל אין אייבעם אַ פאַרנאַכט דורך אַ קאָלכאָז־געסל, ווו עס שטייט אַ גרופּע אוזבעקן און זיי רעדן „פּאָליטיק". „פּאַרטנאַי (שניידער), גיבן זיי מיר אַ רוף צו אויף זייער אַ שטומפּיקן רוסיש, פּאַרטנאַי, אידי סודאַ" (שניידער, קום אַהער). איך גיי צו. מיך קע־נען זיך דאָך אויסגעצייכנט, זיי מיך, און איך זיי, און אַלע מיט איין מאָל, ווי דאָס וואָלט זיי אַלע אָט די מינוט די פראַגע געקומען אין קאָפּ אַריין: „פּאַרטנאַי, זאָג וואָס איז אַזוינס אַנגליאַ?" „אַנגליאַ, זאָג איך פאַרזיכטיק, איז אַ מלוכה ווי אַ שטייגער דער „סאָוויעט־סאָיוז", נאָר כדי צו הייבן זייער שטאָלץ, גיב איך צו: אַנגליאַ מאַלענקי, מאַלענקי (ענגלאַנד איז קליין, קליין), אַ סאָוויעטסקי סאָיוז באָלשאַי־באָלשאַי (און רוסלאַנד איז גרויס, גרויס)". דאָ זע איך אָבער ווי זייערע פּנימער זענען געוואָרן פאַרוואַנדלט אין איין שטיק חושך...

„נישט דאָס, רופט זיך ענדלעך איינער אָפּ, האָבן מיר געמיינט, נישט דאָס, מיר האָבן געמיינט צי קריגט מען דאָרט גענוג ברויט". „יאָ זאָג איך, אין נאָרמאַלע נישט מלחמה־צייטן קריגט מען דאָרט ברויט".

איך זע ווי זייערע פּנימער לייטערן זיך אויס. „נו און אַן אַטשערעד?"
„אוודאי, זאָג איך אַן אַטשערעד, גיי אַריין אין לאַראַק (קראָם) און קויף
וויפל דו ווילסט נאָר ברויט, אַבי דו האָסט נאָר געלט צו באַצאָלן". „נו,
און צוקער? פרעגן זיי ווייטער, אויך צוקער קריגט מען דאָרט אָן אַן
אַטשערעד?" „יאָ, אויך צוקער קריגט מען דאָרט אָן אַ אַטשערעד". „אַ
סלושאַי טי טאָווארישטש פּאַרטנאָי (הער נאָר דו חבר שניידער), אַ סאַ־
פּאָג? (שטיוול) קריגט מען דאָרט אויך אָן אַן אַטשערעד?" „אויב מען
האָט נאָר געלט קריגט מען דאָרט אויך שטיוול אָן אַן אַטשערעד"... „אַ
סלושאַי טאָוואַרישטשי! און קאָלכאָזן זענען אויך דאָ אַזוי ווי ביי אונדז?"
„ניין, זאָג איך, קיין קאָלכאָז זענען דאָרט נישטאָ". „וואָס? — כאַפּן
זיי מיך אָן ביי די הענט, דאָרט זאָגסטו, זענען קיין קאָלכאָזן נישטאָ?
טי פּראַוודאַ גאַוואָריש?" (דו זאָגסט דעם אמת). „יאָ, כ'זאָג אמת". „סלו־
שאַי טי טאָווארישטש, פּאַזשאַלוסטאַ פּאַרטנאָי, דאַוואַי אַנגליט סודא
(דו חבר שניידער, מיר בעטן דיך, גיב אַ הער דאָ, אַנגליאַ צו אונדז...)

עס איז שוין אַריבער דריי און צוואַנציק יאָר זינט בודיאָניס קאָ־
זאַקן האָבן דורכגעפירט די שחיטות איבער די אַזיאַטישע פעלקער, און
דער האַס צום סאָוויעטישן רעזשים איז אין לשער און ער האָט אין משך
פון דער צייט זיך נישט אָפּגעקילט. פאַרקערט, ער גייט איבער פון דור
צו דור; עס האַסן די זקנים, וואָס האָבן די שחיטות איבערגעלעבט, עס
האַסן זייערע קינדער וואָס זענען שוין איצט דערוואַקסענע מענטשן,
פרויען און מענער, און עס האַסן שוין איצט קינדס־קינדער. ס'איז גע־
נוג, אַז אַ קינד זאָל פון דערווייטנס דערזען אַ נישט־אוזבעקישן מענטש
און ס'זאָל אים אַרומכאַפּן אַ געוואַלדיקע שרעק און מיט אַלע כוחות
זאָל ער זיך לאָזן לויפן און מיט קול־קולות נעמען שרייען: „איע־הע־איע
אורוס קעטע!" (מאַמע, העי מאַמע, אַ רוסישער גייט) און יעדער פרעמ־
דער אידענטיפיצירט זיך ביים קינד ווי אַ רוסישער, פאַר וועמען ער ציי־
טערט פאַר שרעק.

צי זענען די קאַזאַכיש־אוזבעקישע פעלקער אַנטיסעמיטיש? מען
מוז געדענקען אַז ס'האָבן אויף דעם אָרט געלעבט 25 נאַציעס, צווישן זיי
אוקראַינער, פּאָליאַקן, רוסן און אויך ייִדן, קעגן וועמען יענע האָבן געפירט
אַ שטענדיקע אַנטיסעמיטישע העצע. צי האָט עס געהאַט עפעס אַ וויר־
קונג אויף די איינגעבוירענע פעלקער? מסתמא יאָ. און אַט דערמאָנט
זיך מיר אַ סצענע אינעם קאָלכאָזנעם מקום, וואָס הייסט סייראַם, און
אין די קאָלכאָזן אַרום סייראַם ווו ס'האָבן געלעבט עטלעכע הונדערט
ייִדן, אַ היפּשע צאָל צווישן זיי סאָוויעטישע ייִדן. עס דערנענטערן
זיך די ימים־נוראים. עס איז דאָס יאָר 1944. דאָס לאַנד הונגערט. נאָך
יעדער זאַך דאַרף מען אָנקומען צו אַמעריקע, פאַר פרומע ייִדן האָט זיך

געשטעלט די גרויסע פראַגע: ווו וועלן זיי היינטיקע ימים־נוראים דאַווענען, אַז קיין שולן זענען אין דער געגנט נישטאָ?

נאָך לאַנגע זוכענישן האָבן זיי אויסגעפונען אַן אוזבעק, וואָס איז געווען גרייט פאַר אַ גרויסע סומע געלט אָפּצוטרעטן זיין סאַריי (שטאַל), וואָס אַ גאַנץ יאָר האַלט ער דאָ זיינע שטוב־חיות, אַ בהמה, אַ פּאָר שעפּסלעך, אַ צוויי הינער, אַ הונט, א. אז. וו. ייִדן האָבן מיט גרויס התמדה גענומען זיך צום אויסרייניקן די שטאַל. איז די פרייד, פאַרשטייט זיך, פון די ייִדן, געווען גרויס: אין די פאַרכטיקע טעג וועלן זיי פאַרט האָבן אַ כמו מקום־קדוש. אין די ראַש־השנה־טעג איז דאָס נאָך ווי ס'איז דורכגעגאַנגען בשלום, אויך כל נדרי. אָבער צומאָרגנס יום כיפור, ווען די ייִדן האָבן געהאַלטן אין מיטן מוסף זענען זיי פּלוצלינג באַפאַלן געוואָרן דורך אַ מחנה אָרגאַניזירטע דורך דער מיליץ אוזבעקישע כוליגאַנעס, וואָס זענען געווען אָנגעפירט פון די מיליציאָנערן. זענען די ייִדן, הויפּטזעכלעך סאָוויעטישע ייִדן, געיאָגטע פון אוזבעקישע כוליגאַנעס, געלאָפן, אַנגעטאָן אין די טליתים. עס איז געווען אַ טראַגיש בילד צוצוקוקן זיך ווי די מיליציאָנערן, די היטער פון דער סאָוויעטישער אָרדענונג, זענען געשטאַנען און געלאַכט, קוועלנדיק פון זייער כוליגאַניש שטיקל אַרבעט, וואָס ס'האָט זיך זיי איינגעגעבן.

גראָד די טעג ווערט 60 יאָר זינט עס איז פאָרגעקומען דער בייליס־פּראָצעס און די צוויי געשעענישן וואָס ביידע זענען זיי נישט געווען קיין צופאַל, וואַרפן זיך אין די אויגן. די שטאָט פון בייליס־פּראָצעס איז געווען קיעוו, די שטאָט פון באָגדאַן כמיעלניצקי און ניקיטאַ כרושטשעוו... און אַ „למדן" אויף ייִדישער רעליגיע, האָט מען געמוזט אויסשרייבן דעם קאַטוילישן גלח פּראַנייטיס אַזש פון טאַשקענט; און דאָס וואָס עס האָבן נישט באַוויזן דער צאַרישער מיניסטער שטשעגלאָוויטאָוו, מיטן גלח פּראַנייטיס פון טאַשקענט אויפצוהעצן צו פּאָגראָמען אויף ייִדן אינעם צאַרישן רוסלאַנד, דאָס האָט איצט באַוויזן די קאָמוניסטישע פּאָליצײ פון ניקיטאַ כרושטשעוו...

# ווידער ביים אלטן פאך

## איך גיי צוריק קיין סייראם

צוריק אין סייראַם, איז מיין ערשטער „אַריינפאַר" געווען צום „אור־טאָג" (חבר) איבראַהים. פאַר אים האָט איצט גערעדט זיין מאַרדזשאַ (ווייב) אייניסאַ, וואָס איז טאַקע געווען אַ גאַר באַרעדעוודיקע. איבראַהים איז געווען אַ שווייגער — צי איז ער דאָס שטענדיק געווען? אַלנפאַלס, אין יענער צייט איז געווען אוממעגלעך אים אַריינצוציען אין אַ שמועס. די סיבה דערפון איז מיר שפּעטער קלאָר געוואָרן: איבראַהים איז געווען אַ שטאַרק געאַכפּערטער באַלעבאָס אין זיין קאַלכאָז, אַזוי ווייט, אַז ווען מען האָט געדאַרפט האָבן אַ נייעם פּרעדסעדאַטיעל פון לעניןַ־קאַלכאָז, האָבן אויבעקן נישט געוואָלט קיין אַנדערן, נאָר אים, און ווי באַוווּסט, איז אין יענע מקומות די „שטימע פון פאָלק הייליק"; אַזוי אַרום איז איבראַהים געווען אין משך פון פינף יאָר דער „טאַטע" פונעם קאַלכאָז.

אין איינער אַ נאַכט האָבן זיך באַוויזן ביי דער טיר פון זיין קיביטקע צוויי ציווילע אוזבעקן, צוזאַמען מיטן ראַיאָנעם פאָליציי־פאַרשטייער און צוויי שומרים און האָבן אים פאַרבעטן צו אַ שמועס וועגן קאַלכאָז־ענינים. אלא וואָס? שטענדיק פלעגט מען אים רופן נאָר בייטאָג און נישט ביינאַכט, און עס איז געווען געגנוג בלויז איין רופער און נישט קיין פינף! און וואָס־ווען וועט זיך שוין אויפקלערן דאָרטן („טאַם ראַזביראַם"). דאָס איז געווען מיט העכער דריי יאָר צוריק. און באַוויזן האָט ער זיך אין זיין ליימענער כאַטקע, אַן אויסגעדאַרטער, אַן איינגעבויגענער און צעבראָכענער אין אַ צעשליסענער פופייקע, וואַטענע פלודערן ערשט מיט צוויי חדשים צוריק — אַזוי האָט מיר דערציילט זיין ווייב. פאַרוואָס איז ער דאָרט געווען פאַרשיקט? „בולמיידע" (איך ווייס נישט!) זאָגט דאָס ווייב, און ער אַליין זיצט און שווייגט. אין אים הויערט נאָך אַלץ דער לאַגער.

ביסלעכווייז האָב איך אים אויסגעקליידט, דעם לאַגער־מענטש, מיט

אַ נייער פוןביינוול־שטאָף וואַטענער פופייקע און מיט וואַטענע הויזן, און איך בין ביי זיי געוואָרן אַ בן־בית, אַן אייגענער מענטש. איך פלעג צו זיי נאָך אַריינקומען אפילו נאָך דעם ווי איך האָב פאַר אים געהאַט פאַרטיק געמאַכט די גאַנצע אַרבעט, אַזוי ווייט, אַז די מאַמע האָט ביי מיר געבעטן, איך זאָל ווערן דער שדכן צווישן איינעם פון אירע זין מיט דער טאָכטער פון דער מאַמאַשקאַ שאַריפּאַ, און זי וועט דערפאַר מיר געבן לעפּיאָשקעס ווי אַן אַדערויף. איך האָב טאַקע איין מאָל מיט דער מאַמאַשקאַ שאַריפּאַ וועגן דעם אויך גערעדט, אַז צוליב דעם וואָס איר מאַן איז דורך די באָלשעוויקעס געוואָרן דערשאָסן און אורטאַג איבראַהים איז נאָר־וואָס געקומען פון אַ סאָוויעטישן שקלאַפן־לאַגער, איז עס אַ גלייכער יחוס, אויף וואָס אוזבעקן זענען גאָר שטאַרק מדקדק. צי איז עפּעס געוואָרן פון דעם שידוך, האָב איך זיך שוין נישט דערוווּסט. איין מאָל האָב איך געפרעגט ביים חבר איבראַהים, ווי ס'איז אים דערגאַנגען אין לאַגער. האָט ער געענטפערט: „יאָ פאַדפּיסאַל, אַ גאַוואָריט ניעלזיאַ!" (איך האָב אונטערגעשריבן און דערציילן טאָר מען נישט) — און ער האָט טאַקע נישט דערציילט.

#### ביים סעקרעטאַר פון אַסאַבי אַטדיעל

מיין אַרבעט ביים אורטאַג איבראַהים האָט דעם נאָמען קאַלמאַן געמאַכט שטאַרק פּאָפּולער אינעם קאָלכאָז, וואָס די פריערדיקע צוויי יאָר האָבן נישט געהאַט באַוויזן. און באַלד נאָכן ענדיקן די אַרבעט ביים חבר איבראַהים בין איך געוואָרן גערופן צום טאָוואַרישטש מיכאַיל. דאָס איז געווען אַ יונגער אוזבעקישער בחור וואָס האָט זיך שוין געשניטן אויף אַ הויכן סאָוויעטישן באַאַמטן און צוליב דעם זיך גענומען פּוצן מיט אַסימילאַציע־פעדערן: דאָס ערשטע האָט ער געביטן דעם נאָמען מחמד אויף מיכאַיל, אויך געגעסן האָט ער נישט מער זיצנדיק מיט די פיס אונטער אַ דיוואַן אויף דער ליימיקער פּאָדלאָגע, נאָר אויף אַ נידעריק טישל, וואָס איז נאָך נישט געווען אינגאַנצן אייראָפּעיִש, אָבער אויך אוזבעקיש איז עס שוין נישט מער געווען. געגעסן האָט ער אויך נישט מיט די הענט לויטן אוזבעקישן שטייגער, נאָר מיט אַ לעפל, און נאָר פון צייט צו צייט, אַז מען האָט נישט באַמערקט, האָט ער אַ „נאַש" געטאָן מיט די הענט. אויך די טיביטעיקע און די לאַנגע וואַטענע קאַפּאָטע האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן און מיך געבעטן, איך זאָל פאַר אים אויפנייען אַ „קאָסטיום", אַן אַנצוג, נישט אַנדערש נאָר „פּאָלסקי פאַסאָן".

ביז צו דער ליקווידאַציע פון אַסאַבי־אַטדיעל (פּאָליציייִשע אויפזיכט איבער דער באַפעלקערונג) איז מיכאַיל דאָרט געווען דער ערשטער סעקרעטאַר, אויף וואָס די באַפעלקערונג האָט געקוקט קרום און

האָט אים אויסגעמיטן, און אויך די מיידלעך האָבן נישט געוואָלט מיט אים זיך חברן. אויך אין „שקאָלע" איז ער שוין געהאַט געגאַנגען און ביי מיין אָנקומען צו זיי אין הויז האָט מיכאַיל שוין געקענט אַ פּאָר דייטשע ווערטער און מיט זיי געהאַלטן אין איין פאַראַדירן פאַר מיר. ער האָט געהאַלטן אין איין פרעגן, ווי אַזוי יונגע מענטשן קליידן זיך אין „פּאַלשע", אין פוילן. ער אַליין האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אוזבעקישן אינטעליגענט און עס האָט אים נאָר געפעלט „אַ פּאָר ברילן", וואָס ער וואָלט זיכער געווען געקויפט, ווען עס וואָלט נישט געווען אַזאַ ביטערער הונגער אויף אָט דער סחורה. זיין מאַמע פאַראַכאַד, אַ גוטמוטיקע עלטערע אוזבעקישע פרוי, האָט אויף מיר שטאַרק אַכטונג געגעבן, איך זאָל ביי איר חלילה נישט זיין הונגעריק — און דאָס איז דאָך דעמאָלט געווען די עיקר־פראַגע. נאָך יעדן מיטאָג האָב איך מיך געמוזט צולייגן אויפן אוזבעקישן הענגל־בעט אינעם קליינעם גערטנדל אונטערן עפּלבוים, און נאָכן שלאָף האָט זי מיר צוגעבראַכט „שבת־אויבסט" — אַ זיסע פרוכט וואָס הייסט „טוט". און אַזוי איז דאָס אַנגעגאַנגען אַ פיר וואָכן, ביז איך האָב געענדיקט די אַרבעט ביים טאָוואַרישטש מיכאַיל.

**ביים פינאַנסאָוון אַגענט**

קוים באַוויזן צו ענדיקן די אַרבעט ביים סעקרעטאַר פון „אָסאָבי־אַטדיעל", און שוין האָט זיך באַוויזן אונטערן פענצטער דער אַגענט פונעם „פינאַנסאָוון אַטדיעל" (פינאַנץ־אָפּטיילונג) אויף אַ פערד און מיט אַ ליאַרעם און געשריי: „העי, טי טאָוואַרישטש פּאַרטנאָ" (העי דו חבר שניידער!) מאַכן אַ באַרכאַטנעם מאַנטל פאַר מיין מאַרדזשאַ (פרוי) קאַנסטו? נאַ פאַלסקי פאַסאַן!" אַ שאלה, אויב איך קען! — „טאָ סע־דיס! (זעץ דיך!) פּאַטשט ער חבריש אויפן רוקן פונעם פערד. איך בין אָבער פריער קיינמאָל נישט געהאַט געריטן אויף אַ פערד, און איך דער־צייל אים דאָס און בעט אים, ער זאָל רייטן נישט שטאַרק גיך, ווייל... „נו, יאַכטשי (גוט!) נאָר האַלט זיך שטאַרק אָן מיר!" — ווי נאָר ער האָט גענומען די לייצעס אין די הענט אַריין, האָט דאָס פערד זיך אַ ריס גע־טאָן און אַוועק אין אַ גאַלאָפּ. עס האָט נישט געהאָלפן מיין בעטן, ער זאָל איינהאַלטן דאָס פליען פונעם פערד, פאַרקערט, וואָס מער איך האָב גע־בעטן, אַלץ שטאַרקער האָט ער געטריבן דאָס פערדל. דאָס פערד איז געלאָפן און ער האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער, ביז מיר זענען אָנ־געקומען צו זיין ליימענעם „פּאַלאַץ".

ביי אים אין שטוב איז אַרומגעגאַנגען אַ יונגע אוזבעקישע פרוי מיט אַן איידל פנים. פאַר איר האָט דאָס געדאַרפט זיין דער באַרכאַט־נער מאַנטל. אַ קינד איז געקראָכן אויף אַלע פיר און האָט זיך געשפילט.

דער פינאַנסאָווער אַגענט ווייזט מיר די „וואָרע" און איך בין, פאַר־שטייט זיך, מסכים צו מאַכן די אַרבעט. פריער אָבער מוז מען זיך אָוועק־זעצן אויף דער ליימיקער פאָדלאָגע וואָס איז אויסגעלייגט מיט א דיי־וואַן, און טרינקען טשאַי. דאָ ביים אַגענט פונעם פינאַנסאָוון אָטדיעל איז נישט קענטיק, אַז עס איז אַזאַ שרעקלעכער הונגער. פאַר דער צייט וואָס איך האָב דאָ געאַרבעט, האָב איך געהאַט נישט בלויז עסן צו דער זעט, נאָר אויך אַן אָרט צום שלאָפן, און אַזוי אַרום בין איך איצט געווען פריי פון צוויי הויפּט־דאגות און האָב געקאָנט רויִק אָנגיין מיט מיין אַרבעט. איין מאָל אָבער האָב איך געהאַט זייער אַ פיינלעכע איבער־לעבונג: ווען איך בין אין אַ געוויסן טאָג צו אים אַריין אין שטוב, איז ער געשטאַנען מיט אַ מלמדישן קאַנטשיק אין דער האַנט און האָט גע־שלאָגן זיין יונג און אײדל ווייב. אַ דערשראָקענער צום טויט האָב איך אים אָנגעכאַפּט ביי די הענט; דאָ האָט ער געטאָן אַ טייוולאַנישן לאַך מיר אין פּנים אַריין און אַרויסגעלאָזט דעם קאַנטשיק פון דער האַנט.

ווי אַזוי דער דאָזיקער אַגענט פון פינאַנסאָוון אָטדיעל האָט זיך געספּראָוועט אין זיינע אייגענע פינאַנץ־ענינים מיט דער צענטראַלער פינאַנץ־מאַכט, ווייס איך נישט. איך בין, נאָך דעם ווי איך האָב געזען ווי ער שלאָגט זיין ווייב מיטן קאַנטשיק, אין זייער הויז שוין מער נישט געקומען. וואָס איך האָב זיך יאָ דערוווּסט, דאָס איז, אַז באַלד נאָך דעם איז ער געוואָרן אַרעסטירט און ביזן סוף פון מיין אויפהאַלטן זיך אין סייראַם, איז ער נאָך נישט געהאַט געווען צוריקגעקומען.

**ביים כאַרקאָווער ייִד לעאַניאַ אויף אַרבעט**

לעאַניאַ איז געווען איינער פון ר' אהרן עלקינס צוויי איידעמס וואָס האָבן זיך עוואַקוירט פון כאַרקאָוו, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה מיט די דייטשן. באַלד נאָך דעם איז אין סייראַם געשטאָרבן עלקינס ווייב, און געבליבן זענען: צוויי טעכטער, צוויי איידעמס און פיר אייניקלעך — אַ ייִדישע האַרציקע משפּחה איז דאָס געווען. איין מאָל האָט מיך באַגעגנט ר' אהרן עלקין און מיך פאַרבעטן צו זיין איידעם אַהיים צו מאַכן פאַר זיי אַ ביסל אַרבעט, און איך האָב דאָס מיט גרויס פרייד אָנגענומען. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל וואָס איך בין געווען פאַרבעטן אין אַ הויז און ביי אַ טיש פון רוסישע ייִדן. דאָס הייסט נישט, אַז ביז איצט האָב איך נישט געהאַט קיין פאַרבינדונג מיט רוסישע ייִדן; פאַרקערט, מיר האָבן זיך מיט זיי שטענדיק געטראָפן און נישט איין מאָל געפירט האַרבע וויכּוחים מיט זיי, און ס'איז אויך געווען איבער וואָס. איצט אָבער בין איך געווען ביי רוסישע ייִדן אין דער היים און מיט זיי געזעסן ביי אַן אמת ייִדישן טיש. דאָס איז געווען ביי לעאַניאַ, אַ

פיינע משפּחה מיט צוויי ייִנגלעך — דער עלטערער האָט געהייסן יעפים און דער ייִנגערער מישאַ.

מישינקאַ האָט געהאַט אַ גאוניש קעפּל און דעמאָלט איז ער אַלט געווען אפשר ניין אָדער צען יאָר. און ביי זיינע צען יאָר האָט ער גע־מאַכט אַזעלכע מאַטעמאַטישע סעאַנסן וואָס האָבן דערמאָנט די סעאַנסן פונעם ווילנער גאון נחום ליפּאָווסקי, דהיינו: מען האָט געקאָנט אויפ־שרייבן אפילו הונדערט פאַרשידענע ציפערן און ער האָט מיט זיין לאַנגן שטעקן בלויז אַ פּיר געטאָן איבער די ציפערן, און שוין איז געווען גע־מאַכט דער סך־הכל — געדויערט האָט דאָס בלויז סעקונדן און עס האָט פולשטענדיק געשטימט. פאַרשטייט זיך, אַז די עלטערן זענען גע־ווען גליקלעך מיט זייער געראָטן קינד. צום באַדויערן האָט אָבער זייער גליק נישט לאַנג געדויערט: פּלוצלינג איז דאָס קינד געוואָרן קראַנק. די עלטערן האָבן עס אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל פון דער גובערניע־שטאָט טשימקענט, אָבער מיט וואָס צו היילן איז דאָרט נישט געווען, און עט־לעכע טעג שפּעטער זענען די עלטערן צוריקגעקומען אַהיים אָן דעם קינד. דער צער פון די עלטערן און פון די אַלע וואָס האָבן געקענט דאָס קינד, האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ.

דערמיט איז אויך מיין אַרבעט ביי דער האַרציקער לעאַניאַ־מש־פּחה געווען געענדיקט.

## דער סעל־פּאָ עפנט אַ שניידעריי

ענדלעך האָט פאָר מיר אַ שיין געטאָן דאָס מזל: כ'האָב זיך מער נישט געדאַרפט שלעפּן פון שטוב צו שטוב. און איין מאָל איז צו מיר געקומען דער כאַרקאָווער ייִד ר' אהרן עלקין און מיר פאָרגעשלאָגן אַ צוזאַמענטרעף מיטן פרעדסעדאַטיעל פון סעל־פּאָ, סאַביראַוו, באשר יענער וויל מ'זאָל עפענען אַ שניידער־ווערקשטאָט. סעל־פּאָ איז אַ סאָוויעט־טישע דאָרפס־אָרגאַניזאַציע, וואָס דאַרף באַזאָרגן די באַפעלקערונג פון די קאָלכאָזן וואָס זענען איינגעגלידערט אין איין באַזע, וואָס אין דעם פאַל איז עס געווען סייראַם. צי מען וויל יאָ אָדער נישט, ווערט מען מעכאַניש אָנגעשלאָסן נאָר צו דעם סעל־פּאָ, וואָס איז מחויב צוצושטעלן באַשפּייזונג, אויב, פאַרשטייט זיך, ער האָט וואָס צוצושטעלן. צום סעל־פּאָ האָט אויך געהערט דאָס שאַפן קליין־אינדוסטריעלע ווערקשטאַטלעך, ווי למשל, שניידעריי, שוסטעריי, רימערײַ, און דאָס גלייכן.

ווי ס'האָבן אויסגעזען די מלאכות ביזן אָנקומען פון די ייִדישע

פליטים פון פוילן וועל איך באַשרייבן בלויז צוויי מוסטערן: אַ „פריזיר אַנשטאַלט". אינעם מוסולמענישן רו־טאָג וואָס פאַלט אויס ביי זיי פרייטיק, האָט אַן אוזבעק אָדער קאַזאַך, זיך געזעצט פאַרן מעטשעט, און צו אים פלעגן קומען די פויערים פון די אַרומיקע קאָלכאָזן, וואָס זענען געקומען דאַווענען און אָט דער „פריזירער" פלעגט מיט אַזאַ מין גרויסן מעסער איינעם נאָכן אַנדערן גאָלן זייערע האַרטע בערד און די „קליענטן" פלעגן זיך קאַרטשען פון ווייטיק און צאָלן פאַר דעם מיט אַ לעפּיאָשקע אָדער מיט צוויי קאַטשאַנעס קוקורודזע. די שניידערס, ווידער, האָבן די מלבושים גענייט אין גרעסטן טייל מיט דער האַנט, און אויפגעפּרעסט אַ נאָט האָבן זיי מיטן פינגער, דאָס האָט געהייסן „אוזבעטשקי אוטיוג", (אוזבעקישער פּרעסאייזן). אָבער אַ מלבוש „פאַלסקי פאַסאָן", ווי ס'האָבן שוין געפאָדערט די נייע מלחמה־צייטן, דאָס איז שוין געווען איבער זייערע כוחות. אָן אמתן ווערקשטאַט פאַר שניידעריי האָט ערשט איצט דער סעל־פּאָ געפּלאַנט אויפצושטעלן און דער איניציאַטאָר דערפון איז געווען דער קאַרקאָווער ייִד ר' אהרן עלקין.

פון אונדזער ערשטן צוזאַמענטרעף איז אָבער גאָרנישט געוואָרן, מחמת דעם וואָס דער סעל־פּאָ־פּרעדסעדאַטיעל האָט מיר פאַרגעשטעלט אַזאַ סטאַטוט: די שניידעריי מוז פאַרדינען ווינציקסטנס 1000 רובל אַ חודש, פון דעם דאַרף איך באַקומען 40 פּראָצענט, ד"ה 400 רובל. אַז מ'האָט פון דעם אַראָפּגערעכנט אַלע שטייערן ווי זאַיאָם (מלוכה־הלוואה). קולטור, פּראָפ־פאַריין, שפּאַר־קאַסע, עלטער־פאַרזיכערונג, א. אז. וו. איז געבליבן פאַר מיר פון 250 ביז 275 רובל, (קיינמאָל נישט מער). פאַר דעם האָב איך אויפן טאָלטשאָק, (מאַרק) געקאָנט קויפן נישט קיין גאַנצע צוויי קילאָ ברויט. איך האָב אויף דעם אויך מסכים געווען, נאָר מיט אַ תנאי, אַז כ'זאָל באַקומען אַ קילאָ ברויט אַ טאָג אויף סעל־פּאָ־פּרייז. סאַביראָוו דער פּרעדסעדאַטיעל איז באַשטאַנען נאָר אויף אַ האַלבן קילאָ ברויט. איז פונעם ערשטן צוזאַמענטרעף גאָרנישט געוואָרן. גייט אַזוי אַוועק עטלעכע טעג און דער פּרעדסעדאַטיעל לאָזט ווידער מיך רופן צו זיך. ער האָט זאָגט ער אַ נייעם פּלאַן, אַז אין דער „זאַיאַוולעניע" (ווענדונג), בכדי מ'זאָל מיך אָננעמען פאַרן מייסטער פונעם ביי־געפּלאַנטן שניידער־אַרטעל, זאָל איך אָנגעבן אַז כ'האָב אויך אַ ווייב מיט אַ קינד, וועמעז כ'דאַרף באַשפּייזן. דאָן איז ער אפילו גרייט מיר צו געבן מער ווי אַ קילאָ ברויט. איך האָב פון דאָזיקן פּלאַן קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט. איך האָב נישט קיין פרוי און כ'האָב נישט קיין קינדער, אפילו ווו דעם קאָפּ אוועקצולייגן האָב איך נישט. ביי אַזאַ לאַגע בלייבט אַ קילאָ ברויט מיין איינציקע שפּייז, כדי צו קאָנען לעבן און אַרבעטן.

פון דער צווייטער זייט ווידער האָב איך שוין גוט געקענט די

מאָראַל פון די סאָוויעטישע נאַטשאַלניקעס, אַז ווען ס׳וועט זיי איינפאַלן זאָלן זיי מיך קאָנען אַנקלאָגן פאַר שווינדל מיט ברויט אין מלחמה צייט: אַזאַ פּרעטעקסט האָב איך זיי נישט געקאָנט געבן. נישט איינמאָל אַז כ׳האָב געמוזט האָב איך געלייקנט, אַז כ׳האָב אין פּוילן געהערט צום בונד, און אויב עס וואָלט מיר געווען באַשערט אַז פאַר דעם זאָל מען מיך משפטן, וואָלט איך דאָס אָנגענומען באהבה: אַז מען זאָל מיך אָבער קאָנען משפטן פאַר שווינדל פאַר דעם האָב איך זיך געהיטן ווי פאַר פייער. געהאָלפן אָבער האָט דאָס מיר סיי ווי נישט, ווי מירן דאָס זען ווייטער. סוף כל סוף האָט דער סעל־פּאָ־באַלעבאָס איינגעווי־ליקט אויף אַ קילאָ ברויט אַ טאָג און איך בין מיט „מזל״, געוואָרן אָנ־געשטעלט אַלס מייסטער פון דעם פריש געבאַקענעם שניידער־ווערקשטאַטביים סעל־פּאָ.

מ׳האָט מיך „בכבוד גדול״, אַריינגעפירט אין אַ גרויסער ליימענער קיביטקע: און ראַסלעכאַדזשאַיעוו — אַ מיטלוווקסיקער און געפּאַקטער אוזבעק מיט צוויי קרומע פיס: מיט אַ שטענדיק נאַרישעוואַטן שמייכל אויפן באַבערדלטן פּנים, איז געוואָרן דער זאַווכאָז (באַלעבאָס) און ער האָט עס אויף מאָרגן אויף אָן אַרבאַ, (צוויי רעדערדיק אוזבעקיש וועגעלע), געשפּאַנט אין אַ אישאַק (אייזעלע), געברענגט דעם אמתן שניידער־טיש, צוויי מאַשינדלעך איינע נאָר אַ האַלבע אָן פּיס, צום דרייען דאָס רעדל מיט דער האַנט, און דריי אוזבעקישע מיידלעך, אַלטע אַרבעטערינס וואָס האָבן געהאַט אַזאַ באַגריף אין שניידעריי ווי איך אין לופט־פליעריי... די ערשטע פון די דריי, מאַליקאַ, אַ שיין אוזבעקיש מיידל, האָט געהאַט די אַמביציע צו ווערן אַ טענצערין, איז זי אַוועק אין אַ טאַנץ־שולע און דאָרט האָט זי נעבעך זיך אָפּגעמאַטערט אַ יאָר צייט און אַריינגעפאַלן צו אונדז אין דער שניידעריי וואָס אויך דאָ האָט זי אַרויסגעוויזן אַ גאַנץ קנאַפּן טאַלאַנט. די צווייטע איז געווען זאַריאַ, זי האָט שוין אפילו נישט געחלומט צו ווערן אַ טאַנץ־פּרימאַדאָנע. האָט מען איינע אַוועקגע־זעצט ביי דעם האַלבן מאַשינדל און די אַנדערע זאָל דרייען דאָס רעדל: וויפל כוחות מ׳האָט געדאַרפן אויסצולערנען זיי מאַכן אַ גלייכע נאָט פאַרשפאַר איך דאָ צו דערציילן! און מיט אָט דעם „חייל״ האָב איך עס געדאַרפן מאַכן שניידעריי „פּאָלסקי פאַסאָן״.

די דריטע איז געווען שאַריפאַט, ווען ס׳האָט דווקא געצויגן צו שניידעריי, און אפילו דאָס גאַנץ גיך תופס געווען אויך: זי איז אָבער געווען אַן אמתער אַרטיסטישער טאַלאַנט, איר קונסט איז באַ־שטאַנען פון אימיטירן יעדן איינציקן פון די אוזבעקישע נאַטשאַלניקעס: נאָכמאַכן זייערע תנועות און העוויות, ווי אַזוי ער גייט, און רעדט, ליגט אויף דער ערד און עסט מיט די הענט! עס איז געגוג געווען, אַז

זי זאָל עמעצן פון זיי זען — בלויז איינמאָל און שוין וועט זי אים פאַר אייך פאַרשטעלן אין זיין גאַנצער געשטאַלט! אַ סך פון זיי האָבן פשוט מורא געהאַט אַריינצוקומען אינעם ווערקשטאַט, אַז זיי זאָלן זיך „חלילה", נישט דערזען, אינעם שפיגל וואָס שאַריפּאַט וועט זיי ווייזן: דעם ערגסטן סוף האָט ביי איר געהאַט דער „קליגער", זאַווכאָז ראָסלע־כאָדזשאַיעוו! אויך אים אַליין דעם פּרעדסעדאַטיעל און אוזבעק סאָ־ביראָוון האָט זי נישט געשוינט און אויך ער האָט נישט איינמאָל זיך דערזען אינעם שפיגל ווי שאַריפּאַט האָט אים באַוויזן. אגב, איז מיט אים לאַנג שוין נישט אויסגעקומען צו אַרבעטן: באַלד נאָכדעם איז ער צוליב זיינע „גרויסע פאַרדינסטן", פאַרן סאָוויעטישן פאַטערלאַנד, דער עיקר צווישן ווייבערישן מין... באַשטימט געוואָרן פאַר אַ נאַ־טשאַלניק פון נ. ק. וו. ד. אין אַ גרעסערן ראַיאָנעם מקום; — און אויף זיין אָרט איז געקומען דער קאַזאַך אַבדעלאַיעוו: דער „נעבעך" איז גע־ווען אַ מטופל מיט אַ גרויסער צאָל קינדער פון אַ פּאָר ווייבער און סתם קרובים, ווען דער ווערקשטאַט האָט כּסדר געמוזט באַדינען, דערפאַר אָבער האָט ער געמוזט זאָרגן, אַז די אַרבעטער זאָלן באַקומען זייער ברויט־נאָרמע, אויב ס'איז פריער נישט געווען קאָידע, (פאַרברענט ד"ה, צעגנבעט).

אַז אַלץ איז שוין מיט „מזל" געווען איינגעשטעלט איז געקומען דער זאַווכאָז, (דער פאַרוואַלטער איבערן באַלעבאַטישקייט), אַז נישט אַנדערש, נאָר כ'זאָל אים אונטערשרייבן, אַז — פאַר אַלץ, וואָס געפינט זיך אינעם ווערקשטאַט: פאַר די „מאַשינען", פאַרן מעבל משטיינס געזאָגט, פאַר די סחורות, אפילו פאַר דער פאַרזשאַווערטער קיך צום באַהייצן דעם ווערקשטאַט: פאַר דעם אַלעם דאַרף איך דאָס, אַלס מייס־טער זיין פאַראַנטוואָרטלעך. פאַר רוסלאַנד האָב איך שטענדיק געהאַט איין טענה וואָס האָט נישט איינמאָל מיך געראַטעוועט! יאָ ניע גראַ־מאָטני, (איך קאָן נישט שרייבן)... איך בין, האָב איך געטענהט, בלויז אַ שניידער, און איך דאַרף נאָר זען אַז די אַרבעט זאָל זיין גוט געמאַכט. אַזוי איז די אַרבעט אַוועק אויף אַ וועג; קיין קליענטן האָבן נישט געפעלט, דער שם פונעם ווערקשטאַטל איז געוואַקסן — אַ קלייניקייט צו זאָגן, אַ וואַרשעווער שניידער און פּאָלסקי פאַסאָן...

אין אַ שיינעם טאָג איך זיץ אַזוי ביי מיין אַרבעטס־טיש, עס עפנט זיך די טיר פונעם ווערקשטאַט און עס באַווייזט זיך דער קאָפּ פון סאָ־ביראָוון דער פריערדיקער פּרעדסעדאַטיעל פון סעל־פּאָ וואָס מיט אים האָב איך געשלאָסן דעם אָפּמאַך צו עפענען אַ שניידעריי. מייסטער — טוט ער צו מיר אַ רוף, אידי סודאָ! (מייסטער קום אַהער). ווי ס'איז מיר דעמאָלט געוואָרן אויפן האַרץ, דאַרף איך דאָכט זיך דאָ נישט דערציילן,

וואָרעם וואָס קאָן איצט סאַביראַוו דאַרפן פון מיר? ער איז דאָך שוין איצט אַ מיליטער־מענטש אָבער אַז דער נאַטשאַלניק פון נ. ק. וו. ד., רופט גייט מען: הינטער אונדז פאַרמאַכט ער באַלד די טיר, ערשט פאַר מיר שטייט ער אַן אויסגעפּוצטער אין זיינע בגדי נ. ק. וו. ד., באַהאַנגען מיט מעדאַלן, אויף זיין אויסגעשטאָפּטער ברוסט, (וואָס ער האָט שוין באַוויזן זיך צו דערדינען מיט צוויי רייען ווי גאָלד־גלאַנציקע קנעפּ און אַ פּאָר ברייט־ברעטלדיקע שליפעס אויף די אַקסלען.

„סלושי קאַלמאַן (הער קאַלמאַן), זאָגט ער צו מיר מיט אַ באַזונדערס שטילער שטימע, ביי מיר איז דאָ אַן אַטרעז (קופּאָן) שטאָף אויף אַ פּאַלטאָ (מאַנטל), און דו דאַרפסט אים מיר מאַכן, אָבער אַזוי אַז קיינער טאָר פון דעם נישט וויסן...״ צו וואָס דאַרף איצט אָבער סאַביראַוו אַ ציווילן ווינטער־מאַנטל? ביי מיר אָבער איז דערוויל אַראָפּגעפאַלן אַ שטיין פון הארצן, מילא פאַרפאַלן, אַבי נאָר כ׳וועל האָבן אָפּגעקומען מיט אַן אומזיסטן מאַנטל: — אָבער ניין, כאַפּט זיך באַלד סאַביראַוו, אַז ער האָט מיר נאָך עפּעס צו זאָגן — וואָס? איך האָב — זאָגט ער שטאָף — אויף נאָך איין מאַנטל — האָב נישט מורא, זאָגט ער ווייטער, זי וועט באַצאָלן, נאָר געדענק אַז זיי... טאָרן וועגן דעם נישט וויסן. און ווי ער וואָלט גאָר איינגאַנצן געהאָט פאַרגעסן, האָט ער מיטאַמאָל זיך אַ כאַפּ געטאָן און טוט צו מיר אַ זאָג — ווייסטו גאָר וואָס? ביי מיר איז אויך דאָ צו מאַכן אַ קאָסטיום (אַנצוג), זי וועט פאַר אַלעם באַצאָלן...

ווער איז דאָס די זי, וואָס וועט פאַר אַלעם באַצאָלן? דאָס איז זיין דולצינעאַ אוגל־דזשאַן, אַ פאַרקויפערין אינעם מעל־קרעמל (לאַראָק), וואָס דאַרף באַשפּייזן אַ 30 טויזנט־קעפּיקע באַפעלקערונג פון 9 קאַלכאָזן, וואָס זענען אַנגעשלאָסן אין דאָרף סייראַם. מיר האָט זי טאַקע באַצאָלט פאַר מיין אַרבעט מיט אַ פּאָר קילאָ מעל. ווי ס׳האָט זיך אָבער שפּעטער אַרויסגעוויזן בין איך נישט געווען דער איינציקער, וועמען זי האָט באַצאָלט סאַביראַווס חובות מיטן דאָזיקן מעל!. דאָס געריכט האָט באַוויזן, אַז בלויז אין איין חודש האָט זי געפּטרט 500 קילאָ מעל... און אין מלחמה־צייט ווערט מען לויטן סאָוויעטישן געזעץ פאַר פאַרשווענדן בפרט אַזוי פיל ברויט פאַרמשפּט צו טויט־שטראָף, אוגל־דזשאַן אָבער האָט געהאַט מזל, וואָס זי איז געווען סאַביראַווס געליבטע. און נאָך קוים עטלעכע חדשים תפיסה האָט זי ווידער זיך באַוויזן אינעם זעלבן קאָלכאָז.

ראַסלעכאַדזשאַיעוו, איז געווען דער דירעקטאָר פון אַ גאַנצער ריי אונטערנעמונגען. אויך מיין באַלעבאָס איז ער געווען, און כ׳מוז מודה זיין, אַז מיט אים האָט פּראַוויטעלסטוואָ (די רעגירונג), געטראָפן: אין מיליטער האָט מען אים נישט גענומען, כאָטש צו אַלט איז ער נאָכנישט

געווען, ביי די 40 יאָר: איז אָנשטאָט אויפן פּראָנט האָט מען אים אוועקגעשטעלט היטן גאָסודאַרסטווענע (מלוכיש) פאַרמעגן. נו, היט ער און אָט ווי אַזוי: איינמאָל איז ער געקומען אין דער שניידעריי מיט וועלכע איך האָב אָנגעפירט און געברענגט 350 מעטער לייוונט וואָס פון דעם האָט מען געדאַרפט מאַכן וועש פאַר די פראָנט־זעלנער. אַ קבלה־צעטל אָבער פאַרלאַנגט ער נישט פון 350 מעטער, נאָר פון 400 מעטער, דעם שניידערשן יותר פון 50 מעטער לייוונט, האָט ער שוין פון פריער געהאַט אַראָפּגענומען, ער האָט פאַרשטייט זיך אַזאַ קבלה־צעטל נישט באַקומען, האָט ער דערפאַר מיר צוגעוואָרפן דאָס בייזע ווערטל. „טי סאָפּסעם פּלאָכוי טשעלאָוועק!" (נו דו ביזט שוין אינגאַנצן אַ שלעכטער מענטש), איך האָב פאַרשטייט זיך דעם קאָמפּלימענט אָנגענומען!

ווי גרויס עס איז די מאַכט פון אַ פּאָליציייִשן קנעפּל אין סאָוויעט־רוסלאַנד דאַרף מען דאַכט זיך היינט שוין קיינעם נישט דערציילן. נאָר אָפּט האָב איך צוליב מיין אַרבעט געהאַט דאָס צווייפלהאַפטע פאַרגעניגן מיט זיי זיך צו באַגעגענען פּנים אל פּנים, און ווי לאַנג איז עס דען אַז איך האָב באַנייט און באַקליידט אים, זיין ווייב, זייערע קינדער, און זייערע משפּחות אַלץ אויפן חשבון פונעם קאָלכאָז און פון דער מלוכה, אויסגעשלייערט זיי ווי ברייַנדעלע צום גט. אויף אַ ווייטערדיקער באַשטעלונג אָבער האָט ער געדאַרפט אַ ביסל וואַרטן און מיטאַמאָל גיט ער אַליין דער סאַמאָראַדנער פּאָליציי־קאָמענדאַנט מיט רוגזה זיך אַ שטעל אַריין אין דער שניידעריי.

„מייסטער, טוט ער צו מיר אַ געשריי, אידי סודאַ!" (מייסטער אַהער קום), און פירט מיך אַרויס היגטער דער וואַנט... אַזוי אַז אַלע אַנדערע זאָלן עס נישט הערן און טוט צו מיר אַ ריטש אין אויער: „טי זנאַיעש? די סאָפּסעם פּלאָכוי סאָוויעטסקי גראַזשדאַנין, טעביע נאַדאַ סודיט, אי סודיט" (דו ווייסט? דו ביסט אַן אַבסאָלוט שלעכטער סאָוויעטישער בירגער, דיך דאַרף מען משפּטן און אַריינזעצן אין תפיסה). אָפּגעזאָגט דעם פּזמון און אויסגעהערט מיין ענטפער אַז איך בין בכלל נישט קיין סאָוויעטישער נאָר אַ פּוילישער בירגער איז ער אַן אויפגעצאַרנטער גיך אַוועק, ער וואָלט מסתמא געהאַלטן וואָרט און מיך אַריינגעזעצט אויך. פאַרוואָס וואָלט ער שוין מסתמא געפונען, ווען נישט דאָס וואָס גראָד האָט אַ גרעסערער שישקע פון אים צו מיר געזאָגט פּונקט דאָס פאַרקערטע אַז מיך דאַרף מען נאָר פרעמירן... אַזוי קומט פאַר אַן אייביקער געראַנגל צווישן אָט דער חברה, אייביק זענען זיי מקנא און זענען חושד אַז פאַר אַנדערע האָט מען געמאַכט מער, בעסער, און שנעלער...

דאָס קינדערהויז ב׳ 6, איז געווען אַ הויז בלויז פאַר מיידלעך פון

דעם עלטער וואָס מ׳קאָן זיי שוין נישט האַלטן פאַר קינדער אָבער נאָכ־נישט פאַר קיין דערוואַקסענע. זייער הויז איז געווען גענוג ווייטלעך פון אונדז און דאָך האָבן אויך זיי זיך דערוווּסט וועגן דער שניידעריי וואָס איז פאַראַן ביים סעל־פאַ אין סייראַם. איז איינמאָל האָט מען געשיקט מיך רופן צום דירעקטאָר פון יענעם הויז ווו ער האָט מיר פאָרגעשלאָגן אַ באַשטעלונג צו מאַכן 60 מיידלשע העמדער. איך געדענק שוין היינט נישט וויפל סחורה איך האָב אויף דעם באַקומען. איך האָב נאָר געדאַרפט צושטעלן די 60 באַשטעלטע העמדער.

מיר זענען דורכגעקומען וועגן אַלע באַדינגונגען וואָס די שניידעריי האָט געהאַט רעכט צו באַשטימען. אויך אַ מאָדעל פון אַ העמד האָב איך באַקומען און אַ צוזאָג ווי אַ מתנה אַ פּאָר פּאַרציעס ברויט פאַר די אַר־בעטער וואָס וועלן מיט די העמדער זיך באַשעפטיקן. ווען כ׳האָב אָבער צוגעשניטן די 60 העמדער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מיר בלייבט אַן עודף אויף נאָך אַ פּאָר העמדער. פאַר מיר איז דאָס געווען נאַטירלעך אַז איך זאָל די סחורה צעשניידן און מאַכן פון דעם העמדער וויפל עס לאָזט זיך. און אַז איך האָב אָפּגעגעבן די באַשטעלונג און אָנשטאָט 60 האָב איך געבראַכט 63 העמדער האָט מען דאָרט אויף מיר געקוקט ווי איך וואָלט געקומען פון נישט קיין נאָרמאַלער וועלט און יענער דירעקטאָר האָט מיר צוגעוואָרפן דאָס גוטמוטיקע ווערטל: טשודאַק!...

דער שם איז אויך דערגאַנגען צום הויז פון רוסישע טויב־שטומע קינדער, ווו פאַרוואַלטער איבערן באַלעבאַטישקייט איז דאָ געווען דער אין ביאַליסטאָק געבוירענער ייִד משה איוואַנאָוויטש. אין אַ געוויסן טאָג האָט אין ווערקשטאַט זיך אַריינגעשטעלט די מאַדאַם לייזעראָוויטש, אַ ייִדישע פרוי פון אַ רומעניש שטעטל, באשר זי וויל אָנקומען אין דער שניידעריי, מיט וועלכן איך פיר אָן. אין די נעכט איז זי אַ היטערין פון זעלבן רוסישן קינדער־הויז און ווי אַזאַ באַקומט זי דאָרט אויך עסן, אָבער ס׳איז פאַר איר נישט גענוג, זי הונגערט! אוודאי איז זי אין פאַר־גלייך מיט די אוזבעקישע מיידלעך געווען אַ מייסטערין. נו, האָב איך איר געהאָלפן אָנקומען אין ווערקשטאַט, ווו זי האָט ווי אַלע אַר־בעטער באַקומען אַ האַלבן קילאָ ברויט אַ טאָג. זי האָט מיט זיך אויך געהאַט אַ טאָכטער פון אַ יאָר 13—14. כאָטש אין שניידעריי האָט זי גאָרנישט געוווּסט צו טאָן, האָב איך אויך איר געהאָלפן דאָ זיך איינ־אָרדענען, און אויך באַקומען אַ האַלבן קילאָ ברויט אַ טאָג — פאַר יענער צייט איז דאָס גאָרנישט געווען אָפּצושאַצן. ס׳האָט אויך געטראָפן, אַז עמע־צער פון די נאַטשאַלניקעס האָט נאָכן פאַרענדיקן זיין אַרבעט געבראַכט אַ מתנה, אַ ביסל מעל, אַ ביסל קאַרטאָפל, אָדער אַ ביסל אַרבעס. פון דעם האָב איך שטענדיק געגעבן אַ טייל פאַר דער ייִדישער מאַמע מיט

דער טאַכטער, געווען אַפּילו פֿאַלן ווען זי האָט זיך געבערענגט אַ זייטיקע אַרבעט. האָט זי דאָס אויך אָן אַ שום אָנשטרענגונג געקאָנט מאַכן אינעם ווערקשטאַט — און דאָס איז געווען איר ריווח.

פֿאַרן ממונה איבער דער קאַסע פֿון דער שניידערײַ האָט אַבדעלאַיעוו אָוועקגעשטעלט אַליאָשען זײַן שוואָגער אַ קאַזאַך וואָס האָט זיך משנה־שם געווען אויף רוסיש. און אויף דעם אָרט מוז איך זיך מודה זײַן — איך מיין, אַז הײַנט מעג איך עס שוין! אָט דער ממונה אַליאָשאַ, פֿלעגט פֿון צײַט צו צײַט נישט פֿאַרשרײַבן אַ שטיקל אַרבעט. לאָמיר זאָגן פֿאַר אַ הונדערטער — און דערבײַ אַ זאָג געטאָן: „מיר 40 דיר 60! יאָכשי!?״ (גוט?) פֿון די 60 רובל האָב איך שטענדיק געגעבן דער לייזעראָוויטש 20, און גוט איז עס געווען פֿאַר אַלעמען, ווײַל אַלע האָבן עס נעבעך נויטיק געדאַרפֿט...

אין איינעם אַ טאָג איז פֿונעם זעלבן רוסישן קינדער־הויז געקומען אין ווערקשטאַט אַ ייִדישע לערערין מיט אַ מענטעלע, וואָס האָט צוזאַמען מיט דער אייגנטימערין דורכגעמאַכט דעם גאַנצן ליידנס־וועג פֿון אַ ביעזשעניעץ, און שוין נישט געהאַט קיין גאַנץ אבר, „און אַז ס׳איז אין דעם שוין נישט געווען קיין ברעקעלע טוך״, (ווי ס׳זינגט דאָס פֿאָלקס־לידל) פֿאַרשפּאַר איך דאָ מאריך צו זײַן, אָבער אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָט מען אויף דעם געמוזט קוקן מיט גאָר אַנדערע אויגן. און נאָכן באַטראַכטן עס פֿון אַלע זײַטן האָט דער „פּראָלעטאַריאַט״, פֿון ווערקשטאַט געפּסקנט, אַז מ׳וועט דאָס מענטעלע מוזן איבער־ניצעווען, און די לעכער אונטער־שפּאַרן מיט וואָס ס׳וועט זיך לאָזן, און אַזוי האָבן מיר געטאָן. די לערערין האָט אָפּגענומען דאָס מענטעלע, באַצאָלט דעם חשבון און אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע אַרבעטן וואָלט מען אויך אין דער אַרבעט געהאַט פֿאַרגעסן!

אָבער נישט פֿאַרגעסן האָט עס די מאַדאַם לייזעראָוויטש, וואָס איז געווען אַ קינדער־וועכטערין אין די נעכט, געאַרבעט שניידערײַ אין די טעג, און געהאַט האָט זי נאָך אַ דריטע פֿעיִקייט, געקאָנט צוזאַמענפּירן אַ וואַנט, מיט אַ וואַנט, אַראָפּברענגען דעם הימל צו דער ערד — דאָ האָט זי ממש באַוויזן מייסטערשאַפֿט: יעדן טאָג איז זי געקומען מיט אַן אַנדערע מעשה: איינמאָל אַז די ייִדישע לערערין פֿון פּוילן רעדט גאָר שטאַרק פֿון מיר, און וויל גאָר שטאַרק זיך באַקענען מיט נאָך אַ מענטש וואָס איז פֿון פּוילן, אַן אַנדערש מאָל האָט זי דערציילט, אַז וואָס שייך מיר גייט זי ממש אויס מיט מיר זיך צו באַקענען. און פֿאַר דער לע־רערין ווידער האָט זי דערציילט פּונקט דאָס פֿאַרקערטע וועגן מיר: אַז דאָס גיי איך גאָר אויס צו באַקענען זיך מיט דעם מיידל...

אַז דאָס אַלץ האָט זיך נישט אָנגעהויבן פֿאַרשפּאַר איך דאָ צו דער־ציילן. נישט די לערערין האָט גערעדט פֿון מיר, און נישט איך האָב

געדעדט. נישט דאָס מיידל איז אויסגעגאַנגען און נישט איך בין אויסגע־גאַנגען, ווער האָט עס אין יענער צייט בפרט אין רוסלאַנד געקאָנט אויס־גיין איינער פאַרן אַנדערן ? און אין דעם מעמד ווי איך בין געווען, איז ווער וואָלט נאָך מיר געקאָנט אויסגיין ?... אָבער אַלע אונדזערע פּראַ־טעסטן האָבן נישט געקאָנט אָפּשטעלן איר באַרעדעוודיקייט! סוף כל סוף האָט די מאַדאַם לייזעראַוויטש פּאַרט באַוויזן צוזאַמענצופּירן אָט די „צווײ װענט", און כ'מוז מודה זיין, אַז כאָטש נאָך אַזוי פיל יאָרן האָב איך נישט קיין סיבה צו האָבן חרטה אויף דעם צוזאַמענטרעף. די ייִדישע לערערין פון פּוילן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ גאָר גוטער מיטשמוסערין, בפרט, אַז זי איז געגאַנגען אין אַ זייט פון די אַלע, וואָס זענען געווען גוט באַהאַוונט אין אַ פּלאַטקעלע, אַ רכילותל, און אַזעלכע האָבן אויך דאָרט „חלילה" נישט געפעלט, און די לעצטע זאַך: זי איז דאָך אַ ייִדישע לערערין.

אַ ייִדישער לערער! וויפל שיינע און האַרציקע געפילן האָבן מיר אין ייִדישן וואַרשע געטראָגן און טראָגן נאָך צום דאָזיקן הייליקן שבט, וואָס אַזאַ גרויסע צאָל פון זיי האָב איך אַזוי גוט געקענט. און אָט האָב איך אינעם ווייטן פרעמד פאַרוואָרפענעם רשעותדיקן סאָוויעטן־לאַנד, ווי־דער געטראָפן אַ לערערין, אַ קליינער איבערבלייב פונעם גרויסן הייליקן שבט. לערנט זי אין אַ רוסישער שול מיטן זעלבן הייליקן ציטער און פּירט אַ זעקסטן קלאַס פון טויב־שטומע קינדער, וואָס נעמען זי אַרום מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט און ליבע ווי נאָר שטומע באַשעפענישן קאָנען דאָס.

און אַזוי באַגעגענענדיק זיך אָפּטער און אָפּטער האָבן מיר פאַר־בונדן אונדזער לעבן, און שוין אין סאָוויעטישן מדבר האָבן מיר באַשלאָסן, צו מאַכן עס בעסער, שענער, און אויפהערן צו הונגערן — אויך גייסטיק. האָבן מיר קודם־כל זיך געדונגען אַ כאַטקעלע, אַן אייגן ווינקעלע. וועגן לייענען ביכער איז דאָך נישט געווען קיין פראַגע. איין באַנד בלויז „דור איין — דור אויס", פון פּרץ מאַרקיש איז צו אונדז אַריינגעפאַלן האָבן מיר באַין ברירה אויסגעשריבן די „איינציקייט", באַצאָלט פאַר אַ יאָר פאַרויס און אויך זעלטן זי באַקומען. כאָטש מיר האָבן פון דעם גאָרנישט פאַרלוירן. וואָרעם ס'איז געווען אַ פּשוטע איבערחזרונג פון דער „פּראַוודאַ" אויף ייִדיש וועגן די גוואַלטיקע „נצחונות" פון די קאָל־כאָזן — מער נישט ס'האָט זיך געבענקט נאָך אַ ייִדיש אות!..

האָבן מיר זיך גענומען דערציילן וועגן אַלע אונדזערע איבערלע־בונגען זינט מיר זענען אַרויס, מיין פרוי פון איר שול־אַרבעט, און איך פון וואַרשע, אָנהויבנדיק פון זעקסטן טאָג מלחמה ביז איך בין געקומען

פון די לאַגערן, דאָס איז געווען אַזוי צו זאָגן אַ תורה שבעל־פה, פון וואָס ס'איז שפּעטער אַרויסגעקומען אונדזער בוך.

און אַז ס'האָט זיך גערעדט, אַז מיר וועלן שוין קאָנען אַ ביסל פרייער אָפּאָטעמען, האָבן אַ ביסל מנוחה, האָט מיטאַמאָל זיך אָנגערוקט אַ נייע צרה...

פּלוצלינג אַ פּריקאַז (באַפעל) צו אונדזער ווערקשטאַט, וואָס מוז אויספירן אַ מיליטערישע באַשטעלונג, פון אַ קלייניקייט נישט מער ווי 300 פּאָר וועש העמדער און גאַטקעס, די פּרייזן ? סאָוויעטישע, קיין רווח וועט דער ווערקשטאַט פון דעם שוין נישט מאַכן. אָבער באַפעל, איז באַפעל, און מיר מוזן דאָך אויך זיין פּאַטריאָטן! די אַרבעט שוין גע־שניטענע, בלויז דאָס ציילן די שטיקלעך האָט ביים ווערקשטאַט פאַר־נומען דעם גאַנצן טאָג, אָבער אַלץ שטימט, אַלץ איז ריכטיק. אויך די פּרייזן זענען שוין באַשטימט פון פריער און נישט צו ענדערן. דער מייס־טער האָט באַדאַרפט פון דעם באַקומען 70 פּראָצענט, און אַלע אַרבע־טער צוזאַמען נאָר 30 פּראָצענט. איך, אַלס מייסטער האָב געהאַלטן, פּונקט פאַרקערט, אַז פאַרן מייסטער וואָס דאַרף נאָר צוהיטן די אַר־בעט זאָל זיין גוט געמאַכט, וועט זיין גענוג 30 פּראָצענט, און די אַר־בעטער וואָס מוזן די אַרבעט אויספירן, זיי דאַרפן באַקומען 70 פּראָצענט. אוודאי האָבן אַלע געקוקט אויפן מייסטער ווי ער וואָלט געווען נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען, דאָרט איז מען געוווינט אַז די מייסטערס וואָס זענען אויך די הערשער נעמען צו אַלץ! און די אַרבעטער מוזן שווייגן, איצט אָבער איז עס געבליבן ווי דער מייסטער האָט געזאָגט. דאָ אָבער האָב איך שוין געמוזט אונטערשרייבן און בין בכבוד גדול אַדורכגעפאַלן!...

איך האָב די אַרבעט צעטיילט צווישן די אוזבעקישע מיידלעך ווי אויך צו דער ייִדישער פרוי לייזעראָוויטש. נישט מיטאַמאָל האָב איך די אַרבעט זיי געגעבן, עס איז דאָך עפּעס געווען שטיקלעך פון 300 פּאָר וועש און זיי וועלן דאָך אין דעם דערטרונקען ווערן. און ס'איז געקומען צו די לעצטע אַרבעטן, וואָס מ'האָט שוין צום סוף גערדאַרפט צעטיילן, און די אַרבעט פאַרענדיקן, דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט דאָס גרויסע אומ־גליק: אַז עס פעלן קרוב צו 60 שטיקלעך — וואָס צוזאַמען האָט עס געמיינט 17 פּאָר גאַטקעס. עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלן ווי איך האָב דעמאָלט זיך דערפילט. אַ קלייניקייט צו זאָגן אַ מיליטערישע באַשטע־לונג און ס'פעלן 17 פּאָר גאַטקעס אין מלחמה־צייט אין סאָוויעט־רוסלאַנד...

און געשען איז אָט וואָס: יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט פלעג איך צוזאַמען מיט מיין פרוי גיין זיך זען מיט ייִדן. פאַרמאַכט דעם ווערקשטאַט און אַוועק. איינמאָל זאָגט צו מיר די פרוי לייזעראָוויטש, אַז כ'זאָל איר

לאָזן דעם שליסל און זי וויל מאַכן נאָך עפּעס אַ זייטיקע אַרבעט, כדי נאָך עפּעס צו פאַרדינען. איז וואָס האָט עס מיר געקאָנט שאַדן, אַז אַ ייִדישע פרוי וועט זיך נאָך עפּעס פאַרדינען? איז אַזוי אַוועק איין אָוונט — און נאָך אַן אָוונט, און יעדעס מאָל מיטגענומען צו עטלעכע שטיקלעך לייוונט. מאַכן פון דעם עפּעס, האָט זי נישט געקאָנט, סיידן אַ לאַטע. צוזאַמען איז דאָס אָבער געוועזן 17 פּאָר גאַטקעס. כ׳האָב וועגן דעם געמאָלדן מיינע באַלעבאַטים. זיי ווידער האָבן דאָס איבערגעגעבן צו דער מיליץ. דאָס ערשטע וואָס די מיליץ האָט געזוכט איז געוועזן אַן אייַנ־ברוך־צייכן, אַ סימן אַז די גנבה איז געקומען פון דרויסן. דאָס האָט דאָך נישט געקאָנט זיין, מחמת די לייזעראַוויטש האָט געהאַט דעם שליסל און דאָס האָב איך דאָך נישט געטאָרט דערציילן, מ׳וואָלט דאָך זי תיכּף אַרעסטירט! אַן אַנדערש מאָל וואָלט איך אָפּגעקויפט 17 פּאָר גאַטקעס און פּטור. האָב איך דאָס אָבער נישט געטאָרט טאָן, וואָרעם ווו האָב איך גענומען אַזוי פיל געלט אָפּצוקויפן אַזש 17 פּאָר גאַטקעס? זענען מיר אַזוי, איך און מיין פרוי, חדשים לאַנג אַרומגעגאַנגען אין טויט־שרעק. אָט האָט לעבן מיר אינעם שוסטער־אַרטעל געפעלט אַ פּאָר שטיוול און דער נאַכט־וועכטער האָט פאַר דעם געקריגן דריי יאָר שווערע תפיסה. שלאָפן אין דער היים האָב איך שוין מורא געהאַט. אַנטלויפן ווידער האָב איך אויך מורא געהאַט. ווער קאָן זיך דאָס פאַרשטעלן דעם גייסטיקן צושטאַנד אין וועלכן מיר האָבן דעמאָלט זיך געפונען?...

אַזוי זענען מיר לאַנגע חדשים אַרומגעגאַנגען ממש אין טויט־שרעק ביז איינמאָל פּלוצלינג, איז פונעם ראַיאָן אַראָפּגעקומען דער סאַמע דירעקטאָר פון צענטראַלן פּראָמישעלני, (אינדוסטרי) קאָמבינאַט. אַריינ־געפירט מיך אין אַ חדר מיוחד און פאַרפירט מיט מיר אַ לאַנגן שמועס, וואָס באַלד אין די ערשטע מינוטן האָב איך דערפילט, אַז ער איז נישט געקומען אויף אַן אויספאַרשונג ווי אַ פּראָקוראָר — נאָר ווי אַ טייערער, האַרציקער ייִד, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אין גאַנג פון אונדזער שמועס. זיין נאָמען איז געוועזן: באַריס מאָסעיעוויטש. מיר זענען אַזוי געזעסן שעהען, איך האָב פאַר אים געמוזט אויסוויקלען אַ פול בילד פון ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן אין וועלכן אויך איך בין געוועזן אַ באַשיידן שרייפעלע. כ׳האָב פאַר אים אויך נישט געקאָנט באַהאַלטן, אַז כ׳האָב אין פּוילן געהערט צום בונד. און אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד וויל איך נאָר איבערלעבן די מלחמה־זאַווערוכע. און כ׳וואָלט דאָך פּשוט געדאַרפט זיין משוגע צו גנבענען 60 שטיקלעך צעשניטענע לייוונט, וואָס צוזאַמען וואָלט איך פון זיי קיין איינציקע פּאָר גאַטקעס נישט געקאָנט אויפשטעלן. איך האָב אים אויך דערציילט אַז איך בין נאָר אַ קרבן פון רחמנות צו אָט דער ייִדישער פרוי, וואָס האָט זיך יאָ

געקוואָפּעט אויף די פּאָר שטיקלעך וואָס פאַר דער מיליץ האָב איך עס דאָך נישט געקאָנט דערציילן, וואָס וואָלט פאַר איר און אפשר אויך פאַר מיר געווען אַן אומגליק.

נאָך אונדזער לאַנגן שמועס האָט דער דירעקטאָר פון צענטראַלן פּראָם־קאָמבינאַט — דער ייִד באַריס מאסעיעוויטש אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, לאַנג זיך פאַרטראַכט, (ווער קאָן וויסן וועגן וואָס ר'האָט געטראַכט), נאָכדעם אויסגעשטרעקט צו מיר זיין וואַרעמע האַנט, לאַנג זי געדריקט און האַרציק מיט מיר זיך געזעגנט, שטרענג מיר באַפוילן אַרויסצולאָזן דעם גאַנצן פיינלעכן ענין פון קאָפּ, און זיך באַרויִקן, און איז אַוועק. מיט דעם איז דער ענין וואָס האָט מיר פאַרשאַרפט אַזויפיל שרעק געווען געענדיקט.

## די פאַריתומטע פידל *

אַ קנויל פון מענטשן צוזאַמענגעדרעגטע, צונויפגעטוליעטע. צווישן זיי, — קינדער, קינדער וואָס וויינען שוין נישט, נאָר קרעכצן ווי אַל־טע לייט. מאַמעס, אויסגעלאָשענע, אויסגעזויגענע פון יעדן ביסל חיות. אויגן, אויגן, ווי פינצטערע תהומען, אין וועלכע עס זעט זיך נישט קיין היינט און נישט קיין מאָרגן.

אַנטלויפן פון דעם גיהנום! כ'קאָן עס מער נישט איבערטראָגן, אַרויס פון דעם גיהנום, אַרויס! אָבער ווי אַזוי? ווּהין? אַ נפקא מינה ווּהין, אַבי אַרויס פון דעם גיהנום. אָט גייט אַ באַן. מען מוז אַריין. אָפּגעפאָרן אַ שטיקל וועג — סטאָפּ! זי גייט נישט ווייטער. מען איז אַרויס פון באַן און אַוועק מיטן וועג. ווי לאַנג בין איך אַזוי געגאַנגען? אפשר אַן אייביקייט?

איך דערזע אַ שטיין. עס ווילט זיך דאָ אַוועקלייגן דעם קאָפּ און זאָל זיין וואָס עס וויל. דער שטיין ציט מיך ממש צו. ווי לאַנג בין איך אַזוי געלעגן ווייס איך נישט. אויפגעוועקט האָט מיך אַ קול, וואָס איז געקומען צו מיר ווי פון זייער ווייט:

„טייערינקע, קום! הייב זיך אויף! מיר וועלן דיך אַוועקפירן צו ייִדן, וווּ דו וועסט זיין זיכער און וועסט זיך אויסרוען און קומען צו די כוחות.” איך הער די רייד, מיינע אויגן־דעקלעך הייבן זיך קוים קוים

---

*) דאָס דאָזיקע קאַפּיטל און דאָס ווייטערדיקע איז געשריבן דורך חיה גאָלד־וואַסער־לעווין.

אויף און פאַלן שווער צוריק. פאַר מיר שטייען צוויי רוסישע מיידלעך. פאַרוואָס ? פאַרוואָס דווקא צו יידן ווו עס איז זיכערער ? פּרוביר איך וועלן באַנעמען.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין אַ בעט. פון דער אָקעגנאַיבערדיקער ווייס־געקאַלכטער וואַנט איז געהאַנגען אַ פידל. פון וואַנען קום איך אַהער ? יאָ, איך דערמאַן זיך : צוויי מיידלעך. בין איך מיט זיי געגאַנגען ? האָבן זיי מיך געטראָגן ?

איצט געפין איך זיך אין אַ ווייס בעט, אין אַ צימער, און אויף דער קעגנאַיבערדיקער וואַנט הענגט אַ פידל און זי קוקט צו מיר.

ווו איז עס געשען ? דעם נאָמען פון שטעטל, די נעמען פון די האַרציקע יידישע מענטשן, וואָס האָבן מיך אַרומגענומען מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט, שוין פאַרגעסן, פאַרגעסן. נאָר די פידל אויף דער ווייס־געקאַלכטער וואַנט הענגט נאָך אַלץ פאַר מיינע אויגן. איך הער איר שטום געוויין : פאַרוואָס, פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן, איך בין דאָך אַזוי איינזאַם און עלנט.

פיינלעך־שווער זענען די פרימאַרגנס און אַנגסטיק־טרויעריק די אָוונטן. „דיינע פינגער, וויינט די פידל — דיינע פינגער, זייער באַריר וויל איך דערפילן. קום, קום צוריק". די נאַקעטע, פוסטע און ווייס־געקאַלכטע ווענט וויינען מיט איר מיט. דאָס צימער, די גאַנצע שטוב איז דאָך געווען פול מיט אים, דעם פידלער, און איצט איז פוסט און וויסט די גאַנצע שטוב. אַ פיינלעכע שטומעניש, ווי אַ שווערער באַרג, שווערט און דריקט אויף אַלץ און אַלעמען.

אויפן קאָמאָד שטייט זיין בילד, און די פידל אויפן וואַנט עלנט און פאַריתומט. אין בענקשאַפט נאָך זיין באַריר. האָט איר שוין געהערט דאָס יאָמערן פון אַ פאַריתומטער פידל אויף אַ פוסטער וואַנט ? ס'איז אַ געוויין איבער אַלע געוויינען, אַ טרויער און צער צעררייסן און צע־פליקן אייער נשמה אין אייער אומבאַהאָלפנקייט.

זיין מאַמע קומט אָפט צו מיר אַריין מיט שטילע טריט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט עמעצן אויפצוּוועקן. דאָס איז דאָך דאָס צימער פון איר זון. „דו וועסט זען — רעדט זי צו מיר — ער וועט קומען, מיין זון, מיין זון וועט קומען. ער איז הויך און שיין ווי אַ סאָסנע. צעקלינגען וועט די גאַנצע שטוב מיט זיין שטים".

ועמען וויל טרייסטן די אָרעמע מאַמע ? מיך ? צי אפשר גאָר די פידל ?

זיין מאַמע איז איינע, פון די וואָס פון אירע אָרעמס איז דאָס טייערסטע פּלוצלינג אַרויסגעריסן געוואָרן. איז זי אַזוי געבליבן מיט צונויפגעפלאָכטענע הענט. אויך זיין טאַטע קומט אָפט צו מיר אין צימער,

מיט פעסטע טריט. ער רעדט צו מיר מיט האַרץ: „דו וועסט זען, ער וועט קומען און אַלץ וועט זיין גוט. מיר וועלן דיך מיטנעמען אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער. מיר וועלן די דייטשן איבערלעבן. גיי נישט אַוועק, בלייב דאָ מיט אונדז.

ווו איז דאָס געווען? פאַרגעסן, פאַרגעסן דעם נאָמען פון דעם שטעטל און אויך דעם נאָמען פון יענע אומגליקלעכע עלטערן. איך געדענק בלויז, אַז ס'איז געווען אויפן וועג צו קיעוו. און נאָך עפּעס געדענק איך:

די פאַרלאָזטע פאַריתומטע פידל.

## אין גאַנג פון יענע יאָרן

עס האָט מיך באַגלייט דער סקריפּ פון דער קיביטקע־טיר ווען כ'בין אַרויס מיטן קלומיקל אונטערן אָרעם. איך האָב באַזאָרגט מיין פּעקעלע זאַכן ביי דער קלאַדאָווטשיצע (מאַגאַזינערין): אַ ביסל מעל, אַ פּאָר זאָקן, אַ העמד — אַ זכר נאָך דער היים. דער עקאָנאָם „משה איוואַנאַוויטש" פאַרט אין שטאָט אַריין, נעמט ער מיך מיט. איך פאָר אין שפּיטאָל אַריין. קומענדיק אַהין, האָבן זיך די שפּיטאָל־טירן הינטער מיר פאַרמאַכט. איך געפין זיך אין אַן אָפּגעשלאָסענער וועלט, אין אַ וועלט פון קראַנקע.

היינט פיבערט דער גאַנצער שפּיטאָל מיט אַ נישט־געוויינלעכער געשעעניש, אַ געשעעניש מיט אַ יונגער ניינצן־יאָריקער קימפּעטאָרין; אַלע קראַנקע האָבן ווי פאַרגעסן אין זייערע אייגענע מיחושן, אַלע דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטערס און פלעגערינס רעדן וועגן דער יונגער מאַמע און באַדויערן איר גורל. די קאַלכאָז־אַקושערקע, אָפּנעמענדיק דאָס קינד ביי דער יונגער געווינערין, האָט מיטגעשלעפּט און צעריסן איר אינגעווייד. אין שפּיטאָל האָט מען דער אומגליקלעכער שוין געמאַכט דריי אָפּעראַציעס און מען גרייט זיך שוין צו מאַכן איר אַ פערטע. וועט געלינגען אָפּצוראַטעווען איר לעבן? איר יונגער קערפּער קעמפט, שטעלט אַ ווידערשטאַנד.

דער כירורג־פּראָפעסאָר האָט ביי מיר געשטעלט דעם דיאַגנאָז: אָפּעראַציע. זאָל איך מסכים זיין אָדער נישט? מיט וועמען צו באַראָטן זיך האָב איך נישט. איבעריקנס, איז מיר שוין אַלצאיינס, זאָל געשען וואָס עס וויל. צי איז עס אַ צופאַל, אָדער האָט דער גורל אַזוי

געוואָלט אַז דער כירורג־פּראָפעסאָר אַננאַ דעניסאָוואַ, פון דייטשער אָפּ־שטאַמונג (פון דער וואָלגע־געגנט), זאָל דווקא אויף מיר אויספּרוּוון אירס אַ נייע מעדיצינישע דערפינדונג אויף איינצושלעפערן דורך די קישקעס. ווען איך האָב זיך נאָך דער אָפּעראַציע אויפגעוועקט ווייס איך נישט, נאָר מיינע קישקעס זענען נאָך געבליבן איינגעשלעפערט גאַנצע פופצן מעת־לעת. במשך פון אָט דער צייט האָב איך נישט געגעסן און נישט געטרונקען, נישט בלויז צוליב דעם ווייל עס איז נישט געווען וואָס, נאָר ווייל מיינע קישקעס האָבן עס נישט געדאַרפט. זיי זענען נאָך אַלץ געשלאָפן.

יעדן צווייטן טאָג האָט מען מיך געטראָגן צום קאָנסולטירן און דער פּראָפעסאָר אַננאַ דעניסאָוואַ פלעגט איבער מיר זיך וויצלען: „האָלטסט נאָך אַלץ אָן דיין „זאַבאַסטאָווקע" ? (שטרייק). די אַסיסטענטין האָט אָבער שטרענג אָנגעוויזן אויף מיר: „זי גייט דאָך אויס! ס'איז דאָך פון איר שוין געבליבן בלויז אַ סקעלעט!" דער פּראָפעסאָר האָט פאַר־אָרדנט אַז מען זאָל מיר געבן זויערמילך, אָבער קיין זויערמילך איז אין שפּיטאָל נישט געווען.

בעת איך בין געלעגן אין שפּיטאָל איז קיינער צו מיר נישט גע־קומען און במילא האָט מען מיר גאָרנישט געבראַכט. אַזוי ווי אין קינ־דערהויז, בין איך אויך דאָ געווען איינזאַם.

אויפן פופצנטן טאָג פון מיין ליגן אין שפּיטאָל איז צו מיר צוגע־קומען דער פּראָפעסאָר אַננאַ דעניסאָוואַ און נאָך איר די אַסיסטענטין, און אין זייער אָנוועזנהייט האָב איך אַליין גענומען דעם לעפל אין האַנט און אויסגעזופּט דאָס ביסל וואַרעמע וואַסער, איבערלאָזנדיק די גראָבע קלייען־לאָקשן אינעם ליימענעם שיסעלע.

דער פּראָפעסאָר איז אַרויס פון שפּיטאָל־זאַל מיט אַן אויפגעהוי־בענעם קאָפּ, זי איז געווען שטאָלץ מיט איר מעדיציניש‏ער דערפינדונג וואָס איז איר געלונגען, מיר אָבער זענען די נאָכווייענישן פון איר „נצחון" פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן...

⁂

עס איז שוין זעקס וואָכן נאָך מיין אָפּעראַציע. איך גיי שוין אַרום אין קאָרידאָר, גיי אַריין אין אַנדערע שפּיטאָל־זאַלן, איך הער זיך צו צו די שמועסן פון די קראַנקע. מען וועט מיך שוין אויסשרייבן פון שפּי־טאָל. איך בין שוין געזונט, הייסט עס. אָבער קיינער קומט מיך נישט אָפּנעמען און כ'האָב, אגב, אויך דאָס נישט דערוואַרט. דער ווינטער איז



חיה און קלמן גאָלדוואַסער — 1965

אַ שווערער און איך פיל זיך נישט בכוח אַליין אַוועקצולאָזן זיך אין מיין דאָרף. וואַרט איך אויף עפּעס אַ נס, אָבער דער נס קומט נישט.

אין איינעם אַ טאָג האָב איך צובאַקומען אַ נייע שכנה לעבן מיין בעט, אַ יונגע שוואַרץ־חנעוודיקע פרוי, מיט וועלכער איך האָב זיך באַקענט. איין מאָל, נאָך דעם ווי זי האָט עטלעכע מאָל געהאַט זונטיק־וויזיטן, האָט זי מיך אַ פאַרוואונדערטע געפרעגט: „וואָס? קיינער קומט אייך נישט באַזוכן?" „אַט ווי איר זעט, האָב איך איר געענטפערט, נישט בלויז האָב איך דאָ נישט קיין משפחה, נאָר אפילו נישט קיין באַקאַנטע". „פון וואַנען, אייגנטלעך, זענט איר?" האָט מיך מיין שכנה געפרעגט. איך האָב איר דערציילט, אַז איך קום פון פּוילן, ביז יוני 1941 האָב איך געאַרבעט אַלס אַ לערערין אין אַ יידישער שול אין ברעסט־ליטאָווסק און נאָכן פּלוצלינגדיקן אָנפאַל פון היטלער־דייטשלאַנד אויף סאָוויעט־רוסלאַנד האָב איך זיך אָפּגעריסן פון מיין משפחה און אין מיינע וואָגלענישן בין איך אַזש פאַרוואָרפן געוואָרן אַהער, אין דרום־קאַזאַכסטאַן.

„אַזוי גאָר, האָט מיין שכנה אויסגערופן, איר שטאַמט פון ברעסט־ליטאָווסק? דאָרט האָט דאָך געאַרבעט מיין שוועסטער, פּישילעוויטש פון מינסק". און באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז איר שוועסטער, די לערערין פּישילעוויטש פון מינסק, האָט גאָר געאַרבעט צוזאַמען מיט מיר אין דער דרייצנטער יידישער שול אַלס זאַוו־פּעד (פּעדאַגאָגישער לייטער), און דערביי האָט מיין סימפּאַטישע שכנה מיר דערציילט, אַז איר שוועסטער מיטן קינד האָבן באַוויזן זיך צו ראַטעווען, אָבער איר מאַן איז אומגעקומען.

זינט דעם דאָזיקן שמועס האָט צווישן אונדז זיך פאַרבונדן אַ האַרציקע נאָענטקייט, אויף אַזוי וויט, אַז ווען מען האָט זי אויסגעשריבן פון שפּיטאָל האָט זי מיך מיטגענומען צו זיך אַהיים, ווו זי האָט געוווינט צוזאַמען מיט איר קינד און איר מוטער. איר מאַן האָט זיך געפונען ערגעץ אויפן פראָנט. איך בין ביי דער שוועסטער פון דער לערערין פּישילעוויטש געווען עטלעכע וואָכן און זי האָט מיך געשטעלט אויף די פיס, ממש געראַטעוועט. נאָר די, וואָס ווייסן וואָס עס האָט אין יענע הונגער־יאָרן באַדייט אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל שפּייז, וועלן פאַרשטיין וואָס עס האָט דעמאָלט געהייסן אויסהאַלטן אַ מענטש עטלעכע וואָכן. דערפילנדיק זיך שוין אַ ביסל ביי די כוחות, האָב איך מיט די דאָזיקע אויסערגעוויינלעך־האַרציקע מענטשן זיך געזעגנט און זיך געלאָזט אין וועג צו מיין „היים"...

די פּישילעוויטשעס האָבן מיר אויך געהאָלפן אַריינצובאַקומען זיך

אין צוג וואָס איז געגאַנגען קיין סייראַם, ווייל גיין צופוס פינף און צוואַנציק קילאָמעטער פון טשימקענט ביז סייראַם און נאָך דערצו אין אַזאַ שווערן ווינטער איז נאָך נישט געווען פאַר מיינע כוחות. אַז איך האָב זיך שוין געהאַט ווי עס איז אַריינגעשטופּט אין וואַגאָן בין איך געבליבן שטיין ביי אַן אָפענער טיר פון אַן אָנגעפּראַפּטער קופּע. אַז עמעצער זאָל מיר, ווי אַ קראַנקן, אָפּטרעטן זיין פּלאַץ, אויף דעם האָב איך גאָרנישט געהאַט וואָס צו האָפן; דאָס געהערט דאָך צו בורזשואַזע עטיקעטן... אגב, איז מען אויך אין קאָרידאָר געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ.

מיין אויפמערקזאַמקייט האָט געצויגן אַ הויכער, יונגער און שיינער מאַן, וואָס איז געזעסן אין אַ קעגנאיבערדיקער קופּע, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אין יאוש. אַרום אים האָט זיך געפּאָרעט אַ יונגע קליינע בלאָנדע פרוי. פּלוצלינג איז אינעם קאָרידאָר אַריין אַ בלינדער זינגער מיט אַ לאַנגער און ברייט-צעכוואַליעטער באָרד, געפירט פון אַ יינגל. דער זינגער האָט פאַרצויגן אַלטע רוסישע ראָמאַנסן. דער עולם האָט זיך צו אים גערן צוגעהערט און אים צוגעוואָרפן מטבעות. דער יונגער און שיינער מאַן האָט די ראָמאַנסן פון אַלטן זינגער ווי נישט געהערט, אפילו קיין באַוועג מיט אַ ברעם נישט געטאָן, ווי ער וואָלט אינגאַנצן טויב געווען. פּלוצלינג איז דער בלינדער זינגער, צופּייקלענדיק פריילעך מיט אַ פּייקעלע, אַריבער פון די ראָמאַנסן צו קריגס-מאַרשן און איך האָב געזען ווי זיי האָבן דעם פאַריאושטן מאַן ווי אויפגעוועקט. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיינע אויגן האָבן באַקומען אַ לעבעדיקן גלאַנץ. דער בעטלער-זינגער איז אַוועק אין אַ ווייטערדיקן וואַגאָן. די באַן האָט פּלוצלינג זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן פעלד און אין וואַגאָן זענען אַריין צוויי מענטשן אָנגעטאָן ווי באַן-אַרבעטער און האָבן פאַרנומען דעם מאַן און די פרוי מיט זייערע זאַכן און זענען מיט זיי אַוועק.

ווער איז געווען דער פאַריאושטער מאַן ? און ווער איז געווען די פרוי ? און די צוויי וואָס האָבן זיי אַוועקגעפירט, צי זענען זיי טאַקע באמת געווען באַן-אַרבעטער ? און וווהין האָבן זיי דאָס פּאָרל אַוועקגעפירט ? ווער האָט דען דאָס געקאָנט וויסן ?... די באַן האָט גערירט און אַוועק אויף איר ווייטערדיקן וועג.

„סטאַציאַ קיזל-סו !" — רופט אויס דער באַן-קאָנדוקטאָר און איך גיי אַראָפּ. ביז צום דאָרף סייראַם מוז איך נאָך מאַכן אַ „שפּאַציר" פון אַ זיבן קילאָמעטער. דער וועג איז פול מיט פאַרפרוירענע גרודעס. אַ בייסיקער ווינט שמייסט מיר אין פּנים. דער טייך קיזל-סו, וואָס לויפט אַראָפּ פון די בערג מיט די צעגייענדיקע שנייען איז איצטער שטורמיש. דער טייך באַשפּייזט די אַרומיקע דערפער מיט וואַסער, וואָס צעגייט זיך דורך קליינע און פרימיטיווע וואַסער-קאַנאַלן איבער אַלע קאַלכאָזן, וואַ־

רעם אין די זומער־חדשים, ווען וואָסער איז דאָ אַזוי נויטיק, איז דער טייך כמעט ווי אויסגעטריקנט.

איבערן טייך קיזל־סו זענען אַריבערגעוואָרפן דרענגלעך וואָס אייגנס האַלט זיך אָן אין אַנדערן. די דרענגלעך האָבן זיך געטרייסלט ביי מיין יעדן טראָט. קיין בריק איז נאָך דאָ נישט געווען. אַריבערגיין דעם טייך האָט מען געדאַרפט זיין אַן אַקראָבאַט. מיין באַוויזן אַריבערצוגיין די דרענגלעך איבערן שטורמישן טייך, בפרט אין מיין צושטאַנד, איז געווען ממש אַ נס.

אויסגעשעפּט אינגאַנצן און זשיפּענדיק מיט די לעצטע כוחות, האָב איך זיך קוים דערשלעפּט צו מיין קיביטקע. ערשט דאָ דערזע איך, אַז זי איז נישטאָ, מיין „היים"... די ווענט זענען איינגעפאַלן און דער דאַך איבער זיי — אַ קופּע ליים! דאָס האָבן די רעגנס זיי אַזוי צעווייקט, און דער ווינט ווי אינגאַנצן איינגעוואָרפן. וווּהין גייט מען איצט? ווו טוט מען זיך אַהין? און דאָ גייען מיר שוין אויס ממש די כוחות.

נישט האָבנדיק קיין אַנדערע ברירה, גיי איך אין קאַנצעלאַריע פון־נעם קינדערהויז. דער דירעקטאָר, אָרלאָוו, אַן אַלטער רוסישער מענטש, האָט אויס רחמנות אויף דערוויל מיר דערלויבט צו שלאָפן טאַקע דאָ, אין קאַנצעלאַריע. אַ גאַנצן טאָג האָב איך נישט געהאַט ווו זיך אַהינ־צוטאָן און ערשט אויף דער נאַכט, ווען אַלע אַרבעטן האָבן זיך געהאַט פאַרענדיקט, האָב איך דאָ געקאָנט האָבן מיין מקום־מנוחה. בעסער ווי גאָרנישט איז עס פאָרט געווען.

אין די זונטיק־טעג האָט מען אָבער אין דער קאַנצעלאַריע נישט געאַרבעט און מ'האָט דעריבער נישט געהייצט. פלעגט דער דירעקטאָר אַליין ברענגען האָלץ און הייסן איינהייצן, כדי ס'זאָל זיין וואַרעם און איך זאָל זיך קאָנען אויסרוען פאַר דער גאַנצער וואָך. איז דאָס טאַקע געווען פאַר מיר מיין אמתער רו־טאָג. אָט אַזוי האָב איך ווי עס איז דורכגעשטופּט דעם חודש יאַנואַר.

אין פעברואַר הייבן זיך שוין אָן אין קאַזאַכסטאַן צו באַווייזן די ערשטע סימנים פון פרילינג און מען הייבט שוין אפילו אָן אין די קאָל־כאָזן צו אַרבעטן אויף די פעלדער; און אין מערץ איז שוין אינגאַנצן פרילינג. אין אַפּריל פאַלן שוין די לעצטע רעגנס און אין חודש מאַי שטעלט מען שוין אַרויס די „בעטן" אין דרויסן און אַזוי שלאָפט מען אונטערן פרייען אויסגעשטערנטן הימל ביז צום קומענדיקן ווינטער, וואָס איז אַ גאַנץ האַרבער, מיט פרעסט און שנייען, וואָס דויערן בלויז אין די חדשים דעצעמבער און יאַנואַר. דערפאַר אָבער גיבן שוין די צוויי חדשים גוט צו פילן דעם ווינטער פאַרן גאַנצן יאָר.

אַזוי ווי דאָס גאַנצע לעבן דאָרט הענגט אויף נסים — איז גע־שען נאָך איין נס און דאָס גאָר אַ גרויסער: אונדזער זאַווכאָז (הויז־אַד־מיניסטראַטאָר), וועמען די אַנגעשטעלטע האָבן גערופן „משה איוואַנאַ־וויטש", האָט מיט אַ שפּאָר ביסל מאַנופאַקטור „אונטערגעשמירט" דאָרט ווו מען דאַרף און פאַר דעם האָט ער באַקומען פּעקלעך אמתע שוואַרצע טיי, צו אַ פּעקל פאַר יעדן מיטאַרבעטער פונעם קינדערהויז. אָט דאָס שוואַרצע פּעקל טיי האָט מיך ממש געראַטעוועט. דאָס איז געווען אַן אמתער אוצר, וואָרעם פאַר אַ לעפעלע שוואַרצע טיי האָט מען געקאָנט קריגן אַן איי, אַ גלאָז מילך, אַ לעפּיאָשקע, און טאַקע מער נאָך ווי פאַר געלט.

איין מאָל, גייענדיק אַזוי אויסבייטן אַ ביסל טיי, האָב איך אָנגע־טראָפן אויף אַן אוזבעקישער פרוי מיטן נאָמען אַכמאַטאָוואַ (אַ יחוס־דיקער סאָוויעטישער נאָמען). דאָס איז געווען נישט ווייט פונעם קינדער־הויז. אַ קליינע פורטקע האָט געפירט אין אַ גאָרטן אַריין, אַרומגעצוימט מיט הויכע ליימענע ווענט. פונעם גאָרטן איז מען דורך אַ קליין אַ טירל אַריינגעקומען אין אַ פּירעקעדיק הייפל, וואָס עס האָבן געבילדעט דריי ליימענע קיביטקעס. די קיביטקע פון רעכטס האָט געהאַט אַ פאַרלענ־גערטן דאַך, אונטערגעשפּאַרט אויף הילצערנע סלופּעס, וואָס דאָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ טעראַסע. דאָס איז געווען די הויפּט־וווי־נונג. דאָ האָבן געוווינט די אַכמאַטאָוואַ, איר טאָכטער און דריי אייניק־לעך. דער טאָכטערס מאַן איז געווען ערגעץ־ווו פאַרשיקט אין אַ לאַגער. די משפחה, ווי זי וואָלט זיך געשעמט דערמיט, האָט וועגן דעם קיינמאָל נישט גערעדט.

אין דער דאָזיקער קיביטקע מיט דער ליימענער פּאָדלאָגע איז גע־שטאַנען אַ ליימענער אויוון, וואָס האָט געדינט צום קאָכן און באַקן, ווי אויך צום אָנוואָרעמען די שטוב. דער אויוון האָט אויסגעזען ווי אַן אויסגעהוילטער באַלעם אין דער פּאָדלאָגע מיט אַן אָפן מויל פון אויבן. אינעווייניק ליגט מען אָן אַ פייער און דער רויך גייט אַרויס אין דרויסן. אויף דעם אויוון שטעלט מען אַרויף אַ קעסל, וואָס האָט די פאָרעם פון אַ האַלבן באַלעם, אין וועלכן מען קאָכט, בראָט, פּרעגלט, אויב ס'איז נאָר דאָ וואָס... ווען די אויוון־ווענט ווערן גוט אָנגעגליט קלעפּט מען אויף זיי אַרום די לעפּיאָשקעס. און אַזוי בייטנדיק עטלעכע מאָל צו ביסלעך טיי האָב איך ביי דער אַכמאַטאָוואַ גאָר שטאַרק נושא־חן געווען, און אויף אַזוי ווייט אַז איך האָב געוווּנען איר צוטרוי.

אין איינעם אַ טאָג האָב איך אַזוי ביי איר אַ פרעג געטאָן, צי זי וואָלט מיר נישט פאַרדונגען איינע פון אירע קיביטקעס. נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת האָט זי געענטפערט: „יאָ, מחמת דעם וואָס דו געפעלסט

מיר. ווי אייגנטלעך רופט מען דיך?" „היה, האָב איך געענטפערט, איז מיין נאָמען". „ניין, האָט די אַכמאַטאַוואַ אַ זאָג געטאָן, דער נאָמען איז נישט שיין, ביי מיר וועסטו הייסן רייאַ, יאַכשי?" (גוט).

„גוט", בין איך באַשטאַנען, זאָל זיין רייאַ, אַבי נאָר כ'זאָל האָבן וווּ דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. פון דער טעראַסע האָט אַ טיר געפירט אין אַ קיביטקע און כ'האָב דערזען אַזוינס וואָס איז געווען אַ זעלטנהייט אין דאָזיקן דאָרף: אַ צימער מיט אַ גרויס און ליכטיק פענצטער. איבער דער ליימענער פּאָדלאָגע האָט זיך געהויבן אַ כמו בינע, וואָס האָט אין די אַמאָליקע גוטע יאָרן, געוויס געדינט ווי אַן אויפנאַם־צימער פאַר חשובע געסט, ווי אויך פאַרן שלאָף־צימער פאַר דער יונגער פּאָר. דאָס מאָל אָבער האָט דאָס מזל מיר צוגעשפּילט: די עסטראַדע איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ בעט פאַר מיר. איך האָב ביי מיין באַלעבאָסטע שטאַרק אויסגענומען צוליב דעם וואָס זי האָט געזען, אַז קיינער קומט נישט צו מיר און איך גיי אויך נישט צו קיינעם. צו וועמען האָב איך דען געזאָלט גיין, אַז כ'האָב אפילו נישט געוווּסט, אַז אין זעלבן דאָרף וווינען נאָך ייִדן.

אויב אַזוי האָט מיין באַלעבאָסטע גענומען זוכן פאַר מיר אַ תכלית: איין מאָל האָט זי מיך פאַרבעטן אויף דער טעראַסע אויף טיי. דאָ האָבן שוין געוואַרט אַ יונגער אוזבעקישער בחור מיט זיין מאַמע. דער בחור אַ יונגער אפילו, שוין געקומען פון פראָנט אַ פאַרווונדעטער, אָבער נאָך אַ געניוג שיינער, אַ שוואַרצער מיט שוואַרץ־גלאַנציקע אויגן. זיין מאַמע האָט מיר גלייך דערלאַנגט אַ מתנה, ווי פאַר יענער צייט אַ גענוג טייַ־ערע: אַ פּאָר לעפּיאָשקעס און אַ ביסל געטרוקנטע עפּל. כ'האָב די מתנה צוגענומען, שיין באַדאַנקט און כ'בין מיר אַוועק אין מיין ליימענעם צי־מערל, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט, וואָס דאָס איז דער העכסטער אויס־דרוק פון צניעות פון אַן אוזבעקיש מיידל, פון וואָס איך האָב אפילו נישט געהאַט קיין אַנונג, וואָרעם אַן אוזבעקיש מיידל דאַרף גאָרנישט רעדן; מ'רעדט שוין פאַר איר... מיין אויפפירונג האָט ביי דער מאַמען פונעם בחור, וואָס האָט געדאַרפט זיין „מיין חתן", גאָר שטאַרק אויס־גענומען... און איצט האָבן ביידע פרויען צוזאַמען מיטן נישט־דערגאַנ־גענעם חתן צווישן זיך אָפּגעשמועסט, אַז לויטן אוזבעקישן מנהג, זאָל ער אין איינער אַ נאַכט צוזאַמען מיט זיינע חברים קומען מיך אַרויס־גנבענען דורכן פענצטער. פון אָט דער פאַרשווערונג האָב איך נאָך דע־מאָלט גאָרנישט געוווּסט און מיר איז אפילו נישט איינגעפאַלן זיי אין עפּעס חושד צו זיין.

אין דער זעלבער צייט ווען זיי האָבן געשפּונען זייערע פאַנטאַס־

טישע פלעגער האב איך זיך באקענט מיטן שניידער־מייסטער פון סעל־
פא: א יידישער פליט פון ווארשע, וואס האט אנגעהויבן אריינקומען
צו מיר. און דער דאזיקער ווארשעווער יונגערמאן, האט קאליע געמאכט
און צעשטערט זייער גאנצע פאנטאסטישע אונטערנעמונג. פון דער גאנ־
צער אויסטערלישער געשיכטע האב איך זיך ערשט דערוווסט ווען מיין
נישט דערגאנגענער חתן האט טאקע לויט אלע כללים פון אוזבעקישן
מנהג, ארויסגעגנבעט זיין אמתע באשערטע, אן אוזבעקיש מיידל, און
איך האב ווי א שטיקל „מחותנתטע”, טאקע געהאט די זכיה צו זיין אויף
זייער חתונה, וואס איז פארגעקומען אקוראט זיבן טעג נאך דער כלה־
גנבה...

אין א צווישנצייט פון אט די אלע פאנטאסטישע מעשיות האב איך
אזוי ווי אלע מיטארבעטער פונעם קינדערהויז אויך באקומען א שטיקל
פעלד צו באארבעטן. איך האב צו דער דאזיקער פעלד־ארבעט זיך גע־
נומען מיט גרויס כוונה און טאקע אויסגענוצט יעדע פרייע מינוט צו
פלעגן מיין שטיקל גארטן־אוצר, וואס האט געדארפט ווערן מיין פא־
טענציעלער באשפייזער. דעם חבר קלמן האב איך ווי א גוטן פריינט פאר־
בעטן צו העלפן מיר ביים צעגראבן דאס שטיקל ערד, און אזוי גראבנ־
דיק האבן מיר זיך אנגעטראפן אויף א גאנצן אוצר: אפשר צוויי קילא
קארטאפעלעך, געבליבענע פונעם פאראיאריקן פארזיי האבן מיר באוויזן
אנצוקלויבן. איין קלייניקייט: קארטאפל פרילינג־צייט אין קאזאכסטאן,
אזא גליק! איך האב זיך נישט פארגונען צו עסן די קארטאפעלעך און
און כ׳האב אויך נישט מכבד געווען מיין חבר מיט קיין איינציקע גע־
באקענע קארטאפל, ווארעם פון דער הונגער־פראקטיק האבן מיר שוין
געוווסט, אז אויב וועלן מיר פון דעם נאר פרווון עפעס טועם זיין, וועלן
מיר אפילו א כזית צום „בענטשן” נישט קאנען שוין איבערלאזן...

מיר האבן דעם הונגער יצר־הרע גובר געווען. אויפן גוט־צוגע־
גרייטן פייכטן באדן האב איך מיט גרויס כוונה, ווי דאס וואלט געווען
„מצה־שמורה”, פארזעצט די אפגעהיטענע, אויף שטיקלעך גוט־צע־
שניטענע קארטאפעלעך, ציטערנדיק איבער יעדן אייגעלע באזונדער. א
חוץ דעם האב איך איינגעקויפט די בעסטע זריעה, ווי ארבעס און
קוקורודזע. די איינגעהאנדלטע זריעה האב איך געווייקט און שוין גוט־
צעפיקטע געזעצט אינעם נאר־וואס באגאסענעם און פייכטן באדן, גע־
נוג אפגערוקט איין קערנדל פונעם אנדערן. נישט האבנדיק קיין צוגע־
פאסטע פעלד־מכשירים האב איך יעדעס ארט צום פארזעצן א קערנדל
אויסגעגראבן מיט א לעפל. מיינע באטאנישע קענטענישן נאך פון שול
זענען מיר איצטער גוט צונוץ געקומען. אין א פאר וואכן ארום האט דאס
פעלד אויסגעזען ווי ס׳וואלט געווען באדעקט מיט א גרינעם פליוש און

גרויס איז געווען די פרייד צו זען גריגען דאָס שטיקל פעלד, וואָס איז באַארבעט געוואָרן מיט אייגענער מי און אייגענע כוחות, אונטער דער קאַזאַכסטאַנער זון און באַוואָסערט צו דער צייט.

כ׳האָב קיינמאָל זיך נישט געפֿילט אויפֿצושטיין פֿאַרטאָג, אפֿילו אין מיטן דער נאַכט, ווען ס׳איז אויסגעפֿאַלן מיין רייע צו באַקומען די נאַרמע וואַסער צו באַגיסן דאָס שטיקל פעלד. ביים באַגיסן פֿלעגט מען דאָרט נישט איין מאָל איינזינקען אינעם ליימיקן באָדן, ביז איבער די קני. אַז די באַגאָסענע ערד האָט זיך אַ ביסל צוגעטריקנט, האָב איך יעדע קוסט זאָרגפֿעלטיק מיט ערד אַרומגעשאָטן, כדי די פֿייכטקייט זאָל זיך האַלטן וואָס לענגער. אַזוי אַרום איז מיין קוקורודזע זיך צעוואַקסן ווי אַ וואַלד און יעדן קוקורודזע־קאַטשאַן האָט מען געדאַרפֿט ממש, מעסטן מיט אַן אַרשין. ווען מ׳האָט ביי די קינדער, וואָס האָבן זיך גע־וואַלט דערכאַפּן דאָס הארץ — און נישט געקאָנט זיך דערוואַרטן — געטראָפֿן אַזאַ קוקורודזע־קאַטשאַנדל הינטער דער פּאַלע, האָט מען שוין געוווּסט, אַז דאָס איז פֿון דער לערערין לעווינאַס גאָרטן.

די קינדער זענען אָבער נישט געווען די איינציקע נישט־געבעטענע הונגעריקע געסט אויפֿן דאָזיקן שטיקל פעלד; האָט מען דעריבער געמוזט זוכן די צייטיקע קוקורודזע קאַטשאַנעס און וואָס גיכער פֿון פעלד זיי אַראָפּכאַפּן, פֿאַרלויפֿן אַזוי אַרום דעם וועג די אַנדערע בעלנים כּל־זמן ס׳איז נאָך געווען צייט. ביז דאָס גאַנצע וועט ווערן צייטיק האָט מען נישט געקאָנט און נישט געטאָרט וואַרטן. איינע פֿון די שטענדיק־הונ־געריקע און נישט־געבעטענע געסט אין מיין גאָרטן איז געווען די „מאַ־דאַם לייזעראָוויטש”, די נאַכט־וועכטערין פֿונעם קינדערהויז. איר שטיקל פעלד האָט זיך געגרענעצט מיט מיין „נחלה”, און מיט דער גרעטעניש פֿון מיין שטיקל גאָרטן האָט זי פֿונדעסטוועגן זיך געטיילט „גאָר ברייט־האַרציק”...

נישט איין מאָל, באַגעגענענדיק זיך מיט מיר אין גאָרטן, פֿלעגט זי ליב האָבן צו טייטלען מיטן ווייזפֿינגער מיט גרויס „מיטגעפֿיל”: „זעט נאָר, זעט! מען האָט שוין ווידער אונטערגעגראָבן אייערע קאַר־טאָפֿל, אַזאַ פֿאַרדראָס, האַ?” „טאַקע אַן עוולה,” האָב איך מיט איר מסכּים געווען, נישט חושד זייענדיק, אין מיין נאַאיוויטעט, אַז דאָס איז איר איי־גענע מלאכה. ווען איך בין אָבער געקומען צום שׂכל איז שוין געווען נאָך אַלעמען.

נאָכן אַראָפּנעמען די גרעטעניש, די קוקורודזע, קאַרטאָפֿל, און אַרבעס, זענען נאָך געבליבן בלויז די טיקוועס. די קלענערע פֿון זיי האָב איך אַליין ווי עס איז איינגעאָרדנט אין מיין אייגענער נייער ליימענער

כאַטקע, די גרעסערע טיקוועס אָבער, וואָס יעדע פון זיי האָט געוויגן ווייניקסטנס צו 10 קילאָ און נאָך מער, האָב איך שוין אויף דערוויל געלאָזן ביי דער מאַדאַם לייזעראַוויטש, וואָס האָט געוווינט לעבן גאָרטן. ווען איך בין אין עטלעכע טעג אַרום געקומען מיט מיין חבר באַלאָדן מיט אַ טאַטשקע בכדי צו נעמען די טיקוועס איז אונדז אָקעגנגעלאָפן די מאַדאַם לייזעראַוויטש מיט אַ געשריי: „אוי וויי, נאָך די טיקוועס זענט איר געקומען! אַזאַ שאָד! אַזאַ שאָד! אַזעלכע מאַכינעס! אַט דורך דעם פענצטער האָט מען די טיקוועס אַרויסגעגנבעט!" דערביי האָט זי נישט אויפגעהערט מיט גרויס באַדויערן און פרום צו שאָקלען מיטן קאָפּ. פאַרפאַלן, נישטאָ די טיקוועס. זענען מיר אָוועק מיט אַ ליידיקער טאַטשקע. וואָס דען? אַ ברירה האָבן מיר געהאַט?

די דעכער פון די קאַזאַכסטאַנער ליימענע הייזקעס זענען גלייכע און זענען אַ געמיש פון ליים און פערדישן אַפּפאַל. אויף די דאָזיקע דעכער ווערן אין די זומער־חדשים געטריקנט כלערליי פּרוכטן: עפּל, דיניעס, אוריוק, (אַבריקאָסן), ווי אויך קוקורודזע און אַרבעס. דאָס אַלץ ווערט צוגעגרייט אַלס שפּייז פאַרן ווינטער.

ווען איך האָב געבערענגט צום טריקענען דאָס ערשטע ביסל צייטיקע קוקורודזע פון מיין גאָרטן, האָט די אַכמאַטאָווא, מיין באַלעבאָסטע, מיר צוגעטיילט אַ ווינקל פונעם דאַך, זאָגנדיק דערביי: „פאַר דיין „ריזיקן" פעלד, וועט אויך דאָס שטיקל דאַך זיין איבער גענוג". ווען איך האָב אָנגעהויבן יעדן טאָג צו ברענגען נאָך און נאָך דאָס בערגל קוקורודזע איז זיך צעוואַקסן און פונעם בערגל איז געוואָרן אַ באַרג, און כ'האָב אַלץ נישט אויפגעהערט צוצוטראָגן, האָט מיין באַלעבאָסטע שוין אָנגעהויבן צו קוקן אויף מיר מיט אַ קרום אויג. „סטייטש? פון וואַנען און פון וואָס? פון דעם אַ פּיצל פעלד אַזוי פיל קוקורודזע? עפּעס איז דאָ נישט גלאַט; נישט אַנדערש נאָר אַ כישוף!" און צוליב דעם איז מיין חן שוין אויך געפאַלן אין די אויגן פון מיין באַלעבאָסטע. און אפשר איז דאָס אַ ביסל אויך געווען די שולד פונעם שניידער־מייסטער פון סעל־פּאָ, וואָס איז ביסלעכווייז ביי מיר געוואָרן אַ צו אָפטער גאַסט... מיט, אָדער אָן כישוף, האָב איך פונדעסטוועגן פון מיין שטיקל פעלד אַראָפּגענומען אַנדערטהאַלבן זעקלעך קוקורודזע, אַ האַלב זעקל אַרבעס, און האַלב זעקל קאַרטאָפל. אַ חוץ די טיקוועס וואָס זענען צוגעגנבעט געוואָרן. מיט אַזאַ שפּייז־קאַפּיטאַל איז מיר שוין נישט געווען שווער צו קריגן אַ נייע קיביטקע און דווקא מיט אַן אויפגעשטעלטן קוימען, וואָס האָט זיך געפּאַסט פאַר מיין פאַרמעגן אין די זעקלעך...

אין דער נייער ליימענער קיביטקע איז שוין צוגעקומען נאָך אַ מיטוווינער. דאָס איז געווען מיין חבר קלמן. דאָ האָבן מיר זיך שוין „גאַר

שיין" איינגעאָרדנט. מ'האָט אַריינגעשטעלט אַ בעט, אַ טישל, אַ טאָבו־רעט. צוקאָפּנס פונעם בעט, אין אַ נישע, זענען זיך בכבוד־גדול גע־לעגן די קוקורודזע און די אַרבעס. אונטערן בעט, אפילו אין נישט אַזאַ בכבודיק אָרט, איז געלעגן דאָס ביסל קאַרטאָפל און די שארית־הטיקווע און אונטערן סופיט איז געהאַנגען אַ זעקל מיט געטריקנטע עפּל. ווי מען זעט, זענען מיר אויף ווינטער געווען פאַרזאָרגט מיט שפּייז־פּראָ־דוקטן „כיד־המלך".

איין מאָל אין אַ שפּעט־האַרבסטיקן טאָג האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַריין קלמן, און נאָך אים אַ מענטש, מיט צוויי קעפּ העכער פון אים, וואָס מיטן קאָפּ האָט ער כמעט געגרייכט צום באַלקן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט און ער וועט דורכלעכערן דעם באַלקן. „דאָס איז אַ חבר פון לאַגער, האָט קלמן מיר אים פאָרגעשטעלט, און ער וועט ווינען צוזאַמען מיט אונדז". „וווּ וועט ער שלאָפן, דיין חבר?" פרעג איך איבערראַשט? „אָט דאָ, אין דער צווייטער זייט פון קוימען". דער קוימען האָט געטיילט דאָס פּיצל שטיבל אויף צוויי גלייכע חלקים. פון איין זייט איז געשטאַנען דאָס בעט ווו עס האָט געזאָלט שלאָפן דער גאַסט. „ווייסטו וואָס, זאָגט מיר קלמן ווייטער, מיר וועלן אַרבעטן, פאַר־דינען און עסן בשותפות". דערווייל אָבער האָט מען געדאַרפט צוגרייטן אַ וויעטשערע, ווייל דער גאַסט, אַ חוץ אַ גוטן אַפּעטיט, האָט ער גאָר־נישט געהאַט.

אַזוי אַרום האָט מען שוין געדאַרפט גרייטן קוקורודזע־קניידלעך גע־מישט מיט טיקווע פאַר דריי, און מען דאַרף מודה זיין, אַז די קניידלעך האָבן געהאַט אַ טעם גן־עדן.

די ערשטע עטלעכע טעג איז דער חבר נאָך אַלץ געווען אַ גאַסט און גאָרנישט געטאָן, נאָר אַ גאַנצן טאָג זיך דערכאַפּט דאָס האַרץ מיט די געטריקנטע עפּל פון אונטערן באַלקן. נאָך אַ וואָך אָפּרוען זיך האָט קלמן נישט דרייסט ביי אים געפרעגט: „נו? וואָס הערט מען ווייטער? ווען הייבט איר אָן עפּעס צו טאָן?" „מאָנטיק", האָט ער געענטפערט. אַי פאַרוואָס עפּעס גראָד מאָנטיק? ווייזט זיך אַרויס, אַז ביי אים איז דער מזלדיקער טאָג געווען מאָנטיק. איז מילא, זאָל זיין מאָנטיק. איז אָבער נאָך „מאָנטיק" ביי אים געוואָרן, אם־ירצה־השם „דאָנערשטיק"! און אַז ס'איז געקומען דער גוטער דאָנערשטיק, האָט ער דאָס איבערגע־רוקט אויף פרייטיק, און נאָך פרייטיק קומט דאָך אָן דער שבת און זונטיק איז דאָך דער רו־טאָג פאַר אַלעמען, אַרבעט מען דאָך נישט... האַלטן מיר שוין ווידער, הייסט עס, ביי מאָנטיק!...

און אַזוי איז דאָס געגאַנגען פון מאָנטיק צו דאָנערשטיק, און פון

דאַנערשטיק ווידער צו מאַנטיק, ביז פון די זעקלעך שפּייז האָט מען ברוך־השם אָנגעהויבן אַרויסזען די דנאָ. אַ חוץ מזה האָט דער מענטש נישט געהאַט קיין העמד אויף זיך און די דריטע מכה פון מצרים האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן אינעם שטיבל מיט אַ געוואַלדיקע שנעל־קייט. היות, ווי אויף דער האַנט האָט ער געטראָגן אַ גוטן זייגער, האָט קלמן צו אים געטענהט: „פאַרקויף דעם זייגער און קויף זיך אַ צוויי פּאָר וועש, גיי אין באָד און רייניק זיך אָפּ אַ ביסל". ניין! דאָס נישט, דעם זייגער פאַרקויפט ער נישט. בינו־לבינו האָט די שפּייז אין די זעק־לעך זיך געענדיקט. אויס שפּייז — איז דאָך שוין ממילא אויס שותפות, און אויס שותפות — איז אויס שותפותדיקע דירה. און דאָ האָט זיך עס ערשט אָנגעהויבן. אַן אַנדערע דירה, האָט דער „חבר", געטענהט, יאָ! אָבער ער ווייסט נישט ווו צו זוכן. מילא, האָבן מיר פאַרקאַטשעט די פּאָלעס און אָנגעהויבן צו זוכן אַ קיביטקע פאַר אונדזער שותף, וואָס אַ חוץ זיין גוטן אַפּעטיט האָט זיך אים צום שותפות גאָרנישט געגלוסט צוצו־לייגן.

די ערשטע קיביטקע וואָס מיר האָבן פאַר אים אויסגעזוכט איז אים נישט געפעלן, מחמת דעם וואָס די טיר האָט זיך נישט גענוג גוט צו־געמאַכט. האָבן מיר פאַר אים אויסגעזוכט אַן אַנדערע קיביטקע, איז זי אים ווידער נישט געפעלן, מחמת דער הויף איז דאָ נישט גענוג שיין. האָבן מיר פאַר אים אויסגעזוכט אַ דריטע קיביטקע — און דאָ האָט אונ־דזער שותף גאָר נישקשהדיק זיך צעבייזערט: „ווייסט איר גאָר וואָס, האָט ער גאַנץ פּשוט דערקלערט: מיר איז דאָ גאַנץ גוט און איך האָב גאָרנישט בדעה פון דאַנען זיך אַרויסצוקלייבן!" אויב אַזוי איז איז פאַר אונדז געבליבן נאָר איין אויסוועג, אַז דאָס זאָלן מיר זיך פון דאַנען אַרויסקלייבן.

מיר האָבן אויסגעקליבן איינע פון די דריי פאַר אים אויסגעזוכטע קיביטקעס און אַרויס פון שותפות. אין עטלעכע טעג אַרום, נאָכדעם ווי מיר זענען פון יענער שותפותדיקער קיביטקע אַרויס איז אויך אונדזער געוועזענער מיטוווינער פון דאָרט אַרויס. ער האָט אונדז געדראָט מיט אַ „חברים־געריכט" פאַר דעם וואָס מיר האָבן אים „פאַרלאָזט"...

אויף וואָס מיר וואַרטן ביזן היינטיקן טאָג.

# מיר שאַפן זיך אַן אייגענעם קאָלכאָז

נאָכן אָפּלעבן אין קאָלכאָז עטלעכע יאָר (אויב מען קאָן דאָס אָנ־רופן לעבן) האָט מען ביסלעכווייז אָנגעהויבן זיך צוגעוווינען צום דאָזיקן לעבן, גלייך ווי מען וואָלט פריער פון עפּעס אַנדערש נישט געוווּסט. איי, דער הונגער איז גרויס, מאָוימדיק גרויס און מען ווייסט נישט צי מען וועט פון דאַנען נאָך אַרויס לעבעדיק? דאָס איז שוין נישט געלעגן אין אונדזער רשות, און נישט איין מאָל האָבן פּליטים פאַרן שלאָפן גיין זיך געשטעלט צוויי פראַגן: ערשטנס — צי מען וועט מאָרגן איבערפרי בכלל נאָך אויפשטיין? און צווייטנס — אויב יאָ, איז ווו?

און אַז מען איז שוין יאָ אויפגעשטאַנען אויפן זעלבן אָרט, ווו מען האָט נעכטן געהאַט אַוועקגעלייגט דעם אויסגעמאַטערטן גוף, האָט זיך באַלד געשטעלט ווידער אַ פראַגע: ואם תאמר מה נאכל? דאָס איז געווען די איינציקע פראַגע וואָס האָט דאָמינירט אַלע מענטשן אָן אַן אויס־נאַם. אַלע איבעריקע פראַגן, ווי: אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ מלבוש, אַ פּאָר שיך, אַ העמד — האָבן פּאָרט נישט פאַרשאַפט אַזוי פיל זאָרגן ווי דאָס שטיקל ברויט. אדרבא, ווער עס האָט נאָך געטראָגן אויף זיך אַ שענער מלבוש, האָט באַלד אַרויסגערופן קנאה ביי די שכנים און אַ חשד ביי דער סאָוועטישער פּאָליציי.

און אַזוי ווי עס זענען דעמאָלט געווען זייער ווייניק סאָוויעטישע משפּחות וואָס האָבן נישט געהאַט די דאגות אכילה און אַזוי ווי קיין לעגאַלע מיטלען זיך צו באַשפּייזן זענען כמעט ווי נישט געווען צום רשות פון דער באַפעלקערונג, אַזוי האָט מען דעריבער געמוזט, צי לע־גאַל, צי נישט לעגאַל, אָנהייבן זוכן אייגענע דערנערונגס־מיטלען. די בעסטע המצאה איז געווען: איינשאַפן זיך אַן אייגענע ווירטשאַפט וואָס זאָל אפשר מאַכן מעגלעך דאָס איבערלעבן די מלחמה. אַז קאָלכאָז־משפּחות זאָלן האָבן רעכט אויף פינף סאָטקעס אייגענע ערד, איז שוין פריער געווען איינגעפירט אין רוסלאַנד. זענען זיי דאָך אָבער געווען סאָוויעטישע בירגער וואָס זענען אויך געזעסן אינעם קאָלכאָז; דאָס האָט געזאָלט זיין ווי אַ צוגאָב־פאַרדינסט צו די טרודאָ־דניס (פאַרדינטע אַר־בעטס־טעג) פונעם אוראַזשאַי (געראַטעניש) וואָס פון דעם אַליין איז גע־ווען אוממעגלעך אויסקומען אויף זייערע באַדערפעגישן, ווי דאָס זענען אַ העמד פאַר ווייב און קינדער און פאַר זיך אַליין, אַ מלבוש, אַ פּאָר שיך, זאָל זיין אפילו פון די ביליקסטע שטאָפן.

אוודאי האָט מען אין דער צייט פון דער מלחמה געקאָנט באַקומען פאַר אַ פּוד מעל (ביי די פּוילישע פּליטים) אַ גוטן אָנצוג, אַ פּאָר שיך,

אַ טשאַסי (אַ זייגער). אָבער דאָס האָבן זיך געקאָנט דערלויבן נאָר די נאַטשאַלניקעס, באַין־אופן אָבער נישט דער קאָלכאָזניק־אַרבעטער. אי־בעריקנס, דויערט דאָך נישט אַ מלחמה אייביק. און אַזאַ אביוניש לעבן ווי עס האָט געפירט די קאָלכאָז־באַפעלקערונג, האָט מען געקאָנט טרעפן נאָרביים סאַמע אָרעמען שיכט ייִדן פון די פאַרוואָרפנסטע הינטערגעס־לעך אין וואַרשע אָדער פון קליינע שטעטלעך אין פוילן. די פּאָר סאָטקעס ערד וואָס די קאָלכאָזניקעס האָבן באַקומען, זענען פונדעסטוועגן געווען אַ קליינע באַשפּייזונגס־הילף, וואָס האָט די קאָלכאָז־מענטשן בדוחק דער־האַלטן ביים לעבן.

אויך די ייִדישע פּליטים פון פוילן האָבן פאַר יעדן פּרייז זיך גע־וואָלט דערהאַלטן ביים לעבן, וואָרעם קיינמאָל איז דער דראַנג צום לעבן נישט אַזוי שטאַרק געווען ווי גראָד דעמאָלט, ווען מען זעט זיך אויפן ראַנד פון אַפּגרונט. און איינס פון די מיטלען וואָס זיי האָבן אָנגענומען זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן, איז געווען דאָס באַאַרבעטן שטיקלעך ערד — און דאָס האָט באַלד אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער. צו יענער צייט האָט דער קאָלכאָז לויט אַ באַפעל געדאַרפט צוטיילן גרעסערע שטחים נישט־באַאַרבעטע ערד צו די פאַרשידענע סאָוויעטישע אונטערנעמונגען, וואָס זיי האָבן זיי געדאַרפט אויסטיילן צווישן זייערע זאַטרודניקעס (באַ־שעפטיקטע) צו פינף סאָטקעס ערד אויף אַ משפחה. אויך די באַשעפ־טיקטע לערער פון די שולן און קינדערהייזער האָבן באַקומען אַזאַ שטיקל ערד. די גערעטעניש האָט זיך גענומען פון דעם, ווי אַזוי דאָס שטיקל ערד איז געוואָרן באַאַרבעט ביי די שוועריקייטן וואָס זענען געווען אָן אַ צאָל: קודם־כל די שוועריקייט מיט וואַסער וואָס אין קאַזאַכסטאַן איז עס געווען שטרענג ראַציאָנירט, נישט ווייניקער ראַציאָנירט ווי דאָס ברויט. דערנאָך נאָך די שוועריקייטן צו באַקומען זריעה צום פאַרזייען; און אַז עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו באַווייזן די ערשטע סימנים, אַז עס גייט שוין עפּעס אויף, האָט מען בייטאָג און נאָך מער אין די נעכט געמוזט היטן, אַז מען זאָל נישט צוגנבענען די רעזולטאַטן פון דער שווערער און זשמודנער אַרבעט.

אויך די לערערין לעווינאַ, וואָס האָט אָנגעפירט אין קינדערהויז מיטן זעקסטן קלאַס פאַר טויב־שטומע קינדער, האָט באַקומען פינף סאָט־קעס ערד צום באַאַרבעטן (וועגן דעם איז שוין געווען אַ רייד אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל).

אין דער בייער קיביטקע, וווּ מיר האָבן געוווינט, האָבן מיר אונ־טערן סאַמע פענצטער אויך געפונען אַ פּיצל ליידיקן באָדן. האָבן מיר אויך דאָס אויסגענוצט און פאַרזייט אַ ביסל טאָמאַטן (פּאָמידאָרן) און צו אונדזער מזל זענען זיי אויך געראָטן און ווען זיי זענען געוואָרן

צייטיק איז ביי אונדז געוואָרן אַ „שפע" פון טאָמאַטן. ווען ס'האָט זיך נאָר פאַרגלוסט, האָט מען געקאָנט אַראָפּנעמען טאָמאַטן וויפל מיר האָבן געדאַרפט. שוין צוליב דעם אַליין וואָס די טאָמאַטן זענען געווען אַ רע־זולטאַט פון אונדזער אייגענער אַרבעט זענען זיי ביי אונדז באַזונדערס געווען געשעצט.

אינגיכן האָט זיך אונדזער „קאָלכאָז" נאָך מער פאַרגרעסערט: דאָס הייז פאַר טויב־שטומע קינדער האָט צוזאַמען מיטן פערסאָנאַל זיך רעפּאַטריאירט קיין ראָסטאָוו אויפן דאָן און מיר האָבן אָפּגעקויפט ביי דער טאַכטער פונעם דירעקטאָר אירע דריי לעצטע הינדלעך, וואָס זי האָט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט געהאָדעוועט. נאָך אַ פּאָר טעג האָלטן זיי פאַר־שפּאַרט אין דער נייער „קוואַרטיר", וואָס די הינער האָבן געהאַט ביי אונדז, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען צום נייעם מקום און צו די נייע באַלעבאַטים. עס זענען אָבער געווען אויף זיי בעלנים, וואָס האָבן גע־טראָפן אַהער צו זיי... אַהיימקומענדיק איין מאָל פון דער אַרבעט האָבן מיר טאַקע דערזען אַז עס פעלט שוין איין הינדל. אַז מיר זענען געבליבן בלויז מיט צוויי הינער זענען זיי ביי אונדז געוואָרן נאָך מער טייער און מיר האָבן זיי אָפּגעהיטן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. באַזונדערס האָבן מיר זיי געשעצט צוליב דעם וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן צו לייגן רע־גולער אייער. געלייגט האָבן זיי די אייער פון זונטיק ביז פרייטיק, פולע זעקס טעג אין דער וואָך. שבת איז געווען זייער רו־טאָג... נישט פרייטיק און נישט זונטיק און אפילו נישט מיטוואָך, ווען די סאָוויעטישע פעלקער האָבן, לויטן נייעם קאַלענדאַר, זייער „וויכאָדנאָי" (פרייער טאָג) — נאָר דווקא ביום השביעי שבת וינפש...

אין איינער אַ וואָך האָט זיך אין אונדזער קאָלכאָז־געגנט אָנגעהויבן אַ כאַפּעריי פון מענטשן. די כאַפּערס האָבן נישט געקוקט ווער איר זענט; אפילו די בעסטע דאָקומענטן האָבן דאָ נישט געהאָלפן. קודם־כל האָט מען אייך געכאַפּט און אָפּגעפירט אין אַרעסט, פון וואַנען מ'האָט שפּע־טער אָפּגעפירט אין דער טרוד־אַרמיאַ (אַרבעטס־אַרמיי), ווו מ'האָט גע־דאַרפט אויספירן די שווערסטע אַרבעטן, וואָס דאָס איז געווען ערגער ווי אין דער אַרמיי אויפן פראָנט. כדי אויסצומיידן אָט די מגפה זענען מיר אַוועק פון קאָלכאָז, לאָזנדיק אַלץ אויף הפקר. די טיר האָבן מיר פאַר־מאַכט אויפן קייטל און מיט אַ שלעסל וואָס יעדער האָט געקאָנט לייכט עפענען מיט אַ דרעטל. דערביי האָט זיך געשטעלט די פראַגע: וואָס טוט מען מיט די הינער? מען דאַרף דאָך זיי געבן עסן און טרינקען? וואָס וועט פון זיי ווערן ווען מיר וועלן דאָ נישט זיין? אָבער קיין אַנ־דערע ברירה ווי איבערלאָזן זיי האָבן מיר נישט געהאַט. מיר האָבן נישט

געטאַרט בלייבן און געכאַפּט ווערן צו דער טרוד־אַרמיאַ, ווו אין אירע באַדינגונגען פון עבודת פּרך און הונגער האָט אונדז דערוואַרט אומקום.

ווען מיר האָבן זיך אין אַ וואָך אַרום אומגעקערט אַהיים, האָבן מיר געטראָפן אַזאַ מעמד: די טיר אויפן קייטל מיטן שלאָס אָפּגעשפּאַרט און צווישן דער אָפענער טיר און דער שוועל איז געלעגן אַ שטיין, אַזוי אַז אַ הינדל האָט געקאָנט דורכגיין, און אויף זייער הסב־בעט זענען געלעגן די אייער פון דער וואָך. ווען ס'איז געקומען די צייט פון לייגן, האָבן די הינדלעך גענומען פליען צום פענצטער און פּיקן אין דער שויב... ווען די באַלעבאָסטע האָט דאָס געהערט, האָט זי, מורא האָבנדיק זיי זאָלן נישט אויסשלאָגן די שויבן, אָפּגעלענט די טיר, און נאָך דעם ווי זיי זענען אַריין אין זייער מקום און אָפּגעלייגט די אייער, האָבן זיי זיך באַרויִקטע, ווידער אַרויסגעלאָזט אויף זייער געוויינלעכן געמיטלעכן שפּאַציר.

מיטאָמאָל האָבן ייִדן אָנגעהויבן צו קויפן שטוב־חיות: דער האָט געקויפט אַ קו, דער אַנדערער נאָר אַ ציג צי אַ קעלבל אָדער גאָר אַ שעפּסל. מילא, דער וואָס האָט זיך געקאָנט קויפן אַ מעלקנדיקע קו, האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גרויסן גביר. און דער ערשטער וואָס האָט דערצו געוויזן דעם וועג, איז געווען דער כאַרקאָווער ייִד ר' אהרן עלקין. ער האָט געהאַט אַ גרויסע משפּחה: ער אַליין מיט זיין ווייב, צוויי טעכ־טער מיט זייערע מענער, און פיר אייניקלעך — צוזאַמען הייסט דאָס: צען נפשות, וועלן זיי דעריבער דאַרפן פאַרנוצן די מילך וואָס די קו וועט זיי געבן. אַנדערע האָבן געקויפט אַ ציג אויך נאָר צוליבן ביסל מילך. די ווידער, וואָס האָבן געקאָנט קויפן נאָר אַ קעלבל אָדער אַ שעפּסל, האָבן בלויז אויסגערעכנט, זיי אויסצוהאָדעווען; מיט פּאַשע איז אין די זומער־חדשים נישט געווען קיין דאגה, האָבן זיי געטראַכט אַז מיט דער צייט וועט דאָס קעלבל אָדער שעפּסל אויפוואַקסן וועט מען עס קאָנען פאַרקויפן.

אויך מיר זענען דורך אונדזערע אוקראַיינישע שכנים געוואָרן אַריינ־געכאַפּט אין דער דאָזיקער בהלה פון קויפן אַ שטוב־חיה. מיט אָט די שכנים זענען מיר געווען גוט איינגעלעבט. ער איז געווען אַן אָנגעשטעל־טער אין זיין אייגענער קליינער מיל וואָס איז געשטאַנען אַקוראַט אַקעגן אונדזער כאַטקע, און פון צייט צו צייט פלעגט ער מיט זיין גאַלגן־הומאָר אויסגיסן זיין ביטער הארץ קעגן רעזשים און האָט דערביי פאַר אונדז נישט מורא געהאַט, אַז מיר וועלן דאָס דערציילן דאָרט ווו מען דאַרף נישט. מיר פאַרקערט, האָבן נישט מורא געהאַט פאַר אים, ער זאָל אונדז אויסגעבן; אַז מיר הערן אויס קריוודעס פונעם רעזשים און דערציילן דאָס נישט. סימנים דערפאַר האָבן מיר געהאַט גענוג.

און אָט די שכנים האָבן נישט אַנדערש נאָר געוואָלט, אַז מיר צו־

זאַמען מיט זיי זאָלן פֿאָרן אין דער גובערניע־שטאָט און דאָרט איינ־האַנדלען צו קליינע שעפּסלעך, און ביידע צוזאַמען זאָלן זיי זיך האָדעווען „ווי ברודער און שוועסטער״ : זיי אַרבעטן דאָך אין דער מיל, איז דער־פֿון געדרונגען, אַז אויך אונדזער שעפּסל וועט נישט דאַרפֿן שטיין אין אָטשערעד (ריי) נאָך אַ ביסל עסן. אַז זיי האָבן אָבער נישט געהאַלטן וואָרט, איז טאַקע כדאַי צו דערציילן. ווען מיר זענען אַוועק צו דער אַרבעט, האָט אונדזער שעפּסל נעבעך געשמאַק געהונגערט, ביז מיר האָבן זיך געכאַפּט אויף דעם, אַז ביידע שעפּסלעך זענען דאָך געוואָרן געקויפֿט צוזאַמען און על־פּי־שכל האָבן זיי דאָך געדאַרפֿט וואַקסן גלייך; איז אָבער איינס געוואַקסן און געוואָרן אַ „לייט״, בעת דאָס צווייטע איז געוואָרן פֿון טאָג צו טאָג אַלץ דאַרער, ממש איינגעגאַנגען אויף די אויגן. האָבן מיר גענומען אונדזער שעפּסל אין די הענט אַריין און עס גלייך גענומען האָדעווען אויף אַ ייִדישן שטייגער. צוליב זיין ברוינער פעל האָבן מיר אים אַ נאָמען געגעבן „רישעק״ — און דער דאָזיקער נאָמען האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין די ווייטערדיקע טעג פֿון זיין לעבן.

איצט האָבן מיר יעדן פֿאַרטאָג געריסן פֿריש גראָז פֿאַר רישעקן, וואָס האָט אים זייער גוט געשמעקט, און פֿאָרן אַוועקגיין צו דער אַרבעט האָבן מיר אים ווידער אָנגעקאָרמעט, און דערנאָך אים געלאָזט פֿריי, נישט ווי פֿריער, ווען די שכנים האָבן אים געהאַלטן אָנגעבונדן און ער האָט זיך נישט געקאָנט באַוועגן. און ווען מיר זענען געקומען צוועלף אַ זייגער אויף אונדזער מיטאָג, האָט אויך רישעק זיך אַריינגעשטעלט, גלייך ווי אויך ער וואָלט געקומען פֿון דער אַרבעט, און דאָס וואָס מיר האָבן געגעסן, האָט אויך רישעק געגעסן, און איידער מיר זענען אַוועק צו דער נאָכמיטאָג־אַרבעט, האָבן מיר אים ווידער אָנגעקאָרמעט. אַזוי האָט רישעק נאָך דעם געקאָנט ווידער גיין שפּאַצירן מיט אַ רויִקן קאָפּ און אויב ער האָט אין דער צווישנצייט ערגעץ־וווּ עפּעס טועם געווען, איז דאָס שוין געווען גלאַט אַ געווינס.

אַנטקעגן אונדזער הויז איז געשטאַנען אַ בוים מיט אוריוק (אַפּרי־קאָסן) — דאָס איז אַ זיסע און זייער באַטעמטע פּרי אין קאַזאַכסטאַן. אַז איך האָב רישעקן געגעבן אַזאַ פּרוכט צו עסן, האָט ער אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ,זיך נישט צוגערירט דערצו — ער האָט נישט געהאַלטן פֿון דער פּרי, אַזאַ פֿאַרדרוס! אַ וועלט מיט מענטשן האָבן דאָס יאָ געגעסן און פֿון מײלן ווייט איז מען געקומען נאָך אָט דער פּרי. בעתן סעזאָן פֿלעגט מען פֿון דער דאָזיקער פּרוכט טריקענען צענדליקער טאָנען און זיי אַוועקפֿירן ערגעץ־וווּ צום קאָנסערווירן. טאַקע גאַנצע טאָנען. און דאָ שטייט זיך רישעק, דער פּירפּיסיקער יחסן און וויל נישט קיין אַפּריקאָסן! האָב איך איין מאָל גענומען און אים מיט כּוח אַריינגעפּאַקט צוויי אַפּריקאָסן

אין דער מאָרדע, ביז ער האָט אויפגעגעסן די פּרוכטן; די קערנדלעך האָט מיין פאַרשוין אויסגעשפּיגן. פון דעמאָלט אָן, אַז מיר זענען נאָר געווען אין דער היים, האָט רישעק זיך צוגעשטעלט צום בוים, פאַרריסן דעם קאָפּ צו אים אין שטאַרקער לעכצעניש צום אוריוק און געמעקעט אַרויף, ביז מיר האָבן אויס טיפן רחמנות אים דערלאַנגט אַ פרישן קאַמפּאָט גלייך פון בוים.

ביסלעכווייז האָט רישעק אָנגעהויבן צו קומען צו זיך: ער האָט באַקומען לייב, זיין פעל איז צוריק געוואָרן גלאַנציק, די אויגן לעבעדיק, ער רישעק (איז געווען אַ זכר) האָט ווי אַ קינד זיך אָנגעהויבן צו שטיפן מיט זיך אַליין, ער איז געוואָרן פריילעך און האָט אָנגעהויבן צו שטיפן מיט זיינע דערציִער, ער האָט געגומען מאַכן „גימנאַסטישע איבונגען" — מיט איין וואָרט: פון אַ באַשעפעניש וואָס איז שוין געווען נוטה־למות, איז רישעק געוואָרן צוריק אַ „מענטש", דאָס הייסט, מיר האָבן מחיה מתים געווען גאָטס אַ באַשעפעניש.

איין מאָל אין אַ נאַכט האָבן מיר געמוזט אַוועק פון דער היים, כדי ערגעץ־ווו זיך צו באַהאַלטן, און האָבן געמוזט מיטנעמען מיט זיך אַ ביסל קליינינקייטן. רישעק איז געוואָרן טרויעריק, ווי ער וואָלט געפילט, אַז מיר גרייטן זיך אין וועג אַריין, און אַז מיר האָבן פאַרקייטלט די טיר אויפן קייטל און פאַרשלאָסן אויפן שלעסל, האָבן מיר רישעקן נישט ווי יעדע נאַכט צוגעבונדן צו דער וואַנט, נאָר אים געלאָזט פריי אויף אייגע־נעם באַראָט, ווארעם לאָזן אים צוגעבונדענערהייט אויסגיין פון הונגער און דאָרשט, האָבן מיר דאָך נישט געקאָנט. ווען מיר זענען אַרויס פון דער שטוב, איז רישעק אַ לאַנגע צייט מיט אונדז מיטגעגאַנגען, צוגעווינט דערצו, אַז מיר קומען באַלד צוריק. איצט אָבער האָט ער דערפילט, אַז דאָס מאָל איז עפּעס נישט גלאַטיק; האָט ער נישט געוואָלט אָפּטרעטן, אַזוי ווייט, אַז מיר האָבן געמוזט זיך אומקערן צוריק און בעטן אונדזער באַלעבאָסטע, זי זאָל אויף אַ שטיקל צייט אים צובינדן. לאַנג נאָך דעם האָבן מיר געהערט דאָס יאָמערלעכע מעקען פון רישעקן.

כאָטש איך האָב וועגן דעם מיט מיין פרוי נישט גערעדט, האָט אָבער יעדער פון אונדז געטראַכט דאָס זעלבע: ווער וועט איצט יעדן פאַרטאָג אָפּרייסן פריש גראָז פאַר רישעקן? און ווער וועט פאַר אים אָפּרייסן און אים דערלאַנגען זיין טעגלעכע פּאַרציע אַפריקאַסן און צוגרייטן זיין טעגלעך מיטאָג־עסן? און ווער ווייסט בכלל, צי מיר וועלן רישעקן נאָך אַ מאָל זען? מיט אַזעלכע מחשבות זענען מיר אַרומגעגאַנגען די גאַנצע וואָך, וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזן רישעקן אָן אויפזיכט, און ער האָט זיך ערגעץ־ווו געוואָלגערט אַליין. ווען מיר זענען דעם אַכטן טאָג אין אָוונט געקומען אַהיים, האָבן מיר שוין פון גאַנץ, גאַנץ ווייט דער־

הערט רישעקס וויינענדיק מעקען און יאָמערן. און ווי עס האָט אונדז דערציילט די שכנטע, איז ער נאַכט ביי נאַכט געלעגן אויפן זעלבן וועג, ווו ער האָט אונדז געזען אַוועקגיין מיט איבער אַ וואָך פריער.

גאָר דראַמאַטיש איז געווען אונדזער באַגעגעניש מיט רישעקן. ער האָט וויינענדיק געמעקעט, ער האָט געדרייט מיט זיינע הערנערלעך, גע־ריבן דעם קאָפּ אָן מיינע וואַטענע פּלודערן און געהאַלטן אין איין יאָמערן, גלייך ער וואָלט דאָ געוואָלט אויף דעם אופן דערציילן וועגן די ליידן וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין דער צייט, וואָס מיר זענען מיט אים נישט געווען.

וואָלטן מיר פאַרשטאַנען שעפּסן־שפּראַך, וואָלטן מיר זיך דער־ווּסט וואָס ער האָט דורכגעמאַכט. עס האָט געדויערט עטלעכע טעג, ביז רישעק האָט זיך איבערצייגט, אַז מיר קלויבן זיך נישט ווידער אַוועק־צוגיין ערגעץ. ערשט דעמאָלט האָט רישעק זיך באַרויִקט.

און איין מאָל, געווען איז דאָס אין אַ מיטן דער נאַכט, האָבן מיר פּלוצלינג דערהערט אַ מוראדיק מעקעריי פון רישעקן, און ביי אונדז האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי: „אוי, מיט רישעקן איז עפּעס געשען!" און אַז מיר זענען אַרויס אין דער פינצטערער נאַכט, איז פון אים שוין נישט געווען קיין סימן. וואָס איז מיט אים געשען? און וווּהין גייט מען אים זוכן אין דער דאָזיקער סכנהדיקער נאַכט וואָס איז פול מיט גריבער, מחמת דעם וואָס מען האָט שטענדיק געהאַלטן אין איין זוכן נייע וואַסער־קוואַלן, ווייל אין יענע מקומות איז געווען אַ מאַנגל אין וואַסער און האָט מען ביים גראָבן נישט געפונען קיין וואַסער, האָט מען די גריבער געלאָזט אָפן. און נאָך אַ לאַנגן זוכן און כסדרדיקן שרייען און רופן: „רישעק! רישעק!" האָט רישעק פון ערגעץ העט, העט ווייט זיך אָפּגערופן מיט זיין וויינענדיקן מע־מע־מע„ וואָס מיר האָבן שוין אַזוי גוט געקענט. און ווען מיר האָבן אים געבראַכט אין שטוב אַריין, האָט רישעק נאָך אַ נאַכט פון איבערגעלעבטער שרעק זיך ווידער דערפילט ווי ביי זיך אין דער היים.

## אין אַ פּויליש קינדער־הויז

נאָכן אָפּמאַך פון סטאַלינען מיט דער פּוילישער עמיגראַציע־רע־גירונג פון גענעראַל שיקאָרסקי וועגן באַפרייען אַלע אַרעסטירטע פּוי־לישע בירגער פון די תפיסות, שקלאַפן־לאַגערן און פּאַשאַלקעס, וואָס איז פולשטענדיק קיינמאָל נישט אויסגעפירט געוואָרן, איז צווישן אַנ־

דערן אויך געווען אַ פּונקט וועגן עפּעס פאַר די קינדער, קינדער־הייזער און שולן מיט פּוילישער אונטעררכיכט־שפּראַך און לויט אַ פּוילישן שול־פּראָגראַם. אין די דאָזיקע קינדערהייזער האָט זיך אויך געפונען אַ היפּשע צאָל ייִדישע קינדער, וואָס זייערע עלטערן זענען געווען פּוילישע בירגער און אַ סך פון די קינדער זענען שוין געווען האַלבע אָדער קיילעכדיקע יתומים.

וועגן לערנען ייִדיש מיט אָט די האַלבע און גאַנצע יתומים האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס אַ חוץ דער „אייניקייט" וואָס איז דערגאַנגען בלויז צו יחידים, האָט דאָרט זינט לאַנגע יאָרן גאָרנישט עקזיסטירט אין ייִדישן לשון. איז דאָס ממילא שוין געווען אויף דער האַנט פאַר די פּוילישע קרייזן און די פראַגע האָט זיך פאַר זיי גאָר־נישט געשטעלט, אויב בראש פון די קינדערהייזער זענען געוואָרן געשטעלט ייִדן. אגב, ווען איז דאָס דעמאָלט געלעגן אין זינען צו קעמפן פאַר ייִדיש לשון פאַר ייִדישע קינדער, ווען דער אײנציקער גע־דאַנק, דער אײנציקער באַגער איז געווען פאַר אַלע פּוילישע בירגער אַן אויסנאַם, ווי אַזוי וואָס גיכער זיך אַרויסצובאַקומען פון דעם סאָ־וויעטישן גיהנום. נאָכן 8־טן מאַי 1945 איז די סאָוויעטישע רעגירונג צוגעטרעטן צו דער רעפּאַטריאַציע פון פּוילישע בירגער וואָס צווישן זיי זענען, ווי באַוווּסט, געווען טויזנטער ייִדן, און ועל כרחך האָט זי זיי געמוזט אויך באַפרייען פון די פאַרשידענע אונטערנעמונגען. און נישט איין נאַטשאַלניק האָט געפּרוּווט מיט זיי אײנטענהן און אײנרעדן זיי, נאָך וואָס זיי לויפן און וווהין זיי לויפן, און אַז „אונדזער לאַנד איז גרויס, אונדזער לאַנד איז שטאַרק און אונדזער לאַנד איז פריי!"

אין פריערדיקן פּוילן זענען געווען צווישן אָט די ייִדן אַ סך פאַר־טיי־טוער, קולטור־טוער, שול־טוער, שרייבער און לערער, און זיי אַלע האָבן שוין געהאַט אַ טרויעריקע דערפאַרונג, כדי זיך נישט צו לאָזן כאַפּן פון די „שיינע" רייד פון די נאַטשאַלניקעס. ס'איז טאַקע — האָבן זיי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — זייער גוט און פריי אייער לאַנד, אָבער אונדז ציט עס אַ היים. און דערווייל זענען געווען אינסטיטוציעס וואָס אין זיי צו אַרבעטן איז עס געוואָרן אַ פּאַטריאָטישער חוב און וואָס האָט זיי געגעבן אַן אויסזען פון פּוילישקייט. באַזונדער האָט עס באַוויגן נאַ־ציאָנאַל־געשטימטע ייִדן צו זיין טעטיק צווישן ייִדישע קינדער וואָס זאָל זיי כאָטש אין אַ מינימאַלער מאָס דערמאָנען זייער צוגעהעריקייט צו ייִדן און ייִדישקייט און זיי זאָלן נישט ווערן אָפּגעפרעמדט פון דעם. צום באַ־דויערן אָבער האָט זיך דאָס נישט אײנגעגעבן אין אַ פולער מאָס.

אין איינעם אַזאַ קינדער־הויז אין סייראַם זענען מיר אָוועק און געוואָרן אַנגאַזשירט. מיין פרוי, אַ ייִדישע לערערין מיט אַ פאַרמלחמה־

דיקן לערער־סטאַזש, האָט באַקומען אַ קלאַס און איך צוויי גרופּעס וואָס זענען באַשטאַנען פון קרוב אַ העלפט פון ייִדישע קינדער וואָס האָבן זיך געדאַרפט לערנען דאָס שניידער־פאַך. מיר האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיטן גאַנצן ענטוזיאַזם, בפרט אַזוי ווי דאָס האָט בשעתו פאַרזיכערט דער געוועזענער פאַרטרויונגס־מאַן פון דער שיקאָרסקי־רעגירונג, אַז דאָס אַרבעטן אין פּוילישע אינסטיטוציעס גיט די זיכערע מעגלעכקייט צו באַקומען אַ וויזע צוריקצופאָרן קיין פּוילן. איז דעריבער נישט געווען אַזאַ שווערע אַרבעט וואָס זאָל זיין צו שווער, אַבי זיך נאָר פאַרדינען אַזאַ וויזע.

אין מיטן יאָר 1945 בין איך אָנגעקומען ווי אַ שניידער־אינסטרוקטאָר אין קינדערהויז פון סיירעם. דער אַנשטאַלט האָט געהאַט 154 קינדער מיט אַ פּערסאָנאַל פון אַרום 40 מענטשן, אָנהייבנדיק פונעם דירעקטאָר, לערער, דערציערינס, ביז צו דער שטובן־רוימערקע. ווייטער: אַ פּראָפעסאָר, לערערס, לערערינס, אַ שלאָסער־וואַרשטאַט און אַ שניידעריי. צווישן די קרוב 40 אָנגעשטעלטע אינעם קינדערהויז זענען מיר געווען די איינציקע צוויי ייִדן, נישט געקוקט דעריף וואָס די צאָל ייִדישע קינדער איז געווען אַזאַ הויכע.

די שמועסן, מיר זאָלן אַריינטרעטן אין קינדערהויז, האָט מיט אונדז געפירט דער דירעקטאָר — ער האָט זיך געהייסן רופן באָריס באַריסאָוויטש. אונדזער געהאַלט האָט געזאָלט זיין דאָס געהאַלט פון אַ לערער, נאָמינעל: אַרום 600 רובל, פאַקטיש אָבער בלויז 500 רובל. אויך מיטאָג האָבן מיר געדאַרפט באַקומען פון דער קיך. און עטלעכע מאָל האָבן מיר טאַקע באַקומען, אָבער קיינמאָל נישט צוזאַמען מיט די קינדער און אויך נישט מיט דער דירעקציע. מיר האָבן נישט געטאָרט זען, ווי שלעכט די קינדער ווערן געשפּייזט — דאָס האָט ערשט באַוויזן אַ ספּעציעלע קאָנטראָל־קאָמיסיע, און מיט דער דירעקציע האָבן מיר נישט געטאָרט צוזאַמען עסן, כדי מיר זאָלן נישט זען וואָס אַלץ זיי דערלויבן זיך אין יענער צייט פונעם הונגער, וואָס האָט געהערשט אין דעמאָלטיקן רוסלאַנד.

ווער איז געווען דער דירעקטאָר פונעם דאָזיקן קינדערהויז? די אָנגעשטעלטע פּאָליאַקן, דורכויס נישט קיין אומוויסנדיקע מענטשן, האָבן געוווּסט צו דערציילן, אַז ער איז אַ ייִד — און צום באַדויערן איז דאָס געווען אמת. באָריס באַריסאָוויטש האָט עס אויך נישט געלייקנט, ער האָט נאָר געזאָגט, אַז דער טאַטע איז געווען אַ גריך און די מאַמע אַ פּאָלקע. אמת איז נאָר געווען איינס: אַז די פאַרברעכנס פון אַלע אומות זענען געווען אין אים. ער האָט אויסגעהונגערט די קינדער, כאָטש פּאָר די קינדער האָט שטענדיק געמוזט זיין זייער ברויט־נאָרמע. גאָר אָפט האָט

געקאַנט טרעפן, אַז פאַר די אָנגעשטעלטע האָט אויסגעפעלט ברויט, פאַר די קינדער אָבער קיינמאָל נישט, ווייל פאַר זיי האָבן די קאָלכאָזן אונ־טער אַלע דראָונגען געמוזט צושטעלן ברויט צו דער צייט. אויף איינער אַן אומגעריכטער רעגירונגס־קאָנטראָל האָט מען געפונען אין די שפּייז־סקלאַדעס פונעם הויז אַן עודף פון קרוב 100 קילאָ ברויט וואָס איז לויטן סאָוויעטישן געזעץ געווען שטרענג פאַרבאָטן. גיכער איז געווען דער־לויבט אַ מאַנקאָ, דאָס הייסט: עס זאָל פעלן, וואָס פירער פון סאָוויע־טישע אינסטיטוציעס האָבן אויסגענוצט אין דער פולסטער מאָס; אָבער איבעריקס? אַן עודף? פון וואַנען נעמט זיך דאָס, אַז ברויט באַקומט מען צוגעשטעלט בלויז אויף איין טאָג! אָבער נישקשה, אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָט מען אויך אין אַזעלכע פאַלן זיך געגעבן אַן עצה. למשל, דער ממונה איבער די קינדערהייזער איז געווען דער זאַוו־אָבלאָנאָ, אין פּוילן האָט ער געהייסן שול־קוראַטאָר; דערנאָך איז געווען דער פאַר־שטייער פון דער מיליץ וואָס האָט געדאַרפט אָפּהיטן, אַז אַלץ זאָל זיין לויטן געזעץ, צום סוף איז נאָך געווען דער בוכהאַלטער וואָס האָט לויטן סאָוויעטישן געזעץ שטענדיק געמוזט זיין אויפן אָרט און תיכף געמוזט פאַרצייכענען אַלע אַריינגעקומענע און ארויסגעגעבענע פּראָדוקטן. פּראַק־טיש איז עס געווען אַזוי: פיר אָדער פינף טעג פאַרן סוף פון יעדן חודש איז געקומען די בוכהאַלטערין, מאַדאַם ציגעלפאַרב. אין די פּרי־ערדיקע שיקאַרסקי־צייטן איז איר מאַן, דער פאַן ציגעלפאַרב, געווען אין מאַנקענט אַ נאַכט־וועכטער ביי די סקלאַדעס פון דער שיקאַרסקי־דעלע־גאַטור. איצט איז ער שוין געווען דערהויבן צום פּרעדסעדאַטיעל (פּרע־זידענט בלע״ז) אין גובערניע־ז. פּ. פּ., און האָט פאַרנומען אַ פאַראַד־ווינונג אין דער גובערנאַלער רעזידענץ אין טשימקענט. און פאַר די אַלע מלוכה־פאַרשטייער פלעגט מען יעדן חודש אַהיימשיקן אַ וואָגן מיט שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס די בוכהאַלטערשע האָט געדאַרפט אויסגלייכן אויף אַ בוכהאַלטערישן אופן אַזוי, אַז אַלץ זאָל שטימען.

אין יענער צייט זענען אָנגעקומען פון אַמעריקע ספּעציעל פאַר די קינדערהייזער ריזיקע טראַנספּאָרטן מיט כלערליי שפּייז־פּראָדוקטן און ריזיקע סכומים זיסקייטן. נישט איך און נישט מיין פרוי האָבן נישט באַקומען קיין שמץ פון די אַלע גוטע זאַכן, כאָטש זיי זענען דאָך געוואָרן געשיקט אויך פאַר די מיטאַרבעטער פון דער אינסטיטוציע — און מיר זענען דאָך געווען מיטאַרבעטער. צי האָבן די אַנדערע אָנגעשטעלטע יאָ עפּעס פון דעם באַקומען, ווייס איך נישט; צי האָבן די קינדער פון דעם עפּעס באַקומען? איך בין געווען אַן עדות פון צוויי ספּעקטאַקלען. נומער איינס: צוליב מיין אינסטרוקטאַרישן אַמט האָב איך איין מאָל געדאַרפט אָנקו־מען צום דירעקטאָר, און ווי געווינטלעך האָב איך אָנגעקלאַפּט אין דער

טיר. אויף דעם האָט מען מיר געענטפערט מיטן פּוילישן „פּראַשע באַרדזאָ״ (ביטע שיין). אַז איך בין אַריינגעקומען, זענען געזעסן אַרום דעם טיש: אויבנאָן דער דירעקטאָר, די וויצע־דירעקטאָרשע פּאַני קאַפּלאַנסקאַ מיט אירע צוויי ייִנגלעך וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין הויז; איר שוועסטער, די פּאַני יאַדוויגאַ דעלערוא, וואָס האָט געזאָגט וועגן זיך, אַז זי איז דאָס ווייב פון אַ הויכן פראַנצויזישן מיליטער־מאַן; דער פּאַן סקוואַרטשינסקי וואָס האָט געזאָגט וועגן זיך, אַז אין דער היים איז ער געווען אַ „גוט־באַזיצער״; דאָ אין קינדערהויז האָט ער זיך געלאָזט רופן „פּאַניע פּראָפעסאָזשע״ (הער פּראָפעסאָר); אויך דער „פּרעזידענט״ פון ז. פּ. פּ. ציגעלפאַרב מיט זיין זיווג, די בוכהאַלטערשע ציגעלפאַרב, זענען דאָ געזעסן. און אויפן לאַנגן טיש זענען געווען אָנגעלייגט געעפנטע פּעק מיט שאָקאָלאַד און אַנדערע זיסקייטן און צעעפנטע פלעשער וויין. מען וועט אפשר מיינען, אַז די גענוצלשאַפט דאָ האָט זיך פאַרשעמט? ניין! זיי האָבן ווייטער, אַזוי ווי פריער, עוסק געווען און פאַרשלונגען דאָס אַלץ וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש. איך בין אַוועק ווי קיינמאָל גאָרנישט.

אַ צווייטע געשיכטע וואָס כ׳האָב בייגעוווינט איז געווען מיט אַ ייִנגל פון אַ יאָר 8—9. דער דירעקטאָר איז געשטאַנען איבערן קינד אַז ער זאָל זיך מודה זיין אין גנבענען אַ זיסקייט. דאָס קינד איז געשטאַנען אַ פאַרוויינטס און האָט צו דעם זיך נישט מודה געווען, צי האָט דער דירעקטאָר אים געשלאָגן ווייס איך נישט. כאָטש דאָס האָט געהערט צו די דערציִונגס־מעטאָדן פון דאָזיקן חברה־מאַן. אין דעם פאַל האָב איך נישט געזען, דאָס ייִנגל אָבער האָט ביטער געוויינט. צי האָט ער זיך לסוף מודה געווען צו דער גנבה, דאָס האָב איך שוין נישט געהערט.

ווער איז געווען די וויצע־דירעקטאָרשע פון קינדערהויז? זי איז געווען די פרוי פונעם אַמאָליקן לעמבערגער פּאָליציי־קאָמיסאַר קאַפּלאַנסקי, וואָס האָט צוזאַמען מיט דער פריילין פּאַסטערנאַק זיך אַזוי טרויעריק באַרימט געמאַכט אינעם פּראָצעס פון ייִדישן יונגנמאַן סטאַניסלאַוו שטייגער וואָס האָט כלומרשט געוואָלט דערמאָרדן דעם דעמאָלטיקן פּוילישן מלוכה־פּרעזידענט וואָיטשעכאָווסקי, און זי אַליין אַ מוראדיקע אַנטיסעמיטקע וואָס האָט ממש נישט געקאָנט רויִק פאַרבייגיין פאַר אַ ייִדיש קינד איז זי איצט דורך די נייע קאָמוניסטישע מאַכט־פּאַקטאָרן אין פּוילן באַשטימט געוואָרן אַלס די וויצע־דירעקטאָרשע אין אַ קינדערהויז פון מיטל־אַזיאַטישן סייראַם מיט אַזאַ גרויסע צאָל קינדער פון ייִדישע עלטערן. דערמיט אָבער איז איר קאַריערע ווייט נאָכנישט געווען געענדיקט.

דאָס יאָר 1943 און אָנפאַנג 1944 זענען געווען שרעקלעכע צייטן.

די רוסישע אַרמיי גייט אָפּ אין בלוט, אין די טויזנטער פאַלן די מענטשן אויף די פראָנטן, אין לאַנד איז אַ ביטערער הונגער: ברויט איז מיט גאָלד צוגלייך, אויף די ערטער איז אַ פּערמאַנענטע מאָביליזאַציע, קיין יונגע מענטשן אויף די גאַסן זענען כמעט שוין נישט צו זען; אַלץ גייט פאַרן פראָנט. דער דאַזיקער סלאָגאַן שרייט אַראָפּ פון אַלע דעכער, פון די ווענט. פאַרשטייט זיך אַז אויך די מענטשן זענען פאַרן פראָנט, אויף די גאַסן גייט אָן אַ כסדרדיקע מענטשן־כאַפּעריי און די וואָס מ'כאַפּט ווערן תיכף אָפּגעפירט אין וואָיענקאָמאַט (מאָביליזאַציע־פּונקט). אויף איינעם אַזאַ מענטשן־געיעג ווער אויך איך אַריינגעכאַפּט. איך בין אָבער אַ לערער, (אינסטרוקטאָר), און לויטן סאָוויעטישן דין טאָר מען מיך נישט נעמען אין מיליטער. גייט אָן וועגן מיר אַ שטאַרקע שקלא־וטריה, די נאַטשאַלניקעס וואָס בלייבן אויפן אָרט און גייען נישט אין מיליטער ווילן נישט אָפּלאָזן זייער פאַרטנוי (שניידער), גייט אָן איבער מיר אַ דינגעניש... מיין פרוי האָט דערביי איינגעריסן וועלטן, און די 25 קילאָמעטער פון סייראַם ביז מאָנקענט איז זי געלאָפן הין און צוריק און ווידער אַהין, ביז זי האָט מיך פון דאָרט אַרויסגעריסן.

דערווייל אָבער האַלט מען מיך אויפן מאָביליזאַציע־פּונקט וואָס האָט אַזוי געדויערט פינף מעת־לעת. פאַר דער צייט זענען דאָ דורכגעגאַנגען טויזנטער מענטשן. אייניקע ווערן געשיקט אויפן מלחמה־פראָנט וואָס אַ סך פון זיי וועלן אַהיים מער שוין נישט קומען, אַנדערע ווערן געשיקט אויפן אַרבעטס־פראָנט אין די קוילן־שאַכטעס אָדער אַנדערע אַרבעטס־לאַגערן וואָס זענען אָפּטמאָל פיל ערגער ווי אויף די מלחמה־פראָנטן און איך ווער נאָך אַלץ געהאַלטן אויפן מאָביליזאַציע־פּונקט. אויסער מיר אָבער זע איך דאָ זיך אַרומדרייען נאָך אַנדערע „פּריצים”... אויף וואָס וואַרטן זיי? אַז קיין לערער זענען זיי נישט, אויך קיין בעז־גראַזשדאַנסקע (שטאַטסלאַזע) פּאַספּאָרטן וואָס זאָל זיי באַפרייען פון יעדער מלחמה־התחייבות האָבן זיי אויך נישט. נאָר וואָס דען האָבן זיי יאָ?

דאָס האָט מיר איינער פון זיי אַנטפּלעקט דעם סוד: אַז דאָס האָט דער באָבוי (זיין טאַטע), געברענגט פאַרן הויפּט־קאָמאַנדיר פונעם מאָביליזאַציע־פּונקט אַ זשירבי (פעטן) שעפּס און (אפשר נאָך עפּעס)? און ער קאָן שוין גיין אַ היים, זיין חוב פאַרן פאָטערלאַנד האָט ער שוין דערפילט און אויך דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון מאָביליזאַציע־פּונקט דערפילט אַזוי כסדר זיין חוב פאַרן סאָוויעטישן פאָטערלאַנד... און ווען איך בין אַרויס פונעם מאָביליזאַציע־פּונקט איז פאַרן טויער ווייטער ווי ביז איצט זיך געהאָנגען אַ ריזקער טראַנספּאַראַנט מיט לאַנגע און שרייענדיקע אויפשריפטן: „אַלץ פאַרן פראָנט! אַלץ פאַרן פראָנט!...”

די מלחמה איז אָנגעגאַנגען און די קינדער זענען דערווייל גע־

וואקסן, עלטער געוואָרן און וואָס האָבן זיי געטאָן אין דער פרייער צייט? ווען קיין שול־לימודים זענען נישט געווען? און קיין פאַרשטע־לונגען לכבוד די פאַרשידענע „הויכגעשטעלטע" סאָוויעטישע געסט וואָס פלעגן אָפט זיך באַווייזן אינעם קינדערהויז כדי זיך אַ ביסל צו דערכאַפּן ס'האַרץ מיט אַ טרינק זענען אויך נישט געווען. דעמאָלט האָבן זיי גע־דאַרפט אויספירן די גאַנצע אַרבעט וואָס ס'פאָדערט אַזאַ גרויסע אונ־טערנעמונג ווי 154 קינדער און קרוב 40 דערוואַקסענע מענטשן וואָס זענען געווען אַנגעשטעלט אין הויז. די קינדער האָבן געדאַרפט רייביקן די צימען, זיי האָבן געדאַרפט שניידן ביימער, האַקן האָלץ, טראָגן וואַסער, וואָס אין יענעם מקום איז עס געווען ראַציאָנירט שיער נישט אַזוי ווי ברויט, זיי האָבן געדאַרפט באַאַרבעטן דאָס פעלד, און דעם גאָרטן, און ועל־כולם זענען זיי דאָך שטענדיק געווען הונגעריק און געדאַרפט זוכן מיט וואָס אים צו שטילן, וואָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן בפרט זוכן אויסערן הויז פאַרוואָס מען איז הארב באַשטראָפט געוואָרן, וואָרעם זוכן עסן אויסערן הויז האָט דאָך געהייסן אַז אין הויז גיט מען זיי נישט גענוג צו עסן וואָס עס וואָלט געקאָנט פאַרטונקלען זייער פּרעסטיזש און דאָס האָט נישט געטאָרט זיין.

די אָנפירונג פונעם הויז האָט אויך געהאַט צו זייער אייגענער דינסט קינדער וואָס האָבן זיי פּערזענלעך באַדינט, אַזאַ דינסט האָט געהאַט די וויצע־דירעקטאָרשע די פּאַני קאַפּלאַנסקאַ, אַזאַ דינסט האָט געהאַט איר שוועסטער דאָס ווייב פון אַ הויכן פראַנצויזישן „מיליטער־מאַן", אַזאַ דינסט האָט געהאַט דער פּאַן סקוואַרטשינסקי, דער גוט־באַזיצער, און אַזאַ דינסט האָט פאַרשטייט זיך געהאַט ער אַליין דער דירעקטאָר. דאָס איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר 16—17, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין הויז צוזאַמען מיט איר דאָרפישער מאַמע, אַן עלטערע און קראַנקע פרוי. מיטאַמאָל איז דאָס מיידל פאַרשוווּנדן געוואָרן פונעם הויז און קיי־נער האָט נישט געוווּסט צו זאָגן ווו דאָס מיידל איז אַהינגעקומען. ערשט אין אַ לענגערע צייט שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס האָט מען זי געהאַט אוועקגעפירט ערגעץ ווו כדי צו באַזייטיקן איר שוואַנגערשאַפט!...

די איניציאַטיוו אויפצושטעלן אַ שניידער־קורס אינעם קינדערהויז איז געקומען פונעם וויצע־זאַוו־אַבלאַנאַ, אַ טייערער האַרציקער ייִד. די מלחמה האָט ער געזאָגט גייט צום סוף, דאָס ייִדנטום פון פּוילן איז געווען אויסגעשאָכטן. און ביי דער לאַגע וואָס אין הייַנטיקן פּוילן וועלן אַהין זיך אומקערן יונגע ייִדן, אין מלחמה־צייט אויסגעוואַקסן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, וואָס פאַרשטייען אפילו רעכט נישט די פּוילישע שפּראַך ווי געהעריק און אָן אַ פאַך וואָס וועט פון זיי ווערן? אויב זיי וועלן אין הייַנטיקן פּוילן צו גאָרנישט זיך קאָנען נעמען האָט ער צו מיר איינ־

מאָל געזאָגט. ביי ייִדן איז קיינמאָל קיין גרויס־אינדוסטריע נישט געווען און אין הייַנטיקן פּוילן האָבן זיי אודאי נישט קיין האָפענונג אַז מ׳זאָל זיי צו גרויס־אינדוסטריע צולאָזן, איז זאָלן זיי כאָטש קענען דאָס שניי־דער־פאַך וואָס נאָך דער איצטיקער מלחמה וועט דאָס פאַר זיי אויך זיין געננוג נוצלעך.

גאָר עפּעס אַנדערש האָט וועגן דעם געטראַכט דער דירעקטאָר פון קינדערהויז באַריס באַריסאָוויטש, קודם האָב איך געמוזט נייען פאַר אים אַליין, דערנאָך פאַר זיינע געליבטע, דערנאָך פאַר די אַלע נאַטשאַלניקעס וואָס דורך זיי האָט ער געדאַרפט אונטערשפּאַרן זיין מאַכט, און מיטאַמאָל האָט זיך אַריינגעשטעלט דער העכסטער נאַטשאַלניק פון גובערניאַלן ז.פּ.פּ. דער טאַוואַרישטש ציגעלפאַרב וואָס ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק איז ער געווען דער נאַכט־וועכטער ביי די סחורה־סקלאַדעס פון דער פריערדיקע דעלעגאַטור, איצט האָט ער געטראָגן אַ ציוויל ציקליסטן־היטל, מיט אַ לאַנגן, אַלאַ סטאַלין ביז צו דער ערד שוואַרצן מיליטערישן פּאַל־טאָ, הינטערן פאַלע אַ ריזיקער נאַגאַן.

מיט אונדזער אָנקומען צו דער אַרבעט אינעם קינדער־הויז האָט מען געמאַכט אַ ריי פאַרזאַמלונגען אויף וועלכע עס איז מיר צוגעטיילט געוואָרן אַ ריי „כיבודים". אויף איינער אַזאַ פאַרזאַמלונג האָט מען אָפּ־געקליבן די צוויי גרופּן וואָס האָבן געזאָלט ווערן מיינע שניידערישע תל־מידים. אויף אַ צווייטער פאַרזאַמלונג ווידער בין איך געוואָרן געקליבן ווי דער פאַרזיצער פון דער לאָקאַלער ז. פּ. פּ. דוכט זיך אַ בכבודיקער אַמט האַ ? בפרט נאָך אַז מיר איז געוואָרן צוגעטיילט די קולטור־אַרבעט. איינע פון מיינע אויפגאַבן אויף די זונטיק־פאַרזאַמלונגען איז געווען צו קאָמענטירן די נייעסן פון דער וואָך. און די פּאָליאַקן זענען גערן געקומען מיך הערן. און גראַד דעמאָלט איז די לייבאָר־פּאַרטיי געקומען צו דער מאַכט. און כ׳האָב אויף זייערע פראַגן געדאַרפט פאַרענטפערן דעם אונ־טערשיד פון סאָוועטישן רעזשים, ביזן לייבאָר־רעזשים. פאָלג מיך אַ גאַנג.די נייעסן זענען געווען געננוג קאַרגע אַ פּיטשינקע ידיעה פון יע־נער צייט איז געווען אַז ס׳האָט שיער נישט געזאָלט ווערן פאַר־אייניקט די ס. פּ. י. אַ. מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פראַנקרייך. נאָר דער אבן־גוף, איז געווען דאַניעל מאַיער. מילא, וואָס ער האָט אַריינ־געכאַפּט פון דער סאָוויעטישער פרעסע זאָל דאָס פאַלן אויף אַלע וויסטע וועלדער און פעלדער.

אויף איינע פון די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען האָט דער דירעקטאָר פאָרגעשלאָגן אַז די אָנגעשטעלטע זאָלן זיך אויסקלויבן אַ דעלעגאַט. דאָס הייסט האָט ער געטענהט, לייטישע אַרבעטער מוזן האָבן זייער פאַר־טרעטער, וואָס זאָל קאָנען רעדן אין זייער נאָמען מיט דער דירעקציע. און

ווידער האָבן זיי אויסגעקליבן מיך, וואָס אויך דאָ האָט זיך אַרויסגע־ וויזן אַז פּאַליאַקן זענען גרויסע העלדן ווען דער באַלעבאָס הערט נישט, פּאַרן באַלעבאָס אין די אויגן זענען זיי גאַנץ שטילע וואַסערלעך, אויך דאָ האָבן זיי אויסגעקליבן מיך ווייל זיי אַליין וואָלטן קיינמאָל נישט געהאַט קיין מוט עפּעס צו בעטן ביים דירעקטאָר, איך — ווידער האָב דעם אמת גערן אַנגענומען מחמת פּאַרטיידיקן די אינטערעסן פון אַר־ בעטער איז דאָך תמיד געווען מיין אידעאַל. סוף כל סוף האָבן די אַלע גדולות צו לאַנג נישט אָנגעהאַלטן און זייער שנעל האָבן זיי זיך געענ־ דיקט און אָט פּאַרוואָס.

אינעם הויז ווו כ׳האָב שוין אויבן געזאָגט איז אויך געווען אַ שניי־ דעריי ווו עס האָבן געאַרבעט די מאַמעס, ווענמענס קינדער ס׳האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין הויז. מיטן צוטיילן דעם פּאַדעם און אַנדערע זאַכן וואָס זענען געווען נייטיק צו דער אַרבעט האָט זיך פאַרנומען דאָס פּוילישע ווייב פונעם הויכן פראַנצויזישן מיליטער־מאַן. אייגמאָל איז צו מיר גע־ קומען דער דירעקטאָר מיט אַ פּאָרשלאַג. אַזוי ווי די שניידערינס גנבענען, דעריבער זאָל איך נעמען אויף זיך דאָס צוטיילן פּאַר זיי דעם פּאַדעם און אויך די אַנדערע זאַכן און אַכטונג געבן ווער עס גנבעט זאָל איך אים דערציילן. איך האָב אים אויפן אָרט דערקלערט אַז איך בין געקומען אַהער נאָר ווי אַ שניידער און גאָרנישט מער, דאָס איז געווען דער ערשטער צוזאַמענשטויס נאָך וועלכן ס׳זענען באַלד געקומען אַנדערע. הערט נאָר הערט! ער האָט מיך אויפגענומען פאַר אַן אינסטרוקטאָר אין שניידעריי, פאַר אַ פאַרזיצער אין ז. פּ. פּ., פאַרן דעלעגאַט פון די אַר־ בעטער, און דאָ זאָג איך אים אָפּ אַזאַ קלייניקייט. כ׳זאָל אים דערציילן ווער עס גנבעט און איך זאָל עס נאָכקוקן. עס האָט אָבער גאָרנישט גע־ האָלפן איך האָב דעם נייעם „אמט" נישט אָנגענומען.

אַן אַנדערע זאַך זענען געווען די פאַרזאַמלונגען וואָס ער פלעגט ביי יעדער קלייניקייט צוזאַמענרופן וואָס אַלע מיטגלידער זענען געווען מחויב צו קומען, און ער ווי אַן אומהיילבאַרער שיכור פלעגט ער אויף אַ גראָבן אופן באַליידיקן די פרויען, און צו זיי גראָב זיך באַציען, (אויך די מענער האָט ער נישט געשוינט), אויף וואָס זיי האָבן שטילערהייט זיך געבונטעוועט, און נישט אייגמאָל פלעגט ער אַזוי זיצנדיק אויף זיין בענקל אַ שיכורער אָוועקפאַלן און נישט געוווּסט וואָס מיט אים טוט זיך. האָט מען אים אַזוי אָוועקגעטראָגן, ערגעץ־ווו ביז ער האָט זיך אויס־ געניכטערט. אייגמאָל האָט ער פאַררופן אַ פאַרזאַמלונג אויפן אָוונט ווען אַלע קינדער אין הויז זענען שוין געשלאָפן. אין דרויסן איז אַ פראָסט און אַ מוראדיקער שניי און אַלע אַרבעטער שטייען הינטערן טויער. מ׳וועט געפרווירן. אפשר צוויי שעה שפּעטער איז ער אָנגעקומען אַ טויט־

שיכורער און פאַלט פון די פיס. קאָן אויף זיי זיך נישט האַלטן. ווייסט נישט וואָס ער פלוידערט. ווען ער האָט שוין ענדלעך געעפנט די פאַרזאַמלונג האָב איך גענומען דאָס וואָרט אין נאָמען פון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע און שאַרף פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ אומדערהערטער האַנדלונג צו האַלטן אַזוי פיל מענטשן אויפן פראָסט שעהען לאַנג הינטער דער טיר...

דאָ אָבער האָט דער דירעקטאָר באַלד זיך אויסגעניכטערט און אויף אַ ווילדן אופן אויף מיר זיך געוואָרפן, באשר דאָס רעד איך קעגן דער ראַטנמאַכט. דערפאַר זאָגט ער מיר תיכף אָפּ פון דער אַרבעט. וואָלט דאָס פאַר אונדז געווען אַ קנאַפּער אומגליק וואָרעם שוין לאַנג האָבן מיר געוואָלט פּטור ווערן פון אָט דעם פאַרברעכער. דאָ אָבער האָט זיך שוין אַריינגעמישט די רעפּאַטריאַציע־באַוועגונג פון רוסלאַנד קיין פוילן. דאָס איז שוין אָבער אַן אַנדער קאַפּיטל פאַר זיך, וועגן וואָס מ׳דאַרף שוין באַזונדער דערציילן.

# מאראנען

## דערשטיקטע געפילן

געווען א צייט ווען ייִדן זענען געווען אין אַלע צווייגן פון סאָוויעטיש־רוסישן לעבן. זיי זענען געווען אין אַ גרויסער צאָל אין דער הויכער סאָוויעטישער באַאַמטן־היעראַרכיע און באַזונדערס גרויס איז געווען זייער צאָל אויפן געביט פון קולטור און שול־וועזן, נישט געקוקט אויף דעם וואָס זיי האָבן זיך אָפט געדעקט אונטער פאַרשידענע הויךקלינגענדיקע אוקראַיִנישע, גרויס־רוסישע און אפילו אוזבעקישע נעמען (אגב האָט סטאַלין אין זיין אַנטיסעמיטישן שגעון אַ טייל פון זיי אויפגעדעקט). זיי זענען אָבער געווען גוטע און טייערע ייִדן אונטער טאָטערישע נעמען...

וועגן איינעם אַזאַ ייִדן וועל איך איצט דערציילן. מיר וועלן אים דאָ אָנרופן צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות, טאָוואַרישטש קאַראַקין, וויצעזאַוואַבלענאָ. אין פוילן וואָלט דאָס געמיינט: וויצע - שול - קוראַטאָר פון אַ וואָיעוואָדזטווע. טאָוואַרישטש קאַראַקין איז נישט געווען קיין פּנים־חדשות אינעם פּויליש־ייִדישן קינדערהויז, ווו איך האָב דעמאָלט געאַרבעט ווי אַ שניידער־אינסטרוקטאָר. פריער האָב איך אים נאָך קיינמאָל נישט געהאָט געזען — ווער וואָלט עס געוואַגט צו טראַכטן זיך צו דערנענטערן צו אַ סאָוויעטישן שררה? איך פלעג נאָר באַמערקן פון צייט צו צייט דעם טומל און די דענערווירטקייט סיי פונעם דירעקטאָר פונעם קינדערהויז און סיי ביי די פאַרשידענע אָנגעשטעלטע, ווען מען האָט זיך דערוווּסט אַז קאַראַקין דאַרף קומען.

„חבר אינסטרוקטאָר, היינט דאַרף זיין אַ גוטע לעקציע", אַזוי האָבן זיך געשושקעט איינער מיטן צווייטן די באַאַמטע; „היינט מוז זיין דער הויף ריין אויפגערוימט! וואָס דאַרף מען מער? היינט וועט דער דירעקטאָר בכבודו ובעצמו שטיין ביים קעסל און היטן דאָס עסן!" און פון אויער צו אויער איז געגאַנגען, אַז היינט קומט טאָוואַרישטש קאַראַקין.

איין מאָל אין אַ ווינטערדיקן טאָג עפנט זיך די טיר פון מיין „אור-

ניווערסיטעט״ — אַ ליימענע אוזבעקישע כאַטקע — די טיר האַלב אָפן, די פענצטער פאַרקאָוועט פון פראָסט און שניי. די קינדער פרירן, דער אינסטרוקטאָר צוזאַמען מיט זיי, און אויפן שוועל באַווייזט זיך דער טאַ־וואַרישטש קאַראַקין: אַ מיטל־וווּקסיקער מאַן, אַ ברייט־פּלייציקער, שוואַרץ־האָריקער מיט אַ זייער אינטעליגענט פּנים פון די וואָס מאַכן אַן איינדרוק באַלד אויפן ערשטן קוק.

דער דירעקטאָר שטעלט מיך פאָר: „דאָס איז אונדזער מייסטער״.

קאַראַקין בעט מיך אים פאַרצושטעלן מיין לערן־פּראָגראַם וואָס איך טו עס גערן, און ער בלייבט צופרידן. ער פאַרזאַמלט דערנאָך מיין שילער־גרופּע וואָס אַ העלפט פון זיי זענען יִדישע קינדער, און ער רעדט צו זיי. קינדער, זאָגט ער צו זיי, „ווי עס ווייזט אויס, גייט די מלחמה שוין צום סוף, דער שונא איז שווער צעטרייסלט, די מענטשהייט רויִנירט און עס וועט דויערן יאָרן, ביז מיר וועלן קומען צו זיך, און ווער עס וועט צו דעם זיין צוגעגרייט און קענען אַ פאַך, דער וועט גיכער זיך קאָנען שטעלן אויף די פיס ווי די וואָס האָבן דאָס נישט״.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר איך וואָלט געשווירן, אַז דאָס רעדט ער איצט נאָר צו די יִדישע קינדער.

און צום אינסטרוקטאָר, זאָגט ער, האָט ער אַ פּערזענלעכע ביטע: ער זאָל אָנווענדן אַלע כוחות און אויסלערנען די קינדער דאָס פאַך וואָס גיכער און וואָס גרינטלעכער. און ווידער דאַכט זיך מיר, אַז זיין בליק איז געווענדט נאָר צו די יִדישע קינדער, ווען ער זאָגט, אַז זיי וועלן דאָס דאַרפן... און מיר געזעגענען זיך פריינטלעך.

גייען אַזוי אַוועק צוויי וואָכן און מיין דירעקטאָר מעלדעט מיר:

„טאָוואַרישטש קאַראַקין וויל אייך זען!״

מיר איז געוואָרן הייס, כאָטש ס׳איז געווען ווינטער. וואָרעם וויסן דאַרף מען, אַז ווען אַ סאָוויעטישער באַאַמטער בעט צו זיך אויף אַ ווײַלע, ווערט קאַלעמוטנע אויפן האַרצן, ווייל קיינמאָל ווייסט מען נישט, וויפל יאָרן אַזאַ ווײַלע קאָן געדויערן; קיין ברירה איז אָבער נישטאָ. אין אַ צוויי אָדער דריי טעג שפּעטער באַקום איך אַ צידה־לדרך און אַ געשפּאַנט אייזל, און מיר לאָזן זיך אין וועג אַריין. מיין אייזעלע שטעלט אָבער אַ ווידערשטאַנד — עס גייט נישט, גלייך ווי עס וואָלט מורא געהאַט, אַז עס וועט דאַרפן גיין אַליין אַהיים. אָבער ענדלעך קומען מיר אָן אין דער רעזידענץ פונעם חבר קאַראַקין, אין דער גובערניע־שטאָט טאַשקענט.

אַ גאַנצן וועג האָב איך געחזרט מיין באַגריסן זיך מיטן חבר קאַ־ראַקין. איך ווייס נישט, זאָל איך אים אָנרופן „חבר״ אָדער „בירגער״.

זאָל איך אים טיטולירן „חבר", קאָן ער נאָך, פונקט ווי מיין געוועזענער לאַגער־שומר, ענטפערן: „וואָס פאַר אַ חבר בין איך דיר דאָס?"

און אַזוי פאַרזונקען אין מיינע מחשבות, קלאַפּ איך אָן אין זיין טיר וואָס ווערט באַלד געעפנט, און אויפן שוועל וואַרט שוין חבר קאַראַקין מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און מיט אַ ברייטן, האַרציק־ייִדישן: שלום־עליכם, חבר אינסטרוקטאָר!"

איך בלייב שטיין אַ צעמישטער, מיט מיין ווייז־פינגער אַנטקעגן זיין פּנים: „איר? איר?"

„עמך ישׂראל!" — ענטפערט ער מיט זיין וואַרעמען געלעכטער, און מיט איין מאָל איז דער גאַנצער סאָוויעטישער פראָסט וואָס האָט אונדז פאַנאַנדערגעטיילט און געהאַלטן מיילן ווייט איינעם פון צווייטן, געוואָרן צעשמאָלצן און צוויי ייִדישע מענטשן האָבן זיך ווידער געפונען.

חבר קאַראַקין פאַרבעט מיך צום טיש; צוליב דער דעמאָלטיקער שפּיאָן־ סיטואַציע זאָג איך מיך אָפּ, אָבער דאָס העלפט נישט. מיר זיצן שוין ווי צוויי אַלטע גוטע פריינט און צעשמועסן זיך שוין אויף ייִדישע טעמעס. די מורא פאַרשווינדט — מיר האָבן צוטרוי איינער צום אַנדערן. מיטאַמאָל פרעג איך:

„זאָגט מיר, חבר קאַראַקין ווי אַלט אַ שטייגער איז אַזאַ ייִד ווי איר?" — „צוויי און פערציק יאָר", ענטפערט ער — הייסט עס אַז ווען די רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכן, זענט איר געווען אַ בחור פון אַ יאָר פופצן." — „אַזוי מער אָדער ווייניקער". „און פון וועלכער שטאָט זענט איר?" ער רופט מיר אָן דעם נאָמען פון אַ ייִדישער שטאָט אין אוקראַינע. „אויב אַזוי, זאָגט־זשע נאָך עפּעס, טייערער חבר: און פון „בונד" האָט איר עפּעס געהערט?"

דאָ לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ, שווייגט אַ ווײַלע און ווי צו זיך זיפצט ער אַרויס צווישן די ציין:

„יאָ, געהערט..."

און כדי צו באַווייזן, אַז ער האָט טאַקע געהערט, ציטירט ער אין דער שטיל ווי אַ תפילה בלחש דעם פערז: „מיר שווערן אַ טרייהייט אָן גרענעצן".

„צי געדענקט איר נאָך עמעצן פון בונד?"

וואָס הייסט, צי ער געדענקט? ער געדענקט אסתרן און משהן, אפילו דעם חבר מיכאַלעוויטש האָט ער געהערט. און נאָך אַ ווײַלע שווייגן זאָגט ער:

„יאָ, דאָס בין איך געווען איינער פון די וואָס האָבן געהאָלפן ליק־ווידירן דעם „בונד". איך האָב דערפאַר פאַרדינט די דאָזיקע שטראָף..."

אַזוי וואַלגערט ער זיך אַרום אין אַ סיבירער פּאַפּאַכע, און אונטער דעם סטאַלין־מונדיר — אַ וואַרעמער ייִד, מיט בונדישע זכרונות פון אַמאָל און מיט אַ שולד־געפיל אין האַרצן, אַז ער האָט „פאַרדינט די דאָזיקע שטראָף".

## א לעבעדיקער גרוס פון א טעריטאָריאַליסט

נאָכן אָפּמאַך פון סטאַלינען מיט דער פּוילישער גלות־רעגירונג פון גענעראַל שיקאָרסקי, לויט וועלכן ס'האָבן געמוזט באַפרייט ווערן אַלע פּוילישע בירגער, בין איך, נאָך לאַנגע וואָגלענישן, לסוף אָנגעקומען אין אַ פאַרוואָרפן קאַזאַכסטאַנער מקום. דאָ זענען אויך געווען צוויי אַזוי גערופענע שפּיטאָלן, איינער פון זיי פאַר אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן. די דאָקטוירים האָבן זיך אָפּט געביטן.

ס'איז געווען אין די יאָרן 1943—44. אין דעם דאָזיקן העק האָט זיך באַוויזן אַ נײַ פּאָרפאָלק מיט אַ 9־יאָריקן זון. אײַנגעקוואָרטירט האָבן זיי זיך אין אַ ליימענער כאַטקע, נישט ווייט פון מיר. עס האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז די פרוי וועט דאָס דאַרפן זײַן די הויפּט־דאָקטערין פון שפּיטאָל פאַר אַנשטעקנדיקע. זי האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט דער פול־סטער ערנסטקייט — און מען האָט זי אַראָפּגעזעצט פון איר פּאָסטן און און אויף איר אָרט אָוועקגעשטעלט איר פריערדיקן געהילף.

איך בין שווער קראַנק געוואָרן — דאָס איז אין רוסלאַנד געווען פון די געוויינלעכע זאַכן — און מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, גערופן אונ־דזער שכנה, די דאָקטערין. האָט זי אויסגעפונען, אַז די איינציקע רפואה איז בעסער עסן. און אין רוסלאַנד איז נישטאָ אַזאַ רפואה. פונדעסט־וועגן האָט זי מיר צוגעהאָלפן געזונט צו ווערן. אַ שאָד — האָט זי גע־זאָגט — אַ ייִדישן שכן צו פאַרלירן.

אין איינעם אַ טאָג איז אַרײַן צו אונדז דער דאָקטערינס זון, באַשר זײַן פּאַפּאַ בעט מיך, איך זאָל אים באַזוכן. אינעם באַשטימטן טאָג און צו דער באַשטימטער שעה בין איך צו אים אַרײַנגעגאַנגען. ער האָט שוין אויף מיר, ווייזט אויס, געוואַרט. פאַר מיר איז געשטאַנען אַ מאַן נישט קיין הויכער, מיט אַ פּאָר קלוגע אויגן, פול מיט ייִדישן אומעט. ער האָט צו מיר אויסגעצויגן זײַן איידעלע, וואַרעמע האַנט און, אַ צעשמייכלטער, מיר אַ זאָג געטאָן: „שלום עליכם אַ ייִד! מײַן נאָמען איז יוסף". ער

האט געשטאַמט פון אַן אַלטער יחוסדיקער משפּחה. אַז אַ ייִד אין רוסלאַנד זאָל הייסן יוסף, דאָס הער איך כמעט דאָס ערשטע מאָל. און דער יאָסיף, וואָס מיר קענען, איז דאָך נישט קיין ייִד. כאַפּט זיך אַרויס מיין יוסף און זאָגט, וועגן יענעם יאָסיף אַז הלוואַי וואָלט זיין מאַמע געמפּילט, וואָלט אפשר די וועלט היינט אַנדערש אויסגעזען... איך מוז מודה זיין, אַז איך האָב זיך אַרומגעקוקט: ווער ווייסט? אַ קשיה אויף אַ מעשה... פרעג איך אים: „זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס טוט אַזאַ ייִד אין היינטיקן רוסלאַנד? און ווו איז אייער ווינאַרט?" — „מיין ווינאַרט איז געווען (און ער האָט מיר אָנגערופן אַ נאָמען) און געווען בין איך פּראָפעסאָר אין דאָרטיקן אוניווערסיטעט". — „מיין ליבער פּראָפעסאָר, איך קאָן אייך אַזאַ יִחוס נישט אָנגעבן, איך בין פון וואַרשע און לערן היינט קינדער דאָס שניידער-פאַך"... „אָבער אַ ייִד פון וואַרשע זענט איר דאָך, וועט דאָס זיין פאַר מיר דאָס גרעסטע גליק, אַז איר וועט מיר דערציילן, ווי אַזוי ייִדן האָבן די לעצטע צוויי צענדליק יאָר געלעבט אין פּוילן".

דער פּראָפעסאָר האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט: גיי דערצייל אין סאָוויעט-רוסלאַנד, וואָס פאַר אַ שפּרודלדיק לעבן דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט געפירט, בעת דאָ קענט איר קיין ייִדיש אות נישט געפינען. און דאָס רעדן איז אַ סכנה. ער האָט דערזען מיין פאַרלעגנהייט און כדי מיך אַרויסצופירן פון דער מורא, אַרויסגעזאָגט דעם נאָמען פון אַ מענטש, אַז איך האָב זיך אינסטינקטיוו אויפגעשטעלט, כאָטש איך האָב קיינמאָל נישט געהערט צו יענעמס פּאַרטיי. דאָס איז געווען יצחק-נחמן שטיינבערג. „וואָס הייסט, זאָג איך, שטיינבערג: האָט ער דאָך געהערט צו דער ס. ר.־ (סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן) פּאַרטיי און שפּעטער צו דער סאָוויעטישער רעגירונג!" — „איר פאַרשטייט גאָרנישט" — ענטפערט מיר דער פּראָפעסאָר — וואָס פאַר אַ טעראָר עס האָט דעמאָלט געהערשט ביי אונדז: ס'איז געווען ממש אַ שעכטהויז; און שטיינבערג האָט געמיינט, אַז אים וועט זיך איינגעבן צו ראַטעווען וואָס עס וועט זיך נאָר לאָזן. און אַז ער האָט געזען, אַז ס'איז אומזיסט זיין האָפענונג, איז ער קוים פון דאָרט אַוועק. אוודאי האָבן ייִדן דעמאָלט געדאַרפט אַנטלויפן, צום באַדויערן איז עס שוין געווען צו שפּעט. לעבן מיר איצט ווי אין אַ מדבר און יעדעס וואָרט וואָס מיר הערן פון דאָרט, איז פאַר אונדז ווי אַ פרישער וואַסער-קוואַל פאַר אַ דאָרשטיקן..."

איך האָב פאַר אים געעפנט מיין האַרץ און איך האָב מיר קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן אין וואָס פאַר אַ סכנה איך שטעל זיך און אים. די מורא איז פאַרשוווּנדן און איך האָב דעם האַרציקן ייִדן גענומען דערציילן וועגן

דעם ייִדישן שעפערישן לעבן אינעם פריערדיקן פוילן... זיכער האָב איך באין־אופן נישט געפּרוווט אים איבערצייגן, אַז ס׳איז געווען לויטער גן־עדן. עס האָבן נישט געפעלט קיין צרות: דאָס פאָלק איז אַנטיסעמיטיש, דער רעזשים אויך. מען האָט אַרויסגעריסן דאָס לעצטע שטיקל פּרנסה ביי ייִדן אין די שטעטלעך, אָבער ייִדן האָבן זיך אַקעגנגעשטעלט, סיי פיזיש דורכן זעלבשוץ, סיי פּאָליטיש דורך שטרייקן, דער עיקר אָבער מיט וואָרט און שריפט. הכלל, ייִדן האָבן זיך נישט געלאָזט שלאָגן.

„נו, און די פּאַרייניקטע?" האָט דער פּראָפעסאָר ווייטער געפרעגט. „זיי האָבן צום באַדויערן אין די לעצטע יאָרן קיין גרויסע ראָל אין פּוילן נישט געשפּילט", האָב איך געמוזט זאָגן דעם אמת, „און וואָס שייך י. ב. שטיינבערג — אָפיציעל איז זיין וווינאָרט אין אַמעריקע, פּאַקטיש אָבער שוועבט ער אַרום איבער דער וועלט און זוכט אַ לאַנד פּאַר ייִדן. צי וועט זיך אים איינגעבן? דאָס הענגט נישט אָפּ נאָר פון אים."

איצט האָט דער פּראָפעסאָר מיר אַוועקגעלייגט אַ צעטל מיט אַן אַ שיער נעמען פון מענטשן וואָס האָבן אַמאָל געהערט צו די פּאַרייניקטע: ווידער י. נ. שטיינבערג, יעקב און יוסף לעשטשינסקי, יעקב פּאַט איסר גאָלדבערג, בוקסהאָרן, בערל גוטמאַן — ווער איז אימשטאַנד זיי אַלע צו געדענקען? און מיטאַמאָל גיט ער אַ פרעג: „ווייסט איר נישט עפּעס וועגן אַראַן (דאָס איז אהרן סינגאַלאָווסקי) און דניאלי? (דאָס איז יוסף טשערניכאָוו). חבר דניאלי האָט געדאַרפט זיין אַ ווילנער. דאַכט זיך, אַן אַדוואָקאַט, אַ שאַרפער קאָפּ, און חבר אַראַן האָט געשמט ווי איינער פון די בעסטע ייִדישע רעדנערס."

פינף טעג זענען מיר אַזוי געזעסן. איך האָב אים געמוזט דערציילן און איבערדערציילן וועגן אַלע פּאַרטייען און סתם ייִדן, אַ היפּשע צאָל בונדיסטישע נעמען האָט ער מיר אָנגערופן. אין די ווייטערדיקע באַגעגע־נישן איז ער נישט מיד געוואָרן צו פרעגן און צו הערן. נאָר פון ייִדישע קאָמוניסטן האָט ער גאָרנישט געוואָלט הערן. ווען איך האָב אים אַ מאָל געפרעגט וועגן משה ליטוואַקאָוון, האָט ער פּשוט אַ געשריי געטאָן: „׳דער־מאָנט נישט, איך בעט אייך, דעם דאָזיקן שענדלעכן נאָמען! „איך האָב דעם פּראָפעסאָר טאַקע מער מיט אַזעלכע פראַגן נישט געוואָלט מצער זיין. אין איינעם אַ טאָג, מסתמא אַ יאָר פאַר אונדזער רעפּאַטריאַציע פון רוסלאַנד, איז ער צו מיר געקומען דאָס לעצטע מאָל. זיינע אויגן זענען געווען אָנגעגאָסן מיט טרערן. ער האָט מיך געבעטן. „אויב איר וועט נאָך ווען ס׳איז טרעפן חברים פון די פּאַרייניקטע, זאָגט זיי, אַז איך בין שוין אַ פאַרלוירענער מענטש. פון דאַנען וועל איך זיך שוין קיינמאָל נישט אַרויסבאַקומען. איך לעב אָבער מיט די זכרונות פון יענע שיינע צייטן

— אפילו פון די צאַרישע תפיסות וואָס מיר האָבן צוזאַמען דורכגעמאַכט
— און וועל זיי קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגעסן !״

פאַר מיר איז איצט געשטאַנען אַ ייִד אַ צעבראָכענער, מיט בענק־שאַפט אַן אַ גרענעץ. „גיט איבער די האַרציקסטע גרוסן די חברים טע־ריטאָריאַליסטן, אויב אפילו זיי געפינען זיך איצט אין די רייען פון אַנ־דערע דעמאָקראַטישע פאַרטייען. און אייך — דריקט ער מיר די הענט — אייך דאַנק איך פאַר אייערע גרוסן פונעם ייִדישן לעבן אין דער פרייער וועלט.״

# א דראמאטישע באגעגעניש מיט אן אקטריסע פונעם יידישן טעאטער אין ביראָבידזשאן

וואָס איז געוואָרן מיט די צוזאָגן פון אַ ייִדיש לאַנד אין ביראָביד־זשאַן ? וועגן דעם האָט מיר דערציילט אסתר די אַקטריסע פונעם ייִדישן טעאַטער אין ביראָבידזשאַן, וואָס איך האָב באַגעגנט אין טשימקענט.

די גרויסע קאַזאַכסטאַנער גובערניע־שטאָט טשימקענט געפינט זיך 25 קילאָמעטער פון דעם מקום, ווו מיר האָבן געהאַט אונדזער וווינ־אָרט, און אַריבערגיין פון איין וווינאָרט אין אַן אַנדערן, איז געווען קריעת־ים־סוף. אַריבערקלייבן זיך פון דאָרף אין שטאָט פאָדערט אַ פּראָצעדור וואָס דאַרף געדויערן וואָכן און חדשים : קודם־כל דאַרף מען אַדורכ־גיין אַלע סאָוויעטישע פּאָליציי־אָרגאַנען, ווי : מיליץ, נ. ק. וו. ד. און אַנדערע. און צו פיל בעלנים זענען אויף דעם נישט פאַראַן, אפילו אויך היינט נישט.

אין דעם פּרט האָבן ייִדישע פּליטים פון פוילן זיך דערלויבט אויף אַ סך מער געוואָגטקייטן און מוט, ווי־נאָר עס זענען געקומען זייערע מעגלעכקייטן. מיט וואָס פאַר אַ כוח זיי האָבן דאָס געטאָן, איז מיר נאָך ביז היינט נישט פאַרשטענדלעך. דאָס איינציקע וואָס האָט זיי געגעבן אַזאַ כוח, איז געווען זייער מענטשלעכע ווירדע אין וועלכער זיי זענען דערצויגן געוואָרן אין פוילן. איצט איז עס אויך געווען די גרויסע בענק־שאַפט נאָך אַ גרוס פון אַ קרוב, מעג זיין אפילו אַ ווייטער, אָדער גאָר בלויז אַ באַקאַנטער, אַז מען זאָל איינשטעלן און זיך לאָזן צו אים. דער פּחד איז אַוועק פון אונדז. און ווער האָט זיך דען מיט אים גערעכנט ?

אין איינעם אַ טאָג האָבן מיר באַקומען אַזאַ גרוס, אַז אונדזערס אַ קרוב פון אַ גרויסער אוקראַאינישער גובערניע־שטאָט דאַרף זיך געפינען

אין טשימקענט, אָבער ווו? און ווי אַזוי קומט מען צו אים צו? מיט וועלכער קאָמוניקאַציע? אַ באַן, אַ וואָגן? אָדער כאָטש אַ פּשוט וועגעלע? דאָס זענען אַלץ בורזשואַזע אויסטראַכטענישן. געטראַכט אַהער, געקלערט אַהין, האָבן מיר אויסגעטראַכט צום סוף, אַז אויב מיר ווילן נאָך היינטיקן טאָג קומען צו אונדזער קרוב, איז נאָך דאָס בעסטע לאָקאָמאָציע־מיטל — די אייגענע פיס.

די שטאָט טשימקענט איז אַלט און גרויס, די ליימענע כאָטקעס זענען צעוואָרפן איבער ווער ווייסט וויפל קילאָמעטערס. בלויז אַ קלענער טייל פון דער שטאָט איז געווען פאַרבויט מיט נייע הייזער און האָט געהאַט עלעקטרישע באַלייכטונג. די נייע הייזער זענען שוין געווען באַזעצט פונעם נייעם סאָוועטיש־"אַריסטאָקראַטישן" קלאַס און מיט כּלערליי אינסטיטוציעס וואָס ווערן אָנגערופן לויט די ערשטע טראָפּן פון זייערע נעמען, ווי ראַיפּאָטרעבסאָיוז, פּראָמקאָמבינאַט, ראַיקאָם און נאָך אַנדערע אַזעלכע "קאָמען" וואָס אפילו זייערע נעמען זענען שווער נאָכצוזאָגן.

אין איינעם אַ טאָג אין יאָר 1944 האָבן מיר אין צווייען זיך אַוועקגעלאָזט צופוס אין דער שטאָט ווו אונדזער קרוב האָט זיך געזאָלט געפינען, און נאָך לאַנגע שעהען גיין האָבן מיר זיך דערזען אין אַנדערן עק פון שטאָט, אָבער אויסזוכן דאָ אַן אַדרעס איז דאָס זעלבע ווי ווען געפינען אַ נאָדל אין אַ סטויג היי.

מיטאַמאָל דערהערן מיר טריט הינטער זיך; אומקוקן זיך איז אָבער אַ סכּנה: דאָס קאָן אַ מאָל זיין אַן איינלאַדונג צו אַ רויב־אָנפאַל, וואָס איז אַן אָפּטע דערשיינונג. אונדזער געהער איז אָבער אָנגעשפּיצט אַז די וואָס גייען הינטער אונדז; די קלאַנגען וואָס מיר כאַפּן אויף, זענען נאָענטע, דאָס לשון וואָס זיי רעדן איז עפּעס קענטלעך, ענלעך צו ייִדיש — פאַר אונדז אַ גרויסער חידוש. ווער קאָן דאָס אין דעם העק צווישן דעם צעוואָרפענעם ליימענעם ברוך רעדן ייִדיש? און ווי מיר זאָלן נישט האָבן געוואָלט זיי אויסמיידן, האָט אָבער דער יצר־הרע נישט גערוט און געשטויסן אָנצוקוקן די זיך דערנענטערנדיקע נאָכגייערס. געווען איז דאָס אַ יונגע פרוי און ביי דער האַנט האָט זי געפירט אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַכט אָדער ניין. ווייזט אויס, אַז אויך זיי האָט געשטויסן דער ייִדיש־יצר־הרע זיך צו דערנענטערן און צוצוקומען צו אונדז. און די פרוי פרעגט: "ייִדן?" — "יאָ. אוודאי ייִדן!" — "און אוודאי פון פוילן?" פרעגט זי ווייטער. "יאָ, פון פוילן", באַשטעטיקן מיר איבערראַשט, "און פון וואַנען זענט איר?" פרעגן מיר פון אונדזער זייט. "מיר זענען פונעם "ייִדישן סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד פון בּיראָבידזשאַן!" איך בין דאָרט געווען אַן אַקטריסע פון ייִדישן טעאַטער".

ביי אונדז צעוואַקסט זיך דער פּחד. ווייסן מיר דאָך, אַז מיר געפינען זיך אינעם סטאַלין־לאַנד. דעריבער פּרוּוון מיר אָפּווענדן דעם שמועס אין אַן אַנדערער ריכטונג און ווענדן זיך צום קינד אויף רוסיש: „ווי אַזוי רופט מען דיך, מיידעלע?" — „איך קאָן אויך זייער גוט רעדן ייִדיש", ענטפערט דאָס קינד מיט אַ סך שטאָלץ. „און מיך רופט מען מרימל. און דאָס איז (ווייזנדיק אויף דער פרוי) מיין מאַמע און זי רופט מען אסתר" — איז זי פאַרלאָפן דער מוטער דעם וועג.

און מיר בלייבן אַזוי שטיין אינעם בין־השמשות צווישן די חורבות פון די אוזבעקישע קיביטקעס און צעשמועסן זיך שוין ווי באַעטנטע. און אסתר, די אַקטריסע פונעם ביראָבידזשאַנער טעאַטער, הייבט אָן מיט דעם אַז מען דאַרף נישט נאָר האָבן כּוח צו דערציילן, נאָר אויך צו קאָ־נען אויסהערן דאַרף מען האָבן אַ סך כּוח. און מיר באַשטייען דערויף, „אַז אויב איר האָט געקאָנט דאָס אַלץ איבערטראָגן, מוזן מיר כאָטש זיין אימשטאַנד צו קאָנען אויסהערן".

„ווען די קרעמל־הערשער מיטן פּאַרזיצער מיכאַיל קאַלינין בראָש", האָט אסתר אָנגעהויבן צו דערציילן, האָבן דעם 7־טן מאַי 1934 אויסגערופן דאָס פאַרוואַנדלען ביראָבידזשאַן אין אַ ייִדישער אויטאָנאָ־מער געגנט, האָבן דאָס די ייִדן אין רוסלאַנד אויפגענומען מיט גרויס פרייד, און געפרייט האָבן זיך אויך מיר, די ייִדישע אַקטיאָרן: ענדלעך וועלן אויך מיר האָבן אַן אייגענע ייִדישע היים און פּטור ווערן פונעם אַנטיסעמיטיזם וואָס האָט שוין דעמאָלט שטאַרק געבושעוועט אין לאַנד. אָבער ווער האָט עס זיך געקאָנט ריכטן, אַז דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ ריזיקער קאָמוניסטישער טריק, כּדי אַרויסצובאַקומען פון די רייכע אַמעריקאַנער ייִדן וואָס מער אַמעריקאַנער דאָלאַרן! און זיי האָבן קיין טעות נישט געהאַט: עס האָט אַ פּלייץ געטאָן אַ גאָלדענער רעגן — ייִדן פון אַלע עקן וועלט, רייכע און נישט־רייכע האָבן געעפנט האַרץ און קעשענעס און געשפּענדעט מיט אַ ברייטער האַנט; נישט נאָר געלט האָבן זיי געגעבן, נאָר אַ סך פון זיי האָבן איינגעפּאַקט זייערע געשעפטן און פאַבריקן פון די פרייע לענדער און זענען געקומען אין דעם לאַנד וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט אַזוי פיל ייִדיש בלוט און טרערן, און געקומען זענען זיי, די ענטוזיאַסטישע פאַבריקאַנטן, נישט אַליין, נאָר מיט ווייב און קינדער; זיי האָבן געבראַכט פאַרמעגנס, מיט אויסגעשטאַטע לאַבאָראַ־טאָריעס, אַפילו זייערע אַרבעטער האָבן זיי דאָ אַהער געבראַכט — און עס האָט נישט געדויערט לאַנג, ווי זיי האָבן איינגעזען דעם ביטערן טעות וואָס זיי האָבן געמאַכט. ס'איז אָבער שוין געווען צו שפּעט, קיין וועג צוריק איז שוין נישט געווען.

אויך רוסישע ייִדן זענען מאַסנווייז געפאָרן זיך באַזעצן אין ביי־

ראַבידזשאַן — שרייבער, דיכטער, קינסטלער און צווישן זיי אויך מיר, די ייִדישע אַקטיאָרן. מיר זענען אריינגעפאַלן אין אַ מדבר, אַ וויסטע־ניש, אויף אַ האַרטן און שטייניקן באָדן, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, און מיט די הוילע הענט האָבן מיר דאָס אַלץ געדאַרפט דורכאַקערן — און ווי אַ צולאָג די מוראַדיקע פרעסט. בקיצור: מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אָט דעם שטייניקן און פראָסטיקן העק, און נישט דערשיטערט האָט אונדז די וויסטעניש, נישט די פרעסט און נישט די קיזל־ערד. און אַזוי האָבן מיר זיך גענומען בויען אונדזער אייגענע היים, און אויפגעבויט אַ שטאָט מיט די שענסטע קולטור־ און וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס: אַ הויכשול, אַ טעכניקום, ביבליאָטעקן, טאָג־שולן, אָוונט־שולן, קולטור־קלובן, אַ צייטונג און צום סוף אַ פּרעכטיקן טעאַטער־בנין. און מיר האָבן געשפּילט ייִדיש טעאַטער פאַר ייִדיש־רעדנדיקע ייִדן. און דער עולם איז געווען באַגייסטערט און ס'איז געווען פאַר וועמען צו שפּילן.

איז ווי אַ בייזע מגפה פּלוצלינג אויף אונדז אָנגעפאַלן די יעזשאָוו־שטשינע און האָט אויף אַ בעסטיאַלישן אופן אויסגעמאָרדעט די שענסטע גייסט־מענטשן און קולטור־טוערס, צווישן זיי פיל אַקטיאָרן און אויך מיין מאַן. חרוב איז מיט איין מאָל געוואָרן אַלץ וואָס מיר האָבן געהאָט אויפגעבויט מיט אַזוי פיל שווייס, טרערן און בלוט. חרוב איז דאָס אַלץ געוואָרן נאָר פאַר אונדז. אין אונדזער טעאַטער־בנין ווערט געשפּילט רוסיש טעאַטער. אין דעם טעככניקום און אין די אַלע אַנדערע אינסטי־טוציעס וואָס מיר האָבן אויפגעבויט, פאַרנעמען אַנדערע.

„היינט — זאָגט ווייטער אסתר — לעבן מיר זיך אויס צווישן פּוילישע ייִדן, פון צייט צו צייט שפּילן מיר פאַר זיי ייִדיש טעאַטער און זייערע האַרציקע אָפּרופן פאַרן אויסגעבענקטן ייִדישן וואָרט זענען פאַר אונדז אַ גרויסע טרייסט. איך וועל היטן — זאָגט ווייטער אסתר — אונדזער ייִדיש לשון ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, ווען איך זאָל אפילו דאַרפן באַצאָלן מיט מיין אייגענעם לעבן. אויך מיין טאָכטער וועט פּונקט ווי איך אָפּהיטן אונדזער ייִדיש לשון, אמת, מרימל? — ווענדט זי זיך צו איר טעכטערל און דאָס קינד גיט איר תיכף איר הסכמה.

זינט יענער דראַמאַטישער באַגעגעניש איז שוין אַוועק אַ היפּשע צאָל יאָרן. אסתרס און מרימס ווייטערדיקער גורל איז מיר נישט באַ־קאַנט. האָבן זיי אויסגעהאַלטן דעם טראַגישן געראַנגל פאַר זייער ייִדיש לשון? ווער ווייסט?

# א טרויעריקע באגעגעניש אין די בערג

אין דרום־אזיאַטישן קאַזאַכסטאַן האָבן זיך געשטעלט מוראדיק הייסע טעג. די טעמפּעראַטור איז דערגאַנגען ביז 40 און 50 גראַד היץ, און די טענדענץ זיך צו הייבן איז אַלץ נישט געוואָרן קלענער, גיכער פאַרקערט — ס'איז ממש געפאַלן פייער פון הימל. אויף די אָרעמע אונזבעקישע דערפלעך איז נישט געווען צו זען קיין לעבעדיקן נפש, די פייגעלעך וואָס האָבן, אַזוי ווי די אוזבעקן, ליב געהאַט צו זינגען און יעדן פרימאָרגן זיך געפעדערט און מהנה געווען די הונגער־ליידנדיקע איינוווינער מיט אַ פויגלשן קאָנצערט, זענען איצט שוין געווען פאַרשווונדן — און אפשר האָט די פויגלשע משפּחה זיך גאָר געלאָזט זוכן אַן אָרט ווו אַ ביסל זיך אָפּצוקילן?

די היימלאָזע הינט זענען געלאָפן גרופּעסווייז פאַרצווייפלטע מיט אַראָפּגעלאָזטע עקן, וואָס איז גאָרנישט קיין גוטער סימן. זיי האָבן אַרויסגעשטעקט צינגער און געוואָיעט מיט אַן אומהיימלעך הינטיש קול, גלייך ווי זיי וואָלטן אין פאָרויס געפילט אַן אומגליק וואָס דאַרף אָנקומען. און ווען אַזאַ כלב האָט אין עמעצן זיך אַריינגעביסן מיט הונגעריקע ציין, איז דעם געביסנעם אפילו נישט אייַנגעפאַלן לויפן צו אַ דאָקטער. און אפשר איז דער הונט פון הונגער גאָר געווען משוגע? און ווער האָט דען דעמאָלט נישט געהאַט אַ ניצוץ פון הונגער־משוגעת? די אויסגעדאַרטע בהמות מיט די איינגעפאַלענע באָקעס האָבן נישט אויפגעהערט פון זיך אַרויסצולאָזן דעם האַרצרייסנדיקן מו! מו! מו, ווי זיי וואָלטן שוין נישט געהאַט קיין כוח צו בעטן נישט אַ ביסל שפּייז פון קאַרטאָפל־שאָלן, נאָר כאָטש אַ ביסל וואַסער צו שטילן דעם פּייניקנדיקן דאָרשט.

היינט זיצן די אוזבעקיסטאַנער אין זייערע געצעלטן וואָס זייערע פענצטערלעך גייען אַרויס אויף צפון־זייט, כדי זיך אַ ביסל צו שיצן קעגן דער ברענענדיקער היץ, און זיי חלומען פון יענע צייטן, ווען אין אַזעלכע טעג האָט זייער אַרבעטס־טאָג זיך אָנגעהויבן כעלות־השחר און געדויערט ביז „וואָרעמעס" און אין שפּעטערדיקע שעהען האָט מען פון די כאַטקעס נישט געטאָרט אַרויסגיין — זענען די אוזבעקישע אנשי־חכמים זיך געזעסן אין דעם אייגענעם ווייַנגאָרטן אָדער גאָר אין טשאַיכאַנאַ ביי אַ טשייניקל הייסע טיי, די פיס אונטער זיך, אַנגעטאָן אין לייוונטענע פלודערן וואָס זענען אַמאָל געווען ווייס, און אויפן קאָפּ האָבן זיי געטראָגן אַ טיביטעיקע (אַ יאַרמלקע אַזאַ), אויסגענייט מיט כלערליי קאָלירטן פאָדעם, און כדי די זון זאָל זיך אויך נישט דורכרייסן צום קערפּער, האָבן זיי אויף זיך געטראָגן אַן אויסגעשטעפּטע

וואַטענע קאַפּאַטע. די לענדן זענען געווען אַרומגענומען מיט אַ ברייטן קאַליריקן גאַרטל און די נאַרגילע (ליולקע ציבוק) אין מויל. האָבן די ריטשקעלעך שוויס אַזוי גערונען איבערן פּנים, ביז זיי האָבן זיך פאַר־האַלטן אין זייערע רבנישע בערד וואָס האָבן אין זיך אַריינגעזאַפּט די שוויס־שטראָמען ווי אַ שוואָם. אַזוי לאַנג, ביז ס'איז אָנגעקומען דער זמן פון מנחה און דעמאָלט ערשט זענען זיי אַוועק צו זייערע תּפילות אין מעטשעט.

אין אַזאַ טאָג זיך אַרויסצולאָזן הינטערן קאַלכאָז האָט געקאָנט נאָר איינער וואָס וויל באַגיין זעלבסטמאָרד אָדער איינער וואָס דערוואַרט שוין גאָרנישט פונעם לעבן אָדער גאָר צוליב אומהיימלעכע כּוונות מחמת דעם וואָס דער הונגער האָט אים פון דער שטוב אַרויסגעטריבן.

צו די לעצטע האָב אויך איך געהערט. איך בין נישט געווען דער איינציקער הונגעריקער וואָס האָט זיך מיטאָמאָל דערזען צווישן די אוז־בעקישע בערג. דאָס פייער פון די הימלען איז אַן אַ מאָס, ווי דאָס גאַנ־צע גיהנום וואָלט זיך היינט געעפנט. ביסלעכווייז גייען אויס די כּוחות. וועל איך דאָ אַזוי אויסגיין און מען וועט אַפילו נישט וויסן וווּ? ווי ווייט מען קאָן דערכאַפּן מיטן אויג, איז קיין לעבעדיק באַשעפעניש נישט צו זען. בין איך דאָ איינער אַליין? אַזוי האָט זיך עס מיר גע־דאַכט — אָבער ס'איז נישט געווען אַזוי.

איך האָב מיט די לעצטע כּוחות גענומען ציען אַלץ ווייטער. וווהין? און נאָך וואָס? דאָס האָב איך אַליין נישט געוווּסט, אָבער בלייבן דאָ האָט געהייסן: טויט! און גראָד דעמאָלט, ווען דו זעסט זיך ביים ראַנד פון אָפּגרונט, הייבט אָן דאָס לעבן צו האָבן פאַר דיר אַ באַזונדערן רייץ, טויזנט חנען, אַ ווערט נישט אָפּצושאַצן. ווי אַ קאַליידאָסקאָפּ לויפט דורך דאָס גאַנצע ביז איצט אָפּגעלאָפענע לעבן. זאָל דאָס שוין זיין דער לעצטער סך־הכּל? מיט אָט די מחשבות האָב איך גענומען שלעפּן ווייטער מיין מידן גוף.

פּלוצלינג האָב איך פון דער ווייטנס דערזען אַ סילועט וואָס באַוועגט זיך קוים. וואָס קאָן דאָס זיין? פאַר אַ מענטשלעכן גוף איז עס צו קליין, אָבער געגנוג גרויס פאַר אַ... איך האָב פּשוט מורא צו טראַכטן, אַז דאָס קאָן אויך זיין עפּעס אַנדערש ווי אַ מענטש. כּל־זמן דער סילועט האָט זיך באַוועגט, האָב איך געשטעלט מיינע מידע טריט; האָט אָבער יענער סילועט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, האָב איך תּיכף אויך אָפּגע־שטעלט מיינע טריט. וואָס האָט דאָ געקאָנט זיין די סיבה? עס האָט זיך געשאַפן אַן אויסוועגלאָזע לאַגע פון מענטשלעכן מין, וואָס אין אַזאַ גלי־איקן טאָג האָבן זיך דאָ צוזאַמענגעטראָפן צוויי אומגליקלעכע שאַטנס וואָס יעדער איינער פון זיי האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויפן אַנדערן.

אזוי האָט די „מלחמה" צווישן אונדזערע טריט אָנגעהאַלטן ביז ביי־דע זענען מיר צוגעקומען צו אַ פּונקט וואָס ווייטער האָט עס אַזוי נישט געקאָנט גיין. דער פּונקט האָט געהייסן „קיזל־סו" (רויט־וואַסער). פאַר־וואָס עפּעס „רויט" וואַסער? דאָס האָט געוווּסט נאָר דער אוזבעקישער גאָט, וואָרעם עס האָט פּונקט אַזוי גוט געקאָנט הייסן „בלוי־וואַסער", און אפילו „ווייס־וואַסער" האָט עס אויך געקאָנט הייסן. אין די האַרבסט־חדשים ווערט דאָס וואַסער פאַרוואַנדלט אין אַ שטורמישן טייך, און פון דעם איינעם מקום ווערן מיטאַמאָל צוויי וואָס האָבן צווישן זיך נישט קיין פאַרבינדונג מחמת דעם וואָס ביז דעמאָלט האָבן זיי נאָך אַלץ נישט באַוויזן אויפצושטעלן אַ בריק, און דעריבער קאָן אַריבערגיין פון איין זייט ברעג צום אַנדערן נאָר דער וואָס האָט אַ פערד; און אַ פערד האָט נאָר דער פּרעדסעדאַטיעל פונעם קאָלכאָז. אַז דער זאָל באַוויליקן אַ פערדל אַ פּשוטן קאָלכאָזניק, וועט יענער זיך דערוואַרטן אַז דער טייך זאָל פריער אויסטריקענען. און דאָס האָבן זיך די צוויי לעבעדיקע שאָטנס אויך דערוואָרט. און מען דאַרף קיין פערד נישט האָבן, ס'איז בלויז גע־נוג פון זיך אַראָפּצוּוואַרפן אַ ביסל שמאַטעס און מען דאַרף קאָנען אַרי־בערגיין. פאַרשטייט זיך, וואָלט היינט נישט געווען אַזאַ גיהנום־הייסער טאָג, וואָלטן געוויס איצט דאָ געווען אַ סך מענטשן. היינט אָבער האָבן זיך דאָ צוזאַמענגעטראָפן צוויי פרעמדע שאָטנס וואָס איינער ווייסט נישט וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער אַנדערער. צי איז עס אַ מענטש אָדער נישט? אפילו אויב דער אַנדערער זעט אויס ווי אַ מענטש? די סכנה אָבער איז דאָ געווען פון נאָך אַן אַנדערער זייט: קאַזאַכסטאַן איז זייער רייך אין גריבער און אָרעם אין וואַסער וואָס קומט פון די בערג און ווערט איינגעזאַמלט אויף זייער אַ פּרימיטיוון אופן, און אויף אַזאַ פּרימיטיוון אופן ווערט עס פאַרטיילט צו די פעלדער אויף אַ שטרענג־ראַציאָנירטן אופן. און זאָל נאָר אַ קאָלכאָזניק פּרוּוון אַריינכאַפּן אַ ביסל וואַסער מער צו זיין אייגן שטיקל גאָרטן (וואָס אים איז דער־לויבט צו האָבן לויטן סאָוויעטישן געזעץ) — נו, מער פעלט אים שוין נישט! איז עס געגנוג דריי חדשים שטורמישער טייך, כדי פאַר די איבע־ריקע ניין חדשים זאָלן פון דעם זיך שאַפן טיפע בלאָטע־יאַמעס וואָס שאַפן אַ סכנה פאַר אַן איינציקן מענטש אַריבערצוגיין דעם אויסגעטריקנטן טייך איבער דעם געוועזענעם שטורמישן טייך, וואָס זיינע פאַרטייעטע בלאָטעס בלעזלען זיך ווי אַ פאַרחלשטער פיש וואָס מאַכט אויף דאָס מויל און מאַכט עס צוריק צו, ווי ער וואָלט זיך געבעטן אַ פרישן טרונק וואַסער, כדי צוריק צו דערכאַפּן דאָס נפש.און דאָ האָבן זיך געטראָפן צוויי פרעמדע שאָטנס.

היינט, נאָך אַזוי פיל יאָרן און נאָך אַזעלכע איבערלעבענישן קאָן

איך ווידער באַשטעטיקן, אַז דאָס וואָס איך האָב דעמאָלט געטראָפֿן ביי דעם כמו־אויסגעטריקנטן טייך איז געווען נישט מער ווי אַ שאָטן — און דאָס איז לחלוטין נישט איבערגעטריבן, נאָך מער: אין דער ערשטער מינוט איז אפילו נישט מעגלעך געווען צו וויסן, צי איז דער דאָזיקער שאָטן אַ פֿרוי אָדער אַ מאַן, צי אַ דערוואַקסענער מענטש צי גאָר אַ קינד: באָרוועס, דער גוף באַדעקט מיט אַ ביסל וואַטענע שמאַטעס וואָס האָבן שוין נישט געהאַט קיין קאָליר, פּשוט אָן אַ פֿאַרב. עס האָט מיר פֿאַרקלעמט מיין שוין פֿון לאַנג פֿאַרשטיינערט האַרץ, קוקנדיק אויף אָט־דעם געטלעכן באַשאַף. לאַנגע מינוטן האָט עס געדויערט, ביז איך האָב ביי דעם מענטשלעכן שאָטן געקאָנט פֿרעגן ווער ער איז, און אַ צום טויט דערשראָקענער בין איך געבליבן שטיין, ווען דאָס קינדישע קולעכל האָט אַרויסגעוויינט די פֿראַגע צו מיר: „אַ ייִד? אַ נאַסטאַ־יאַשטשי יעווריי? טאַקע אַ ייִד?" — האָט דאָס קול נישט אויפֿגעהערט צו פֿרעגן.

איך בין געשטאַנען אַ פֿאַרשטיינערטער. אויף וויפֿל מיין אייגענע לאַגע איז געווען אַ גענוג ביטערע, האָט זי זיך אָבער באַין אופֿן נישט גע־קאָנט פֿאַרגלייכן צו דעם וואָס איז דאָ געשטאַנען פֿאַר מיינע אויגן. פֿונעם ווייטערדיקן שמועס וואָס האָט זיך פֿאַרבונדן צווישן צוויי מענטשלעכע, אויב איר ווילט: צווישן צוויי ייִדישע קרבנות פֿון אַן אוממענטשלעכן רשעות וואָס האָט זינט צענדליקער יאָרן זיך געהאַט אָראָפּגעלאָזט אויף מיליאָנען פֿון אַלע פֿעלקער און קלאַסן און האָבן נישט אויסגעמיטן אויך אונדז — אונדז צוויי אַבסאָלוט ביז איצט פֿרעמדע ייִדישע מענטשן פֿון צוויי וועלט־פּאָלוסן, וואָס האָבן זיך פֿריער קיינמאָל נישט געקענט און זענען איצט געשטאַנען ביים ראַנד פֿונעם אָפּגרונט.

ווער איז געווען די געשטאַלט וואָס איז איצט געשטאַנען פֿאַר מיר? דאָס איז שוין נישט געווען קיין קינד. אויך נישט קיין מאַן איז דאָס געווען, ווי עס האָט זיך מיר פֿריער געדאַכט — דאָס איז געווען אַ דער־וואַקסענע פֿרוי, איר פּנים געריינצלט ווי ביי אַ זקנה, און געהייסן האָט זי רחל. און איר געשיכטע איז געווען אַ ביז גאָר טרויעריקע:

איר מאַן — אבנר האָט ער געהייסן — איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1900 אין אַ ווייסרוסיש שטעטל לעבן מינסק און ווי עס איז געווען דער שטייגער ביי פֿרומע ייִדישע עלטערן האָט מען אים געשיקט אין חדר און שפּעטער אין ישיבה. אַ פֿלייסיקער תלמיד געווען מיט אַ שאַרף קעפּל צום לערנען, איז אָבער די וועלטלעכקייט אַריינגעדרונגען אין דער ישיבה און מיטגעריסן אברהמלען, דעם שפּעטערדיקן אבנר, ווי אַ סך אַנדערע. זיין ציל איז געווען צו ווערן אַ מאַשין־אינזשיניער. ער איז

געשטיגן פון שטאָפּל צו שטאָפּל און דעמאָלט איז ער, נאָך גאָר יונג, אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע האָט די ציוניסטישע פּאַרטיי, אַזוי ווי אַלע אַנדערע פּאַרטייען, אַנטוויקלט אַ ביז גאָר ברייטע טעטיקייט און זי האָט אָנגעהאַלטן ביז אָקטאָבער 1917, ווען די באָלשעוויסטישע מאַכטהאָבער האָבן ליקווידירט די דעמאָקראַטישע פעברואַר־רעוואָלוציע און איינגעפירט זייער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. באַלד נאָך דעם דערדריקט אַלע פּאַרטייען און אויך די ציוניסטישע באַוועגונג. אָבער האָט אָבער זיין ציוניזם נישט אויפגעגעבן און ווי־נאָר ס'איז געווען די קלענסטע מעגלעכקייט, האָט ער געפירט זיין טעטיקייט. ווען ס'איז שוין אינגאַנצן געווען אוממעגלעך צו טאָן ציוניסטישע אַרבעט, האָט ער זיך געווידמעט זיין אינזשיניערישן שטודיום, כדי זיך צו פאַרפולקומען אין זיין פאַך, און דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז צום יאָר 1927.

די לינקע „פּועלי־ציון" וואָס האָבן זיך געהאַט איינגערעדט, אַז סוף־כל־סוף וועט סאָוויעט־רוסלאַנד איינזען דעם טעות און זיי אָנערקענען ווי די איינציקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פונעם ייִדישן פאָלק און פון זיין אַרבעטער־קלאַס, האָבן געצאַנקט ביז צום יאָר 1928, ווען זיי זענען פולשטענדיק ליקווידירט געוואָרן. אָבער האָט נישט געהאַט קיין אילוזיעס און ער האָט אויך נישט געהערט צו די לינקע „פּועלי־ציון". ער האָט בלויז אויסגענוצט דאָס ביסל לעגאַליטעט און געטאָן, לויט די דעמאָלטיקע באַדינגונגען, זיין ציון־אַרבעט, נישט כדי די לינקע „פּועלי־ציון" זאָלן ווערן די הערשנדיקע פּאַרטיי פון ייִדישן פאָלק, נאָר כדי כאָטש אויפצוהאַלטן דאָס צאַנקנדיקע ליכטל פון דער העברעיִשער שפּראַך. דאָס האָט ער געקאָנט טאָן נאָר אין די אָוונטן בחדרי־חדרים, אַז קיין בייז אויג זאָל אים נישט דערזען. אין די טעג איז ער געווען פאַרנומען מיט זיין אינזשיניערישער אַרבעט און ער האָט געהאַט אַן אָנגעזעענע פּאָזיציע אין דער אינדוסטריע, וווּ ער האָט געקריגן אַ סך לויב און נאָך מער פּרעמיעס. אַזוי לאַנג ביז איין מאָל אין אַ פרייטיק צו נאַכטס האָט מען אָנגעקלאַפּט נאָך חצות אין זיין טיר און, ווי דאָס איז דער שטייגער פון דער ג. ק. וו. ד., האָבן זיי אים „צוגענומען בלויז אויף אַ קורצער ווײַלע", כדי אויפצוקלערן עטלעכע „פאַר זיי נאָך נישט גענוג קלאָרע פּראַגן". און זינט דעמאָלט, ביז צו דעם טאָג אין יאָר 1944, ווען איך האָב רחלען געטראָפן ביים „רויטן וואַסער", האָט זי אַבנרן, איר מאַן, שוין נישט מער געזען.

דאַקעגן האָט זי נאָך אַ מאָל געזען איינעם פון די סאָוויעטישע מלוכה־היטערס מיט אַ פּאַפּירל אין דער האַנט וואָס זאָגט איר אַז די

„בשורה", אַז אברהם (אבנר) איסאַקעוויטש איז פֿאַר קאָנטער־רעוואָלו־ציאָנערער טעטיקייט קעגן דער ראַטנמאַכט" געוואָרן פֿאַרמשפּט אויף צען יאָר שווערע אַרבעט מיטן רעכט צו אַפּעלירן און מיטן קאָנפֿיסקירן זיין „אימוזשעסטוואָ" (פֿאַרמעגן); נאָר אַזוי ווי די אַפּעלאַציע איז געוואָרן אָפּגעוואָרפֿן, איז ער געקומען נאָכן פֿאַרמעגן וואָס געהערט שוין איצט דער פּראַוויטעלסטוואָ, און די קאָנפֿיסקאַציע ווערט דורכגעפֿירט לויט דעם „ריכטיקן זאַקאָן" (געזעץ) — נאָר איין קלייניקייט: בעת דעם קאָנ־פֿיסקירן „לויטן געזעץ" די אימוזשעסטוואָ פֿונעם ציוניסטישן קאָנטער־רעוואָלוציאָנער אברהם איסאַקעוויטש האָט ער אין איין וועגס קאָנפֿיס־קירט דאָס ביסל אָנטועכץ פֿון רחלען אויך פֿון איר קינד וואָס איז אַ קורצע צייט שפּעטער אויסגעגאַנגען.

ס'איז איצט שוין פֿינף און צוואַנציק יאָר, זינט איך האָב זיך גע־טראָפֿן מיט רחלען ביים „רויטן טייך" אין קאַזאַכסטאַן, און מיר איז נאָך אַלץ שווער צו געפֿינען די ריכטיקע ווערטער, כדי צו שילדערן דעם מצב וואָס אין אים האָט זיך רחל דעמאָלט געפֿונען. איך אַליין בין אויך נישט געווען אין אַ סך אַ בעסערן צושטאַנד, אַזוי אַז איר העלפֿן האָב איך צום באַדויערן מיט גאָרנישט געקאָנט. רחל איז אָבער געווען גליקלעך וואָס זי האָט נאָך אַזוי פֿיל יאָרן ענדלעך געטראָפֿן אַ ייִד, וואָס פֿאַר אים האָט זי געקאָנט אָן מורא דערציילן איר טרויעריקע געשיכטע. מיר זענען שוין געגאַנגען צוזאַמען ביז צום ראַיאָן וווּ זי האָט געדאַרפֿט דער־ליידיקן איר ביסל בידנע עניינים, און מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט. מער האָב איך שוין רחלען נישט געזען.

## די טאָכטער פֿון סטאָלינער רבין

ווען מען וואָלט אָנגעקלאַפּט אויף דער טיר פֿון אונדזער ליימענער כאַטקע אַ מזוזה, וואָלט עס געווען אַן עכט כשרע ייִדישע שטוב — אַזוי האָט אונדז מסביר געווען סאָניע, די טאָכטער פֿון סטאָלינער רבין. פֿאַרוואָס אַזוי? ווייל צו אונדז קומען ייִדן פֿון פּוילן, פֿון ליטע, גאַליציע, רומעניע, טשעכיע און על־כּולם אויך סאָוועטישע ייִדן. איינע פֿון זיי איז געווען סאָניע, די טאָכטער פֿון סטאָלינער רבין.

סאָניע איז געווען אונדזערס אַ שכנה און פֿלעגט אָפֿט צו אונדז אַריינקומען, אַ מאָל טאָקע ווי אַ שכנה זיך אַריינכאַפּן אויף אַ פּאָר מינוט און אַ מאָל אויף אַ לענגערן שמועס, זיך אַ ביסל אַראָפּצורעדן פֿון האַרצן

וואָס איז שטענדיק געווען פול; און ווידער אַן אַנדערש מאָל נאָך אַ גמילות־חסד וואָס זי דאַרף נייטיק האָבן, ביז זי וועט קאָנען צוריק אָפּ־צאָלן די הלוואה. ביי אונדז, פלעגט זי זאָגן, איז די מעלה וואָס מיר פרעגן זי קיינמאָל נישט, ווען אַ שטייגער וועט זי קאָנען אָפּגעבן, דאָס איז אונדז געווען גלייכגילטיק, וואָרעם וואָס, מישטיינס געזאָגט, האָט זי פאַר דעם מער געקאָנט קויפן ווי אַ קילאָ ברויט?

סאָניע פלעגט צו אונדז אַריינקומען צוזאַמען מיט איר שוועגערין רעבעקאַ, די פרוי פון איר ברודער, וואָס איז אַוועק אין דער אַרמיי און פון זיך נישט געלאָזט הערן. געווען איז זי מיט אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר זעקס, זי האָט אים געדאַרפט אויסהאַלטן און באַקומען האָט זי פאַר אים 250 גראַם ברויט, צוזאַמען, הייסט עס, 650 גראַם, אויב זי האָט געטאָן עפּעס אַן אַרבעט. און געאַרבעט האָט זי ביים וואַשן ס׳געפּעס אין דער סטאָלוווקע, ווו די פאַבריקס־אַרבעטער האָבן פאַר עטלעכע קאָפּיקעס געקאָנט באַקומען אַ שטיקל ברויט מיט אַ שטשי (קרויטבאָרשטש), טייל־מאָל, אַז עס האָט אָפּגעגליקט, איז דאָרט אויך געווען אַ שטיקל פליייש פון אַ געפאַלן פערד.

ווען ייִדן נאָר־וואָס באַפרייטע פון לאַגער זענען אָנגעקומען קיין סייראַם, איז סאָניע דאָרט שוין געווען. זי איז געווען אַ ייִדיש מיידל פון פוילן, דעם סטאָלינער רבינס אַ טאָכטער. סטאָלין איז געווען לעבן פּינסק, נישט ווייט פון דער סאָוועטישער גרענעץ אויף די אַזוי גערופענע קרעסן. און סאָניע, ווי אַ סך קינדער פון באַלעבאַטישע היימען, איז אויך געוואָרן אַריינגעצויגן אין דער קאָמוניסטישער יוגנט־באַוועגונג. אַרויסגעיאָגט פון איר היים, האָט זי געפירט דאָס שווערע מאַטעריעלע לעבן אַן אַ שום אויס־וועג. אויב די ווייסרוסישע באַפעלקערונג האָט געלעבט אונטער דער שווערער פוילישער, פאַשיסטישער רעאַקציע, האָט די באַפעלקערונג קעגן דעם אַן אויפהער געקעמפט; אונטער אַ סך אַ שווערערן רעזשים האָבן געלעבט די ייִדן און דערצו זענען זיי נאָך געוואָרן פאַרשריגן ווי „זשידאָ קאָמונא", און דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגערופן אויף זיי נישט בלויז מאַ־טעריעל, נאָר נאָך מער גייסטיק. און אָט טאָקע דאָס האָט געטריבן אַ טייל פון דער ייִדישער יוגנט אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער באַ־וועגונג, וואָס האָט פאַר איר געהאַט דעם גלייכן באַדייט ווי אַן אָנזאָג פון באַפרייונג. און וואָס פון דעם האָט זיך אויסגעלאָזט, דאַרף מען דאָך היינט שוין קיינעם נישט דערציילן. און איינע פון יענער יוגנט איז געווען סאָניע, די טאָכטער פונעם סטאָלינער רבין.

אין איינער אַ נאַכט איז סאָניע אַוועק פון איר היים, און אַוועק איז זי נישט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט נאָך ייִנגלעך און מיידלעך, איבעם

גליקלעכן לאַנד זוכן די צוגעזאָגטע גליקן וואָס האָבן אַראָפּגעשריגן פון אַלע קאָמוניסטישע בלעטלעך וואָס זענען געוואָרן אַהער געבראַכט דורך די געהיימע שליחים וואָס זענען טאָג־איין, טאָג־אויס אַריבערגעגאַנגען פון יענער זייט גרענעץ. אַזוי לאַנג, ביז דאָס האָט זיך די שליחים איינגע־געבן, און גרופּעס ייִדישע יונגעלייט און מיידלעך האָבן שוין נישט מער געקאָנט אויסהאַלטן די ווילדע דיסקרימינאַציע פונעם סאַנאַצישן אַנטי־סעמיטיזם וואָס אויף די קרעסן איז ער געוואָרן אַן אַן ערך שאַרפער ווי אין דער מעטראָפּאָליע, ווו מען האָט פאַרט געמוזט אָנהאַלטן אַן אייראָ־פּעיִשן שטאָט און נישט געקאָנט דערקלערן אַלע ייִדן ווי „זשידאָ קאָמונאַ"; אויף די קרעסן האָט מען דאָס יאָ געקאָנט, און מען האָט דאָס פּראַקטי־צירט אויף אַ פּרעכן אופן. דעריבער האָט די סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע דאָ געפונען אַ פּרוכטבאַרן באָדן.

די אַנטוישונג איז געקומען באַלד, ווי נאָר זיי זענען אַריבער די פּויליש־סאָוויעטישע גרענעץ. דאָרט האָט מען אויפגעשטעלט מויל און אויערן, מען האָט כלומרשט גאָרנישט געוווּסט, אַז ווער ס׳איז זאָל האָבן דערלויבט אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע צו קומען אין „הייליקן" רעוואָלוציע־לאַנד, און דער עיקר: קיינער האָט זיי נישט געבעטן און קיינער האָט נאָך זיי נישט געשיקט זיי זאָלן קומען אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד; זיי האָבן דאָך — האָט מען זיי געזאָגט — געדאַרפט מאַכן די רעוואָלוציע אין פּאַשיס־טישן פּוילן, און מיט זייער קומען אַהער האָבן זיי אָפּגעשוואַכט די רעוואָ־לוציאָנערע כוחות דאָרט ביי זיך אין דער היים — און דאָס איז אַ פאַר־ברעכן און נאָך עפּעס: ווער ווייסט, מיט וואָס פאַר אַ געהיימע כוונות זיי זענען געקומען אַהער קיין רוסלאַנד?

און דאָ האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן זייערע צרות. מען האָט זיי גע־נומען שלעפּן פון תפיסה צו תפיסה, מען האָט זיי געמוטשעט מיט אויס־פאָרשונגען און געהיימע ראַפּאָרטן און מיט אויספרעגן זיי, וואָס זיי האָבן געטאָן אין דער היים, מיט וואָס זיי האָבן זיך דאָרט פאַרנומען, צו וועלכע פּאַרטייען זיי האָבן געהערט, און ווער איז זייער טאַטע און דער זיידע, און די מאַמע און די באָבע. און צו זייער אומגליק איז געווען געזאָגט אין די געהיימע ראַפּאָרטן, אַז זיי שטאַמען אָפּ פון אַזאַ קלעריקאַלער משפחה ווו דער זיידע איז געווען אַ רב און דער טאַטע איז דער סטאָלי־נער רבי, און די מאַמע און די באָבע זענען גאַנצע רביצינס. איך פאַר־שפּאָר דאָ איבערצוגעבן זייערעליידן אין די תפיסות און די גאָר שווערע אַרבעטס־באַדינגונגען. און אַזוי האָבן זיי געלעבט ביז היטלער איז אָנ־געפאַלן אויף די סאָוויעטישע שטעט און זיי באַהאָגלט מיט באָמבעס.

ווען איך האָב זיך מיט מיין פרוי אַריינגעקליבן אין יאָר 1943 אין

אונדזער סייראַמער ליימענער כאַטקע, האָבן מיר זיך צופעליק אָנגע־טראָפן אויף סאָניען, די טאָכטער פון סטאָלינער רבין. זי האָט געוווינט מיט איר שוועגערין רעבעקאַ, מיט איר זעקס־יאָריקן זונדעלע שמוליק.ביידע האָבן זיי געצויגן אונדזער אויפמערקזאַמקייט מיט דעם וואָס — כאָטש נאָך גאָר יונגע און שיינע פרויען — זענען זיי געווען אַ היפּש ביסל אָפּגעלאָזן. די קעפּ פאַרוויקלט מיט טיכער ווי ביי אַלטע ווייבער, די מלבושים האָבן אויף זיי געהאָנגען, ווי זיי וואָלטן געווען פון די עלטע־רע שוועסטערן. מילא, ביי רעבעקאָן האָבן מיר זיך דאָס אויפגעקלערט מיט דעם וואָס זי אַרבעט זייער שווער ביז שפּעט אין דער נאַכט ביים וואַשן געפּעס און ביים טאָן נאָך אַנדערע שווערע אַרבעט אין דער קיך. און דערביי דאַרף זי נאָך דערציען איר יינגעלע. אָבער סאָניע טוט דאָך נישט קיין אַנדערע אַרבעטן; פאַרוואָס־זשע איז זי אַזוי אָפּגעלאָזן? זי האָט דאָס פאַר אונדז אויפגעקלערט אויף אָט אַזאַ אופן: אין לאַנד איז אַ מוראדיקער הונגער, און די שטיצע וואָס זי באַקומט פון דער רע־גירונג, חוץ די פאַר הונדערט גראַם ברויט צו רעגירונגס־פּרייזן, וואָלט איר קוים געקלעקט אויף צוויי טעג צום לעבן, און דאָס איז די סיבה, וואָס זי מוז אויך אָנקומען נאָך אַ גמילת חסד צו אונדז; דער עיקר אָבער איז זי אויסגעשטעלט אויפן רחמנות פון דער אוזבעקישער באַפעלקערונג, און די אוזבעקן, ווי באַוווּסט, האַלטן נישט פונעם חרם דרבנו גרשום, און אויב זי וואָלט געוואָלט דערנערן זיך און דאָס נאַר־וואָס געבוירענע עו־פעלע, וואָלט זי געווען אויסגעשטעלט אויף אַ סך נסיונות. אַזוי אָבער שפּאָרט זי זיך איין אַ סך צרות — און דערביי האָט זי דערציילט אַן אינ־טערעסאַנטע און כאַראַקטעריסטישע געשיכטע וואָס איז ווערט, איך זאָל זי דאָ דערציילן.

זי האָט מיט איר מאַן — אַ הויך־גראַדיקער סאָוויעטישער אָפיציר, וואָס מיר ווילן דאָ אָנרופן צוליב געוויסע טעמים אַלעקסאַנדראָוו גע־האָט אָפּגערעדט, אַז אויב דאָס קינד זייערס וואָס דאַרף באַלד גע־בוירן ווערן, וועט זיין אַ יינגל, מוז מען אים אַ נאָמען געבן אהרן, אַ נאָמען נאָך איר פאָטער דעם סטאָלינער רבין ר׳ אהרעלע וואָס איז דעמאָלט שוין געווען געשטאָרבן; און אויב שוין אַ נאָמען נאָך אַזאַ הייליקן ייִד ווי דאָס איז געווען איר פאָטער, מוז מען דאָס יינגל מל זיין — און דאָס איז אין סאָוויעט־רוסלאַנד פאַלג מיך אַ גאַנג. מוז מען, הייסט עס, צו דעם זוכן אַן עצה, אָבער ווו הייבט מען דאָ אָן? איז — זאָגט סאָניע — געשען אַ נס; איין מאָל האָט דער שטאָט־וואָלאַסט (די שטאָט־פאַרוואַלטונג) געדאַרפט האָבן אַ פּריוויליקן וואָס זאָל ווען אונ־טערנעמען אַ קאָמאַנדיראָווקע, אַ רייזע, הייסט דאָס, אויף לאַנגע וואָכן, און עס האָט טאַקע נישט איין מאָל געטראָפן, אַז צו אַזאַ שווערער,

ערנסטער רייזע פון לאַנגע וואָכן האָבן זיך פּריוויליק געמאָלדן ייִדישע פּערזענלעכקייטן און דאָס האָט קיין חידוש נישט אַרויסגערופן. דאָס מאָל איז דער פּריוויליקער געווען דער מאַן פונעם סטאַלינער רבינס טאָכטער.

בערך צוויי חדשים לאַנג איז סאָניעס מאַן אַלעקסאַנדראָוו געווען אויף דער רייזע און אין דער צייט זענען פאָרגעקומען אַ סך זאַכן. סאָניע איז געלעגן געוואָרן און האָט געבוירן אַ בן זכר. איז אין איינעם אַ טאָג, ווען סאָניע איז אַרויס פון דער שטוב בלויז אויף אַ קורצער צייט, צו איר אַריין אַ געהיימער מוהל, האָט אַרויסגענומען דאָס קינד פון דער שטוב, האָט עס מל געווען, און אין צוויי טעג אַרום, ווען מען האָט צוריק אַהיימ־געבראַכט דאָס קינד, איז דער „חתן־בחור" שוין געווען אַ פאָלנער ייִד. און דאָס געשעעניש איז דערגאַנגען צו דער סאָוויעטסקי וולאַסט; האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ יאַגעניש און אַ זוכעניש נאָך דעם „געהיימען" ייִדן; און מען האָט אָנגעהויבן נאָכצושפּירן און נאָכצופאָרשן, צי שטייט נישט סאָניע אין פאַרבינדונג מיט אַ געהיימער רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע. איר מאַן אַלעקסאַנדראָוו איז נאָך אַלץ געווען אויף דער קאָמאַנדיראָווקע און האָט כלומרשט נישט געוווּסט פון דער גאַנצער „מילה פאַרשווערונג". ווען ער איז ענדלעך נאָך צוויי חדשים צוריקגעקומען, האָט מען אים גענומען אויף אַ שטרענגן פאַרהער, עס האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט. אַז ער האָט נישט געקאָנט וויסן, צי זיין ווייב וועט געלעגן ווערן מיט אַ ייִנגל צי מיט אַ מיידל. פונדעסטוועגן איז פאָרגעקומען אַ משפּט קעגן סאָניעס שוועגערין און מען האָט זי אויסגעפרעגט, אויף וועמען עס קאָן פאַלן אַ חשד, און אויב זי האָט יאָ עפּעס געוווּסט, פאַרוואָס האָט זי דאָס נישט איבערגעגעבן דער וולאַסט. מען האָט איר געמאַכט אַ פאַרוואָרף, אָבער זי איז אָפּגעקומען בלויז מיט דעם, און אויך אַלעקסאַנדראָוו איז אָפּגעקומען בלויז מיט אַ שאַרפן פאַרוואָרף, ווייל ער, ווי אַ הויכגראַדיקער מיליטער־מאַן און דערצו נאָך אַ קאָמוניסט, האָט נישט גענוג גוט דער־צויגן זיין ווייב און נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, אַז זי איז אויף דער צייט און קאָן געלעגן ווערן מיט אַ ייִנגל. דער חשד, אַז זיין אָוועק־פאָרן פון דער היים איז געווען אַ פלאַן פון פאַרויס באַשטימט, איז נישט געוואָרן באַשטעטיקט. אַ באַווייז דערפאַר איז, אַז ער האָט זיין שליחות גוט אויסגעפירט און אַ דאַנק דעם קומט ער בלויז אָפּ מיט אַ שאַרפן פאַרוואָרף. אָבער גאָר שלעכט האָט אָפּגעשניטן סאָניע. עס איז נישט גע־בליבן קיין ספק, אַז דאָס האָט זי אַליין אויספּלאַנירט דעם ריטועלן און באַרבאַרישן אַקט איבער איר ניי־געבוירן קינד, און אַזוי ווי זי איז נאָר אַ קאַנדידאַטקע צו דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, ווערט דעריבער ביי איר צוגענומען אויף שטענדיק דאָס רעכט צו ווערן אַ מיטגליד פון דער סאָ־וויעטישער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

ווען דאָס פֿאַרמשפּטע פּאָרפּאָלק, סאָניע און אַלעקסאַנדראָוו, איז געקומען צו זיך אַהיים אין דער ליימענער קיביטקע, האָבן ביידע זיך האַרציק צעלאַכט און פֿאַר גרויס פֿרייד האָבן זיי אויסגעטרונקען אַ לחיים פֿאַרן זון וואָס זיי האָבן אים ערשט איצט נאָך מער ליב באַקומען. סאָניע האָט אַפֿילו געמיינט, אַז זי דאַרף אָנשרייבן אַ דאַנק־בריוו צום „פֿאָטער פֿון די פֿעלקער" פֿאַרן דאָזיקן אורטייל, ווארעם נאָר אין סאָוועטישן פֿאָטערלאַנד קאָן מען אַרויסגעבן אַזאַ גערעכטן משפּט.

ווען סאָניע האָט מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער אונדז פֿאַרבעטן צו זיך, האָט זי פֿאַר אונדז אויסגעמאָלן, וויפֿל מעלות דער דאָזיקער אורטייל האָט פֿאַר איר: ווי אַ קאַנדידאַטקע צו דער פּאַרטיי האָט זי דאָך געמוזט קאָנען דעם „קורצן קורס געשיכטע פֿון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי". זי האָט געדאַרפֿט היטן די שכנים, זיי זאָלן חלילה נישט באַגיין קיין עבירה קעגן „פֿאָטערלאַנד" — ווי נאָר עפּעס אַ יום־טוב האָט זי געמוזט זיין פֿון די ערשטע, אויף אַלע פּאַרטיי־פֿאַרזאַמלונגען האָט זי געמוזט גיין און אויסהערן אַלע נודנע דרשות. היינט אָבער איז זי פֿון דעם אַלעמען פּטור!

אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט איז סאָניע געקומען צו אונדז אַן אויסגעפּוצטע. פֿול מיט חן איז זי דעמאָלט געווען און האָט אונדז פֿאַרבעטן אין איר ליימענעם „פּאַלאַץ". „וואָס איז געשען, סאָניע?" — „קומט — זאָגט זי — וועט איר זיך דערוויסן". אָפּזאָגן סאָניען און נישט גיין צו איר, איז געווען איבער אונדזערע כּוחות. אַז מיר זענען אַריין אַן דעם „פּאַלאַץ", איז ער נישט געווען צו דערקענען, אַזוי אויסגעפּוצט איז ער געווען. פֿאַר אונדז האָט זיך אויפֿגעשטעלט אַ הויכער, שלאַנקער און בלאָנדער מאַן מיט אָנגעהאָנגענע מעדאַלן אויף דער ברוסט, מיט צווייַ ברייט־ברעטלדיקע שליפֿעס אויף די אַקסלען. ער האָט אונדז באַגריסט מיט אַ האַרציקן „שלום עליכם, ייִדן!" אויף ייִדיש, און נעמענדיק אַ גלעזל משקה זיך פֿאַרגעשטעלט: „איך הייס אברהם בר' זאב, פֿאַר גויִים אָבער הייס איך אַלעקסאַנדראָוו, אָבער בלויז פֿאַר זיי.

ערשט איצט האָט פֿון אַ זייטיקן ווינקל זיך אַרויסגערוקט דער פֿרעמדער ייִד וואָס איז, ווייזט אויס, געווען דער געהיימער מוהל וואָס האָט דעם בן־זכר געמאַכט פֿאַר אַ ייִד. ער האָט אים גענומען אויף זיינע הענט און געזאָגט: „כאָטש נישט צוליב אונדזער שולד קאָנען מיר איצט נישט האָבן קיין מנין ייִדן, וועלן מיר דאָך פֿראַווען דעם ברית." און נעמענדיק אַ גלעזל משקה וואָס אברהם בר' זאב האָט פֿאַראיבעריקט פֿון זיין צוויי־חדשימדיקער נסיעה, און מאַכנדיק די ברכה, האָט דער ייִד אויסגערופֿן: „ויקרא שמו בישראל אהרן בן שרה און אברהם און זאָלן טאַטע־מאַמע אים

מגדל זיין לתורה, לחופה, למעשים טובים און ווייטער ציען ייִדישקייט עד סוף כל הדורות!"

אויף דעם האָבן די בעלי־שמחה וואָס זענען באַשטאַנען פון דריי מאַנצלייט און פיר ווייבער, געענטפערט „אמן!" ס'זאָל זיין אין אַ מזל־דיקער שעה."

## יידן, יידיש און יידישקייט אין סאָוויעט-רוסלאַנד

געווען איז דאָס נאָך די ערשטע אָקטאָבער־יאָרן, ווען די באָלשעװיקעס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אין רוסלאַנד און צווישן אַלע אַנדערע „גן־עדן-סלאָגאַנען" איז אויך געוואָרפן געוואָרן דער סלאָגאַן „פרייע ליבע". ס'איז געווען ווי עס וואָלט אַרומגעכאַפּט אַ וואַלד־שׂרפה די יוגנט אין חתונה־עלטער, און נישט ווי אַמאָל, ווען מען האָט פאַרקנסט קינדער, ווען זיי האָבן זיך נאָך געדאַרפט שפּילן אין שטיינדלעך. און אין ציוויליזירטע לענדער מוז נאָך דאָס פאַרליבטע פּאָרל גיין צו אַ מעדיציני־שער קאָנסולטאַציע, צי זייער געזונט־צושטאַנד דערלויבט זיי בכלל חתונה צו האָבן. מען האָט מער נישט געדאַרפט גיין צום רב, אָדער צום גלח אָדער פּאָפּ, ס'איז געגוג געווען בלויז אַריינצוגיין אינעם ליימענעם גע־װעלבל פון איינפּיסיקן כאַזשימאַט, ער שרייבט אַריין דעמאָלט אין אַ ביכעלע די נעמען פון חתן-כלה, זייער עלטער און וווין־אָרט, מען באַ־צאָלט צוויי רובל פאַרן אַרויסגעבן דאָס צעטל און... מען האָט חתונה גע־האָט. ס'איז געוואָרן אויפגעבראָכן דער גדר, ס'איז כלומרשט געווען „פרייע ליבע" וואָס ווער אפשר אַמאָל קומען באחרית־הימים. אין יענער צייט אָבער איז עס געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ פּשוטער הפקרות, און דער הפקר האָט ליידער נישט אויסגעמיטן אַ סך ייִדישע קינדער.

אויך אין די אַזיאַטישע לענדער, ווו מיר איז אויסגעקומען צו לעבן אין די מלחמה־יאָרן, איז פּונקט ווי ביי ייִדן דאָס משדך־זיין זיך געווען פאַרבונדן מיט אַ גאַנץ שווערן צערעמאָניאַל (וואָס וועגן אים וועט מיר נאָך אויסקומען צו דערציילן) און אָפּט מאָל זענען אַזעלכע שידוכים גע־ווען גאָרנישט קיין געראָטענע. פון אַזעלכע זיווגים פלעגן זיין אייביקע מחלוקתן — דאָס איז אַלץ אמת. איצט אָבער האָבן אַזעלכע פאַרקנסטע פאַרלעך תיכף געקאָנט זיי אויפלייזן. ווי זאָגט אַ ייִדיש ווערטל? „אויס כלה, צוריק אַ מויד". לויטן ייִדישן דין איז אַזאַ געשלאָסענער שידוך געווען פאַרבונדן מיט אחריות און מען האָט אויך די שוועריקייטן גע־קאָנט באַזייטקן. ווי איז געווען, אַז אַזאַ פּאָרל וואָס האָט חתונה געהאַט

לויטן נייעם סאָוויעטישן געזעץ, האָט שוין אויף מאָרגן זיך אַרומגעזען, אַז זייער חתונה וועט נישט זיין אַזוי ווי זיי האָבן זיך דאָס פאָרגעשטעלט? האָבן זיי זיך אויך קיין גרויס עגמת־נפש פון דעם נישט געמאַכט. זיי זענען אַריין אין דעם זעלבן געוועלבל צום זעלבן כאַזשימאַט און ווידער פאַר צוויי קערבלעך האָט ער זיי אויסגעשטעלט אַ נייעם צעטל, אַז שוין, זיי זענען שוין מיט מזל אויס מאַן און ווייב... אַזעלכע קרבנות האָבן זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אַרומגעדרייט אין די הונדערטער טויזנטער מיט קינדער אויף די הענט, וואָס די טאַטעס אָדער די מאַמעס האָבן זיי געלאָזט אויף הפקר. און איינע פון זיי איז געווען ליזאַ אַבראַמאָוונאַ.

ליזאַ אַבראַמאָוונאַ איז געווען אַ טאָכטער פון אַ פרומער ייִדישער היים. דער טאַטע איז געווען אַ מורה־הוראה ערגעץ־ווו אין אַ קליין ייִדיש שטעטל ביי קיעוו. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס טעכטערל לאהלע, אַ בת־יחידה, וואָס פון איר איז שפּעטער געוואָרן ליזאַ, איז געוואָרן אויפֿגעצויגן ווי אַ פרומע ייִדישע טאָכטער דאַרף טאָן וואָס גוטע און פרומע לייט, בפרט טאַטע און מאַמע הייסן. וואָלט אַלץ טאַקע אַזוי געגאַנגען כשורה, ווען די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש וואָלט נישט געווען געקומען, און וואָס האָט זיך אַריינגעריסן מיט שטורעם אינעם קליינשטעטלדיקן הויז פונעם רב ר׳ אברהמעלע, און אַ בליץ געטאָן אין די אויגן פון זיין בת־יחידה לאהלע.

האָט לאהלע באַלד אַוועקגעוואָרפן דער מאַמעס קרבן מנחה־סידור און די צאינה־וראינה און גענומען עוסק זיין אינעם „קורצן קורס געשיכטע פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי". גלייכצייטיק האָט זי זיך אויך גענומען שטודירן און צו יענער צייט איז דאָס נישט געווען צו שווער: מען האָט נאָר געדאַרפט וועלן און לאהלע האָט געוואָלט. און אַזוי האָט זי אַ דאַנק איר התמדה און איר רבנישן קאָפּ אויסגעשטודירט און איז געוואָרן דאָקטאָר־מעדיצין. דעמאָלט האָט אויף איר אַ קוק געטאָן דער אוקראַינישער סטודענט פון מעדיצינישן פאַקולטעט וואַסיל טשופּאַגין. ס׳איז נישט וויכטיק, ווי לאַנג עס האָט אָנגעהאַלטן זיין ליבע צו דער ייִדישער דאָקטערין, וויכטיק איז, אַז אַרום 1930 איז געקומען אויף דער וועלט זייער זון אַליאָשאַ.

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען אַליאָשאַן, איז ער שוין געווען אַ דערוואַקסענער בחור פון אַ יאָר פערצן און זיין מאַמע ליזאַ אַבראַמאָוונאַ האָט דערציילט אויסטערלישע מעשות וועגן איר בן־יחיד; ערשטנס, ווייל ער פון זיין פאָטער גאַרנישט הערן, די שול־חברים זאָגן אויף אים, אַז ער איז אַ ייִד, הייסט עס, אַז ס׳איז אמת! און אויב ס׳איז אמת, אַז ער, אַלעקסאַנדער, איז אַ ייִד און דער טאַטע איז אַוועק פון

דער מאַמען ווייל ער איז אַ גוי, וועט ער זיין מיט דער מאַמען. אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָט מען דעמאָלט נישט אָנערקענט קיין „פאָטער־הערשאַפט" איבער דער פרוי און אירע קינדער (די מלוכה האָט צוגע־נומען די קינדער, ווען זי האָט באַשולדיקט די עלטערן אין פאָליטישע חטאים), אָבער זיך אָפּזאָגן פון דער פרוי און פון די קינדער איז לויטן סאָוויעטישן געזעץ נישט געווען קיין „פאַרברעכן"", מער נישט, דער פאָטער האָט געדאַרפט צאָלן אַלימענטן — און אין רוסלאַנד, אַז מען האָט נישט געוואָלט, האָט מען נישט געדאַרפט צאָלן, ווייל די מאַמע איז געווען אַ דאָקטאָר־מעדיצין און האָט פאַרדינט אַזוי פיל געלט, אַז ס'איז געווען גענוג פאַר ביידע, און דאָס לעצטע, ווייל דאָס יינגל האָט אין גאַנצן נישט אָנערקענט זיין פאָטער, בפרט אַז אַליאָשאַ איז געווען אַ גוטער און אַרבעטזאַמער שילער און איז זיך גאַנץ גוט באַגאַנגען אָן דעם טאַטנס אפּוטרופּסות. און דאָ קומען מיר צום עיקר: אויב די אָפיציעלע שול־שפּראַכן זיינע זענען געווען אוקראַיניש און רוסיש, אַזוי איז זיין נאָרמאַלע טאָגטעגלעכע אומגאַנג־שפּראַך געווען אויסשליסלעך ייִדיש.

ליזאַ אַבראַמאָוונאַ איז אָנגעקומען ווי אַ דאָקטערין קיין סייראַם, וווּ ס'איז אויך געווען מיין וווינאָרט. דאָ זענען אויך געווען צוויי שפּי־טאָלן, איינער פאַר אַלגעמיינע קראַנקייטן, דער אַנדערער נאָר פאַר אָנ־שטעקנדיקע קראַנקייטן, און דעריבער האָט מען געמוזט אָננעמען ספּעציעלע מיטלען, כדי אָפּצושטעלן די מגפה — און טאַקע דאָ האָט זיך עס אָנגעהויבן.

דאָס ערשטע וואָס זי האָט געוואָלט, איז געווען, אָפּצושטעלן דאָס אַריינדרינגען פון דער דריטער מכה פון מצרים וואָס האָט אָנגענומען ממש קאַטאַסטראָפאַלע פאָרמען, און צוליב דעם האָט מען דאָרט געביטן די דאָקטוירים אַ סך גיכער ווי די וועש, און דאָס פשוט דערפאַר, ווייל ביי די אַזיאַטישע פעלקער זענען לייז געווען פאַררעכנט ווי היימישע שטוב־חיות וואָס מיט זיי איז אַ „פאַרגעניגן זיך צו שפּילן". פאַרשטייט זיך, אַז אַ דאָקטער מיט קולטור האָט נישט געקאָנט מסכים זיין מיט דעם, אַז די לייז זאָלן ווערן אַן אומגליק פאַר דער גאַנצער געגנט און אפשר גאָר פאַר אַ גאַנצער רעפּובליק. דעמאָלט פלעגן זיך צוזאַמענקומען די פּני פונעם מקום און עס האָט זיך שטענדיק געפונען אַן אוטשאָני אוזבעק וואָס האָט זיך אונטערגעשריבן פאַרן גאַנצן קאָלכאָז און אַוועק־געשיקט אַ „דאָנאָס" צו דער העכסטער אוזבעקישער מאַכט — אַזוי און אַזוי. און די מאַכט האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן „גרויס פאַרשטענדעניש" פאַר אַזעלכע אָנקלאָגעס און תיכף מבטל געמאַכט די דאָקטערישע גזירות.

אין וואָס זענען באַשטאַנען די בקשות פונעם אוזבעקישן פאָלק?

אייגנטלעך נאָר אין קלייניקייטן: מען זאָל צונעמען פון זייער שפּיטאָל דעם דאָקטער — זיי דאַרפן נישט האָבן קיין דאָקטער, און אויב די קראַנקע וועלן שטאַרבן, איז דאָס אַ סימן, "אַז אַללאַ וויל נישט, אַז זיי זאָלן לעבן" — איז צו וואָס־זשע דאַרף מען האָבן אַ דאָקטער? זאָל מען צונעמען דעם דאָקטער! די סאָוויעטישע מאַכט איז דאָ געווען אין אַ פאַרלעגנהייט: נישט צוהערן זיך צו דער שטימע פונעם פאָלק, דאָס קאָנען זיי דאָך נישט, וואָרעם ס'איז דאָך שוין לאַנג באַוווּסט, אַז "די שטימע פונעם פאָלק איז די שטימע פון גאָט". און ווידער: דאָ ווו עס זענען פאַרהאַן אַנשטעקנדיקע קראַנקע, מוז אויך זיין פאַר זיי אַ שפּיטאָל און אַלע פאַרדעכטיקע מוז מען דאָרט אַהין אַריינפירן (זעלטן ווער איז פון דאָרט צוריק אַרויסגעקומען — דער שפּיטאָל איז געווען אַן אמתדיק שעכטהויז), אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, קיין דאָקטער דאַרף מען דאָרט נישט! אַ מאָל איז אין שפּיטאָל געבליבן בלויז אַ פעלדשער, און צו דער צייט וואָס וועגן איר שרייב איך דאָ, איז געבליבן בלויז דאָס מיידל וואָס האָט באַדינט דעם דאָקטער אַליין — און דעם דאָקטער האָט מען פון דאָרט באַזייטיקט. אַזוי אַרום איז ליזאַ אַבראַמאָווּנאַ געבליבן אָן אַר־בעט און געבליבן וווינען אין קאַלכאָז ווי אַ פּריוואַטער מענטש און פאַר אַ פּאַיאָק ברויט פלעגט זי גיין צו קראַנקע און פאַרשרייבן רפואות. צווישן אירע פּאַציענטן זענען אויך געווען איך און מיין פרוי. פאַר אונדז איז דאָס געווען אויך גוט דערמיט, וואָס זי איז געווען אונדזערע אַ שכנה און אַזוי אַרום זענען מיר געווען נאָענט נישט בלויז מיט איר, נאָר אויך מיט איר זון אַליאָשאַ וואָס פלעגט אונדז געבן "לעקציעס" נישט נאָר אין יידיש לשון וואָס ער האָט שוין געקענט אויף אַ גאָר פיינעם אופן און וועגן דעם געפירט מיט אונדז די שמועסן, נאָר אויך וועגן רעליגיעזער יידישקייט האָט ער פאַר אונדז געפּסקנט שאלות. אויף אונדזער פראַגע, פון וואַנען ער ווייסט דאָס אַלץ, ער איז דאָך נישט אַלט קיין פערצן יאָר, האָט ער געענטפערט, אַז אַ ייד הייבט מען אָן צו זיין נישט ערשט צו די פערצן יאָר, נאָר פון דעם מאָמענט אָן, ווען ער ווערט געבוירן; "איי, דער טאַטע איז נישט קיין ייד, בין איך טאַקע מיט אים נישט איינ־שטימיק. איך בין און איך וויל זיין אַ ייד, וואָס מיין שפּראַך איז און מוז זיין אויסשליסלעך יידיש.אלא אין שול מוז מען לערנען אויך אַנדערע שפּראַכן, איז פאַרפאַלן; מיין שפּראַך אָבער איז און וועט בלייבן יידיש!"

אונדזער שכנות מיט ליזאַ אַבראַמאָווּנאַ און איר זון אַליאָשאַ האָט לאַנג געדויערט, כמעט ביז צום לעצטן טאָג פון אונדזער אָוועקפאָרן קיין פּוילן. אונדזער אָוועקפאָרן האָבן זיי שטאַרק באַדויערט. מיט וועמען וועלן זיי קאָנען אַזוי פריי רעדן וועגן זייערע צרות?

אויך זיי האָבן שטאַרק געוואָלט פאָרן אין זייער אַלטער היים, אין

שטעטל לעבן קיעוו. זיי האָבן אָבער דאָס נישט געקאָנט באַווייזן. צי האָבן זיי שפּעטער יאָ באַקומען די מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן אין זייער אויסגעבענקטער היים? וועגן דעם האָבן מיר צו אונדזער באַדויערן קיין שום ווייטערדיקע ידיעות נישט געהאַט. און צי האָט אַליאָשאַ באַוויזן איינצוהאַלטן אונדזער ייִדיש לשון ווי ער האָט דאָס געוואָלט? צי האָט דער יונגער מאַראַן באַוויזן דורכצושלאָגן זיך אַ ייִדישן וועג? אָדער איז ער פּונקט אַזוי ווי טויזנטער אַנדערע ייִדישע קינדער געפאַלן אונטער דער האַק פונעם שגעונדיקן אַנטיסעמיטיזם און פון סטאַלינען?

## די טאָג-טעגלעכע ווירקלעכקייט

ס'איז געוואָרן 30 יאָר ווען נאָך די שווידערלעכע מפּלות אויף די מלחמה-פעלדער איז אויפן באַפעל פון סטאַלינען געשאַפן געוואָרן דער אַזוי גערופענער "אַנטי-פאַשיסטישער קאָמיטעט", וועלכער האָט אַרויס-געשיקט אַ פלאַמיקן מאַניפעסט צו די ייִדן פון דער וועלט, וואָס דער זין איז געווען: געוואַלד ייִדן, ראַטעוועט!... און אונטערגעשריבן איז געווען דער מאַניפעסט נישט עפּעס פון אויסגעטראַכטע נעמען, נאָר פון פּרץ מאַרקיש, דוד בערגעלסאָן, שמואל האַלקין, שלמה מיכאָעלס, בנימין זוסקין, אייזענשטיין א"א.

ווי האָבן די ייִדן פון דער וועלט אויף דעם פּאַטעטישן רוף זיך אָפּ-גערופן? אויב מען האָט געזאָלט גלייבן די "אייניקייט" וואָס "א. פ. ק." האָט נאָך לאַנגע יאָרן שטומעניש אַרויסגעגעבן איז די רייזע פון דער דעלעגאַציע אין באַשטאַנד פון שלמה מיכאָעלס און איציק פעפער געווען אַ ריזיקער טריומף, און זענען געוואָרן ענטוזיאַסטיש אויפגענומען דורך די ייִדן פון ענגלאַנד, אַמעריקע, קאַנאַדע, און אויך די ייִדן פון ארץ-ישראל האָבן מיט גרויס פרייד זיך אָפּגערופן.

עס האָבן גלייך זיך געשאַפן קערפּערשאַפטן, וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען צו זאַרגן פאַר כלערליי מעדיצינישע הילף: דער עיקר אָבער מיליטערישע אויסשטאַטונג פאַר דער סאָוויעטישער אַרמיי. אַס-טראָנאָמישע סומעס געלט פאַר דער סאָוויעטישער מלחמה-פירונג האָבן אַמעריקאַנער ייִדן געגעבן, און אויף איינעם אַזאַ מיטינג, האָט "די איי-ניקייט" דערציילט, זענען בלויז אין ניו יאָרק מיט דער דעלעגאַציע פון מיכאָעלס און פעפער, געווען אַנוועזנדיק אַריבער 40 טויזנט ייִדן...

אין דער זעלבער צייט, דעם 24־טן אויגוסט 1941, ווען דער פאַטע־

טישער רוף פונעם „אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט" איז געשיקט געוואָרן צו די ייִדן פון דער וועלט, זענען שוין איבער אַ האַלבער מיליאָן ייִדן געווען פאַרשפּאַרט אין די סאָוויעטישע תּפיסות, שקלאַפן־לאַגערן און פאַרשיקונגס־ערטער. די ערד האָט באַדעקט די ביינער פון טויזנטער ייִדן, און הונדערטער פון די שענסטע ייִדישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיטן ייִדישן לעבן אין פּוילן, זענען דורך די נ. ק. וו. ד. גע־ווען פאַרפייניקט, דערמאָרדעט, דערשאָסן...

ווען נאָך דעם געצוווּנגענעם אָפּמאַך מיטן גענעראַל שיקאָרסקי האָבן פּוילישע בירגער געמוזט באַפרייט ווערן, זענען נאָך דאָ און דאָרט געווען זעלטענע פאַלן, וואָס קאַלכאָזן האָבן פאַר די ערשטע געקומענע לאַגער־אַרעסטאַנטן דעם ערשטן מאָלצייט געשטעלט, אַפילו רעדעס האָט מען דאָרט געהאַלטן און פאַרשטייט זיך וועגן דער גרויסקייט, גוטהאַר־ציקייט און קלוגשאַפט פון סטאַלינען...

באַלד אָבער זענען זיי געוואָרן אַריינגעשפּאַרט אין די ליימענע כאַטקעס, אָפענע, אָן טירן, און אָן פענצטער, יונג און אַלט, פרויען, מענער און קינדער, אָן באַהייצונג אין די קאַלטע נעכט. און שוין אויפן אַנדערן טאָג זענען זיי געווען געצוווּנגען צו גיין אַרבעטן אויף די ביינוול־פעלדער ווו מ'האָט זיי צוגעזאָגט כלערליי גליקן פאַר אויסגעפירטע און גאָר הויכע נאָרמעס. די גליקן אָבער וועלן קומען ערשט צום סוף יאָר... אין רעזולטאַט פון הונגער־טעג און קאַלטע נעכט, האָט דער טיפוס לאַנג אויף זיך נישט געלאָזט וואַרטן און שוין אין די ערשטע טעג גענומען זייען טויט. האָבן די מענטשן גענומען לויפן ווו נאָר די אויגן האָבן זיי געטראָגן.

אין דער צווישנצייט, ווען די שיקאָרסקי־פאַרשטייער זענען פּלוצ־לינג געוואָרן אַראָפּגעזעצט, און דער פּריש־געבאַקענער „זוויאָנזעק פּאַ־טריאָטוו פּאָלסקיד" (ז. פּ. פּ.) און זייערע אָרגאַניזאַציעס זענען נאָך נישט געווען ווי געהעריק איינגעשטעלט (אגב, זענען זיי דאָס קיינמאָל נישט געווען) האָט קעגן די ייִדישע פּליטים (נאָר־וואָס באַפרייטע), מיטאַמאָל זיך אָנגעהויבן אַ מוראדיקע העצע באשר זיי זענען נישט דאַנקבאַר דעם „סאָוויעטסקי סאָיוז" און ווילן נישט ווערן קיין בירגער פון דעם לאַנד, וואָס האָט זיי „געראַטעוועט"; זיי פּאַראַזיטעווען, זענען דעמאָראַליזירט דורך דער הילף, וואָס זיי באַקומען פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אַרבעטן ווילן זיי נישט, בעת דאָס לאַנד, וואָס קאָרמעט זיי, גייט אָפּ אין בלוט. כוליגאַנישע עלעמענטן פון די אינוואַלידן באַפאַלן יעדן ייִדישן דורכגייענדיקן פּליט, וואָס לויט די מלבושים, וואָס זיי האָבן באַקומען צוגעשיקט פון אויסלאַנד, דערקענען זיי זייער אָפּשטאַם...

אין איינעם פון די דאָזיקע פּאַרנאַכטן, ווען איך בין געגאַנגען פון דער אַרבעט אַ טויט־מידער, און אַ הונגעריקער, איז מיר אַנטקעגן אָנ־געקומען אַ גרופּע זעלנער; איינער פון צווישן זיי איז פּלוצלינג אַרויסגע־שפּרונגען פון זייערע רייען, צוגעלאָפן צו מיר און אַ שפּיי געטאָן מיר אין פּנים און אויסגעשריגן: „טי פּאָלסקי פּאַראַזיט!” דאָס איז געווען פאַר די אויגן פונעם אָנפירנדיקן אָפיציר.

צי זענען יידן טאַקע געווען פּאַראַזיטן? דער אמת איז געווען פּונקט פאַרקערט, עס איז נישט געווען אַזאַ אַרבעט, פון וועלכער יידן האָבן זיך געזאָלט אָפּזאָגן צוליב דעם וואָס זי איז פאַר זיי געווען אַ צו שווערע; יידן האָבן געאַרבעט אויף די שטיקלעך ערד, וועלכע די אוזבע־קישע באַפעלקערונג האָט לויטן סאָוויעטישן דין געהאַט דאָס רעכט צו באַזיצן. און פּונקט ווי אין מצרים, האָבן יידן אויך דאָ פון בהמות און פערדישן אָפּפאַל, געמישט מיט אַ ביסל ליים און שטרוי, זיך געשטעלט קנעטן ציגל, און דערנאָך געבויט די אוזבעקישע קיביטקעס, וואָס דער ערשטער ווינט האָט געקאָנט זיי אַראָפּוואַרפן, און ווער שמועסט, אַז אַזאַ באַלעבאָס האָט באַוויזן צו לקחנען ערגעץ־ווו אַ ביסל קאַלך דאָס שטיבל אויסצושמירן איז דאָס גליק געווען גאָר גרויס. דאָס אַלץ האָבן יידן גע־טאָן פאַרן קאַרגן ביסל עסן אָדער שטיקל ברויט, אַבי נאָר צו דערהאַלטן דאָס ביסל חיות.

מ׳קאָן זאָגן אָן גוזמא, אַז די פּוילישע יידן האָבן אין די אַזיאַטישע רעפּובליקן ווי קאַזאַכסטאַן, אוזבעקיסטאַן, קירגיזיע, א״א, אויפגעשטעלט די גאַנצע קליין־אינדוסטריע, דער עיקר, שניידעריי. „פּאָלסקי פּאַסאַן” איז דאָרט געווען אַ שם־דבר, פון גאָר גרויסן יחוס איז געווען שוסטעריי, סטאָלעריי. אפילו בייגעל־שטאָפּן אויף האַנט־שטולעכלעך האָבן יידן אויסגעאַרבעט, אָן וועלכע עס וואָלט די אָרטיקע באַפעלקערונג געווען אוממעגלעך איבערצוהאַלטן די מלחמה.

ווען ס׳האָבן זיך שוין ווי ס׳איז איינגעשטעלט די באַציִונגען מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך שוין צו יידן ביסלעכוויַיז צוגעוווינט און אפילו אַרויסגעוויזן צו זיי מיטגעפיל און פּוילישע יידן האָבן ווידער זיך געקאָנט שטעלן אויף די פאַרשידענע אַרבעטס־פּאָזיציעס, האָבן זיי זיך מיטאַמאָל אָנגעשטויסן אויף אַ נייער צרה וואָס אין פּוילן וואָלט עס בלויז פון הערן אַרויסגערופן אַן עקל... מ׳האָט פון זיי אָנגע־הויבן צו פאַרלאַנגען נישט נאָר געננב הויכע נאָרמעס און „גוטע אַר־בעט”, נאָר מ׳האָט געוואָלט די פּליטים פאַרוואַנדלען אין מוסרים, אַז איין אַרבעטנדיקער ייִד זאָל מסרן אויפן אַנדערן, און ווי איז געווען צו דעם אויף ווען מ׳האָט זיך אָנגעזעצט. יענער קרבן האָט פון דעם אָרט

שוין געמוזט אַנטלויפן, אויב נאָר ער האָט נישט געוואָלט אַריינפאַלן אין די נעגל פון דער סאָוויעטישער געהיים־פּאָליציי...

מיטאַמאָל איז צו אונדז דערגאַנגען די בשורה, אַז אין מאַנקענט, טשימקענטער גובערניע וועט זיין אַ פּריזיוו פאַר פּוילישע בירגער, ווו עס וועט זיך אויך שאַפן אַ פּוילישע אַרמיי און אַלע בירגער פון פּוילן, וואָס געפינען זיך אין דעם ראַיאָן זענען מחויב צום באַשטימטן טאָג זיך צוצושטעלן. אַן אומבאַשרייבלעכע פרייד האָט אַרומגעכאַפּט אַלעמען, אָבער גאָר באַזונדערס יידן; דאָס געפיל פון נעמען נקמה אין די דייטשע מערדער איז געווען אין לשער.

אין מאַנקענט האָבן זיך צונויפגעזאַמלט טויזנטער יידן, ביי וועמען דאָס איז געווען דער גליקלעכסטער טאָג אין זייער סאָוויעטישן לעבן. עס האָבן באַלד זיך באַוויזן יידישע אָפיצירן פון דער געוועזענער פּוילישער אַרמיי, יידישע אָפיצירן אויך פון אַנדערע אַרמייען ווי רומענישע, טשעכישע, אפילו יידישע אָפיצירן פון דער סאָוויעטישער אַרמיי זענען געקומען העלפן. רבונו של עולם, פון וואַנען האָבן זיך עס גענומען אַזוי פיל יידן, וואָס זאָלן זיין גרייט צו גיין אין מלחמה און מקריב זיין זייער לעבן און מיט וואָסער התלהבות! דאָס האָט מען געדאַרפט זען אַליין מיט אייגענע אויגן: יידן, יונג און אַלט, פרומע און וועלטלעכע האָבן טאָג און נאַכט געלערנט די מיליטערישע חכמה, נאַכט־אַלאַרמען, טאָג־אַנגריפן, ווי זיי וואָלטן אין דער קורצער צייט, וואָס זיי האָבן צו זייער רשות, געוואָלט אין זיך איינזאַפּן אַלץ מער, כדי צו קאָנען הרגענען וואָס מער דייטשן...

דריי טעג און דריי נעכט האָט געדויערט דאָס וואַרטן אויף דער גאָס „אונטערן פרייען הימל" ביז ס'איז אָנגעקומען דער גליקלעכער טאָג ווען די פּריזיוו־קאָמיסיעס זענען צוגעטראָטן צו זייער אַרבעט. ביי אַלע קאָמיסיעס זענען יידן דורכגעגאַנגען מיט „גאָדיען" (אָנגענומען הייסט עס), ווען זיי זענען אָבער צוגעקומען צום סאָוויעטישן מיליטער־רישן ממונה, וואָס האָט געדאַרפט געבן זיין ענדגילטיקע דעציזיע, האָט ער אויפגעשריבן „יעווריעוו ניע נאַדאָ" (יידן דאַרף מען נישט)...

זייער ווייטיק, זייער צער און צאָרן שטייט נאָך איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, פאַר מיינע אויגן ווי לעבעדיק. ווען זיי זענען אַרויס פון די דאָזיקע פּריזיוו־קאָמיסיעס האָבן זיי אויסגעזען ווי מ'וואָלט זיי איצט געפירט צו דער עקזעקוציע. דאָס איז פאַר זיי געווען אַ שוואַרצער טאָג. צוריק גייענדיק אין די קאָלכאָזן ווי אבלים, פאַרשעמטע און אויסגע־לאַכטע סיי פון די סאָוויעטישע אַנטיסעמיטן, און נאָך מער פון די פּוי־לישע אַנטיסעמיטן. נאָר אין ראַטנפאַרבאַנד האָט געקאָנט געשען אַזאַ

זאך, אַז ס׳זאָלן איבער סאָוויעטישע טעריטאָריעס פאָרן פוילישע מיליטערישע צוגן מיט ריזיקע אויפשריפטן: „עשאַלאָני בעז זשידווו (עשאַלאָנען אָן ייִדן). באַלד איז אויך געקומען דער דראַקאָנישער באַפעל, אַז אַלע ייִדן, זעלנער און אָפיצירן זאָלן תיכף זיך אומקערן אין זייערע קאַלכאָזן. בלויז איינציקע האָבן באַוויזן דורך פאַרשידענע וועגן און אומוועגן זיך אַריינצובאַקומען אין דער אַרמיי פון גענעראַל אַנדערס.

וואָס איז געשען מיט ייִדן שפּעטער? באַלד נאָך דעם האָבן זיך אָנגעהויבן די כאַפּערייען, מען האָט זיי געכאַפּט אומעטום ווו מ׳האָט זיי נאָר געפונען, ביינאַכט פון די געלעגערס, בייטאָג אויף די גאַסן, פון זייערע אַרבעטס־פּלעצער און ווו זיי האָבן זיך נאָר באַוויזן, זענען זיי געכאַפּט און פאַרשיקט געוואָרן אויפן אַזוי גערופענעם אַרבעטס־פראָנט. די אַרבעט און די דיסציפּלין איז דאָ געווען אָן אַן ערך שווערער ווי אויף די מיליטערישע פראָנטן, מיטן איינציקן אונטערשיד, וואָס פאַר די פראָנט־זעלנער האָט מען געמוזט צושטעלן עסן צו דער זעט און אויף די „טרודפראָנטן" האָט מען עס נישט געמוזט, דאָ האָט מען געמוזט טאָן עבודת־פרכדיקע אַרבעט ביז אויסגיין פון הונגער און פאַלן.

עס איז געווען דער ניינטער מאַי 1945. אויף די אוזבעקישע געסלעך איז אַ גרויסער טומל. נאָך אַזוי פרי, און שוין אַזאַ מאָדנער גערודער, וואָס רייסט זיך צו מיר דורכן פּיטשינקן פענצטערל. דאָס איז פאַר מיר אַ גרויסער חידוש. וואָס האָט פּלוצלינג פּאַסירט? אַז איך זאָל זיך קאָנען עפּעס דערוויסן פון אַ צייטונג איז נישטאָ קיין האָפענונג. דערווייל ווערט דער טומל פון מינוט צו מינוט אַלץ גרעסער און די ספּעציפישע קולות פון די אוזבעקישע ווייבער אַלץ שאַרפער. איך ציִ אויף זיך אַרויף מיינע „בגדים" און לויף אַרויס אין גאַס. דער ערשטער וואָס ברענגט מיר די נייעס איז מיין אוזבעקישער באַלעבאָס אַדזשי־ביי, „זשאָן־זשאַר באַלדי", זאָגט ער מיר אָן, די מלחמה, הייסט עס, איז געענדיקט.

אויף די געסלעך מאַסן מענטשן, אַן אמתער פעלקער־געמיש, 25 נאַציעס האָבן זיך דאָ צוזאַמענגעקליבן... אוזבעקישע ווייבער האַלטן זיך אַרומגענומען מיט זייערע שכנות, דרייען מיט די קעפּ אין איין זייט, און אין דער אַנדערער ווי צום קושן און קושן זיך נישט, מען זינגט שוין, און מען טאַנצט, אַ ים מיט מענטשן, מיט די אַלע שבעים לשונות, וואָס איינער פאַרשטייט נישט, וואָס עס רעדט דער אַנדערער. צו מאַכן אַ כוסה בחברותא שטערט דאָס אָבער נישט...

די טשאַיכאַנאַ איז אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן, די שטענדיקע שטאַמגעסט פונעם אינוואַלידן־הויז זענען אויפן פּלאַץ, ס׳איז דאָך היינט יום־טוב — זייער יום־טוב. אויף די אימפּראָוויזירטע, נישט־געהובלע־

וועטע טישן באוויזן זיך פלעשער מיט היימיש געמאַכטן בראַנפן, (סאַ־מאַגאַנקע), מען טרינקט פאַר דער ראַדינע, אַנדערע פאַר סטאַלינען, וואָס איז דען די נפקא־מינה פאַר וועמען? אַבי מען טרינקט און מען שי־כורט... וואַנקאַ דער בלאָנד־האָריקער קאַפיטאַן, אַ וויסטער אַנטיסעמיט, קלאַפּט היינט מיט זיינע קוליעס אַמשטאַרקסטן, אַנדערע אינוואַלידן מורמלען אָבער גאָר שטאַרק אונטער, אַז ער האָט אפילו קיין פּראָנט פאַר די אויגן נישט אַנגעקוקט. ווער אָבער קוקט זיך עס היינט אום אויף דעם? דאָס פאָלק יובלט, מחמת דעם וואָס מיט אַ טאָג פריער איז די מלחמה אָפיציעל געוואָרן געענדיקט, מיטן פולשטענדיקן זיג פון די אַלייִרטע, און די גערמאַנצעס האָבן געמוזט באַדינגונגסלאָז קאַ־פּיטולירן.

די, וועמענס פרייד איז נישט געווען קיין פולע, זענען געווען ייִדן. זיי האָבן מיט פּאַרטרויערטע אויגן זיך געשאָרט ביי די ווענט ווי אויף אַ פרעמדער חתונה. זיי האָבן נישט געזונגען און נישט געטאַנצט. נישט די ייִדן פון פּוילן, און נישט פון רומעניע. ייִדן האָבן דאָך פאַרשפּילט די מלחמה — איז וואָס האָבן מיר געהאַט צו טאַנצן, אָדער זינגען? עס האָבן אויך נישט געטאַנצט די ייִדן פון ראַטנפאַרבאַנד, וואָרעם עס זענען שוין געווען שמועות וועגן געשעעניש קעגן צוריקגעקומענע ייִדן אין די באַפרייטע שטעט כאַרקאָוו, קיעוו א. א. אויך די סאָוויעטישע ייִדן האָבן דערוייל נישט געהאַט קיין סיבה פאַר וואָס זיך צו פרייען אָדער טאַנצן.

דאָס האָט אָבער באַלד ווידער געגעבן אַ געלעגנהייט פאַר אַ שפּאָגל־נייער העץ־קאַמפּאַניע — באשר זיי, די ייִדן פרייען זיך כלומרשט נישט מיטן זיג פון די העלדישע סאָוויעטישע פעלקער און אָט די העצע האָט שוין אַזוי אָנגעהאַלטן דאָס גאַנצע יאָר, ביז מיר האָבן ענדלעך און שוין אויף שטענדיק געקאָנט פאַרלאָזן די סאָוויעטישע מדינה.

## חבר מרדכי־וואָלף (מאָטוועי) בערנשטייז אין סאָוויעט רוסלאַנד

אַז מרדכי־וועלוול בערנשטיין האָט געקאָנט זיין אַ גוטער חבר און פריינט דאָס האָבן מיר שוין געוווסט נאָך אין פאַר־מלחמהדיקן וואַר־שע, ווו מען פלעגט אין אַ שבתדיקן נאָכמיטאָג זיך צוזאַמענקומען אין זיין זויבערע איינצימערדיקע וווינונג אויפן זעקסטן שטאָק אויף לעשנאָ נו־מער 6. ביי אַ היימיש־געדעקטן טיש און מיט אַ גוטן געמיט פלעגט זיין געטרייע לעבנס־חברטע זעלדע דערלאַנגען באַשיידענעם אָבער געשמאַקן

כיבוד און ער, מרדכי־וועלוול, האָט געזאָגט תורה, געשפּרודלט מיט חכמה, ווערטלעך און גלייכווערטלעך, ווי פון אַ לעבעדיקן קוואַל.

אפילו שוין אין נאָך־מלחמהדיקן לאָדזש, נאָך אונדזער גרויסן חורבן, ווען יעדער איינציקער פון אונדז איז געווען אַ פּילפּאַכיקער אָבל, האָט אים אויך דער הומאָר נישט געהאַט פאַרלאָזן און ער האָט פאַרווישט אויף אַ ווײַלע דעם שאָטן פון טרויער.

דעם אמתן פּרײַנט אָבער האָט מען דערזען אין מאַטוועיִן ערשט אין סאָוויעט־רוסלאַנד. אוודאי האָט דאָס נישט געמיינט, אַז ער האָט געקאָנט געבן מאַטעריעלע הילף יעדן איינעם וואָס האָט זיך אין דעם געגוויטיקט (פון וואַנען האָט ער געזאָלט נעמען ?), אָבער אין דער אומבאַשרײַבלעכער נויט, עלנט און פּיין, וואָס האָט געהערשט צווישן די פאַרשלעפּטע און פאַרשיקטע, אויף וועלכע עס האָט געלויערט דער אומקום, האָט מאַטוועי אַרײַנגעבערענגט אַ סך דערמוטיקונג, טרייסט און האָפענונג.

נאָכן אָפּמאַך מיט דער פּוילישער גלות־רעגירונג פון גענעראַל שיקאָרסקי וואָס סטאַלין איז געווען געצוווּנגען צו שליסן, און צענדליקער טויזנטער ייִדן האָבן אָנגעהויבן זיך אומצוקערן פון די פאַרשיקונגס־ערטער, שקלאַפן־לאַגערן און תפיסות — און מאַטוועי איז דאָך געווען איינער פון זיי — דעמאָלט ערשט האָט זיך אויף אַן אמת צעבליט זײַן טאַלאַנט אין זײַן פּולער פּראַכט, און אַ דאַנק זײַן הילף און קרבנות־גרייטקייט האָט ער מיט אַ סך דערפאָלג געקאָנט אַרומגיין און אויסמיידן אַ גרויסן טייל פון סטאַלינס אכזריותן.

עס איז נישטאָ קיין ספק, אַז עס וועט נאָך קומען דער קינסטלער און פאַרפּיקסירן אין אַ קונסטווערק דאָס אַלץ וואָס דער חבר מרדכי־וועלוול האָט אין די מלחמה־יאָרן אויפגעטאָן פאַר די פּוילישע דעפּאָרטירטע ייִדן אונטערן סטאַלין־רעזשים, און דערבײַ קיינמאָל נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן רעליגיעזע און וועלטלעכע ייִדן, פון בונדיסטן און נישט־בונדיסטן, און אפילו קעגנער פון „בונד״ — צו זיי אַלע האָט ער אויסגעשטרעקט זײַן חברישע און ברידערלעכע האַנט.

נישט איין מאָל האָב איך וועגן אים געהערט זאָגן, אַז ער איז דאָך אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע. דאָס איז אָבער נאָך נישט געווען אַלץ: מאַטוועי איז געווען דער קוואַל וואָס פון אים האָבן ערשט ענציקלאָפּעדיסטן געשעפּט פאַרש־מאַטעריאַלן, וואָרעם ער האָט געקענט אַ וועלט מיט ייִדן ביים נאָמען, פאַטערס־נאָמען און אפילו צונאָמען; פון וואָס פאַר אַ מקום זיי שטאַמען, וואָס פאַר אַ געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע זיי האָבן דאָרט פאַרנומען, און ווו זיי האָבן זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן

א. א. וו. צו דעם האָט אים געהאָלפן זיין זכרון וואָס איז געווען פענאָ־מענאַל.

אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז ער געווען אַ ברכה פאַר הונדערטער ייִדן וואָס פאַר זיי איז ער איצט געוואָרן זייער צענטראַלער שטיצ־פּונקט. עס האָבן זיך צו אים געצויגן פעדעם וואָס ער, מאַטוועי, האָט פאַרבונדן מיט דער פרייער וועלט. אַ דאַנק אים האָבן אָנגעהויבן צו שטראָמען פּעקלעך מיט שפּייז, מיט קליידער און מיט שיך, וואָס האָבן דערהאַלטן ביים לעבן צענדליקער און צענדליקער ייִדן. און נישט בלויז פאַר ייִדן פון פּוילן; אָט האָב איך איין מאָל באַקומען אַ פּעקל און באַלד נאָכדעם איז אָנגעקומען אַ בריוועלע פון מאַטוועי, אין וועלכן ער שרייבט אַז דאָס פּעקל איז טאַקע געקומען אויף מיין אַדרעס און אויף מיין נאָ־מען, אָבער געהערן געהערט עס צום לעונינגראַדער שוחט.

וואָס אַזוינס איז עס געווען מיטן לעונינגראַדער שוחט? דער ייִד פון לעונינגראַד וואָס אין זיין שטאָט איז ער טאַקע געווען אַ שוחט, האָט איצט געוווינט אין אַ ליימיק אוזבעקיש הייזל אין שכנות מיט מיר און געלעבט האָט ער מיט זיין עוואַקויִרטער משפּחה אין גרויס דחקות. מיר פלעגן שוין דעמאָלט פון צייט צו צייט באַקומען שפּייז־פּעקלעך פון אויסלאַנד און מיר האָבן נישט געקאָנט צוזען די נויט, אין וועלכער עס לעבט דער שוחט מיט זיין משפּחה. איך האָב וועגן דעם זיך איבערגע־שריבן מיט מאַטוועין, אָבער אַז עס וועט פון דעם עפּעס אַרויסקומען, האָבן מיר ביידע נישט געגלייבט, ווארעם דער שוחט איז דאָך געווען אַ סאָוויעטישער בירגער און קריגן אַ פּעקל פון אויסלאַנד וואָלט דאָך אים געקאָנט שטעלן אין סכנה. איך האָב אפילו שוין געהאַט פאַרגעסן אין מיין בריוועלע צו מאַטוועין. מאַטוועי אָבער האָט אויך דאָ געפונען אַן עצה: דאָס פּעקל זאָל קומען אויף מיין נאָמען. איז דעריבער די פרייד פון אונדז אַלעמען געווען זייער גרויס ווען דורך דעם פּעקל שפּייז און מלבושים, וואָס זייער ווערט איז נישט געווען אָפּצושאַצן, איז נאָך אַ ייִדישע משפּחה אָפּגעראַטעוועט געוואָרן.

און אַז מיר רעדן שוין וועגן בריוו, איז אויף דעם אָרט כדאי צו דערציילן וועגן מיין ערשטן בריוו וואָס איך האָב אין רוסלאַנד באַקומען פון מאַטוועין. דער בריוו איז געווען באַקרוינט מיט אַזאַ הנותן תשועה: „דער גרויסער, דער קלוגער און באַליבטער פירער פון די פעלקער חבר יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש" א. א. וו. אַז איך האָב איבערגעלייענט דעם דאַזיקן „מי שברך", און דערצו נאָך פון מאַטוועין, בין איך געבליבן ווי פאַרשטיינערט: וואָס, מאַטוועי אויך? איך האָב דאָך מאַטוועין גוט געקענט פון וואַרשע און געוווּסט, אַז קיין צו „גרויסער חסיד" פון

קאָמוניזם איז ער דאָך קיינמאָל נישט געווען. איז וואָס־זשע דאָ איצט אַזוינס געשען? דער ווייטערדיקער בריוו האָט עס מיר ערשט אויפגע־קלערט.

דער "יעמוד" איז אים געווען נויטיק, כדי זיינע בריוו זאָלן דער־גיין צו די אַדרעסאַטן און נישט דאַרפן וואַנדערן חדשים־לאַנג פון איין שטעטל צום אַנדערן, וואָרעם פאַר די סאָוויעטישע צענזאָרן איז נאָר געווען וויכטיק דער "יעמוד" צום פאַטערל, און וואָס עס איז געווען גע־שריבן ווייטער איז זיי שוין נישט אָנגעגאַנגען. ווי האָט אַ מאָל געזאָגט אַ סאָוויעטישער צענזאָר? אַז צוויי הונדערט מיליאָן סאָוויעטישע מענטשן אַרבעטן נישט ווילט איר אַז עס זאָל אַרבעטן דער צענזאָר?... און די בריוו האָבן דאָך אויך געמוזט דערגיין קיין אויסלאַנד, צו דער פרייער וועלט וואָס אויף איר הילף האָבן אַרויסגעקוקט הונדערטער ייִדן. און אין די בריוו האָט חבר מאַטוועי אָנגעוואַנדן אַ סך איינפאַלן. די דאָזיקע בריוולעך האָבן נישט בלויז געהאָלפן צו דערהאַלטן דעם נפש בפועל־ממש נאָר זיי האָבן אויך געטרייסט און געמוטיקט צו קאָנען דורכהאַלטן די שווע־רע צייטן. דורך אַט די בריוו האָבן זיך גלייך אָפּגעפונען משפחות, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג זיך שוין נישט געהאַט געזען, שוין געהאַט אָנגעהויבן זיך מיאש זיין און מיטאַמאָל — אַ בריוועלע פון מאַטוועיען, אין וועלכן ער פרעגט מיך צי איך האָב נישט אַ מאָל זיך געטראָפן מיט דער פרוי פו־נעם חבר... וואָס ער זוכט שוין זינט ער איז אַרויס פון לאַגער? ווייזט זיך אַרויס, אַז די פרוי פונעם חבר, אויף וועלכער מאַטוועי פרעגט זיך, וווינט גאָר אינעם זעלביקן ליימיקן כאַטקעלע וואָס איך. פאַרשפּאַר איך דאָך צו דערציילן וועגן דער פרייד וואָס עס האָט אין יענעם טאָג אי־בערגעלעבט די אויפגעריכטע פרוי.

אין יענעם יאָר זענען די ייִדישע פליטים ערשט געהאַט באַפרייט גע־וואָרן פון די תפיסות און שקלאַפן־לאַגערן. אַנדערע זענען שוין געהאַט באַפרייט געוואָרן פריער, נאָך אַנדערע ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אָבער אַלע זענען זיי געווען אין אַ לאַגע פון הונגער און נויט. נישט פיל בעסער איז געווען די לאַגע פון דער סאָוויעטישער באַפעל־קערונג.

צווישן אַט די געוועזענע ייִדישע לאַגערניקעס זענען אַרומגעגאַנגען מאָוימדיקע קלאַנגען וועגן דער לאַגע פון די ייִדן אין פוילן, וואָס איינע איז געווען שוידערלעכער פון דער אַנדערער און צווישן זיי איז נישט געווען קיין איינער וואָס האָט דאָרט נישט געהאַט איבערגעלאָזן עמעצן פון זיין משפחה. אָבער נאָך אין די יאָרן 1943—44 האָט די סאָוויעטישע פּרעסע אין קאַזאַכסטאַן, ווו מיר זענען געווען פאַרוואָרפן, נאָך נישט

געהאַט געגעבן אפילו די קלענסטע אָנדייטונג וואָס עס קומט פאַר מיט די פוילישע ייִדן. ערשט ווען עס האָבן אין רוסלאַנד זיך געשאַפן די א. ג. פוילישע אַרמייען אונטער דער אָנפירונג פון פּאָלקאָווניק בערלינג און שפּעטער פון וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ, און אַ סך ייִדן געוועזענע לאַגער־אַרעסטאַנטן זענען אַריין אין די אַרמייען אַלס פרייוויליקע אַנטי־היטלע־ריסטישע קעמפער, האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן אָנצוקומען בריוו וואָס האָבן דערציילט וועגן גרויסן ייִדישן אומגליק. אָבער אפילו דעמאָלט האָט מען נאָך אַלץ נישט געקאָנט שרייבן צווישן זיך אָפן און קלאָר וועגן פולן פאַרנעם פון די גרויזאַמע היטלער־שחיטות איבער די ייִדן פון פוילן.

אין דאָזיקן טראַגישן יאָר 1943 האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו קורסירן צווישן די פּליטים בסוד־סודות באַאומרויִקנדיקע קלאַנגען, פון אויער צו אויער, אַז ווידער זענען די בונדישע פירער ערליך און אַל־טער געוואָרן אַרעסטירט. הייסט עס דאָך אַז איין מאָל זענען זיי שוין יאָ געווען באַפרייט פון וואָס מיר האָבן אין אונדזער פאַרוואָרפענעם מקום און צוליב דער שפּעטער באַפרייונג נאָך נישט געהאַט געוווּסט. און באַלד נאָכן ערשטן בריוו פון מאַטוועין, וואָס האָט זיך צו מיר דורכ־געשלאָגן, האָב איך וועגן די קלאַנגען אים אַלאַרמירט: וואָס איז געשען מיט אונדזערע פריינט וויגדאָר און הערש וואָלף? (די ייִדישע נעמען פון ערליך און אַלטער). מאַטוועי האָט נאָר געקאָנט באַשטעטיקן די טרויעריקע ידיעות אַז זיי זענען טאָקע געפערלעך קראַנק און זענען אין אַ שפּיטאָל, ד״ה אַז זיי זענען אַרעסטירט און זיצן אין תפיסה וואָס דאָס, אגב, האָט שוין דעמאָלט נישט געשטימט מיטן אמת, ווייל זיי זענען שוין געווען דערמאָרדעט.

מאַטוועי אָבער, ווי דער אייביקער אָפּטימיסט און שטענדיקער בעל־בטחון, האָט כסדר געשריבן אַז זיי זענען טאָקע זייער שווער קראַנק אָבער נישט האָפענונגסלאָז. דאָס האָט ער געשריבן דעמאָלט ווען אונ־דזערע טייערע חברים ערליך און אַלטער זענען שוין איבער צוויי יאָר געווען אומגעבראַכט. און מאַטוועי, און מיר צוזאַמען מיט אים, האָבן נאָך אַלץ נישט געקאָנט צולאָזן דעם געדאַנק אַז זיי זענען שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע און ביזן לעצטן טאָג פון זיין אייגענעם אַרעסט האָט ער נאָך אַלץ געגלויבט און געוואָרעמט אין זיך די האָפענונג אַז עס איז נאָך פאַרט נישט אַלץ פאַרלוירן.

עס איז געווען קלאָר, אַז אַזאַ רייכע קאָרעספּאָנדענץ ווי מאַטוועי האָט געפירט, האָט אין סאָוויעט־רוסלאַנד נישט געקאָנט פאַרביי אומ־באַמערקט פאַר דער נ. ק. וו. ד. האָב איך טאָקע אין איינעם אַזאַ פאַר־

נאַכט דערהאַלטן אַ קורץ בריוול — פון וועמען? דאָס ווייס איך נישט ביזן הײַנטיקן טאָג. דער מחבר פון בריוול שרײַבט קורץ: „מאַטוועי איז געוואָרן קראַנק און ליגט אין אַ שפּיטאָל". פונעם פאַרשטעלטן לשון האָט דאָס געהייסן אַז מאַטוועי איז געוואָרן אַרעסטירט און זיצט אין תפיסה, און הגם אין דער סטאַלין־מדינה איז דאָך נישט געווען קיין נײַעס, אַז עמעצער זאָל פּלוצלינג פאַרשווינדן, איז אָבער די ידיעה פון מאַטוועיס פּלוצלינגדיקן אַרעסט געפאַלן ווי אַ שווערער שטיין. זײַנע חברים בונדיסטן זענען געווען דערשיטערט און גאָר באַזונדערס די אַלע ייִדן, וואָס זענען דורך מאַטוועיס אַקטיוויטעט געהאָלפן געוואָרן און איצט האָבן זיי זיך דערזען פאַרלוירן און הילפלאָז, ווײַל די הילף איז מיטאַמאָל ברוטאַל איבערגעריסן געוואָרן. ערשט מיט 13 חדשים שפּעטער האָב איך ווידער באַקומען אַ קליין בריוועלע: „מאַטוועי איז פרײַ!".

מאַטוועי איז פרײַ! — די פרייד איז אין־לשער. באַלד איז אָבער די פרייד געוואָרן צעשטערט; אינעם בריוועלע איז געוואָרן דערציילט, אַז אמת, מאַטוועי איז פרײַ, אָבער זײַן געזונט איז פולשטענדיק רויִנירט. און הילף איז דרינגענדיק נויטיק, וואָרעם זײַן לעבן איז אין סכנה! כאָטש דאָס בריוול איז ווידער געווען פון אַן אומבאַקאַנטן שרײַבער און געשריבן אין אַ טעלעגראַפישן סטיל, האָבן מיר דאָך אַלץ פאַרשטאַנען.

אַ כוואַליע פון וואַרעמקייט און ליבע האָט מיטאַמאָל אַ שטראָם געטאָן פון אַלע זײַטן, ווי עס האָבן זיך נאָר געפונען די פאַרחושכטע, די צעפּײַניקטע. דאָס מאָל איז די ליבע מער ווי פריער געגאַנגען פון זיי צו אים. „לאָמיר ראַטעווען אונדזער מרדכי־וועלוולען!" האָט מען געהערט אומעטום. און מיר האָבן אויסגעפירט. אין נאָך־מלחמהדיקן לאָדזש, דאַכט זיך אין יאָר 1948, האָט מאַטוועי זיך באַוויזן און באַלד אַנטוויקלט אַ פיבערהאַפטע אַקטיוויטעט: שרײַבן, פאַרשרײַבן און אויפשרײַבן אַלץ: פון פּוילישן ייִדנטום, פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, פונעם „בונד". און זײַן זאָרג איז געווען אַז דאָס פאַרשרײַבענע זאָל אַרײַנפאַלן אין זיכערע הענט.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן ביז עס איז געקומען דער מאָמענט ווען אויך פונעם נײַעם קאָמוניסטישן פּוילן האָט מאַטוועי געמוזט לויפן און דאָס וואָס גיכער. מיר האָבן אים שפּעטער געטראָפן אין דעם לאַנד וואָס האָט דעם פינצטערן כּרת גזר אַרויסגעטראָגן אויף אונדזער ייִדיש פאָלק און עס פאַרשניטן. דאָ דאַרף מען דאָך ווידער אָנהייבן צו זוכן, ווידער נישטערן און ווידער פאַרשן דאָס געוועזענע לעבן פון אַ מעכטיקער ייִדישער עדה אין דײַטשלאַנד. און ווי אַ רעזולטאַט פון דעם איז אויסגעוואַקסן דאָס מאָנומענטאַלע דרײַ־בענדיקע ווערק פון טויזנט יאָר ייִדיש לעבן אין אשכנז.

דער גרויזאַמער טויט האָט איבערגעריסן די ווייטערדיקע פֿאַרשונגס-אַרבעטן פֿון אונדזער אומפֿאַרגעסלעכן מאַטוועי. און עס וועט נאָך נעמען ווער ווייסט וויפֿל צייט ווען עס וועט ווידער אויפֿשטיין אַ קעמפֿער וואָס וועט זיין ראוי צו קאָנען פֿאַרנעמען די קאַמפֿס-פּאָזיציעס וואָס עס האָט פֿאַרנומען דער חבר מרדכי־וועלוול (מאַטוועי) בערנשטיין.

## צום אָנדענק פֿון אַ פֿרייהייטלעכן קעמפֿער

יִדעלע גרינבערג, אָדער „זשידעקל", ווי מיר פֿלעגן אים רופֿן, איז נישט געווען מיין אידעען־חבר, אָבער ער איז געווען מיינער אַ גוטער פֿריינט. איך האָב זיך מיט אים באַקענט אַרום 1927. מיין ערשט באַגעגעניש מיט אים איז פֿאַרגעקומען נאָך איינער פֿון זיינע פֿילצאָליקע אַרויסטרעטונגען אויף אַלגעמיינע און פֿאַך־פֿאַרזאַמלונגען פֿונעם פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין פֿון יִדישע שניידער־אַרבעטער אין וואַרשע. זיינע אַרויסטרעטונגען קעגן דער אָנפֿירונג פֿון אונדזער פֿאַראיין זיינען תמיד געווען שאַרפֿע. אַזעלכע אַרויסטרעטונגען זענען בכלל נישט געווען קיין נייעס. מיט דער גיפֿטיקסטער פֿאַרביסנקייט האָבן זיך, פֿאַרשטייט זיך, אויסגעצייכנט די קאָמוניסטן. אויך די לינקע פּועלי־ציוניסטן זענען נישט געבליבן קיין סך הינטערשטעליק. די ערשטע האָבן געוואָלט פֿאַרכאַפּן אונדזער אָרגאַניזאַציע, און אויב נישט, זי צעברעכן; די צווייטע האָבן עס געהאַלטן פֿאַר זייער חוב לגבי זייער פּאַרטיי זיך אָפּצורעכענען מיט זייערע פּאָליטישע קעגנער, די בונדיסטן, וואָס זענען געשטאַנען אין דער פֿירערשאַפֿט פֿונעם פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין פֿון די וואַרשעווער יִדישע שניידער־אַרבעטער.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער געווען די קעגנערשאַפֿט פֿון יִדעלען צו אונדזער פֿירערשאַפֿט — ער איז געווען אַן אַנאַרכיסט. די השפּעה פֿונעם אַנאַרכיזם אויף די יִדישע שניידער־אַרבעטער אין דעם דעמאָלטיקן וואַרשע איז געווען זייער קליין און יִדעלע האָט דאָס גאַנץ גוט געוווּסט. דעריבער טאַקע זענען זיינע אַרויסטרעטונגען נישט געוואָרן מאָטיווירט דורך קיין שום פֿאַרכאַפּערישע אָדער פּאָליטישע צילן. זיינע שאַרפֿע אַרויסטרעטונגען האָבן געהאַט בלויז איין איינציקן ציל: פֿאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון זיינע פֿאַך־חברים און פֿאַרפֿעסטיקן זייער סאָציאַלע פּאָזיציע. און גרויס איז דעריבער געווען יִדעלעס פֿרייד מיט יעדער, אַפֿילו דער קלענסטער דערגרייכונג וואָס מיר האָבן געהאַט אויסגעקעמפֿט. מיר האָבן דאָס אַלע גוט געוווּסט. דערפֿאַר האָבן מיר

אים אַלע ליב געהאַט. מיר האָבן געוווסט, אַז נישט געקוקט אויף זיינע אַנגריפן אויף אונדזער פּירערשאַפט זענען יידעלעס רייד ערלעכע און אויפריכטיקע, און אַז זיין קריטיק איז נישט קיין צעשטערערישע נאָר אַ קאָנסטרוקטיווע.

יידעלעס אַרויסטרעטונגען זענען שטענדיק געווען זיינע אייגענע; ער האָט תמיד קלאָר דערקלערט, אַז ער אידענטיפיצירט זיך נישט מיט די קאָמוניסטישע טומלערס. ער האָט שטענדיק אָפן פאַרטרעטן זיינע אַנאַרכיסטישע אידעען, סיי אויף די פאַרזאַמלונגען פונעם פאַראיין, און סיי אין וואַרשטאַט.

איך געדענק, ווען יידעלע האָט אַמאָל געהאַט אַ שטיקל סיכסוך מיט זיינעם אַ באַלעבאָס. דער סעקרעטאַר פון אונדזער פאַראיין, הערשל הימעלפאַרב, האָט מיך דעמאָלט געהאַט געבעטן צו גיין העלפן דער־ליידיקן דעם דאָזיקן סיכסוך, און ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך מוז טאָן אַלץ וואָס איך קאָן און נישט דערלאָזן, אַז יידעלע זאָל ווערן באַזיי־טיקט פון דער אַרבעט. אין יענע יאָרן פון כסדרדיקן ביטערן עקאָנאָמישן קריזיס אין פּוילן האָבן מיר אָפט געהאַט צו טאָן מיט באַלעבאַטים וואָס זענען געווען נאָך אָרעמער ווי זייערע אַרבעטער. אין די באַציִונגען מיט די דאָזיקע קליינע מייסטערלעך וואָס האָבן געהונגערט פּונקט אַזוי ווי מיר, האָט זיך אָפט געפאָדערט אַ געוויסע בייגעוודיקייט. דער פאַראיין האָט געמוזט, פאַרשטייט זיך, אָפּיציעל באַשטיין אויפן הונדערט־פּראָ־צענטיקן אָפּהיטן אַלע שווער אויסגעקעמפטע אַרבעטס־באַדינגונגען. אָבער מיר, די אַרבעטער, האָבן גאַנץ אָפט געמעגט און אפילו צומאָל אויך גע־מוזט איינגיין אויף פּשרות, כדי צו ראַטעווען נישט בלויז אונדזערע קב־צנישע באַלעבאַטימלעך, נאָר אויך אונדזערע אייגענע אַרבעטס־פּלעצער. אָבער ווען ס׳איז געקומען צו מאַכן אַזעלכע פּשרות, איז מיט יידעלען געווען אַ שווערער ענין. ער האָט נישט געוואָלט וויסן פון קיין שום טענות, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן ראַטעווען זיין אייגענעם אַרבעטס־פּלאַץ. פאַר אים זענען זיינע אייגענע אינטערעסן געשטאַנען אַ סך נידעריקער ווי די אינטערעסן פון אַלע שניידער־אַרבעטער, וואָס ווערן אונטערגע־גראָבן דורך אַזעלכע פּשרות. ער איז געווען גרייט צו ליידן פּערזענלעך, כדי צו ראַטעווען די שווער־אויסגעקעמפטע אַרבעטס־באַדינגונגען. און דער אויסגעהאַלטענער אַנאַרכיסט יידעלע גרינבערג האָט טאַקע נישט געוואָלט איינגיין אויף קיין שום פּשרות, נישט מיט זיין מייסטערל און נישט מיט זיין אייגענעם ערלעכן געוויסן.

און ווען היטלער איז באַפאַלן פּוילן און כמעט אַלע פּאָליטיש־אַקטיווע יידישע אַרבעטער האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, אַנטלויפנ־

דיק פון וואַרשע, איז מיר אויסגעקומען אין משך פון עטלעכע טעג צו לויפן אויף יענעם גיהנומדיקן וועג צוזאַמען מיט ייִדעלען. אָבער נאָך אַ טייוולאַנישן לופט-אַטאַק, ווען נאַצישע באָמבעס האָבן ממש געהאָגלט איבער אונדזערע קעפּ און יעדער איינער איז געלאָפן זיך באַהאַלטן אין אַן אַנדערן לאַך אַריין, איז ייִדעלע פאַרשוווּנדן פון די אויגן, און איך האָב אים מער נישט געזען. איך האָב אפילו נישט געוווּסט, צי ער איז געבליבן לעבן צי נישט. ערשט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען איך האָב צופעליק געפונען איינעם פון מיינע לעבן-געבליבענע קרובים, האָב איך זיך דערוווּסט וועגן ייִדעלע גרינבערגס טראַגישן סוף.

אין אַ שטאָט אין אוזבעקיסטאַן, ווּהין ייִדעלע האָט זיך געהאַט געראַטעוועט, האָט ער באַגעגנט זיינע אַ שוועסטער. אָבער די דאָזיקע שוועסטער איז געווען אַ פאַרברענטע קאָמוניסטקע, און ייִדעלע האָט צו זיין שוועסטערס קאָפּ אויסגעבייטלט אַלע זיינע בייזע חלומות קעגן דעם קאָמוניסטישן רעזשים. אין יענע צייטן, ווען טויזנטער ייִדישע פּליטים האָבן געזען מיט זייערע אייגענע אויגן, ווי אַזוי עס אַרבעט דער קאָמוניזם אין רוסלאַנד און האָבן דערפילט אויף זייער אייגענער הויט דעם בלוטיקן טעם פון דער סטאַליניסטישער שאַרף-שניידנדיקער בייטש, זענען נישט בלויז אַמאָליקע קעגנערס פון קאָמוניזם, נאָר אויך אַ גרויסע צאָל געוועזענע קאָמוניסטן געוואָרן ביטערע שונאים פונעם „סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד”. אדרבא, די געוועזענע קאָמוניסטן האָבן אָפט נאָך מער פיינט געהאַט דעם קאָמוניסטישן רעזשים ווי מיר; מיר, די אַלטע קעגנער, האָבן דאָך תמיד געוווּסט דעם טרויעריקן שוואַרצן אמת פונעם רויטן רוסלאַנד. אָבער זיי, די אַמאָליקע קאָמוניסטן, האָבן זיך געפילט ווי פאַרזענלעך אָפּגענאַרט און מיאוס באַשווינדלט. אָבער די מיינסטע פון די דאָזיקע אַלע קעגנערס האָבן זיך געמוזט היטן נישט צו לאָזן פאַלן דאָרטן קיין שלעכט וואָרט, ווו דאָס קאָן אַ מאָל ווערן געפערלעך. אָבער דער אויפריכטיקער אַנאַרכיסט ייִדעלע גרינבערג וואָס האָט נישט קיין מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן זיין אָפענע מיינונג אין דעם האַלב-פאַשיסטישן פוילן, האָט אויך אַרויסגעבראַכט אויף זיין שאַרפער צונג דאָס וואָס איז ביי אים געווען אויף זיין פאַרביטערטער לונג. די סטאַליניסטישע שוועסטער זיינע האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן. אָדער האָט זי אפשר גאָר פשוט מורא געהאַט פאַר איר קליינעם ברודערס געוואַגטע רייד ? האָט זי אים אַרויסגעטריבן פון איר היים.

פאַר נישט-חתונה-געהאַטע יונגעלייט איז די וווינונגס-פּראָגע אין יענע יאָרן אין די אַזיאַטישע לענדער געווען די אַנגעווייטיקסטע. סיי די אוזבעקן און סיי די קאַזאַכן האָבן אַן אַלטן באַרבאַרישן מנהג נישט אַריינצולאָזן אין זייערע היימען קיין פרעמדן מאַן. אפילו נישט אויף

איין איינציקער נאַכט. און פונקט אַזוי ווי טויזנטער אַנדערע ייִדישע בחורים איז ייִדעלע געוואָרן היימלאָז, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן אַ לעפל וואַרעם עסן, איז ער קראַנק געוואָרן. מיט די לעצטע כוחות האָט ער אין אַ גרויען פרימאָרגן זיך דערשלעפּט צו דעם הויף, וווּ עס האָט געוווינט זיין קאָמוניסטישע שוועסטער. און אויף די האַרטע שטיינער, נישט ווייט פון איר שוועל, האָט ייִדעלע אויסגעהויכט זיין קעמפערישע נשמה. ווען די שוועסטער איז אין יענעם פרימאָרגן אַוועק צו איר אַרבעט ״העלפן בויען דעם סאָציאַליזם״, איז זי שיער נישט געפאַלן איבער דעם טויטן גוף פון איר ברודער.

אַזוי איז ייִדעלע גרינבערג געפאַלן אַ יונגער קרבן פון דער דיק־טאַטור וואָס ער האָט זיין גאַנץ לעבן אַזוי מוטיק באַקעמפט. זיין אָפענע ערלעכקייט האָט אים דערהרגעט אין דעם לאַנד, וווּ עס רעגירט דער שקר מיט זיין גאַנצער שוואַרצער מאַכט. מיר, וואָס האָבן געזען מיט אונדזערע אויגן, ווי אַזוי אַ לאַנד וואָס האָט געשענדט אויף דעם שרעק־לעכסטן אופן דעם הייליקן נאָמען פון סאָציאַליזם, קאָן ווערן דורכגע־פרעסן מיט כאַבאַר און קאָרופּציע, ווייסן ווי פאַרפעסטעט ס׳איז דאָרט געווען די לופט וואָס מיר זענען געווען געצווונגען איינצואָטעמען. און מיר פאַרשטייען אויך, ווי נאָך שרעקלעכער עס האָט געמוזט זיין די דאָזיקע ממש אומדערטרעגלעכע לאַגע פאַר אַזעלכע אַרבעטער און קעמ־פער מיט אַזאַ לויטערער ערלעכקייט ווי ייִדעלע גרינבערג.

די אַלע פון אונדז וואָס האָבן אים געקענט, וועלן תמיד דערמאָנען ייִדעלעס נאָמען מיט כבוד. זיינע פּאַרט־חברים די מיטגלידער פון דעם אַמאָליקן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון יידישע שניידער־אַרבעטער אין וואַרשע, וועלן מיט אַ טרער אין אויג זיך דערמאָנען ייִדעלעס פייערדיקע אַרויסטרעטונגען און זיי וועלן טייער האַלטן דעם אָנדענק פון אַ גע־פאַלענעם קעמפער.

# אויפן וועג קיין פוילן

## די רעפּאַטריאַציע פון רוסלאַנד

דעם 8־טן מאַי 1945 האָבן די דייטשן געמוזט באַדינגונגסלאָז קאַ־פּיטולירן אויף אַלע פראָנטן די פרייד פון די פעלקער איז געווען גרויס. מען האָט געטאַנצט אויף די גאַסן, געזונגען, און געמאַכט אַ כוסע. די איינציקע וואָס האָבן נישט געטאַנצט און נישט געהאַט פאַר וואָס זיך צו פרייען, זענען געווען די ייִדן. אונדזער זאָרג איז געווען וואָס גיכער צו זיין אויף יענער זייט גרענעץ פון סאָוויעט־רוסלאַנד. מיר האָבן געהאַט אַ גרונט מורא צו האָבן אַז מיט אונדזער רעפּאַטריאַציע וועט עס נישט צו־גיין אַזוי גלאַטיק — און מיר האָבן קיין טעות נישט געהאַט.

זייענדיק אַרבעטער פונעם קינדערהויז האָט אונדזערע פּאַרמאַלי־טעטן געדאַרפט דערליידיקן דער פאַרשטייער פונעם הויז. אויך די הילף פאַר אונדז ווי פּליטים פונעם צענטראַלן ז. פּ. איז געגאַנגען דורכן הויז און דאָרט האָבן מיר אויך געדאַרפט אָפּנעמען די טעגלעכע ברויט־נאָרמע. אַז מיר האָבן פון דעם אַלעמען נישט באַקומען קיין שמץ, פאַר־שפּאַר איך דאָ מוסיף צו זיין. אויב אויף דעם האָבן מיר נאָך געקאָנט מוותר זיין, האָבן מיר אָבער געמוזט כסדר און גאָר שטאַרק וואַכן אויפן רעפּאַטריאַציע־ענין גופא; ס׳איז געווען אַ פראַגע פון יאָ אַרויספאָרן אָדער נישט אַרויספאָרן. און וועגן יעדער קלייניקייט האָבן מיר געמוזט גיין צופוס פינף און צוואַנציק קילאָמעטער ביז צום מלוכהשן ז. פּ. דער ווינטער 1945—46 איז געווען אַ געגנוג שאַרפער. דער הויפּט־נאַטשאַל־ניק פון דער רעפּאַטריאַציע איז געווען אַן אוקראַינער, און דאָס איז גע־ווען אונדזער גליק, מחמת אונדזערע דאָקומענטן וואָס מיר האָבן אַמאָל געהאַט אָנפאַרטרויט דעם דירעקטאָר, האָבן מיר צוריק שוין נישט באַ־קומען; אים איז געגאַנגען אין לעבן, אַז מיר זאָלן פון רוסלאַנד נישט אַרויספאָרן.

ס'איז געקומען די צייט. אַלע פאַרמאַליטעטן זענען געמאַכט, דער עשאַלאָן וואַרט אין טשימקענט, 25 קילאָמעטער פון סייראַם. דאָס הויז איז געווען מחויב צו עוואַקויִרן די אַרבעטער און די קינדער, דעם טראַנס־פּאַרט פאַרן הויז האָט געדאַרפט באַזאָרגן דער קאָלכאָז אָבער אונדז האָט מען „פאַרגעסן". אַ גליק, וואָס איך האָב פלוצלינג אָנגעטראָפן מיין ערשטן פּרעדסעדאַטיעל פון סעל־פּאָ, טאַביראָוו. איצטיקער נאַטשאַל־ניק פון דער ראַיאָנער נ. ק. וו. ד. ער האָט געהאַט די אויפגאַבע צוצו־היטן, אַז די, וואָס דאַרפן אַרויספאָרן, זאָלן עס טאָן וואָס גיכער. ער האָט פאַר אונדז באַזאָרגט אַן אוזבעקישע אַרבאַ מיט אַן אוזבעק, וואָס זאָל אונדז אָפּפירן צום עוואַקואַציע־עשאַלאָן, אויף דער באַן גופא. אויב דאָס קינדערהויז איז געווען מחויב איינצואָרדענען אַלע זיינע אַרבעטער, זענען מיר געווען פון דעם אויסגעשלאָסן. אַזוי ווי אַלע רעפּאַטריאירטע האָבן אויך מיר באַקומען אונדזער וועג־פּאַיאָק. אין די וואַגאָנען האָט אָבער פאַר אונדז אויסגעפעלט פּלאַץ און עס האָט געדראָט אַן ערנסטע סכנה, מיר זאָלן נישט קאָנען פאָרן. און דאָס איז דאָך טאַקע געווען די כוונה פונעם דירעקטאָר, גאָר באַזונדער פון דעם קראָקעווער „יונגנמאַן", דעם טאַוואַרישטש ציגעלפאַרב. און פלוצלינג זענען מיר געוואָרן אַרומגענומען פון יִידן וואָס האָבן אונדז געהאָלפן איינצו־אָרדענען ביי זיך אין זייער וואַגאָן און נאָכן דורכפירן צום ווייפלטן מאָל שוין די עוואַקואַציע־פאָרמאַליטעטן, האָט מען פאַרמאַכט די וואַגאָן־טירן און דער עשאַלאָן האָט פּאַמעלעך, אָבער פאָרט אָנגעהויבן זיך צו באַ־וועגן פאָרויס.

דאָס גליק פון די מענטשן וואָס זענען דאָ געפאָרן, איז געווען אין־לשער, אָבער מען האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט אַרויסצוווייזן די פרייד. ווי האָט געזאָגט יענער ייִד? „אל תפתח פה לשטן". און ווי לאַנג מען איז נאָך נישט אויף יענער זייט, לאָמיר איינהאַלטן די שמחה!"

פונדעסטוועגן איז דער צוג ביסלעכווייז אַריין אין „זיין ראַלע" און גענומען וואָס ווייטער פאָרן אַלץ גיכער, און יעדע פאַר מינוט איז אַן אַנ־דערער צוגעלאָפן צו דער טיר, צום פענצטערל, כדי זיך צו איבערצייגן, צי מען איז נישט אונטער פאַרהאַמערטע שלעסער, אָן די עלעקטריזירטע שטעכלדראָטן אויפן דאַך מיט די צוויי־און־פיר־פיסיקע שומרים אַרום.

דער דאָזיקער היסטאָרישער טאָג פאַר די פּליטים פון פּוילן האָט זיך אָנגעהויבן אין דער אַלטער אוזבעקישער גובערניע־שטאָט טשימקענט דעם 17־טן אַפּריל 1946.

און פלוצלינג, נאָך אַ מהלך פון אַ מעת־לעת פאָרן האָט דער עשאַ־לאָן אָנגעהויבן צו גיין וואָס אַמאָל לאַנגזאַמער, ביז ער האָט אינגאַנצן

זיך אָפּגעשטעלט. דאָס האַרץ פֿון די פּאַסאַזשירן איז ממש איינגעפֿאַלן פֿון
שרעק. וואָס איז געשען? די באַן־פֿירער האָבן נישט געוואָלט אָדער נישט
געקאָנט אויפֿקלערן די סיבה פֿון דעם און ווען די באַן וועט אָנהייבן
ווידער צו פֿאָרן און צי וועט זי בכלל פֿאָרן ווייטער. און מיטאַמאָל, אָן
וועלכע ס'איז וואָרענונג אָדער אָנזאָג, האָט דער עשאַלאָן געגומען רירן
פֿונעם אָרט און דער עולם האָט ביסלעכווייז גענומען זיך באַרויִקן. דאָס
אָפּטע אָפּשטעלן זיך פֿון דער באַן האָט זיך גענומען איבערחזרן און די
עשאַלאָן־פּאַסאַזשירן האָבן אָנגעהויבן זיך צו דעם צוצוגעוווינען, אַז אַזוי
וועט דאָס שוין זיין און ווי לאַנג די רייזע וועט דויערן, האָט אויך קיי־
נער נישט געוווּסט צו זאָגן, כאָטש אַ סך „וויסערס" זענען, ווי אומע־
טום אין אַזאַ פֿאַל, אויך דאָ געווען; איז ווי נאָר די באַן האָט זיך אָפּ־
געשטעלט און אפילו נישט וויסנדיק אויף ווי לאַנג, האָט מען שוין צע־
פּראַלט די טירן פֿון די פּראַכט־וואַגאָנען, דער עולם האָט זיך אַרויסגע־
שאָטן און באַלד האָט צווישן צוויי שטיקלעך ציגל זיך צעברענט אַ פֿריי־
לעך פֿייערל און שוין האָט זיך געקאָכט אַ ביסל עסן, און נישט איין מאָל
האָט געטראָפֿן, אַז דאָס עסן האָט אָט־אָט אָנגעהויבן פּיקן און נאָך עט־
לעכע מינוט וואָלט דאָס עסן געווען פֿאַרטיק — אָבער ניין, נישט באַ־
שערט געווען צו האָבן הנאה פֿון אַ ביסל וואַרעמס — די באַן האָט ווי
געוויינטלעך אָן אַ וואָרענונג גענומען רירן פֿון אָרט — און אויס מיט
דער פֿאַנטאַזיע פֿון אַ ביסל געקאָכט עסן. די דאָזיקע סצענעס פֿון מוזן
צעוואַרפֿן די פּאָר שטיקלעך ציגל און פֿאַרלעשן דאָס פֿייער האָבן זיך
אָפֿט איבערגעחזרט. עס האָבן זיך אָבער געפֿונען אַזעלכע „גיבורים" וואָס
האָבן נישט געקאָנט איינהאַלטן דעם יצר־הרע און פֿאָרט געגעסן דאָס
נישט דערקאָכטע עסן. די רעזולטאַטן האָבן נישט לאַנג געלאָזט אויף
זיך וואַרטן און דאָס האָבן באַלד דערפֿילט די פּאַסאַזשירן.

דערווייל איז אָנגעקומען אַ נייע צרה: פֿון אוזבעקיסטאַן איז מען
אַרויסגעפֿאָרן אין מיטן אַפּריל, ווען דער זומער האָט זיך געלאָזט שוין
גאָר שטאַרק פֿילן; אָבער וואָס נענטער מען איז צוגעפֿאָרן צו די עכט־
רוסישע שטעט, האָבן די פֿרעסט וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער אָנגעהויבן
צו בייסן, אַזוי אַז מען איז נאָך וואָכן פֿאָרן אָנגעקומען קיין טשעליאַ־
בינסק, איז דער שניי געלעגן נאָך געגוג הויך און דער פֿראָסט איז גע־
ווען גענוג שטאַרק. איז אויף יעדער סטאַציע, וווּ דער עשאַלאָן איז נאָר
אָנגעקומען, באַלד געוואָרן אַ געלויף פֿון די וואַגאָנען איינצושאַפֿן אַ
ביסל האָלץ, מען זאָל קאָנען איינהייצן די אַזוי „באַרימטע" רוסישע
טיעפּלושקעס, די אייזערנע אייוועלעך. ווער־זשע איז געווען אימשטאַנד
אויסצוהאַלטן דאָס געשטאַנק פֿון איין זייט, און פֿון דער אַנדערער זייט
דעם רויך פֿון דעם אייוועלע?

איין מאָל האָט דער עשאַלאָן זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט ווי גע־ווינטלעך אויף אַ הינטערשטער סטאַציע און ווי שטענדיק האָבן מיר אויך איצט נישט געוווּסט, ווי די סטאַציע הייסט און ווי לאַנג מיר וועלן דאָ שטיין. די מענטשן פונעם ישוב זעענדיק דעם עשאַלאָן, קומען צו און בעטן זאַלץ. זאַלץ ביי די וואָס פאָרן אין דעם עשאַלאָן? ס'איז שוין לייכטער צו געפינען ביי איינעם פון די פאָרער אַ גאָלדענעם חפץ איידער אַ ברעקל זאַלץ. די פּליטים ווידער בעטן: „אפשר איז ביי אייך דאָ קאַרטאָשקי?" (קאַרטאָפל) — קאַרטאָשקי? — יאָ, ס'איז דאָ; ס'איז דאָך עפּעס סוף אַפּריל און מען אַרבעט שוין אויפן נייעם פּאַרזיי! — עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער עולם האָט אָנגעהויבן טראָגן קאַרטאָפל; טראָגט מען אַ שעה, צוויי, ווייט פונעם עשאַלאָן איז עס נישט. לויפט מען און מען קויפט אַ קאָן קאַרטאָפל; אָט פאָרט מען שוין צוויי וואָכן און ווי לאַנג מען וועט אַזוי נאָך פאָרן, ווייסט נישט קיינער, און אַז מען קריגט קאַרטאָפל, ריזיקירט מען און מען לויפט קויפן קאַרטאָפל. איז ווי קאָן מען דורכלאָזן אַזאַ שעת־הכושר, אַז מען קריגט קאַרטאָפל, בפרט אַז נאָך אין טשימקענט האָט מען געהאַט אָנגעזאָגט פון די ז. פּ.־קרייזן, אַז אין פּוילן איז אַ מוראַדיקער הונגער און ווער עס קאָן, זאָל זיך איינקויפן עסן. און אַז אַלע כאַפּן, זאָל דווקא איך דאָס נישט אויסנוצן? בפרט אַז אונדזער שפּייז־זאַפּאַס טאָגט שוין אויך. מילא, בקיצור, בין איך אויך אַראָפּ אין דערפל קויפן קאַרטאָפל, און גענומען לויפן מיט דער קניה צו דער באַן. אַז איך בין צוגעקומען אַ פּאָפּציק טריט פון דער באַן, האָט זי גערירט פונעם אָרט; הייב איך אָן צו לויפן אַלץ גיכער און, פאַרמאַטערט, ווי איך בין שוין געווען, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך לויף גאָר שטאַרק. אַלע אין וואַגאָן שרייען: גיכער! גיכער! גיכער! — און גיכער לויפט נאָר די באַן, נישט איך. איך וואָלט זיכער געווען געבליבן. אין דער מינוט אָבער איז איינער פון די פאָרער אַראָפּגעשפּרונגען פונעם וואַגאָן. האָט אַ כאַפּ געטאָן מיך מיט די קאַרטאָפל און אַריינגעוואָרפן אין וואַגאָן. ווען מיין רעטער אַליין האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער באַן, איז זי שוין געווען אין פולן גאַלאָפּ. איך דריק אויס מיין רעטער מיין האַרציקן דאַנק. איך ווייס נישט וואָס עס וואָלט געוואָרן פון מיר, בלייבנדיק אָן אַ גראָשן און דער עיקר, אָן מיינע דאָקומענטן; אָן זיי ווער איך פאַררעכנט אין רוסלאַנד פאַר אַ בראָדיאַגע, און דאָס איז אַ זיכערער בילעט אין אַ נייעם שקלאַפן־לאַגער.

איך האָב פריער דערמאָנט, ווי פּויערים אין די סאָוויעטישע דערפער האָבן געבעטן זאַלץ. פון אַלע סטאַציעס, ווו די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך געטראָגן אַ געבעט: זאַלץ! מען האָט אָנגעבאָטן 15 און 20 רובל פאַר אַ גלאָז זאַלץ. אויך זייף האָט מען געבעטן, אָבער נישט אין

אַזאַ מאָס ווי זאַלץ. און אָט זענען מיר אַריינגעפאָרן אויף איינער אַ סטאַנציע; איר נאָמען האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, נישט געוווּסט. און ווי איבערראַשט זענען מיר געוואָרן, ווען מיר האָבן דערזען, ווי אויפן גרויסן וואָקזאַל־הויף שטייען צענדליקער באַנען, איינע לעבן דער אַנדערער, מיט אַ ריזיקער צאָל באַלאַדענע פלאַטפאָרמעס, אָנגעפילטע אַלע מיט זאַלץ. טויזנטער טאָנען זאַלץ, כאַטש גיי און נעם אַ באַן מיט זאַלץ! עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ געלויף און אַ געכאַפּעריי פון זאַלץ. וויפל מען האָט געהאַט זעק, כלים און אַנדערע חפצים, האָט מען זיי אָנגעפילט מיט זאַלץ. למאי זאָל איך לייקענען: אויך מיר האָבן אָנגענומען אַ פּאָר קילאָ זאַלץ, און ווען מיר זענען אָנגעקומען אין פּוילן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיינמאָל נישט פריער און אויך שפּעטער נישט איז דאָרט געווען אַזאַ שפע. דאָס זענען געווען יענע האָניק־חדשים, ווען סאָוויעט־רוסלאַנד האָט געזוכט מיט אַלע מיטלען צו געפעלן די פּאָליאַקן.

און אַזוי פאָרנדיק מיט די איינגעזאַמלטע זאַלץ־זאַפּאַסן (וואָס זייערע פּרייזן וואָס ווייטער פון זאַלץ־גן־עדן, האָבן זיך גענומען ווידער העכערן), זענען מיר מיטאַמאָל אַריינגעפאָרן אין סאַראַטאָוו וואָס ליגט ביי דער וואָלגע. איך בין דאָ נישט אויסן צו באַשרייבן די שטאָט, איך האָב זי געזען צו ווייניק, כדי איך זאָל דאָס קאָנען. די געוואַלדיקע שיינקייט פון דער וואָלגע רעדט פאַר זיך אַליין. דאָ אין סאַראַטאָוו איז דאָך געבוירן געוואָרן וויקטאָר טשערנאָוו, איינע פון די הערלעכסטע רעוואָלוציאָנערע געשטאַלטן, און מיר באַקומען דרך־ארץ פאַר דער שטאָט. ווי לאַנג וועלן מיר דאָ פאַרברענגען? וואָלטן מיר דאָס געוווּסט, אַזוי וואָלטן מיר געגאַנגען באַקוקן די שטאָט וואָס האָט געהאַט דאָס גרויסע גליק נישט צו זיין אונטער דייטשער אָקופּאַציע. דערווייל באַמערקן מיר, אַז מענטשן וואָס פאָרן מיטן זעלבן עשאַלאָן ווי מיר, טראָגן זיך מיט פּעקלעך וועש און גייען שוין פון באַניע (מרחץ) אָדער אין באַניע. מען טראָגט אויך שטיקלעך מלבושים וואָס דאַרפן אין באָד באַקומען זייער „סאַניטאַרע רפואה", און מיר דערוויסן זיך, אַז דער עשאַלאָן וועט דאָ שטיין צוויי טעג, און אויפן אָרט באַשליסן מיר, זיך צו לאָזן פירן נאָך אַזוי פיל יאָרן אין באָד און געניסן פונעם גרויסן פאַרגעניגן פון אָפּוואַשן זיך מיט אַ גאַנצער שיסל וואַרעם וואַסער.

אויף מאָרגן האָבן מיר זיך מיט נאָך אַנדערע רעפּאַטריאַנטן אַוועקגעלאָזט אויפן טאָלטשאָק (באַזאַר) צו זען וואָס מען קאָן דאָ איינקויפן פאַר דער ווייטערדיקער נסיעה. דער טאָלטשאָק איז אַ ריזיקער פּלאַץ און די באַזאַרן אין וואַרשע האָבן באַין אופן זיך נישט געקאָנט פאַרגלייכן מיט אים. דאָ האָט עס געראַיעט מיט „סוחרים" וואָס האָבן געהאַנדלט מיט אַלץ; זיי האָבן געטראָגן די סחורה אין טאַש, אונטער דער

פאַלע און צומאָל אויך אין דער האַנט. צו מיר האָט זיך באַלד צוגעשאַרט אַ מאַטראָסן־אָפיציר, אַ ריזיקער פאַרשוין, מיט אַ „זיסער" שפּראַך אין מויל און מיט אַ פישל אין דער האַנט. ער לייגט מיר פאָר עס צו קויפן, און באַלד צעשפּילט זיך אין מיר מיין פאַנטאַזיע: שוין אַזוי פיל יאָרן, זינט איך האָב דאָס לעצטע מאָל אינעם ווילנער רעסטאָראַן ביי וועלפקען גע־געסן פיש! און מיט אַזאַ פישל וועלן מיר צום ערשטן מאָל נאָך אַזאַ לאַנגער צייט עסן אַ היימישן מיטאָג.

„וויפל קאָסט דער „וואַלפיש", חבר גענעראַל?" פרעג איך אים. „איך בין נישט קיין גענעראַל", ענטפערט ער מיט זיין באַריטאָן־שטימע, „איך בין נאָר אַ מאַיאָר." „ס'איז אַלץ איינס, אַ גענעראַל צי אַ מאַיאָר, אָבער אַ טאָוואַרישטש ביסטו דאָך קאָניעטשנאָ" (זיכער). דער טאָוואַ־רישטש אָפיציר זאָגט מיר דעם פרייז; „נו, און ביליקער וועט עס נישט זיין?" פרעג איך. „יע באָגו, כאַפּט ער זיך אָן ביים האַרץ־ברעטל, מען האָט מיר געוואָלט געבן טאָפּל אַזוי פיל, האָב איך נישט פאַרקויפט". „נו, לאַדנאָ", זאָג איך און באַצאָל אים און נעם זיך גיין מיטן פישל צום עשאַלאָן. ערשט, מיין טאָוואַרישטש מאַיאָר כאַפּט זיך, אַז אים דאַכט זיך, ער האָט געזאָגט צו ווייניק און ער האָט געהאַט אַ טעות. „אויב אַזוי, זאָג איך, גיב מיר צוריק מיין געלט און נעם דיר צוריק דיין פישל". ער אָבער האַלט מיך שוין ביי דער האַנט און וויל פשוט מיר אַרויסרייסן דאָס פישל. אָבער איך לאָז אים נישט. ווער ווייסט, וואָס פון דעם וואָלט געוואָרן, ווען עס קומט נישט אונטער אין דער מינוט אַן אַנדערער מיליטער־מאַן און שטעלט זיך אַריין צווישן אונדז ביידע און טוט צו מיר אַ זאָג אויף ייִדיש: „צי דיך פון דאַנען וואָס גיכער, איך וועל זיך שוין מיט אים ספראַווען!" מיר האָבן טאַקע דעם טאָג געהאַט אַ גוטן מיטאָג. אַרויסצוגיין אָבער, ביז דער עשאַלאָן איז אָפּגעפאָרן פון סאַראַטאָוו האָב איך שוין מורא געהאַט.

נאָך עטלעכע טעג פאָרן איז דער עשאַלאָן אָנגעקומען קיין קאָוועל, איינע פון די דריי שטעט (מיט דובנע און ראָוונע) וואָס האָבן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געבילדעט דעם אַזוי גערופענעם „פעס־טונגס־דרייעק", מיט אַ גרויסן ייִדישן ישוב און מיט אַ שיינער בונדי־שער אָרגאַניזאַציע. דאָ איז דאָך געווען דער ערשטער אַרעסט פונעם חבר וויקטאָר אַלטער דורך דער ג. ק. וו. ד. איצט איז דאָס אַ טויטע שטאָט. מיר זענען געגאַנגען זוכן ייִדן; פאַר די זעקס טעג וואָס דער עשאַלאָן איז דאָ געשטאַנען, האָבן מיר באַגעגנט בלויז איין ייִד, מיט שרעקלעך צעשראָקענע אויגן — דער איינציקער ייִדישער סימן. „צום באַדויערן וועט איר גאָרנישט געפינען, האָט דער ייִד געזאָגט, בלויז אַכצן ייִדן ווינען היינט אין קאָוועל, און נישט אַלע זענען קאָוולער".

אַזוי האָבן מיר געשמועסט אַ לענגערע צייט און טיף צעווייטיקטע האָבן מיר זיך געזעגנט. פון אַ שטאָט, ווו עס זענען פריער געווען אַכצן טויזנט ייִדן, איז היינט דער סך־הכל אַכצן לעבן־געבליבענע ייִדישע נפשות!

פון קאָוועל, וואָס האָט דעמאָלט זיך שוין גערעכנט ווי אַן אוק־ראַינישע שטאָט, איז דער עשאַלאָן געפאָרן קיין בריסק, וואָס האָט זיך ווידער גערעכנט ווי אַ ווייסרוסישע שטאָט. דאָ איז שוין געווען די גרע־נעץ צווישן רוסלאַנד און פוילן. די גרענעץ־מיליץ האָט שטרענג רעווי־דירט און צוגענומען יעדן סאָוויעטישן דאָקומענט, אפילו אַ באַשטעטי־קונג פון אַן אַרבעטספּלאַץ. און ווי נאָר די באַן איז אַריבערגעפאָרן אויף דער פּוילישער זייט, האָבן די פּוילישע מיליטערישע גרענעץ־וועכטער אַריינגעשריגן אין וואַגאָן: „ווישיסטקיך זשידוווו!" (אַלע ייִדן) און דער־ביי געפּירט מיט די הענט איבער דער ברייט פונעם האַלדז, אַ סימן אַז מען וועט אונדז אויסשעכטן. ווי אַן ערשטער קבלת־פּנים אין נייעם פּוילן איז דאָס געווען גענוג פאַר אונדזער געמיט. און אויף יעדער ווייטערדיקער סטאַציע ווו די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט מען אונדז באַגעגנט מיט נישט ווייניקער שנאה און רציחה. אויף אַ טייל סטאַציעס האָט מען געמוזט פאַרשליסן די טירן פון די וואַגאָנען, בדי פּוילישע כוליגאַנעס זאָלן צו אונדז זיך נישט אַריינרייסן, און אין די נעכט האָט מען נאָך געמוזט אָוועקשטעלן גאָר באַזונדער שטאַרקע וואַכן.

אין אַזאַ געמיט־צושטאַנד זענען מיר געפאָרן ביז צו דער שטאָט לאָדזש. דער עשאַלאָן האָט אונדז אייגנטלעך געדאַרפט פירן קיין נידער־שלעזיע און אַז די באַן איז אָנגעקומען אין לאָדזש און, ווי דער שטייגער, אויף זייטיקע וואָקזאַל־וועגן פון די היגטערשטאַטישע ווידזעווער טעקס־טיל־פאַבריקן, האָבן מיר דאָ דעצידירט נישט צו פאָרן אויף דער בלוט־טיקער דייטשער ערד און קעגן דעם ווילן פון די רעפּאַטריאַציע־אָרגאַנען זענען מיר אַראָפּגעשפּרונגען פונעם גייענדיקן צוג. און די ערשטע לאָד־זשער נאַכט האָבן מיר שוין גענעכטיקט אויפן הויף פון שוויענטעגאָ יאַקובאַ נומער 16, ווו ס'איז געווען אַן אמת ייִדישער עמק־הבכא פון די רעשטלעך ייִדן וואָס זענען געבליבן נאָכן חורבן.

# אויפן קבר פון ביניש מיכאלעוויטש

ס׳איז דאָס יאָר 1946. שוין מער ווי אַ יאָר זינט די מלחמה האָט זיך געענדיקט. מיט אַן ערך צוויי חדשים צוריק בין איך אַוועק פון סאָוויעט־רוסלאַנד און געקומען קיין לאָדזש, ווו ס׳איז דעמאָלט געווען דער צענטער פון דער שארית־הפליטה. דער ייִדישער חורבן איז געווען אַ טאָטאַלער. די איינציקע לעבן־געבליבענע, וואָס איך בין געווען איינער פון זיי, זענען אַרומגעגאַנגען און געזוכט און געגנישטערט: אפשר האָט זיך פאַרט אָפּגעראַטעוועט עמעצער פון זייער משפחה. ליידער האָבן זייער ווייניק פון די צוריקגעקומענע אָפּגעפונען עמעצן פון זיינע נאָענטע.

אין איינעם אַ יולי־טאָג האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין וואַרשע — וואָס איז איבער דרייסיק יאָר געווען מיין היים, ווו איך בין דערצויגן געוואָרן, אויסגעוואַקסן אַן אַרבעטער, אַ בונדיסט, אַ ייִדישער געזעלשאַפטלעכער טוער. וואַרשע, ווו איך האָב געקענט יעדע גאַס, יעדעס געסל, כ׳קאָן אפילו זאָגן אַז יעדער שטיין האָט מיך דאָ געקענט. און איצטער וואָס איז געוואָרן פון מיין היים?

ביי אַזאַ געמיט־צושטאַנד בין איך געפאָרן קיין וואַרשע. אפשר וועל איך זיך דאָ עפּעס דערוויסן וועגן אַ קרוב, אַ חבר, אַ פריינט. זעענען מיר דאָך געווען אין וואַרשע זעקס ברידער. אפשר איז מיר עמעצער פון זיי געבליבן?

איך האָב געטראָפן אין וואַרשע אַ מדבר און ווער רעדט שוין פון ייִדישן וואַרשע. איך האָב געוואַנדערט איבער אירע חורבות, איבערן אַש פון די נאָך טליִענדיקע הייזער. אָט בין איך אויפן אָרט ווו עס איז געווען מיין לעצטע דירה אויף גזשיבאָווסקע גאַס נומער 30, אין שכנות מיט דער ייִדישער קהילה. דאָ האָב איך געפונען בלויז די פאַרברענטע ווענט און דעם אַלטן פוילישן הויז־וועכטער, וועלכער האָט מיך תיכף דערקענט און מיר פאַרגעשלאָגן אַז איך זאָל רעמאָנטירן מיין געוועזענע וווינונג און כ׳זאָל זיך אין איר אַריינציִען, פאַר וואָס איך האָב אים געדאַנקט און געזאָגט: מוחל...

נישט וויית פון מיין וווינונג, אויף טשעפּלע גאַס נומער 26 האָט אַמאָל געוווינט מיין ברודער פּיניע מיט זיין פרוי, וואָס איז געווען אונדזער קוזינע. פון אָט דער גאַס זענען אפילו קיין פאַרברענטע ווענט נישט געבליבן. מיין ברודער פּיניע מיט זיין פרוי זענען אומגעקומען אין די געביטן וואָס זענען צום ערשט געוואָרן פאַרנומען פון די סאָוויעטן אין יאָר 1939 און שפּעטער פון די דייטשן.

גייענדיק צו פּזשעיאַזד האָב איך געמוזט אַדורכגיין די לעשנאָ גאַס,

וואָס ביז צו דער זשעלאַזנע האָט זי זיך געדעכנט פאַר אַ שיינער יִידישער גאַס. פון איר איז געבליבן גאַנץ בלויז די עוואַנגעלישע קירכע. אַ ביסל ווייטער איז געווען די טלאָמאַצקע גאַס. דאָ, נומער 13, איז דאָך געווען דער באַרימטער ליטעראַטן־פאַראיין, ווו איך פלעג אָפט קומען הערן פאָרלעזונגען און ליטעראַרישע אָוונטן.

דאָס הויז טלאָמאַצקע נומער 10 ראָג פשעיאַזד איז געהאַט געוואָרן אָפּגעקויפט דורך אַ יִידישן קאָמיטעט און אויף דעם אָרט האָט געזאָלט אויפגעשטעלט ווערן אַ יִידיש מאָדערן טעאַטער. ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט צום בויען האָט דער וואַרשעווער ענדעקישער מאַגיסטראַט פלוצלינג פאַרבאָטן אָנצוהייבן די אַרבעט מיטן תירוץ אַז זיי האָבן פאַר דער גאַס גאָר אַנדערע פּלענער. איצטער, ווען איך געפין זיך דאָ, גייט שוין דורכן פשעיאַזד אַ טראַמוויי, וועמענס ליניע דאַרף זיך אָנהייבן פון מאָקאָטאָווסקע דורך מאַרשאַלקאָווסקע, זאַקסישן גאָרטן, נאַלעווקי, ביז זשאַליבאָזש, הינטער וואַרשע.

אָט געפין איך זיך אויף פשעיאַזד ווו נומער 9 איז געווען דאָס אַזוי באַרימטע בונדישע „אַרבעטער־ווינקל", ווו יעדן טאָג, אָנהייבנדיק פון מיטאָג־צייט ביז שפּעט אין אָוונט האָט דאָ געווימלט מיט הונדער־טער אַרבעטער, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט דאָ געהאַט אַן אַנדערן ענין צו דערליידיקן. דער איינציקער סימן אַז דאָ איז אַמאָל געווען דאָס אַרבעטער־ווינקל איז דאָס אייזערנע פּאַרקנדל וואָס האָט אַרומגעצוימט אַ פּאָר ביימער פון דעם קליינעם סקווער. נישט ווייט פון דאַנען איז די נאָוואָליפּיע, ווו נומען 7 איז אַמאָל געווען די רעדאַקציע פון דער „פאָלקס־ציייטונג". דאָ האָב איך איצטער געטראָפן אַן אַמאָליקן חבר פון דער אַדמיניסטראַציע. ער האָט מיר פאָרגעלייגט אַז מיר זאָלן גיין אויפן גענ־שער בית־עולם. מיר זענען געגאַנגען מיט דער חרובער נאָוואָלפּקי גאַס און סמאָטשע, וואָס איז געווען אַמאָל אַ יִידישע גאַס און איצטער איז דער איינציקער סימן אַז דאָ איז אַמאָל געווען אַ גאַס די גאַנץ־געבליבענע קאַטוילישע קירכע.

קומענדיק אויפן גענשער בית־עולם האָבן מיר זיך געלאָזט באַזוכן די קברים פון באַקאַנטע בונדישע טוער און פּערזענלעכקייטן. צום ערשט זענען מיר אַוועק צום קבר פון יוסף יאַנקעלעוויטש, וועמענס גראַנדיעזע לוויה אין אַ זונטיק פון חודש יאַנואַר 1920 איך האָב געדענקט ווי אַן אַנטיילנעמער. פון דאַנען זענען מיר אַוועק צום קבר פון קלמן קאַ־מאַשנמאַכער, וועלכער איז געווען מיינער אַ גאָר נאָענטער און גוטער פריינט, וועמענס לוויה איז פאָרגעקומען אין אַ פרילינגס־טאָג פון יאָר 1926. זיין טויט האָט דעמאָלט, דערמאָן איך זיך, געמאַכט אַ שווערן

רושם. זיין קבר געפינט זיך אין נאָענטער שכנות מיטן קבר פון יוסף יאַנקעלעוויטש.

פון דאַנען זענען מיר אַוועק אויפן קבר פון יוסף לעשטשינסקי (כמורנער), וואָס איז נאָכן טויט פון בייניש מיכאַלעוויטש געוואָרן דער פאָרזיצער פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע (ציש"אָ) און איז געווען איינער פון די אָנערקענטסטע און באַליבטע פירער פון „בונד". אין יאָר 1935 איז יוסף כמורנער אין איינעם אַ זומער־טאָג אין אַטוואָצק אַוועק פון אונדז אויף אייביק. זיין קבר געפינט זיך בשכנות מיטן קבר פון בייניש מיכאַלעוויטש.

און אָט שטייען מיר ביים קבר פון בייניש מיכאַלעוויטש. מיר שטייען דאָ מיט צעבראָכענע הערצער. די אויגן אָנגעפילט מיט טרערן — מיר, צוויי ניצול־געוואָרענע יידן, צוויי בונדיסטן לעבן־געבליבענע נאָכן גרויסן חורבן. עס גייט פאַר מיר אויף דער דרייסיקסטער אָקטאָבער 1928 אין וואַרשע. מיר שטייען אויף דער ערן־וואַך ביים ארון פון בייניש מיכאַ־לעוויטש. מיטאַמאָל עפנט זיך שטיל די טיר און עס שלייכט זיך אַריין אַ הדרת־פּנימדיקער ייד מיט אַ ווייסער באָרד, אינגאַנצן איין שטיק צער, מיט אַ קליין יידיש היטעלע אויפן קאָפּ. ער זאָגט מיט אַ ציטערנ־דיק קול ווי צו זיך אַליין: איך בעט אייך, זאָגט דער ייד, מיך אויסצו־הערן. איך וויל זאָגן נאָך אים קדיש, אַ גאַנץ יאָר וועל איך קדיש זאָגן, דריי מאָל אַ טאָג, איך וועל אים אָפּהיטן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, וואָרעם ער איז אַ קדוש וואָס האָט זיך מקריב געווען פאַרן יידישן פאָלק, פאַר אונדז אַלע. לאָזט מיך זאָגן קדיש נאָך אים און אים אָפּגעבן כבוד.

*

טייערער בייניש מיכאַלעוויטש, מיר זענען געקומען דיר אָנזאָגן דעם טראַגישן אמת, אַז עס איז אומגעבראַכט געוואָרן דאָס פּוילישע יידנטום. פון די דריי הונדערט און פופציק טויזנט יידן, וואָס האָבן גע־לעבט אין וואַרשע, זענען געבליבן בלויז געציילטע. מיר זענען דיר מודיע וועגן אונדזער בראָך און אונדזער חורבן. פון די אַרום פופציק טויזנט וואַרשעווער יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן דיך באַ־גלייט צו דיין אייביקער רו, זענען מיר דאָ ביידע דיינע צוויי אַמאָליקע באַגלייטער. נישטאָ מער אין וואַרשע די, וואָס אויף דיין רוף זענען זיי גרייט געווען צו גיין אין קאַמף. נישטאָ מער די, וואָס האָבן אַריינגע־

שריבן אַזאַ הערצ'ש בלאַט אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, וואָס האָבן אויך העלדיש געקעמפט אין וואַרשעווער געטאָ.

אַזוי האָבן מיר מיט צעבראָכענע הערצער זיך געזעגנט מיט די טייערע קברים פון אונדזערע טוער, פירער און לערער, ווי אויך מיט די קברים פונעם פרץ־אוהל, ביי וועלכן מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, פאַרן אַרויסגיין פון בית־עולם. און אַזוי האָבן מיר זיך מיט זיי געזעגנט אויף שטענדיק.

# אינהאלט

## פון ווארשע ביז ווילנע


אין די ערשטע סעפּטעמבער־טעג פון 1939 אין ווארשע 9

אין נע־ונד 15

אויף די וועגן פון וואַנדער 22

איך פיר אַריבער דעם חבר וולאַדימיר קאַסאָווסקי קיין ווילנע 29


## אין ירושלים דליטא


צום ערשטן מאָל אין ווילנע 36

מיטן חבר י. י. טרונק אין ווילנע 45

אין הויז פונעם ווילנער לערער קאַטשערגינסקי 48


## מיט יידן אין ליטע


מיטן אָנקומען פון די ייִדישע פּליטים אין ווילקאָמיר 52

די באַציונגען צווישן ייִדן און נישט־ייִדן אין ליטע 59

דער מיליטערישער שטורעם אויף ליטע 66


## יידן אונטער סאָוועטישער ממשלה


מען נאַציאָנאַליזירט... 73

מען ליקווידירט ייִדישע אינסטיטוציעס 79

דער ערשטער מאַי 1941 אין סאָוועטיש־אָקופּירטן קאָוונע 93

די לעצטע פרייע טעג פון ייִדן אין ליטע 98

אויפן וועג צום לאַגער 108

פאַר די טויערן פון לאַגער 115

## אין רישאָטע: לאַגער-פּונקט נומער 7


דער גאַנדי פונעם לאַגער 121
דער לאַגער-שפּיטאָל און די דאָקטוירים-קאָמיסיע פון מאָסקווע 128
דאָס גליקלעכע לעבן פון אַ יוגנט 135
דער חבר וואָלאָדיע און די ישיבה-לייט 141
אַ נעילה אונטער אַ קאַנוואַי 151
איך האָב זיי דאָרט געפּעלט צום חשבון 155
אַ טייוולאָנישע שפּיל מיט אַ מוזיק-קאַפּעליע 162
אַ שטרייק פון פּוילישע בירגער אין לאַגער 167
דער דערמאָרדעטער חלום פון אַ יוגנט 172
טשאו-טשי... 179
צוריק פון לאַגער 184


## ביי די ברעגן פון קיזל-סו


אין די קאָלכאָזן פון סייראַם 195
אַ מעדעם-פייערונג אין קאַזאַכסטאַן 198
איך גיי איבער די הייזער 204
אַ זינגער-מאַשין אין קאַזאַכסטאַן 207
שורא און מאַרוסיאַ 211
מען רעדט וועגן מאָביליזאַציע פון פּוילישע בירגער 217


## אין געיעג נאָכן שטיקל ברויט


איך קלויב זיך אריבער קיין מאַנקענט 222
איך בין געוואָרן אַן אַרבעטס-אינוואַליד 228
אַן ערב-פּסח אין אַ קאַזאַכסטאַנער קאָלכאָז 232
אַ מלוכה-דאָקלאַד פון אַ סאָוויעטישן „פּראָפעסאָר“ 235
די אוזבעקישע שרה בת טובים 242
אַ קאַפּיטל אוזבעקיש-קאַזאַכיש שטייגער-לעבן 250

## ווידער ביים אלטן פּאַך

איך גיין צוריק קיין סייראַם 262
דער סעל־פּאַ עפּנט אַ שניידערייַ 266
די פּאַריתומטע פּידל 277
אין גאַנג פון יענע יאָרן 279
מיר שאַפן זיך אַן אייגענעם קאָלכאָז 291
אין אַ פּוילישן קינדער־הויז 297

## מאַראַנען

דערשטיקטע געפילן 307
אַ לעבעדיקער גרוס פון אַ טעריטאָריאַליסט 310
אַ דראַמאַטישע באַגעגעניש פון אַן אַקטריסע פונעם יידישן טעאַטער אין ביראָבידזשאַן 313
אַ טרויעריקע באַגעגעניש אין די בערג 317
די טאָכטער פון סטאַלינער רבין 322
יידן, יידיש און יידישקייט אין סאָוויעט־רוסלאַנד 328
די טאָג־טעגלעכע ווירקלעכקייט 332
חבר מרדכי־וואָלף (מאָטוּעי) בערנשטיין אין סאָוויעט־רוסלאַנד 337
צום אָנדענק פון אַ פרייהייטלעכן קעמפער 343

## אויפן וועג קיין פוילן

די רעפּאַטריאַציע פון רוסלאַנד 347
אויפן קבר פון ביינוש מיכאַלעוויטש 354

# באמערקטע פעלערן

| זייט | שורה | אַנשטאָט | דאַרף זיין |
|---|---|---|---|
| 2 | 13 | פאַרוואָרט „דרום אַפריקע״, דרוקט נאָך אָריגינעלע אַרבעטן. | |
| 15 | 1 | 7־טער | 6־טער סעפּטעמבער |
| 41 | 17 | זיין צער | זייער צער |
| 49 | 15 | 300 | 800 יאָר |
| 60 | 25 | אויפשטייען | אויפנייען |
| 63 | 27 | בעט | בעטן (אַ נדבה) |
| 88 | 35 | האָט איך | האָב איך |
| 93 | 13 | סטרעליאַק | סטרעלאָק |
| 112 | 31 | פאַרקאָטעוועט | פאַרקראָטעוועט |
| 124 | 10 | זאַקלוטשאַיאַ | זאַקלוטשאַניע |
| 126 | 1 | דעמאָלט | אויך דעמאָלט |
| 136 | 17 | ריטער | היטער |
| 146 | 17 | 31 | 13 פּראָצענט |
| 149 | 34 | ווייס איך נישט | ווו זיי זענען איצט ווייס איך ניש |
| 159 | 5 | טאָכמיטאָג | נאָכמיטאָג |
| 162 | 17 | צעגענומען | צוגענומען |
| 200 | 12 | אַן אייזערנער | אַן אייגענע קאָפּטשילקע ד״ה אַ פלעשעלע אַ קנייטל מיט אַ ביסעלע נאָפט |
| 204 | 15 | כאַזשאַלער | זאַפּאַראָזשע |
| 227 | 26 | באַגאַלאַוואָם אַטוויעטשיעש | גאַלאָוואָי אַטוויעטשאַיעש |
| 252 | 36, 37 | מיט פאַרשידענע קאָלירן און פּאַסן | פון פאַרשידענע קאָלירטע פּאַסן |
| 284 | 24 | געשטאַנען | געווען |
| 299 | 13 | לערעס | לערערס |
| 304 | 31 | אבן גוף | אבן־נגף |
| 308 | 33 | טאַשקענט | טשימקענט |
| 310 | 3 | אַזוי וואָלגערט ער זיך אַרום | אַזוי וואָגלט ער אַרום |
| 351 | 11 | נישט איז | איז נישט |